This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

12 1973

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

דעקאַבער

12

1973

אינהאַלט

זײַט

אלעקסאנדער פעטשערסקי. דער אופשטאנד אין סאָביבאָר (דאָקומענטאַלע דערציילונג) 3

צום 100־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן פּראָלעטארישן דיכטער. יויסעף באָװשאָװער. לידער. ש. אגורסקי. יויסעף באָװשאָװער און זײַן צײַט . 38

כאַים מעלאמוד. איקער שאָכאכטי (פיר דערציילונגען. סאָף) 42

כאָנע װײַנערמאן. לידער פון סטעפּ 80

בוזי מילער. לויטערקײַט (דערציילונג. סאָף) . . . 83

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. זאלמען קאַהאן. יִסראָעל צינבערג 95

כאַים מאלטינסקי. אינמיטן העלן טאָג (לידער) . 101

זיכרוינעס. ראָזע קאץ־ראבינאָװיטש. שטריכן צו שלוימע ראבינאָװיטשעס פּאָרטרעט; אוראן גוראלניק. נעכטן, הײַנט, מאָרגן (פּאָרזעצונג) . . . 104

יויסעף איצקאָװ. עס איז נאָך אלץ מײַן עמער פול (לידער) 128

מיר ענטפערן אף פראגעס פון אונדזערע לייענער. נ. ריכטער. װאָס האָט באװיזן דער 28־טער ציִעניסטישער קאָנגרעס 129

ליטעראטור־קריטיק. ביבליִאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. עטיודן װעגן קריטיק און קריטיקער 131

רעצענזיעס. ארן װערגעליס. פארװאָס די פײַל דערגרייכט ניט דעם ציל (װעגן דער בראָשור „ציִעניזם: טעאָריע און פּראקטיק") 144

ארן ראסקין. בא די קװאלן פון לעבן (װעגן ש. גאָרדאָנס שאפונג) 151

עליע פאלקאָװיטש. װעגן לאָשן 157

מ. דובינסקי. דער װעג פון א שפראכפאָרשער (צו מ. שאפּיראָס 75־יאָריקן יובילײ) 170

מאָטל טאלאלאיעװסקי. װי צו א לעבעדיקן פרײַנט (װעגן קינסטלער א. מאניעװיטש) 173

מ. איטקאָװיטש. פּאבלאָ נערודא — דער גרויסער דיכטער פון אונדזער צײַט 175

קאָמענטארן פון רעדאקציע 176

פארשיידנס 180

כראָניק 179, 183, 185

נאָטיצן אפן קאלענדאר 182

לאָמיר זינגען נײַע לידער. שװארצע אויגן. װערטער פון אװראָם גאָנטאר, מוזיק פון לייב בירנאָװ 184

מוישע שאפּיראָ. שמועסן װעגן יִדישער שפּראך . 186

אינהאלט פונעם זשורנאל „סאָװעטיש היימלאנד" פארן יאָר 1973 188

הויפּט־רעדאקטאָר

א. װערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעװ, כ. מאלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פריִ.

פאראנטװאָרטלעכער סעקרעטאר

י. שוסטער

אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי

דער אופשטאַנד אין סאָביבאָר

אין דעם, וואָס איך האָב ענדלעך זיך צוגעזעצט צום טיש אָנשרײַבן די דאָזיקע נאָטיצן, האָט עפּשער דעם גרעסטן קײַלעך די שילערן פון דעם 8־טן „ב״ קלאַס פון דער פּאַשינסקער מיטלשול (קיראָוואָגראַדער געגנט) טאַניע נעקראַסאָווא.

אין א בריוועלע צו מיר האָט די שילערן געשריבן:

טײַערער אַלעקסאַנדער אַראָנאָוויטש!

ס׳איז טאַקע אַן עמעס, אַז איר זײַט געווען אינעם טויט־לאַגער סאָביבאָר? האָט ניט קיין פאַריבל פאַר מײַן פראַגע. איך וויל אײַך ניט באַליידיקן. איך דאַרף אײַך זאָגן: עס גלייבט זיך קוים, אַז ס׳איז געווען אַזאַ מילכאָמע און עס זײַנען אומגעקומען מיליאָנען מענטשן״.

טאַניעס בריוו האָט מיך אופגערודערט, און איך האָב באַשלאָסן, אַז דער בעסטער ענטפער איר און אַלע די, וואָס פרעגן זיך אָן בא מיר וועגן די פּראָטים פונעם אופשטאַנד אינעם טויט־לאַגער סאָביבאָר, — וועלן זײַן די דאָזיקע מײַנע באַשיידענע נאָטיצן.

די ערשטע ניסיוינעס

אין א זוניקן אווגוסט־טאָג פון 1942 האָט מען אונדז — נײַן געפאַנגענע סאָוועטישע שלאַכטלײַט געבראַכט צו פירן קיין מינסק, אין דעם אַזויגערופענעם „וואַלד־לאַגער״. א באַוואָפנטער פּאָליצײַ, א הויכוווּקסיקער צעכראַסטעטער ווערגעלעץ, פירט אונדז פאַרבײַ לאַנגע הילצערנע באַראַקן, דורך דעם הויף מיט פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע געבײַען, שטעלט אונדז אָפּ לעבן א קעלער, וואָס איז, זעט אויס, ניט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן, און באַפעלט אונדז זיך אַראָפּלאָזן אַהין. איך צייל די טרעפּלעך — פיר און צוואַנציק. פאַרשטיי איך, אַז ס׳איז טיף אונטער דער ערד.

מיט א שיקער שמייכעלע טוט דער פּאָליצײַ א זאָג:

— דאָס איז בלויז דער פירהויז פונעם געהענעם. אין דעם עמעסן געהענעם וועט איר אַרײַנפאַלן א ביסל שפּעטער. קיין אַנדער וועג איז פון אָט דעם קעלער ניטאָ.

עס האָט זיך צעפּראַלט די טיר. אינײנעם מיט אונדז האָט זיך אין קעלער אַרײַנגעכאַפּט א ביסל באַטאָגיקע שײַן. מיר האָבן קוים באַוויזן צו דערזען אָף דעם ערדענעם דיל עטלעכע ברעטער און א באַנאַכטיקן עמער, וואָס איז געשטאַנען אין דעם לינקן ווינקל, ווי די טיר האָט האַסטיק זיך פאַרמאַכט. מיר האָבן דערהערט, ווי מע פאַרשליסט אונדז אָף א הענגשלאָס.

טעלעכע כעוורע האָבן זיך אונטערגעבעט די ברעטלעך, וואָס האָבן זיך דאָ געוואַלגערט, די איבעריקע האָבן מידע זיך א וואַלגער געטאָן אַף דעם קאַלטן, פּײַכטן דיל. ארום איז שטאָקפינצטער. דער קעלער איז א טיפער, אָן איין פענצטערל, אָן איין שפּארונקעלע.

מיט קורצע פּאַרזיכטיקע טריט, איך זאָל עמעצן ניט פאַרטשעפּען, דערקלײַב איך זיך צו א וואַנט און לאָז זיך אַראָפּ אַף דער ערד. איך צי אויס די מידע פיס, לייג אוועק די האַנט אונטערן קאָפּ און פּרוּוו אײַנשלאָפן.

אין קעלער הערשט א טויטע שטילקײַט. יעדערער איז פאַרטאָן אין זײַנע מאכשאָוועס. אײַנשלאָפן גיט זיך מיר ניט אײַן. די קאַלטע פײַכטקײַט עסט זיך אײַן אין די ביינער. רעכטס פון מיר האָט עמעצער זיך א ריר געטאָן. איך האָב דערהערט א טיפן זיפץ.

— וואָס וועט ווײַטער זײַן? — האָט שטיל געפרעגט מײַן שאָכן.

— האָסט דען ניט געהערט — „דער וועג אין געהענעם אַרײַן...״

— ווי־אַזוי הייסטו?

— סאשע.

— פונוואַנען ביסטו?

— פון ראָסטאָוו בין איך.

— און איך בין פון דאָנבאַס, — האָט א פאַרומערטער געענטפערט מײַן שאָכן.

— ווי־אַזוי רופט מען דיך?

— באָריס. באָריס ציבולסקי.

מיר זײַנען אנשוויגן געוואָרן. אין א ווײַלע ארום:

— ווייסטו וואָס, סאשע, לאָמיר בעסער שלאָפן. כאָטש אַף א רעגע פאַרגעסן אין די צאָרעס.

— איך האָב געפּרוווט, נאָר עס שלאָפט זיך ניט. עס עגבערן דעם מויעך פאַרשיידענע מאכשאָוועס.

— דו שטעל זיך פאָר, אַז דו פליסט צווישן וואָלקנס, — האָט געענטפערט באָריס, — דאָס שלעפערט אײַן.

באָריס האָט זיך אויסגעדרייט אַף דער אַנדערער זײַט, און אין עטלעכע מינוט ארום האָב איך דערהערט זײַן שטיל כראָפּען.

„א קרעפּטיקער באָכער״, — האָב איך א קלער געטאָן. איך האָב זיך באַמיט פאָרשטעלן, ווי זעט ער אויס, מײַן שאָכן, נאָר בעשום־אויפן ניט געקאָנט. אין קאָפּ האָט זיך אַלץ איבערגעפּלאָנטערט, און איך בין אײַנגעשלאָפן.

עס האָט מיך אופגעוועקט א באַקאַנטער ציגײַנערישער ראָמאַנס. עס האָט געזונגען וואַדים קאָזין:

«Серое хмурое утро, небо как будто в тумане...»

(א גרויער כמורנער פרימאָרגן, דער הימל — ווי אין א נעפּל פאַרהילט...)

דער ראָמאַנס איז, זעט אויס, שטאַרק געפעלן געווען די פּאָליצײַען, ווײַל זיי האָבן דעם גראַמאָפאָן־פּלאַט געדרייט אָן אופהער. סײַ דער זאָרגלאָזער צעצויגענער ניגן, סײַ די ווערטער פון דער ליד האָבן אין אונדזער מאַצעוו אויסגעזען מעשונעדיק און אומנאַטירלעך. ס׳האָט פּאַרקלעמט באַם האַרצן. פאַר די אויגן איז געשטאַנען די היימשטאָט, מײַן הויז, מײַן געזינד... אָבער אַלץ איז געווען אַזוי אומגעהײַער ווײַט און פאַרנעפּלט.

די האַנט האָט אינסטינקטיוו זיך א צי געטאָן צו דער קעשענע און א טאַפּ געטאָן דאָס פּעקעלע: צווישן צוויי שטיקלעך שטײַפן קאַרטאָן, אײַנגעוויקלטע עטלעכע מאָל מיט פּאַפּיר, איז געלעגן די פּאָטאָגראַפיע פון א גרופּע קינדער פונעם קינדערגאָרטן, צווישן זיי — מײַן אכטיאָריק טעכטערל עלאָטשקע מיט א ליאַלקע אין די הענט. די פּאָטאָגראַפיע האָב איך באַקומען פון דער היים שוין זײַענדיק אַפן פראָנט...

...אין אָנהייב אָקטיאַבער 1941 האָבן די דײַטשן דורכגעריסן אונדזער פראָנט אונטער וויאַזמע. דער 596־טער אַרטילערישער פּאָלק פון דער 19־טער אַרמיי האָט מיט פײַער זיך דורכגעשלאָגן א וועג פון דער אַרומרינגלונג. אין אײנער א שלאַכט איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן דער קאָמיסאַר פונעם פּאָלק מיכאַיל פּעטראָוויטש טישקאָוו. דער פּאָליטרוק פונעם פערטן דיוויזיאָן פיאָדאָר פּושקין מיט אכט שלאַכטלײַט, בעסיכעם איך, האָבן באַקומען א באַפעל אַרויסטראָגן דעם פאַרוווּנדעטן קאָמיסאַר פון דער אַרומרינגלונג.

עטלעכע מאָל האָט אונדזער גרופּע געפּרוווט מיט פײַער זיך דורכשלאָגן א וועג, נאָר אָן דערפאָלג. עס האָבן זיך באַ אונדז אויסגעלאָזט די קוילן. פון מינען־שפּליטערס זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן דער קאָמיסאַר טישקאָוו און א סאָלדאַט. מיר זײַנען אָפּגעטראָטן צו א

אלעקסאנדער פעטשערסקי

וואלד, אוועקטראַגנדיק מיט זיך די אומגעקומענע כאַ־ווירים. פאַרנאַכט האָבן מיר זיי געבראַכט צו קווורע אין א טראַנשיי. אויפן קייווער האָבן מיר אוועקגעלייגט צוויי סאָלדאַטישע קאַסקעס.

מיר האָבן נאָך עטלעכע מאָל אַנגעשטויסן זיך אויפן סוינע. זיך אָפּגעשלאָגן פון אים מיט דעם ביסל קוילן, וואָס מיר האָבן געפונען אין די אַקאָפּעס. כאָטש דער הונגער האָט אונדז שטאַרק געמאַטערט, זײַנען די דאָ־זיקע קוילן געווען פאַר אונדז טײַערער פון ברויט.

אָפּגעשוואַכטע, ניט האָבנדיק מיט וואָס צו שיסן, זײַנען מיר אַרײַנגעפאַלן אין דעם סוינעס א פאַרלאַ־קערונג און שוין ניט געקאָנט אַרויסרײַסן זיך. ס'האָט פּאַסירט דאָס שרעקלעכסטע — געפאַנגענשאַפט.

... שוין צען כאַדאָשים, ווי מע טרײַבט אונדז פון איין לאַגער אין דעם צווייטן. אָט איז דער סמאָלענ־סקער לאַגער. טאָגטעגלעך שטאַרבן דאָ הונדערטער מענטשן. מע גייט אויס בײַסן שלאָף, מע פאַלט שטייענדיק אין דער לאַנגער ריי נאָך דעם ביסל „באַ־לאַנדע" — א זופּ פון הרעטשקע־שאָלעכץ.

דערווײַל איז מיר געלונגען צו פאַרהיטן דאָס טײַערסטע, וואָס דערמאָנט אין דעם פרײַערדיקן לעבן — די פאָטאָגראַפיע מיט עלאַטשקען...

— באָריס, דו שלאָפסט? — פרעג איך בא ציבולסקין, וועלכער ליגט לעבן מיר אין קעלער.

— ניין.

— מע דאַרף וועגן עפּעס ריידן. זאָל יעדערער דערציילן עפּעס וועגן זיך. פאַרשיידענע פּאַסירונגען. זאָל זײַן, אַנעקדאָטן.

איך הער, ווי באָריס רופט זיך אָן:

— כעוורע, וואָס האָט איר אַראָפּגעלאָזט די נעזער? דער הימל איז ניט בא דער ערד. ס'זאָל אזוי לאַנגווײַליק זיך ניט ציִען די צײַט, זאָל יעדערער עפּעס דערציילן, וואָס ער וויל; אויב עמעצער וועט אפילע נעמען האַקן א טשײַניק, איז אויך ניט געפערלעך, סײַווי וועט מען אים אין דער פינצטער ניט זען...

— לאָז אונדז צורו, — האָט עמעצער אָפּגעענטפערט מיט א מאַרעשכוירעדיקער שטים. — ס'איז אזוי אויך ביטער אויפן האַרצן, קריכסטו נאָך מיט דײַנע רייד. עס קאָן שוין געמאָלט זײַן, — האָט זיך אַלץ ניט באַרויקט דער באַכער, — ס'זאָל זיך באַלד אָן עפן טאָן די טיר און מ'זאָל אונדז אַלעמען שטעלן צום ווענטל...

— ניין, ברודערקע, דו קלער ניט וועגן דעם, — מיש איך זיך אַרײַן, — אָט נעם מיך, אַשטייגער... — און איך נעם דערציילן, וויאַזוי איך בין איינמאָל שיר ניט דערטרונקען געוואָרן, און וויאַזוי א צוויט מאָל האָט געפעלט א רעגע, איך זאָל פאַרברענט ווערן בײַס א סרייפע, געפאַלן אנומלטן פון דריטן שטאָק, און, ווי איר זעט, בין איך געבליבן לעבן. ס'איז געוואָרן א ביסל לעבעדיקער. ס'זײַנען אוועק פאַרשיידענע מײַסעס און פּאַסירונ־גען. עס האָבן אויך ניט אויסגעפעלט קיין געפעפערטע אַנעקדאָטן.

מ'האָט אונדז קימאַט ניט געשפּײַזט. בלויז איין מאָל אין טאָג פלעגט מען אונדז אַרײַנ־טראָגן די רעשטן פון דער באַלאַנדע.

אזוי זײַנען אַדורך עטלעכע טעג. מ'האָט שוין קימאַט וועגן אַלץ אויסדערציילט, און מיר — איך און באָריס — האָבן שטאַרק זיך געשראָקן פאַר דער שאָ, ווען מע וועט שוין ניט האָבן וועגן וואָס צו דערציילן.

אויפן נײַנטן טאָג האָבן מיר דערהערט, ווי עמעצער שפּאַנט אָף די טרעפּ. פאַר דער באַלאַנדע איז נאָך צו פרי. זאָל דאָס זײַן אונדזער סאָף? עפּשער האָבן די פאַשיסטן בעקיוון פאַרן צעשיסן אונדז אָפּגעהאַלטן עטלעכע טעג אין דעם פינצטערן קעלער, קעדיי מיר זאָלן צו אַלץ ווערן גלײַכגילטיק, אפילע צום לעבן?

פּאַמעלעך עפנט זיך די טיר, און מיר דערזעען פאַר זיך דעם „אַלטן באַקאַנטן" — דעם פּאָליצײַ, וועלכער האָט אונדז צוגעזאָגט דעם געהענעם.

— אַנו, רירט זיך, אָבער גיכער, גיכער! — האָט דער ווערגעלעץ זיך צעשריִען.

אַן אַ־לעניש הייבט מען זיך אוף פון דער ערד. אייניקע זײַנען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זיי קאָנען זיך ניט שטעלן אַף די פיס. און דער פּאָליצײַ יאָגט אַלץ אונטער.

ציבולסקי גייט צו צו איינעם, וואָס קאָן זיך ניט אופהייבן, און העלפט אים מיט. מיר לאָזן זיך צו דער טיר. ווי הונדערט פוד זאָלן הענגען אַף די פיס. קוים וואָס איך הייב זיך אוף אַף די טרעפּ.

מיר הערן, ווי פון אויבן זידלט מען זיך אַף דײַטש: „שנעל, שנעל, פאַרפליוכטע שווײַן״.

דער פּאָליצײַ האָט ווי אַ שלאַנג אַ זשיפּע געטאָן:

— ס׳האָט אײַך אָפּגעגליקט. אין געהענעם וועט איר נאָך אַרײַנפאַלן. צוערשט וועט איר אַ האָרעווע טאָן לעטויוועס דעם רײַך. איז רירט זיך שנעלער, מײַסע ברײַעס! איך האָב ניט קיין צײַט צו וואָדזשגען זיך מיט אײַך.

דער פּאָליצײַ האָט געלאָזט אין גאַנג דעם שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

נאָך דעם פינצטערן קעלער איז באַ דער בלענדנדיקער שײַן פון דער זון שווער געווען צו עפענען די אויגן. איך האָב אַף אַ ווײַלע, ניט מער, צוגעמאַכט די אויגן און, קעדיי ניט אומפאַלן, זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. און טייקעף האָט דער פּאָליצײַ מיר אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן איבערן קאָפּ. כ׳האָב דערפילט אַ שרעקלעכן ווייטעק. באַריס האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט און אַוועקגעפירט מיט זיך.

אָפּגעגאַנגען אַ פאַר צענדליק מעטער, האָבן מיר דערזען אַ לאַסטמאַשין, לעבן איר זײַנען געשטאַנען צוויי דײַטשישע אָפיצערן, וועלכע האָבן פריילעך וועגן עפּעס געטײַנעט, און עטלעכע באַוואָפנטע וולאַסאָווצעס.

— עס האַלט נאָך ניט, הייסט עס, באַם צעשיסן אונדז, — רוים איך אײַן באַריסן. — האָסט געהערט, וואָס דער פּאָליצײַ האָט געבעבעט? מיסטאָמע וועט מען אונדז אָפּפירן אין אַן אַרבעט־לאַגער. אויב מ׳וועט אונדז טאַקע פירן מיט אָט דער מאַשין, וועט עפשער זיך אײַנגעבן אין וועג אַנפאַלן אַף דער וואַך און מאַכן די פלייטע.

— ניין, סאַשע. איצט טאָר מען ניט. מיר זײַנען אָפּגעשוואַכט און וועלן ווײַט ניט אַנטלויפן.

די וולאַסאָווצעס טרײַבן אונדז אונטער מיט די ביקסן צו דער לאַסטמאַשין. מיר העלפן איינער דעם אַנדערן אַרײַנקריכן אין דעם קאַסטן פון דער מאַשין און זעצן זיך אויס אַפן דיל באַ דעם זײַטיקן ווענטל.

עטלעכע קילאָמעטער פאָרן מיר מיט דעם שאָסיי־וועג. און אָט איז שוין די פאָרשטאָט פון מינסק. נאָך עטלעכע מינוט, און מיר דערנענטערן זיך צום צענטער פון דער שטאָט.

די שטאָט איז אינגאַנצן כאַרעוו. שווערע בלײַענע וואָלקנס הענגען איבער די דורכויסיקע רויִנעס. צווישן די אָפּגעברענטע הײַזער בלאָנקען אַרום אײַנגעהויקערטע מענטשן. זיי זוכן עפּעס צווישן די בּרוכשטיקער. ס׳האָט פאַרקלעמט באַם האַרצן.

ערשט איצט קוק איך זיך גוט צו צו באַריסן. אַ הויכוווקסיקער. גראָבלעכע געזיכט־שטריכן. פון דעם, וואָס ער האָט דערציילט אין קעלער, ווייס איך שוין, אַז ער איז אַ שטיקל צײַט געווען אַ פאָרמאַן, אַ קאַצעוו, דערנאָך געוואָרן אַ קוילנגרעבער. ער איז ווײַט פון אַריסטאָקראַטישע מאַנירן, נאָר אין זײַן אַ ביסל געקינצלטער גראָבקײַט איז פאַראַן אַ סאַך נעשאָמע־וואַרעמקײַט. גיכער פון אַלץ איז דאָס געווען בעקיוונדיקע ווויליונגערישקײַט, קעדיי ניט געבן עמעצן קיין גרונט אויסצוטײַטשן זײַן שטענדיקע גרייטקײַט אַרויסצוהעלפן אַ כאַווער, ווי אַ ראַכמאָנעס־געפיל.

די מאַשין האָט פאַרקערעוועט אַף אַ גאַס, וואָס האָט געהייסן שיראָקאַיאַ, און איז אײַנגיכן צוגעפאָרן צו אַ טויער, אַף וועלכן ס׳איז געהאַנגען אַ שילד: „אַרבײַטסלאַגער״.

דער מינסקער „וואַלד־לאַגער״

די מאַשין איז אַרײַנגעפאָרן אינעם לאַגער־הויף און זיך אָפּגעשטעלט באַ דעם ערשטן שטיבל, ניט ווײַט פון דעם טויער. דאָ איז געווען די קאַנצעליאַריע פונעם לאַגער.

באַ אַ טישל פון יענער זײַט שירמע איז געזעסן אַ יונגע שיינע פרוי. ווען איינער פון אונדז האָט אַף איר פראַגע וועגן זײַן פּראָפעסיע געענטפערט, אַז ער איז אַ טראַנספּאָרט־אינזשעניער, האָט די פרוי אופמערקזאַם אַ קוק געטאָן אַף אים, געוואָרפן אַ בליק אַף דער זײַטיקער טיר און שטיל געזאָגט:

— פאַרשרײַבט זיך בעסער אַלס שוואַרצאַרבעטער.

דער אינזשעניער האָט שווײַגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ.

איך האָב זיך פֿאַרשריבן אַלס אַ סטאָליער, כאָטש מיט סטאָליעריי האָב איך קיינמאָל זיך ניט באַשעפֿטיקט. די איבעריקע האָבן געזאָגט, אַז זיי זײַנען שוואַרצאַרבעטער.

אָפּגעפֿאַרטיקט זיך מיט דער רעגיסטראַציע, האָט די פֿרוי אַרויסגערופֿן דעם קאַפּאָ[1] און געהייסן אונדז אָפּפֿירן אין די באַראַקעס.

איך וועל אַ ביסל פֿאַרלויפֿן פֿאָרויס און דערציילן, וואָס מיר האָבן שפּעטער זיך דער־וווּסט וועגן דער „רעגיסטראַטאָרשע" סאָפֿיאַ קורליאַנדסקאַיאַ און דעם קאַפּאָ בליאַטמאַן.

ווען די היטלעריסטן האָבן אין סענטיאַבער 1941 געשאַפֿן דעם לאַגער, איז זיי שטאַרק נייטיק געווען אַ מענטש, וואָס קען אי רוסיש, אי דײַטש און וואָס קאָן דרוקן אויף אַ שרײַב־מאַשינקע.

דער אונטערערדישער קאָמיטעט אין דער מינסקער געטאָ האָט באַשלאָסן צו שיקן אויף דער דאָזיקער אַרבעט סאָפֿיאַ קורליאַנדסקאַיאַ. דערמיט האָט די אונטערערדישע געטאָ־אָרגאַ־ניזאַציע געקראָגן אַ גלענצנדיקע מעגלעכקייט צו זײַן שטענדיק אינפֿאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין לאַגער.

סאָפֿיאַ קורליאַנדסקאַיאַ נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן די פֿלייטע פֿון די קאַצעטניקעס. אין האַרבסט 1942 האָט זי לויטן אויפֿטראָג פֿונעם אונטערערדישן קאָמיטעט און פֿון דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אויף פּרונזעס נאָמען, וועלכער האָט אָפּערירט אין באַשטאַנד פֿון דער באַראַנאָוויטשער פּאַרטיזאַנישער אייניקייט, באַזאָרגט מיט די נייטיקע דאָקומענטן און מיטגעהאָלפֿן אַריבערצוגיין צו די פּאַרטיזאַנער צוויי גרופּעס קאַצעטניקעס. אין סאָף דעקאַבער דעם זעלבן יאָר האָט סאָפֿיאַ קורליאַנדסקאַיאַ שוין אינאיינעם מיט דעם קאַפּאָ בליאַטמאַנען, וועלכער איז צו יענער צײַט אויך אַרײַנגעשיקט געוואָרן אין לאַגער מיט גע־ווּיסע שליכעס פֿונעם אונטערערד, אָרגאַניזירט די פֿלייטע פֿון דעם קאָמוניסט גאָלאַנד, וועלכער איז אויפֿגעהאַלטן געוואָרן אין דער טויט־קאַמערע. מ'האָט אים אַריבערגעפֿעקלט אין דעם דערמאָנטן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. אין די לאַגער־צעטלען איז געווען אָפּגעמערקט, אַז גאָלאַנד איז געשטאָרבן.

אין לאַגער איז געווען איינער אַ קאַסטעליאַנץ, וועלכער האָט נויטסעכיין געווען בײַ דעם לאַגער־שעף דעם עסעסאָווצע ליאַקקע, — דער זעלבער ליאַקקע, וועלכער האָט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער ערשטער אַקציע פֿון דער מאַסן־פֿאַרניכטונג אין מינסקער געטאָ דעם 7 נאָיאַבער 1941.

אָט דער קאַסטעליאַנץ פֿלעגט אָפֿט, אין אַ שטרענגער וואַך, אַרויספֿאָרן פֿונעם לאַגער מיט אַ גרופּע קאַצעטניקעס אין די אַרומיקע דערפֿער פֿאַרגרייטן שפּײַז־פּראָדוקטן.

סאָפֿיאַ קורליאַנדסקאַיאַ האָט באַשלאָסן זיך צו באַנוצן אויך מיט דער דאָזיקער געלעגנ־הייט. מיט קאַסטעליאַנצס הילף האָט מען אַרויסגעפֿירט פֿון לאַגער ניט וויניק קריגסגעפֿאַנ־גענע. און אינגיכן האָט קאַסטעליאַנץ גופֿא געמאַכט די פֿלייטע, זיך דערקליבן צו דער פּאַר־טיזאַנישער בריגאַדע אויף טשקאַלאָווס נאָמען. ס'איז באַוווּסט, אַז קאַסטעליאַנץ איז העלדיש אומגעקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די פֿאַשיסטישע אָקופּאַנטן.

מיט דער הילף פֿון דער זיבעצניאַריקער פּאַרטיזאַנישער פֿאַרבינדלערין טאַניע בויקאָ (איר אומלעגאַלער נאָמען איז געווען נאַטאַשאַ) איז סאָפֿיאַ קורליאַנדסקען געלונגען פֿאַר־ווירקלעכן די פֿלייטע פֿון ס. ג. גאַנזענקאָ. ער איז געוואָרן דער קאָמאַנדיר פֿונעם פּאַרטיזאַ־נישן אָטריאַד אויף בודיאָניס נאָמען, און שפּעטער, ווען דער דאָזיקער אָטריאַד איז אויסגע־וואַקסן אין אַ פּאַרטיזאַנישער בריגאַדע „25 יאָר סאָוועטיש ווײַסרוסלאַנד", איז גאַנזענקאָ געוואָרן איר קאָמאַנדיר.

פֿון דער קאַנצעליאַריע האָט דער קאַפּאָ אונדז אוועקגעפֿירט אין באָד. גייענדיק בײַ דער זײַט, האָט ער אונדז פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, פֿונוואַנען מ'האָט אונדז אַהער געבראַכט, ווו און ווען יעדערער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דעמלט זיך געהיט אַרויסצוכאַפּן זיך פֿאַר אים מיט אַן איבעריק וואָרט.

און אָט זײַנען מיר לעבן אַ גרויסן באַראַק. אינוועייניק איז ער צעטיילט אָפּצווייען. אין דער גאַנצער לענג ציען זיך אין צוויי יאַרוסן פּיר רייען נאַרעס.

ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען אין דעם באַראַק, האָט דער קאַפּאָ אַ רוף געטאָן דעם עלטסטן פֿון איינעם פֿון די אָפּטיילונגען און געזאָגט צו אים:

---

[1] לאַגער־אויפֿזעער.

— באַמקע, אָט דעם־אָ, — ער האָט באַוויזן אַף מיר, — לייג אוועק לעבן זיך.

די איבעריקע האָט ער געהייסן פאַרנעמען די פרײַע פּלעצער. די פאַראַרדענונג פונעם קאַפּאָ האָט מיך, נאַטירלעך, פאַרכידעשט. צוליב וואָס האָט ער עס באַפוילן מיך אוועקלייגן באַנאַנד מיטן עלטסטן? עפשער קעדיי יענער זאָל נאָכקוקן נאָך מיר? ניין, עס זעט ניט אויס. ער האָט דערוויַיל ניט געהאַט דערצו קיין סיבע. און דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן די פאַראַרדענונג, איז אויך געווען אַ גוטמוטיקער.

באַמקע, זײַן עמעסער נאָמען איז געווען בעניע, האָט מיך צוגעפירט צו דער נאַרע, מיר געגעבן אַ ביסל פון זײַן שטרוי, מעכאַבעד געווען מיט אַ שטיקל ברויט און מיט דעם רעשט פון דער באַלאַנדע. אַלץ האָט אויסגעזען אַ ביסל מאָדנע און ניט פאַרשטענדלעך.

די קאַצעטניקעס שיקט מען פּאַרטיעסוויַיז אַף פאַרשיידענע אַרבעטן — אויסלאָדן און צעהאַקן געהילץ, גראָבן טראַנשייעס און אַנדערע שווערע אַרבעטן. אין לאַגער זײַנען געווען עטלעכע וואַרשטאַטן — אַ שנײַדערישער, אַ שוסטערישער און אַ סטאָליאַרנע אַף צו באַדינען די לאַגער־נאַטשאַלסטווע.

פון דער אַרבעט קערט מען זיך אום שפּעט אָפּדערנאַכט, אָנגעהאָרעוועטע און אײַנגאַנצן אויסגעשעפּטע. פאַרן גיין שלאָפן שטעלט מען זיך אויס אין עטלעכע לאַנגע רייען, אַזוי אַז אײַנער זאָל אויסקומען פּינקטלעך אַנטקעגן דעם נאַקן פונעם צווייטן, אַף צו באַקומען די צוויי הונדערט גראַם ברויט.

עס טרעפט ניט זעלטן: מיט אַ וווּליוגאַריש גענגעלע דערנעענטערט זיך צו די רייען דער געהילף פון דעם לאַגער־שעף גאַראַדעצקי — אַ געוועזענער ווײַסגוואַרדייַישער אָפיצער, וואָס ווייסט שוין אַליין ניט, וויאַזוי נאָך זיך נויקעם צו זײַן אין די אומגליקלעכע. ער כאַפּט אַ קוק אַף דער ריי, לויט אים איז דאָס מענטשן־שנירעלע ניט גענוג גראַד. גייט ער צו צו דעם פאַדערשטן אין דער ריי, לייגט אַרויף אַף זײַן אַקסל די האַנט מיטן פּיסטאָליעט און שיסט אויס לענגויס דער שערענגע. די קויל טרעפט דעם, וועמ עס האָט ערגעץ אין עק אָדער אין דער מיט פון דער קאָלאָנע זיך עטוואָס אָפּגענייגט פון דעם שאַכנס נאַקן. אָט אַזוי פּלעגט דער סאַדיסט „אויסגלײַכן” די שערענגע.

דערשיטערטע גייט מען זיך פאַנאַנדער אין די באַראַקן. ווען מע קומט אַ ביסל צו־זיך פון דעם שוידער, וואָס מ׳האָט איבערגעלעבט, פאַרפירט מען צווישן זיך אַ שטילן געשפּרעך.

די, וואָס זײַנען אין לאַגער שוין אַ היפּשע צײַט, פרעגן זיך נאָך באַ די אָקאָרשט אָנגע־קומענע, וואָס הערט זיך אָפּן פראָנט. יעדער פון אונדז דערציילט, וואָס אים איז באַוווּסט. איך פאַרגעס זיך אַף אַ ווײַלע און נעם מיט היספּײַלעס דערציילן וועגן דער מאַפּאָלע פון די פאַשיסטן הינטער מאָסקווע. וועגן דעם האָט גלײַך זיך דערוווּסט דער קאַפּאָ.

ווען איך האָב זיך אוועקגעלייגט אַף מײַן נאַרע, האָט באַמקע מיר געזאָגט, אַז דער הער בליאַטמאַן האָט געהייסן, איך זאָל עטלעכע טעג ניט גיין אַף דער אַרבעט.

— אינדערפרי, — האָט באַמקע זיך אָנגערופן צו מיר, — וועסטו נעמען דעם בעזעם און וועסט אויפראַמען אין באַראַק.

איז מיר צוגעקומען נאָך איין רעטעניש...

דאָס ניט גיין אַף דער אַרבעט איז מיר גראַדע געווען ניט צום האַרצן. עס האָט געעגבערט דער געדאַנק וועגן אַנטלויפן, און וועגן דעם האָט מען געקאָנט קלערן בלויז, אַרויסגייענדיק פון דעם לאַגער אַף אַרבעט.

— באַמקע, הער זיך צו, — האָב איך זיך צו אים געווענדט, — איך פיל זיך ניט שלעכט. עפשער זאָל איך שוין גיין אַף דער אַרבעט? רעד זיך דורך מיט בליאַטמאַנען.

אָפּדערנאַכט האָט באַמקע מיר מיטגעטיילט, אַז מאָרגן וועל איך קאָנען גיין אַף דער אַרבעט.

— דערווײַל וועסטו אַרבעטן אַף דער דאַטשע פון די עסעסאָווצעס, — האָט פאַרגעזעצט באַמקע, — דאָס איז הינטער דער שטאָט. מע וועט אײַך אָפּפירן אַהין אַף אַ לאַסטמאַשין.

און ווען באַמקע האָט טייקעף נאָך דעם אַ זאָג געטאָן: — „בליאַטמאַן האָט געהייסן דיך וואָרענען, זאָלסט זיך דערווײַל אַרויסשלאָגן פונעם קאָפּ דעם געדאַנק וועגן אַנטלויפן. אַף דער דאַטשע האַלט מען אויף אַ טשאַטשע הינט, זיי וועלן גלײַך פאַלן אַף דײַן שפּור. בליאַטמאַן וועט שפּעטער אַ שמועס טאָן מיט דיר”, — ווען איך האָב אויסגעהערט די דאָזיקע באַמקעס רייד, זײַנען אַלע רעטענישן געוואָרן פאַר מיר אויס רעטענישן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער קאַפּאָ געהאַט מיט מיר אַן אָפּנהאַרציקן געשפּרעך. פאַר מיר איז געוואָרן לאַכלוטן קלאָר: דער „אופזעער” בליאַטמאַן איז אַן אַקטיווער אָנטייל־נעמער פון דעם אַנטיפאַשיסטישן אונטערערד.

בייס אַט דעם שמועס האָט בליאַטמאַן מיך נאָכאַמאָל געוואָרנט:
— דערוויַיל טראַכט ניט וועגן אַנטלויפן. ס׳איז ניט אַזוי פּאַשעט, ווי איר קאָנט מיינען. אַזאַ זאַך דאַרף מען צוגרייטן, ס׳זאָל דורכגיין אומבאַמערקט. מע דאַרף דעם מענטשן פריִער אויסמעקן פון די לעבעדיקע און פאַרשרײַבן צווישן די געשטאָרבענע. האָט געדולד. ס׳וועט קומען אויך איַיער שאָ.
קעדיי ענדגילטיק זיך איבערצײַגן, אַז איך בין זיך ניט טויע, טו איך אַ זאָג:
— הער בליאַטמאַן, און פונוואַנען האָט איר עס געגומען, אַז איך קלײַב זיך ביכלאַל מאַכן די פּליטע?
— וואָס פאַר אַ „הער” בין איך דיר, צום טײַוול! — ער האָט מיך דורכגעשטאָכן מיט אַ בייזן בליק. — פונוואַנען איך נעם דאָס? מע זעט דען ניט, אַז דײַן געהאַרכזאַמקײַט איז אַ געמאַכטע? — און שוין אַ ביסל ווייכער צוגעגעבן: — איך אייצע דיר זײַן געהיט מיטן וואָרט. דאָס הייסט ניט, אַז מע דאַרף זיך אָפּזונדערן פונעם אוילעם. נאָר צוזויפנעמען אַרום זיך די מענטשן און האַלטן פאַר זיי רעדעס טאָר מען ניט. פאַרשיידענע מענטשן זײַנען דאָ אויף דער וועלט. דערפּילסטו צוטרוי צו אַ כאַוער — רוף אים אַרויס אויף אַן אָפנהאַרציקן געשפּרעך, און ערשט דעמלט ריזיקיר. די דאָזיקע פאַרזיכטיקײַט איז נייטיק ניט אַזויפיל צוליב זיך גופע, ווי צוליב דער זאַך, וועלכע דו טוסט.
„איז אַט וואָס פאַר אַ מענטש דו ביסט”, — האָב איך מיט אָפּשײַ צו אים אַ קלער געטאָן.
— יאָ, וואָס האָב איך דיר נאָך געוואָלט זאָגן, — האָט פאַרגעזעצט בליאַטמאַן. — אין עטלעכע טעג אַרום וועסטו אַריבערגיין אויף נאַכטלעגער אין דעם סטאַליער־וואַרשטאַט. ווי ווײַט מעגלעך מײַד אויס באַגעגענישן מיט גאַראַדעצקין. און אויב ער וועט דיך פרעגן — זאָג, אַז דאָס האָב איך דיך אַהער אַריבערגעפירט. אין דער אַרבעט וועט דיר מיטהעלפן לייטמאַן — אַ פּוילישער קאָמוניסט. בייס פּילסודסקיס מעמשאָלע איז ער אָפּגעזעסן אין טורמע אַ היפּש ביסל יאָרן... ער נעכטיקט אויך אין וואַרשטאַט. ווען דו וועסט מיר נייטיק זײַן, וועל איך דיך אָפּזוכן.
באַנאַכט האָב איך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אופגעשטעלט אין זיקאָרן די פּראַטים פון אונדזער שמועס. איך בין געוווען אַנציקט פון דעם, ווי פאַרזיכטיק און אין דער זעלבער צײַט דרייסט און אַנטשלאָסן דער דאָזיקער מענטש טוט זײַן געפערלעכע זאַך.
עס זײַנען אַדורך עטלעכע טעג, נאָר מ׳האָט מיך אין סטאַליער־וואַרשטאַט ניט אַריבערגעפירט. איך האָב פאַרשטאַנען: מיסטאַם האָט בליאַטמאַן געהאַט וויכטיקע סיבעס, וואָס האָבן געשטערט דאָס צו טאָן, האָב איך פאַרגעזעצט אַרבעטן אויף דער דאַטשע פון די עסעסלײַט.
באַנאַכט האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלטער ווינט, און צו פאַרטאָג־צו האָט אַ גאָס געטאָן אַ שלאַקסרעגן. מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פונעם באַראַק, זיך אוועקגעשטעלט אין אַ זײַט, וואַרטנדיק אויף דער לאַסטמאַשין, וואָס מ׳האָט צוגעזאָגט. אין פּופּצן — צוואַנציק מינוט אַרום איז געקומען דער קאָנוואָי און אוועקגעפירט אונדז צופוס. דער רעגן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ער האָט געשמיסן אַט אין רוקן, אַט אין פּאַנעם אַרײַן. מיר זײַנען דורכגעווייקט געוואָרן.
געקומען אויפן אָרט, האָט מען אונדז ניט געלאָזט אַפילע אויף אַ רעגע זיך אָפּרוען, געצוווּנגען אונטער דעם גוסרעגן טייקעף צוטרעטן צו דער אַרבעט.
מיר האָבן באַדאַרפט אַרומצוימען די דאַטשע מיט אַ פּלויט פון בערוועגעס, פיר מעטער די הייך, און באַ די ווינקלען אויסבויען שוץ־בונקערס. עטלעכע מאָל אין פאַרלויף פונעם טאָג איז צו אונדז אַרויסגעקומען דער אָפּיצער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. עס זײַנען אים נאָכגעגאַנגען צוויי ריזיקע וואָלף־הינט. איך האָב זיך דערמאָנט אין בליאַטמאַנס וואָרענונג.
אין עטלעכע טעג אַרום האָט בליאַטמאַן מיך אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער קאָמאַנדע, וועלכע האָט געאַרבעט אין אַן אָפּיצערישן לאַזאַרעט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מאַקסים גאָרקי־גאַס.
דעם ערשטן טאָג האָב איך געאַרבעט אין הויף, געטאָן קאָלעריי אַרבעטן. טאַקע דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט לייטמאַנען, וועגן וועלכן עס האָט מיר דערציילט דער קאַפּאָ בליאַטמאַן.
לייטמאַן איז צוגעגאַנגען צו מיר און אַזוי האַרציק־פּראָסט זיך אָנגערופן:
— לאָמיר זיך כאַווערן. מיר וועלן אינײַנעם אַרבעטן אין דער סטאָליאַרניע. זיך שפּײַזן וועלן מיר אויך אינײַנעם, וואָס גאָט וועט געבן.
האָב איך אים שוין געמוזט אָפּנהאַרציק זאָגן:
— איך בין אָבער ניט קיין סטאָליער.

— ניט ווילטיק. וועסט זיך צוקוקן, און אויב ס'וועט אריינקומען עמעצער פון די דײַטשן, וועסטו נעמען שארפן דאָס געצײַג.

מיר האָבן זיך באפרײַנדעט. און אינגיכן איז אונדז טאקע אויסגעפאלן איינעם ארבעטן אין דער סטאָליארניע.

יעדן פינפטן — צו דער גרוב

אין איינעם א פרימארגן זײַנען מיר געוואָרע געוואָרן וועגן א נײַעם פארברעכערישן מאָרד. שפאצירנדיק באנאכט איבערן לאגער מיט זײַן קאָכאנקע, האָט דער עסעסאָוועץ וואקס — ליאקקעס צווייטער געהילף — דערזען ארויסגיין פונעם באראק אין הויף אריין, מיסטאם צוליב א געוויסער נויט, איינעם א קאצעטניק. דער מערדער האָט אָנגעצילט דעם אוטאָמאַט און, בארימענדיק זיך פאר דער „געליבטער", ווי טרעפלעך ער קען שיסן, ארויס־געלאָזט עטלעכע קוילן און דערהארגעט דעם מענטשן. מיר זײַנען אלע געווען דערשיטערט פון דעם ווילדן מאָרד.

אומקערנדיק זיך פון דער ארבעט, האָט באריס ציבולסקי געבראכט נאָך א מער שוידער־לעכע ידיעה. פון דער גרופע, אין וועלכער ער האָט געארבעט, האָבן צוויי קאצעטניקעס גע־מאכט די פליטע. האָט מען די איבעריקע פערציק מענטשן אויסגעשטעלט אין איין שורה און יעדן פינפטן — דערשאָסן.

באריס האָט מיר דערציילט:

— פארשטייסט, סאשע, איך בין געווען דער פערטער. כ'האָב אלץ געזען. עס שטייט מיר די גאנצע צײַט פאר די אויגן דער שאָכן, וואָס איז געשטאנען לעבן מיר פון דער רעכטער זײַט... מ'האָט זיי אײַנציקווײַז צוגעפירט צו דער גרוב, וועלכע זיי האָבן אליין אויסגעגראָבן, און צעשאָסן.

באריס האָט געפיבערט. כ'האָב אים לאנג ניט געקאָנט בארויקן. ווען כ'האָב זיך דער־וווּסט, אז בליאטמאן האָט פאראָרדנט אוועקלייגן ציבולסקין אף עטלעכע טעג אין דעם מע־דיצינישן איזאָליאטאָר, האָט עס מיך שוין ניט איבערראשט. שפעטער האָט ער ציבולסקין גע־שיקט אף ארבעט מיט אן אנדער קאָמאנדע.

מיט א סאך קאצעטניקעס האָב איך זיך שטארק באפרײַנדעט, אָפט זיך געטראָפן מיט זיי. מײַנע ערשטע פרײַנט זײַנען געווען באריס עסטרין און לייב סראגאָוויטש — ביידע פון ראָסטאָוו, מײַנע לאנדסלײַט. מיט סראגאָוויטשן זײַנען מיר געווען באקאנט נאָך פון די אָנ־הייב דרײַסיקער יאָרן, ווען מיר האָבן אינאיינעם געדינט אין דער רויטער ארמיי. כ'האָב זיך געכאוועט מיט סעמיאָן ראָזענפעלדן און מיט ארקאדי ווײַספאפירן. בליאטמאן האָט אויך פארזייערטוועגן געטאָן אלץ, וואָס ער איז געווען בעקויעך. ווען בא סעמיאָנען האָט זיך צעיא־טערט די וווּנד, וואָס ער האָט געקראָגן אפן פראָנט, האָט דער קאפאָ אײַנגעאָרדנט אים אין דעם איזאָליאטאָר, און איינער א מינסקער דאָקטער האָט אים געשטעלט אף די פיס.

אָפט זײַנען געווען באגעגענישן מיט אלעקסאנדער שאבאיעוון, א טוּישעוו פון דער דאָגעסטאנער שטאָט ראסאוו־יורטא. פאר דער מילכאָמע האָט ער פארענדיקט דעם ראָסטאָווער אינסטיטוט פון אײַזנבאַן־טראנספּאָרט. דאָס איז געווען א לעבנסלוסטיקער מענטש, וואָס פאלט בא זיך קיינמאָל ניט אראָפּ. ער האָט שטארק ליב געהאט זינגען, אין א שפאס האָט ער זיך אליין געגעבן א נאָמען „קאלימאלי". וואָס איז דאָס פאר א „קאלימאלי", האָט קיי־נער ניט געוווּסט, נאָר א שמייכל האָט עס ארויסגערופן.

ארקאדי ווײַספאפירן און סעמיאָן ראָזענפעלדן פלעגט אָפט געלינגען, אומקערנדיק זיך פון דער ארבעט, ארײַנברענגען אין לאגער פלוגבלעטלעך, וואָס די מינסקער פּאַרטיזאנער האָבן געדרוקט. געקראָגן האָבן זיי די פלוגבלעטלעך בא די פרײַוויליק־אָנגעדונגענע אר־בעטער, מיט וועלכע זיי האָבן אינאיינעם געארבעט. דאָס פלאמיקע וואָרט פון די פלוגבלעטלעך האָט דערמוטיקט, געשטארקט דעם גלויבן און די האָפענונג.

ס'איז געקומען דער פעווראל פון 1943. די היטלעריסטן גייען עפּעס ארום אין לאגער מיט אראָפּגעלאָזטע נעזער, זיי זײַנען נאָך מער אכזאָריעסדיקער, ווארפן זיך ווי צעיושעטע כײַעס אף די קאצעטניקעס און שלאָגן זיי ביז צום טויט. אין איינעם א טאָג האָט מען אונדז ניט ארויסגעגעבן די פּײַקע ברויט. שפעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אין דײַטשלאנד האָט מען דערקלערט א דרײַטאָגיקן טרויער אין צוזאמענהאנג מיט זייער מאפּאָלע אין סטאלינ־גראד.

— זאָל גאָט געבן, — האָבן געטײַנעט די קאצעטניקעס, — מ'זאָל אונדז וואָס אָפטער ניט ארויסגעבן קיין ברויט צוליב אזעלכע סיבעס.

...אין דעם הויף, ווו עס האָבן געאַרבעט באַ אַ פּופּציק מאַן, צווישן זיי אויך אַרקאַדי ווײַס־פּאַפּיר און באָריס ציבולסקי, האָט זיך געפונען אַ סקלאַד פון געווער. טעלעכע קריגסגעפאַנ־גענע זײַנען דורך אַ שכייִנעסדיקער געבײַדע אַרופגעקראָכן אַפן בוידעם פונעם סקלאַד, דורכ־געקלאַפּט אין דער סטעליע אַ לאָך און אַרויסגעטראָגן פון דאָרט אַ היפּשע צאָל ביקסן און קוילן, וועלכע מע האָט פאַרבאַהאַלטן צווישן די כוואַליעס פון אַ געבײַדע.

די קריגסגעפאַנגענע האָבן שוין געהאַט זיך צונויפגערעדט מיט איינעם אַ שאָפער, אַז ער פירט זיי אַרויס אינײנעם מיט דעם געווער אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. אָבער אין דעם לעצטן מאָמענט איז די זאַך דורכגעפאַלן. ס׳איז געוואָרן ניט קלאָר, צי האָט דער שאָפער זיי פאַראַטן, צי די היטלעריסטן זײַנען אַליין געפאַלן אַף אַ שפּור.

באָריס ציבולסקין און אַרקאַדי ווײַספּאַפּירן האָט אָפּגעגליקט. אין יענעם טאָג האָט מען זיי געשיקט אַף אַן אַנדער אַרבעט.

די היטלעריסטן האָבן אַרומגערינגלט דעם הויף, פאַרטריבן די קאַצעטניקעס אין דעם קאַטלאָוואַן, וואָס איז דאָרט געווען, און אָנגערייצט אַף זיי אַ טשאַטע הינט. אַ סאַך מענטשן זײַנען גלײַך דערמאָרדעט געוואָרן. דער הויף איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט. די, וואָס זײַנען נאָך דערווײַל פאַרבליבן לעבן, האָט מען צעבלוטיקטע געטריבן איבער דער גאַנצער שטאָט אין לאַגער אַרײַן. דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די ראַצכישע עקזעקוציע. בייסן פאַרהער, וועלכן עס האָט געפירט דער לאַגער־קאָמענדאַנט ליאַקקע מיט זײַנע צוויי געהילפן וואַקס און גאַראַדעצקי, האָט מען די אומגליקלעכע אויסגעטאָן הויל־נאַקעט, געשלײַדערט אין אַ באַסיין מיט זודיקער וואַסער, דערנאָך אַרויסגעשלעפּט זיי פון דאָרטן און אָפּגעגאָסן מיט קאַלטער וואַסער. אַזוי האָט מען עס מיט יעדן איינציקן איבערגעכאַזערט עטלעכע מאָל, ביז דער מענטש אין שוין ניט אימשטאַנד געווען זיך אַ ריר טאָן.

צווישן די פאַרפּײַניקטע איז געווען איינער פון מײַנע נאָענטע לאַגער־כאַווייריִם באָריס קאַגאַן, אַ טוישעוו פון טולע.

בישכײַנעס מיט דעם הויף, ווו עס האָבן געאַרבעט אָט די פּופּציק מאַן, האָט געאַרבעט נאָך אַ גרופּע קאַצעטניקעס, נאָר זיי זײַנען געווען איזאָלירט איינע פון די אַנדערע. אין דער צווייטער גרופּע האָט געאַרבעט דער אינזשעניר אַרקאַדי אַרלאָוו — אַ קיִעווער טוישעוו. ווי נאָר מע פלעגט ברענגען די באַלאַנדע, פלעגט אַרקאַדי זיך אַ הייב טאָן אַף דעם פענצטער־ברעטל און אַ פאָכע טאָן מיט דער האַנט, געגעבן מיט דעם צו וויסן, אַז די באַלאַנדע איז שוין דאָ. אַזוי איז אויך געווען אין דעם טאָג, ווען עס איז דורכגעפאַלן דער פּרווו צו מאַכן די פּלייטע. איינער פון די דײַטשישע אָפיצערן האָט דערזען, ווי אַרקאַדי מאַכט עפּעס מיט די הענט, און האָט געפויעלט באַ זיך, אַז ניט אַנדערש, ווי דער באַכער גיט דורך דעם פענצטער עמעצן אַ סיגנאַל. אַרקאַדי האָט באַמערקט דעם אָפיצער און טייקעף פאַרשטאַנען, אַז גלאַט וועט עס אים, אַרקאַדין, ניט דורכגיין.

ווען בליאַטמאַן האָט וועגן דעם זיך דערוווּסט, האָט ער אַרקאַדין גלײַך אוועקגעלייגט אין דעם לאַגער־שפּיטאָל, קעדיי אין עטלעכע טעג אַרום, ווי נאָר דאָס וועט מעגלעך זײַן, אַריבער־פּעקלען אים צו די פּאַרטיזאַנער. אַרלאָוון האָט מען שוין אָבער געזוכט, און ווען מ׳האָט אים אַפן צווייטן טאָג געפונען אין שפּיטאָל, האָט מען אים שטאַרק געשלאָגן. ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן. מע האָט אויסגעגאָסן אַף אים עטלעכע עמער וואַסער און פאַרשפּאַרט אין אַ קאַלטן קאַרצער. אַפן אַנדערן טאָג, אינדערפרי, האָבן די עסעסאָווצעס אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט זײַן פאַרפרוירענעם טויטן קערפּער.

א זונטיקדיקער יון־טאָג. בליאַטמאַן האָט באַפוילן, אַז אַלע די, וואָס אַרבעטן אין דעם לאַזאַרעט פאַר די עסעס־לײַט, זאָלן זיך אויסשטעלן אין אַ קאָלאָנע. ס׳איז דאָ אַ דרינגענדיקע אַרבעט. עס האָט באַדאַרפט אויך גיין לייטמאַן, נאָר יענעם טאָג איז ער געלעגן מיט היץ, האָט בליאַטמאַן געהייסן, איך זאָל גיין אַף זײַן אָרט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז באַנאַכט האָט מען אין לאַזאַרעט געבראַכט עטלעכע פאַרוווּנדעטע און עלף דערהאַרגעטע עסעסאָווצעס — אַ רע־זולטאַט פון דער געלונגענער אַקציע פון די מינסקער פּאַרטיזאַנער.

דער אופזעער ריבאַ האָט אונדז באַפוילן עלף צונויפקלאַפּן אַפגיך טרונעס, אָפּטראָגן זיי אין דעם מײַסים־שטיבל, אַרײַנלייגן די מייסים אין די קאַסטנס און זיי פאַרקלאַפּן. אַלץ דאַרף אָפּגעטאָן ווערן צו דרײַ אַזייגער, ווײַל צו יענער צײַט וועלן שוין קומען די לאַסטמאַשינעס פאַרנעמען די קאַסטנס אַפן בעסוילעם.

מיר האָבן געאַרבעט מיט דער גרעסטער פלײַס און געקלערט: האַלעוויי האָבן מיר אָפּטער אַזאַ שטיקל אַרבעט...

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס זײַנען ערשט געווען ניט אַלע דערהאַרגעטע. די טויטע קערפּערס פון טעלעכע אָפּיצערן פון גאָר אַ הויכן ראַנג האָט מען אוועקגעפירט אויף די קוואַרטירעס, ווו זיי זײַנען אײַנגעשטאַנען.

אין די לעצטע טעג פון אויגוסט האָט בליאַטמאַן איבערגעגעבן מיט לייטמאַנען, אַז מיר זאָלן זײַן גרייט אוועקצוגיין אין וואַלד. ווי נאָר סאָפיאַ קורליאַנדסקאַיאַ וועט האָבן אַ גע־לעגנהייט אויסצומעקן אונדז פון די לאַגער־צעטלען, וועלן מיר אַרויספאָרן מיט די פורמאַנעס קלוימערשט אויף צו פאַרגרייטן גרעהילץ...

ס'איז אונדז אָבער באַשערט געווען גאָר עפּעס אַנדערש. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין לאַגער אַרײַנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל פון דער געסטאַפּאָ.

אַ מינוט צען האָבן די געסטאַפּאָ־לײַט זיך פאַרהאַלטן בײַ דעם קאָמענדאַנט, מע האָט געשיקט נאָך בליאַטמאַנען. ער איז געקומען, און אין געציילטע רגעס אַרום האָט מען אים פון דאָרט אַרויסגעפירט מיט פאַרבונדענע הענט און אַרײַנגעשטופּט אין דער מאַשין.

מיר האָבן געוווּסט: דאָס איז זײַן סאָף. די פאַשיסטן וועלן אים ניט שוינען.

אָן בליאַטמאַנען האָבן מיר זיך דערפילט נאָך מער עלנטער און אינגאַנצן שוצלאָז.

אַ טריבער סענטיאַבער־פרימאָרגן. צוויי טויזנט קאַצעטניקעס — מענער, פרויען און קינ־דער שטייען אויסגעשטעלט אין רייען אויף דעם פּלאַץ און הערן מיט גרויל אין די הערצער די רייד פון דעם שעף־געהילף דעם עסעסאָוועץ וואַקס. פון אומופהערלעכער שיקרעס איז זײַן שטים אַ הייזעריק־כריפּענדיקע:

— אין אַ שאָ אַרום וועט מען אײַך אָפּפירן אויף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע. ס'האָט אײַך אָפּ־געגליקט. איר פאָרט אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד. דער פירערער שענקט דאָס לעבן די, וואָס האָבן אַ פאַך אין די הענט און וועלן וואָס געוויסנהאַפט אַרבעטן לטובֿת דעם גרויסן דײַטשלאַנד. איר וועט פאָרן מיט אײַערע געזינדן, און איר קאָנט נעמען מיט זיך אַלע זאַכן, וואָס איר פאַרמאָגט...

געוואָרפן אויף דעם אופגערודערטן אוילעם אַ גיפטיקן בליק — אַ בליק פול מיט ביטל און סאַדיסטישער האַנאָע, — האָט וואַקס פאַרענדיקט זײַן רעדע:

— אַלזאָ, דער עשעלאָן וואַרט שוין אויף אײַך. אײַלט זיך צו...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט: בײַ אייניקע האָט די דאָזיקע יעדיע אַרויסגערופן שטיינונג און פאַרלוירנקײַט, בײַ אַנדערע — שרעק און פאַרצווייפלונג.

אין אַ שאָ אַרום זײַנען אין דעם הויף פונעם לאַגער אַרײַנגעפאָרן בײַ אַ צענדליק גרויסע לאַסטמאַשינעס. אויף יעדערער פון זיי זײַנען געזעסן טעלעכע היטלעריסטן, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן. אין די מאַשינעס האָט מען אַרײַנגעזעצט די פרויען און קינדער. אונדז, אַ גרופּע קריגסגעפאַנגענע, האָט מען אונטער אַ פאַרשטאַרקטער וואַך אוועקגעפירט צופוס.

...פיר מעסלעס האָט אונדז דער צוג געפירט ווער ווייסט וווהין. פיר מעסלעס אָן ברויט און אָן וואַסער. די פענצטער און טירן פון די וואַגאָנעס זײַנען געווען פאַרקלאַפּט אַזוי, אַז ס'האָט זיך ניט דורכגעזיפּט קיין טראָפּנדל פרישע לופט. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט געקאָנט בלויז שטיין צוגעקוועטשט איינער צום צווייטן, וועגן צוזעצן זיך, ווער שמועסט — וועגן צולייגן זיך, האָבן מיר ניט געקאָנט אַפילע קלערן. מיר האָבן שטאַרק גע־ליטן פון די הונגער־ווייטעקן אין בויך.

אָפן פינפטן מעסלעס האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פאַרוואָרפענער סטאַנציע אין אַ וואַלד־אָרט. לינקס פון דער סטאַנציע האָבן זיך אין העט־וויַיט אוועקגעצויגן טעלעכע רייען דראָט־פאַרצוימונגען אַ מעטער דרײַ די הייך.

אויף דעם אײַזערנעם טויער, וועלכער האָט לאַנגזאַם זיך פאַנאַנדערגעעפנט אויף אַרײַנצו־לאָזן טעלעכע וואַגאָנעס פונעם אָנגעקומענעם עשעלאָן, איז געהאַנגען אַ שילדל „זאַנדערקאָ־מאַנדע עסעס".

דער טויט־לאַגער „סאָביבאָר"

דער טויער האָט זיך האַסטיק פאַרמאַכט. פלאַנטערנדיק קוים מיט די פיס, מיט אַ פּײַנ־לעכן פאָרגעפיל פון פאַרוירטיילטקײַט, זײַנען מיר צוגעקומען צו אַ באַראַק, ווו מ'האָט אָפּגע־בומען בײַ אונדז די קלומקעס און טשעמאָדאַנדלעך. פון דאָרט האָט מען אונדז אוועקגעפירט אויף אַ גרויסן פּלאַץ. פון אַ ווײַס־געקאַלכט שטיבל, וואָס איז געשטאַנען עטוואָס אין אַ זײַט, זײַנען אַרויסגעגאַנגען טעלעכע דײַטשישע אָפּיצערן. אַלע האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט

רימען־בײַטשלעך. זיך דערנעענטערט צו אונדז, האָט אײנער פון זײ, א הויכוואוקסיקער, דיקער פּאַרשוין אין דער אוניפאָרם פון אַן אָבערשאַרפירער פון עסעס, פּאַכנדיק מיטן בײַטשל, אויסגערופן:

— סטאָליערס און טעסליערס — צוויי שפּאַן פאָרויס!

פון דער קאָלאָנע האָט זיך אָפּגעטײלט א מאַן זיבעציק, דעריקערשט קריגסגעפאַנגענע. איך האָב אויך געמאַכט די צוויי שפּאַן.

אין א ווײַלע ארום האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין א צווייטן הויף, אַן אָפּגעצוימטן מיט שטעכדראָט. אין דעם באַראַק, צו וועלכן מ׳האָט אונדז צוגעפירט, זײַנען געשטאַנען הויִלע נאַרעס, אפילו קיין ביסל שטרוי איז אף זיי ניט געווען.

לעערעך אין א שאָ ארום האָבן מיר געקראָגן א מעגלעכקייט ארויסצוגיין אין דעם לאַגער־הויף. מיר האָבן זיך דאָ באַקאַנט מיט די אַלטע קאַצעטניקעס און זיך צערעדט מיט זיי. אײנער א באַיאָרטער מאַן מיט א געזיכט, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון ערד, איז צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט:

— לאָמיר זײַן באַקאַנט. מע רופט מיך לעאָן, לעאָן פעלהענדלער.

איך האָב א דריק געטאָן זײַן האַנט און געפרעגט:

— זאָגט מיר, וואָס פאַרא פּאַראַנדקעס זײַנען דאָ אײַנגעפירט?

— פּאַראַנדקעס, פרעגט איר? — ער האָט ביטער א שמייכל געטאָן. — מיסטאָם ווי אין אַלע פּאַשיסטישע לאַגערן. זעקס אזייגער אינדערפרי טרײַבט מען צו דער ארבעט. זעכצן שאָ שווערע האַרעוואַניע. מיט דער וואַך טאָרסטו ניט ריידן, דערנעענטערסטו זיך צו דעם שטעכדראָט — שיסט מען אַן א וואָרענונג. דער טויט לויערט אף טריט און שריט. דאָ, אין דעם ערשטן סעקטאָר, זײַנען מיר קאַרעוו פינף הונדערט מאַן — פון פוילן, פראַנקרײַך, טשעכאָסלאָוואַקיע, האָלאַנד און פון אַנדערע לענדער.

ווען מיר האָבן זיך נעענטער באַקאַנט, האָט לעאָן מיר דערציילט אַלץ, וואָס איז אים שוין געווען באַוווּסט וועגן סאָביבאָר, און געוווּסט האָט ער א סאַך. לעאָן האָט א צײַט געאַרבעט אין דעם צווייטן סעקטאָר, דאָרט, וווּ מ׳האָט אײַנגעפּאַקעוועט די מאַלבושים, דאָס שוכוואַרג און אַנדערע זאַכן פון די אומגעבראַכטע אין די גאַז־קאַמערעס. דאָס האָבן די וועכטער פונעם סקלאַד דערציילט לעאָנען די שוידערלעכע געשיכטע פון דעם טויט־לאַגער.

סאָביבאָר איז געווען א קליין שטיל ווינקעלע, ניט ווײַט פון וולאָדאַווע אין ליובלינער וואָיעוואָדסטווע.

צווישן די וועלדער פון סאָביבאָר, דערווײַטערט פון צענטראַלע מאַגיסטראַל־וועגן און פון גרויסע שטעט, האָט זיך געשלענגלט א זײַטיקער אײַזנבאַן־וועג פון בעלזשיצע קיין כעלם.

אין מאַרט כוידעש 1942 איז דאָ, לויט הימלערס באַפעל, אויסגעבויט געוואָרן דער פאַר־ניכטונגס־לאַגער. מיט דער בויונג האָט אָנגעפירט דער שטורמבאַנפירער וואָלפהאַנט טאַמילע, אַן אינזשעניר לויטן פאַך און א סאַדיסט לויטן באַרוף.

עטלעכע כאָדאָשים, טאָג און נאַכט, האָבן דאָ געאַרבעט א סאַך הונדערטער קאַצעטני־קעס, וועלכע זײַנען אהער אראָפּגעבראַכט געוואָרן פון אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערס. ווען דער סאָביבאָרער לאַגער איז ארויסגעפּאַרטיקט געוואָרן, האָט מען אַלע די, וואָס האָבן אים געבויט, דערמאָרדעט, זייערע טויטע קערפּערס האָט מען ארײַנגעוואָרפן אין א ריזיקער גרוב און דעם קייווער אויסגעגלײַכט מיט דער ערד.

אין דער ערשטער רעגע מאַכט דער פאַרניכטונגס־לאַגער דעם אײַנדרוק פון ניט קיין גרויסן געמיטלעכן ייִשעוו. דורך די פּלויטלעך, וואָס זוימען ארום די שיטער־צעוואָרפענע געבײַען, זעט מען שמאָלע שטעגלעך, אויסגעפּלאַסטערטע מיט קליינע בונטע שטיינדלעך.

אין אָנפאַנג איז דער לאַגער געווען אײַנגעטײלט אין דרײַ סעקטאָרן: אין דעם ערשטן סעקטאָר — די פּאַרשיידענע וואַרשטאַטן: א שנײַדערישער, א שוסטערישער, א סטאָליערי־שער, א קוזניע, וואָס האָבן באַדינט די באַדערפענישן פון דער לאַגער־נאַטשאַלסטווע. אין צוויי באַראַקן געפינען זיך א פּאָר הונדערט קאַצעטניקעס — מענער און פרויען, וועלכע זעצן פאָר די בויונג פונעם לאַגער און באַדינען די עסעסאָווצעס.

דער צווייטער סעקטאָר איז פאַר די פאַרוועלטעס, וואָס ווערן אין עשעלאָנען אומופּ־הערלעך געבראַכט אהער. מע טוט זיי דאָ אויס הויל־נאַקעט און מ׳פירט זיי אריבער אין דעם דריטן סעקטאָר. ביידע סעקטאָרן זײַנען צווישן זיך פאַרייניקט דורך צוויי קאָרידאָרן. דורך איין קאָרידאָר גייען אין זייער לעצטן שוידערהאַפטן וועג די מאַנצבלען, דורך דעם אַנ־דערן — די פרויען און קינדער. אפן וועג צו דער „באָד” פירט מען די פרויען ארײַן אין א באַראַקל, ווו מע שנײַדט בא זיי אָפּ די האָר.

דער דריטער סעקטאָר מיט די גאַז־קאַמערעס איז באַזונדערס פאַרמאַסקירט. די קאַצעטניקעס, וועלכע מע שיקט אַהער אַף אַרבעט, ווערן אין צען־פופצן טעג אַרום פאַרניכטעט. אַף זייער אָרט קומען אָן נײַע, וואָס ווערן אין געציילטע טעג אַרום אויך פאַרניכטעט. און אַט אַזוי — נאָכאַנאַנד...

איך פיל, ווי דאָס בלוט רינט מיר אַף פונעם פּאָנעם. לעאָן באַמערקט עס, מיסטאָם, און טוט אַ זאָג:

— גענוג, אַף הײַנט וועט זײַן גענוג. — די שטים האָט בײַ אים געציטערט.

— ניין, דערציילט ווײַטער, איך מוז וויסן אַלץ ביזן סאָף...

— גוט. הערט ווײַטער. די גאַז־קאַמערעס האָט געבויט איינער אַן ערוויק לאַייבערט און זײַנער אַ געהילף, אַ גרויסער באַקי אין מאָטאָרן, דער עסעסאָווער פוכאַ. דאָס האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון לעמבערג אַ מאָטאָר פון אַ קאָלאָסאַלער מעכטיקייט און אים אײַנגעמאָנטירט אין אַ ספּעציעלער געבײַדע. דער דאָזיקער מאָטאָר טרײַבט דעם גאַז דורך ספּעציעלע רערן דירעקט אין די קאַמערעס אַרײַן.

אַ סאַך דערפינדערישקייט און פלײַס אַף צו פאַרמאַסקירן די גאַז־קאַמערעס ווײַזט אַרויס דער מערדער וועץ גאַרבעל. ער קלערט צו פאַרשיידענע מיטלען, אַז די פאַרניכטונגס־קאַמערעס זאָלן פון אויסן אויסזען ווי געוויינלעכע בעדער...

פלוצעם האָב איך פונדערווײַטנס, לעערעך אַ האַלבן קילאָמעטער אין אַ זײַט פונעם לאַגער, דערזען פלאַקערן אַ שײַטערהויפן.

— וואָס ברענט עס דאָרט, לעאָן?

ער האָט אַ פאַרלוירענער אַ קוק געטאָן אַף מיר און שטיל געענטפערט:

— מע פאַרברענט די טויטע קערפּערס פון די דערשטיקטע אין די גאַז־קאַמערעס. מ'האָט, זעט אויס, אַקאָרשט געבראַכט אַ פרישן עשעלאָן...

דערשיטערטע, זײַנען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, יעדערער אין זײַן באַראַק.

אונדזערע באַגעגענישן זײַנען געוואָרן אַלץ אָפטער, די שמועסן — אָפנהאַרציקער, פאַרטרויִלעכער. לעאָן האָט מיר דערציילט נײַע און נײַע שוידערלעכע פּראָטים וועגן דער אויסראָטונגס־סיסטעם אינעם לאַגער.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין עטלעכע כאָדאָשים נאָך דעם, ווי ס'זײַנען פאַרטיק געוואָרן די דרײַ סעקטאָרן און דער לאַגער האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן, איז מען צוגעטראָטן בויען אַ פערטן סעקטאָר, דעם אַזוי־גערופענעם „נאָרד־לאַגער". זומער־צײַט פון 1943 האָט מען מיט האַסטיקע טעמפּן אויסגעבויט אַ וואַרשטאַט אַף צו רעמאָנטירן דאָס סאָוועטישע וואָפן, וואָס די דײַטשן האָבן פאַרכאַפּט.

די צוויי לאַגערן זײַנען איזאָלירט איינער פונעם אַנדערן מיט פאַרצוימונגען פון שטעכדראָט. עס טיילט זיי אָפּ ניט קיין גרויסער שעטעך ערד מיט אָפּיצערישע שטיבלעך און באַראַקן פאַר דער לאַגער־וואַך. נעענטער צו דעם „נאָרד־לאַגער" געפינט זיך אַ הויף, ווו די היטלעריסטן האַלטן אויף קראָליקעס און עטלעכע הונדערט גענדז. ווען מע טרײַבט די אומגליקלעכע אין די גאַז־קאַמערעס, צעפּלאָשעט מען די סטײַע גענדז, זיי יאָגן איבערן הויף און פאַרטויבן מיט זייער גראַגערײַ די האַרצרײַסנדיקע קוילעס פון די פאַראורטיילטע.

איך האָב בײַ לעאָנען זיך אויך דערוווּסט (שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, ווי קומט ער זאָל וויסן אַזעלכע וויכטיקע פּראָטים), אַז דער גאַנצער לאַגער איז אַרומגעגאָרטלט מיט דרײַ רייען דראָט־פאַרצוימונגען, הינטער דער דריטער ריי ציט זיך אַוועק אַ פאַרמינירט פעלד, פופצן מעטער די ברייט, דערנאָך גייט אַוועק אַ ריוו, אָנגעפולטער מיט וואַסער, און לעסאָף — נאָך איין ריי שטעכדראָט.

לעאָן האָט אויך געוווּסט, אַז די לאַגער־אַדמיניסטראַציע באַשטייט פון פופצן־צוואַנציק עסעסאָווצעס, אַז די וואַך טראָגן דאָ בײַ אַ 150 וולאַסאָווצעס, און אַז אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פונעם לאַגער געפינט זיך אַ רעזערוו־וואַך פון נאָך 120 מאַן. אַף אַ דיסטאַנץ פון פופציק מעטער איינער פון צווייטן (דאָס האָט לעאָן שוין פאַרשפּאָרט מיר צו דערציילן, יעדער אין לאַגער זעט עס) שטייען טורעמס מיט קוילנוואַרפערס. צווישן די דראָט־פאַרצוימונגען שפּאַנט אַרום טאָג און נאַכט אַ באַוואָפנטער קאַנוואָי.

ס'איז געקומען אַ צײַט, ווען לעאָן האָט באַשלאָסן אײַנגאַנצן זיך אופעפענען פאַר מיר. ער איז געווען, ווײַזט זיך אַרויס, איינער פון די, וואָס האָבן געגרייט אין לאַגער אַן אופשטאַנד, קעדיי צו באַפרײַען אַלע קאַצעטניקעס. עס זײַנען געווען פאַרשיידענע פּלענער, אָבער צוליב פאַרשיידענע אומשטענדן איז ניט באַשערט געווען צו פאַרווירקלעכן זיי.

לויט איינעם אַזאַ פּלאַן האָבן עטלעכע יונגע קאַצעטניקעס, וועלכע פלעגן קומען צו די עסעס־לײַט אַהיים אויסצוּוועקסלען זייערע שיך, באַדאַרפט אין איינעם אַ פרימאָרגן זיי פאַר־

1*

ניכטן און פארכאַפּן זייער געווער. מ'האָט אויסגערעכנט מיט דער הילף פון אַט דעם געווער פארכאַפּן די מאכט אין לאַגער, מ'האָט דערביי געקלערט, אַז די וולאַסאָווצעס, דערזעענדיק, אַז די אָנפירונג פונעם לאַגער איז פארניכטעט, וועלן זיך פאַרייניקן צו די אופשטענדלער און איינעם מיט זיי מאכן די פלייטע צו די פּאַרטיזאַנער.

דער דאָזיקער פּלאַן האָט געהאַט וועזנטלעכע כעסרוינעס, און מע האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון אים.

ס'איז געווען אַ צווייטער פּלאַן: מ'וועט אונטערצינדן די סקלאַדן מיט דעם קליידוואַרג אין צווייטן סעקטאָר. די סרייפע וועט אַרויסרופן אַ בעהאַלע צווישן די עסעסאָווצעס און וולאַסאָווצעס, זיי וועלן זיין פאַרטאָן אינעם לעשן דאָס פייער, און אין אַט דער צייט וועט מען זיך אַ לאָז טאָן צו די טויערן. אין דעם דאָזיקן פּלאַן איז געווען אַ סאַך נאַיווקייט, און ער איז אויך פארבליבן ניט פאַרווירקלעכט, כאָטש עס זיינען געווען ניט ווייניק דרייסטע מענטשן, וואָס זיינען געווען גרייט געווען אַף אַלץ.

עס זיינען אויך געווען פאַלן פון ניט אָרגאַניזירטע פּרוּוון צו אַנטלויפן פונעם לאַגער. אין אָנהייב פרילינג 1943 האָט אַ גרופּע האָלענדער, בעראָש מיט זייערן אַ געוועזענעם קאַפּיטאַן, זיך צונויפגערעדט מיט איינעם אַ וולאַסאָוועץ, אַז ער וועט זיי מיטהעלפן מאכן די פלייטע. זיי וועלן אים דערפאַר גוט באַלוינען. דאָס ביסל גאָלד האָט דער וולאַסאָוועץ גענומען, נאָר גלייך טאַקע געמאַסערט דעם קאַפּיטאַן.

די אויספאָרשונג האָט דורכגעפירט דער געסטאַפּאָ־אָפיצער קורט וואַגנער. עס האָבן אָבער ניט געהאָלפן קיין שום פייניקונגען. דער קאַפּיטאַן האָט זיך געהאַלטן אייזנפעסט, קיינעם פון זיינע כאַווריים ניט אויסגעגעבן. דעמלט האָט דער שעף פונעם לאַגער דער האָפּט־שטורמפירער יאָהאַן נוימאַן באַפוילן, אַז אַלע צוויי און זיבעציק האָלענדער זאָלן זיך יאָווען אַף דעם אַפּעל־פּלאַץ. מ'האָט זיי אויסגעשטעלט אין איין ריי, איבערגעציילט, געהייסן אַרויסגיין פון דער ריי דעם מאָלער מאַקס וואַן־דאַנען, וועלכער האָט נאָך געהאַט ניט פאַרענדיקט מאָלן די פּאָרטרעטן פון די עסעס־לייט, און די איבעריקע אַוועקגעפירט אונטער אַ שטאַרקער וואַך אין דעם דריטן סעקטאָר. קיין איינער פון זיי האָט זיך פון דאָרט ניט אומגעקערט.

אינגיכן נאָך דעם, אין אַפּרעל 1943, האָט דעם לאַגער באַזוכט הימלער אין דער באַגלייטונג פון אַדאָלף אייכמאַנען און אַנדערע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען פון היטלער־דייטשלאַנד. צו זייער וויזיט האָט די לאַגער־נאַטשאַלסטווע זיך שטאַרק געגרייט. אַזוי ווי אין יענע טעג זיינען קיין טראַנספּאָרטן אין לאַגער ניט אָנגעקומען, האָט מען ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט אַהער דריי הונדערט פרויען — אַלע יונגע און שיינע און זיי אומגעבראַכט אין דער אָנוועזנהייט פון די „הויכע געסט", זיי זאָלן אָנשווילעך זען, ווי אַקוראַט די גאַז־קאַמערעס אַרבעטן.

דערשיטערט פון דעם, וואָס לעאָן האָט דערציילט, האָב איך לאַנג ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. דער קאָפּ איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. קוים איינגעדרעמלט, האָבן מיך אָנגעהויבן פייניקן קאָשמאַרן. כ'האָב, זעט אויס, שטאַרק געשריען פון שלאָף, ווייל מיין שאָכן אַף דער נאַרע, לייטמאַן, האָט מיך אַ טרייסל געטאָן פאַרן אַקסל:

— סאַשע, סאַשע, וואָס שרייסטו? וועסט אַלעמען אופוועקן. די וואַך וועט דערהערן!

איך האָב זיך אופגעזעצט אַף דער נאַרע. ס'האָט געקלאַפּט אין די שלייפן, אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט דעם שטערן. לייטמאַן האָט נאָך אַלץ מיך געהאַלטן פאַרן אַקסל און גערעדט מיט מיטלייד:

— באַרויִק זיך, טרייב אָפּ פון זיך די אָנשיקעניש, רו זיך אויס אַ ביסל, מ'וועט שוין באַלד אופהייבן צו דער אַרבעט!

דער באַשלוס, צו וועלכן מיר — איך, לייטמאַן און נאָך עטלעכע כאַווריים — זיינען געקומען שוין פון לאַנג, נאָך אין דעם „וואַלד־לאַגער", האָט איצט באַהערשט מיין גאַנץ וועזן.

פאַר די אַכט כאָדאָשים אין דעם מינסקער לאַגער האָב איך זיך באַפריינדעט מיט אַ סאַך מענטשן. פיל פון זיי זיינען איצט איינעם מיט מיר אין סאָביבאָר. דאָס איז אַ גרויס גליק, ס'איז דאָ מיט וועמען גיין צום טיש. אין דער אַנטשיידענער רעגע וועט זיין אַף וועמען זיך אָנשפּאַרן. אויב ס'וועט אויסקומען, וועט קיינער ניט שוינען דאָס לעבן. איצט דאַרף מען זיך צוהערן, זיך צוקוקן צו דעם נייעם אומבאַקאַנטן אוילעם, מע דאַרף וויסן ביז אַ קלייניקייט, וואָס עס טוט זיך אין לאַגער.

די פּאָר וואָכן פאַרן אופשטאַנד האָבן בא מיר פאַרקריצט זיך אין זיקאָרן, טאָג נאָך טאָג, פּונקט ווי דאָס אַלץ וואָלט ערשט נעכטן געשען.

◆ 24 סעפּטעמבער.

מע האָט אונדז אויפֿגעהויבן פֿינף אַזייגער פֿאַרטאָג און אַרויסגעטריבן אויפֿן צענטראַלן לאַגער־פּלאַץ. אין משך פֿון דרײַסיק מינוט, ביז עס האָט זיך ניט פֿאַרענדיקט דער קאָנטראָל, זײַנען מיר געשטאַנען „סמירנאָ”, ניט געטאָרט זיך אַ ריר טאָן.

אָט האָט עמעצער זיך אַ ריר געטאָן פֿונעם אָרט, און טייקעף האָט ער געכאַפּט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ.

ס'איז געקומען דער אָבערשאַרפֿירער קאַרל פֿרענצעל. אַ צופֿרידן שמייכעלע פֿאַרלאָזט קיינמאָל ניט זײַן אָנגעפּרעסענעם פּיסק. דרײַ מאָל אין טאָג — אינדערפֿרי, באַטאָג און אָפּדערנאַכט — ציילט ער אַליין איבער די קאַצעטניקעס. עס שטייען דערבײַ אַלע עסעס־אָפֿיצירן. זיי דאַרפֿן זען, אַז קיינער איז ניט אַנטלאָפֿן. פֿאַר דער פֿלייטע ציטערן די פֿאַשיסטן איימעס־מאָווס. דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר אין לאַגער, בפֿרט אין דעם דריטן סעקטאָר, דאַרף אויף שטענדיק פֿאַרבלײַבן אַ געהיימעניש.

נאָך דעם אינדערפֿריִיִקן קאָנטראָל האָט מען אונדז געגעבן אַ טעפּעלע „קאַפֿע”.

זעקס אַזייגער זײַנען מיר, צוויי הונדערט מאַן, אַוועק צו דער אַרבעט. די ערשטע אין דער קאָלאָנע האָט פֿרענצעל פֿאַראָרדנט אַוועקשטעלן די סאָוועטישע געפֿאַנגענע.

דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר געאַרבעט אין דעם „נאָרד־לאַגער”. ווי מע האָט זיך ניט געהיט, האָבן פּופּצן מענטשן, אָן אַ פֿאַרוואָס, אַרײַנגעכאַפּט צו פֿינף און צוואַנציק שמיץ. געשמיסן האָט מען מיט סאַדיסטישער רעציכע. דו בִיסט מעכוּיעוו אויף אַ קול אַליין ציילן די שמיץ, און אויב דו פֿאַרלירסט דעם כעזשבן, הייבט מען אָן פֿונדאָסנײַ.

איינער פֿון די געפּײַניקטע האָט מיר דערנאָך מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט:

— איך ווייס ניט, ווער פֿון אונדז איז גליקלעכער: יענע, — ער האָט אַ באַווײַז געטאָן מיט די אויגן אויף דעם דריטן סעקטאָר, — וואָס אַלץ פֿאַרענדיקט זיך פֿאַר זיי אין אַ פּאָר צענדליק מינוט אַרום, צי איך, וואָס דאַרף דעם וועג צום טויט דורכגיין דורך אַזויפֿיל ליידן...

◆ 25 סעפּטעמבער.

מיר האָבן באַקומען אַ דרינגענדיקע פֿאַרגעבונג — אויסלאָדן שטיינקוילן. אויף אָפּעסן דעם „מיטיק” האָט מען געגעבן געציילטע עטלעכע מינוט. פֿרענצעל איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען לעבן דעם קעסל און מיט דעם שטעקן אים אונטערגעיאָגט, ער זאָל גיכער פֿאַנאַנדערגיסן אין די קעסעלעך דאָס ביסל „באַלאַנדע”. דערזען, אַז עטלעכע הונדערט מאַן אין דער ריי האָבן נאָך ניט באַקומען דעם אַזויגערופֿענעם זופּ, איז פֿרענצעל געוואָרן מאָלערעציכע, ער האָט אַרויסגעטריבן דעם קעסל אין הויף, אים געצוווּנגען זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד, די פֿיס אונטער זיך, מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אויספּײַפֿנדיק עפּעס אַ מאַרש, האָט פֿרענצעל אין טאַקט מיט דעם ניגון גענומען מיט אַ שטעקן שלאָגן דעם באָכער איבערן קאָפּ. דאָס בלוט האָט פֿאַרגאָסן זײַן פּאָנעם, ער האָט שטיל געקרעכצט, מוירע האָבנדיק אַ געשריי צו טאָן.

מיר האָבן פֿונדערווײַטנס געזען די דאָזיקע ראָצכישע עקזעקוציע און ניט געקאָנט זיך אַרײַנמישן.

טראָץ דעם הונגער, וואָס האָט אונדז שטענדיק פֿאַרפֿאָלגט, האָבן אַ סאַך פֿון אונדז ניט געקאָנט אויפֿעסן דאָס ביסל זופּ, ס'האָט זיך געדוכט — ער איז אויסגעמישט מיט דעם בלוט פֿון אונדזער כאַווער...

◆ 26 סעפּטעמבער.

אינדערפֿרי, ווי נאָר מיר האָבן באַקומען דאָס ביסל אָקרעפּ, האָט מען אונדז, פֿערציק מאַן, אַוועקגעשיקט אין וואַלד נאָך געהילץ. די אַרבעט איז געגאַנגען שווער. הונגעריקע, אויסגעצערטע, זײַנען ווײַט ניט אַלע געווען בעקויעך צעהאַקן די סוקעוואַטע פּניאָקעס.

פֿרענצעל האָט אַרומגעשפּאַנט, געפֿאָכעט מיט דער בײַטש און אונטערגעיאָגט:

— שנעל! שנעל!

שטילערהייט האָט ער זיך אונטערגעגאַנוועט הינטער דער פּלייצע פֿון אַ הויכוווּקסיקן, באַברילטן האָלענדער. דער מענטש האָט בלויז אויף אַ רגע אַוועקגעלייגט די האַק, קעדיי אויסווישן די ברילן־גלעזלעך, און טייקעף האָט איבער זײַן קאָפּ אַ סווישטשע געטאָן די בײַטש, זײַנע ברילן זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד און זיך צעבראָכן. וואָס האָט ער שוין געקאָנט אויפֿטאָן אָן די ברילן? האָט ער מיט אָפּגעשוואַכטע הענט, ווי־ניט־איז אויפֿגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט די האַק אויפֿן פּניאָק.

פרענצעל האָט נאָכאַמאָל א שמיץ געטאָן דעם האָלענדער מיט דער בײַטש. יענער האָט א קרעכץ געטאָן, נאָר ניט געוואגט זיך אָפּשטעלן. א פאַרשיקערטער פונעם פאַרגעניגן, האָט דער סאַדיסט געהאַלטן אים אין איין שלאָגן.

איך בין געשטאַנען גאָר נאָענט פונעם האָלענדער, א מעטער פינף, ניט מער, און האָב געזען אַלץ, וואָס דאָרטן קומט פאָר. אָף א ווײַלע האָב איך אויפגעהערט צו האַקן מײַן פּניאַק. פרענצעל האָט דאָס באַמערקט און מיך א רוף געטאָן:

— קאָם!

איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער בררירע, כ'האָב געמוזט צוגיין, נאָר איך האָב זיך געסטאַרעט, ער זאָל זען, דער אויסוווּרף, אַז איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט. איך האָב אויסגעהאַלטן זײַן כוצפּעדיקן, אָפּשפּעטערישן בליק. ער האָט ברוטאַל אָפּגעשטויסן דעם האָלענדער און אָף א געבראָכענעם רוסיש זיך אָנגערופן:

— רוסישער סאָלדאַט, איך זע, דיר איז ניט געפעלן, ווי איך האָב באַשטראָפט דעם דאָזיקן טויגעניכץ. איך גיב דיר פינף מינוט אָף צעהאַקן דעם דאָזיקן פּניאַק. צעהאַקסטו אים פאַר אָט דער צײַט — באַקומסטו א פּעקל סיגאַרעטן. פאַרשפּעטיקסטו אָבער אָף א רעגע — כאַפּסטו אַרײַן פינף און צוואַנציק שמיץ.

ער האָט א שמייכל געטאָן מיט זײַן גיפטיקן שמייכעלע, אָפּגעטראָטן אָף עטלעכע שפּאַן פון מיר, אַראָפּגענומען פון דער האַנט דעם זייגער מיט א גאָלדענעם בראַסלעט און א קוק געטאָן אָף אים.

ביז פרענצעל האָט געקוקט אָפן זייגער, קעדיי צו פאַרפיקסירן די צײַט, האָב איך באַוויזן געגוט צו באַטראַכטן דעם פּניאַק און באַשטימען, פון וואָס פאַר א זײַט וועט מיר זײַן באַקוועמער צעשפּאַלטן אים.

מיט וואָס פאַר א פאַרגעניגן וואָלט איך איצט אַראָפּגעלאָזט די האַק ניט אָף דעם פּניאַק, נאָר אָף דעם קאָפּ פון אָט דעם מערדער!

איך הער, ווי פרענצעל טוט א געשריי:

— אָנהייבן!

דער פּניאַק איז א גרויסער און א סוקוואַטער. עס גייט שטאַרק שווער. איך שטרענג אָן די לעצטע קויכעס. א קלאַפּ, נאָך א קלאַפּ, און דער פּניאַק צעשפּאַלט זיך אָפּצווייען. דאָס איבעריקע איז אָפּגעטאָן געוואָרן גיך און שוין ניט אַזוי שווער.

כאָטש דער טאָג איז געווען א קאַלטער, בין איך אײַנגאַנצן געווען אָפּגעגאָסן מיט שווייס. דאָס האַרץ איז גרייט געווען אַרויסשפּרינגען פונעם ברוסטקאַסטן. עס האָבן געבראָכן די הענט און די קרײַשעס.

אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך דערזען, ווי פרענצעל דערלאַנגט מיר א פּעקל ציגאַרן.

— פיר מיט א האַלבער מינוט, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אָפן זייגער. — איך האָב צוגעזאָגט — איז באַקום.

כ'האָב ניט געקאָנט פויעלן בא זיך נעמען פון זײַנע הענט דאָס פּעקל ציגאַרן. דער סייכל האָט אונטערגעזאָגט: „נעם, אַניט וועסטו פרענצעלן אופשטעלן קעגן זיך, און דאָס קאָן זיך אָפּרופן אָף דער זאַך, וואָס דו האָסט פאַרטראַכט”. אָבער דאָס האַרץ האָט געזאָגט: „ניין! דו קאָנסט ניט נעמען פון זײַנע הענט — פון די הענט, וואָס האָבן אָקאָרשט געפּײַניקט א פּרײַנט”.

— א דאַנק, איך רייכער ניט, — האָב איך געענטפערט.

פרענצעל איז אוועקגעגאַן, ערגעץ אַרומגעשפּאַצירט און אין א מינוט צוואַנציק אַרום זיך אומגעקערט צוריק. ער האָט געהאַלטן א האַלב לעבל ברויט מיט א שטיק מאַרגאַרין.

— רוסישער סאָלדאַט, נעם!

איך האָב דערזען זײַנע בייזע קאַלטע אויגן, זײַן פאַרקרימט שמייכעלע, וואָס האָט קיין גוטס ניט צוגעזאָגט.

מיך האָט נאָך קיינמאָל דער יעיצערהאָרע אַזוי ניט געפּרוּווט, ווי איצט, קוקנדיק אָף דעם ברויט מיטן שטיקל פעטס. כ'וואָלט מעכײַע געווען דאָס האַרץ מיט דעם דופּטיקן, פרישן שטיקל ברויט. אוי, ווי איך בין הונגעריק!.. נאָר איך טו א זאָג:

— איך בין אײַך זייער דאַנקבאַר. די שפּײַז, וועלכע איך באַקום דאָ, איז פאַר מיר איבערגענוג.

פרענצעל האָט באַמערקט די איראָניע פון מײַנע ווערטער. דאָס שמייכעלע איז טייקעף אַראָפּ פון זײַן אָנגעפּרעסן פּאַנעם. ער האָט דראָענדיק, און אין דער זעלבער צײַט א ביסל אין פאַרלעגנהײַט, מיך איבערגעפרעגט:

— ווילסטו ניט?

— א דאַנק, איך בין זאַט.

איך האָב געזען, ווי פּרענצעל האָט פיבערדיק פאַרקוועטשט אין דער האַנט דאָס בײַטשל, נאָר עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן א שמיץ טאָן מיך, ווי ער טוט עס געוויינלעך הונדערט מאָל א טאָג. ער האָט שאַרף זיך א קער געטאָן און איז אַוועק.

ווען ער איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן, זײַנען די כעוורע צוגעלאָפן צו מיר מיט טײַנעס:

— פאַרוואָס האָסטו ניט גענומען?

— ער וואָלט דיך ניט נאָר געקאָנט צעמאַזיקן, נאָר אויך דערהאַרגענען.

— וואָלסט אליין זיך מעכײַע געווען און אונדז געוויס ניט פאַרטיילט, געגעבן צו שטיקעלעך...

אַנדערע, ווידער, האָבן געזאָגט:

— האָסט געטאָן גוט!

איך האָב געקוקט אויף מײַנע כאַווײרים, און דאָס האַרץ האָט זיך געריסן אויף שטיקלעך. איך האָב געוואָלט זיי זאָגן הויך אויף א קאָל: „פאַלט באַ זיך ניט אַראָפּ, האַלט העכער די קעפּ! דער סוינע דאַרף פילן, אַז מיר זײַנען פאַרבליבן מענטשן".

מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי פאַרשטייען מיך אָן ווערטער.

27 סענטיאַבער.

אינדערפרי האָבן מיר געאַרבעט אין דעם הויף פונעם „נאָרד־לאַגער". שאַבאַיעוו האָט מיר אײַנגערוימט אין אויער:

— האָסט באַמערקט, אַז די גאַנצע נאַטשאַלסטווע איז נעלעם געוואָרן פונעם לאַגער?

— יאָ, אָבער וואָס איז די סיבע?

— ס'איז אָנגעקומען א נײַער עשעלאָן. מע טרײַבט זיי שוין מיסטאַמע צום טויט. מ'האָט, זעט אויס, אָקאָרשט אָנגעהויבן...

דאָס האַרץ איז באַ מיר פאַרקילט געוואָרן. אין דער זעלבער רעגע האָב איך דערהערט פאַרצווייפלטע מענטשלעכע קולעס.

שאַבאַיעוו האָט געקריצט מיט די ציין:

— אויסוואורפן!

ווען ס'זאָל אין אָט דער רעגע געווען זיך באַווײַזן דאָ א פאַשיסט, וואָלט איך אים דער־האַרגעט מיט דער לאָפּעטע, וועלכע איך האָב געהאַלטן אין דער האַנט.

צערודערטע, זײַנען צוגעגאַנגען ציבולסקי און לייטמאַן. ציבולסקי האָט זיך אָנגערופן:

— סאַשע, מע טאָר עס ווײַטער ניט דולדן. מע דאַרף עפּעס טאָן. פאַרניכטן די וואַך און — אין וואַלד אַרײַן. ער איז ניט ווײַט פונדאַנען...

— נו, און די וואַך אויף די טורעמס, און די דראָט־פאַרצוימונגען, און די פאַרמינירטע פעלדער? און אויב שוין לויפן, איז אלע אינאיינעם, קיין איינער זאָל דאָ ניט פאַרבלײַבן.

— מע טאָר אָבער מער ניט וואַרטן, — איז ציבולסקי באַשטאַנען אויף זײַנעם. — ס'איז דאָך שוין האַרבסט. ווען דער וואַלד וועט בלײַבן שטיין א הוילער און עס וועט אויספאַלן א שניי, וועט שווער זײַן זיך אויסבאַהאַלטן.

איך האָב א ווײַלע געשוויגן, דערנאָך זיך אָנגערופן:

— אויב איר גלייבט מיר, איז האָט א ביסל געדולד, ס'וועט קומען די צײַט, און איך וועל זאָגן, וואָס מע דאַרף טאָן. דערווײַל דאַרף מען קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגן.

לעערעך אין א האַלבער שאָ אַרום, ווען ס'האָט זיך אַהער מער שוין ניט דערטראָגן דער דערשיטערנדיקער געשריי, און געדיכטע וואָלקנס רויך האָבן זיך אויפגעהויבן הויך איבער דעם לאַגער, איז אין הויף, וווּ מיר האָבן געאַרבעט, אַרײַנגעקומען דער היטלערישער אָפיצער וואַלטער. ער האָט באַ איינעם פון די קאַצעטניקעס אַרויסגעריסן די האַק פון די הענט און, ווי א פאַרשיקערטער, גענומען האַקן דאָס האָלץ. א מינוט צוואַנציק האָט ער אזוי געהאַקט, דערנאָך א מאָרדעווע געטאָן די האַק, פאַררייכערט א פּאַפּיראָס און איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַוועקגעגאַנגען.

— האַדיוקע, — האָב איך א קלער געטאָן, — דו שטילסט אײַן אזוי דײַנע נערוון...

28 סענטיאַבער.

ווען מיר זײַנען געשטאַנען אין דער ריי נאָך דער „באַלאַנדע", איז צו מיר צוגעגאַנגען לעאָן און געזאָגט:

— איך וויל א שמועס טאָן מיט אײַך. אָבער דאָ וועט זיך עס ניט אײַנגעבן. קומט צו גיין נאָך דער אַרבעט צו דעם פרויען־באַראַק. אָבער פאָרזיכטיק, די דײַטשן זאָלן אײַך ניט זען.

אפדערנאכט בין איך מיט לייטמאנען אוועק צום באראק, אין וועלכן עס האָבן זיך גע־פונען הונדערט פופציק פרויען. לעאָנען האָבן מיר אָבער ניט געטראָפן. עס איז צוגעגאנגען צו אונדז איינער א מאנצבל, אָפגערופן אין א זײַט און אײַנגערוימט:

— לעאָן האָט געבעטן אײַך איבערגעבן, אז מ׳האָט אים פאָרהאַלטן אין דעם צווייטן סעקטאָר און ער וועט הײַנט ניט קאָנען קומען.

דערווײַל האָבן די פרויען זיך פאַראינטערעסירט, ווער מיר זײַנען און פונוואנען. ווען כ׳האָב געזאָגט, אז איך בין א סאָוועטישער, האָבן זיך א שאָט געטאָן פראגן וועגן דער איצטיקער לאגע אין סאָוועטנפאַרבאנד, וויאזוי עס לעבט זיך דאָרט און וויאזוי דאָס פאָלק קעמפט קעגן דעם פאשיזם.

איך האָב אָף א ווײַלע פאַרגעסן, ווו איך בין אין דער וועלט, און גענומען דערציילן, וויאזוי די רויטע ארמיי האָט צעמאזיקט די פאשיסטן אונטער מאָסקווע, וויאזוי מ׳האָט ארומ־גערינגלט און פאַרניכטעט דאָס פאשיסטישע כאַיל בא סטאלינגראד, און אז די רויטע ארמיי איז שוין לעבן דעם דניעפּער.

ס׳האָט זיך באקומען א מין פּאָליט־אינפאָרמאציע. שלעכט איז געווען, וואָס כ׳האָב ניט געהאט קיין אנונג, מיט וועמען איך גיי צום טיש. ס׳האָט דאָך געקאָנט שײַן פאסירן, אז צווישן דעם אוילעם זאָל זיך געפינען א קאַפּאָ צי אן אנדער שלאק.

איך האָב גערעדט אָף רוסיש. לייטמאַן האָט מײַנע רייד איבערגעזעצט אָף פויליש און אָף דײַטש.

די פרויען האָבן מיך גענומען אויספרעגן וועגן די פּארטיזאנער. איך האָב דערציילט דאָס, וואָס כ׳האָב געוווּסט: וועגן דעם אופרײַס אין מינסקער שטאָט־טעאטער, בייס וועלכן עס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן אָן א שיר היטלעריסטן, וועגן דער סרייפע אָף דער אוטאָ־באזע, אין וועלכער ס׳איז פאַרברענט געוואָרן א סאך דײַטשישע אוטאָמאשינעס, וועגן דעם, וויאזוי די פּארטיזאנער האָבן פאַרמישפּעט צום טויט און אויסגעפילט דעם אורטייל איבער דעם האולייטער אין ווײַסרוסלאנד קובע.

איינע א פרוי האָט זיך שטיל, ניט זיכער אָנגערופן:

— ווען עס געשעט א נעס און די פּארטיזאנען באַפרײַען אונדז...

— אַזעלכס איז ניט אויסגעשלאָסן,— האָב איך געזאָגט.— נאָר בעסער וועט זײַן, אז מיר וועלן אויסרעכענען אָף אונדזערע אייגענע קויכעס...

ווען מיר זײַנען ארויסגעגאנגען פונעם באראק, האָט לייטמאן פאַרזאָרגט א זאָג געטאָן:

— סאשע, אזוי טויג ניט. פון אונדז פאָדערסטו ביז א געוויסער צײַט זײַן פאַרזיכטיק מיט א וואָרט, און דו אליין... האָסט זיך שטאַרק צערעדט.

ווען מיר האָבן שוין געהאלטן באם אוועקגיין, האָב איך אין א ווײַט ווינקל פונעם באַ־ראק דערזען בזשעצקין. ער איז טאקע אויך א קאצעטניק, נאָר פאַרט א קאַפּאָ. ער זאָל אונדז ניט אָנטאָן קיין צאָרעס.

29 סענטיאַבער.

מ׳האָט אונדז אוועקגעפירט צו דער אײַזנבאַן־ליניע אויסלאָדן פלאטפאָרמעס מיט ציגל. די וואכמענער האָבן באשלאָסן אן איבעריק מאָל זיך אן איזדיעקעווע טאָן איבער אונדז. יעדער איינציקער האָט באדאַרפט צולויפן צו דער פלאטפאָרמע, אפגיך א כאַפּ טאָן זעקס ציגל, אָפּטראָגן זיי אָף א מעהאַלעך פון צוויי הונדערט מעטער, אקוראט זיי צונויפלייגן און טייקעף לויפן צוריק. אָף יעדער פלאטפאָרמע איז אָויסגעקומען צו אכציק אויסלאָדער. האָט זיך באקומען א שטופעניש, ווײַל דעם, ווער עס האָט ניט אזוי פלינק א כאַפּ געטאָן די ציגל, האָבן די פאשיסטן געשלאָגן מיט די בײַטשן.

נאָך דער ארבעט, ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, איז צו מיר צוגעגאנגען לעאָן. מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אין הויף אָף די ברעטער, וועלכע זײַנען דאָרט געלעגן. צוערשט האָט ער גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאכן, דערנאָך א זאָג געטאָן:

— עס דאכט זיך מיר, אז בזשעצקי שפּירט אײַך נאָך.— ער האָט א ווײַלע געשוויגן און פאַרגעזעצט:— אנטלויפן פונדאנען איז זייער שווער. קימאַט אומעגלעך. איר ווייסט דאָס אליין, און דאָך...

איך האָב שווײַגנדיק געקוקט אָף לעאָנען. מעגלעך, אז ער האָט אין מײַן בליק דערשפּירט אומצוטרוי. ער האָט נאָך נעענטער זיך צוגערוקט צו מיר און שטיל צוגעגעבן:

— איך בין געקומען צו אײַך לויטן אופטראָג פון א גרופּע כאווירים. זיי בעטן, איר זאָלט נעמען אָף זיך די אָנפירונג מיט אונדזער גרופּע. זיי ווייסן, וויאזוי איר האָט זיך אופגעפירט מיט פרענצעלן, זיי האָבן א סאך געהערט וועגן אײַך און פאַרטרויען אײַך.

איך האָב זיך דערמאָנט אין די פּריִערדיקע געשפּרעכן מײַנע מיט לעאָנען, מיט וואָס פאַר א צאָרן ער האָט דערציילט וועגן די גאַז־קאַמערעס אין דעם דריטן סעקטאָר, וועגן דער גאַנצער טײַוולאָנישער פאַרניכטונג־מאַשין.

— לעאָן, — האָב איך אים א פרעג געטאָן בעקיוון א ביסל צו שאַרף, — זאָגט מיר, פאַר־וואָס האָט איר ביז איצט ניט געמאַכט קיין פּרווו ארויסצורײַסן זיך פונעם לאַגער? איך מיין, ניט בלויז אײַך פערזענלעך, אויך אנדערע?

— פאַרוואָס? פּלענער זײַנען געווען, איך האָב אײַך וועגן דעם שוין געהאַט דערציילט, זיי זײַנען אָבער געווען ניט קיין רעאַלע. איר ווייסט דאָך די טרויעריקע געשיכטע מיט די האָלענדער? מ׳האָט זיי פאַראַטן. אגעוו, דעם מאָלער מאַקס וואַן־דאַנען האָט מען דערנאָך, ווען ער האָט פאַרענדיקט מאָלן דעם לעצטן פּאָרטרעט פון אָן עסעס־אָפיציר, אויך דער־מאָרדעט.

לעאָן האָט אָף א ווײַלע זיך פאַרקלערט און ווײַטער פאָרגעזעצט:

— איר דאַרפט נעמען אין באַטראַכט, אז עס געוועלטיקט דאָ דער וואַנדאַלישער געזעץ וועגן קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר מאַכן די פּלייטע אָדער פאַר א פּרווו צו מאַכן די פּלייטע, זאָל דאָס אפילו זײַן א יאָכיד. דער דאָזיקער טעראָריסטישער מעטאָד ווירקט אָף אייניקע קאַצעטניקעס דערשיטערנדיק. עס זײַנען געווען פאַלן, ווען מוירע האָבנדיק פאַר רעפּרעסיעס, האָבן אייניקע קאַצעטניקעס געשפּיאָנעוועט נאָך די, אָף וועמען זיי האָבן געהאַט א פאַרדאַכט, אז זיי קלײַבן זיך מאַכן די פּלייטע.

דאָס, וואָס לעאָן האָט איצט דערציילט, איז ניט געווען קיין גוזמע. איך האָב זיך דער־מאָנט, אז אין יענע לאַגערן, וווּ מיר איז אויסגעפאַלן צו זײַן, זײַנען אויך געווען אזעלכע אויסוואורפן, וועלכע זײַנען צוליב ריין עגאָיִסטישע צילן גרייט געווען פאַראַטן מענטשן, וואָס זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל געזען אין די אויגן. עמעס, אזא איינער פלעגט טייקעף דער־שפּירן האַס און פאַראַכטונג מיצאַד דעם גאַנצן לאַגער־קאָלעקטיוו. אלס קלאַל פלעגן די פאַרעטער שלעכט אָפּשנײַדן.

אָבער ניט דאָס האָט מיך איצט פאַרנומען. מיך האָט אינטערעסירט עפּעס אנדערש, און איך האָב געפרעגט בא לעאָנען:

— ווי מיינט איר, אין וואָס פאַר א סיידער זײַנען פאַרמינירט די פעלדער נאָכן שטעכדראָט?

— אין א שאַכמאַט־סיידער.

— און וואָס פאַר א מעהאלעך איז צווישן די מינעס?

— אַנדערהאַלבן מעטער. זיי זײַנען צווישן זיך פאַרייניקט מיט אָנגעצויגענע דראָטלעך.

— זאָגט מיר, וואָס איז עס פאַר א האַלב־כּאַרעווע צוויישטאָקיקע געבײַדע פון יענער זײַט דראָט־פאַרצוימונג?

— זעט אויס, דאָרט איז אמאָל געווען א מיל.

— לעאָן, ס׳איז ניט קיין קלאָץ־קאַשע דאָס, וואָס איך וועל אײַך באַלד פרעגן. ווי מיינט איר, אין דער דאָזיקער געבײַדע קאָן זיך ניט געפינען קיין פאַרמאַסקירטער באַאָבאַכטונגס־פונקט?

— צוליב וואָס? דאָ איז דאָך ניט קיין פראָנט.

— עס מאַכט ניט אויס. זיי קאָנען פון דאָרט באַאָבאַכטן, וואָס עס טוט זיך אין לאַגער.

— איך ווייס ניט, — האָט געענטפערט לעאָן.

— איר האָט באַמערקט, אז די דײַטשן פאַרטרויען ניט דער אייגענער וואַך? — האָב איך פאָרגעזעצט דעם דיִאלאָג אין דער נייטיקער פאַר מיר ריכטונג. — אָט האָט איר א סימען, די וואַכלײַט, ווי מיר איז באַוווּסט, באַקומען די קוילן ערשט דעמלט, ווען זיי שטייען שוין אין סטראַי.

— א פּאַשעטע זאַך, קימאַט די גאַנצע וואַך באַשטייט פון סאָלדאַטן פון די סאַטעליטן־לענדער. די דײַטשן פאַרטרויען זיי ניט. איר האָט רעכט, די קוילן־אָבאַימעס האַלטן זיי דאָרט, ווו עס געפינט זיך דער קאָמוטאַטאָר, און אין דער קאַראַול־געבײַדע בא די צענטראַלע טויערן.

— ס׳וואָלט גוט געווען אין די נאָענטסטע פאַר מעסלעס נאָכשפּירן אָן אופהער נאָך דער כּאַרעווער מיל. ס׳איז זייער וויכטיק צו וויסן, צי זײַנען דאָרט דאָ מענטשן און צי בײַטן זיי זיך, באַזונדערס באַנאַכט. נאָכשפּירן וואָלט מען געקאָנט דורך די שפּאַרונעס אפן בוידעם פון דעם סטאָליער־וואַרשטאַט. אין דער זעלבער צײַט דאַרף מען ניט אַראָפּלאָזן דאָס אויג פון דער וואַך.

— גוט. נאָך דער מיל וועלן מיר פון מאָרגן אָן אָנהייבן נאָכצושפּירן.

בייס אָט דעם שמועס האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט מײַן צוטרוי צו לעאָנען.

— איך דאַרף אונטערהאַלטן מיט אײַך אַ פאַרבינדונג, — האָב איך געזאָגט לעאָנען. — ווי אַזוי זאָלן מיר דאָס טאָן, ניט אַרויסרופנדיק בא קיינעם קיין כשאַד? עפשער וואָלט געהאַט אַ זין, איר זאָלט מיך באַקענען מיט עמעצן פון דעם פּרויען־באַראַק, מיט אַ מיידל, וואָס קען ניט קיין רוסיש. איך וועל קומען אַהין, קלומערשט, צוליב אַ שטיקל פלירט מיט איר. איר וועט אויך קומען, און מיר וועלן קאָנען ריידן וועגן אַלץ, וואָס מע דאַרף. איר זײַט מאַסקים?

— גוט, אָבער מיט וועמען זאָל איך אײַך באַקענען?

— נעכטן האָב איך דאָרט באַמערקט אַ מיידל מיט קאַשטאַנען־האָר. זי רייכערט. די כאַוועורטעס אירע האָבן זי אָנגערופן עפּעס מיט אַ מאָדנעם נאָמען — עפּעס אַזוי ווי „ליוקע".

— אַ, איך ווייס, וועמען איר מיינט. זי איז אַ האָלענדערן. רוסיש פאַרשטייט זי קיין וואָרט ניט.

ניט אָפּלייגנדיק אין דער לאַנגער באַנק, זײַנען מיר זאַלבעדריט — איך, לייטמאַן און לעאָן — אַוועק צו דעם פרויען־באַראַק.

ווי אויסגעמאַטערט די מענטשן זײַנען ניט געווען פון דעם הונגעריקן קאַטאָרזשנעם לעבן, האָבן זיי זיך געצויגן איינער צום צווייטן. ווען מיר זײַנען אַרײַנגעקומען, האָבן מיר דאָרט געטראָפן עטלעכע מאַנצבלען־קאַצעטניקעס.

— ליוקע, קום נאָר אַהער, — האָט לעאָן אַ רוף געטאָן אַ שלאַנק, דאַרלעך מיידל. — אָט די רוסן ווילן זיך מיט דיר באַקאַנען.

דאָס מיידל האָט אופמערקזאַם אַף מיר אַ קוק געטאָן, דערנאָך איבערגעפירט דעם בליק אַף לייטמאַנס אויסגעצערט פּאָנעם מיט די אײַנגעפאַלענע אויגן און האָט פעסט אַ דריק געטאָן אונדזערע הענט.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז ליוקע איז געווען אַ שיינע. זי האָט אָבער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט צוגעצויגן, באַזונדערס אירע אויגן — שוואַרצע, מילדע, טרויעריקע.

איך בין אין אַ פאַרלעגנהײַט. פון וואָס הייבט מען אָן מיט איר דעם געשפּרעך? איך האָב געזוכט אַ רעטונג בא מײַן פרײַנט לייטמאַנען:

— איך מוז דאָך איר זאָגן אַ פּאָר ווערטער. אָבער וואָס? זי וועט דאָך אַלציינס ניט פאַרשטיין, און איך זי — אויך ניט.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט מיט נײַגער געפרעגט ליוקע אַף דײַטש.

— ער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ אינטערעסאַנט מיידל באַגעגנט ער צום ערשטן מאָל, — האָט ניט לאַנג טראַכטנדיק געענטפערט לייטמאַן.

לייטמאַן האָט מיר געהאָלפן זיך דורכשמועסן מיט ליוקען, דײַטש פאַרשטיי איך אַליין אויך אַ ביסל... מיר זײַנען זיך אינגיכן פאַנאַנדערגעגאַנגען.

2 אָקטיאַבער.

מיר האָבן הײַנט געאַרבעט אין דעם פערטן סעקטאָר. ס'איז ווידער אָנגעקומען אַ פּרײַ־שער עשעלאָן פאַרורטיילטע. אַלע אָפּיצערן זײַנען אַוועקגעגאַנגען. איך, שאַבאַיעוו, ראָזענ־פעלד, ווײַספּאַפּיר און ציבולסקי האָבן זיך פאַרטײַעט בא דעם ראָג פון אַ באַראַק. דורך די צווײַגן, וואָס האָבן פאַרמאַסקירט די דראָט־פאַרצוימונגען, האָט מען געזען דעם דריטן סעק־טאָר, ווו ס'האָבן זיך געפונען די „בעדער". מיר האָבן דערהערט אַ קינדערישן געשריי: „מאַמע"... דאָס בלוט איז בא אונדז פאַרקילט געוואָרן.

מיר האָבן ניט געקאָנט קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן, ס'איז אונדז געווען אַ ביזאָיען פאַר אונדזער אומבאַהאָלפנקײַט. מיר האָבן נאָר צונויפגעפרעסט די ציין. אין אָט דער רעגע האָבן מיר אַלע געטראַכט וועגן איין זאַך: אַנטלויפן, פאַר יעדער פּרײַז אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען. און ניט בלויז קעדיי אָפּראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, נאָר קעדיי נעקאָמע נעמען, פאַרניכטן אָן ראַכמאָנעס די ווילדע כײַע...

5 אָקטיאַבער.

עס זײַנען פאַריבער נאָך עטלעכע פּײַנפולע טעג. עס זײַנען אָנגעקומען נאָך צוויי עשע־לאָנען, און ווידער האָבן פאַרטויבנדיק געגראַגערט די צעפּאָלאַכעטע גענדז...

מיט ליוקען טרעף איך זיך איצט קימאַט יעדן טאָג. מיר האָבן זיך באַפרײַנדעט. ליוקע איז אַ קלוגע און אַ האַרציקע. זי איז נאָך יונג, אָבער דאָס לעבן האָט איר שוין געבראַכט אַ סאַך לײַדן. זי האָט מיר דערציילט:

— דו ווייסט מיסטאָם, סאַשע, אַז איך אַרבעט אין הויף בא די קראָליקעס. איך האָדעווע זיי, רייניק די שטאַל. דער הויף איז אָפּגעצוימט מיט אַ הויכן פּלויט, וואָס פאַרמאָגט גרויסע שפּאַרונעס. פאַרבײַ דעם פּלויט, — און איך זע דאָס, — פירט מען אין דעם דריטן סעקטאָר

הויל־נאַקעטע מענטשן — פרויען, קינדער, אַלטע לײַט. זיי דערזעען מיך און פרעגן שטיל און פאַרלוירן: „זאָגט, וווהין פירט מען אונדז?" וואָס קאָן איך זיי ענטפערן? זאָגן זיי דעם עמעס?.. — אין ליוקעס מילדע אויגן שטעלן זיך טרערן, נאָר זי דערציילט ווײַטער:

— הײַנט איז צו מיר צוגעגאַנגען דער האַופּטשטורמפירער נוימאַן און מיר אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם אַרײַן. פרעג — פאַרוואָס?.. ער האָט געמיינט, כ'וועל זיך צעכליפּען און אַנטלויפן. נאָר איך בין געשטאַנען מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ, אָט אַזוי, — זי האָט באַוויזן, ווי שטאָלץ זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ, — דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט, ער האָט מיר אַ שמיץ געטאָן אין פּאָנעם און אויסגעשריִען: „וועק!". איך האָב אַוועקגעשפּאַנט מיט לאַנגזאַמע טריט.

— ביסט אַ מאַלאַדיעץ, ליוקע. דאָס איז גוט, וואָס דו האָסט זיך אַזוי געהאַלטן, זיך ניט צעוויינט.

ביים אָפּגעזעגעניש האָט ליוקע אַ ביסל גענויער דערציילט וועגן זיך:

— מײַן טאַטע איז געווען אַ קאָמוניסט. מיר האָבן געלעבט אין האַמבורג. ווען די פאַשיסטן האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, האָט דער טאַטע געקעמפט קעגן זיי. ער האָט געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן. האָבן זיי אַרעסטירט די מאַמע און שטאַרק זי געשלאָגן. מיך — אויך, כאָטש איך בין נאָך געווען אַ קינד. ווען דו ווייסט, ווי־אַזוי מע האָט אונדז געפּײַניקט, מיר זאָלן זאָגן, ווו באַהאַלט זיך אויס דער פאָטער און אָנרופן די נעמען פון די, וואָס פלעגן קומען צו אונדז אַהיים.

פרײַנט האָבן אונדז געהאָלפן אַריבערפאָרן קיין האָלאַנד, וווהין דער טאַטע איז אַנטלאָפן נאָך פריִער. מיר האָבן געהאַט אַ ראַדיאָ־אָופּנעמער. צום טאַטן פלעגן אָפט קומען זײַנע פרײַנט און הערן מאָסקווע. מיך פלעגט מען אַוועקשטעלן אויף דער גאַס היטן, אַז קיין אומבאַקאַנטער זאָל צו אונדז ניט אַרײַנגיין. ווען די פאַשיסטן האָבן פאַרכאַפּט האָלאַנד, איז דער טאַטע ווידער אַנטלאָפן, און מיך, צוויי ברידער און די מאַמע האָט מען דעפּאָרטירט אַהער. — ליוקע האָט אַ ווײַלע געשוויגן און מיט אַ טרויעריקער שטים צוגעגעבן: — די ברידער מײַנע האָט מען דערהרגעט...

7 אָקטיאַבער.

נאָך דער אַרבעט האָב איך געהאַט אַ פאַרטרויליכן שמועס מיט לעאָנען.

— עס זײַנען פאַראַן צוויי פּלענער, — האָב איך אים געזאָגט, — כ'וועל אײַך דערווײַל דערציילן וועגן איינעם פון זיי, דער צווייטער איז נאָך ניט דורכגעטראַכט ביזן סאָף. עס פעלן אונדז אויס אייניקע יעדיעס. איר קאָנט מיר זאָגן, לעאָן, אַכוץ דער אַלגעמיינער וואַך אין לאַגער שטעלט מען אין ערגעץ ניט אַרויס קיין צוגאָבלעכע?

— באַטאָג ניט, — האָט געענטפערט לעאָן. — אויף באַנאַכט שטעלט מען אַוועק צוויי קוילנוואַרפער און אַ וואַך לעבן דעם אָפּיצערישן שטיבל. און פון יענער זײַט דראָט־פאַרצוימונג שטעלט מען אַרויס אַ צוגאָבלעכן פּאַטרול. און נאָך אַ זאַך דאַרף מען האָבן אין זינען. נאָך דעם ניט־געלונגענעם אופשטאַנד אין טרעבלינקע האָט מען בײַ דעם געווער־סקלאַד אַוועקגעשטעלט אַ פּאַנצער־מאַשין.

— נאָך אַ פראַגע: צי זײַנען אין אַלע וואַרשטאַטן און אין דעם צווייטן סעקטאָר פאַראַן זיכערע מענטשן, אויף וועלכע מע קאָן זיך פאַרלאָזן?

— פאַראַן, פאַראַן. איר זאָגט נאָר, ווער וואָס עס דאַרף טאָן.

— גוט. דער ערשטער וואַריאַנט, וואָס איך מיט לייטמאַנען האָבן פאַנאַנדערגעאַרבעט, איז אַזאַ: דער סטאָליער־וואַרשטאַט געפינט זיך סאַכאַקל פינף מעטער פון דער דראָט־פאַרצוימונג. ווײַטער ציט זיך אַוועק דאָס פאַרמינירטע פעלד — פופצן מעטער. דערנאָך — נאָך פיר מעטער דראָט־פאַרצוימונגען. צו דעם דאַרף מען צוגעבן זיבן מעטער — דעם מעהאַלעך פון דער וואַנט ביז דער הרובע אינעם וואַרשטאַט. דאַרף מען מאַכן אַ דורכגאַנג אונטער דער ערד פינף און דרײַסיק מעטער די לענג. די טיף דאַרף האַלטן אַכציק סאַנטימעטער. ווייניקער טאָר מען ניט, ווײַל מ'קאָן אָנטרעפן אויף די מינעס.

— און וואָס פאַר אַ מעכוטן איז דאָ די הרובע אינעם וואַרשטאַט? — האָט ניט פאַרשטאַנען לעאָן.

— אַ פּאַשעטע זאַך. גראָבן דעם דורכגאַנג דאַרף מען אָנהייבן נאָר פון דער הרובע, ווײַל דאָרט איז דער דיל אַרומגעשלאָגן מיט בלעך. איז אויב ס'וועט פאַלן אַ כשאַד, און די היטלעריסטן וועלן נעמען אויסקלאַפּן דעם דיל, וועלן זיי ניט דערהערן דעם אייגנאַרטיקן ווידערקאָל פון אַ כאָלאַל.

— גראָבן וועלן מיר נאָר באַנאַכט. אָנפירן מיט דעם דאַרף א דערפאַרענער מענטש. דאָס וויכטיקסטע בייסן גראָבן איז ניט אָראָפּשלאָגן זיך פון דער גראַדער ליניע. לויט אונדזער כעזשבן קאָן מען די גאַנצע אַרבעט אָפּטאָן פאַר צען־צוועלף טעג. דער דאָזיקער פּלאַן פאַרמאָגט אָבער וועזנטלעכע כעסרוינעס. — איך בין אַנשוויגן געוואָרן, און זעט אויס אַף צו לאַנג, ווײַל לעאָן האָט מיט א געוויסן אומגעדולד א פרעג געטאָן:

— אין וואָס זשע זעט איר אײַן די כעסרוינעס?

— איר פאַרשטייט, זעקס הונדערט מענטשן. עס וועט נייטיק זײַן א סאַך צײַט, ביז אַלע וועלן, איינער נאָכן צווייטן, דורכפּויזען אָט די פינף און דרײַסיק מעטער. איך האָב מוירע, אַז פאַר די זעקס שאָ — פון עלף אָפּדערנאַכט ביז פינף פאַרטאָג — וועלן מיר ניט באַווײַזן פאַרענדיקן די אָפּעראַציע. און נאָך איין כיסאָרן האָט דער דאָזיקער פּלאַן. מיר דערגרייכן ניט א וויכטיקן ציל — עס ווערן ניט פאַרניכטעט די פאַשיסטישע מערדער. פונדעסטוועגן טוט א שמועס מיט אַנדערע מענטשן. וואָס וועלן זיי זאָגן.

— גוט.

— יאָ, מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן, איך זאָל קריגן א מעגלעכקײַט צו באַזוכן די געבײַדע, ווו עס וווינען די וואַכלײַט. מיר מוזן זיך איבערצײַגן, אַז ס'איז טאַקע אָן עמעס, אַז זיי האָבן ניט בא זיך קיין קוילן און אַז די קעסטלעך מיט קוילן שטייען בא דעם דעזשורנעם.

— מיר וועלן טאָן אַלץ, איר זאָלט קריגן אַזא געלעגנהײַט, — האָט געענטפערט לעאָן.

— און נאָך א זאַך: די קוזניע וואָלט באַדאַרפט צוגרייטן א זיבעציק מעסערס. אַף דעם סוינע קאָן מען ניט גיין מיט קיין ליידיקע הענט. מיך מיט לייטמאַנען וואָלט גוט געווען אַריבערפירן אַרבעטן אין דער סטאָליאַרניע. פון דאָרט וועט אונדז זײַן לײַכטער אָנפירן מיטן אופשטאַנד.

— איך האָף, — האָט מיט א זיכערער שטים געענטפערט לעאָן, — אַז עס וועט געלינגען דאָס אַלץ אָפּצוטאָן...

— א גוטן. איצט איז די רעכטע צײַט זיך אומקערן אין באַראַק.

8 אָקטיאַבער.

עס איז אָנגעקומען נאָך איין עשעלאָן. פּונקט ווי פריִער, האָבן די פאַשיסטן סאַדיסטיש־קאַלטבלוטיק פאַרניכטעט אין די גאַז־קאַמערעס אַלע ביז איינעם.

אינדערפרי, ווען מיר זײַנען שוין געשטאַנען אין דער קאָלאָנע, איז צוגעגאַנגען דער עלטערער אַרבעטער פונעם סטאָליער־וואַרשטאַט יאַנעק, און פאַרופנדיק זיך אַף א פאַראָר־דענונג פון עפּעס אָן עלטסטן, געהייסן, אַז איך, לייטמאַן און נאָך איינער פון אונדזער גרופּע זאָלן טייקעף גיין אין וואַרשטאַט, מע דאַרף, קלוימערשט, אויספילן א דרינגענדיקע באַשטע־לונג.

אַזוי איז געווען אָפּגערעדט...

9 אָקטיאַבער.

בייס איך בין געשטאַנען און געשמועסט מיט ליוקען, איז אומדערוואַרט צוגעגאַנגען צו אונדז א קאַצעטניק, — איך האָב אים געקענט בלויז פונדערווײַטנס, גריגאָרי האָט מען אים גערופן, — און מיר פאַרטרויט א סאָד: ער מיט נאָך עטלעכע מענטשן קלײַבן זיך הײַנט באַנאַכט מאַכן די פּלייטע. זיי וועלן, — האָט ער געזאָגט, — איבערשנײַדן די דראָט־פאַרצוי־מונג ניט ווײַט פון דעם אָפּטרעט און דערהאַרגענען דעם וואַכמאַן. גריגאָרי האָט פאַרטרוי־לעך מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל זיך פאַריייניקן צו זיי.

איז שוין אויסגעקומען זיך אויסטײַנען מיט אים.

— צי ווייסן אײַערע כעוורע, אַז נאָך דער דראָט־פאַרצוימונג גייען ערשט מינען־פעל־דער? און צי האָט איר א קלער געטאָן וועגן דעם, אַז דאָס וועט קאָסטן הונדערטער לעבנס?

צום שלוס האָב איך אים געזאָגט:

— מיר האָבן ניט קיין רעכט צו קלערן בלויז וועגן זיך. מיר זײַנען סאָוועטישע מענטשן. מע גלייבט אונדז דאָ און מע לייגט אַף אונדז די האָפענונג. דאַרף מען צוּוואַרטן.

מיר האָבן ביידע זיך געהיצט, פונדעסטוועגן האָט גריגאָרי באַם אוועקגיין געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען און וועט ניט דערלאָזן צו דעם ניט־דורכגעטראַכטן שריט.

ליוקע האָט דערנאָך געפרעגט:

— סאַשע, וועגן וואָס האָט איר גערעדט?

— אַזוי זיך, וועגן פאַרשיידענע נאַרישקײַטן.

— ס'איז ניט עמעס. דו באַהאַלטסט עפּעס אויס פון מיר. איך שטויס זיך אָן, איך שטעל

זיך אויף פּאָר, וועגן וואָס דו שמועסט יעדן טאָג מיט לעאָנען און מיט אַנדערע. צו מײַן טאַטן פֿלעגט מען אויך אַזוי קומען, קלוימערשט אַף אַ גלעזל טיי, אינדערעמעסן האָט מען גערעדט וועגן גאָר וויכטיקע איניאַנים.

איך האָב זיך געסטאַרעט איבערצײַגן ליוקען, אַז זי איז זיך טויע, נאָר דאָס מיידל האָט פֿאַראַקשנט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געטײַנעט אירס:

— ווײסט מיך ניט אָפּנאַרן, איך פֿאַרשטיי אַלץ...

באַם געזעגענען זיך האָב איך צו איר געזאָגט:

— ליוקע, זע, זאָלסט זיך ניט אַרויסכאַפּן פֿאַר עמעצן מיט אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס דיר ווײַזט זיך אויס...

אַ באַליידיקטע, האָט זי געענטפֿערט:

— אין געסטאַפּאָ, ווען מ'האָט מיך, נאָך אַ קינד, געשלאָגן, איך זאָל זאָגן, ווו דער טאַטע איז, שוין דעמלט האָב איך געקאָנט שווײַגן. און איצט... עך, דו... סאַשע, — זי האָט זיך צעוויינט און איז אַנטלאָפֿן צו זיך אין באַראַק.

10 אָקטיאַבער.

אינדערפֿרי, ווי געווײנלעך, האָבן מיר, אין אַ קאָלאָנע צו דרײַ מענטשן אין אַ ריי, זיך געלאָזט גיין אַף דער אַרבעט. באַ די טויערן איז געשטאַנען אַ דײַטשישער אָפֿיצער מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטער האַנט. איך האָב אים ניט געקענט. עמעצער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דער שעף פֿון דער לאַגער־וואַך גריישוט. ער האָט באַקומען אורלויב און איז געפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד. אין וועג האָבן אונדזערע אַעראָפּלאַנען באָמבאַרדירט זײַן עשעלאָן, און ער איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן.

פֿרענצעל האָט פֿאַראָרדנט, מיר זאָלן זינגען לידער. האָבן מיר פֿאַרצויגן דעם אַוויאַ־מאַרש:

Все выше и выше и выше...

(אַלץ העכער, און העכער, און העכער...)

מיר האָבן בעקיוון געזונגען גראָד אָט די ליד, וויסנדיק, אַז גריישוטן וועט עס ניט זײַן צום האַרצן. אוןווירקלעך, דערהערט דעם סאָוועטישן אַוויאַ־מאַרש, איז ער געוואָרן מאָלע־רעציכע, זיך אַרײַנגעריסן אין אונדזער קאָלאָנע און גענומען שלאָגן מיט דער בײַטש.

פֿרענצעל האָט געקײַכט פֿאַר געלעכטער, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו גריישוטן, גע־זאָגט אים עטלעכע ווערטער, זעט אויס געטרייסט, באַרויקט. די קאָלאָנע האָט אָוועקגעשפּאַנט ווײַטער.

11 אָקטיאַבער.

אין אָוונט, ווען איך בין געווען אין דער קוזניע, איז אַהין אַרײַנגעקומען דער „קאַפּאָ" בזשעצקי. דאָס איז געווען אַ הויכוווּקסיקער מאָגערער פֿאַרשוין, דאָס רעכטע אויג איז באַ אים שטענדיק געווען צוגעזשמורעט. די דײַטשן האָבן פֿון אים געהאַלטן, כאָטש קיינער פֿון אונדז האָט ניט געהערט, ער זאָל עמעצן מאַסרן.

ווען מיר זײַנען געבליבן אויג־אַף־אויג, האָט בזשעצקי זיך אָנגערופֿן:

— איך וואָלט געוואָלט זיך דורכשמועסן מיט אײַך... עפּשער שטויסט איר זיך אַפּילע אָן וועגן וואָס? איך ווייס, אַז איר האָט דאָ אַ גרויסן אײַנפֿלוס, אַז אײַער וואָרט רודערט אויף דעם אוילעם. ס'איז פֿאַר קיינעם קיין סאָד ניט, אַז איר זײַט פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אַז איר האָט אַ גרויסע ווירקונג אַף די, מיט וועלכע איר זײַט איינעם אַהער געקומען. אָט האָט איר, אַשטייגער, מיט עטלעכע טעג צוריק אַ זאָג געטאָן אין דעם פּרויען־באַראַק וועגן די פּאַרטיזאַנער, און דער גאַנצער לאַגער רעדט וועגן דעם.

— איר טרײַבט שטאַרק איבער.

— לאַכלוטן ניט. נאָך מער, מיר איז באַוווּסט, אַז איר און אײַער פֿרײַנט לייטמאַן פֿירן אָן אַגיטאַציע. אָ, לייטמאַן טוט די זאַך מיט פֿאַרשטאַנד, ער איז זייער פּראַקטיק, אָבער דרייסט. ער דערציילט אַ סאַך וועגן דעם לעבן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ווי קומט צו אים אַזוי גענוי וויסן וועגן דעם? אַ קלאָרע זאַך — ער דערוויסט זיך עס באַ אײַך. די מענטשן פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָבן אין לאַגער ביכלאַל אַ גרויסן אײַנפֿלוס, באַזונדערס — איר און לייטמאַן...

בזשעצקי האָט פֿאַרייכערט, זיך פֿאַרצויגן און פֿאַרגעזעצט:

— איך ווייס, איר האלט מיך פאַר אַ געמיינעם פּאַרשוין. איך האָב איצט ניט קיין צײַט, און עס ווילט זיך ניט אײַך דערווײַזן, אַז איר זײַט ניט גערעכט. זאָל זײַן אַזוי, נאָר איך וויל לעבן. איך גלייב ניט אין זייערע רייד, אַז זיי וועלן די „קאַפּאָווצעס" ניט טשעפּען. ס'איז שעקער. ווען עס וועט האלטן באַם ליקווידירן דעם לאַגער, וועלן זיי אונדז פאַרניכטן איינעם מיט אַלעמען.

— אַנטקעגן וואָס, אייגנטלעך, דערציילט איר מיר דאָס? — בין איך אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע רייד.

— איך זע דאָך, וואָס עס קומט פאָר אין לאַגער. אַלע זײַנען גרייט אויסצופילן אײַערע פאַראָרדענונגען. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז אויב די „קאַפּאָווצעס" וועלן זײַן אױף אײַער זײַט, וועט עס אַף אַ סאַך פאַרלײַכטערן אײַער אויפגאַבע. קורץ גערעדט, מיר לייגן אײַך פאָר אונדזער אַקטיווע שטיצע.

— ווער זײַנען עס דער „מיר"?

— איך און טשעפּיק — דער קאַפּאָ פון דער באָד־קאָמאַנדע.

איך האָב עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט פון איין ווינקל קוזניע צום אַנדערן, זיך אָפּגעשטעלט לעבן בזשעצקין, אַ קוק געטאָן אים גלײַך אין די אויגן און אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, בזשעצקי, איר וואָלט געקאָנט הארגענען אַ פאַשיסט?

ער האָט אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן און זיך אָנגערופן:

— אויב צוליב אַ גרויסער זאַך, וואָלט איך געקענט.

גראָדע דאָס, וואָס בזשעצקי האָט ניט גלײַך געזאָגט „יאָ", האָט מיר געגעבן אַ סמאַך צו קלערן, אַז אין דעם פאַל איז ער אויפריכטיק.

— איך דאַנק אײַך פאַר דער אָפנהאַרציקייט, נאָר ס'איז צײַט, מיר זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין.

— גוט, — האָט געענטפערט בזשעצקי, — נאָר איך בעט אײַך נאָכאַמאָל: טוט אַ קלער וועגן דעם, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט.

איך האָב געענטפערט, אַז ס'איז ניטאָ וועגן וואָס צו קלערן. כ'האָב זיך פאַרנייגט און אַרויס פון דער קוזניע.

אָבער קלערן איז דאָפּקע געווען וועגן וואָס. „ווען ער קומט מיט פּראָוואָקאַטאָרישע צילן, וואָלט ער אַף מײַן פראַגע, צי איז ער גרייט פאַרניכטן אַ פאַשיסט, טייקעף אויסגעשאָסן דעם „יאָ"... בזשעצקיס הילף וואָלט, בעלי־סאָפעק, שטאַרק צוניץ געקומען... מע דאַרף זיך אָן אייצע האַלטן מיט לייטמאַנען...

12 אָקטיאַבער

אַרום אונדזער סעקטאָר האָט מען פאַרשטאַרקט די וואַך. איינגיכן האָט זיך דערטראָגן אַהער אַ שיסערײַ פון אווטאָמאַטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווען מ'האָט די הויל־נאַקעטע מענטשן געפירט אין דעם דריטן סעקטאָר, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי גייען צום טויט, און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן אין פאַרשיידענע זײַטן. ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו די דראָט־פאַרצוימונגען, זײַנען זיי, ווי אונטערגעשניטענע, געפאַלן פון דעם פײַער, וואָס עס האָבן געעפנט די היטלעראָווצעס און די ולאַסאָווצעס.

...דאָס, וואָס כ'האָב הײַנט געזען, וועל איך פאַרגעדענקען אַפן גאַנצן לעבן. אין אונדזער סעקטאָר זײַנען געווען צוועלף קראַנקע. מ'האָט זיי ניט געהיילט. זייער מאַצעוו איז געווען אַ שווינדערלעכער.

די געסטאַפּאָווצעס, בעראָש מיט פרענצעלן, האָבן הײַנט אַרויסגעפירט די צוועלף קראַנקע לײַט פונעם באַראַק, ס'איז קיין צווייפל ניט געווען, די מערדער האָבן באַשלאָסן צו פאַרניכטן זיי אין די גאַז־קאַמערעס.

צווישן דער גרופּע איז געווען אַ יונגער האָלענדער. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס. זײַן פרוי, אַ טויט־בלייכע, מיט צעשויבערטע האָר, ווי אַ וואַנזיניקע, האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך דער גרופּע. דעריאָגנדיק דעם מאַן, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו פרענצעלן מיט אַ געשריי:

— מערדער, איר פירט מײַן מאַן צום טויט. איז נעמט זשע אויך מיך. איך וויל ניט און דאַרף ניט לעבן אָן אים! — זי האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַן פאַר דער האַנט און, ניט אַראָפּלאָזנדיק פון אים איר בליק, אוועק איינעם מיט די פאַרורטיילטע.

...אָפּדערנאָכט זײַנען אין דעם סטאָליער־װאַרשטאַט זיך צונויפגעקומען לייטמאַן, יאַנעק, דער עלטסטער פון דעם שנײַדער־וואַרשטאַט — יוזעף, דער עלטסטער פון דעם שוסטער־וואַרשטאַט — יאַקוב, לעאָן און נאָך צוויי מענטשן.

צוליב פאַרזיכטיקייט האָבן מיר אין פאַרשיידענע עקן פונעם סעקטאָר אוועקגעשטעלט א וואך פון די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע אלעקסיי ווײַצען, יעפים ליטווינאָווסקי, באָריס טאַבאַרינסקי און נאום פּלאַטניצקי. זיי האָבן געהאַט א באַפעל: ווי נאָר זיי באַמערקן עפּעס פאַרדעכטיקס — טייקעף סיגנאַליזירן אונדז.

מיר האָבן דעם געשפּרעך אָנגעהויבן פון מײַן מיטיילונג וועגן דעם פאַרשלאָג, וואָס עס האָט געמאַכט דער קאַפּאָ בזשעצקי. גענוי אַרומגערעדט דעם דאָזיקן איניען, האָבן מיר באַשלאָסן אים אַרײַננעמען אין אונדזער גרופּע. איך האָב גלײַך געשיקט נאָך בזשעצקין. אינגיכן איז ער געקומען.

דעם ערשטן פּלאַן — מאַכן די פּליטע דורך א טראַנשיי אונטער דער ערד — האָבן מיר נאָך פריִער באַהאַנדלט. ער איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווי א ניט רעאַלער. דעריבער האָב איך באַקאַנט די פאַרזאַמלטע מיט א צווייטן פּלאַן.

באַטאָג, נאָך פאַר דעם דאָזיקן צוזאַמענטרעף, האָט יאַנעק — דער עלטסטער אין סטאָ־ליער־וואַרשטאַט — מיך מיט נאָך איין סטאָליער געשיקט „פאַרריכטן" צוויי טירן אין דעם באַראַק פון די וואַכלײַט.

אַרײַנגעקומען אין דעם ערשטן צימער, ווו ס'איז קיינער ניט געווען, האָב איך אָפּגיך באַטראַכט אַלץ, וואָס ס'האָט מיך דאָ אינטערעסירט. דער כאַוווער מײַנער האָט פעסט צוגע־שפּאַרט פון יענער זײַט די טיר. אין צימער זײַנען געשטאַנען פינף בעטלעך, אין א ווינקל — א ברייטער אַלמער מיט פינף אָפּטיילונגען. כ'האָב געעפנט איין טירל און דערזען שטיין א ביקס, אַף א פּאָליטשקעלע איז געלעגן א פוסטער פּאַטראָנטאַש, קיין קוילן זײַנען ניט געווען. אין דעם צווייטן צימער — דאָס זעלבע בילד. בא דער טיר, ווו ס'איז געשטאַנען דער דע־זשורנע, האָב איך אויך גאָרנישט ניט באַמערקט.

וועגן דעם אַלץ האָב איך איצט דערציילט מײַנע כאַווערים:

— ס'האָט זיך באַשטעטיקט דאָס, וואָס מיר האָבן געקלערט, די פאַשיסטן פאַרטרויען ניט די וולאַסאָווצעס. דעריבער איז אונדזער באַשלוס צו פאַרניכטן אין דער ערשטער ריי די קאָמאַנדשאַפט פונעם לאַגער — דער ריכטיקסטער. די סאָלדאַטן דאַרפן בלײַבן אָן קאָמאַנ־דירן, און ביז וואָס־ווען, ביזוואַנען זיי וועלן קריגן קוילן, וועלן מיר שוין זײַן פון יענער זײַט דראָט־פאַרצוימונג.

אַלע האָבן געפּילט, אַז ס'האָט געשלאָגן די שאָ. מ'האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו מײַנע רייד:

— מיר דאַרפן פאַרניכטן אַלע דײַטשישע אָפיצערן — איינציקווײַז און האַסטיק, אין פאַר־לויף פון איין שאָ, מ'זאָל זיך ניט באַווײַזן אַרומצוקוקן און אויפהייבן אָן אַליאַרעם. אַלץ דאַרף ווערן אָפּגעטאָן אָרגאַניזירט, אָן טומל. פאַרניכטן וועלן מיר די בלוטיקע מערדער אין די וואַרשטאַטן, וווהין זיי וועלן אײַנגעלאַדן ווערן אונטער קאָלערליי אויסריידן. מענטשן אַף צו פאַרניכטן די עסעסאָווצעס וועל איך גופא אויסטיילן. אָנהייבן וועלן מיר האַלב פיר בא־טאָג. בזשעצקי וועט געפינען אָן אויסרייד אוועקצופירן אונדזערע דרײַ מענטשן אין דעם צווייטן סעקטאָר, דאָרט דערמאָרדן זיי פיר אָפיצערן. דאָס זעלבע וועט צו פיר אַזייגער אָפּגעטאָן ווערן אין דעם ערשטן סעקטאָר. צו דער צײַט פאַראַליזירן מיר אַלע פאַרבינדונגס־מיטלען, באַזונדערס די טעלעפאָן־פאַרבינדונג מיט דער געבײַדע, ווו עס געפינט זיך די רעזערוו־וואַך. אין דעם גאַראַזש דאַרף מען צעשעדיקן די מאָטאָרן פון די אויטאָמאַשינען, ניט פאַרגעסן אין דער פאַנצער־מאַשין, וואָס שטייט לעבן דעם אָפיצערישן שטיבל. האַלב פינף שטעלט בזשעצקי אויס אַלע קאַצעטניקעס אין א קאָלאָנע, קלוימערשט אַף אַרבעט, נאָר זי לאָזט זיך צו די הויפּט־טויערן. אין די ערשטע רייען שטעלן זיך אוועק די מענטשן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. זייער אויפגאַבע איז: פאַרבײַגייענדיק דעם סקלאַד מיט געווער, פאַרכאַפּן אים, באַם טויער פאַלן זיי אָן און פאַרניכטן די וואַך...

יאַנעק האָט א פאַרזאָרגטער געפרעגט:

— וואָס טוען מיר, אויב די וואַך הייבט אָן שיסן נאָך ביז מיר זײַנען צוגעקומען צו דעם טויער און שנײַדט אונדז אָפּ דעם וועג צו אים?

— אַף דעם פאַל, — האָב איך אויפגעקלערט, — האָבן מיר א צווייטן וואַריאַנט. אײַך איז באַוווסט, אַז דאָס אָפיצערן־שטיבל שטייט זייער נאָענט צו דער דראָט־פאַרצוימונג. איך קלער, אַז די דײַטשן האָבן אָדער אײַנגאַנצן ניט פאַרמינירט דעם צוגאַנג צו דעם שטיבל, אָדער זיי האָבן אויסגענוצט בלויז סיגנאַל־מינעס. אַזוי, אַז דורכרײַסן אין אָט דעם אָרט די דראָט־פאַרצוימונג שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין גרויסע שוועריקייט. עטלעכע מענטשן שנײַדן איבער מיט שערלעך דאָס דראָט, די, וואָס לויפן די ערשטע, דאַרפן פאַרוואַרפן דעם וועג מיט שטיינער, ברעטער און מיט אַלץ, וואָס וועט זיך נאָר טרעפן אונטער די הענט, קעדיי

אופרײַסן די מינעס. אָט דאָס איז דערװײַל אַלץ, װאָס כ'האָב אײַך געװאָלט זאָגן. צי האָט איר נאָך פֿאָרשלאָגן, באַמערקונגען אָדער אױסבעסערונגען?
ס'זײַנען געװען עטלעכע פֿאָרשלאָגן, נאָר אינגאַנצן גענומען איז דער פּלאַן באַװיליקט געװאָרן.
באַם געזעגענען זיך האָב איך נאָכאַמאָל געװאָרנט:
— קײנעם קײן װאָרט ניט, אַפֿילע דעם נאָענטסטן מענטשן. די מינדסטע אומפּאָרזיכטיקײט — און מיר קאָנען אומקומען, ניט בלױז מיר — אַלע.

די שאָ האָט געשלאָגן

מיר האָבן װידעראַמאָל זיך פֿאַרזאַמלט און ענדגילטיק באַשלאָסן: מיר אַנטלױפֿן מאָרגן, דעם 14 אָקטיאַבער. איך האָב געװאָרנט מײַנע כאַװײרים:
— האָט אין זינען, אַז מיר קאָנען ניט אױסרעכענען אױף זײַטיקער הילף. דער פֿראָנט געפֿינט זיך װײַט פֿונדאַנען, לעגערעך לעבן קיִעװ. קײן פֿאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער האָבן מיר ניט. דעריבער דאַרפֿן מיר זיך פֿאַרלאָזן בלױז אױף זיך גופֿע, אױף די אײגענע קױכעס.
די גאַנצע נאַכט האָב איך און לײטמאַן קײן אױג ניט צוגעמאַכט. ליגנדיק אױף די נאַרעס אײנער לעבן צװײטן, האָבן מיר נאָכאַמאָל און װידעראַמאָל פֿאַרפֿינקטלעכט דעם פּלאַן, זיך געײַצעט װעגן פֿאַרשײדענע זאַכן. איך האָב לאַנג געקלערט, װעמען שיקן אין דעם צװײטן סעקטאָר אױף אַרױסצופֿירן פֿון דאָרט די פֿרױען. פֿאַר מײַנע אױגן איז געשטאַנען באָריס ציבולסקי — אַזאַ, װי אין יענעם טאָג, באַ דעם באַראַק, װען מיר האָבן דערהערט דאָס קינדערשע געשרײ... טאַקע אים װעל איך שיקן אין דעם צװײטן סעקטאָר. די האַנט װעט באַ אים קײן ציטער ניט טאָן.
אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיר פֿאַנאַנדערגעטײלט די מעסערס צװישן זיכערע מענטשן.
דער טאָג איז געקומען אַ העלער, אַ זוניקער. פֿון אינדערפֿרי האָב איך געאַרבעט אין אײנעם אַ באַראַק, װאָס איז געװען װי אַן אָפּטײלונג פֿונעם סטאָליער־װאַרשטאַט. דורכן פֿענצטער האָט מען געקאָנט זען דעם גאַנצן הױף פֿונעם ערשטן סעקטאָר. אײנעם באַראַק האָבן זיך געפֿונען נאָך אַכט קאַצעטניקעס. אַכוץ סעמיאָן ראָזענפֿעלדן, האָט נאָך קײנער פֿון זײ ניט געװוּסט װעגן דער פֿלײטע, כאָטש אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז עס דערנעענטערן זיך װיכטיקע געשעענישן, האָבן זײ יאָ געהאַט. נאָר װאָס — האָבן זײ ניט געװוּסט.
פֿיר אַזײגער האָט אהערַ אין באַראַק באַדאַרפֿט קומען פֿרענצעל. מ'האָט אים אַרױסגערופֿן אַ קוק טאָן אױף דעם אַלמער, װאָס מע מאַכט פֿאַרזײַנעטװעגן. דערמאָרדן פֿרענצעלן דאַרף ראָזענפֿעלד. ער האָט אין אַ װינקל פֿונעם באַראַק שױן אָפּגעריסן עטלעכע ברעטער. דאָ װעט ער פֿאַרבאַהאַלטן די נעװײלע.
אַ צװאַנציק מעטער פֿון מיר, אין אַ צװײטן באַראַק, האָט זיך געפֿונען לײטמאַן מיט אַ גרופּע פֿון צװעלף מאַן, װעלכע ער האָט אונטערגעקליבן מיט יאַנעקס הילף. אין דער גרופּע זײַנען אַרײַן: אַלעקסײ װײַצען, יעפֿים ליטװינאָװסקי, באָריס ציבולסקי, נאַום פּלאָטניצקי, באָריס טאַבאַרינסקי, אַלעקסאַנדער שאַבאַיעװ, אַרקאַדי װײַספּאַפּיר, מאַזורקעװיטש און נאָך עטלעכע מענטשן, װעלכע האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרניכטן די געסטאַפּאָװצעס און זיך שטעלן בעראָש פֿון באַזונדערע גרופּעס.
צען אַזײגער אינדערפֿרי האָט יאַנעק געשיקט נאָך מיר, איך זאָל קומען אין סטאָליער־װאַרשטאַט. דאָרט איז שױן געװען לײטמאַן. ער האָט דערצײלט:
— דערװײַל גײט אַלץ לױטן פּלאַן. יאָהאַן נוימאַנען האָבן מיר אױף פֿיר אַזײגער אײַנגעלאַדן אין שנײַדער־װאַרשטאַט אָנמעסטן דעם קאָסטיום, װאָס ער נײט זיך דאָרט. צו דער זעלבער צײַט װעט קומען אין שוסטער־װאַרשטאַט דער נאַטשאַלניק פֿונעם דריטן סעקטאָר געטדינגער. מיט פֿופֿצן מינוט שפּעטער װעט אַהין קומען דער אונטערשאַרפֿירער קליאַט. פֿרענצעל װעט קומען אַ קוק טאָן אױפֿן אַלמער אױך צו פֿיר אַזײגער. די איבעריקע אָפֿיצערן האָבן מיר אײַנגעלאַדן אין די װאַרשטאַטן — װעמען אױף פֿופֿצן און װעמען אױף אַ האַלבער שאָ שפּעטער.
איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין באַראַק. אינגיכן איז געקומען שאַבאַיעװ. איך האָב אים געזאָגט:
— דרײַ אַזײגער באַטאָג דאַרפֿסטו שױן זײַן אין שנײַדער־װאַרשטאַט. װעסט נעמען מיט זיך די דלאָטע, אַ הובל און אַ האַק. געדענק: װעט באַ דיר אַ ציטער טאָן די האַנט, און דער

דײַטש װעט מאכן א גוואַלד, זײַנען מיר אלע פאַרפאַלן. מיט דיר װעט גײן סאָניע.

דערנאָך איז געקומען ציבולסקי. כ׳האָב זיך געװענדעט צו אים:

— באַריס, ס׳האָט געשלאָגן די שאָ. אױף דעם שװערסטן באַצירק שיק איך דיך, װײַל דיך קען איך מער און בעסער פון אלע איבעריקע. מיר זײַנען אינײנעם געזעסן אין קעלער. מיט דיר װעלן גײן צװײ זיכערע כעװרע, לײטמאַן װעט זײַ דיר באַװײַזן. איר װעט נעמען מיט זיך צװײ העק. עס װעט קומען נאָך אײַך בזשעצקי, און איר װעט אװעקגײן אין דעם צװײטן סעקטאָר. פאַרגעדענק, באַריס, — דו הײבסט אָן דער ערשטער. דײַן ערשטער קלאַפּ װעט באַגײַסטערן די איבעריקע, און קײן װעג אױף צוריק װעט שױן ניט זײַן. אויב עמעצער פון די כעװרע, װאָס גײט מיט דיר, װעט ארױסװײַזן פּאַכדאָנעס, טײקעף פאַרבײַט אזא מיט א צװײטן. אין אזא אײניען טאָר מען קײנעם ניט נײטן.

— מעגסט זײַן רויִק, סאשע, — האָט געענטפערט באַריס, — אלע װאַרטן נאָר אױף א סיגנאַל.

— גײ, באַריס, שיק אַרײַן צו מיר אַרקאַדין.

אין א פּאָר מינוט אַרום איז אַרקאַדי װײַספּאַפּיר אַרײַנגעלאָפן א פאַרסאָפּעטער.

— סאשע, האָסט מיך גערופן?

— יאָ, אױף דיר מיט לערנערן ליגט דער שוסטער־װאַרשטאַט. אהין װעלן אין א געװיסן צײַט־אינטערװאַל קומען דרײַ עסעסאָװצעס. פאַר דער גאַנצער אָפּעראַציע, אַרקאַדי, טראָגסטו די פאַראַנטװאָרטלעכקײַט. װעגן אלע פּראָטים װעט דיר זאָגן לײטמאַן. דאָס גאַנצע געװער אײַערס באַשטײט פון צװײ העק.

נאָום פּלאָטניצקי און אלעקסײ װײַצען האָבן געהאַט די אױפגאַבע, בעראָש פון א גרופּע, װען די קאַלאָנע װעט זיך שױן רירן פון אָרט, פאַרכאַפּן דעם סקלאַד מיט געװער און בא די צענטראַלע טױערן אָנפאַלן אױף דער װאַך, געבנדיק א מעגלעכקײַט די אומבאַװאָפנטע מענטשן זיך דערקלײַבן צום דערבײַיִקן װאַלד. ערשט דערנאָך גײען זײ אלײן אװעק.

יעפים ליטװינאָװסקי און באַריס טאַבאַרינסקי מיט א גרופּע האָבן בא זיך ספּעציעלע שערלעך, און אין פאַל, װען די אָפּעראַציע בא די צענטראַלע טױערן גיט זיך ניט אײַן, שנײַדן זײ איבער די דראָט־פאַרצױמונג לעבן דעם אָפיצערישן שטיבל.

צװײ אזײגער באַטאָג איז אומדערװאַרט אַרײַנגעקומען אין סעקטאָר א דײַטשישער אָפיצער, באַװאָפנט מיט אן אױטאָמאַט, און אװעקגעפירט מיט זיך בזשעצקין מיט נאָך דרײַ מענטשן. דאָס האָט אונדז שטאַרק אױפגערודערט: שױן זשע א פאַראַט? ערשט אין א שאָ אַרום האָט מען מיר מיטגעטײלט, אז בזשעצקין מיט די מענטשן האָט מען אװעקגעשיקט אין דעם „נאָרד־לאַגער״ צונױפלײגן דאָס געהילץ. איך האָב באַפױלן דעם קאַפּאָ טשעפּיקן נעמען פון לײטמאַנס גרופּע דרײַ מענטשן מיט העק און, בעראָש מיט ציבולסקין, אָפּפירן זײ אין דעם צװײטן סעקטאָר.

אין הױף קומט אַרײַן א גרופּע בלעכער. זײ האַלטן אין די הענט רינװעס, דאָרטן ליגן זעקס ביקסן מיט קױלן, װאָס די פּרױען, װעלכע ראַמען אױף דאָס אָפיצערן־שטיבל, האָבן באַצײַטנס אַרױסגעטראָגן און פאַרבאַהאַלטן אין אן אָפּגערעדט אָרט.

ס׳האָט פּאַסירט אזױ, אז דער נאַטשאַלניק פונעם לאַגער דער האױפּטשטורמפירער יאָהאַן נױמאַן איז געקומען אין שנײַדער־װאַרשטאַט אױף צװאַנציק מינוט פאַר דער צײַט. ער איז אַראָפּגעקראָכן פונעם פערד, אָפּגעלאָזט דאָס צײַמל און איז אַרײַן אין װאַרשטאַט. שאַבאַיעװ און סאָניע זײַנען שױן געװען דאָרט. בא דער טיר איז געלעגן די האַק, א צוגעדעקט מיט אן אלטער גימנאַסטיאָרקע. נױמאַן האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם מונדיר, דעם רימען, אױף װעלכן עס איז געהאַנגען די קאַבורע מיטן פּיסטאָלעט, און אװעקגעלײגט אױפן טיש. יוזעף דער שנײַדער איז צוגעגאַנגען צו אים און אָנגעהױבן מעסטן אױף אים דעם קאָסטיום. סאָניע האָט זיך דערנעענטערט צום טיש, אױף דעם פאַל, אויב נױמאַן װעט זיך א כאַפּ טאָן פאַרן פּיסטאָ־לעט. דערלאַנגען דעם קלאַפּ מיט דער האַק האָט באַדאַרפט שאַבאַיעװ — פּונקט אזא װוקסי־קער, װי נױמאַן.

נױמאַן איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אזױ, אז ער איז אױסגעקומען מיטן פּאָנעם צו שאַבאַיעװן. יוזעף האָט א קער געטאָן נױמאַנען מיטן פּאָנעם צו דער טיר, מיטן אױסרײד, אז אזױ װעט זײַן באַקװעמער מאַכן די „פּרימערקע״. אין אײן אױגנבליק האָט שאַבאַיעװ א כאַפּ געטאָן די האַק און מיט קױעך א זעץ געטאָן דעם פאַשיסט איבערן קאָפּ. נױמאַן האָט זיך א װאַקל געטאָן. א צװײטער קלאַפּ, און מיט דעם בלוטיקן קאַט איז געװען פאַרענדיקט. זײַן טױטן גוף האָט מען פאַרוקט אונטערן בעט, װאָס איז געשטאַנען אין װאַרשטאַט, און פאַר־דעקט מיט אלטװאַרג. דאָס בלוט אױפן דיל האָט מען טײקעף פאַרשאָטן מיט זאַמד, װאָס איז געװען באַצײַטנס צוגעגרײט.

נױמאַנס פּיסטאָלעט האָט שאַבאַיעװ געבראַכט מיר:

— סאשע, דאָס ערשטע געווער קומט דיר...
איך האָב אים ארומגענומען:
— א דאַנק, טײַערער... נו, דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן. אַף צוריק איז איצט שוין דער וועג אָפּגעשניטן. לויף צוריק אין וואַרשטאַט.
דעם גאַנצן פרימאָרגן האָב איך שטאַרק זיך נערווירט, כ'האָב מיט אַלע קויכעס זיך געשטאַרעט אויסבאַהאַלטן עס. ווי נאָר אָבער ס'האָט זיך אָנגעהויבן און איך האָב זיך דער־וווּסט, אַז די אָפּיצערן ווערן פאַרניכטעטע און דער פּלאַן ווערט פאַרווירקלעכט, האָב איך זיך באַרויִקט.
פּינקטלעך פיר אַזייגער איז אין שוסטער־וואַרשטאַט געקומען דער שטורמפיורער געטינ־גער אָפּנעמען זײַנע שטיוול.
— יאָ, זיי זײַנען פאַרטיק, — האָט געענטפערט יאַקוב. — מעסט זיי אָן.
ווי נאָר דער געסטאַפּאָ־אָפּיצער האָט זיך צוגעזעצט און גענומען אַראָפּשלעפּן פון פוס דעם אַלטן שטיוול, האָט אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר אים צעשפּאָלטן דעם קאָפּ.
אין פופצן מינוט אַרום איז אין שוסטער־וואַרשטאַט געקומען דער שעף פון דער לאַגער־וואַך דער שטורמפיורער יאַכים גריישוט, אויך קעדיי אָפּנעמען זײַנע נײַע שטיוול. לערנער האָט זייער גיך זיך ספּראַוועט מיט אים...
צוואַנציק מינוט אַף פינף איז ציבולסקי געקומען צו לויפן פונעם צווייטן סעקטאָר און אָן אופגערודערטער מיטגעטיילט:
— פיר פאַשיסטן האָבן מיר פאַרניכטעט. די טעלעפאָן־פאַרבינדונג איז איבערגעריסן. צוויי מענטשן, באַוואָפנטע מיט פּיסטאָלעטן, האָב איך אוועקגעשטעלט לעבן דעם באַראַק, קיינער זאָל ביזן סיגנאַל פון דאָרט ניט אַרויסגיין.
שוין א סאַך שפּעטער, נאָכן אופשטאַנד אין סאָביבאָר, האָט מען מיר דערציילט די פּראַ־טים, וויאַזוי ציבולסקי מיט זײַן גרופּע האָט העלדנמוטיק אויסגעפירט די פאַרגעבונג.
ווען דער קאַפּאָ האָט זיי געבראַכט צו פירן אין דעם צווייטן סעקטאָר, האָט לעאָן זיי אַרײַנגעפירט אין דעם באַראַק, ווו מ'האָט פאַנאַנדערגעלייגט לויט די מינים און געפּאַקעוועט די מאַלבושים פון די אומגעקומענע אין די גאַז־קאַמערעס. אָפּגעקליבן צווישן די זאַכן א נײַעם לעדערנעם מאַנטל, איז לעאָן אוועק צום אונטערשאַרפיורער זיגפריד וואָלפן אים זאָגן, אַז ער האָט פאַר אים אן אַנטיקל, אַזוינס ווי אַזעלעכס, אַז קאַלזמאַן קיינער האָט נאָך דעם מאַנטל ניט צוגענומען, זאָל ער קומען אין באַראַק אים נעמען.
די גיריקײַט פונעם פאַשיסט איז געווען שטאַרקער פון אַלץ. ער איז טייקעף אוועקגע־לאָפן אין באַראַק. עס האָט דאָ שוין אַף אים געוואַרט ציבולסקי מיט זײַנע כעווערע. צוריק איז שוין דער אונטערשאַרפיורער פונעם באַראַק ניט אַרויס. זײַן טויטן קערפּער האָט מען פאַרשאָטן מיט א באַרג קליידער, מיט יענע קליידער, וואָס זיגפריד וואָלף האָט אַראָפּגעריסן פון די אומגליקלעכע, אומשולדיקע קאָרבאָנעס.
אַפן זעלבן אופן האָט מען א סאַך געמאַכט מיט נאָך צוויי אָפּיצערן. א ביסל מער מאָ־ראָקע האָט ציבולסקי געהאַט מיטן פערטן עסעסאָוועץ דעם שטורמפיורער קליאַטע. ער האָט זיך געפונען אין דער קאָנטאָר, ווו עס איז געשטאַנען דער אײַזערנער אַלמער מיט די גאָלדענע כפייצים, וואָס די מערדער האָבן אוועקגערויבט בא די דעפּאָרטירטע פון פאַרשיידענע לענ־דער פון אייראָפּע. ציבולסקי און לעאָן האָבן פון א טישקעסטל אַרויסגענומען א זשמעניע גיל־דענע מאַטבייעס און זײַנען מיט נאָך צוויי פון דער גרופּע אוועק צו קליאַטען, קעדיי, קלוי־מערשט, איבערגעבן אים דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבן פאַרן טאָג „געפונען" אין די קעשענעס פון די אומגעבראַכטע. דער פאַשיסט האָט דערשפּירט, אַז עס קומט דאָ עפּעס פאָר. ער האָט זיך א הייב געטאָן פונעם בענקל, אַף וועלכן ער איז געזעסן, נאָר ציבולסקי האָט זיך האַסטיק א וואָרף געטאָן אַפן היטלעריסט און גענומען אים שטיקן. ציבולסקין זײַנען געקומען צוהילף לעאָן מיט די איבעריקע כעווערע.
פּונקט אין דער צײַט, ווען באָריס ציבולסקי האָט מיטגעטיילט, אַז די פאַרגעבונג איז אויסגעפירט, איז אינעם הויף פון ערשטן סעקטאָר אַרײַנגעקומען דער אונטערשאַרפיורער גאָולשטיק און דער קאַפּאָ שמידט. לייטמאַן האָט שוין דאָ געוואַרט. ער איז צוגעגאַן צו גאָול־שטיקן און געזאָגט:
— מיר מאַכן דאָ נײַע נאַרעס, און עס קלעפּט זיך עפּעס ניט בא אונדז. קומט אַרײַן אין באַראַק, ווײַל דער אוילעם שטייט און ווייסט ניט, וואָס ווײַטער צו טאָן.
גאָולשטיק האָט זיך געלאָזט גיין צום באַראַק. שמידט האָט געוואָלט אים נאָכגיין. נאָר בזשעצקי, וועלכער איז אויך דאָ געווען, האָט אים א נעם געטאָן בא דער האַנט:
— אויב דיר איז טײַער דאָס לעבן, גיי אים ניט נאָך. שטער ניט!

שמידט האָט מיט שרעק א קוק געטאָן אף בזשעצקין.

לייטמאַן איז אַרײַן אין באַראַק אינאיינעם מיט גאָלשטיקן. אינווייניק, בא דער שוועל, זײַנען מיט העק געשטאַנען צוויי פון לייטמאַנס גרופּע. ס'האָט געדויערט איין אויגנבליק, און דער אונטערשאַרפירער איז שוין געלעגן מיט א דורכגעלעכערטן קאָפּ.

לייטמאַן האָט געבראַכט נאָך איין גוטע בשׂורה: דער שלאָסער פון לאַדזש העניך ענ־געל, וואָס האָט געאַרבעט אינעם גאַראַזש, האָט דערהאַרגעט דעם אונטערשאַרפירער בעק־מאַנען און צוגענומען זײַן אויטאָמאַט.

— דאָס איז גוט. נאָר וואָס טוט מען מיט פרענצעלן? ער יאָוועט זיך ניט...

— כאַפּט אים דער רויעך. ער וועט ניט אַרויס פון אונדזערע הענט. און איצט, סאַשע, איז צײַט צו גיין. ס'איז אָן צוואַנציק מינוט פינף...

— עפשער לאָמיר נאָך צוּוואַרטן אף פרענצעלן?

מע האָט צוגעוואַרט נאָך צען מינוט. פרענצעל איז ניט געקומען.

א צעראָדערטע, איז געקומען צו לויפן ליוקע.

— וואָס קומט פאַר אין לאַגער? — האָט זי געפרעגט, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם.

— אין צען מינוט אַרום וועלן אַלע אַנטלויפן פונעם לאַגער. איב דו האָסט א פּאָר הויזן — טו זיי אָן. אַזוי וועט דיר זײַן באַקוועמער צו לויפן דורכן וואַלד.

— סאַשע, דו האָסט זיך אַנטשלאָסן אף אַזא זאַך?

— ס'איז שפּעט וועגן דעם צו ריידן. מיר האָבן שוין פאַרניכטעט קימאַט די גאַנצע קאָ־מאַנדשאַפט פונעם לאַגער.

ליוקע איז געשטאַנען א פאַרלוירענע.

— סאַשע, איך האָב מוירע. ניט פאַר זיך — פאַר אַנדערע, פאַר דיר... — טרערן זײַנען איר אַנגעלאָפן אין די אויגן.

כ'האָב זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און שטרענג געזאָגט:

— ס'איז ניטאָ קיין צײַט, ליוקע. גיי גיכער.

ליוקע איז אַוועקגעלאָפן, אין א פּאָר מינוט אַרום זיך אומגעקערט צוריק און מיר דער־לאַנגט עפּעס א פּעקעלע.

— וואָס איז עס?

— א העמדל, מײַן טאַטנס העמדל.

— צוליב וואָס?

— טו עס אָן.

— איך האָב מיר מײַנס.

— ניין, טו אָן אָט דאָס — מײַן טאַטנס טאַליסמאַן. ס'האָט אים שטענדיק געגליקט אין דעם.

— ליוקע, רעדסט נאַרישקײַטן. ס'איז קיין צײַט ניטאָ.

— זאָל זײַן נאַרישקײַטן. ביזוואַנען דו טוסט עס ניט אָן, גיי איך ניט אוועק פונדאַנען.

איך האָב קיין אַנדער ברייַרע ניט געהאַט. כ'האָב אַרופגעצויגן אף זיך דאָס העמדל, און ליוקע איז אַוועקגעלאָפן.

מ'האָט ניט געטאָרט מער וואַרטן אַפילו קיין רעגע.

בזשעצקי האָט געגעבן א סיגנאַל, מע זאָל זיך אויסשטעלן. אַלע זײַנען אַרויסגעלאָפן פון די באַראַקעס. אין הויף איז אַרײַנגעקומען מיט א זידלערײַ דער נאַטשאַלניק פונעם קאַראַול (זײַן פאַמיליע־נאָמען געדענק איך ניט). לאַנג זידלען זיך האָט אים דער אופגעראָדערטער האַמוין ניט געלאָזט, ס'האָבן א פינקל געטאָן אף דער זון טעלעבע העק מיטאַמאָל. אין אָט דעם שפּאַנענדיקן מאָמענט האָט זיך צו אונדז דערנעענטערט די קאָלאָנע פונעם צווייטן סעק־טאָר. איך האָב א געשריי געטאָן:

— כאַוויירים! צו די טויערן!

באָריס ציבולסקי האָט אויסגעשריִען „הוראַ", די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט, און א מעכטיקער ווידערקאָל האָט אָפּגעקלונגען פון יענער זײַט דראָט־פאַרצוימונג און זיך אוועק־געקײַקלט צום וואַלד.

אייניקע, וואָס האָבן ערשט איצט באַגרײַפט, וואָס עס קומט פאַר, זײַנען זיך פאַנאַנדער־געלאָפן אין פאַרשיידענע עקן. די גרונט־מאַסע האָט א שטראָם געטאָן צו די צענטראַלע טויערן, א טייל מענטשן האָט זיך געלאָזט צו דעם סקלאַד פון געווער. עס האָבן טייקעף אָנגעהויבן צו שיסן צוויי קוילנוואַרפער אף די וואַך־טורעמס און די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פּאַטרולירט צווישן די דראָט־פאַרצוימונגען. דער סטאָליער יאַן האָט טרעפלעך אויסגעשאָסן, געטראָפן אין דעם וואַלאַסאָוועץ אפן וואַך־טורעם. זײַן קוילנוואַרפער איז אַנשוויגן געוואָרן. דער

האמוין איז שוין צוגעגאנגען צו די צענטראלע טויערן און האָט אָפּגעווישט פּונעם וועג די וואָך. דער שלאָסער הענריך האָט געפּרווּט אונטערשיסן דעם קוילנוואָרפער פון צווייטן טורעם, נאָר ס'איז אים ניט געראָטן. דער קוילנוואָרפער האָט געהאַלטן אין איין שיסן.

די אָפּיצערן, וואָס האָבן אויסגעמיטן די האַק, האָבן געפּרווּט פּאַרצוימען אונדז דעם וועג מיט אַן אויטאָמאַטן־פייער, אָבער אופהייבן אַן אַלגעמיינעם אַליאַרעם האָבן זיי ניט באַוויזן.

דער אוילעם האָט זיך געלאָזט לויפן לענגויס דעם ערשטן סעקטאָר. אייניקע האָבן גלייך זיך אַ לאָז געטאָן אַף די מינען־פעלדער. אַ גרופּע, וואָס איז ספּעציעל געווען אויסגעטיילט, האָט מיט שערלעך געצומען שניידן דאָס שטעכדראָט לעבן דעם אָפּיצערישן שטיבל. אין אַ צווייט אָרט האָט מען געריסן דאָס דראָט מיט לאָפּעטעס.

לויטן פּלאַן האָט מען די מינען־פעלדער באַדאַרפט פּאַרוואַרפן מיט שטיינער, מיט שטיקער האָלץ און מיט אַלץ, וואָס עס וועט נאָר זיך טרעפן אונטער די הענט. דאָס וואָלט אַנטשעדיקט די מינעס, נאָר אין דער גרויסער בעהאָלע האָט קיינער דאָס ניט געטאָן. אַ סאַך זיינען דאָ אומגעקומען, און מיט זייער טויט האָבן זיי דורכגעלייגט אַ וועג פאַר אַנדערע.

פון אַלע עקן האָט געהילכט אַ שיסעריי — פון ביקסן, אויטאָמאַטן און קוילנוואָרפערס. עס האָבן זיך געריסן גראַנאַטעס און מינעס. די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געווער, האָבן געשליידערט אין די פאַשיסטן שטיינער, פאַרשאָטן זיי די אויגן מיט זשמעניעס זאַמד.

איך האָב זיך צוריק אומגעקערט אין באַראַק, קעדיי אַרויספירן די, וואָס זיינען נאָך דאָרט פאַרבליבן. לויפנדיק פאַרביי דעם אָפּיצערן־שטיבל, האָב איך דערזען פּרענצעלן. ער איז געשטאַנען באַ אַ צווייט שטיבל און פון אַן אויטאָמאַט באַשאָסן דעם וועג, איבער וועלכן עס זיינען געלאָפן די קאַצעטניקעס. איך האָב צוויי מאָל אויסגעשאָסן אין אים, נאָר ניט געטראָפן, ס'האָט, זעט אויס, זיך געלאָזט פּילן די נערוון־אָנשטרענגונג פון טאָג. כ'האָב זיך ניט פאַרהאַלטן, זיך אַוועקגעלאָזט מיט נאָך עטלעכע מענטשן צוריק צום טויער, ווו עס האָט נאָך אַלץ געדויערט דער געראַנגל. איך זע, ווי לייטמאַן בעראָש פון אַ גרויסער גרופּע פאַרנעמט אין אַ זייט פון די צענטראַלע טויערן און פּרווּט זיך אויך צעהאַקן די דראָט־פאַרצוימונג. זיי האָט שטאַרק באַשאָסן דער קוילנוואָרפער פון דעם צווייטן וואַך־טורעם.

איך האָב פאַרלאָזט דעם לאַגער איינער פון די לעצטע. עטלעכע שאָ בין איך געלאָפן דורכן וואַלד. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט האַסטיק און פיבערדיק, אָט וועט עס צעריסן אַף שטיקלעך. די פיס זיינען ווי אונטערגעהאַקט. די הענט און דאָס פּאָנעם — צעדראַפּעט, עס רינט דאָס בלוט, אָבער פון צעהיצטקייט פיל איך ניט קיין ווייטעק.

ס'האָט מיך געפּייניקט דער געדאַנק: צי זיינען אַלע אַוועק פון לאַגער, ווו זיינען לייטמאַן, ציבולסקי, ליוקע, לעאָן און אַנדערע נאָענטע פריינט מיינע?

כאָטש כ'האָב שוין אַליין קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס, האָב איך אונטערגעיאָגט די, וואָס זיינען געלאָפן אינאיינעם מיט מיר. אין וואַלד איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. די מידע פיס האָבן יעדע ווייַלע זיך פאַרטשעפּעט אין עפּעס אַ בערגל אָדער אין אַ פּניאַק. מיר האָבן אָבער זיך ניט אָפּגעשטעלט אַף קיין רעגע. יעדערער האָט געוואָלט כאָטש נאָך אַ ביסל זיך דערווייטערן פונעם טויט־לאַגער און פונעם וואַלד, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט די שרעקלעכע רייכעס פון פאַרברענטע מענטשלעכע לייבער.

מיר האָבן אינגאַנצן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס. ס'איז געווען שווער צו קוקן אַף די אויסגעמאַטערטע מענטשן, נאָר איך האָב געהאַלטן אין איין אונטעריאָגן: גיכער! גיכער! איך האָב געהאַט אַ גרונט צו קלערן, אַז ווי נאָר ס'וועט אָנהייבן צו טאָגן, וועלן די היטלעריסטן זיך לאָזן אונדז זוכן.

לויט די שטערן האָבן מיר זיך אָריענטירט, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג ווייַטער גיין. וועלדער, לאָנקעס, ריוון, פעלדער. פון אומעטום לויערט אַ טויט־געפאַר. פּלוצלינג דערטראָגט זיך צו אונדז אַ שיסעריי. ס'איז, דאַכט זיך, גאָר נאָענט.

ס'האָט אַ ברי געטאָן אין מויעך: „שוטע וואָס דו ביסט, פאַרוואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלן, אַז די דייַטשן וועלן אָנהייבן אונדז זוכן ערשט באַגינען... אָט האָט עס זיך שוין אָנגעהויבן...‟ אָבער דאָס האָט, זעט אויס, זיך געלאָזט פּילן די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג פון איבערגעלעבטן. ס'האָט זיך אונדז בלויז אויסגעוויזן, אַז די שיסעריי איז נאָענט. אינגיכן איז אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

צו אונדזער גרופּע קומען צו נאָך און נאָך מענטשן. מיר זיינען שוין באַ די דריי צענדליק. איך פאַרזאַמל דעם אוילעם ארום זיך און זאָג:

— דערווייַל גייט אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זיין. ס'איז אָבער ערשט דער אָנהייב, ניסיוינעס שטייען אונדז נאָך פאַר ניט ווייניק. מוזן מיר זיין אָרגאַניזירט. איך וועל גיין פון

פאַרנט, איר אַלע — נאָך מיר אין אַ קייטעלע. איינער דעם צווייטן זאָל ניט אַריבעריאָגן. עס דאַרף זײַן אַבסאָליוט שטיל. קיין שום רייד. אָן מײַן דערלויבעניש זאָל קיינער זיך ניט אָפּ־שטעלן. אויב דאָס איז אײַך קלאָר, בעט איך די, וואָס קענען, זאָלן איבערזעצן מײַנע ווערטער פאַר די, וואָס פאַרשטייען ניט קיין רוסיש. און איצט וויל איך באַ אײַך פרעגן: האָט עמעצער פון אײַך ניט געזען ליוקען און לייטמאַנען?

קיינער האָט זיי ניט געזען.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין ווײַטער. ענדלעך זײַנען מיר אַרויס פונעם וואַלד. אַן אומענדלעכער הוילער פּליין האָט זיך אָוועקגעצויגן אין דער ווײַט. אפילו קיין קוסטאַרניק איז ניט געווען צו זען. נאָר מע מוז גיין ווײַטער, יעדע מינוט איז טײַער.

בלויז אַף אַ ווײַלע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם. איך האָב פּאַראַדנט:

— מיר גייען ווײַטער אויסגעצויגן אין אַ גראַדער ליניע. פון פאַרנט וועט גיין שאַבאַיעוו. ווי נאָר ער וועט צופאַלן צו דער ערד, זאָלן אַלע אים טייקעף נאָכטאָן.

אינגיכן זײַנען מיר צוגעקומען צו עפּעס אַ קאַנאַל, וווּ מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט נאָך אַ גרופּע בעראָש מיט ווײַצענען. איך האָב אים געפרעגט, צי האָט ער ניט געזען לייטמאַנען.

— יאָ, כ'האָב אים געזען. ער איז געווען פאַרווונדעט אין אַ פוס. אַ קילאָמעטער דרײַ איז ער נאָך געלאָפן אינאיינעם מיט אונדז, דערנאָך האָט ער זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קוי־כעס און איז אומגעפאַלן. ער האָט זיך געבעטן בא אונדז, מיר זאָלן אים איבערלאָזן אין וואַלד. נאָר ווער האָט אזוינס געקאָנט טאָן, עס האָבן אים אַף די הענט אַוועקגעטראָגן מיט זיך די מענטשן פון דער גרופּע, וועלכע האָט געהאַלטן איר וועג צו דער שטאָט כעלם. אין דער דאָזיקער גרופּע איז אויך געווען לעאָן.

— און ליוקען האָסטו ניט געזען? צי עפּשער האָסטו עפּעס געהערט וועגן איר?

— וועגן ליוקען ווייס איך גאָרנישט ניט.

מיר זײַנען שוין איצט געווען פופציק מאַן.

מיר האָבן געזיגט

מוירע האָבנדיק, אַז עס וועט זיך איצט אַנטפּלעקן די געהיימעניש וועגן דעם טויט־לאַגער סאָביבאָר, האָט די געסטאַפּאָ אָפּגעגעבן אַ באַפעל דער געפּאַרלאָזיקײַט־דינסט אין ליו־בלינער וואָיעוואָדסטווע פאַר יעדער פּרײַז דערריאָגן און פאַרהאַלטן די אופשטענדלער. דער שטאַב פון דער מיליטער־אײנהײַט, וואָס האָט זיך דיסלאָצירט אין ליובלין, האָט אויסגעשטעלט עטלעכע אָטריאַדן עסעסאָווצעס, סאָלדאַטן און פּאָליצײַען. עס זײַנען אַרויסגעפלויגן אויסשפּיר־אַעראָפּלאַנען.

ווי גרויס ס'איז געווען די אופּרודערונג און די באַאומרויִקונג פון די נאַציסטן, איז צו זען פון דער מיטיילונג, וואָס עס האָט דעם 15 אָקטיאַבער 1943 געמאַכט דער קאָמאַנדיר פון דער אָרדענונגס־פּאָליציי פון ליובלינער וואָיעוואָדסטווע[1]:

„דעם 14 אָקטיאַבער 1943, באַ פינף אזייגער באַטאָג, איז אין לאַגער סאָביבאָר, פערציק קילאָמעטער צאָפנדיקער פון כעלם, פאָרגעקומען אַן אופשטאַנד פון די יידן. זיי זײַנען בײַגע־קומען דעם ווידערשטאַנד פון דער וואַך, האָבן פאַרכאַפּט דעם סקלאַד מיט געווער און אַנט־לאָפן אין אַן אומבאַוווּסטער ריכטונג. די אופשטענדלער האָבן דערמאָרדעט נײַן עסעסאָווצעס און צוויי וואַכמענער — אויסלענדער. איין עסעסאָוועץ האָבן זיי פאַרווונדעט, אַ צווייטער איז פאַרפאַלן געוואָרן.

עס זײַנען אַנטלאָפן מער פון דרײַ הונדערט מאַן, די איבעריקע, וואָס זײַנען פאַרבליבן אין לאַגער, זײַנען צעשאָסן געוואָרן. אָטריאַדן פון דער פּאָליציי און פונעם ווערמאַכט זײַנען פאַרפליכטעט געוואָרן צו באַוואַכן דעם לאַגער. די אומגעגנט צאָפנדיקער און צאָפן־מיזרעכ־דיקער פון סאָביבאָר איז דורכגעקעמט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און דעם מיליטער".

ס'האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. עס האָט געטריפט אַ האַרבסטיק־קאַלטער רעגן. איך האָב אַרויסגעשיקט פאָרויס אַן אויסשפּיר־גרופּע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז מיר געפינען זיך אַ הונדערט פופציק מעטער פון אַן אײַזנבאַן. לעערעך אַ האַלבן קילאָמעטער פונדאַנען האָבן די אויסשפּירער געזען עטלעכע מענטשן, וואָס רעמאָנטירן די רעלסן.

לענגויס דעם אײַזנבאַן־וועג האָט זיך געצויגן אַ קוסטאַרניק. מיר זײַנען אוועק אהין און

---

[1] דעם דאָזיקן דאָקומענט האָב איך געקראָגן אין מעלוכע־אַרכיוו. — אַ. פּ.

זיך דאָרט פארמאסקירט. אלע זײַנען געווען געוואָרנט וועגן דעם, אז אויב ס׳וועלן נאָענט זיך באַווײַזן די דײַטשן, זאָל מען ליגן שטיל, זיך ניט באַוועגן.

דעם גאנצן טאָג האָט פון אלע זײַטן זיך דערטראָגן צו אונדז א שיסערײַ, א סאך מאָל זײַנען איבער אונדזערע קעפּ דורכגעפלויגן אויסשפּיר־עראָפּלאנען. אָבער אין אלגעמיין איז דער טאָג — דער ערשטער טאָג אף דער פרײַ — דורכגעגאנגען בעשאָלעם.

ווען ס׳האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן, האָבן מיר פון צווישן די קוסטעס באַמערקט צוויי מענטשן, זיי האָבן פאַרזיכטיק געשפּאנט אין אונדזער ריכטונג. ווען זיי זײַנען שוין געווען גאָר נאָענט, האָבן מיר זיי אָפּגעשטעלט. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס זײַנען אויך אנטלאָפענע פונעם לאגער. זיי האָבן געהאט זיך געלאָזט גיין גלײַך צום בוג, נאָר אין איינעם א כוטאָר האָט מען זיי געוואָרנט, אז מ׳האָט דאָ געזען פארבײַגיין אין דער ריכטונג צום בוג א דײַטשישן אָטריאד, האָבן זיי ניט ריזיקירט ווײַטער צו גיין און פארקערעוועט אף צוריק.

אָן דער מינדסטער האָפענונג, האָב איך בא זיי א פרעג געטאָן, צי קענען זיי ליוקען און צי האָבן זיי זי ערגעץ ניט געזען.

איינער פון זיי האָט געענטפערט:

— מיר האָבן ליוקען געזען מיט דער גרופּע, וואָס איז געלאָפן אין דער זײַט פון כעלם.

א שטיקעלע האָפענונג האָט דערוואַרעמט מײַן הארץ.

ווען ס׳איז צוגעפאלן די נאכט, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין ווײַטער. אָפּגעגאנגען א פינף קילאָמעטער, זײַנען מיר צוגעקומען צו א וואלד. מיר האָבן באַשלאָסן זיך צעטיילן אף קליינע גרופּעס. אזוי וועט פאר אלעמען די געפאר זײַן קלענער.

אין מײַן גרופּע זײַנען געווען אַלעקסאנדער שאבאיעוו, באָריס ציבולסקי, ארקאדי ווײַס־פּאפּיר, סעמיאָן ראָזענפעלד, אלעקסיי ווײַצען, נאום פּלאָטניצקי, באָריס טאבארינסקי און שימען איצקאָוויטש.

מיר האָבן באַשלאָסן גיין בלויז באנאכט, זיך דערקלײַבן צום בוג, אריבערקלײַבן זיך אף יענער זײַט ברעג און ווײַטער האלטן דעם וועג אף מיזרעך.

פון מאָל צו מאָל פלעגן מיר זיך ארײַנכאַפּן אין א כוטאָר, פאנאנדערפרעגן דעם וועג. די פּאָליאקן האָבן זייער גוט זיך באַצויגן צו אונדז, מיטגעהאָלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט, באַזאָרגט מיט שפּײַז־פּראָדוקטן, געוואָרנט, ווו עס שטייען דײַטשישע וועכטער און וויאזוי אויסמײַדן זיי.

מיר גייען שוין די דריטע נאכט. ווען דער וואלד האָט זיך פארענדיקט, האָבן מיר דערזען א ברייטע לאָנקע. די לעוואָנע האָט זי העל באַלויכטן. א הונדערט מעטער פאר זיך האָבן מיר דערזען א קרענעצע, און עטוואָס ווײַטער — א פופציק מעטער, ניט מער — האָט זיך אויסגעטיילט א סילועט פון עפּעס א געבײַ. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. וואָס טוט מען? אלע כאַלעשן א טרונק. דער ברונעם האָט געצויגן צו זיך, ווי א מאגניט. מיר האָבן זיך אײַנגעשטעלט. ווי נאָר אָבער מיר האָבן זיך צו אים דערנעענטערט, האָט א שטעפּ געטאָן אן אווטאָמאט. מיר זײַנען זיך פאנאנדערגעלאָפן אין פארשיידענע עקן. צונויפגעקומען זיך בא דעם ראנד פונעם וואלד און זיך געלאָזט לויפן. מיר האָבן מוירע געהאט, מ׳זאָל ניט לאָזן נאָך אונדז קיין הינט.

מיר זײַנען אזוי געלאָפן א גוטע פאָר שאָ.

און אָט זײַנען מיר שוין גאָר נאָענט פונעם בוג, מיר הערן שוין זײַן גערויש. לעבן א קליין כוטאָרל שטעלן מיר זיך אָפּ. איך, שאבאיעוו און ווײַצען גייען ארײַן אין איינער א כאטע, די איבעריקע בלײַבן שטיין אף דער וואך.

אין שטוב, בא דעם טיש, איז געזעסן א זאָקן פון א יאָר זיבעציק. זיך געפּאָרעט מיט עפּעס. אין א זײַט איז געזעסן א באָרוועסע א יונגע פרוי און געהוידעט א וויגל. אף דער הרובע איז געלעגן און אונטערגעקרעכצט א זקיינע. אין א ווײַלע ארום איז פון א זײַטיקן צימער ארײַנגעקומען א הויכער, ברייטפּלייציקער באָכער, דער מאן פון דער יונגער פרוי באם וויגל.

זיך באגריסט מיט די שטוביקע, האָבן מיר געבעטן, מ׳זאָל פארהענגען דאָס פענצטער. איך האָב באַשלאָסן גיין מיט זיי אן אָפענע קאָרט. דערציילט, אז מיר זײַנען סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע, אנטלאָפענע פון א פאשיסטישן טויט־לאגער, אז מיר ווילן זיך אריבערקלײַבן אף יענער זײַט בוג, צי ווייסן זיי ניט א פליטקע אָרט, ווו מ׳זאָל קאָנען דעם טײַך אריבערגיין.

דער באָכער האָט געענטפערט, אז אזא אָרט ווייסט ער, ער וועט עס אונדז באַווײַזן, מיר זאָלן אים נאָר צוזאָגן, אז אויב מיר כאַפּן זיך ארײַן צו די דײַטשן, וועלן מיר אים ניט אויס־

1

2

3

1. א. פּעטשערסקי צווישן די שילער פֿון דער שול נומ. 26 אין ראָסטאָווער קאַנטקענטעניש־מוזיי
2. געוועזענע אופשטענדלער פֿון סאָביבאָר צווישן די פּיאָנערן פֿון דער דרוזשינע אף אַלעקסאַנדער פּעטשערסקיס נאָמען אין דער ראָסטאָווער שול נומ. 39
3. א גרופּע געוועזענע אסירים, אופשטענדלער אינעם טויט־לאַגער סאָביבאָר. פֿון לינקס אף רעכטס: יעפים ליטווינאָווסקי, אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר, אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי, אַלעקסיי ווײַצען, נאַום פּלאָטניצקי און סעמיאָן ראָזענפעלד

געבן. מיר האָבן צוגעזאָגט. די יונגע פרוי האָט אונדז געגעבן א לעבל ברויט אין וועג אַרײַן, און מיר זײַנען אַרויס פון דער שטוב. שוין פון יענער זײַט שוועל האָט אונדז דעריאָגט דער אַלטיטשקער און איבערגעציילעמט:

— זאָל אײַך גאָט אויסהיטן פון זייערע בלוטיקע הענט... זאָל גאָט געבן!..

ניט ווײַט פון דעם טײַך האָט דער באָכער באַוויזן, וווהין מיר דאַרפן ווײַטער גיין, און פאַרקערעווּעט אַף צוריק אַהיים.

נאָום פּלאָטניצקי האָט דער ערשטער „דורכגעטאַפּט" דעם וועג דורכן טײַך, און מיר זײַנען אַלע בעשאָלעם אַריבערגעגאַנגען אַף דעם קעגנײַבערדיקן ברעג.

אין דער נאַכט אַפן צוואַנציקסטן אָקטיאַבער האָבן מיר באַטראָטן די ערד פון ווײַסרוס־לאַנד. ווען מיר האָבן זיך דערווײַטערט פונעם ברעג אַף א פינף קילאָמעטער, האָט שוין אָנ־געהויבן שאַרײַען דער טאָג. קיין וואַלד איז אין דער נאָענט ניט געווען. מיר האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אין א קוסטאַרניק.

אַפּדערנאָכט־צו האָט ציבולסקי זיך דערפילט שטאַרק שלעכט, ער האָט געפיבערט, גע־קרעכצט פון היץ. נאָר מיר האָבן געמוזט גיין ווײַטער. א גאַנצע נאַכט האָבן מיר, יעדערער צוביסלעך, געהאָלפן באַריסן גיין. דער באַגינען האָט אונדז געטראָפן לעבן א קליין דערפל. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די פאַשיסטן וואָגן ניט צו באַווײַזן זיך אַהער, ס'איז די פּאַרטי־זאַנישע זאָנע.

ציבולסקין איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. צײַטנווײַז האָט ער אָנגעוווירן דעם באַ־וווסטזײַן. קאָמענדיק צו־זיך, האָט ער געבעטן, מיר זאָלן אים ווײַטער ניט שלעפן מיט זיך. די אָרטיקע פרויען זײַנען אויך באַשטאַנען, מיר זאָלן אים דאָ איבערלאָזן, זיי וועלן נאָך אים נאָכקוקן.

מיר האָבן באַשלאָסן אים איבערלאָזן אַף א שטיקל צײַט. ווו עס געפינען זיך די פּאַרטי־זאַנער, האָט מען אונדז ניט געזאָגט, זיי וויסן, קלוימערשט, ניט. מיר זײַנען ניט באַשטאַנען אַף דעם, האָבן פאַרשטאַנען, אַז צופיל פאַרטרויען אונדז קענען זיי אויך ניט.

אָבער גאָר אינגיכן, אין א צווייטן יִשעוו, איז אונדז באַשערט געווען אָנטרעפן אַף די פּאַרטיזאַנער פונעם אָטריאַד אַף וואָראָשילאָווס נאָמען. מיר האָבן באַקומען פון זיי אַן אויפ־טראַג מיטצוהעלפן אַריבערפירן א גרופע פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער אַף דעם פּאַרטיזאַנישן אַעראָדראָם אינעם דאָרף סוואָרין, בריסקער געגנט. פאַריינוועגס האָבן די פּאַרטיזאַנער, באַם אַריבערגיין די אײַזנבאַן־ליניע פּינסק — בריסק, אונטערגעלייגט דינאַמיט, אַף וועלכן, ווי מיר האָבן שפּעטער זיך דערוווּסט, עס האָט זיך אונטערגעריסן דעם סוינעס א מיליטערישער עשעלאָן.

אַלע כעוורע פון מײַן גרופע זײַנען אַרײַנגענומען געוואָרן אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אַף פרונזעס נאָמען. איך און נאָום פּלאָטניצקי — אינעם אָטריאַד אַף שטשאָרס נאָמען. ביידע אָטריאַדן האָבן אָפּערירט אין באַשטאַנד פון דער בריסקער פּאַרטיזאַנישער אייניקײַט. אין אָט־ריאַד האָט מען מיך פאַרזיכערט, אַז פאַר באָריס ציבולסקין מעגן מיר אינגאַנצן זײַן רויִק. ער געפינט זיך אין דער פּאַרטיזאַנישער זאָנע, און בייס א געפאַר וועט מען אים פון דאָרט אַרויספירן.

...לויט די ידיִעס, וואָס זײַנען שפּעטער דערגאַנגען צו אונדז, איז באָריס ציבולסקי גע־שטאָרבן אין אַפּרעל 1944 פון א לונגען־אָנצינדונג.

■

אויסגעצערטע, אומבאַוואָפנטע מענטשן זײַנען דעם 14 אָקטיאַבער 1943 אויפגעשטאַנען קעגן זייער טויט־סוינע, קעגן די בלוטדאָרשטיקע היטלערישע ראָצכים. די מערהײַט פון די דעפּאָרטירטע אין סאָביבאָר איז אַנטלאָפן. מיר האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן, אָבער מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן אַף דער פרײַ און ווידער פאַרנומען אונדזער אָרט אין די רייען פון די קעמפער קעגן דעם פאַשיזם. עס האָבן געזיגט די אויפשטענדלער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז א נײַ לעבן, פול מיט קאַמף און ניסיוינעס, אָבער א ליכטיקס און א פריידיקס. מיר האָבן מיט געווער אין די הענט זיך געשלאָגן קעגן סוינע, גענומען נעקאָמע אין די פאַשיסטן פאַר די מיליאָנען קדוישים.

לויט הימלערס באַפעל זײַנען די נאַציסטן אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן אויפשטאַנד צו־געטראָטן צו דער פולער ליקווידירונג פון סאָביבאָרער טויט־לאַגער. עס זײַנען אָראָפּגעטראָגן געוואָרן די באַראַקעס, די דראָט־פאַרצוימונגען. דער גאַנצער ערד־שעטעך, וואָס איז דורכגע־

זאַפּט געוועז מיטן בלוט פון העכער א האַלבן מיליאָן מענטשן, האָבן די מערדער איבער־געאַקערט און פאַרפלאַנצט א וואַלד, וואָס וועט, ווי זיי האָבן געקלערט, פאַרבאַהאַלטן די שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט.

דאָס איז זיי ניט געלונגען.

פיר יאָר נאָכאַנאַנד, טאָג און נאַכט, האָבן געפלאַקערט די קרעמאַטאָריע־אויוונס אין די פאַשיסטישע פאַרניכטונגס־לאַגערן. פאַרלאָשן האָט זיי די זיגרײַכע סאָוועטישע אַרמיי.

■

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" קאָן געוויס אינטערעסירן, וואָס איז ווײַטער גע־וואָרן מיט די, וואָס האָבן מיט דרײַסיק יאָר צוריק דורכגעריסן די דראָט־פאַרצוימונגען פון סאָביבאָר.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז אין יענעם גוירלדיקן טאָג האָבן דעם לאַגער פאַרלאָזט קימאַט אַלע קאַצעטניקעס. אָבער ווײַט ניט אַלעמען איז געווען באַשערט דערזען די פרײַהייט. א טייל איז אומגעקומען אַף די מינען־פעלדער, אַנדערע זײַנען געפאַלן פון די פאַשיסטישע קוילן, ניט דערלויפנדיק אַפילו צו די צענטראַלע טויערן, ניט וויניק זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן שוין דערנאָך, בײַס די פאַשיסטישע אַבלאַוועס. עס זײַנען געבליבן לעבן ניט מער ווי פיר הונ־דערט מאַן.

די יאָרן זײַנען געגאַנגען. אייניקע זײַנען געפאַלן אין די שלאַכטן קעגן דעם היטלערישן פאַשיזם, א סאַך זײַנען שוין געשטאָרבן. פיל זײַנען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט. הײַנט־צו־טאָג לעבן נאָך בא א דרײַסיק מאַן געוועזענע קאַצעטניקעס, אופּ־שטענדלער פון סאָביבאָר, דערין זיבן מענטשן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. זייערע נעמען זײַנען דעם לייענער שוין באַקאַנט.

סעמיאָן ראָזענפעלד איז בײַסן אופשטאַנד פאַרוווּנדעט געוואָרן אין א פוס. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די פּוילישע וועלדער, ביז ס'איז געקומען דאָס סאָוועטישע מיליטער. דער־נאָך האָט ער געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, איז דערגאַנגען ביז בערלין און האָט אַף די ווענט פונעם רײַכסטאַג איבערגעלאָזט א דערמאָנונג וועגן זיך: „באַראַנאַ־וויטש — סאָביבאָר — בערלין". שימען ראָזענפעלד לעבט איצט אין גײַוואָראָן, קיראָוואָ־גראַדער געגנט.

אַרקאַדי ווײַספּאַפּיר איז א געוויסע צײַט געווען אין דעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אַף פּרונזעס נאָמען. דעם גרויסן ניצאָכן איבערן פאַשיזם האָט ער באַגעגנט אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. ווײַספּאַפּיר לעבט איצט אין דאָנעצק.

אַלעקסיי ווײַצען האָט נאָך דער מילכאָמע, אין פאַרלויף פון פינף און צוואַנציק יאָר, געדינט אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. איצט איז ער שוין אַף פּענסיע און לעבט אין דער שטאָט ריאַזאַן.

יעפים ליטווינאָווסקי. נאָך דער פּליטע פון סאָבינאָר האָט ער זיך פאַרייניקט צו א גרופּע פּוילישע פּאַרטיזאַנער, דערנאָך געקעמפט אין פּיאַדאָראָווס באַרימטער פּאַרטיזאַנישער בריג־גאַדע און האָט די מילכאָמע אויך פאַרענדיקט אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. ער לעבט איצט אין קויבישעוו.

באָריס טאַבארינסקי לעבט אין מינסק, נאָום פּלאָטניצקי — אין דער שטאָט פּינסק.ביידע האָבן זיי זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן קעגן פאַשיזם — צוערשט אין די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, דערנאָך אַלס שלאַכטלײַט פון דער סאָוועטישער אַרמיי.

דער אווטאָר פון די דאָזיקע שורעס—אַלעקסאַנדער פּעטשערסקי—איז, ווי א סאַך אָנטיילנעמער פון דעם סאָביבאָרער אופשטאַנד, אויך געווען א פּאַרטיזאַנער און פאַרענדיקט די מילכאָמע אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. לעבט אין ראָסטאָוו.

■

אין 1965 האָט די רעגירונג פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק, אַף דעם אָרט, וווּ ס'איז געווען דער סאָביבאָרער לאַגער, געשאַפן אַן אײַנדרוקספולן מעמאָריאַל. אָט וויאַזוי ער איז באַשריבן אין דער פּוילישער צײַטונג, וואָס דערשײַנט אין ליובלין:

„...פון דער גאַנצער טעריטאָריע איז אויסגעקאָרטשעוועט געוואָרן דער וואַלד, וואָס די נאַציסטן האָבן פאַרפלאַנצט, קעדיי אָפּווישן די שפּורן פון זייער מערדערײַ. פון דעם גאַנצן שטעטך ערד איז אָפּגעשיילט געוואָרן דער אייבערשטער שיכט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט

מיטן בלוט, איבערגעמישט מיט די ביינער און מיטן אש פון די אומגעבראכטע. פון אָט דער ערד איז אין צענטער פונעם געוועזענעם לאגער אָנגעשאָטן א גרויסער קורגאן, פופציק מעטער אין דיאמעטער. באם אריינגאנג אַף דער טעריטאָריע שטייט א פינפמעטערדיקער דענקמאָל — א פרוי אין טיפן טרויער, מיט א קינד אַף די הענט. דער פּאָסטאמענט פונעם דענקמאָל האָט אזא קאָליר, ווי ער וואָלט געווען פארשפּריצט מיט בלוט.

דער מעמאָריאל דערשיטערט יעדן, וואָס קומט אהער צו באערן דעם אָנדענק פון די קדושים...״

■

דער שילערן טאניע נעקראסאָווען האָב איך דעמלט אויך פּערזענלעך געענטפערט:

„טייערע טאניושע!

איך בין שטארק צופרידן, וואָס דיך אינטערעסירט אלץ, וואָס קומט פאָר בא אונדז אין לאנד, מיט וואָס עס באשעפטיקט זיך איצט דאָס סאָוועטישע פאָלק.

איך פארשטיי: דיר ווילט זיך ניט גלייבן, דו קענסט ניט גלייבן, אז עס האָט עקזיסטירט א סאָביבאָר, אז אין די פאשיסטישע לאגערן זיינען אומגעבראכט געוואָרן מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, אז עס זיינען געווען אַף דער ערד ברוינע כייעס, וואָס האָבן געהאט דעם אָנבליק פון מענטשן.

צום באדויערן, טאניושע, איז דאָס אלץ אזוי געווען.

און די מענטשהייט טאָר דאָס ניט פארגעסן, קיינמאָל ניט!״

דער דענקמאָל די אסירים פון סאָביבאָר

מיטן פארעפנטלעכן די דאָקומענטאלע דערציילונג פון אלעקסאנדער פּעטשערסקי „דער אופשטאנד אין סאָביבאָר״ מערקן מיר אָפּ דעם דרייסיקסטן יאָרטאָג פון דעם מערקווירדיקן העלדנטאַט אינעם קאמף קעגן פאשיזם בייס דעם צווייטן וועלט־קריג.

אין דער געשיכטע פון דער ווידערשטאנד־באוועגונג, וועלכע ווייסט פון אָן א שיר העלדנמוטיקע אקציעס קעגן די נאציסטישע מערדער, פארנעמט דער אופשטאנד אין סאָביבאָר א באזונדער אָרט, און פריער פון אלץ מיט דעם, וואָס דאָס איז עפּשער דער איינציקער אופשטאנד, וועלכער האָט זיך פארענדיקט מיט א ניצאָכן פון די דעפּאָרטירטע.

ס׳איז באוווּסט, אז אין סאָביבאָרער טויט־לאגער זיינען אויך ביז דעם געווען פּרווון ארויסצורייסן זיך אַף דער פריי, אָבער צוליב דער ניט־גענוגנדיקער אָרגאניזירטקייט און אנטשלאָסנקייט, און דעריקער צוליב דער אָפּוועזנהייט פון דרייסטע אָנפירער, האָבן זיי זיך פארענדיקט מיט קאטאסטראָפאלע דורכפאלן.

די לאגע האָט זיך גרינטלעך געענדערט, ווי נאָר מע האָט קיין סאָביבאָר געבראכט צו פירן א גרופּע סאָוועטישע קריגסגעפאנגענע. זיי האָבן פונעם ערשטן טאָג אָן גענומען גרייטן אן אופשטאנד, ניט קיין פארשווערונג פון יעכידים, נאָר אן אָפּעראציע, אין וועלכער עס זאָל זיך באטייליקן די גאנצע אָדער קימאט די גאנצע מאסע קאצעטניקעס.

ברענענדיקער האס צום בלוטיקן סוינע, אָנראכמאָנעסדיקייט צו אים, גרייטקייט זיך מאקריוו זיין לעשעם דער באפרייונג פון די פארורטיילטע — אָט וואָס פארא מיילעס די סאָוועטישע מענטשן האָבן ניט אָנגעווירן אפילע אין די גרויליקע אומשטענדן פונעם פארניכטונגס־לאגער.

דער היסטאָריקער מ. י. סעמיריאגא שרייבט אין זיין בוך „די סאָוועטישע מענטשן אין דעם אייראָפּעישן ווידערשטאנד״:

„דער אופשטאנד פון די דעפּאָרטירטע אין סאָביבאָר איז די העלסטע אנטפּלעקונג פונעם קאמף, וואָס די סאָוועטישע מענטשן האָבן געפירט אין די היטלעריסטישע לאגערן... פארניכטנדיק די לאגער־אדמיניסטראציע, האָבן די אופשטענדלער, בא פיר הונדערט אכציק מאן, בעראָש מיט אלעקסאנדער פּעטשערסקין, געשטורעמט די הויפּט־טויערן פונעם לאגער און זיך ארויסגעריסן אַף דער פריי״.

דער העלדנטאַט פון סאָביבאָר וועט פארבלייבן אלס מוסטער פונעם הויכן גייסט פון די סאָוועטישע מענטשן אינעם געראנגל קעגן די טרעגער פון ראסיזם און מענטשן־האס.

אלעקסאנדער פּעטשערסקיס נאָטיצן האָט איבערזעצט און ליטעראריש באארבעט

י. טשיטשעלניצקי

צום 100־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן פּראָלעטאַרישן דיכטער

יויסעף באָווּשאָווער

לידער

רעוואָליוציאָן

איך קום ווי א שטאָלצער קאָמעט,
ווי די זון, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן;
איך קום ווי א בייזער געוויטער,
פון בליץ און פון דונער געטראָגן;
איך קום ווי א גלוטיקע לאַווע
פון וואָלקן־באַדעקטע ווולקאַנען;
איך קום ווי דער שטורעם פון צאָפן,
וואָס וועקט און דערשרעקט אָקעאַנען. —
איך קום, ווײַל עס האָבן טיראַנען
פאַרוואַנדלט די פעלקער אין טראָנען;

איך קום, ווײַל מע פיטערט דעם פרידן
מיט פולווער און בלײַ און קאַנאָנען;
איך קום, ווײַל די וועלט איז צעטיילט
און דער בונד פון דער מענטשהײַט צעריסן;
איך קום, ווײַל מע וויל פאַר דעם צײַט־גײַסט
דעם ענדלאָזן וועלט־רוים פאַרשליסן. —
איך קום, ווײַל די מענטשלעכע ברוסט
קען די זריַע פון לעבן ניט טייטן;
איך קום, ווײַל מע קען ניט די פרײַהײַט
אָף אייביק פאַרשמידן אין קייטן.

יויסעף באָווּשאָווער און זײַן צײַט

די געבורט־עפּאָכע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער האָט אַרויסגעבראַכט אירע דיכטער, וואָס האָבן אין זייערע לידער אָפּגעשפּיגלט דאָס שווערע, אומדערטרעגלעכע לעבן פון די ייִדישע אַרבעטער אין יענער צײַט. די דאָזיקע עפּאָכע האָט אונדז געגעבן דרײַ גרויסע רעוואָליוציאָנערע דיכטער: מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאַט און יויסעף באָווּשאָווער.

ווי האָט אויסגעזען דאָס לעבן פון דער אַרבעטער־סוויווע, וואָס אין איר האָבן געלעבט די ערשטע ייִדישע רעוואָליוציאָנערע דיכטער?

א שוידערלעך בילד האָט דעמלט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס לעבן פון די עמיגראַנטן אין אַמעריקע און ענגלאַנד. מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער און לענדער זײַנען געווען צוזאַמענגעשפּאַרט אין די שמוציקסטע און ענגסטע קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק, לאָנדאָן און אַנדערע שטעט; די לאַנדשפּראַך האָבן זיי ניט געקענט. ווי הילפלאָזע באַשעפענישן זײַנען זיי אומבאַרעכמאָנעסדיק עקספּלואַטירט געוואָרן פון שטאַרקן, וואַקסנדיקן קאַפּיטאַליזם פון יענע לענדער.

ניט בלויז אין באַשרײַבן דאָס שווערע לעבן און די נויט פון די אַרבעטער־מאַסן זײַנען ענלעך צווישן זיך די ערשטע ייִדישע רעוואָליוציאָנערע שרײַבער, נאָר זיי זײַנען ענלעך אויך לויט זייערע קאַמף־מאָטיוון. אַלע האָבן זיי גערופן דעם אַרבעטער צום קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם; אַלע האָבן אָנגעוויזן, אַז דער אַרבעטער איז דער באַלעבאָס פון אַלע רײַכטימער אין דער וועלט, אַז ער האָט די רײַכטימער מיט זײַן בלוט און שווייס געשאַפן, אַז ער מוז געניסן די פולע פרוכט פון זײַן אַרבעט.

איך האָב די פאַרקנעכטעטע פעלקער
געפירט אין די פריִערע צײַטן,
איך האָב זיי געהאָלפן די שענדלעכע קנעכטשאַפט
אָפּ פרײַהײַט פאַרבײַטן.
איך בין מיט דעם פאָרשריט געגאַנגען,
די וועלט אים געהאָלפן באַנײַען,
און גיין וועל איך הײַנט מיט די פעלקער
און וועל זיי אײַנגאַנצן באַפרײַען.

און אײַך, איר געהייליקטע געלט־זעק,
געזאַלבטע, געקרוינטע באַנדיטן,
איך וועל אײַך פאַרניכטן
מיט אײַערע פאַלשע געזעצן און זיטן,
איך וועל אײַער פאַרביקן פּורפּור,
ווי שמאַטעס, אָפּ שטיקלעך צעפּליקן,
צו וועלכן דאָס פאָלק האָט געיובלט
אין נאַרישער פרייד און אַנציקן. —
פאַרלירן וועט אײַער פאַרפראָרענע וועלט
איר בלענד־שײַן דעם שטאָלצן,
אַזוי ווי דער שניי, וועלכער פאַלט פון די אײַז־בערג,
פון זון־שײַן צעשמאָלצן!
און אײַערע הימלען, און אײַערע שיידים,
און אײַערע געטער,
איך וועל זיי צעשטערן, און ריין וועל איך מאַכן
די ערד און דעם עטער! —

און מעגט איר מיך וואָרגן, און שיסן, און הענגען —
אומזיסט אײַער מיִע!
מיך שרעקט ניט קיין טפיסע, מיך שרעקט קיין שאַפּאָט ניט,
מיך שרעקט ניט קיין טליִע!
אַרויסוואַקסן וועל איך פון דר׳ערד,
און איך וועל זי מיט וואָפן באַדעקן,
ביז איר וועט אָפּ אייביק פאַרזינקען,
ביז אײַך וועט דער קיווער פאַרמעקן!

יויסעף באָװשאָװער איז געבאָרן געװאָרן דעם 13 סענטיאַבער 1873, אין דעם אָרעמען שטעטל ליבאַװיטש, געװעזענע מאָלעװער גובערניע, אין אַ קלערי־קאַלער מישפּאָכע. אַ מענטש מיט אַ שטורמישער נאַטור, האָט ער גאַנץ גיך פײַנט געקראָגן די אָפּגעשטאַנענע סוויווע פון זײַן שטעטל און פון זײַן מישפּאָכע־קרײַז; ער האָט זיך אָנגעהויבן רײַסן צו אַ נײַ און שענער לעבן. דער יונגער באָװשאָװער האָט גענומען כאָלעמען פון אַ „בלומען־אינדזל״, און דעם דאָזיקן אינדזל האָט ער מיט דער גרעסטער באַגײַסטערונג געזוכט. ער האָט זיך אַװעקגעלאָזט אין דער „נײַער װעלט״ — קיין אַמעריקע — זוכן דאָס צויבער־לאַנד, וואָס זײַן פאַנטאַזיע האָט פאַר אים געמאָלט.

צוזעענדיק און פילנדיק אָפּ די אייגענע פּלייצעס די שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע, וואָס עס קומט פאָר אין דעם „פרײַען לאַנד״, באַקאַנענדיק זיך מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שקלאַפערײַ פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער „נײַער װעלט״, איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסן טאָעס דערמיט, וואָס ער האָט געזוכט דאָס „בלומען־אינדזל״ ערגעצווו אין די הימלען.

באָװשאָװער איז געווען דער טאַלאַנטפולסטער רעוואָליוציאָנערער ייִדישער דיכטער אין דער געבורט־עפּאָכע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט זייער ווייניק געשריבן לידער און דערציילונגען, וואָס האָבן באַוויינט דאָס אומדערטרעגלעכע לעבן פון די אַרבעטער־מאַסן. דער יונגער פּראָלעטאַרישער דיכטער איז געקומען צום שלוס, אַז ניט דורך פאַרגיסן טרערן וועט זיך אויסבעסערן די לאַגע פונעם אַרבעטער־קלאַס, און אָנשטאָט צו זײַן אַ קלאָג־דיכטער, איז ער געוואָרן דער זינגער פון קאַמף און רעוואָליוציע.

באָװשאָװער איז ניט בלויז געווען איינער פון די ערשטע באַגאַבטע ייִדישע פּראָלעטאַרישע דיכטער, נאָר איז אויך געווען דער ערשטער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער קריטיקער פון פּאָעזיע. אָפּ דעם געביט האָט ער געשאַפן אַ ריי עטיודן, וואָס קאָנען מיט רעכט באַטראַכט ווערן, ווי עמעסע קונסט־שאַפונגען. אין אַן עטיוד וועגן פּאָעזיע, אירע פאָרמען און נוצן האָט באָװשאָװער געשריבן:

„מיט אַ ריכטיקער פאָרמע מיין איך, אַז אַ געפיל אָדער אַ געדאַנק, וועלכער זינגט זיך בא דעם פּאָעט אין קאָפּ, זאָל איבערגעגעבן ווערן אין אַ פערז, וועלכער זאָל זינגען און ניט שרעקן זיך; יעדער פערז מוז זײַן ריכטיק צוגעפּאַסט צו דעם געפיל אָדער געדאַנק, וועלכן דער פּאָעט וויל אויסדריקן, אָדער צו דעם בילד, וועלכן ער וויל צייכענען. יעדער פערז מוז זיך אָנפאַנגען פּיאַנע אָדער פאָרטאָ, שטורמיש אָדער געמעסיקט, לויט דער שטאַרקײַט, שטורעמדיקײַט, שוואַכקײַט אָדער זאַנפטקײַט פונעם געדאַנק, לויט דער עכטקײַט און וואַרעמקײַט פונעם געפיל״.

די פּראַקטישע אַכזאָריעסדיקע קאַפּיטאַליסטישע וועלט, וואָס דערשטיקט פיל גרויסע גײַסטער, האָט אויך צעטראָטן מיט די פיס דעם באַגאַבטן פּראָלעטאַרישן דיכטער. די גרויסע שטאָט ניו־יאָרק מיט איר טומל און פאַרפּעסטעטער לופט פון האַנדל און שווינדל האָט אים געבראָכן גײַסטיק און פיזיש. נאָך פיל יאָרן פון ליידן האָט דער טויט דעם 15 דעקאַבער 1915 אַ סאָף געמאַכט צו זײַן טראַגיש לעבן.

אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער דיכטונג פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט דער נאָמען פון דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן פּאָעט יויסעף באָװשאָװער.

לויט דעם אַרטיקל פון
ש. אַגורסקי
„יויסעף באָװשאָװער און זײַן צײַט״.

צו די ארבעטער

1

ווען איר זעט די זון פארזונקען, —
פינצטער ווערט איר פלאם
און די ערד זעט איר פארטרונקען
אין א שווארצן יאם —

זאָלט איר, מענטשן, נאָר ניט מיינען,
אַז די זון פארגייט;
ניין! די ערד האָט פון איר שײַנען
זיך אוועקגעדרייט..

2

ווען איר זעט, פון גליק, פון לעבן
שײַנט אײַך ניט די פּראַכט,
שטענדיק זעט איר פאר זיך שוועבן
וואָלקנס שווארץ ווי נאַכט —

ווייסט: דער גליק ווערט ניט פארגאנגען,
ס׳ליגט אַף אים קיין פלוך;
איר אליין האלט אים פארהאנגען
מיט א שווארצן טוך!..

ציט שטארקער די סטרונעס

די הײַזער ווערן העכער,
די לענדלאָרדס ווערן שטרענגער;
מיר שלאָפן אַף די דעכער,
אין שטוב ווערט אימער ענגער.

די ארבעטס צײַט ווערט גרעסער,
דער ארבעטס-לוין ווערט קלענער,
די באָסעס גייט עס בעסער,
זיי ווערן דיקער, שענער.

די ריכטער ווערן שלעכטער,
די בייזע קאַניבאלן;
און דער, וואָס איז גערעכטער,
דער מוז אלס אָפּפער פאלן.

די פור-לײַט פון גאניידן
(ראַבאָנים, ווי אויך פּריסטער),
זיי הייסן אונדז ניט ריידן,
ווען ס׳ווערט די וועלט אונדז פינצטער.

ס׳וועט מער אזויפיל יאָרן
דאָס פאָלק אײַך שוין ניט שווײַגן;
דער נעקאָמע-גײַסט, דער צאָרן,
ער האלט אין ווילדן שטײַגן.

דריקט מערער, איר, האבונעס,
און טאנצט אין די פאלאצן;
ציט שטארקער אָן די סטרונעס —
און דער געדולד וועט פּלאצן!

אומרו

א שטיקעלע שטויב אין גרויסן, ברייטן וועלט-רוים,
דאָך שטאָלצער פון א גאָט דורך זעלבסטבאוווסטזײַן,
האָב איך, א טרוימער, געוואנדלט דורך דעם לעבן,
פארלייקענענדיק דעם הימל און די געטער,
די בלוט-פארלאנגענדע, די מענטשן-פרעסנדע,
קיינמאָל געוועזענע און בייזע געטער.
אָ, ליבער אין א מידבער וואָלט איך וואנדלען,
אין מענטשן-לערע, לעבנס-לערע סטעפּעס,
ווו ס׳וואקסט קיין גראָז, קיין בלימל און קיין בוים ניט,
ווו ס׳פליסט קיין וואסער און עס ווייט קיין ווינטל;
ווו אומדערטרעגלעך ברענט די זון און פלאקערט
נאָך הייסער פונעם פײַער-פלאם פון גענעם,
און אירע שטראלן ברענען אָף די שטיינער,
די ווילדע, וויסטע, אומבאגראָזטע שטיינער,
און מאכן בלוטיק-הייס דעם הייסן זאמד-וועג,
ווו טיף פארזינקט דער פוס פון וואנדערער; —
אָ, ליבער אין א מידבער וואָלט איך וואנדלען,
אין איינזאמקײַט, אָן שפּײַז און אָן דערפרישונג,
אין האנט דעם וואנדער-שטאָק, אָן ברויט, אָן וואסער,

נאָר רוען שמאַכטנדיק און לעבן זוכנדיק,
נאָך מענטשן בענקענדיק און אײנזאַם שטאַרבנדיק;
און אַלע שמערצן וואָלט איך שטיל פאַרטראָגן,
און שטיל און רויק וואָלט איך אויסגעגאַנגען,
א וויסטע זעענדיק און קיין גאַניידן! —
אָ, ליבער אין א מידבער וואָלט איך שטאַרבן,
ווי וואַנדלען אין א וועלט פון פּראַכט און שיינקײַט,
באַרוישט פון הייסן, טויזנטפאַכן לעבן,
באַרוישט פון גליק, פון פריידן און אַנציקן,
די זיסקײַט פילנדיק פון קורצן דאָ-זײַן,
און פילנדיק די הייסטע פון פאַרלאַנגען,
און דאָך פאַרברענט, פאַרצערט זײַן און פאַרשמאַכטעט,
און אומגיין הונגעריק אין קאָרן-פעלדער
און דאַרשטיק באַ די מאַרמאָרנע פאָנטאַנען,
פאַר יענעם שאַפנדיק א גליקלעך לעבן,
און זאַלבסט, ניט שרײַענדיק, צום טויט פאַרוועלקן,
א גאַניידן זעענדיק און ניט קיין וויסטע, —
אָ, ליבער אין א מידבער וואָלט איך וואַנדלען! —

נאַטור-לידער

1

ווי גרויס, ווי ווּנדערבאַר ביסטו, נאַטור!
די פּערלען דײַנע האָט דער מענטש געזוכט;
די אויצרעס דײַנע האָט דער מענטש באַנוצט;
די קרעפטן דײַנע האָט דער מענטש באַהערשט;
די סוידעס דײַנע האָט ער אויסגעפאָרשט, —
דו אָבער שטייסט נאָך אין דײַן אַלטער פּראַכט,
באַדעקט מיט גלאַנץ, אומענדלעך ווי די צײַט,
אַן אייביק שטראַלנדע געהיימניש!

2

ווען דורך די ביימער שײַנט דער לעצטער שטראַל
און אַף די בערג א ווייכער פורפור ליגט;
ווען דורך די פעלדער ווייט א פרישע לופט
און בלום און בלאַט דערשײַנט ווי אײַנגעוויגט;
ווען אין דער הייך דער אָוונט-שטערן גלאַנצט,
שײַן, ווי א שאַליִעך פון א נײַער צײַט, —
ווי דײַטלעך זע איך דאַן דעם לעבנס-צוועק,
ווי איז מײַן ברוסט פאַרפולט מיט לעבן דאַן!

3

ווען כ'שטיי באַם ברעג פון הויך-צעשטרעקטן פעלדז
און קוק אַרונטער אַף דעם ברייטן יאַם;
ווען אַף די ריזן-וואָלקן רוט מײַן בליק
און ווערט באַהעפט מיט דער אומענדלעכקײַט;
ווען דורך דעם עטער שוועבט מײַן פאַנטאַזי
און זעט דעם ליכטיקן פּלאַנעטן-גאַנג, —
ווי מעכטיק בין איך דאַן, און דאָך ווי שוואַך!
ווי נישטיק בין איך דאַן, און דאָך ווי גרויס!

כאַים מעלאַמוד

איקער שאַכטי

הירזש, צעווייט איבערן אײַן

בלוי און גרינס... דאָס בלויע — דאָס איז דער הימל, אָדער דאָס, וואָס מע איז געוווינט אָנרופן הימל; דאָס גרינע — דאָס איז טאַקע די ערד אליין. און צווישן דעם הימל און דער ערד — א זויבערע און זינגענדיקע לופט. א לופט, אין וועלכער מע קאָן דערטרונקען ווערן, ווי אין א טיפן טײַך. און אין אָט דער לופטיקער טיפקײַט איז ניטאָ קיינער, ניטאָ גאָרניט. כוץ איר אליין. זי וויגט זיך, הוידעט זיך, און איר דוכט זיך, אז מיט איר איינעם וויגט זיך דער הימל, די ערד, די גאַנצע וועלט, און אז ס׳האָט זיך מיטאמאָל גאָר אויסגעמישט דאָס גרינע מיטן בלויען, זיך שטאַרק צעקאַלויצעט און זי ווייסט שוין ניט, ווו איז דער אונטן און ווו איז דער אויבן. דוכט זיך שוין איר, אז ניט זי לאָזט זיך אראָפּ וואָס אמאָל נידעריקער, נאָר זי הייבט זיך אוף וואָס אמאָל העכער. אראָפּ און ארוף, אראָפּ און ארוף. זי שוועבט ארום, ווי א בלאָנדזשנדיק שניילעלע, און פון אומעטום, פון אלע נאָענטן און ווײַטן, זעט מען אָט דאָס שעמערירנדיקע פינטעלע. ס׳איז נאָר פאַרדראָסיק, וואָס קיינער ווייסט ניט, אז דאָס איז זי. ווילט זיך איר שרײַען, אז די גאַנצע וועלט זאָל הערן: דאָס בין איך, דאָס בין איך!

זי איז שוין ביז דאַן געשפּרונגען ניט איין מאָל. נאָר ס׳איז ניט צו פאַרגלײַכן. יענץ איז געווען א פּאָשעטער פּאַראַשוט־טורעם, וואָס איז געשטאַנען אף איין אָרט, פּעסט אײַנגעמויערט אין דער ערד, און דער פּאַראַשוט האָט זיך אָן עפּן געטאָן, נאָך איידער די פיס האָבן זיך אָפּגעריסן פונעם פּלאַטשיקן דעכל. ס׳איז בא איר געווען אלציינס ווי אראָפּשפּרינגען פון א גאַנעקל. דאָס, וואָס זי האָט געפילט דאַן, אין יענעם זוניקן באַגינען, איז אפילע שווער איבערצוגעבן. וויאַזוי דריקט מען אויס מיט ווערטער דעם געפיל, ווען א מענטש הייבט מיטאמאָל אָן זיך פילן ווי א פויגל?

געוויס האָט יענעם באַגינען בא אלעמען געטיאָכקעט דאָס האַרץ, און ווען זייער גרופּע איז זיך צונויפגעקומען אפן אעראָדראָם, האָט מען געמוזט צוטראַכטן, פון וואָס און פון וועמען א ביסל אָפּשפּעטן אף אויסבאַהאַלטן, פאַרטרײַבן וואָס טיפער דעם אייגענעם פּלאַטער. איז זי אליין געווען דערצו ווי אָנגעמאָסטן. אזא געפאַקטע און אזא שווערוואָגיקע איז ניט געווען ניט צווישן די ייִנגלעך און ניט צווישן די מיידלעך.

— כעוורע, זי וועט דאָך ניט ארײַנקריכן אין אעראָפּלאַן!

— מיילע, מיר וועלן זי ווי־ניט־איז ארײַנשטופּן. אָבער ווי וועט זי דערנאָך ארויסקריכן פון דאָרטן?

דער ערגסטער שפּאַס איז געווען דער דריטער.

— ארײַנקריכן, ארויסקריכן... כ׳האָב מוירע, דער פּאַראַשוט וועט זי ניט אויסהאַלטן!

זי איז געווען אזוי פאַרכאַפּט מיטן פאַרשטייענדיקן שפּרונג, אז זי האָט אפילע זיך ניט באַליידיקט. זי האָט געלאַכט גלײַך מיט אלע, געלאַכט פון זיך אליין.

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ. 11, 12 פאַרן 1971 און נומ. 11 פאַרן 1973.

זי האָט זיך יאַקאָס אַרײַנגעשטופּט אין דעם פליִענדיקן שפּילעכל, ווי־ניט־איז זיך אַרויסגעדראַפּעט. צוערשט האָט זי אַ שלונג געטאָן די שנײַדנדיק־פרישע לופט, און איר האָט זיך געדוכט, אַז זי פאַרכלינעט זיך און באַלד וועט זי דערטרונקען ווערן. טאַקע אַזוי, טרינקענדיק זיך, האָט זי אַ צי געטאָן די ליאַמקע, ווי יעדערער, וואָס טרינקט זיך, זוכט בײַ וואָס אָנכאַפּן זיך. ווי־אַזוי דער פּאַראַשוט האָט זיך דאַן געעפנט, ווייסט זי ביז הײַנט ניט. נאָר ס'איז געקומען יענע זעלטענע גרינגקײַט, יענער אומויסדריקלעכער געפיל, ווען דעם מענטשן הייבט זיך אָן דוכטן, אַז ער איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פויגל.

זי האָט ניט געוווּסט, צי וועט איר אין לעבן צוניץ קומען אָט דער שפּרונג, און געטאָן האָט זי דאָס ניט דערפאַר, ווײַל ס'איז געווען באַשטימט, אַז אַלע קאָמיוגישע אַקטיוויסטן מוזן באַהערשן דעם פּאַראַשוט־ספּאָרט. זי האָט געמוזט האָבן דעם שפּרונג פאַר זיך אַליין, זי זאָל זיך צום ווײַפּלטן מאָל איבערצײַגן, אַז זי איז ניט ערגער פון אַנדערע, זי זאָל קאָנען אַמאָל אַ זאָג טאָן צו זיך אַליין, אַ טרייסט טאָן זיך. אָדער גאָר, אויב מע וועט דאַרפן, אונטערמונטערן זיך מיט דעם, אַז זי, דאָס מיידעלע פונעם כאַשטשעוואַטער הינטערגעסל, האָט דערגרייכט אַזעלכע הימל־הייכן — געשפּרונגען און ניט צעבראָכן דעם קאָפּ.

ווער ווייסט, וועלכע געדאַנקען עס האָבן געקאָנט אויפקומען בײַ אַזאַ אַקשנטע. איך האָב דאַן אויך ניט געוווּסט. און ווען איך האָב געשריבן די דערציילונג וועגן איר שפּרונג, האָט מיך אינטערעסירט ניט אַזוי די שפּרינגערן, ווי איר מאַמע. מיידלעך־פּאַראַשוטיסטקעס איז שוין דאַן ניט געווען קיין נײַס. דער געפיל פון דער אָנוואַקסנדיקער מילכאָמע־געפאַר האָט דאַן אַרומגעכאַפּט די גאַנצע יוגנט, ווי אויך דער געפיל, אַז אים, גראָד אים, אָט דעם יונגן און אונטערוואַקסנדיקן דאָר, וועט אויסקומען נעמען אַף זיך די גרעסטע לאַסט אַף פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. זײַנען אייניקע געוואָרן פּאַראַשוטיסטקעס, אַנדערע — וואָראָשילאָווער שיסער, דריטע — סאַניטאַרקעס. קיינער האָט ניט געקאָנט וויסן און פאָרויסזען זײַן גורל, זײַן אָרט אין די פאָרשטייענדיקע געראַנגלען... יאָ, מיך האָט אינטערעסירט ניט אַזוי די שפּרינגערן, ווי איר מאַמע.

איך האָב שוין געהאַט געענדיקט באַשרײַבן, ווי די אַלטיטשקע האָט אויפגעראַמט אין שטוב, אָפּגעשמירט די ערד און באַשיט מיט רויטער זאַמד, אָפּגעריבן דעם אַלטן סאַמאָוואַר מיט די אײַנגעפאַלענע זײַטן, פאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַן אַלטן, געלאַטעטן טישטעך און מיט אַ פרישער צײַטונג. אין יעדער ייִדישער שטוב איז דאַן געווען דער קיִעווער „שטערן". בײַ איר אויך. האָט זי פאַרשפּרייט די צײַטונג, אַוועקגעשטעלט די נאָרוואָס אָנגעריבענע לײַכטער, זיי אָנגעצונדן און שוין געוואָלט צולייגן די הענט צו די אויגן אַף בענטשן די ליכט. נאָר דאָס, וואָס זי האָט דערזען אין דער צײַטונג!.. יאָ, זי מעג שווערן, איר איטקעלע! עפּעס יאָ איר איטקעלע און ניט איר איטקעלע. דאָס פּאָנעם איז טאַקע אירס, נאָר דער שלייער! ווער האָט עס זי פאַרשלייערט אין עפּעס אַזאַ ווילדן מאַלבעש! עפּעס גאָר ווי אַ מאַכשייפע, מע זאָל באַהיט ווערן! אָדער גאָר ווי בײַ אַ מעשוגענער! אַ מאַלבעש, וואָס שלעפּט זיך נאָך אַף אַ מײַל...

זי איז געווען אַ קענערן, די מאַמע אירע! זי איז אַלע יאָרן געווען אַ פירזאָגערן אין דער ווײַבערשער שול און האָט געוווּסט דעם גאַנצן מאַכזער אַף אויסווייניק. האָט זי שוין פאַרבויגן דאָס ליכט־בענטשן, אַוועקגערוקט די לײַכטער אין אַ זײַט און אַ נעם געטאָן די צײַטונג.

— אוי, ווי איז מיר! טאַקע מײַן איטע! — האָט זי אויסגעשריגן, ווען זי האָט איבערגעלייענט די נאָטיץ, וואָס אונטערן בילד. — געפלויגן, גאָטעניו, און געשפּרונגען, גאָטעניו, פון אַ פּאַראַשוט!

קוים זיך דערוואַרט דעם שאַבייסענאַכטס און זיך אַוועקגעזעצט אָנשרײַבן דער טאָכטער אַ בריוו.

— טאָכטערוניע, — האָט זי איר געשריבן. — איך בעט דיך, פאַרקלײַב זיך ניט אַזוי הויך, פלי אַ ביסל נעענטער צו דער ערד, ווײַל טאָמער, כאָלילע, וועט אויסקומען שפּרינגען אָן דעם פּאַראַשוט...

■

עפּשער איז גאָט געווען באַרויגעז אַף יאַנקעוו־לייבן דערפאַר, וואָס אַ יונגערמאַן מיט אַזאַ שאַרפן קאָפּ, וואָס האָט זיך געלערנט אַף ראָוו, האָט פּלוצלינג כאַראָטע געקראָגן און קיין ראָוו ניט געוואָרן. די סִיבע דערפון איז געבליבן פאַר אַלעמען אַ סאָד. זאָל זײַן, אַז דערצו האָט אים געשטערט זײַן הויכער וווּקס און ברייטע פּלייצעס? צו ראַבאָנעס האָט אים געשטערט זײַן גוווּרע, צום האַנדל האָט אים געשטערט דאָס ביסל טוירע, ריכטיקער, יענע

זיטלעכע קלאָלים, וואָס ער האָט פון איר אויסגעאַרבעט פאַר זיך. האָט ער ארומגעשפּאַנט איבער דער ערד ווי ניט קיין היגער, און אַף זײַן פּאָנעם איז שטענדיק געווען עפּעס העוועל־האוואַלימדיקס. א גאַנצע וואָך האָט ער אַרומגעשפּאַנט איבער די אַרומיקע דערפער, אײַנגעהאַנדלט פאַרלעגערטע שמויסלעך, רויע פעלעכלעך און דערנאָך זיי איבערגעפּאַרקויפט די שטעטלשע פעלצנמאַכערס. אַמאָל האָט דער מיסכער זײַנער זיך באַקומען פּונקט פאַרקערט. ער האָט געקויפט בא די היגע קירזשנער עפּעס א געלאַטעט און איבערגעפאַרבט פעלצל און אָוועקגעטראָגן דאָס אין דאָרף אַרײַן. און אַלע פּריטשיק, ערעוו שאַבעס, ווען ער מיט זײַן באַבקען האָבן אונטערגערעכנט דעם פּידיען פאַר דער וואָך און ס'האָט זיך באַקומען, אַז מע איז קוים ארויס מיטן קערן, האָט ער ווי געבעטן זיך, געבעטן ראַכמים באם ווײַב און בא די קינדער:

— אַז איך קאָן ניט, איר פאַרשטייט, איך קאָן ניט!..

דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ער קאָן ניט אָפּנאַרן, ער קאָן זיך ניט דינגען, סײַ באַם קויפן און סײַ באַם פאַרקויפן, ער קאָן ניט אײַנרעדן דעם קוינע, אַז דאָס אויסגעקראַכענע שמויסעלע איז א שפּאָגל־נײַס און ער קאָן ניט אָפּזאָגן, ווען עמעצער נעמט בא אים א שטיקל סכוירע אַף באָרג און פאַרגעסט אָפּגעבן דעם כוויו.

איז בא אים אויסגעקומען, אַז ס'איז שוין סײַווי אַלצײַנס. צי זאָט, צי הונגעריק, צי מיט רעווען, צי מיט העזעק, צי ס'איז וואָרעם אין שטוב, צי מע פרירט א ביסל אונטער. ער זאָגט דאָך אַליין יעדן שאַבעס דעם „בעאַל קאָרכאָכאָ"... מיט גוואַלד ביסטו געבוירן געוואָרן... צי ווילסטו יאָ לעבן אַף דער וועלט, צי ווילסטו ניט, די ברײַרע איז ניט בא דיר.

די לאַנגע און שוואַרצע באָרד איז אויך געבליבן א רעטעניש פאַר אַלעמען. א באָרד אָן אַקשן, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן. זי איז געבליבן געדיכט און שוואַרץ אַפילע נאָך דעם, ווען פון די זעכצן קינדער, וואָס זײַן באַבקע האָט אים געבוירן, איז געבליבן נאָר זעקס, און ער איז קיינמאָל ניט געווען זיכער, צי דער מאַלעכהאַמאָוועס האָט שוין אָפּגענומען בא אים אַלץ, וואָס ער האָט געדאַרפט, צי ער דרייט זיך נאָך אַלץ אַרום זײַן שטיבל. געווען אין זײַן באָרד עפּעס צולאָכעסדיקס, דאָס אײַנציקע, מיט וואָס ער האָט געקאָנט בישטיקע, אַז גאָט אַליין זאָל ניט הערן, פּאָרוואָרפן דער וועלט דערפאַר, וואָס סײַ זײַן גוווּרע און סײַ די טוירע זײַנע איז אוועק מיט גאָרניט. נאָר אויב די וועלט איז אַזאַ פּאַס־קודנע, איז זי אַליין שולדיק.

אין איינעם א ווינטערדיקן פאַרנאַכט, פון יענע ווינטערס, ווען דרײַ מאָל אין טאָג האָט זיך געביטן די מאַכט און פאַרשיידענע באַנדעס האָבן געהוליעט אַרום און אַרום, האָט יאַנקעוו־לייב זיך אומגעקערט פון קאַזאַוואָטשין אַהיים מיט א טאָרבעלע הירזש אַף די פּלייצעס. דער האַנדל איז שוין דעמלט קיין האַנדל ניט געווען, עפּעס א מיסעמעשונע־שפּיל פון צוקער און זאַלץ, פון ווייץ און הירזש, פון פעלעכלעך און פויערשן לײַוונט. אַלץ איז געווען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס אַרויף. און מע האָט קיינמאָל ניט געוווּסט, ווו דו וועסט געווינען און ווו פאַרלירן. נעכטן האָט מען פאַר א פּוד צוקער געגעבן צוויי פּוד זאַלץ, און הײַנט — פאַר א פּוד זאַלץ צוויי פּוד צוקער. גיי זײַ א נאָווי און טרעף. די שמויסעלעך האָבן ביכלאַל ניט געסטײַעט. ווי אין דער ערד אַרײַן. נאָר אַלטע געלאַטעטע פעלצלעך האָט מען נאָך ווי־ניט־איז געקראָגן. האָט ער פאַרביטן אין קאַזאַוואָטשין אַזאַ פעלצל פאַר א טאָרבעלע הירזש. איז ער געגאַנגען אַהיים און זיך פאַרגעשטעלט, ווי זײַן באָבקע וועט אָפּקאָכן א פולן טאָפּ הירזשענע קאַשע, ווי זי וועט צעלייגן די קאַשע אַף טעלערלעך, און זײַן אויסגעהונגערטע כאַווריײַע וועט אָנהייבן קריכן מיט די לעפל אין שיסל, ברײַען דעם גומען, די צונגען, און ער וועט זיצן, שרײַען אַף זײַנע פרעסער און שעפּן נאַכעס. ווײַל ווי זעט מען איצט אַזאַ גלאַנצנדיקע, אַזאַ געדיכטע און זאַטע הירזשענע קאַשע? און אויב זײַן באָבקע וועט נאָך אָפּזוכן אין עפּעס א פלעשל עטלעכע טראָפּן בוימל!

ער האָט געשפּאַנט איבערן פאַרפרוירענעם בוג און איז געווען אַזוי אַרײַנגעטאָן אין זײַן הייסער הירזשענער קאַשע, אַז ער האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי צוויי געזונטע יונגאַטשעס האָבן א ריס געטאָן דאָס טאָרבעלע פון זײַנע פּלייצעס און אין איין אויגנבליק דאָס צעשיט איבערן אײַז.

— גאַזלאָנים, וואָס טוט איר? — האָט יאַנקעוו־לייב אָנגעהויבן גוואַלדעווען. — דאָס פעלצל האָב איך גענומען אַף באָרג. און די הירזש... אַכט הונגעריקע מײַלער!..

יאַנקעוו־לייב האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז ער איז א גיבער, און איז גרייט געווען א וואָרף טאָן זיך אַף די באַנדיטן. נאָר ווי האָט זיך געקאָנט האַלטן בא אים די גוווּרע, אַז אַפילע קיין ביסל קאַשע האָט ער ניט אַלע טאָג געהאַט? וואָס זשע פאַר א ווערט האָט געהאַט בא זיי א הייב טאָן אים און אַרײַנוואַרפן אין א פּאָלאָנקע? ס'איז געווען שוין ניט

ווײַט פון ברעג און דערטרונקען ווערן האָט מען שוין ניט געקאָנט, נאָר ארויסדראפּען זיך פון דער פּאַלאַנקע האָט אים אויך קיין קויעך ניט געסטײַעט. האָט ער געקאָנט נאָר שרײַען...

עפּעס איינער א פּויער איז אָנגעלאָפן אף זײַנע גוואלדן, ארויסגעשלעפּט פון דער פּאַלאַנקע, אײַנגעוויקלט אין זײַן פּעלץ און אוועקגעטראָגן אהיים.

ווען זײַן באָבקע האָט אים איבערגעטאָן, ארײַנגעלייגט אין בעט, אָנגעריבן דאָס גאנצע לײַב מיט עסיק און אײַנגעדעקט אים מיט אלץ, וואָס איז געווען אין שטוב, האָט יאַנקעוו־לייב, קוים שטילנדיק דעם גרויל און דאָס ציינקלאַפּעניש, זיך אָנגערופן:

— הערסטו, באָבקע, און איך האָב געמיינט — שוין, א סאָף, פּאַטער...

ס׳הייסט, דאָס לעבן איז אים דאָך סײַווי ניט ליב, סײַווי טוט ער אלץ בעאל קאַרכאַכאָ. איז אויב גאָט האָט פון אלע טויטן אויסגעקליבן פאר אים גראָד אזא טויט, איז מיילע, אבי פּאַטער. מי באמאיִם...

נאָר באָבקע האָט ניט געוואָלט אזוי אויסטײַטשן זײַנע ווערטער. זיי זײַנען איר ביכלאל ניט געווען צום הארצן. ווײַל ס׳איז פאראן אין זיי עפּעס זינדיקס.

— רעד ניט אזוי, — האָט זי אים ניט געלאָזט ענדיקן דעם פּאָסעק. — מיר האָבן א גרויסן גאָט. אָט וועסטו זען...

ס׳איז טאקע געווען א נעס: נאָך אזא צוקילעכץ, נאָך דעם, ווי ס׳האָט געמאָרדעוועט מיט אים ביז דער סטעליע, נאָך דער שרעקלעכער היץ און נאָך דעם, וואָס נאכמען דער פעלדשער האָט אים געהיילט מיט זײַנע אייגענע רעפּועס און עטלעכע מעסלעס געהייסן וויקלען אים אין נאסע לײַלעכער, איז ער דאָך געבליבן לעבן. א הוסט איז געבליבן בא יאַנקעוו־לייבן אזא, וואָס אפילע נאכמען פעלדשער האָט ניט געוווּסט מיט וואָס אים אײַנשטילן. איז ער געלעגן און געהוסט. און ניט אופגעהערט דערציילן, וואָס פאר א זעלטענע הירזש דאָס איז געווען. הירזש, ווי פּערל. נאָר אז ס׳איז באשערט אָן אומגליק...

לאנג האָט יאַנקעוו־לייב ניט געהוסט. ביז נאָך איינעם א ווינטערדיקן טאָג, ווען די דעניקינצעס זײַנען ארײַן.

דאָס שטעטל האָט געברענט פון אלע זײַטן, און יעדערן, וועמען מע האָט געכאַפּט אין גאס, האָט מען פארטריבן אין שול ארײַן.

— גאָלד, צירונג, געלט! — האָבן געפּאָדערט די דעניקינצעס.

יאַנקעוו־לייבן איז אלץ געשטאַנען פאר די אויגן דאָס טאָרבעלע מיט הירזש, צעשיט איבערן אײַז. אזא ריינע, פּערלדיקע הירזש. איינס און איינס! האָט ער זיך אָנגערופן צו זיך אליין:

— ווער גאָלד, וואָס גאָלד? כאָטש א ביסעלע הירזש!

האָט די ערשטע קויל געטראָפן אים, יאַנקעוו־לייבן.

ווען ער איז שוין געלעגן בא זיך אין שטיבל מיט די פיס צו דער טיר און די גוואלדן, געוויינען און ווייגעשרייען האָבן ווי אופגעריסן דאָס גאנצע באָד־געסל, ווײַל ס׳איז ניט געווען קיין שטוב, ווו מע זאָל זיך ניט גרייטן צו קיין לעווײַע, האָט דאָס קליינע איטקעלע, קוקנדיק אף אלעמען, אויך געוויינט, כאָטש זי האָט ניט פארשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און פארוואָס מוזן דאָס אלע וויינען. דער פעטער בערל, דעם טאטנס א ברודער, האָט זי אָפּגעפירט א ביסל ווײַטער פונעם בארמינען און גענומען אײַנשטילן זי:

— נארעלע, מע דארף ניט וויינען. זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך. דאָס הייסט, אז מאָשיעך וועט אינגיכן קומען און דער טאטע וועט זיך אומקערן צוריק א לעבעדיקער.

אזוי האָט מען דאן גערעדט. אף דעם האָט מען געהאָפט אין אלע הײַזער, אין אלע קעלערס, אף אלע בוידעמער, ווו מע האָט זיך אויסבאהאלטן פון די באנדעס. אלע זײַנען געווען זיכער, אז די אלע הארוגעס און סרייפעס, דער הונגער, די טיפוסן און אינפלענציעס זײַנען דער בעסטער סימען, אז מאָשיעך דארף אינגיכן קומען, אז ער איז שוין טאקע גאָר נאָענט, טאקע אָט־אָט... פארשטייט זיך, עס וואָלט געווען א סאך בעסער, ווען מאָשיעך קאָן קומען אָן די אלע צאָרעס. נאָר אויב אנדערש איז אומעגלעך, איז דאָך ניט שײַעך...

פונוואַנען האָט ער גענומען ווייסן, דער פעטער בערל, אז אין א כוידעש ארום וועט אין שטעטל זיך ארײַנרײַסן א צווייטע באנדע און צווישן די נײַע הארוגים וועלן זײַן אלע דרײַ פעטערס, דעם טאטנס ברידער. בערלען מיט יאָסלען וועט מען אופהענגען, און יִיסראָעלן, דעם סאמע יינגסטן, וועט מען פּאַשעט צעשנײַדן אף שטיקלעך.

באָבקע יאַנקעוו־לייבס, אָדער באָבקע די פירזאָגערן, איז געוואָרן אין שטוב די איינציקע ברויטגעבערן. כאָטש, וואָס ברויט, ווער ברויט? ווער האָט דאן געזען בא זיך אין שטוב אן עמעסדיק שטיקל ברויט?

געהייסן האָט זי שיינדל. דער נאָמען באָבקע איז איר צוגעקומען דאַן, ווען זי איז געבליבן בא אירע עלטערן די איינציקע נאָך דעם, ווי אַלע איבעריקע קינדער זײַנען אויסגעשטאָרבן. האָט מען איר א נאָמען געגעבן באָבקע. א סגולע צום לעבן און צו לאַנגע יאָרן. זי האָט אַמאָל געדאַרפט זײַן טאַקע זייער א שיינע, און ניט אומזיסט געהייסן שיינדל. נאָר באַרימט איז זי געווען ניט מיט איר שיינקײַט און ניט מיט איר רירעוודיקײַט, נאָר מיט דעם, וויִאַזוי זי האָט געקאָנט פירן נאָך זיך דעם גאַנצן ווײַבערשן אוילעם ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער. דעם גראָבן קאָרבן־מינכע האָט זי געקענט אַף אויסווייניק, און אַף דורכטײַנען זיך מיטן אייבערשטן האָט זי אים ביכלאַל ניט באַדאַרפט. זי האָט געהאַט פאַר אים אירע אייגענע טפילעס, אירע אייגענע טײַנעס און אירע אייגענע זאָגעכצן. סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר אירע שכיינעס, סײַ פאַר דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן אַלע יאָר אויסגעזען אַנדערש, ווײַל יעדן יאָר זײַנען די צאָרעס, ליידן און נויטן געוואָרן גרעבער, אָנגעשוואָלענער, ווייטעקלעכער, און דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט פאַראַיאָרן, האָט שוין הײַנטיקס יאָר ניט געטויגט. יעדן יאָר האָט זי פאַרפאַסט אירע נײַע טפילעס טאַקע דאָ אַף אָן אָרט, אין דער ווײַבערשער שול, אָן אַרומגערינגלטע מיט וויינענדיקע און כליפּענדיקע ווײַבער. זיי איז ביכלאַל ניט אָנגעגאַנגען, ווו האַלטן דאָרטן די מענער, וואָס זינגט איצט אויס באַם אָמעד דער כאַזן, — פאַר זיי איז דער איקער באַשטאַנען אין דעם, וועלכע טײַנעס לײַגט איצט אַוועק פאַר גאָט באָבקע די פירזאָגערן. געווען אין יענע יאָרן ניט ווייניק מאַמעס, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער אַף דער מילכאָמע, ניט ווייניק ווײַבער־אַלמאָנעס און ניט ווייניק אַזעלכע, בא וועמען מע האָט פּאָשעט צעשיט איבערן אײַז דאָס לעצטע ביסל הירזש. האָבן באָבקעס הירזשנע טפילעס גענומען אַלעמען באַם האַרצן.

ווײַבער האָבן געלויבט באָבקען אין טאָג אַרײַן:

— אוי, באָבקע־לעבן, אײַערע ווערטער... פאַרן האַרצן נעמען זיי...

— באָבקעניו, נעשאָמעניו, ווי איר טײַנעט זיך עס אויס מיטן ריבוינעשעלוילעם... פאַר אונדז אַלעמען!..

און זי, ווי פאַרשעמט פון די אַלע שוואָכים, ענטפערט אָפּ:

— גייט שוין גייט, וואָס קומט אַרויס, וואָס איך קאָן שיין ריידן, אַז דאָס מאַזל מײַנס איז היקעוואַטע...

מעגלעך, טאַקע דאָס מאַזל... און עפּשער דאָס שטיבל אַליין, וואָס האָט מיט עפּעס געשטערט מאָשיעכן.

פאַרוואָס איז גראָד זייער שטיבל אַזוי געפעלן געוואָרן דער קליינינקער באַנדע, וואָס האָט אַפילע קיין רעכטן אַטאַמאַן ניט געהאַט? פּאָשעט, מיסטאַמע, דערפאַר, ווײַל דאָס איז געווען דאָס לעצטע יִדישע שטיבל, געשטאַנען א ביסל אָפּגעזונדערט און מע האָט געקאָנט אָנפאַלן אַף דעם אָן איבעריקן ראַש. אין דער ערשטער נאַכט, ווען מע האָט זיי אַלעמען האַלב־נאַקעטע אַראָפּגעטריבן פון די געלעגערס, אַרויסגעטריבן אַף דער גאַס און אויסגעקלאַפּט אַלע פענצטער, האָבן זיי אָפּגעפּרוּווירן און אָפּגעציטערט פון קעלט און פון שרעק ביז גאַנצפרי, דערנאָך צונויפגעטאַסקעט פונוואַנען מע האָט נאָר געקאָנט שטיקלעך ציגל, פאַרלייגט, פאַרלאַטעט, פאַרשטאָפּט אַלע פענצטער און אײַנגעהייצט דעם אויוון. די נאַכט איז געווען א ווינטערדיקע, א פראָסטיקע, און נאָר א גוט אָנגעהייצטער אויוון האָט געקאָנט ווי־ניט־איז אָנוואַרעמען דאָס איבערגעפּרווירענע שטיבל. באָבקע האָט געמיינט — שוין, מיט דעם וועט מען אָפּקומען. זײַנען זיי אָבער געקומען אויך די צווייטע נאַכט. אַרויסגעוואַלגערט די ציגל פון די פענצטער, אַרויסגעריסן די טירן און שטרענג אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך שוין פאַרנעמען פונדאַנען. ווײַל אויב זיי וועלן זיי טרעפן אויך די דריטע נאַכט, וועלן זיי אַלע, אײנײנעם מיטן שטיבל, אַוועק מיטן פײַער. האָבן זיי צונויפגענומען דאָס ביסל בעטגעוואַנט, געמאַכט עטלעכע קלומעקלעך און אַוועק. אַוועק און איבערגעלאָזט דאָס פאַריאָסעמטע שטיבל מיט אויסגעריסענע טירן און פענצטער אַף גאָטס באַראָט. דאָס מאָל איז באָבקע געווען זיכער, אַז אין איר קאָן שוין קיין מעניִע ניט זײַן. דער וועג פאַר מאָשיִעכן איז אָפן. דאָס אַלקערל, וואָס אווראָם קאַצעוו האָט זיי אָפּגעטראָטן, איז אויך געווען סאַמע דאָס, וואָס מע דאַרף פאַר ביִאַס האַמאָשיִאַך. א פּיצינק אַלקערל, אין וועלכן ס'איז געווען פינצטער, ווי אין א קייווער. די שווערסטע אַרבעט איז געווען דעכן אין אָט דעם קעמערל. איין מענטש האָט זיך עפּשער געקאָנט אָנדעכן, נאָר פאַר אַכט נעפאַשעס האָט קיין לופט ניט געסטײַעט. זיי וואָלטן דאָרטן סײַווי לאַנג ניט אויסגעהאַלטן און ווער ווייסט, צי זיי וואָלטן אַלע אַרויס פון דאָרטן לעבעדיקע, ווען ניט די סרייפע.

קיינער האָט ניט געוווּסט, פונוואַנען זי האָט זיך גענומען. צי פון זיך אַליין, צי איז דאָס ווידער געווען אָן אַרבעט פון יענע כעווּרע, וואָס האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון זייער

3*

שטיבל. אַט אַזוי, אינמיטן דער נאַכט, האָט דאָס שטיבל זיך צעפּלאַקערט, צעפֿלאַמט פֿון אַלע זײַטן, און זיי אַלע, דערשראָקענע און פֿאַרשלאָפֿענע, ווידער טאַקע האַלב־נאַקעטע, זײַנען אַרויס אין דרויסן. פֿונעם שטיבל האָט געזעצט עפּעס אַ בראַנפֿנדיקער רויך, וואָס האָט מיטאַמאָל פֿאַרסאַזשעוועט דעם באַנאַכטיקן הימל, און אַלעמאָל איז פֿון אַן אַנדער ווינקל, פֿון אונטער דער סטריכע אַרויסגעשפּרונגען אַ טונקל־רויטער פֿלאַם. אַ פֿלי געטאָן אַרויף, זיך צעריסן, צעפּליקט אַף שטיקלעך און זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד, זיך צעפֿאַלן אַף דריבנע האָלעוועשקעלעך. פֿונעם שטיבל איז געפֿאַלן שטיקלעך, און דער אוילעם, ווען די באַנאַכטיקע סרייפֿע האָט צונויפֿגעטריבן אַהער, האָט געשריגן, געגוואַלדעוועט, געטאַנצט אַרום פֿײַער אַ מעשונעדיקן טאַנץ און אַלעמאָל אַ פֿליוכקע געטאָן אין דעם אַן עמער וואַסער.

די ערשטע איז געקומען צו־זיך די עלטסטע שוועסטער, כאַנע. זי האָט אַ פֿליעסקע געטאָן מיט די הענט און זיך אַ ריס געטאָן צום שטיבל:

— אוי, דער נאַדן מײַנער!..

כאַנעס נאַדן... אַ קישן מיט אַן איבערבעט און צען צי פֿופֿצן זילבערנע קערבלעך, אַף וועלכע יאַנקעוו־לייב האָט נאָך מיט פּיל יאָרן צוריק אוועקגעלייגט אַ שטיין און באַשווירן אַלעמען, מע זאָל זיך צום קניפּל ניט צורירן, ס'זאָל אַפֿילע אויסקומען הונגערן וואָכן און כאַדאָשים.

די מאַמע האָט זי אַ צי געטאָן פֿאַרן העמד, געפּרוּווט פֿאַרהאַלטן זי, נאָר קיין קויעך דערצו ניט געהאַט. און אַרויסרעדן אַ וואָרט האָט זי אויך ניט געקאָנט.

דעם נאַדן אירן האָט כאַנע ניט אָפּגעראַטעוועט, ווײַל זי האָט גלײַך אַליין אָנגעהויבן ברענען. האָבן אַלע מיטאַמאָל באַקומען דאָס לאָשן:

— ראַטעוועט, ראַטעוועט, אונדזער כאַנעלע ברענט!

— כאַנעלע ברענט!

— כאַנעלע ברענט!

ס'איז טאַקע אַ נעס, וויאַזוי כאַנע האָט זיך אַרויסגעריסן פֿונעם ברענענדיקן שטיבל, פֿון וועלכן ס'איז געפֿאַלן שטיקער: ברענענדיקע סנאָפּיקלעך שטרוי, ברענענדיקע דריקלעך און ברענענדיקע ברעטלעך. זי, כאַנען, האָט מען אויך אַרויסגעטראָגן אַ ברענענדיקע. און מע האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט. איז זי געבליבן לעבן. בלויז די לינקע באַק, די שטאַרק אָפּגע־בריטע לינקע באַק האָט אָפּן גאַנצן לעבן פֿאַרהיט אין זיך סימאָנים פֿון יענער שרעקלעכער נאַכט.

באַ איטען איז זי אויך פֿאַרבליבן אָפּן גאַנצן לעבן, יענע נאַכט. זי איז אַרויס פֿון איר ווי אַן אָפּגעבריטע און דורכגעברענטע אַף דורך און דורך. מיט עפּעס אַזאַ ווייטעקדיק פּינטעלע אונטערן האַרצן, וואָס מע קאָן מיט גאָרנישט ניט אײַנשטילן. מערער פֿאַר אַלץ דערפֿאַר, ווײַל זי האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס דאַרף דאָס אַלץ זײַן אַזוי. די אַלע האַריגעס, סרייפֿעס, פֿאַרלוירענער נאַדן און צעשיטע הירזש. ווער דאַרף דאָס האָבן, ווען גייט עס אָן און וויפֿל איז דער שיר... און די מאַמע... זי האָט זיי צונויפֿגענומען אַלעמען, די האַלב־נאַקעטע, אונטער איר אַלטן, געלאַטעטן און פֿאַרסמאַלצעוועטן פֿאַרטעך, זיכער, אַז אַזוי־אָ באַשיצט זי זיי פֿון אַלדעם בייזן. זי שטייט און האַלט קוים אײַן אין זיך דעם גרויל, וואָס גיט זיך איבער זיי אַלעמען, און פֿאַרהייבט אַלעמאָל די הענט צום פֿאַרסאַזשעטן הימל:

— נו, שוין, — רעדט די מאַמע צו זיך אַליין. — שוין, אַלץ...

איצט, הייסט עס, איז שוין פֿאַר מאַשיעכן אוועדע ניטאָ קיין שום מעניעס און ער קאָן שוין קומען.

מיר וועלן אויך זאָגן — נו, שוין... ווײַל נאָך דעם הייבט זיך אָן עפּעס אַנדערש... לידע־לעך אַף די גאַסן פֿון העט אויבן, פֿון דער קאָוואַליוקע, ביז אַראָפּ, צום באָד־געסל. און ביז צו דעם נײַעם אַלקערל, אויך אַן ענגס און אויך אַ דושנע, אין וועלכן זיי האָבן זיך אײַנגע־בעטן נאָך דער סרייפֿע. און דער פֿעטער איציע. דער איינציקער פֿון די פֿינף ברידער, וואָס איז געבליבן לעבן. פֿאַר דער מילכאָמע איז ער אוועק קיין אַמעריקע און איצט זיך אומגע־קערט פֿון דאָרטן. איז דאָס אויך געווען אַ גוטער סימען. דער פֿעטער איציע אַליין איז אויך באַשטאַנען פֿון סאַמע לידלעך.

דאָס געדענק איך אויך. וויאַזוי ער האָט אופֿגערודערט דאָס גאַנצע שטעטל מיטן קאָנ־צערט, וואָס ער האָט געגעבן אין איינעם אַ שאַבעס באַטאָג אין דער גרויסער שול. אַ קאָנ־צערט אַף בילעטן. צו דעם, וואָס די וועלט האָט זיך איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף, צו די פּיאַנערישע און קאָמיוגישע לידלעך איז מען שוין געוווין געוויינט. נאָר אַ קאָנצערט אין שול אַף בילעטן! דאָס האָט שוין אויסגעזען כוץ לעדערעך האַטעווע. נאָר סײַווי איז מען געגאַנגען אין שול אַרײַן קליין און גרויס. אינמיטן שאַבעס האָט מען

געקויפט בילעטן און מע איז געגאַנגען. און מע האָט געקוקט, ווי איציע שטייט עס מיטן פּאָנעם צום אוילעם און מיט די פּלייצעס צום אָרנקוידעש, דאָס היטעלע אַפן קאָפּ איז קימאַט ענלעך אַף אַ שטרײַמל, דאָס שאַרפעלע אַף די אַקסלען איז קימאַט אַ טאַלעסל, און ער זינגט אַזעלכע לידלעך!.. און גאָרנישט ניט. דער הימל איז ניט אײַנגעפאַלן, די ערד אונטער אים האָט זיך ניט צעשפּאָלטן.

קיין געלט אַף קיין בילעט האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט, נאָר כ׳האָב ווי־ניט־איז זיך דורכגעשמוגלט צווישן עלטערן אוילעם און יונגע פּאָרלעך. טאַקע יענעם שאַבעס באַטאָג האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דאָס לידעלע וועגן מעסטעטשקאָ לאַדאַניו, וועגן לייווי־יײַצכאָק מיבאַרדיטשעוו און פיל אַנדערע לידלעך, וואָס האָבן גראָד אויסגענומען באַם אוילעם. ווײַל נאָך אַלעמען איז געווען אין זיי אַ ביסעלע טפילעדיקס, אַ ביסעלע קאַדעשדיקס. איבער איין לידל איז שיר ניט געקומען צו קיין פּעטש. ווײַל ווי מעג מען עס זינגען אין שול גאַ׳ישע לידלעך, זאָל זײַן אַפילע כסידישע:

Заграй мені, козаченько,
На дуду, на дуду.
По-хасидському.

נאָר אַף אַלץ איז געווען איינער און דער זעלבער טערעץ: די רעוואָליוציע! די רעוואָליוציע, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם קייסער, די רעוואָליוציע, וואָס האָט ביז איצט ניט אופגעהערט צו שיסן איבער אַלע וועגן און פון אַלע וועלדער, די רעוואָליוציע, וואָס האָט אומגעבראַכט איציעס פיר ברידער און וואָס האָט צענדליקער שטעטלשע כעוורע אוועקגעפירט צו קאַטאָוווסקין און וואָס האָט אים אַליין, איציען, אַראָפּגעבראַכט פון אַמעריקע צוריק קיין כאַשטשעוואַטע.

דערנאָך איז איציע געוואָרן אַ לערער פון דער נאָרוואָס אופגעקומענער ייִדישער שול.

סײַווי וואָלט איטע אוועק טאַקע אין אָט דער ייִדישער שול, זיך געלערנט מיט דער זעלבער פלײַסיקײַט, זיך אײַנגעביסן מיט די ציין אין יעדער לערנביכל, אין יעדער שורע, אין יעדער אַריפמעטישער אופגאַבע, אין יעדער ליד. נאָך יענער סרייפע־נאַכט, וואָס האָט איבערגעלאָזט אונטערן האַרצן אַ ניט פאַרהיילטן ברי, נאָך די לידלעך, וואָס האָבן געהילכט איבער אַלע גאַסן און זיך אַרײַנגעריסן אין זייער דושנע אַלקערל, האָט עס זי אַ ריס געטאָן, אַ צי געטאָן, אַ טראָג געטאָן אין דער וועלט אַרײַן, און זי האָט זיך געגעבן אַ שווּע: זי מוז, זי מוז זיך אַרויסדראַפּען פונעם יאַר, פון די בודיקעס און פון דער קראַפּיווע און ווײַזן דער וועלט... וואָס, אייגנטלעך, דאַרף זי ווײַזן דער וועלט, האָט זי ניט געוווּסט, נאָר אַז זי מוז עפּעס ווײַזן, איז זי געווען זיכער.

וואָלט זי סײַווי געלערנט זיך מיט דער זעלבער אַקשאָנעסדיקײַט, מיט דער זעלבער פאַרביסנקײַט. נאָר דאָס, וואָס דער איינציקער לעבן־געבליבענער פעטער איז געוואָרן איר לערער, און מײַע ווישניעפּאָלסקאַיאַ, וואָס איז אײַנגיכן געוואָרן זײַן פרוי און איטעס מומע, איז אויך אַ לערערן, האָט אַרײַנגעטראָגן אין דעם אַלעמען אַ באַזונדערן טאַם און אַ באַזונדערן בײַטאַם. ס׳האָט איר אויסגעזען, ווי אַ באַזונדערער סימען, איינער פון די גוטע סימאָנים פון דער נײַער צײַט. דערצו האָבן די לערער אַליין געפירט די לימודים מיט אַזאַ היסלײַוועס, מיט אַזאַ מעסירעסנעפעשדיקײַט, אַז מע האָט געדאַרפט זײַן ערגער פון ערגער, מע זאָל ניט אויסכאַזערן אַלץ, וואָס די לערער האָבן געהייסן, און ניט לייזן אַלע אופגאַבעס.

קעגן דעם נאָמען פון דער לערערקע מײַע, וואָס קען אַף אויסווייניק פּושקינען און לערמאָנטאָוון, שעווטשענקאָן און פעפערן, האָט איר אייגענער נאָמען, איטע, אויסגעזען צו גראָבלעך. נאָר וואָס איז אַ נאָמען? זאָל זי נאָר ווערן אַ לערערקע, וועט זי איבערמאַכן דעם נאָמען אַזוי, ער זאָל קלינגען ניט ערגער ווי מײַע.

דער סאַמע גרעסטער ווּנדער איז געווען די עלטסטע שוועסטער כאַנע, וואָס איז אַרויס פון דער סרייפע קוים אַ לעבעדיקע. אַלע לימודים זײַנען אָנגעקומען איטען ניט שווער, נאָר מיט דער אַלגעברע איז געווען אַן אומגליק. די איקסן מיט די איגרעקן האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן, געטריבן מיט איר פאַרשיידענע קאַטאָוועסן און לייצאָנעס, ווי עפּעס ווילדע בריִעס, ווי די שיידים פון דער אַלטער באָד, וועגן וועלכער זי האָט קינדווײַז זיך אָנגעהערט אָן אַ שיר שרעקלעכע געשיכטעס. יענע שיידים, וואָס פאַרשטעלן זיך אַלעמאָל אָדער פאַר אַ רויטן האָן, אָדער פאַר אַ שוואַרצן כאַזער, אָדער גאָר פאַר אַן אַלטן צאַפּ, קרייען, כריוקען און מעקען, כאַפּן דיך פאַר די אַרבל, שטעלן אַרויס זייערע לאַנגע לעקערס, רייצן זיך מיט דיר און מאַכן אַזעלכע האָווײַעס, אַז מע קאָן פון זינען אַראָפּ. האָט איטע מוירע געהאַט פאַר די איקסן מיט די איגרעקן ערגער, ווי פאַר די שיידים. און דאַפקע כאַנע,

וואָס האָט איינעם מיטן נאָדן אָנגעוווירן אויך איר כאָסן און א גאַנצן זומער געגאַנגען אַף די בורעקעס, פּאַרדינט אַן אַרשין מאַרליע אָדער א גלאָז צוקער, דאַפּקע כאַנע, וואָס האָט ניט געקאָנט ניט לייענען און ניט שרײַבן, האָט ווי דורך עפּעס א קישעף, אין איין אויגנבליק, אויסגערעכנט אין קאָפּ און געלייזט אַלע פאַרפּלאָנטערטע און סוידעספּולע אַלגעברישע רעטענישן. איטע האָט נאָר געדאַרפט וואָס גיכער דאָס אַלץ אויפשרײַבן אַף פּאַפּיר און שוין. האָט זי ניט אויפגעהערט וווּנדערן זיך:

— ווי קומט עס צו דיר?

די מאַמע מיטן פאַרשמאָלצעוועטן פאַרטעך, מיט די אָנגעבראַקנעטע הענט און מיט די שטענדיק פאַרטרערטע און אונטערגעבראָטענע אויגן, — זי האָט דעמלט געאַרבעט בא יאָסקע בעקער און געבאַקן די שענסטע און געשמאַקסטע בייגל, — האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין:

— אוי, טאָכטערוניע... וויפל אוצרעס, וויפל בריליאַנטן וואַלגערן זיך אין דער בלאָטע, ליגן פאַרגראָבן אין דער ערד!

מיסטאַמע האָט זי געוווּסט, וואָס זי זאָגט, די מאַמע. וועמען זשע האָט זי געמיינט? דעם טאַטן, וואָס האָט געזאָלט ווערן א ראָוו און איז אַוועק האַנדלען מיט שמויסלעך, די פעטערס, וואָס זײַנען אויך ניט געוואָרן די, וואָס האָבן געדאַרפט און געקאָנט ווערן, כאַנען, צי עפּשער זיך אַליין אויך... אַלע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אין זיך גרויסע אוצרעס און זײַנען געבליבן אין זיי, ניט אַנטפּלעקט.

— עפּשער איר, די ייִנגערע... — האָט די מאַמע געזאָגט.

נו, יאָ, אַוודע זיי, די ייִנגערע!

גיי ווייס, וואָס עס טראָגט אין זיך א מיידעלע פון א יאָר פופצן, וואָס שפּאַנט איבער די שטעטלשע גאַסן מיט א ייִנגלשן שפּאַן, זינגט די פּיאָנערישע לידלעך מיט א ביסל א גראָבלעכער ייִנגלשער שטים, און פאַראַקשנט איז זי, אײַנגעשפּאַרט, אויך ווי א ייִנגל. אַוודע, ווען מיר זאָלן געוווּען דאָס אַלץ וויסן, וואָלטן מיר אַף יענער זיצונג פון אונדזער קאָמיוגישער ביוראָ געוווּען געהאַנדלט א ביסל אַנדערש, אַלנפאַלס, מיר וואָלטן ניט געווען אַזוי שטרענג. נאָר ניט נאָר מיר האָבן ניט געוווּסט, זי אַליין אויך ניט. ווײַל אַזעלכע זאַכן טראָגט מען ניט אַרום מיט זיך, ווי עפּעס אַן אָפּגעשיילט איי אָדער אַן אויסגעבאַקן קוילעטשל, מע זאָל דאָס קאָנען טייקעף אַרויסלייגן אַף א טעלערל. ס'איז דאָך ניט מערער ווי עפּעס א טיפער און פאַרבאָרגענער, ווייטעקדיקער ברי, וואָס גיט בלויז אַמאָל א קלעם אונטערן האַרצן און לאָזט אַפילע ניט איבער קיין קלאָרן סימען.

אָט אַזאַ איז זי אַוועק פון יענער ביוראָ, פונעם שטעטל ביכלאַל, א ביסל א באַרויגעזע, א ביסל א באַליידיקטע, מיט יענעם אומבאַזיגבאַרן געפיל, אַז זי מוז, זי מוז זיך אַרויסדראַפּען פונעם יאַר, זי מוז דערגרייכן צו די סאַמע העכסטע הייכן, זי מוז דערווײַזן אַלעמען, זי מוז, זי מוז, זי מוז...

ווען זי האָט געהאַלטן באַם ענדיקן דעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום, איז זי געווען זיכער, אַז זי האָט דערגרייכט אַלץ, אַז זי קאָן שוין ווערן א לערערקע, ווי איר מומע מײַע. זי מעג שוין אַפילע א ביסל ענדערן דעם נאָמען, ער זאָל ניט קלינגען אַזוי גראָב. ניט אַף א סאַך ענדערן, נאָר אַף איין אָס. בלויז פאַרבײַטן דעם טעס אַף א דאַלעד. אי־דע. עס קלינגט שוין גאָר אַנדערש, פיל ווייכער און צאַרטער — אידע. און אַפילע פאַר דעם, וואָס וועט זיך פאַרליבן אין איר, וועט דער נאָמען אידע קלינגען א סאַך בעסער. נאָר באַקומען האָט זיך גאָר אַנדערש. א גאַנצע גרופּע סטודענטן פון טעכניקום, די מערער פייִקע, האָט מען איבערגעפירט אין פּעדינסטיטוט. דער טרוים האָט א ביסל זיך אָפּגערוקט, אַף גאַנצע דרײַ יאָר, נאָר זי איז זיכער געווען, אַז א לערערקע וועט זי ווערן. און זי וועט פונקט, ווי די מומע מײַע, דעקלאַמירן פאַר די קינדער אַף אויסווייניק פּושקינען און לערמאָנטאָוון, שעווטשענקאָן און פּעפּערן. נאָר דאָ איז געשען אַזוינס, אַף וואָס זי האָט זיך אַפילע ניט גערעכנט. שולדיק איז געווען טאַקע דאָס נײַע לעבן, מיט וועלכן זי איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט און וועגן וועלכן זי האָט ניט אויפגעהערט צו ריידן אַף אַלע פאַרזאַמלונגען. א ביסל הייסער פון אַנדערע און א ביסל העכער פון אַנדערע. האָט דאָס לעבן אַליין אָנגעהויבן מיט איר פּראַוועון קונצן. ס'איז געקומען צום אויספיר, דאָס לעבן, אַז א מיידל מיט אַזאַ ייִנגלשער שטים און מיט אַזאַ ייִנגלשן כאַראַקטער דאַרף זיך ווײַטער ניט לערנען, ווײַל זי איז שוין א פאַרטיקער קאָמיוגישער טוער. און זי איז סאַמע ווי אָנגעמאָסטן פאַר די קאָמיוגיסטן פון דניעפּראָפּעטראָווסקער זאַוואָד אָפּן נאָמען פון כאַווער פּעטראָווסקי.

דאָרטן, אַף יענעם זאַוואָד, האָט זי שוין ביכלאַל פאַרגעסן אין דער צײַט. ווײַל ס'איז שוין ניט געווען פאַר איר ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט, ניט קיין שאַבעס און ניט קיין יאָמטעוו, זי האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי עמעצער האָט איבערגעמאַכט איר נאָמען פון

אידע אף לידע, וואָס האָט שוין געקלונגען אַ ביסל ניט יידיש. נאָר ווער יידיש, וואָס יידיש, אַז די קאָמיוגישע איניאַנים האָבן זי אַזוי פאַרכאַפּט, פאַרדרייט, פאַרשלייערט, אַז זי האָט אָפּטמאָל אינגאַנצן פאַרגעסן, ווי מע רופט זי, ווײַל פאַר דער מערהײַט ייִנגלעך מיט מיידלעך פונעם זאוואָד האָט זי געהאַט גאָר אַ נײַעם נאָמען, וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן ניט מיט איטען, ניט מיט אידען און ניט מיט לידען. פאַר זיי אַלע איז זי געווען זייער סעקרעטאַר און קיין אַנדער נאָמען האָט זי בײַ זיי ניט געהאַט:

— כּאַוועֶר סעקרעטאַר!

דערנאָך, נאָך דעם, ווי זי האָט אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען אין דער זאוואָדישער פּילטיראַזשקע, האָט דאָס לעבן געפונען, אַז אין איר ווערט פאַרפאַלן אַ זשורנאַליסט, און מע האָט זי אין גרויס אײַלעניש, טאַקע נאָר ווי בײַס עפּעס אַ סרייפע, אַוועקגעשיקט קיין כאַרקאָוו אין זשורנאַליסטישן אינסטיטוט. טאַקע דאָס האָט זי געבראַכט אַף אַ קורצער צײַט אין דער כאַרקאָווער קאָמיוגישער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע“ און דערנאָך אַף אַ מערער לענגערער צײַט אין דער צײַטונג „די שטאָלענע נאָדל“ פון דער כאַרקאָווער ניי־פאַבריק, ווו זי איז געווען אַליין דער רעדאַקטאָר, אַליין דער סעקרעטאַר, אַליין דער קאָרעקטאָר, ווי אויך דער פאַרשפּרייטער און דער פאַרלייענער פון דער צײַטונג סײַ אַף דער באַטאַגיקער סמענע, סײַ אַף דער באַנאַכטיקער. ווײַל כּוץ דעם אַלעמען, איז זי נאָך געווען אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, אַ לעקטאָר, אַ פאַרטרעגער און ביכלאַל אַ מענטש אַ קאָכלעפל, אָן וועמען עס האָט ניט געקאָנט דורכגיין קיין איין פאַרזאַמלונג, קיין איין באַראַטונג און קיין איין זיצונג. און קיין איין כאַסענע אויך ניט.

אין יענע פאַרהאָרעוועטע און פאַריאָגטע, פאַרשוויצטע און שלאָפלאָזע מעסלעסן האָט ווידער זיך אַרײַנגעמישט דאָס לעבן און אין איינעם אַ פאַרנאַכט זי פאַרפירט אין עפּעס אַן אַפּטייק. צי האָט זי טאַקע געדאַרפט האָבן אַהין, קריגן פאַר עמעצן עפּעס אַ רעפּוע, צי דאָס איז געווען אַ באַשערטע זאַך און ס'האָט זי גלאַט אַזוי פאַרפירט אַהער, — נאָר ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין אַפּטייק, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט געטראָפן גאָר אין אַן אַנדער וועלט. אַ וועלט פון וווּנדערבאַרער רו, פון שטילקײַט און לאַנגזאַמקײַט, ווו אַ מענטש קאָן פּאַשעט זיצן איינער אַליין, אויסער די אַלע רווישן און יאָגענישן, און רויִק טראַכטן. אַ וועלט, נאָך וועלכער זי האָט זיך פּאַשעט פאַרבענקט. אין אַפּטייק איז קיינער ניט געווען. בלויז אַ פרוי אין אַ ווײַסן כאַלאַט מיט אַ מאַטעווע פּאָנעם און שווארצע אויגן איז געזעסן באַם טיש און עפּעס געשריבן. און אַף דער וואַנט איז געהאַנגען אַן אַלטמאָדישער זייגער מיט געשניצטע ווענטלעך און מיט אַ הילצערן פייגעלע אַפן דעכעלע, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז טאַקע אָט דאָס פייגעלע האַלט אין איין אויסקלאַפּן: טיק־טאַק, טיק־טאַק...

מעגלעך דערפאַר, וואָס זי איז געווען שטאַרק מיד, טאַקע ביז גאָר איבערגעמאַטערט פון אָט די אומרויִקע, ראַשיקע און שלאָפלאָזע מעסלעסן, האָט זיך איר געדוכט, אַז קיין בעסער, קיין רויִקער אָרט, ווי אין אַן אַפּטייק, קאָן אַף דער וועלט ניט זײַן. און די בעסטע פּראָפעסיע איז געוויס אַ פּראָוויזאָר, וואָס שטייט שטענדיק אָן אַרומגערינגלטער מיט שטומע פלעשעלעך און פּושקעלעך, מישט אויס פאַרשיידענע פּראָשקעלעך, טראָפּנדלעך און אַנדערע קרײַטעכצער, וועגט זיי איבער פּאַמעלעך אַף דער אַפּטייקערישער וואָג, וואָס איז די סאַמע פּינקטלעכסטע וואָג אין דער וועלט, און גרייט צו פאַר די קראַנקע מענטשן די סאַמע ניי־טיקסטע רעפּועס.

אַמאָל, אַמאָל, אין איר ווײַטער קינדהײַט, האָט זי אָפּטמאָל באַגעגנט אַף די שטעטלשע גאַסן אַ הויכע פרוי אין אַ לאַנגן, ברוינעם בעגעד, מיט אַ שוואַרצן טיכל אַפן קאָפּ. אין אירע גרויסע און שוואַרצע, שטענדיק פאַרטראַכטע, פאַרטרויערטע אויגן איז געווען אַ טיפער צאַר... צי דאָס איז געווען פון אייגענעם ווייטעק, צי פון פרעמדע לײַדן, דאָס האָט זי ניט געוווּסט, זי האָט נאָר געוווּסט, אַז דאָס איז ראָכל די אַפּטייקערן. דאַן האָט זי אַפילו מוירע געהאַט צו טרוימען ווערן אַמאָל מיט עפּעס ענלעך אַף ראָכל דער אַפּטייקערן. אָבער שטייענדיק אין אַפּטייק, איז זי געקומען צום געדאַנק, אַז וועגן דעם האָט זי, אייגנטלעך, געטרוימט די גאַנצע צײַט. ווײַל אָט, אַפילו די אומבאַקאַנטע פרוי איז זייער ענלעך אַף יענער, אַף זייער כּאַשטשעוואַטער אַפּטייקערן.

דעם צווייטן גאַנצפרי איז זי אַוועק אין שטאָט, אָפּגעזוכט דעם פאַרמאַצעווטישן אינסטי־טוט און דערלאַנגט אַ מעלדונג מיט אַלע נייטיקע דאָקומענטן.

דעם אינסטיטוט האָט זי פאַרענדיקט אַ וואָך פאַרן אָנהייב פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. און גאָר אינגיכן געמוזט זיך עוואַקויִרן.

אַ קאַפּריזע זאַך דאָס לעבן. אַף יענער ווײַטער, פאַרוואָרפענער סיבירער סטאַנציע, ווו זי איז אַראָפּגעקראָכן און באַשטימט זיך אײַנאָרדענען אַף וועלכער־ניט־איז אַרבעט, האָט

מען ניט געדאַרפט ניט קיין לערערס, ניט קיין אַפּטייקערס און ניט קיין פּאַראַשוטיסטן. מע האָט געדאַרפט בלויז אַ דעזשורנע פֿון אָט דעם קליינעם פּאַרוואָרפֿענעם סטאַנציעלע. און איר האָט זיך אַפֿילו קיינמאָל ניט געכאָלעמט, אַז נאָך אַלעמען, נאָכן טעכניקום און נאָך די דרײַ אינסטיטוטן, וועט זי דאַרפֿן דורכגיין דרײַכאַדאָשימדיקע קורסן און אָפּגעבן עקזאַמענעס פֿאַר אַ דעזשורנע פֿון אַן אײַזנבאַן־סטאַנציע.

דאָס קליינע סטאַנציעלע, אַ צונױפֿגעקלאַפּטס פֿון ניט קיין אויסגעטעסעטע בערווענעס, איז אויסגעוואַקסן פֿאַר עטלעכע טעג און אויסגעזען ווי אַן איינזאַמער אָקאָפּ אינעם אומענדלעכן סטעפּ, זייער אַן אומגעלומפּערטער און אַן אויסגעשפּראָכן־צײַטווײַליקער, אָפּהענגיק פֿון דער מילכאָמע־סיטואַציע. איטע אַליין איז דאָ אויך געווען אַ צײַטווײַליקע. זי, מיט איר שאָפֿענעם פּעלצל און גראָבע פֿוישטן, מיט איר רויטן היטעלע אָפֿן וואָלענעם שאַלעכל און מיטן רויטן פֿענדל אין די הענט. ניט צײַטווײַליק, מיט אַן אײַנגעלעגערטקײַט פֿון יאָרן, האָט איר זיך געדוכט, איר אייגענער אומעט, איר עלנטקײַט און איר בענקעניש, מיט וועלכער זי האָט אַרויסגעקוקט סײַ אויף מיזרעך און סײַ אויף מײַרעוו, ביידע אומבאַגרײַפֿלעך ווײַטע, וווּהין זי האָט עטלעכע מאָל אין טאָג באַגלייט עשעלאָנען. אויף מײַרעוו — מיט סאָלדאַטן, געווער און אַמוניציע, אויף מיזרעך — מיט פֿאַרווונדעטע. צום האַרצן זײַנען איר געווען די מײַרעוודיקע. מיט יעדער עשעלאָן האָט זי אַליין געמאַכט נאָך אַ טראָט, אַלץ נעענטער צו איר כאַרקאָוו, צו איר כאַשטשעוואַטע, צו יענעם גרויסן טאָג פֿון זיג.

קיין לערערקע איז זי ניט געוואָרן. נאָר זי האָט געקאָנט דעקלאַמירן אויף אויסווייניק אַלע פּאָעטן, ניט ערגער פֿון איר מומע — לערערקע מײַע. זײַנען זיי איר זייער צוניץ געקומען, די פּאָעטן, דאָ, אויפֿן פֿאַרוואָרפֿענעם צײַטווײַליקן סטאַנציעלע, מיט זיי האָט זי זיך געפֿילט אַ סאַך היימלעכער. און אַפֿילו ווען זי האָט איבערגעכאַזערט פֿאַר זיך האָפּשטיינס „אין ווינטער־פֿאַרנאַכטן אויף רוסישע פֿעלדער, ווו קאָן מען זײַן עלנטער", איז איר אויך געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער און היימלעכער. ווײַל נאָך דעם איז אויפֿגעקומען שוואַרצמאַנס „דער סוינע באַ די טויערן", און זי האָט דאָ, אויפֿן סטאַנציעלע, זיך געפֿילט, ווי אַ סאָלדאַט אין אָקאָפּ, וואָס שטייט אויף דער וואַך, שטייט אויף זײַן פּאָסטן און פֿילט אויס זייער אַן ערנסטע שלאַכט־אויפֿגאַבע.

עשעלאָנען, עשעלאָנען... אָנגעפּאַקטע מיט סאָלדאַטן און אַמוניציע, מיט טאַנקען און האַרמאַטן, מיט הילכיקע לידער און מיט שטילן אומעט, מיט בענקעניש און מיט צאָרן. שטייט זי אין איר צײַטווײַליק פּעלצל און צײַטווײַליקע פֿוישטן, פֿאָכעט מיט איר רויט פֿאָנעכל און זינגט זיי נאָך אויף איר אויפֿן. פֿון איר אייגענעם רעפּערטואַר.

■

אַ פּראָוויזאָר איז זי געוואָרן ערשט דאַן, ווען זי האָט זיך אומגעקערט קיין כאַרקאָוו פֿון דער עוואַקואַציע. אַ פּראָוויזאָר פֿון אַ גרויסער, ביז גאָר גרויסער אַפּטייק, אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט פֿערציק מענטשן. נאָר מיט קיין רו האָט אַפֿילו ניט געשמעקט. פּלענער, רעוויזיעס, באַראַטונגען און פֿאַרזאַמלונגען. אויף דער וואַנט איז בעפּיירעש געהאַנגען אַ זייגער, אויך אַן אַלטמאָדישער, אויך מיט יענעם פֿאַרוויגנדיקן טיק־טאַק, נאָר ס'האָט אים קיינער ניט געהערט, ניט געווען אַפֿילו ווען אַ קוק צו טאָן אויף אים. און ווען ס'האָט זיך אַמאָל געפֿונען אַ פֿרײַע מינוט און זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, האָט זי ניט שטענדיק געוווּסט, וועלכע צוועלף ווײַזט דער זייגער: צי ס'איז צוועלף באַטאָג, צי צוועלף באַנאַכט.

אַ לאַנד, אַ וועלט אַ גאַנצע אין הוילע וווּנדן... האָבן פּראָוויזאָרס געהאַט אַ סאַך אַרבעט. נאָר ווען מע קאָן עפּעס צוטראַכטן אויף היילן די אייגענע וווּנדן, און דער מאַמעס, אָדער כאָטש מאַכן אַזוי, זיי זאָלן אַ ביסעלע ווייניקער וויי טאָן, זיי זאָלן ניט יאַטרעווען באַטאָג און באַנאַכט.

אַ גאַנצן טאָג זיצט די מאַמע מיטן קאָרבן־מינכע אין די הענט. אַן אַלט, פֿאַרגעלט סייפֿערל מיט פֿיל אויסגעפֿליקטע זײַטלעך. דאָס סייפֿערל איז פֿאַר איר אַן איביקע זאַך, זי ווייסט אַלע טפֿילעס אויף אויסווייניק. זי האַלט עס צוליב דעם, אַז דער אייבערשטער זאָל זי דערקענען, באַבקען, די אַמאָליקע פֿירזאָגערן אין כאַשטשעוואַטער שול. און דאָס, וואָס זי האָט אים צו זאָגן, איז אין דעם אַלטן קאָרבן־מינכע ניטאָ, דאָס זײַנען גאָר נײַע טפֿילעס און נײַע טײַנעס.

— פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס, פֿרעג איך דיך, האָסטו מיך געלאָזט אַזוי לאַנג לעבן אויף דער וועלט, איך זאָל אַזוי פֿיל יאָרן דאַרפֿן באַוויינען מײַנע קינדער און מײַנע אייניקלעך! האָט דאָך שוין כאַנע געבערענט, האָט זי דאָך דאַן געקאָנט פֿאַרבערענט ווערן און שוין! צוליב וואָס זשע האָט זי געדאַרפֿט לעבן, כאַסענע האָבן, געבוירן קינדער, אַז די היטלערישע מערדער

זאָלן זיי אַלעמען אומברענגען? און מײַן דווירעלען מיט אירע קינדער! און מיט וואָס האָבן זיי זיך אַזוי פאַרזינדיקט פאַר דיר, וואָס דו האָסט צוגעטראַכט פאַר זיי אַזאַ שרעקלעכן טויט? און מיינסט, איך האָב פאַרגעסן אין יאַנקעוו־לייבן, זײַנע ברידער און הונדערטער, טויזנטער אַנדערע הרוגים? וואָס ווילסטו מיט דעם דערווײַזן? שווײַגסט, הא, גאָטעניו?

איז דאָס דער איינציקער כוילע, פאַר וועמען איטע קאָן ניט צוטראַכטן קיין רעפוע... כאָטש, ניט דער איינציקער. פאַראַן אַ סאַך אַזעלכע. און זי אַליין אויך. באַ איר הערן דען די ווונדן אויף צו יאַטערוועןְ? נאָר זי איז דאָך אַ פּראָוויזאָר.

— מאַמע, ביסט דאָך ניט איינע, — טײַנעט זי צו איר. — טויזנטער, טויזנטער אַזעלכע...

— אוי, טאָכטערוניע, אָט דאָס זאָג איך דאָך! ווען מע לאָזט מיך צו צו עפּעס אַזאַ זאַך, איך זאָל זיך קאָנען אויסוויינען, אויסשרײַען און אויסרעדן זיך פאַר דער גאַנצער וועלט!.. זאָל די וועלט וויסן!.. און זאָל די וועלט פאַרשטיין, אַז מע טאָר ניט, מע טאָר מערער אַזוינס ניט דערלאָזן! אָט זיץ איך און קוק אַרויס אָף דער גאַס. און פאַר די אויגן שטייט מיר די גאַנצע צײַט אונדזער דווירעלע. ס׳איז אַזאַ פראָסט אין דרויסן, עס שיט אַ שניי, און זי גייט און שלעפּט דאָס שליטעלע מיט די צוויי קינדער. זי פירט זיך אײַניינעם מיט זיי צום טויט. און כאָנע... מע קאָן דען אַזוינס איבערדערציילן...

— אָבער, מאַמע!..

— מיר איז קאַלט, פאַרשטייסט, טאָכטערוניע, מיר איז די גאַנצע צײַט קאַלט. און איך קאָן ניט אַרויסטרײַבן דעם פראָסט פון מײַנע אייוורים...

אַזוי גאַנצע צוואַנציק יאָר. און אַזוי איז זי אַוועק פון דער וועלט ניט אויסגעוויינט זיך, ניט אָנגעשריגן זיך, ניט אָנגעוואַרעמט די פאַרקילטע אייוורים און ניט פאַרהיילט די יאַטערנדיקע ווונדן.

וואָס קאָנען דאָ אופטאָן געוויינלעכע פּראָוויזאָרס?

כּאַוואַל אַל דעאָוודין...

ד אָס היגע, דאָס אייגענע, דאָס ליבע ווינטעלע...
ניט יענע פרעמדע און בייזע ווינטן, וואָס טרײַבן אָן פון ערגעץ שווארצע וואָלקנס, גוס־רעגנס און זאַווייען, ניט יענע שטורעם־ווינטן, וואָס פײַפן און וואָיען, קערן וועלטן, ברעכן צווייגן, רײַסן אַרויסביימער מיט די וואָרצלען און לאָזן איבער אַ סאַך הײַזער אָן דעכער, נאָר דאָס היגע, דאָס אייגענע ווינטעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן טאַקע דאָ און אָפּגעלעבט אײַני־נעם מיט פיל יידעס און באָבעס, טאַטעס און מאַמעס, קינדער און אייניקלעך אַ סאַך, אַ סאַך יאָרן... דאָס ווינטעלע, וואָס האָט מיט אַ שטילן גלעט יעדן גאַנצפרי דיר אָפּגעגעבן דעם „גוט־מאָרגן" און וואָס האָט יעדן אָוונט דיר אַרײַנגעזונגען דורכן פענצטער — אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט... עס פאַרמאָגט, דאָס ווינטעלע, זײַנע באַזונדערע רייכעס, רייכעס, וואָס ס׳האָט אַרײַנ־גענומען, אַרײַנגעזופּט, איבערגעמישט און אויסגעהאַלטן אין זיך פאַר פיל יאָרן פרילינגדיקע בלײַונגען און אָסיענדיקע צײַטיקײַטן. און דאָס דינע, דאָס שטילע קלעכל זײַנס, אַ מין קויל דמאַמאָ דאַקאָ, איז פול מיט פאַרצײַטיקער נעגינע — אַמאָל ביז גאָר פריילעכער, ווי יענע כאַסענע־טענץ, און אַמאָל זייער און זייער טרויעריקער. עס האָט אַ סאַך געזען, אַ סאַך גע־הערט, און דער זיקאָרן באַ אים — אָף אונדז אַלעמען געזאָגט געוואָרן. איין כיסאָרן האָט עס, דאָס היגע ווינטעלע, — עס האָט זייער שוואַכע פליגל און ווײַט פליִען קאָן דאָס ניט. און עפּשער... עפּשער איז דאָס גאָר זײַן מײַלע. ווײַל ווען עס זאָל האָבן שטאַרקערע פליגל, פליט עס אַוועק אין עק וועלט, און גיי זוך דאָס. אַזוי צי אַזוי, נאָר אויב דו ווילסט זיך זען מיט דעם, ווילסט, עס זאָל דיר עפּעס אויסזינגען, אויסדערציילן, ווילסט, עס זאָל דיך ווי אַמאָל אַ גלעט טאָן דאָס בעקל און אַרײַנראַמען אַ סאָד אין אויער, קום צו פאָרן אַהער, קיין כאַשטשע־וואַטע, גיי אַרויס אין דרויסן אַ גרויסן פאַרטאָג, ווען די זון איז נאָך פון יענער זײַט קאַזאַור־טשינער באַרג און דער נאָך פאַרשלאָפענער בוג פינטלט און מרוזשעט די אויגן פון די ערשטע זונען־שטראַלן, וואָס טאַנצן אַרום איבערן טײַך, שטעכן דורך די וואַסערן מיט טויזנטער גאָל־דענע שפּיזעלעך. דאָס ווינטעלע וועט דיך גלײַך דערקענען, דיר אָפּגעבן אַ ברייטן שאָלעם־אַליימעם, אַרומנעמען דיך פון אַלע זײַטן, אַ גלעט טאָן דאָס פּאָנעם, גרייט זיך צעקושן מיט

דיר און פאַר גרויס פרייד שוין אָנהייבן אַרײַנזינגען דיר אין אויער אַזוינס, וואָס דו האָסט שוין לאַנג ניט געהערט און ווײסט אין ערגעץ ניט הערן.

דאָס היגע, דאָס אייגענע, דאָס ליבע און אויסגעכאָלעמטע ווינטעלע. אוי, ווי איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך דעם!

צו די אַלע געשיכטעס, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט אין מאָסקווע, האָט מיר זייער געפעלט נאָך אַזוינס, וואָס נאָר דאָס היגע ווינטעלע האָט מיר געקאָנט דערציילן. איך האָב זייער נייטיק באַדאַרפט נאָכאַמאָל דורכשפּאַצירן פאַרבײַ דעם יאַר מיט די בודיקעס און טישע־באַנו־בערעלעך, פאַרבײַ די װערבעס און דער בראַוער קרענעצע און אַרוף מיטן בערגל צו יאַנקעוו־לייבס שטיבל. איך ווייס, אַז דאָס שטיבל, ווי פיל אַנדערע הײַזקעס אַרום דעם, איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניטאָ, אָבער דאָס אָרט, דאָס בערגעלע אַליין, ווו דאָס שטיבל איז געשטאַנען, האָב איך געמוזט זען. כ׳האָב געדאַרפט אָפּשטיין אַף דעם אָרט אַ פּאָר מינוט און דאָס ווינטעלע זאָל מיר אָפּסנײַ איבערדערציילן, וויאַזוי מע האָט געבראַכט יאַנקעוו־לייבן אַ האַלב־פאַרפרוירענעם אַהיים און ווי ער האָט אָפּגעהוסט עטלעכע כאַדאָשים, ביז... די דע־ניקינצעס האָבן אים געהאַרגעט.

דערנאָך האָב איך געדאַרפט דורכשפּאַצירן דורכן גאַנצן שטעטל באַרג־אַרוף צו דעם לעצטן שטיבל פון דער קאַוואַליוקע, צו לייב דעם שטעלמאַכס שטיבל. דאָס שטיבל, וואָס לייב האָט אויסגעוואַלקעוועט מיט זײַנע אייגענע הענט, שטייט נאָך ביז הײַנט, נאָר לייב אַליין איז שוין ניטאָ, ניט לייב, ניט זײַן סאָרע. זיי ליגן ניט ווײַט פונדאַנען, אַ ביסל נידעריקער, אין די הלינישטשעס אינײנעם מיט אַלע איבעריקע האַרוגים. וואָס זשע האָב איך געוואָלט פונעם שטיבל? איך האָב געוווּסט, אַז דאָס ווינטל, וואָס גייט מיר נאָך פּוסטריט, וועט דאָ, באַם שטיבל, מיר דערמאָנען עפּעס אַזוינס, וואָס אַלע דערציילער האָבן דורכגעלאָזט.

עס האָט מיך אַ ציִ געטאָן אַהער, ווײַל איך האָב זיך פאַרבענקט נאָכן ליבן ווינטעלע און נאָך די העלדן פון מײַנע „יונגע יאָרן". אייניקע האָב איך געטראָפן אַף זייערע ערטער, אין זייערע הײַזער, אַנדערע האָב איך שוין געדאַרפט זוכן אַפּן בעסוילעם.

מײַן עלטערע שוועסטער, כײַקע, איז געשטאָרבן אין אַ יאָר אַרום נאָך מײַן לעצטן באַ־זוך. אָט אַזוי, פּלוצלינג און אומגעריכט. געקומען אַהיים פונעם מאַרק, אַוועקגעשטעלט דאָס קוישעלע אין קיכל, אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן און אַ זאָג געטאָן:

— אוי, ס׳איז מיר עפּעס ניט גוט.

און אין אַ שאָ אַרום איז זי שוין ניט געווען.

כײַקע, כײַקע... זי איז געווען די סאַמע עלטסטע, און איר איז אויסגעקומען אויסניאַנ־טשען אונדז אַלעמען. און ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, איז זי געוואָרן די גלאַוונע באַלע־באָסטע. זי האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז זי מוז די ערשטע זיך נעמען אין די הענט, זי דאַרף האָבן אין זינען סײַ דאָס קליינוואַרג און סײַ דעם טאַטן.

אַ בעריע איז זי געווען, ווי די מאַמע. זי האָט געקאָנט פון גאָרניט אָפּקאָכן אַ געשמאַקן מיטיק, זי האָט געקאָנט זייער גוט פּאָליען קאַרטאָפל, גראָבן בורעקעס און ווייַנען איבער אַ ביכל.

זינט איך האָב נאָך יינגלווײַז פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָבן מיר זיך געזען זייער זעלטן. עפּשער איין מאָל אין פינף יאָר, ס׳האָט געטראָפן, אַז אויך איין מאָל אין פופצן. בלויז די לעצטע יאָרן זיך געזען אַ ביסל אָפטער. נאָר בריוו, בריוו זײַנען געגאַנגען אַהין און אַהער. און יעדער בריוו אירער איז געווען פול מיט זאָרג, גלײַך איך וואָלט נאָך געווען יענץ קליין ברודערל, וועמען מע דאַרף עפּעס דערלאַנגען אין מויל אַרײַן. כאָטש אייגענע דײַגעס האָט זי געהאַט אַ פולן זאַק.

בין איך געקומען צו איר צוגאַסט שוין אַהער, אַף דעם נײַעם כאַשטשעוואַטער בעסוי־לעם, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די הלינישטשעס אַרום די ברודער־קוואָרים.

די אַלטע פייגע האָב איך שוין אויך געטראָפן דאָ. ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל, מיט אַ יאָר אַכט צוריק, און זי האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן אַף די קנייטשן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אונטער די אויגן, האָב איך דאָס אופגענומען ווי אַ שפּאַס. אַז מע קלאָגט זיך בא צוויי און אַכציק יאָר אַף די ערשטע קנייטשן, איז אַ סימען, אַז מע האַלט נאָך פון פאָרנט. דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך געזען נאָך דעם, ווי די ערשטע טיילן פון די „יונגע יאָרן" זײַנען שוין געווען אָפּגעדרוקט, ווען די גאַנצע מישפּאָכע, אַ מענטשן דרײַסיק, האָבן זיך צונויפגעקליבן צו איינער פון פייגעס טעכטער, צו סאָרען, אַף אַן אומגעווײנלעכער לייע־נער־קאָנפערענץ.

די אַלטע פייגע איז געזעסן, ווי געווײנלעך, אַף איר פּאָליִרטער שטול מיט הויכע פּאָרענ־טשעס, אַף איר קיסע־האַמאַלכוס, דער גראָבער קובליק איז געוואָרן אינגאַנצן ווײַס, די

קנייטשן פון אונטער די אויגן, אַף וועלכע זי האָט זיך אַזוי געקלאָגט מיט עטלעכע יאָר צוריק, זײַנען זיך צעפאָרן איבערן גאַנצן פּאָנעם, און די אויגן אַליין... ס׳איז שווער געווען צו זאָגן, וואָס איז געשען מיט אירע אויגן, נאָר עפּעס זײַנען זיי געוואָרן פול מיט אומרו. און עפּעס בלאָנדזשען זיי די גאַנצע צײַט אַרום, גלײַך זיי זוכן עמעצן אַרום זיך. זוכן און קאָנען ניט געפינען. מיט איין וואָרט — די אַלטע פייגע מיט אַלע אירע זעקס און אַכציק יאָר און מיט איר ביז גאָר שוין אָפּגעשוואַכטן זיקאָרן. איןביידע גערוימע צימערן — האַלעווײַ אַף פיל באַגעגענישן געזאָגט געוואָרן — זין און טעכטער, שנורן און איידעמס, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

אַף די טישן — פון הערן און געדענקען. האָבן מיר גענומען אַ לעכאַים און פאַרביסן מיט זייער מאָדערנע בייגעלעך און מיט זייער אַלטמאָדישן שטרודל. ביידע אַלציינס געשמאַק און מע האָט וועגן ביידע געקאָנט זאָגן אַ גוט וואָרט. באַזונדערס, ווען פריידל־פרידע האָט זיך מודיע געווען, אַז דאָס גאַנצע געבעקס, סײַ דעם אַלטמאָדישן, סײַ דעם מאָדערנעם, האָט אָפּגעבאַקן איר טאָכטער אַלע, אַ לערערן פון ענגליש אין דער היגער שול. דאָס האָט זי, הייסט עס, געמוזט דערווײַזן, אַז ניט נאָר די קינדער, נאָר אויך די אייניקלעך האָבן געיאַרשנט פון דער באָבען די קענטענישן פון קאָכן און באַקן. האָב איך געלויבט דאָס געבעקס אין טאָג אַרײַן, כאָטש מערער פון אַלעמען זײַנען מיר געפעלן געוואָרן די קאָווענעס, די קאָווענעס, מיט זייער בלוי־רויטער פאַרב, מיט זייער באַזונדערן רייעך און באַזונדערן זאַפט, וואָס דערמאָנט מיר שטענדיק אין מײַן ווײַטער קינדהײַט, ווען פונעם קאָווען, וואָס דער טאַטע פלעגט פאַנאַנדערשנײַדן, פלעגט מיר אָנקומען דאָס קלענסטע און דינסטע ריפּטעלע, און נאָכן אײַנשלינגען דאָס פלעגט בא מיר שטענדיק אויפקומען אַ דאָרשט אַף ניט אײַנשטילן. כאָטש נאָך אַ שטיקעלע קאָווען!..

האָבן מיר גענומען אַ גוטן לעכאַים, פאַרביסן מיט זייער געשמאַקע זאַכן און געלויבט אין טאָג אַרײַן די זעלטענע מײַכאָלים.

דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן לייענען...

מער ווי פאַר אַלעמען האָב איך זיך געשראָקן פאַר דער אַלטער פייגען. דעם עמעס געזאָגט, די מײַסע, ווי אַזוי זי איז געלאָפן זוכן איר מאָטלען, האָט זי מיר געהאַט דערציילט, ווי מע זאָגט, אין אַלגעמיינע שטריכן. אַ סך דעטאַלן, לעמאָשל, ווי אַזוי זי האָט געפונען איר מאָטלען אין אומאַן צווישן די מאַרשירנדיקע רויטאַרמייער, ווי אַזוי זי האָט אים דערקענט לויט דער נאָז, דער הייזעריקלעכער שטים און ווי אַזוי זיי האָבן זיך דורכגעוואָרטלט, האָב איך שוין מערער צוגעטראַכט. איך האָב זייער מוירע געהאַט, זי זאָל מיך ניט פּאַקן בא אַ ליגן. נאָר פייגע איז געזעסן שטאַרק פאַרטיפט אין זיך, די אויגן האַלב צוגעמאַכט, און מיר האָט זיך אָפּטמאָל געדוכט, אַז זי דרעמלט. נאָר זי האָט געהערט זייער אופמערקזאַם, ניט דורכגעלאָזט קיין וואָרט, און אַלעמאָל האָט אַף איר פּאָנעם אַ שײַן געטאָן אַ ראָזעווע שמייכעלע, וואָס האָט אַ ביסל פאַרגלעט די קנייטשן. מיט אַלע אירע געדאַנקען, מיט אַלע אירע כושים איז זי געווען אין יענער ווײַטער צײַט, און אָפּסנײַ איבערגעלעבט אַלץ. נאָר שוין ניט אַזוי, ווי דאָס איז געווען אין לעבן, נאָר אַזוי, ווי בא מיר איז דאָס באַשריבן. זי איז געווען זיכער, אַז אַלץ איז געווען פּינקטלעך אַזוי. און ווען איך האָב געענדיקט לייענען דעם ערשטן עפּיזאָד, געמאַכט אַ קליינעם איבעררײַס און גענומען אַ שטיקל קאָווען, האָט זי אָנגעהויבן אַליין דערציילן... אַ שטיקעלע פאָרזעצונג, וואָס איז, לויט איר מיינונג, געבליבן ניט באַשריבן.

אָפּגעפרישט דעם האַלדז מיט אַ שטיקל זיסן קאָווען, האָב איך גענומען לייענען ווײַטער. עס גייט ווי עס דאַרף צו זײַן. איינער טוט אַ שמייכל, אַ צווייטער טוט אַ שמאָצקע מיט די ליפּן, אַ צי מיט דער נאָז, און אַ דריטער ווישט אָפּ אַ טרער. און אין אַלע ווינקעלעך פונעם גרויסן צימער שעפּטשען שטיל די איבערזעצער. ווער איך בא זיך פעסטער. באַזונדערס נאָך דעם, ווי איך דערוויס זיך, אַז מיט די פאַרשיידענע לידלעך האָב איך אויך געטראָפן. טאַקע פונקט אָט די לידלעך האָט געזונגען יעדערער אין זײַן צײַט. אייניקע האָבן אַפילע געפּרווט איבעררײַסן אַף אַ ווײַלע די פאָרלעזונג און אויסזינגען די ליד אַזוי, ווי זי איז אַמאָל געזונגען געוואָרן. פאַר מיר איז דאָס געווען ווי געפונען. כ׳האָב געקאָנט איבערכאַפּן דעם אָטעם.

יעדערער איז אַזויאַרום מאַסקים געווען מיטן לידל, וואָס איך האָב אים צוגעשריבן. נאָר ווען ס׳איז געקומען צו פייגעס ליד „גאָראָד ניקאָלײַעוו, פראַנצוזסקי זאַוואָד״ און צוויי אירע טעכטער האָבן זי אַרומגענומען פון ביידע זײַטן און גענומען אויסזינגען פאַר איר דאָס לידל, איז זי געוואָרן ווי באַרויִקט:

— זע נאָר, זע נאָר. פײַנע לידלעך זיך דערמאָנט. איר קענט ניט זינגען עפּעס אַ מערער אַ סאָווערעמיאָנע?

ווען איך האָב געענדיקט לייענען און אין שטוב איז אַף אַ ווײַלע געוואָרן שטיל, זייער און זייער שטיל, איז די אַלטע פייגע די ערשטע אַרויס מיט אירע טײַנעס:

— נו, און מײַן יאָסעלע?.. פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט ניט דערציילט וועגן יאָסלען?

זי איז געווען זייער בייז אַף מיר. זי איז געווען מאָלע רעציכע, גלײַך איך האָב זי מאָ־מעש באַראַבעוועט. אָדער זייער, זייער מיט עפּעס באַאוולט.

— טוט נאָר אַ קוק אַף אים, — האָט זי געגומען טײַטלען אַף מיר מיט די פינגער. — וויאַזוי מע האָט פרײדלען אויסגעשלאָסן פון די פּיאָנערן, האָט ער באַשריבן מיט אַלע פּיטשטשעווקעס, מע קאָן מיינען, אַז די גאַנצע וועלט מוז עס וויסן. און וועגן יאָסעלען האָט ער פאַרגעסן.

זי האָט זיך געקליבן דערציילן וועגן איר יאָסעלען אַ געשיכטע, וואָס האָט געדאַרפט איבערשטײַגן אַלע אירע פאַריקע געשיכטעס, נאָר דער זיקאָרן... ער האָט עפּעס ניט גע־וואָלט צי ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען דאָס, וואָס זי האָט געדאַרפט. דאָס פּאָנעם האָט זיך געקנייטשט, די אויגן האָבן געפינטלט, און דער שטערן... דער שטערן האָט געמאַכט אַזאַ מינע, גלײַך אָט־אָט האָט ער אָנגעטאַפּט דאָס, וואָס זי זוכט. נאָר ס'האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. האָט זי בלויז אַ קוק געטאָן אַפן פּאָרטרעט פון איר גדאַליען, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט, אַ פּאָרטרעט, אָנגעמאָלט מיט אייל־פאַרבן, פון וועלכן ס'האָבן ווי לעבעדיקע אַראָפּגע־קוקט די פאַרדײַגעטע אויגן און דאָס היפּשע ווײַסע בערדל, און אַ זיפץ געטאָן:

— ע, ווען מײַן גדאַליע זאָל געווען לעבן...

ס'הייסט, ווען איר גדאַליע זאָל געווען לעבן, וואָלט מיטן זיקאָרן אויך געווען אַ סאַך בעסער.

סאַרע־סאָפע, באַ וועמען אין שטוב ס'איז פאָרגעקומען די דאָזיקע לייענער־קאָנפערענץ, און וואָס האָט אַלעמאָל אין זינען געהאַט אונטערוקן עמעצן אַ ניי שטיקל געבעקס, אַן עפּל, אַ ריפּטל קאַווען אָדער אַ נאַרוואָס געעפנט פלעשל לימאָנאַד, האָט די ערשטע געכאַפּט זיך, אַז מע דאַרף אַרויסראַטעווען די געסט פון דער צו פאַרצויגענער פּאַוזע און אונטערמינטערן אַ ביסל די פאַרצווייפלטע מאַמע. זיך צוגערוקט אַ ביסל נעענטער צום טאַטנס פּאָרטרעט, האָט זי אויס־גערופן מיט אַ מינע, ווי מע רופט אויס דעם אָרדנטלעכן נומער אַף אַן אָוונט פון זעלבסטע־טיקײַט:

— און איך וועל באַלד זינגען אַ לידל, וואָס אַ סאַך האָבן עס געוויס פאַרגעסן. מיט דעם לידעלע פלעג מיך דער טאַטע פאַרוויגן, ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ פּיצל:

אוי, דו עפּלבוים, עפּלבוים, פאַרוואָס ביסטו אַזוי שיין?
וואָס בין איך אַזוי שיין?
אָט וועל איך דיר באַלד זאָגן.
איך בין געוואַקסן אין גרויסע סעדער,
מײַנע בלעטער האָבן מיך באַשלאָגן.

אַפּאָנעם, אַז ניט נאָר זי אַליין האָט גדאַליע סטאָליער פאַרוויגט מיט אָט דעם לידל. ווײַל גלײַך האָבן דאָס אָנגעהויבן זינגען אַלע איבעריקע:

אוי, דו נוסנבוים, נוסנבוים, וואָס ביסטו אַזוי גרין?
וואָס בין איך אַזוי גרין?
וועל איך דיר באַלד זאָגן.
איך טו וואַקסן אין טיפע וועלדער,
מײַנע ניס האָבן מיך באַשלאָגן.

געזונגען האָבן שוין אַלע. די אַלטע פייגע אויך. און אירע אויגן... זיי האָבן געזען פאַר זיך גאָר אַנדערע וועלטן. און פון וועלכן מין זײַנען געווען די טרערן, איז שווער געווען פאַר־שטיין. מעגלעך, גאַנץ פּאַשעטע. ווײַל ווער ווייסט... ווען נאָך וועט זי האָבן אַרום זיך די גאַנצע מישפּאָכע, ווען נאָך וועט זי פאַר איין טאָג זיך אָנהערן מיט אַזויפיל לידלעך. ווײַל... מיט די קנייטשן אונטער די אויגן, צי אָן די קנייטשן, מיט די יאָרן שפּילט מען זיך ניט.

און אָט, איז זי שוין אויך דאָ. דערצויגן, פונדעסטוועגן, צו אירע נײַנציק יאָר. עפּשער נאָך מערער אַ ביסל. די לעצטע צײַט האָט זי פאַרלוירן דעם כעזשבן. מעגלעך, אויך געוואָלט אָפּנאַרן דעם מאַלעכהאַמאָוועס.

וואַלאָדיע, דער איינציקער פון אירע זין, וואָס וווינט די גאַנצע צײַט אין כאַשטשעוואַטע, און זײַן פרוי עמע האָבן מיך אַרומגעפירט איבערן בעסיילעם פון איין מאַציייווע צו דער

צווייטער. בא יעדערער זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעשמועסט א ווײַלע, און ס׳האָט געהייסן, אז מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט א ביסל.

— אזוי גייט עס, — האָט זיך אָנגערופן וואָלאָדיע.

און עמע האָט צוגעגעבן:

— וואָלסט איצט געדאַרפט ווײַזן זיך אהער א ביסעלע אָפּטער.

איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט: אויב איך וועל, ווי פריִער, קומען אהער איין מאָל אין א יויוול, וועל איך א סאַך באַקאַנטע דאַרפן זוכן דאָ.

ווײַל אָט, יאַשע... ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן?

יאָ, יאַשע ווינאָקור, וואָס איז גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר, א פערטל יאָרהונדערט, נאָך דער מילכאָמע געווען פאַרזיצער פון היגן דאַרפראַט.

איך האָב אים געקענט פון זייער לאַנג. נאָך פון דאַן, ווען אין זייער הויף האָט אָנגעהויבן אופקומען דער כאַשטשעוואַטער קאָלווירט און בעניע קאָוועל האָט אונדז דאָ געלערנט אײַנשפּאַנען פערד, פאָרן רײַטנדיק, שנײַדן סיטשקע, ווערשעווען סקירדעס און פיל אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן א שײַכעס צו ערדאַרבעט. ער, יאַשע, איז, ווי דאָס היגע ווינטעלע, געבליבן טרײַ די אייגענע קאַנטן, דער היגער ערד, דער ערד ביכלאַל. עטלעכע יאָר פאַר דער מילכאָמע איז ער דאָ געווען פאַרזיצער פון קאָלווירט. אומעטום, וווהין די עוואַקואַציע האָט אים פאַרוואָרפן, אויף אוראַל און סיביר, אין קאַזאַכסטאַן, האָט ער געבריגאַדירעוועט אין די קאָלווירטן, און ווי נאָר ער האָט זיך אומגעקערט אהיים, גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר!.. פינף און צוואַנציק מאָל געזייט, פינף און צוואַנציק מאָל געשניטן, פינף און צוואַנציק מאָל אויסגעפּילט די פּלענער פון ברויט־פאַרגרייטונג, פון פליישׂ און מילך, פון וואָל און אייער און פון אַלץ, וואָס דאָס דאָרף האָט געדאַרפט אויספילן. און אויב עס האָט געהאַלטן שלעכט מיטן פּאַלען, האָט ער מיט זײַן כײַקען גענומען די סאַפּקעס אין די הענט און ארויס אין פעלד. צו דער סאַפּע זײַנען זיי געוווינט געווען פון קינדווײַז. און אויב עס איז שווערלעך געגאַנגען דער שניט, האָבן זיי גענומען די ווילעס מיט די הראַבליעס און ווידער ארויס אין פעלד. אָנלייגן אַרבעס און וואָרפן די סנאָפּעס אין דער דרעשמאַשין זײַנען זיי געווען גאָר גרויסע בעריעס. טאַקע בא דער דרעשמאַשין האָט זיך אָנגעהויבן זייער ליבע. און אויב עס האָט געפעלט א פּאָר טויזנט אייער צום פּלאַן, איז יאַשע אויך ניט געווען קיין גרויסהאַלטער. גענומען אין די הענט א גרויסן קאָשעק און זיך אַוועקגעלאָזט איבערן דאָרף פון שטוב צו שטוב.

די לעצטע יאָרן האָט ער, כוץ אַלעמען, זייער גוט באַהערשט די צערעמאָניע פון געבן כופּע־קעדושן און אויסלערנען די יונגע פאַרלעך זאָגן דעם הײַנטצײַטיקן הארײ־אַט און אויסטוישן זיך מיט פינגערלעך. צי זײַנען כאָסן־קאַלע געווען יידן, צי אוקראַאינער, האָט ער פאַר אַלעמען אַלצײנס זיך פאַרפּוצט אין זײַן שוואַרצן אָנצוג, איבערגעצויגן איבער די אַקסלען א ברייטן ווײַסן האַנטעך און באַקומען יענעם פײַערלעך־שטרענגן אויסזען, וואָס האָט אים געמאַכט סײַ ייִנגער, סײַ סאָלידער, מיט יענעם פאַרבאַהאַלטענעם שמייכעלע, וואָס איז גרייט געווען ארויסשפּרינגען אַפן פּאָנעם, ווי נאָר ער וועט צוטרעטן צו דעם צווייטן טייל פון דער צערעמאָניע: ארויסנעמען פונעם שאַפּקעלע דאָס פּלעשל ווײַן מיט די קויסעלעך, אָנגיסן כאָסן־קאַלע, די איידעס און אַלע איבעריקע מעכוטאָנים, ווען עס האָט זיך אײַנגעגעבן ארײַנשטופּן אין קליינעם צימערל פון דאַרפראַט, און ווינטשעווען אַלעמען דאָס, וואָס דאַרף אין אזא פּאַל געווינטשעוועט ווערן.

נאָך אַלעמען איז ער געווען א פּראָסטער כײַוועקײַעם, ניט פון יענע איבערגעשפּיצטע לײַט, וואָס ווילן ווײַזן, אז זיי זײַנען קליגער פון אַלעמען. ער איז געווען א פּאַשעטער האָרעפּאַשניק, וואָס האָט יעדער זאַך געטאָן בישליימעס און געפּאַדערט דאָס זעלבע פון אַנדערע. ער איז מיט עפּעס געווען ענלעך אַפן אַלטן בריוווטרעגער, וואָס האָט געדינט דעם שטעטל אַלע זײַנע יאָרן און וועמען אַלע האָבן מיט אָפּשײַ גערופן — פּאַני ווייפּאַן.

האָט מיט יאַשען זיך געענדיקט א גאַנץ פערטל יאָרהונדערט אינעם נאָכמילכאָמעדיקן שטעטל. און געוויס וועט ניט איינער, קעדיי פּינקטלעך באַשטימען די צײַט פון עפּעס א וויכטיקער געשעעניש, זאָגן:

— דאָס האָט געטראָפן נאָך דאַן, ווען יאַשע ווינאָקור איז געווען פאַרזיצער.

כאַוואַל אַל דעאָוודין!

און נאַפטאַלע דער שאָפער אויך? אזא גוואַר! ווי ער האָט עס אויסגעאַרבעט, ווי ער האָט עס אויסגעטאַנצט בא זײַן סימכעלען אַף דער כאַסענע מיט א פּאָר יאָר צוריק! און דאַפקע זײַן ראָכל־לייע, אָט די מאָגערינקע, אָט די שוואַכינקע ראָכל־לייע, מיטן אײַנגעשרומפּענעם פּענעמל, מיטן שטילן קעלעכל, מיט איר סטענאָקאַרדיע און היפּערטאָניע, מיט די טיפע

שניטן אַף די אַקסלען, די סימאַנים פֿון די שטריקלעך, וואָס האָבן זיך אײַנגעשניטן אין זיי, ווען זי האָט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער פֿאַרשנייטער און פֿאַרכווישעכטער, פֿאַרמאַרדעטער און פֿאַרפּאַשיסטעוועטער וועלט מיט איר שלוימעלען פֿאַר דער האַנט און מיט סימכעלען אַף די פּלייצעס, און צען מאָל אין טאָג געזען דעם טויט פֿאַר זיך, — דאַפֿקע זי, ראָכל־לייע, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ גרעסערן גיבער. זאָל זי נאָך לאַנג, לאַנג לעבן.

דאָס היגע, דאָס ליבע, דאָס אייגענע ווינטעלע... עס איז שוין אַן עלעלדיקס. עס שמעקט מיט אַלטע, אונטערגעווייקטע ווערבעס, מיט פּײַכטע, ניט קיין אויסגעשמיסענע הוישײַנעס, מיט קאַלטע, פֿאַרכמאַרעטע און ניט קיין דערשלאָפֿענע סליכעס־נעכט און מיט אַלץ, וואָס דאָס ווינטעלע האָט פֿאַרגעדענקט פֿון אַמאָל... עס טראָגט מיט זיך אויך אַ סאַך נאַרוואָס געשאַפֿנס, דאָס, וואָס דער אַנקומענדיקער האַרבסט האָט אָקאָרשט געבראַכט מיט זיך: מיט איבערגעפֿרײַטע זון־קעפּלעך, מיט זיסלעכן זאַפֿט פֿון געפּלאַצטע קאַוועגעס און דיניעס און מיט פֿרישן בוימל... און מיט פֿיל נײַע און אַלטע געשיכטעס... עס וואַרט נאָר, דאָס ווינטעלע, עס זאָל האָבן וועמען צו דערציילן.

אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז ס'איז שוין ניט יענץ ווינטעלע, וואָס אַמאָל, אַז ס'איז אַ סאַך עלטער געוואָרן און אײַנגאַנצן גראָוו. אַן אַלטער גראָוער ווינט, מיט עפּעס ענלעך אַף אונדזער אַמאָליקן שאָכן אַלטער טעלעגראַף מיט זײַן לאַנגער שיטערער באָרד און אַנגעטרערטע אויגן... און דערציילט אויך, ווי יענער אַלטער, ניסים־וועניפֿלאָעס וועגן דעם, וואָס הייסט ליזיאָן. און טאַקע... ווי קאָן מען עס אַזוי לאַנג לעבן, אַזױפֿיל איבערלעבן און ניט גראָוו ווערן?

ווי נעמט עס אַ ווינטעלע און מישט אויס איינעם געזאַנג מיט געוויין? יונגע, קינדערישע קלינגענדיקע שטימען מיט שטילן, פֿאַרדומפּענעם כליפּען און היכצן? האָט דאָס ווינטעלע אַ טערעץ: ס'איז ניט שולדיק. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס די שול איז זייער נאָענט פֿונעם בעסוילעם, און מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די לימודים אין דער שול. האָט זיך אויסגעמישט אַלץ אינאיינעם. דאָס זינגענדיקע מיטן וויינענדיקן, די הילכיקע קינדערישע קעלעכלעך מיט די הייזעריקע ווייגעשרייען פֿון די, וואָס קומען אַהער יעדן האַרבסט אַף קייווער־אָוועס.

דער נײַער כאַשטשעוואַטער בעסוילעם. ער איז געוואָרן אויך אַ פּילשפּראַכיקער. אַף אייניקע מאַצייוועס איז נאָך אָנגעשריבן דער אַמאָליקער „פּוי ניקבאַר”, אַף אַנדערע — פֿאַשעט אַף ייִדיש: „מיר וועלן דיך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן”, און דער רוסישער „ספּי ספּאָקוינאָ”. פֿאַראַן אויך אַזעלכע מאַצייוועס, אַף וועלכע עס האָבן בעשאָלעם זיך אײַנגעמאָסטעט זײַנע ייִדישע און רוסישע אַדעקוואַטן. די קינדער און אייניקלעך זאָלן וויסן, וואָס דאָס באַטײַט.

די גאַנצע צײַט, סײַ ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג, באַזונדערס, ווען דער „ליידיקגייער” האָט אָנגעהויבן אויסרופֿן איין סטאַנציע נאָך דער אַנדערער און ס'האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט, בא כאַשטשעוואַטע, האָב איך ניט אויפֿגעהערט טראַכטן וועגן דער מומע רייזיען. און אַלעמאָל האָב איך געמוזט מיט אַלע קױכעס פֿאַרטרײַבן דעם אומרו. ווײַל... קיין יונגע איז זי דאָך שוין ניט, און ווער ווייסט, צי לעבט זי נאָך, צי קומט זי קיין כאַשטשעוואַטע. צי וועל איך אָפּנעמען וועגן איר אַ גוטן גרוס, צי עפּשער וועל איך זי אויך דאַרפֿן זוכן צווישן די פֿרישע מאַצייוועס. נאָר איך האָב ניט געוואָלט אָנווערן די האָפֿענונג, אַז איך וועל זי טרעפֿן דאָ, אין כאַשטשעוואַטע, און איך וועל נאָך הערן פֿון איר ניט איין פֿריילעכע געשיכטע.

און — גאָט צו דאַנקען. זי לעבט, זי איז געזונט, און, ווי אין אַלע זומערדיקע כאַדאָשים, איז זי טאַקע דאָ, אין כאַשטשעוואַטע, אין איר אַלט שטיבל, וואָס איז אַרומגעוואַקסן מיט שוין אויך ניט קיין יונגע אַקאַציעס, יענעביימער, וועלכע ס'האָבן אַזוי אומראַכמאָנעסדיק געהאַט אַרומגעהריזעט די היגע ציגן.

וואָס זשע איז אַזוינס געשען מיט דער מומע רייזיען, וואָס האָט זי אַזוי געענדערט? ניין, די האָר האָט זי דאָס מאָל ניט איבערגעפֿאַרבט, ניט געוואָרן ניט קיין ברוינע און ניט קיין בלאָנדע. אַ ביסעלע געהויקערט האָט זי זיך אַלע יאָרן. וואָס זשע איז געשען? עפּעס איז די מומע רייזיע ווי קלענער געוואָרן. פֿון אָט דעם געדאַנק, פֿון אָט דער אופֿגעקומענער פֿאַרגלײַכונג איז מיר געוואָרן אַ ביסעלע קאַלאַמוטנע אַפֿן האַרצן, און איך האָב פֿאַרקערעוועט דעם קאָפּ אַף אַ זײַט, זי זאָל עפּעס ניט באַמערקן אַף מײַן פּאָנעם. נאָר זי האָט שוין דאַפֿקע יאָ באַמערקט.

— וואָס באַקוקט איר מיך אַזוי? — האָט זי זיך אָנגערופֿן, דערלאַנגענדיק מיר דאָס אַלטע טאַבורעטל, וואָס איז אויסגעשאָבן, ווי אַ האַקברעטל. — איר דאַרפֿט דאָך אַליין פֿאַרשטיין...

איך האָב געוואָלט וואָס גיכער פאַרקערעווען דעם שמועס אויף אַן אַנדער וועג, ווײַל אויב אָנהייבן רעדן וועגן דעם, אַז מע ווערט ניט ייִנגער, אַז קיין געזונט קומט אויך ניט צו, וווּהין זשע וועלן מיר פֿאַרפֿאַרן? האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר דעם, וואָס מיר איז געקומען אויפֿן געדאַנק:

— און איר זײַט ווידער געקומען אַהער אויף אַ כּאַסענע?

וועגן כּאַסענעס איז אַוודאי אָנגענעמער צו רעדן, ווי וועגן לעוויַיעס.

— אַ כּאַסענע? — האָט זי איבערגעפֿרעגט מיט אַ מינע פֿון אַ באַרויִגעזער מעכוטענע־סטע. — פֿון די הײַנט אַרויסגעריסן באַ מיר די כּאַסענעס! הערט אַ מײַסע! שטאַרבט אַ ייִד אין גייוואָראָן, אין סאַלקאָווע צי אין קאַזאַוואָטשין, ברענגט מען אים צו קווורע אַהער, אויף אונד־זער בעסוילעם. איך האָב קעגן דעם גאָרנישט ניט. אַדרעבע, איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז מײַן שאָ זאָל מיך טרעפֿן דאָ, אויף מײַן באַטקיווּשטשינע, מע זאָל מיך אַוועקלייגן לעבן מײַן מענדלען. עפּעס דוכט זיך מיר, אַז צווישן די היגע דאַרף ניט זײַן אַזוי סומנע. אָבער פֿאַרוואָס נאָר לעוויַיעס? פֿאַרוואָס האָט מען די כּאַסענעס אָנגעהויבן אַוועקפֿירן ערגעץ אַנדערש? וואָסי, ס'איז דאָ קיין לײַטישע סאַרווערנס ניט צו קריגן, צי די הײַסינער קלעזמער זײַנען ערגער פֿון אַנדערע? זיי שפּילן שיין, גאָט צו דאַנקען, ניט נאָר אַלע שערן און פֿריילעכסן, זיי שפּילן, וואָס מע וויל. ווילט איר אַ טוויסט, איז אַ טוויסט, ווילט איר אַ ראָקענראָל, איז אַ ראָקענראָל, זיי קענען שוין אַפֿילע די יאַפּאָנישע טענץ. וואָס זשע דאַרף מען אַוועקפֿירן פֿונדאַנען די כּאַסענעס? אָט, ווי לייב אירמעס. ער איז אײַערער אַ כּאַוווער, און איר מעגט עס אים זאָגן. יאָ, זאָגט אים, אַז איך בין אויף אים טאַקע שטאַרק באַ־רויגעז. הערט אַ מײַסע! עס טוען אַ שידעך צוויי כּאַשטשעוואַטער, זאָל זײַן, אַז דער כאָסן וווינט טאַקע אין קיִעוו, אָבער די קאַלע איז דאָך אַ היגע! נעמט מען און מע פֿירט אַריבער די כּאַסענע קיין קיִעוו. איז דאָס ניט קיין אוולע? ווען עס ווענדט זיך אין מיר, וואָלט איך אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַ געזעץ אַזאַ, אַז אַלע כּאַשטשעוואַטער, ווו זיי זאָלן איצט ניט וווי־נען, אין קיִעוו צי אין אָדעס, אין באַקו צי אין ראָסטאָוו, אין סווערדלאָווסק צי אין טשעליאַ־בינסק, זאָלן די כּאַסענעס פֿראַווען נאָר אין כּאַשטשעוואַטע. און זאָל יעדער פּאָרל מיט אַלע מעכוטאָנים נאָכן זאָגס זיך דורכגיין אויפֿן היגן בעסוילעם צום גרויסן קייווער. יענער אומגליק זאָל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן!

געכאַפּט זיך, אַז זי איז אַ ביסל צו שטרענג און אַז ניט צו מיר האָט זי עפּעס גע־דאַרפֿט אויסלאָזן די טײַנעס, איז זי געוואָרן אַ ביסל ווייכער. בלויז אַ פּיר געטאָן מיטן פֿינ־גער איבערן רעכטן אויג. מעגלעך, אַ טרער אָפּגעווישט און אָנגעהויבן זוכן עפּעס אויף איר ניט הויכן טאַפּטשאַנדל.

— מיילע, אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך, זאָל זיי אַלעמען זײַן מיט מאַזל. נאָר וואָס מיינט איר, די מומע רייזיע קאָן שוין קיין פֿלאָדן ניט באַקן אָדער קיין שער ניט טאַנצן? לאָמיך נאָר דערלעבן באַ מײַן אייניקל...

זי האָט בעפֿיירעש געוואָלט אָנהייבן דערציילן עפּעס וועגן איר אייניקל, וועגן איר זון און וועגן איר שנור, עפּעס זייער גוטס און זייער שיינס, נאָר געוויס אַ טראַכט געטאָן, אַז זי וועט נאָך באַוויַיזן, האָט זי פֿריִער געדאַרפֿט אויסקלאָרן מײַנע פּלענער.

— און איר נאָך וואָס זײַנט געקומען?

— איך בין געקומען אַ קוק טאָן אויף יאַנקעוו־לייבס שטיבל.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי מע גיט אַמאָל אַ קוק, פֿאַרוקנדיק די ברילן אַרויף, ווי־געוואָלט פֿעסטשטעלן, צי בין איך באַ די געדאַנקען.

— וועלכער יאַנקעוו־לייב, וואָס פֿאַר אַ שטיבל?

— אָט דאָס, וואָס אויפֿן בערגל, פֿון יענער זײַט בראָווער קרענעצע...

— טאַקע נאָר אַ שרײַבער קאָן אײַנפֿאַלן אַזאַ מעשוגאַס. דאָס שטיבל איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ, און יאַנקעוו־לייב אַליין... וואָס זשע, איר געדענקט ניט?

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ.

— וואָס זשע פֿעלט אײַך צום רומל? עפּעס אַ נײַ געשיכטעלע? פֿרעגט זשע באַ מיר. און אויב עס האָט דאָס ביז איצט אײַך קיינער ניט דערציילט, וועל איך דאָס אײַך דערציילן. וואַרט נאָר צו, ביז איך וועל צושטעלן דעם מיטיק. עפּעס האָט מײַן קעראָגאַז אָנגעהויבן פֿראַ־ווען שטיק. דוכט זיך, גאָר ניט אַזאַ אַלטע קיילע. כאָטש אין סווערדלאָווסק באַנוצט זיך שוין קיינער ניט מיט אָט די טשאַדנדיקע בריִעס. נאָר סווערדלאָווסק איז איינס, און כּאַשטשעוואַ־טע איז עפּעס אַנדערש. ווילסטו אַ שמעק טאָן דעם רייעך פֿון דעם היגן ווינטעלע, מוזסטו שוין אַרײַנכאַפּן אַ ביסעלע רויך און טשאַד אויך.

שלוימע קיוטשעקס אייניקל

— ערשטנס, וויל איך בא אײַך פרעגן: איר האָט עפּעס געהערט וועגן די געגעס? אין סווערדלאָווסק האלט מען אין איין רעדן וועגן זיי. איך וויל ניט זאָגן, אז טאקע גאנץ סווערדלאָווסק, נאָר אז מע קומט זיך צונויף צו מײַן זון אין אן אָפּרו־טאָג, נו, אינזשעניערן, דאָקטוירים און גלאט אזוי אינטעליגענטנע לײַט, האלט מען אין איין רעדן וועגן זיי. מע רעדט, פארשטייט זיך, אויך וועגן אנדערע זאכן, וועגן אזעלכע פולסארן, וועגן עקאָלאָגיע, וועגן סטרעסן און אנדערע אזעלכע בייזוואונדערס, וואָס מע דארף זײַן מיט צען קעפּ, מע זאָל פארשטיין, וואָס דאָס הייסט. ווען מײַן מענדל זאָל לעבן, וואָלט ער שוין דאָס פארטײַטשט אף זײַן אויפן און געפונען דערצו א פּאָסעק. כאָטש בא מײַן מענדלען דערגיין עפּעס א טאָלק, איז אויך געווען ניט פון די גרינגע זאכן. טאָמער האָסטו אים אמאָל געשטעלט עפּעס א קלאָץ־קאשע, האָט ער דיר גלײַך געזאָגט: דא מא לעמאלאָ מא לעמאטאָ... דאָס הייסט, ווייס דיר דײַן טעפּל און דײַן קאָטשערע און דריי מיר ניט קיין מוֹיעך. איז יאָ, רעדט מען בא אונדז וועגן פיל אנדערע זאכן, נאָר דעריקער טאקע וועגן די געגעס. עס באקומט זיך בא זיי אזוי: מעגסט אליין זײַן א גאָרניט, נאָר אויב בא דײַן עלטערזיידן צי בא דײַן עלטערבאָבען האָבן זיך פארוואלגערט עטלעכע פײַנע געגעס, וועלן זיי אין איינעם א שיינעם טאָג זיך צעשפּילן אין דיר, וועלן זיך צעוואקסן, ווי אף אייוון, און דו וועסט גלײַך ווערן אן אקאדעמיקער, א לאורעאט, א קאָסמאָנאווט אָדער א באַרימטע באלערינע, וועמען מע ווײַזט, איך בעט איבער אײַער קאָווענד, האלב־נאקעט אין אלע טעלעוויזאָרס. נו, און אויב עס האָבן כאָלילע זיך פאַרוקט אין א ווינקעלע עטלעכע שלעכטע געגעס, זאָל שוין דער אייבערשטער שוימער־אומאצל זײַן. באקומט זיך טאקע, ווי באָבקע די פּירזאָגערן פלעגט אויסוויינען פון איר גראָבן קאָרבנ־מינכע. די טאטעס האָבן זיך געקוויקט מיט טערפּקע בארלעך, און בא די קינדער זײַנען קאליע געוואָרן די ציין...

וואָס זשע איז טאקע אזוינס געשען מיט דער מומע רייזיע, וואָס מיר איז שווער צו באשטימען? איך קוק און קוק אף איר, און מיר ווערט וואָס אמאָל שווערער אפן הארצן. די זשוואווע, די ריִרעוודיקע מומע, דאָס וויזעלע, וואָס האָט געקאָנט טאָן עטלעכע ארבעטן מיטאמאָל — אָנצינדן דעם קעראָגאז, שיילן קארטאָפל, בראָקן א ציבעלע און פלעכטן א מײַסע, — האָט אָנגעווירן אלע אירע מײַלעס. איך וויל ניט זאָגן, אז זי איז געוואָרן גאָר אן אנדערע, נאָר עס האָט אָנגעהויבן זיך באַווײַזן עפּעס אזוינס, וואָס האָט פארוקט א ביסל אין א זײַט די פריִערדיקע מומע רייזיע. ווען זי האָט גענומען אָנצינדן דעם קעראָגאז, האָב איך דערפילט, ווי זי האָט פארקריצט מיט די ציין, אף אײַנהאלטן אין זיך דעם קרעכץ. און די הענט, ריכטיקער ניט די הענט, נאָר די פינגער האָבן ניט אופגעהערט ציטערן, ווען זי האָט גענומען רײַבן איין שוועבעלע נאָכן צווייטן. מערער פון אלץ האָבן מיך אָנגעשראָקן אירע אויגן. כ׳האָב פלוצעם דערזען אין זיי עפּעס אזוינס, וואָס איך האָב צוערשט ניט באמערקט: צוויי אָפּגעזונדערטע, אָפּגעפרעמדטע אויגן, וואָס קערן זיך מיט גאָרנישט ניט אָן איינס מיטן אנדערן. איין אויג קוקט אין איין זײַט, דאָס צווייטע אין אן אנדערע זײַט, אָדער קוקט עפּשער אינגאנצן ניט, זעט גאָרנישט ניט, נאָר דרייט בלויז מיטן שווארצאפּל, אהין און אהער, אף מאכן דעם אָנשטעל, אז ס׳זעט עפּעס. זאָל זײַן, אז דערפון נעמט זיך יענער העפקערדיקער בליק, אזא אויסגעארבעטע מינע אף אויסבאהאלטן דאָס, וואָס איר לוינט ניט, אז א זײַטיקער זאָל דאָס באמערקן? ווען זשע איז דאָס געשען און וואָס זאָל דאָס באטײַטן? נאָר פרעגן וועגן אזעלכע זאכן איז דאָך ניט שײַעך. די מומע רייזיע האָט פײַנט, אז מע פרעגט זי אזעלכע קאָשעס. אָט האָט זי ווידער א קוק געטאָן אף מיר, ווי פון דער זײַט, און איך האָב באקומען א מעגלעכקײַט פעסטשטעלן, אז דאָס געזונטע אויג איז בא איר דאָס רעכטע. יאָ, טאקע דאָס רעכטע. ס׳האָט א קוק געטאָן, ווי א לעבעדיקס, מיט יענעם גלאנץ, מיט יענעם שמייכעלע, מיט יענעם פריילעכן, דורכדרינגענדיקן קוקעלע, אין וועלכן ס׳איז פאראן סײַ די גאסטליביקע ווארעמקײַט, איך זאָל אין ערגעץ ניט אוועק, ווײַל אינגיכן וועט פארטיק ווערן דער מיטיק, סײַ דער שטומער צוזאָג, אז זי האָט פאר מיר אָן א שיר שיינע מײַסעס. און דאָס לינקע... דאָס לינקע אויג האָט ווי זיך אָנגעברויגעזט אפן רעכטן און זיך א קערעווע געטאָן אין אן אנדער זײַט. סײַ פונעם רעכטן אויג און סײַ פון מיר. עס זעט מיך ניט און עס קען מיך ניט. קאָן זײַן, אז אפילע די מומע אליין ווייסט ניט דערפון. אז דאָס לינקע אויג זעט ניט, ווייסט זי אף געוויס, נאָר אז עס איז צעקריגט מיטן רעכטן און פירט זיך אזוי ניט לײַטיש, דאָס ווייסט זי ניט. ווײַל אָט האָט זי, גלײַך ס׳איז גאָרניט געשען, גענומען דערציילן ווײַטער. און מע האָט געקאָנט מיינען, אַז אין די געגעס האָט זי שוין אינגאנצן פארגעסן:

— יאָ, א גוטע פּירזאָגערן געווען באָבקע יאַנקעוו־לייבס. זי האָט געהאַט א גוט האַרץ און געקאָנט אויסווייַנען זיך און אויסשרייַען זיך פאַר אונדז אַלעמען, אויסלייגן פאַרן אייבערשטן אַלע יידישע צאָרעס. זי איז געווען דער עמעסער מייליץ־יוישער פאַר אַלע אָרעמע ווייַבער, גלייַך זי אַליין וואָלט געווען די גרעסטע גווירנטע. נאָר זייער שטיבל איז געשטאַנען אַף אַזאַ אָרט פון יענער זייַט העקדעש, אַז ווי אָרעם זי איז ניט געווען, האָט זי שטענדיק געהאַט פאַר זיך נאָך מערער אָרעמע. און ווען גאָט האָט אַמאָל געהאָלפן, אַז איר יאַנקעוו־לייב האָט פאַרדינט אַף וואַרעניקעס פון קאַרטאָפל אָדער אַף קרעפּלעך פון קעז, האָט זי די ערשטע שיסל אוועקגעטראָגן די שכיינים אירע. דאָס זאָג איך קעגן דעם, איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר א גוטע נעשאָמע דאָס איז געווען. נאָר דערציילן וויל איך אייַך וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. און ניט אַזוי וועגן באָבקען אַליין, ווי וועגן איינער פון אירע וויכאָוואַנצעס. כאָטש, די מייַסע הייבט זיך אָן טאַקע פון איר, פון באָבקען, און דאָס איז א מייַסע ניט גלאַט אַזוי, נאָר צוליב דעם, איר זאָלט מיר געבן צו פאַרשטיין וועגן די גענעס.

און איך האָב געמיינט... איך האָב געמיינט, אַז מיטן זיכּאָרן איז בא דער מומע רייזיען שוין אויך ניט אַלץ אין אָרדענונג, אַז זי האָט אָנגעהויבן וועגן איין זאַך און פאַרפאָרן אין א צווייטער. איז דער זיכּאָרן בא איר — גאָט צו דאַנקען, און אויב זי האָט אָנגעהויבן וועגן עפּעס דערציילן, האַלט זי עס פעסט אין געדאַנק. זי דאַרף בלויז צומאַכן אַף א ווייַלע די אויגן, ביידע אויגן, סייַ דאָס געזונטע, סייַ דאָס קראַנקע, זי זאָל א טראַכט טאָן און וויסן, ווי זי האַלט אין דער וועלט. און אָט, זי דערציילט שוין ווייַטער:

— געבראַכט האָט באָבקע אַף דער וועלט א טוץ קינדער, און ס'איז זייער גלייַך, וואָס האַלב פון זיי האָבן זיך באַצייַטנס אָפּגעטראָגן. איינס אין א כוידעש אַרום, א צווייטס — אין א יאָר אַרום, א דריטס — טאַקע דעם זעלבן טאָג. ס'האָט א קוק געטאָן אַף דער היגער וועלט, זי איז דעם גלייַך ניט געפעלן געוואָרן, און ס'האָט גלייַך צוגעמאַכט די אויגן. דאַרף זיך איינמאָל טרעפן אַזאַ זאַך: פונקט דאַן, ווען בא באָבקען האָט דאָס אייפּעלע פאַרוואָרפן מיטן קעפּעלע, איז בא שלוימע קיווטשעקס געשטאָרבן דאָס ווייַב אָפּן צווייטן טאָג נאָך דעם, ווי זי האָט געבוירן א מיידעלע. די געשיכטע געדענק איך גאַנץ גוט, ווייַל שלוימע קיווטשעקס האָט געוווינט די דריטע שטוב פון אונדז, אָט דאָ־אָ, ווו מע פלעג פאַרקערעווען פונעם מאַרק צום בעסמעדרעש. די פענצטער פון זייער שטוב האָבן אַרויסגעקוקט צום בעסמעדרעש און די טיר צום מאַרק. וואָס האָט איר א קוק געטאָן אַהינצו? ניטאָ, ניטאָ גאָרנישט ניט. ניטאָ שלוימע קיווטשעקס שטוב, ניטאָ דער בעסמעדרעש, ניטאָ וווהין צו פאַרקערעווען.

וואָס זשע, איר האָט שוין פאַרגעסן, ווער שלוימע קיווטשעקס איז געווען? אַליין איז ער געווען דאַפקע א ביסל אַן איבערגעקוואַסעטער, מיט א רויט שיטער בערדעלע, מיט אונטערגעבראָטענע אויגן און מיט א קליין הויקערל, פון וועלכן ס'האָבן געוווּסט נאָר די זייַניקע און די נאָענטע שכיינים, מיט וועמען ער פלעגט גיין ערעוו שאַבעס אין באָד אַרייַן. עפּשער איז דאָס געווען אפילע ניט קיין הויקערל, נאָר א זאַך, וואָס איז געקומען פון פיל יאָרן זיצן אייַנגעבויגן איבער א פעלצל מיט א נאָדל אין דער האַנט. נאָר דרייַ זין האָט ער אויסגעכאָוועט — דעמבעס. הויך און שטאַלטנע. און א גוורע געווען בא זיי, ווי בא עכטע קאַצאָווים. איר דאַרפט זיי געדענקען. זיי זייַנען אַלע געגאַנגען אין קורצע פעלצלעך, געפאַרבטע מיט רויטער ליים. זיי זייַנען אַלע, ווי דער טאַטע זייערער, געווען פעלצנמאַכער, און אַרום זייער שטוב האָבן זיך שטענדיק געוואַלגערט אָפּשניצלעך פון שאָפענע פעלעכלעך, קנוילעכלעך פאַרפאָפּטע וואָל, און ס'האָט איבערן גאַנצן געסל געשמעקט מיט שאָפענעם שווייס און מיט אייַנגעזייַערטער דעמבענער קאָרע. פאַר דעם האָט קיינער צו זיי קיין טייַנעס ניט געהאַט, פון יעדער שטוב האָט מיט עפּעס געשמעקט, און ניט שטענדיק איז דאָס געווען א פרישע ראָשטשיגַע אָדער א האָניק־לעקעך. האָט שלוימעס יידענע געבראַכט אַף דער וועלט דרייַ גיבוירים, און אַז ס'איז געקומען צום מיידעלע, זייַנען איר אויסגעגאַנגען די קויכעס. דאָס מיידעלע אַליין האָט דאַפקע באַוויזן זיך אַרויסכאַפּן אַף דער וועלט מיט א ראָש, מיט א געפּילדער, מיט אַן עמעסן גוואַלד. מע האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ס'האָט זיך בייסמייַסע שטאַרק אויסגעהונגערט און עס וויל עסן. נאָר ס'איז שוין ניט געווען ווער ס'זאָל דעם געבן די ברוסט. נו, פון שלוימע קיווטשעקס ביז יאַנקעוו־לייבן איז ניט אַזוי ווייַט, כאָטש קיין נאָענטע שכיינים זייַנען זיי ניט געווען. ניט קיין שכיינים, ניט קיין קרויווים, ניט קיין פרייַנט. נאָר ווען באָבקע האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אומגליק, האָט זי אָנגעהויבן טייַנען, ווי עס פּאַסט פאַר א פּירזאָגערן:

— וויי איז מיר, וואָס הייסט לאָזן, א יידישע נעשאָמע זאָל פאַרפאַלן ווערן? גאָטעניו, מיט דעם ווילסטו מיך אויספּרוּוון? גיי שוין, יאַנקעוו־לייב, אַוועק צו שלוימען און זאָג אים,

ער זאָל ברענגען דאָס קינד צו אונדז. די מילך ווערט דאָך בא מיר פאַרברענט. און מיסטאמע ווייסט מען שוין דאָרטן פון אויבן, און מע האָט שוין ביז מיר באַשטימט.

אַזוי זײַנען זיי געוואָרן שטיקלעך קרויווים. מע האָט שוין איניינעם געפּראַוועט דעם לעקעך־און־בראַנפן און איניינעם אַ נאָמען געגעבן דעם מיידעלע. כײַקעלע. טאַקע נאָך דער מאַמען אירער. זיי זײַנען דערנאָך געוואָרן אַפילו שטיקלעך שוטפים אויך. שלוימע האָט גע־נייט פּעלצן, און יאַנקעוו־לייב האָט דאָך געהאַנדלט מיט שמויסלעך. ס'הייסט, ניט קיין עמעס שוטפים, נאָר אַזוי זיך. יאַנקעוו־לייב האָט אַמאָל גענומען בא שלוימען אַ גמילעסכעסעד אָדער אַ פּעלצל אָף צו פאַרקויפן. קיין אייגענע קאָפּעקע האָט ער דאָך קיינמאָל ניט געהאַט.

איז דאָך גוט? הערט זשע ווײַטער. ס'איז אוועק אַ יאָר, צוויי, דרײַ, דאָס כײַקעלע איז געוואַקסן און, אַפּצולאָכעס דעם דאַלעס, געוואָרן וואָס אַמאָל שענער און גרעסער. אין איינעם אַ טאָג איז צו זיי געקומען שלוימע קיוטשעקס און געפּאָדערט, מע זאָל אים אָפּגעבן זײַן כײַקעלע.

— וואָס הייסט אָפּגעבן? וואָס הייסט אײַער כײַקעלע? איך האָב זי מיט מײַן מילך אויס־געהאָדעוועט, מיט מײַנע הענט אויסגעניאַנטשעט, ס'איז איצט ניט אײַער כײַקעלע!

— וואָס הייסט ניט מײַנע? איר ווייסט, וואָס איר רעדט? יאַנקעוו־לייב, זאָגט איר עפּעס. איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין!

ער איז געווען זיכער, שלוימע, אַז יאַנקעוו־לייב וועט זײַן אָף זײַן צאַד, ווײַל פּאַרט אַ מאַנצבל, און איז ניט אַזוי פאַרפּירט. נאָר יאַנקעוו־לייב — אַ קוק געטאָן אָף שלוימען, אָף זײַן באָבקען, אָף זײַן גאַנץ רומל און זיך אָנגערופן:

— זי איז גערעכט, באָבקע.

הערט איר, דאָס קאָן איך ביז הײַנט ניט פאַרשטיין. ניט באָבקען און ניט יאַנקעוו־לייבן. אַ סויכער איז ער געווען, אין מײַן מענדלען געראָטן. פאַרדינט האָט ער, ווי מע זאָגט, וואָסער אָף קאַשע. דאָס האָבן מיר געוווּסט אַלע גאַנץ גוט. אין די גוטע צײַטן האָט באָבקע צוויי מאָל אין טאָג געקאָכט טייגלעך מיט פאַסאָליעס און דערלאַנגט צום טיש אין איין גרויסער שיסל. אַ פאַלשער ראָסלפלייש, ווען די קאַרטאָפל איז בלויז אַ ביסל צוגעבריוונט מיטן ביסל בוימל, און מיט פליש שמעקט אַפילו ניט, איז בא זיי געווען דער גרעסטער יאָמטעוו. האָבן זיי געדאַרפט האָבן באַם טיש אַן איבעריק פּיקערל? נאָר מיסטאמע איז באָבקע געווען גערעכט. ווײַל אַז מע האָדעוועט אויס אַ קינד מיט דער אייגענער ברוסט, מע שלאָפט ניט איבער דעם דורך די נעכט, מע פּאַקט און מע מאַזלט איניינעם מיט זיי, מע קרענקט איבער מיט דעם אַלע קינדערשע קרענק, איז דאָס אַזוי ליב, אַזוי טײַער און אַזוי אייגן, ווי אַלע איבעריקע קינדער. און דאָרט, ווו אַכט פּיקערס, וועט זײַן אַ נײַנטער.

שלוימע האָט געשראָקן, אַז ער וועט זיי רופן צווישן מענטשן, אַז ער וועט זיי אַרויסרופן אָף אַ דינטוירע צו לייווי דעם דײַען, ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן. האָט אין שלוימען זיך צעשפּילט די רעציכע, און ער האָט אַרויסגעשטעלט יאַנקעוו־לייבן זײַן פּויסט:

— אָט וועסטו זען, ס'וועלן פליִען פּעטש!

יאַנקעוו־לייב האָט פאַר קיין פּעטש ניט מוירע געהאַט. האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכעלע:

— וואָס מיינסטו? איך קאָן ניט געבן קיין סדאַטשע?

די פּעטש האָבן זיי ביידע אָפּגעלייגט אָף שפּעטער. נאָר אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען זיי זײַנען ביידע אַ ביסעלע צו פרי געקומען אין בעסמעדרעש, האָט בא שלוימען ווידער זיך צעשפּילט די רעציכע. צוערשט האָט ער דאַפקע אַזוי, גאַנץ רויק, געפרעגט:

— נו, האָסט זיך שוין מעיאַשעוו געווען?

— מײַן באָבקע איז גערעכט, — האָט ווידער אַרויסגערעדט יאַנקעוו־לייב, גלײַך קיין אַנדערע ווערטער האָט ער ניט פאַרמאָגט.

איז שלוימע צו צום פּלויט פונעם בעסמעדרעש און אַרויסגעשלעפּט אַ שטאַכעט. איז יאַנקעוו־לייב אויך צו צום פּלויט און אויך אַרויסגעשלעפּט אַ שטאַכעט. מיילע, דערצו האָט מען קיין איבעריקע גוורע ניט געדאַרפט. די שטאַכעטלעך זײַנען געווען ווי צוגעקלעפּט מיט ניכטערן שפּײַעכץ. נאָר איר שטעלט אײַך פאָר די קאַרטינע? צוויי ייִדן גייען איינער קעגן אַנדערן מיט דריקלעך. ווען דאָס טרעפט מיט אונדזערע באַלעגאָלעס, וואָלט זיך שוין געגאָסן בלוט. נאָר יאַנקעוו־לייב איז דאָך געווען אַ ייִד אַ לאַמדן! און ווען ער האָט באַמערקט, ווי אַלע ייִדן זײַנען אַרויסגעלאָפן פונעם בעסמעדרעש און האָבן מאַמעש ווי אונטערגעיאָגט, אונטערגערייצט, זיי זאָלן וואָס גיכער לאָזן די דריקלעך אין גאַנג, האָט ער אַ שלײַדער געטאָן דאָס דריקל אין אַ זײַט און דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן. האָט שלוימע אויך אַ שלײַדער געטאָן דאָס דריקל און אויך דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן. מײַן מענדל, וואָס איז אַליין געשטאַנען דערבײַ,

האָט עס דערנאָך דערקלערט מיט א מײַסע פונעם פײַרעק ווענן עפּעס א טאַלמיד־כאָכעם, וואָס האָט געלערנט, וויאַזוי גויוועט זײַן דעם סאָטן מעקאַטרעג, דעם אייגענעם יעיצערהאָרע. ער האָט דערוויזן, אז שטילן דעם אייגענעם גרימצאָרן איז איינע פון די גרעסטע מיצוועס. נו, האָט, אפּאָנעם, יאַנקעוו־לייב זיך דערמאָנט אין יענעם טאַלמיד־כאָמעם און גע־וואָלט פאַרדינען א מיצווע. איז שוין בא שלוימען קיין אנדער ברייריע ניט געווען. ווען דער אוילעם יידן האָט דערזען, אז בא קיין פּעטש האַלט עס ניט, זײַנען זיי מיטאַמאָל אלע גע־וואָרן רוידעפשאָלעמניקעס.

— גיט זיך די הענט און מאַכט שוין שאָלעם! — האָבן זיי אָנגעהויבן שרײַען.

האָבן זיי זיך געגעבן די הענט. און דערנאָך גלײַך מיט אלע איבעריקע ארײַן אין בעס־מעדרעש דאַווענען מײַרעוו. דעם קומענדיקן שאַבעס האָט שלוימע פאַרבעטן אלעמען צו זיך אָף קידעש, און מע האָט דאָרטן גענומען טאַקע גאָר א פײַנע קויסע. מײַן מענדל האָט זיך קוים פאַרשלעפּט אהיים. ביכלאַל איז מײַן מענדל קיין טרינקער ניט געווען, נאָר קידעש מאַכן האָט ער ליב געהאַט. נאָכן קידעש איז שוין געוואָרן גאָר גוט, און דאָס מיידעלע איז געבליבן בא יאַנקעוו־לייבן.

געוואַקסן איז כײַקעלע א מויד א ברען. געווען איז זי א שוואַרצכיינעוודיקע, ווי אלע קיוטשעקס, נאָר פון וועמען האָט זי געיאַרשנט איר כאַראַקטער, איז שווער צו זאָגן. זי איז געוואָרן א קאַלע־מויד סאַמע דאַן, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעוואָליוציעס מיט די באַנדעס, און כאָטש זי איז געווען שיין, ווי די וועלט, האָט זי פאַרשטאַנען, אז אָן נאַדן וועט זי אזוי גיך ניט כאַסענע האָבן. האָט זי זיך אויסגעלערנט נייען. דערנאָך איז געקומען א צײַט, ווען נייען איז ניט געווען וואָס און פון וואָס, האָט זי זיך אויסגעלערנט מאַכן פּאַרוּ־סינעווע טופליעס מיט פּאָדעשוועס פון פּאָשעטן געוואַנט. אין יענע יאָרן איז דאָס געווען א יעש. איר געדענקט, ווי גאַנץ כאַשטשעוואַטע איז געגאַנגען אין הילצערנע קלאַפּערס? איר האָט דאָס עפּשער אזוי ניט געפילט, נאָר אונדז, אָף דער מאַרק־גאַס, האָט באַטאָג און בא־נאַכט געגרילצט אין די אויערן פון אָט די קלאַפּערס. מײַן מענדל האָט זיי גערופן גראַגערס. ווי יענע פּורימדיקע גראַגערס, מיט וועלכע מע האָט געפּרוווט פּאַרטיוקען האָמענען. איז בא אונדז א קײַלעכיק יאָר געווען פּורים. פּאָשעט ניט געווען אויסצוהאַלטן. און ווען כײַקע האָט צוגעטראַכט אירע פּאַרוסינעווע טופליעס מיט די געוואַנטענע פּאָדעשוועלעך, איז געוואָרן אָן עמעסער יאָמטעוו. פאַר אונדז אוואַדע. די טופליעס האָט מען בא איר פּאָשעט געריסן פון די הענט.

כאַסענע געהאַט האָט כײַקע פאַר א טעפּליקער. פאַר איינעם עפּעס א שמועל. איך זאָל אײַך זאָגן, אז דער שידעך איז געווען זייער א געהויבענער? דאַפקע ניט. א באָכער איז ער געווען ניט קיין איבערגעשפּיצטער, קיין מעלאָכע אין דער האַנט האָט ער אויך ניט געהאַט, נאָר אין יענע צײַטן... וואָס איז כײַקען ארויסגעקומען פון איר שיינקײַט, אז קיין נאַדן האָט זי ניט געהאַט? האָט זי כאַסענע געהאַט פאַר יענעם טעפּליקער. כאָטש, ווי ס'האָט זיך דער־נאָך ארויסגעוויזן, האָט ער צו זײַנע זאַכן דאַפקע געהאַט סייכל. נאָר די גלאָוונע באַלעבאָסטע און טאַקע די ברויטגעבערן איז געווען זי, כײַקע, און דער דאָזיקער שמועל האָט געציטערט פאַר איר, ווי פאַר פײַער.

...יאָ, טאַקע דאָס לינקע אויג... אָט האָט זי געוואָלט עפּעס א נעם טאָן, א שטעל געטאָן די פיס, זיך פאַרטשעפּעט מיטן לינקן פוס פאַר מײַן טאַבורעטל און עס א כאַפּ געטאָן צוריק, א קוק געטאָן אָף מיר, צי האָב איך דאָס ניט באַמערקט, ווידער געמאַכט א שפּאַן צוריק, גלײַך זי האָט קלוימערשט עפּעס פאַרגעסן און מוז זיך אומקערן. די קאָוואָנע אירע האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, זי האָט געדאַרפט פאַרקערעווען אזוי, איך זאָל ניט באַמערקן דאָס ארומבלאָנדזען פונעם לינקן אויג. ערשט דערנאָך האָט זי א נעם געטאָן דאָס זאַלצמעסטעלע אָף באַזאַלצן דאָס געקעכטס. א מיש געטאָן מיטן קאָכלעפל, א נעם געטאָן עטלעכע טראָפּנס אָף דער צונג און צוגעזשמורעט די אויגן. זי האָט געדאַרפט באַשטימען, צי ס'איז געזאַלצן צו דער מאָס, און דערמאָנען זיך, ווי זי האַלט מיט דער דערציילונג.

— נו, יענע צײַטן דאַרפט איר שוין גוט געדענקען. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די קאָ־לעקטיוויזאַציע און די ליקווידאַציע, ווען מע האָט געמאַכט א סאָף צום נעפּ און געבעטן דעם באַלעגוף זיך אריבערפעקלען א ביסל ווײַטער. מײַן מענדל האָט דאַן אויך געאַרבעט מײַסים, זיך אײַנגעשפּאַרט, כאָטש האַק אים און בראָק אים, אין אַרטעל גייט ער ניט. נאָר וועגן דעם וועל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערשמאָל. מיר קאָנען אזוי צו ווײַט פאַרפאָרן. יידן זײַנען דעמלט געפאָרן אָף ערד, ווער קיין קרים, ווער קיין ביראָבידזשאַן. איז דאַן כײַקען אויך ארײַן אין קאָפּ ארײַן. זי פאָרט אויך. ניט קיין קרים און ניט קיין ביראָבידזשאַן, נאָר דאַפקע קיין מאָסקווע. מאָסקווע איז ניט כאַשטשעוואַטע, און זי מיט אירע פּאַרוסינעווע

טופליעס וועט דאָרטן ניט פארפאלן ווערן. זי האָט דאָרטן עפּעס א ווײַטן קאָרעווו, וועט זי פארפאָרן צו אים, און דערנאָך וועט מען זען. עפשער וועט דאָרט פון איר שמועלן אויך ווערן א שטיקל מענטש. און דעריקער — די קינדער. דאָס עלטערע ייִנגעלע יאשע גייט שוין אין שול, די קלענערע וואַקסט אויך אונטער, און זיי מוזן אלע האָבן מאָסקווע. פארפאקעוועט די בעבעכעס און הײַדא. כאָטש, פרעגט זי, וואָס איז אזוינס מאָסקווע, וואָלט זי ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. געקומען קיין מאָסקווע, ארויס פונעם צוג... ווײ, מאַמעלעך מײַנע, פונוואַנען נעמען זיך אזויפיל מענטשן! קוים אָפּגעזוכט אפּן וואָקזאל אן ערטעלע פאר די קלומעקלעך און פאר די קינדער און אוועקגעשיקט איר שמועלן נאָך א וועגעלע. וועלן זיי אוועקלייגן די קלומעקלעך, אוועקזעצן די קינדער און וועלן פאָרן אָפּזוכן דעם ווײַטן קאָרעווו. און שמועל... אוועק, ווי אין וואַסער ארײַן. כײַקע האָט גלײַך פארשטאַנען, אז זי איז באַגאַנגען א פעלער, וואָס קאָן זי קאָסטן זייער טײַער. געווען געדארפט איבערלאָזן שמועלן דאָ און אליין אוועק נאָך א וועגעלע. ער, דער קונילעמל, האָט שוין געוויס ערגעץ פארבלאָנדזעט. מוז זי שוין זיצן און וואַרטן. געוואַרט, געוואַרט און זיך דערוואַרט.

אז דער פעלער וועט איר אָפּגיין ניט גלאַט, האָט זי שוין פארשטאַנען. נאָר אז מיט איר זאָל אזוינס טרעפן? הערט א מײַסע!.. פלוצעם איז ארײַן אין זאַל עפּעס איינער א מיליטערישער, א מיליציאָנער צי א קאָמענדאַנט, ווי מע האָט דערנאָך געזאָגט, און באַפוילן אלעמען פארנעמען זייערע בעבעכעס און אוועק אין די וואַגאָנעס. אלע האָבן אפגיך אָנגע־הויבן פארבינדן זייערע קלומקעס, געלאָזט זיך לויפן, און אין זאַל איז געוואָרן וואָס אמאָל פרײַער. כײַקע האָט זיך מעכײַע געווען. גייט צו צו איר יענער קאָמענדאַנט און רופט זיך אָן:

— און איר, בירגערן, וואָס זיצט איר?

— וואָס הייסט, וואָס איך זיץ? וואָס דען זאָל איך טאָן?

— פארנעמט אײַערע קינדער און הײַדא, מיר פאָרן ווײַטער.

— איך דארף אין ערגעץ ניט פאָרן, איך בין שוין געקומען.

— וווּהין ביסטו געקומען?

— וואָס הייסט וווּהין? איר וועט עפשער זאָגן, אז דאָס איז ניט מאָסקווע?

— נו, יאָ, מאָסקווע. נאָר וואָס פאר א שײַכעס האָט עס צו אײַך?

— ווײַל איך בין געקומען קיין מאָסקווע.

דער קאָמענדאַנט, ווערליק כײַקע דערציילט, איר וועט דערנאָך אליין זען, איז דאַפקע געווען א לײַטישער מענטש. נאָר דאָ איז ער געוואָרן בייז.

— אײַערע דאָקומענטן! — האָט ער אויסגעשריגן.

— וועלכע דאָקומענטן? אָט דאָס איז יאַנקעלע, אָט דאָס איז דווירעלע, און אָט דאָס איז פריידעלע. און די דאָקומענטן זײַנען בא מײַן שמועלן.

— און ווו איז אײַער שמועל?

— אדרבא, עפשער וועט איר מיר זאָגן? אוועק נאָך א וועגעלע און ווי אין וואַסער ארײַן.

און זי הייבט זיך אָן קלאָגן פארן קאָמענדאַנט:

— איך האָב אָבער געוווּסט! אזא נארישקײַט אָפּגעטאָן! געווען געדארפט אים, דעם קונילעמל, איבערלאָזן דאָ. נאָר ער וועט אינגיכן קומען, אָט וועט איר זען.

— נו, אָט וואָס, בירגערן. די אלע געשיכטעס וועט איר דערציילן ערגעץ אנדערש. פאר־נעמט אײַערע קינדער און הײַדא.

א וואָרט אהין, א וואָרט אהער, זי האַלט אין איין בעטן זיך בא אים און זוכט מיט די אויגן שמועלן. א נעכטיקער טאָג. און דאָ איז צוגעקומען נאָך איינער, מע האָט איר געהאָלפן איבערטראָגן די קינדער מיט די קלומעקלעך און מע האָט זי ארײַנגעפעקלט אין וואַגאָן.

וועט איר דאָך פרעגן, וואָס איז דאָס געווען פאר א וואַגאָן און וואָס פאר אן עשעלאָן? טאקע זייער א פײַנער און זייער א שיינער. זאָל שוין גאָט שוימער־אומאצל זײַן. א גאַנצער פאָיעזד אָנגעשטאָפּט מיט סאמע נעפּמאַנעס און סאמע באַלעגופים, וועמען מע האָט ארויס־געשיקט קיין סיביר. איר מיינט, כאָלילע, עפּעס פּאָשעטע נעפּמאַנעס, ווי אונדזערע כאַשטשע־וואַטער באַקאַליישטשיקעס, צי אפילע מאַנופאַקטוריסטלעך? א נעכטיקער טאָג! טאקע פון די עמעסע, פון די גאָר, גאָר! אָפּטאָווע סאָכרים, באַלעבאַטים פון פאבריקלעך און רעסטאָ־ראַנען. מיט איין וואָרט — נעפּמאַנעס שעבענעפּמאַנעס. די באַלעגופים אויך אזעלכע, קימאַט פּאָמעשטשיקעס. גווירים־אדירים. וויפל און וואָס מע האָט בא זיי קאָנפיסקירט, וועל איך אײַך ניט זאָגן, נאָר מע האָט נאָך א שיין ביסל זיי איבערגעלאָזט. ווען כײַקע האָט א קוק געטאָן אף אירע שכיינים, צווישן וועלכע מע האָט זי באַזעצט, איז איר געוואָרן ניט גוט. מענער מיט גראָבע פּעמפּיקעס, האַרטע קראַגן און גאָלדענע זייגערס. ווײַבער מיט גראָבע

בראסליעטן און בליאסקענדיקע אוירינגלעך. „גאָט מײַנער, — טײַנעט זי, — צווישן ווער פּאַסטו מיך פאַרוואָרפן, ווּהין פירסטו מיך און פאַר וועלכע זינד?"
ערשט אין וועג האָט זי באַוויזן דערקלערן און ראַסטאַלקעוועון דעם קאָמענדאַנט, ווער זי איז, ווער זײַנען אירע עלטערן און ווער איז איר מאַן. דערוויײַזן אים, אַז קיין קאַפּיטאַלן האָבן זיי אין לעבן ניט געהאַט, האָבן קיינעם קיינמאָל ניט עקספּלואַטירט, אַז אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי געגעסן טייגלעך מיט פּאַסאָליעס, און אַז אַ פאַלשער ראַסלפּליש איז געווען באַ זיי דער גרעסטער יאָמטעוו. און אַז דאָס איז זי געקומען קיין מאָסקווע נייען פּאַרוסינעווע טופ-ליעס. און די עטלעכע רובל, וואָס זיי האָבן, זײַנען פאַרנייט באַ שמועלן אין דער בוזעם-קעשענע און זי האָט אפילו ניט פאַר וואָס קויפן די קינדער אַ שטיקל ברויט.
ער איז טאַקע, אַפּאַנעם, געווען אַ לײַטישער מענטש, דער קאָמענדאַנט. נאָר מיט די נעפּמאַנעס איז ער געווען זייער שטרענג. און ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ טאָעס געהאַט, האָט ער זי געגומען טרייסטן:
— ניטשעוואָ, זשיט בודעם, ניע פּאָמריאָם. — דאָס הייסט, אַז זי וועט לעבן, וועט זי אַלץ איבערלעבן.
פּאַר כײַקען איז דאָס געווען אַ קליינע טרייסט. זי האָט געדאַרפט וויסן, ווּהין פירט מען זיי און מיט וואָס וועט זי אָנהאָדעווען די קינדער. און דער קאָמענדאַנט, באַמערקט, אַז זיי האָבן טאַקע ניט וואָס צו עסן, האָט יעדן גאַנצפּרי איר אַרײַנגעבראַכט אַ לעבל ברויט, מיט נאָך עפּעס און אַלעמאָל זי געטרייסט מיט עפּעס אַנדערש:
— ניטשעוואָ, סיביר איז ניט אַזוי שרעקלעך, ווי מע מאָלט אים. איך אַליין בין אַ דאָרטיקער. אָט וועסטו זען.
אָדער גאָר אַזאַ פּסוק:
— פּאַרשטייסט, בירגערקע, ליעס רוביאַט, שטשעפּקי ליעטיאַט.
מיט דעם האָט ער איר געוואָלט דערקלערן, פאַרוואָס האָט זי זיך אַרײַנגעפּאַקט צווישן אַזאַ אוילעם און מע פירט זי קיין סיביר.
— ניטשעוואָ, מירן קומען קיין סיביר, וועט מען זיך פּאַנאַנדערקלײַבן. נאָר וויבאַלד דו ביסט שוין אין מײַנע צעטלען, פאַרשטייסט, זאָלסט מיר גלײַך געווען זאָגן טאָלקאָם, האָסטו מיר אָנגעהויבן אויסרעכענען, ווי מע רופט דײַנע קינדער...
נו יאָ, אַוואַדע איז סיביר ניט שרעקלעך, באַזונדערס הײַנט. אַלע שיינע און גוטע זאַכן שטעקן אָן דאָרטן. ווילט איר בראַטסק, פאָרט קיין סיביר, ווילט איר צעלינאַ, פאָרט קיין סיביר, ווילט איר זיך באַקענען מיט אַ באַוווּסטן אַקאַדעמיקער, ווי מײַן יאַנקעלע, ווען ער האָט געאַרבעט איבער דער דיסערטאַציע, פאָרט ווידער קיין סיביר. און טרעפט, וועמען האָט ער געטראָפן צווישן די געלערנטע אין נאָוואָסיבירסקער אַקאַדעמס-שטעטל? וועלוועלע מע-שומעדס אַן אייניקל. אַ גאַנצער פּראָפעסאָר געוואָרן. און ווּ האָבן זיך אונדזערע ייִדן גע-ראַטעוועט פונעם דײַטש? ווידער טאַקע אין סיביר. פאַרשטייט זיך, איצט איז סיביר עפּעס אַנדערש. איך וועל אײַך ניט זאָגן, ווי האָט פריער אויסגעזען סיביר, איך בין דאָרט ניט געווען, נאָר קאַלט איז דאָרט געווען מוירעדיק. מע זאָגט, אַז אַ סאַך קעלטער, ווי איצט. איז מיילע, זיי, די גווירים, האָבן כאָטש אָפּגעלעבט אַ גוטן טאָג, מעגן זיי אַ ביסל פרירן. כאָטש זיי האָבן געהאַט מיט זיך אַ סאַך גוטע פּעלצן, טולופּעס, פּאַלטעס אַף סויבל-פוטער און געפּײַפט אַף די סיבירער פרעסט. נאָר פאַרוואָס קומט איר, כײַקען, אַזאַ שטראָף?
איז די גאַנצע האָפענונג געווען אַף שמועלן. ער וועט קומען אָפּן וואָקזאַל, וועט זי ניט טרעפן, וועט ער זיך אָנהייבן נאָכפרעגן, זיך דערוויסן, וואָס מיט זיי איז געשען, און ער וועט זיי אָנהייבן זוכן. און אַז ער וועט זיי זוכן, וועט ער זיי אָפּזוכן און אַרויסראַטעווען. נאָר זעט איר דאָך, אָט דער קונילעמל, ער האָט אפילו ניט אָנגעהויבן זוכן זיי. געוואָרט אַ כוידעש, געוואָרט צוויי, דער קורצער סיבירער זומער האָט שוין אָנגעהויבן זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן, און ס'איז געוואָרן טאַקע היפּש קילבלעך. און זי מיט די קינדער זײַנען אָנ-געטאָן גאַנץ זומערדיק. און אַף די פיסלעך — די פּאַרוסינעווע שיכעלעך מיט די געוואַנטענע פּאָדעשוועלעך. אַ פײַנער הוילעך פאַר סיביר. און ווער ווייסט, ווי זיי וואָלטן דאָרטן אויס-געהאַלטן דעם ווינטער, ווען ניט איר יאַנקעלע. ער איז שוין געגאַנגען אין שול, געענדיקט צוויי צי דרײַ קלאַסן. רופט ער זיך איינמאָל אָן:
— ווייסטו וואָס, מאַמע, לאָמיר אָנשרײַבן אַ בריוו קאַלינינען.
קוקט זי אַף אים, ווי אַף אַ מעשוגענעם. מערער קיין דײַגעס באַ קאַלינינען ניטאָ, ווי לייענען אירע בריוו. און ווער קאָן עס אָנשרײַבן אַזאַ בריוו צו קאַלינינען?
— איך וועל אַליין אָנשרײַבן, — האָט יאַנקעלע געענטפערט.

אָט האָט איר אײַך קינדער. קינדער פילן גאָר אנדערש, זעען גאָר אנדערש און פאַר־שטייען גאָר אנדערש. אינמיטנדערינען געגומען א בויגן פּאַפּיר, ארויס אין סטעפּ און זיך אוועקגעזעצט מאָלן. ווער מאָלן, וואָס מאָלן, אז ער ער האָט אין כאַשטשעוואַטע קיינמאָל אפילו ניט געפּרוווט א מאָל טאָן עפּעס א שטיבעלע צי א פערדעלע. זעט איר דאָך, אז דאָ אין סיביר האָט עס אים מיטאמאָל א נעם געטאָן. ער איז געוואָרן אזוי איבעראַשט מיט סיביר, מיט דעם, וואָס איז לאַכלוטן ניט ענלעך אַף זײַן כאַשטשעוואַטע, אז ס׳האָט זיך אין אים דערוועקט עפּעס אזוינס, וואָס ער האָט אליין ניט געוווּסט.

— וואָס מאָלסטו? — האָט געפרעגט בא אים כײַקע א דערשטוינטע.

— סיביר, — האָט ער געענטפערט, ווי אַן עמעסער מאָלער.

האָט יאַנקעלע אָנגעשריבן א בריוו צו קאַלינינען. באַשריבן אַלץ גענוי, וועגן דער מאַ־מען, וועגן זיך, וועגן דווירעלען און פריידעלען. וויאַזוי זיי זײַנען געפאָרן קיין מאָסקווע און וויאַזוי מע האָט זיי איבּינעם מיט די באַלעגופים און נעפּמאַנעס פאַרפירט קיין סיביר. און וואָס מיינט איר? מײַן אייניקל זאָל אזוי אָנקומען אין אוניווערסיטעט און דער וואַק זאָל אזוי סטווערדעווען מײַן יאַנקלס דיסערטאַציע. כײַקע האָט דאָס מיר אליין דערציילט. אין א כוידעש ארום איז אָנגעקומען א בריוו פון קאַלינינען מיט א באַפעל, מע זאָל זיי אלעמען ארויסגעבן פּעלצלעך און פוישטן, אומזיסטע בילעטן און עסן אַפן וועג, און זאָלן זיי פאָרן, וווהין זיי ווילן.

און דאָ הייבט זיך ערשט אָן דאָס רעכטע־געדיכטע. באַקומען אַלץ, וואָס מע דאַרף, האָט זי אָנגעטאָן די קינדער ביגדיי־מאַלכעס און אוועקגעפאָרן צו דער סטאַנציע. מיינט איר עפשער, אז זי האָט זיך אומגעקערט קיין כאַשטשעוואַטע? א נעבטיקער טאָג! אָן אַקשן בלײַבט אָן אַקשן. און וואָס הייסט, זי וועט זיך אומקערן קיין כאַשטשעוואַטע? אַלע זאָלן לאַכן פון איר, זאָגן, אז זי האָט זיך אומגעקערט מיטן בײַטשל? איז זי אוועק ווידער טאַקע קיין מאָסקווע. ערשטנס, האָט זי אין מאָסקווע א ווײַטן קאָרעוו, צווייטנס, בלאָנדזעט מיסטאַמע אין מאָסקווע ארום איר שלימאַזל, און דריטנס, ווו וועט זי אין כאַשטשעוואַטע געפינען מעווינים אַפן בילד, וואָס יאַשקעלע האָט אָנגעמאָלט?

באַם מאָסקווער ווײַטן קאָרעוו האָט זי איר שמועלן ניט געטראָפן. נאָר זי האָט זיך דערוווּסט, אז ער האָט זיך באַזעצט ניט ווײַט אונטער מאָסקווע, אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. נעמט זי איר כאַווריַע און פאָרט אוועק אהין. מאַלאָיאַראָסלאַוועץ איז ניט מאָסקווע, און דאָרטן איז גרינגער עמעצן אָפּזוכן. אין א שאָ ארום האָט זי שוין געוווּסט, ווו ער וווינט. און אוועק מיט די קינדער צו אים.

דעם שלימאַזל אירן האָט זי אין דער היים ניט געטראָפן, נאָר די באַלעבאָסטע זײַנע, שוין ניט קיין יונגע רוסישע פּרוי, האָט זי אופגענומען זייער פרײַנטלעך, צען מאָל זי אויס־געפרעגט און איבערגעפרעגט וועגן דעם, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. און איבערצײַגט זיך, אז דאָס איז טאַקע שמועלס פרוי, איז זי געוואָרן שטאַרק איבעראַשט. זי האָט אָנגעהויבן ארומיאָגן איבער דער שטוב, ברעכן די הענט, אָכקען און וואָכקען. כײַקע האָט ניט גע־קאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן. און פאַרוואָס קומט זיי אזא קאַבאַלעס־פּאָנעם. אָנגעוואַרעמט א פּאָר שיסלען וואַסער, געהייסן זיי אַלע זיך ארומוואַשן, ארויסגעשטעלט אַפן טיש פון אַלדאָסגוטס, מײַכאָלים, וואָס מע זעט נאָר אַף א גרויסן יאָמטעוו, אָדער גאָר אַף א כאַסענע, און גערעדט, גערעדט, ווי געפּרוווט פאַרעדן זיך אליין:

— זעצט זיך צום טיש, כאַפּט איבער. דאָס איז דערוויַלע א פאָרגעריכט, די כאַסענע וועלן מיר פּראַווען דערנאָך, ווען איך וועל אײַך אהיים ברענגען אײַערן.

וועלכן „אײַערן“, האָט זי ניט געזאָגט, און פונוואַנען דאַרף זי אים ברענגען, אויך ניט. נאָר ס׳זײַנען פאַראַן אַף דער וועלט אזעלכע פּרויען, גוטע נעשאָמעס, וואָס קאָנען קיין אוו־לעס ניט פאַרלײַדן און אַלץ גייט זיי אָן. טרעפט, לעמאָשל, ווהין די באַלעבאָסטע איז אוועק? איר וועט אין לעבן ניט טרעפן. אין זאַגס! ווײַל טאַקע דעם טאָג האָט שמועל, דער קונילעמל, זיך צונויפגערעדט גיין אין זאַגס מיט א צווייטער, צו וועלכער ער האָט זיך געשאַדכנט ארי־בער א כוידעש. דאָס איז שוין געווען בא אים צוגעגרייט די כופּע־וועטשערע. נאָר גאָט האָט אים צוגעשיקט א גוטע באַלעבאָסטע. זי איז געלאָפן, די באַלעבאָסטע, ווי אַף א סרייפע, זי האָט מוירע געהאַט פאַרשפּעטיקן, און ארײַנגעלאָפן אין זאַגס א פאַרסאָפּעטע. ס׳האָט שוין טאַקע געהאַלטן ניט ווײַט, ווײַל דאָס פּאָרל איז שוין צוגעקומען צום טיש. אין יענע יאָרן, ווייסט איר דאָך, איז ניט געווען אזוי שטרענג, ווי איצט. קיין פּאַספּאָרטן זײַנען דאַן נאָך ביכלאַל ניט געווען.

— וואַרט צו, — האָט זי אויסגעשריגן. — איין מינוטקעלע!

און אָט אזא, א פּאַרסאָפּעטע, איז זי צוגעקומען צו שמועלן און פאַר אלעמען אין די אויגן אים דערלאַנגט א פּאַטש. ניין, צוויי, לאָמיך אזוי לעבן. איינעם אין דער רעכטער באַק, דעם צווייטן אין דער לינקער.

— דאָס איז אַן אוואַנס, — האָט זי ארויסגערעדט א ביסל א באַרויִקטע דערמיט, וואָס זי האָט באַוויזן צו דער צײַט. — דאָס איבעריקע וועט דיר אָפּגעבן דײַן ווײַב, וואָס וואַרט אַף דיר.

נו, פרעג איך אײַך, ניט קיין קינאָ? א נעם געטאָן שמועלן פאַר דער האַנט און אוועקגעפירט אהיים. נו, מאַלט אײַך, ס'איז שוין געווען יענע כאַסענע.

— נאַ, אָט האָסטו דיר דעם טאַכשיט דײַנעם! — האָט די באַלעבאָסטע אויסגעלאָזט דאָס האַרץ צו כײַקען, גלײַך זי איז געווען אין דעם שולדיק.

וואָס אין שטוב האָט זיך אָפּגעטאָן, דאַרף איך שוין אײַך ניט דערציילן. די גאַנצע גאַס איז זיך צונויפגעלאָפן. און ערשט דאַן האָט די באַלעבאָסטע אים אָפּגעגעבן דעם פּסאַק:

— קוקט אים נאָר אָן, אָט דעם שלימאַזל. אזא קראַסאַוויצע מיט אזעלכע גאָלדענע קינדער פאַרבײַטן אַף דער־רוער־וויסט־וואָס. שטעלט זיך שוין אַף די קני!

שמועל איז טאַקע געפאַלן פאַר איר קוירים. געוויינט, געשלאָגן זיך אַלכעט, געשווירן פאַר גאָט און פאַר לײַט, אַז ער וועט זײַן גוט און פרום, וועט זײַן געטרײַ איר און די קינדער ביזן טויט. נאָר כײַקע איז געווען אזוי געפלעפט דערמיט, אזוי דערשלאָגן און אזוי אופּגעבראַכט אַף איר שמועלן, אַז זי איז שוין גרייט געווען, מע זאָל פראַווען די כאַסענע אזוי, ווי מע האָט זי געגרייט, זי איז גרייט געווען שוין גיין אין זאַגס און געבן אים א געט. נאָר די באַלעבאָסטע האָט ניט אופגעהערט גוואַלדעווען:

— וואָס הייסט א געט? און די קינדער? מאַכן זיי פאַר יעסוימימלעך? ער זאָל אפילע קלאַפּירן!

האָט מען די כאַסענע געפראַוועט טאַקע אזוי, ווי די באַלעבאָסטע האָט געהייסן.

...אַפן קעראָגאַז האָט זיך שוין אַלץ געקאָכט ווי עס דאַרף צו זײַן, און אין קיכל איז שוין מערער ניט געווען וואָס צו טאָן.

— ווען מיר עפּשער אַרײַנגיין אין אײַער צימערל? — האָט די מומע רייזיע געפרעגט.

אין מײַן צימערל! וואַרט עס, הייסט עס, אַף מיר יעדן זומער. מיט יענעם זעלבן געקווייטלטן און געלאַטעטן טישטעכל אַפן טיש, מיט יענעם זעלבן טינטערל און מיט יענער זעלבער אַלטמאָדישער פען, וועגן וועלכער די מומע רייזיע האָט געהאַט געזאָגט, אַז אַף יידיש שרײַבט זי נאָך ווי־ניט־איז. געווען איז דאָס מיט א יאָר צען צוריק, בייס אונדזער ערשטער באַגעגעניש, און איך שרײַב נאָך אַלץ מיט יענער אַלטמאָדישער פען. אַף יידיש...

באַזעצט מיך אַף מײַן בענקל, לעבן מײַן טיש, האָט זי אַפּסנײַ גענומען באַקוקן מיך, צי פיל איך זיך גוט אַפן בענקל און צי בין איך אליין צוגעפּאַסט צו אָט דעם צימערל, צו אָט דעם טישל. זי איז, אַפּאַנעם, געבליבן צופרידן מיט דעם אַלעמען, ווײַל זי אַליין האָט זיך אויך צוגעזעצט און ווידער אָנגעהויבן דערציילן:

— אוי, האָב איך אַף אײַך ארויסגעקוקט פאַראיאָרן, פאַרצווייייאָרן. איך האָב געהאַט פאַר אײַך אזא שיינע מײַסע. נאָר איך האָב זי שוין פאַרגעסן. נאָר ס'מאַכט ניט אויס, איך וועל זיך דערמאָנען. לאָמיך נאָר זיך אָפּפּאַרטיקן מיט דער איצטיקער געשיכטע. איך בין א ביסל פאַרפאַרן אין א זײַט. די זאַך גייט דאָך ניט אזוי אין כײַקען און אין שמועלן, נאָר אין זייער יאַנקעלען, אין שלוימע קיוטשעקס אייניקל. און איך דערצייל דאָס אײַך צוליב דעם, איר זאָלט מיר געבן צו פאַרשטיין וועגן די גענעס.

איז יאָ, קיינער קאָן ניט וויסן, ווו ער וועט פאַרלירן און ווו געפינען, ווײַל ווען מע זאָל ניט געווען כײַקען מיט אירע קינדער פאַרפירן קיין סיביר, וואָלט יאַשע ניט געווען אָנגעמאָלט יענץ בילד און ער וואָלט ניט געהאַט וואָס צו שיקן אַפן קאָנקורס. נאָר יאַשע איז, אַפּאַנעם, געווען אין דער מאַמען געראָטן. איבערגעלייענט אין עפּעס א צײַטונג וועגן א קאָנקורס פון קינדערשע בילדער, האָט ער קיינעם גאָרנישט ניט געזאָגט און אוועקגעשיקט אַף דער אויסשטעלונג דאָס בילד וועגן סיביר און נאָך עפּעס א בילד. און טויט נאָר א קוק, ווי דאָס מאַזל האָט אים צוגעשפּילט. זײַנע בילדער האָבן אויסגענומען. גאַנץ מאָסקווע האָט געהאַט צו טאָן מיט יאַשען. דאָס האָט מיר כײַקע אַליין דערציילט. און כײַקע איז ניט קיין באַרימערן. געקומען אפילע איינמאָל א מאַשין קיין מאַלאַיאַראָסלאַוועץ, מע האָט אוועקגעזעצט אַף איר יאַשען, און כײַקען אַליין אויך, און זיי זײַנען אַרײַנגעפאָרן קיין מאָסקווע מיט אזא קנאַק, ווי גאָר געהויבענע לײַט. און אַף דער אויסשטעלונג האָבן אַלע געוויזן אַף איר מיט די פינגער: דאָס איז יאַשע גרויבמאַנס מאַמע. אָט דער, וואָס האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט... טראַכט איך די גאַנצע צײַט וועגן די גענעס. אוודע איז גוט, וואָס צו אים זײַנען אריבער ניט דעם טאַטנס גענעס, נאָר אַנדערע. נאָר ווי קאָן דאָס זײַן, אַז קינדערווײַז זאָלן

אין אים צעשפּילן זיך די גענעס פון אַ מאָלער, דערנאָך זאָל ער אוועק לערנען זיך פאַר אַן אַרכיטעקטאָר, דערנאָך ערשט פאַרענדיקן אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע און ערשט נאָך אַלעמען ווערן אַ פיזיקער. און נאָך וועלכער פיזיקער! עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכס! איר ווייסט, אַשטייגער, ווער ער איז, אָט דער איצטיקער יאַקאָוו סאַמוילאָוויטש? הויפּט-אינזשע־ניער פון ערשטן אַטאָמנע רעאַקטאָר! אַ שפּילכל צו זאָגן, שלוימע קיוטשעקס אייניקל איז דער גלאַוונע באַלעבאָס איבער אַזויפיל אַטאָמס. פרעג איך טאַקע בא אייַך, צי קענען אָט די גענעס אָפּטאָן אַזעלכע שפּיצלעך? און נאָך וואָלט איך געוואָלט וויסן, ווּעמעס גענעס האָבן דאָ מערער אַן אַרבעט געטאָן? שלוימע קיוטשעקס, צי באָבקע דער פירזאָגערנס? ווײַל מע קאָן דאָך ניט וויסן, וועלכע מאַמע האָט אַ גרעסערן כיילעק אינעם קינד. די, וואָס האָט געבוירן, צי די, וואָס האָט דאָס מיט איר מילך אויסגעהאָדעוועט?

קוקט ניט אָפּן זייגער, ווײַל איך אַליין אײַל זיך אויך. איך האָב מוירע, די יויך זאָל ניט אויסלויפן. נאָר אָף די גענעס האָב איך טאַקע אַ פאַרדראָס. די טעג באַגעגן איך דאָ די מאַנעשקע, ראַכמיל גאַזלענס אַ טאָכטער. וווינען וווינט זי אין אָדעס, און אַהער קומט זי אָף אַ דאַטשע. פרעג איך זי, וואָס מאַכט זי עפּעס, וואָס הערט זיך עפּעס נײַס. ענטפערט זי מיר: „דאַנקען גאָט, מײַן אַרקע האָט שוין זאַשטשישטשאַיעט די דאָקטערסקע". און איר זאָלט זען, ווי זי איז גרויס בא זיך, ווי זי שנורעוועט דאָס פּיסקעלע, מאַכט שטיק, פאַרוואַרפט די אויגן! אַ שקראַב אין האָניק. מע קאָן מיינען, אַז זי איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אָף דער דעריבאַסאָווסקע. זי האָט שוין גאָר פאַרגעסן, אַז דער טאַטע איז געווען אַ וואַסערפירער און אַז זי מיט דער מאַמען האָבן זומער און ווינטער געפּליקט פעדערן. נו, האָב איך שוין צוגעשוויגן. וואָס וועל איך גיין זיך באַרימען מיט מײַן קאַנדידאַטסקע, אַז די מאַנעשקע האָט שוין אין קעשענע אַ דאָקטערסקע.

פרעג איך אײַך... האָבן, הייסט עס, בא מײַן מענדלען, אַלעוואַהאַשאָלעם, זיך אָפּגעזוכט גענעס נאָר אָף אַ קאַנדידאַטסקע און בא ראַכמיל גאַזלען אָף אַ גאַנצער דאָקטערסקע? נאָר נישקאָשע, מײַן יאַנקעלע וועט נאָך ווײַזן! און מע ווייסט נאָך ניט, וועמעס גענעס זײַנען שטאַרקער. מײַן מענדל איז געווען אַ ייִד אַ לאַמדן! ס'איז פּאַשעט די צײַט געווען אַזאַ. איך מיין טאַקע, אַז די צײַט אַליין האָט אויך עפּעס צו זאָגן. זי דאַרף אַליין זיך אַ גריבל טאָן אין די גענעס און אַרויסקאַלופּען פון דאָרטן דאָס, וואָס מע דאַרף, דאָס, וואָס ליגט ניט געריירט פון אונדזערע עלטער-עלטער-זיידעס, בא אונדזערע אָוויס-אַוויסיינו. עפּשער ניט אַזוי? און וועדליק מײַן ווײַבערשער סייכל זאָגט מיר, איז איצט סאַמע די צײַט, אַז אַלע בעסטע גענעס זאָלן אופשטיין טכיאַס-האַמייסים.

וואָס האָט זי אַזוינס דערזען אין פענצטער, וואָס זי האָט פּלוצלינג זיך אַ הייב געטאָן און געגומען קלאַפּן אין די טאַפּליעס? איך האָב געמיינט, זי האָט דערזען עפּעס אַ שכיינע און וויל זי אַרײַנרופן. לאָזט זיך אויס — אַ פּאָר ציגן. זיי זײַנען צו צו די ביימער און אָנגע־הויבן אונטערשפּרינגען, פרווונדיק דערקלײַבן זיך צו די נאָענטע צווײַגן.

— קיש, קיש, — האָט זי געשריגן דורכן פענצטער, — אַקאָזאָ!

אָנגעשראָקן די ציגן, האָט זי ווידער זיך צוגעזעצט.

— הײַנטיקע ציגן... — זי רעדט דאָס אַרויס מיט אַ טיפן זיפץ און לאָזט דאָס רעכטע אויג אַ קוק טאָן אָף מיר, וואָס וועל איך דערויף זאָגן. — הײַנטיקע ציגן פאַרשטייען שוין אינגאַנצן קיין ייִדיש ניט. אַמאָליקע ציגן האָבן געוווסט, ווען דאַרפן די ייִדן אופשטיין צום וואָכעדיקן שאַכרעס און ווען שלאָפן זיי אַ ביסל שפּעטער. געוווסט אַלע שאַבאָסים און יאָמ־טויווים. מײַן מענדל פלעגט זיך פאַרלאָזן מערער אָף די שטעטלשע ציגן, ווי אָף די דאָרפישע הענער. און איצט וואָס? כאָטש, נאָך וואָס זאָלן מיר האָבן מײַנעס צו די ציגן... איז ווי זשע האַלטן מיר? יאָ, בא די גענעס. עפּשער בין איך טאַקע אָן אָפּגעשטאַנענע ייִדענע, נאָר איך וועל קיינמאָל ניט גלייבן, אַז בא איין מענטשן זײַנען סאַמע גוטע גענעס און בא אַ צווייטן — סאַמע שלעכטע. אַז איינער ווערט געבוירן אַ גרייטער גאַנעוו, און דער צוויי־טער אַ פאַרטיקער צאַדיק. ווען ס'איז, כאָלילע, אַזוי, וואָלט די וועלט ניט געקאָנט האָבן קיין קיִעם. אָט נעמט אַפילע דעם דײַטש. זיי זײַנען דען פון אייביק אָן געווען גאַזלאָנים? און זעט איר דאָך, אָט דער היטלער, יימאַכשמוי, אַלע גוטע גענעס בא די דײַטשן האָט ער פאַרהלושעט און אַרויסגעקאַלופּעט סאַמע די ערגסטע, די פאַשיסטישע. און מיליאָנען דײַטשן געמאַכט פאַר היצלעס. וואָס זאָג איך, היצלעס? טויזנט מאָל ערגער. ווײַל ווי קאָן עס אַ מענטש אויסשטעלן קעגן זיך הונדערטער מענטשן און שיסן אין זיי?

אַזוי גייט עס שוין, ווּעגן וואָס מע זאָל ניט רעדן, אָף דעם מוז מען אַרופקומען. און אויב דו וועסט אַליין זיך ניט דערמאָנען, וועט מען דאָס דיר דערמאָנען פון דרויסן.

— אַט, איר הערט? — האָט זיך אָנגערופן די מומע רייזיע. — דאָס וויינט מען אפן בעז־סוילעם. ס'איז דאָך איצט עלעל. און פון אומעטום קומט מען אף קייווער־אָוועס. צו די פאַרשטאָרבענע און צו די דערשאָסענע. באַ מיר איז די לעצטע צײַט מיטן שלאָף געוואָרן זייער ניט וואָזשנע. דוכט זיך מיר אָפט באַנאַכט, אַז איך הער די קוילעס פון די גריבער.

זי האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר באַשטימט באַ זיך, אַז דאָס וועט אויך זײַן גענוג. איז זי אַנשוויגן געוואָרן אף אַ ווײַלע, קעדיי אָפּטרייסלען פון זיך דאָס טרויעריקע.

— עט, לאָמיר בעסער רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן, — דאָס רעכטע אויג האָט האַסטיק צוגעפינטלט, און דאָס לינקע האָט געפּרוווט נאָכמאַכן דעם רעכטן. — דערציילט בעסער, וועגן וואָס שרײַבט איר איצט. איר שרײַבט נאָך אַלץ אף ייִדיש? שרײַבט, שרײַבט. און זאָל אײַך גאָט העלפן.

ט־ײַ־ב־ע־ל־ע

אין יענע ווײַטע צײַטן זײַנען נאָך ניט געווען אף דער וועלט ניט קיין ספּוטניקעס און ניט קיין קאָסמישע שיפן, ניט קיין טעלעוויזיע און ניט קיין טענץ אפן אײַז. דער גרעסטער וווּנדער איז געווען דער טראַקטאָר.

צי איז דער ערשטער טראַקטאָר געווען טאַקע אַזאַ שוואַכע בריִע, צי שולדיק איז געווען ניט אַזוי ער אַליין, ווי דער ערשטער טראַקטאָריסט, פאַר וועמען דאָס שטאָלענע פערדל איז, ווי פאַר אַלע איבעריקע, געווען עפּעס אַ געהיימע באַשעפעניש, — אופּטאָן עפּעס מיט אַט דעם פערדל האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט. האָט עס געוואָלט, איז עס געגאַנגען, אויב ניט — איז כאַטש האַק עס און בראָק עס.

אַזוי צי אַזוי, נאָר געווען איז דער ערשטער טראַקטאָר אַ יאַדישלעווע בריִע מיט פאַרקילטע לונגען, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין הוסטן מיט אַ הייזעריקן הוסט, געוואָרגן זיך מיטן אייגענעם רויך, פאַרדעכעט זיך און אַלע מינוט, גלײַך ער קאָן שוין גאָר דעם אָטעם ניט כאַפּן, געבליבן שטיין. ער האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַן ערנסטער כוילע מיט אַן אַ שיר כוואָראָבעס. מע האָט קוים פאַרהיילט איין באָליאַטשקע, האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייטע. דאָס סאַמע געפערלעכסטע זײַנען געווען די פּאָדשיפּניקעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין שמעלצן זיך, די ליכט, וואָס האָבן ניט געוואָלט ברענען, און די מאַגנעטאָ, וואָס האָט ניט געוואָלט געבן קיין פונקען. קיינער האָט קיינמאָל די פּאָדשיפּניקעס אין די אויגן ניט געזען, קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, צו וואָס דאַרף אַ טראַקטאָר האָבן ליכט. און אויב שוין יאָ, פאַרוואָס זאָל אַזאַ פּאַשעטע זאַך ניט ווילן ברענען? געזאָגט האָט מען, אַז סאַמע דאָס וויכטיקסטע איז טאַקע אָט די מאַגנעטאָ. דאָס איז, ווי לעהאַווידל, באַ אַ מענטשן דאָס האַרץ. קאַלזמאַן עס קלאַפּט, דאָס האַרץ, איז דער מענטש נאָך אַ מענטש, נאָר טאָמער, כאַלילע, הערט דאָס האַרץ אוף צו קלאַפּן...

האָט מען אין אַלע הײַזער ניט אופגעהערט רעדן וועגן טראַקטאָר, ווי וועגן אַן ערנסטן כוילע, און ווײַבער האָבן שטיל, אין זיך, געבעטן גאָט פאַר דער מאַגנעטאָ, דער אייבערשטער זאָל איר געבן קויעך, זי זאָל קאָנען געבן פונקען, וועלן די ליכט זיך אָנצינדן און ס'וועט אָוועק אַ גאַנג. יעדן באַגינען האָט איינער איבערגעפרעגט באַם אַנדערן:

— וואָס מאַכן הײַנט די פּאָדשיפּניקעס?

— ווי פילט זיך הײַנט די מאַגנעטאָ?..

פונקט ווי מע פרעגט זיך נאָך, ווי האַלט עס באַ אַן ערנסטן כוילע מיטן דויפעק, מיט דער היץ און מיטן קאַפּווייטעק.

קלאָרער פון אַלע איבעריקע האָט אף די פראַגעס געדאַרפט ענטפערן איציע וואַסערפירער, ווײַל ער האָט דרײַ מאָל אין מעסלעס געפירט וואַסער צום טראַקטאָר, אַליין אַרײַנגעגאָסן דעם עמער וואַסער אין ראַדיאַטאָר און האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַ שטיקל יודייע־טראַקטאָר, פאַר אַ שוטעף צו דעם שלימאַזלדיקן טראַקטאָריסט. נאָר מאַכמעס איציע האָט שטענדיק געליטן פון ציינווייטעק און די רעכטע באַק איז באַ אים שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט אַ גראָבן, היפּש קויטיקלעכן האַנטעך, האָט ער אף אַלע פראַגעס בלויז אַ פּאַכע געטאָן מיטן בײַטשל און אַ ווײַז געטאָן מיט דעם אפן סטעפּ. דאָס האָט געדאַרפט הייסן: הערט זיך אײַן, וועט איר אַליין פאַרשטיין. האָט מען זיך אײַנגעהערט. קליין און גרויס האָבן שוין פאַרשטאַנען דאָס לאַשן פונעם טראַקטאָר. אויב ער הייבט אָן מיט עפּעס אַ דרינדרין, איז נאָך צו דערלײַדן, וועט ער ביסלעכווײַז זיך צעדרינקען און וועט אָוועק. נאָר

אויב ער הײבט אָן אינמיטנדערינען צו פּיקען מיט עפּעס אַ פּיך־פּיך, איז עס אַ שלעכטער סימען. האָט מען שוין געדאַרפט וואַרטן אַף אַ שאָס. אַ שאָס, וואָס האָט אַלעמען געשניטן, ווי מיט אַ מעסער. ווײַל נאָך אַזאַ שאָס איז דער טראַקטאָר געבליבן שטיין, און אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז ניט אַף איין שאָ.

נאָר ווען גאָט האָט געהאָלפן, אַז נאָך דעם דרין־דרין און נאָך דעם פּיך־פּיך און אַמאָל אַפילע נאָך אָט דעם גרויליקן שאָס איז דער טראַקטאָר פונדעסטוועגן אַוועק, זײַנען אים נאָכגעגאַנגען קינד־און־קייט, נאָכגעגאַנגען און נאָכגעטאַנצט, געפּאַכעט מיט די הענט, גע־שריגן, געגוואַלדעוועט, גלײַך געוואַלט אים פּאַרטיקן, ווי מע פּאַרטיקעט אַ נאַראָוויסטע פערדל.

געווען איז דער ערשטער טראַקטאָר שוואַרץ, ווי אַ נעגער, מיט אַ לאַנגן און דאַרן האַלדז, פון וועלכן ער האָט אַלעמאָל אַרויסגעהוסט זײַן טשאַדעדיקן הוסט, געשפּיגן מיט עפּעס אַ בלוילעכן און געשלענגלטן רויך, וואָס האָט געריסן אין האַרצן, געקיצלט אין דער נאָז און געצווּנגען יעדערן, וואָס איז געשטאַנען דערבײַ, נאָכהוסטן. און ווײַל דער טראַק־טאָר האָט אָפט געקרענקט און אַלעמאָל געגנייטיקט זיך אין אַנדערע רעפּועס, איז ער שטענ־דיק געווען פאַרסמאַלצעוועט, פאַרפּאָפּט און פאַרשמירט מיט פאַרשיידענע שמירעכצן, וואָס האָבן אָנגענומען אַף זיך דעם שטויב פונעם גאַנצן סטעפּ און אײַנגאַנצן פאַרדעקט זײַן גלאַנ־ציקע שוואַרצקײַט.

דערנאָך האָט זיך געיאַוועט דער קאָמבײַן.

פּאַר גרויס ייִראַס־האַקאָוועד האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „סטעפּ־שיף". מיט זײַן קליינינקן קאַמערל און מיטן עלעוואַטאָר, וואָס האָט געסטאַרטשעט אַרוף אַ ביסל קאָסאָ־וואַטע, פאַרבויגן זײַן גאַנצן שנאַבל צום בונקער, איז ער טאַקע געווען מיט עפּעס ענלעך אַף אַ שיף, באַזונדערס, ווען ער איז געגאַנגען אין אַ ווייצענעם יאַם. דער קאָמבײַנער, וואָס איז געשטאַנען אַפן קליינינקן בריקעלע, פאַרשטעלט די אויגן מיט אַ פּאָר גרויסע ברילן און געדרייט מיטן הויבער אַהין און אַהער, האָט אויסגעזען, ווי אַן עכטער קאַפּיטאַן. די צאָרע איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס געגאַנגען איז דער קאָמבײַן זייער זעלטן און מער געשטאַנען אַפן בּרעג פון דער לאַנגער האָנע, אָדער אינמיטן ווייצענעם פעלד אַף דער סטערניע. האָט מען געהאַלטן אין איין פּאָרען זיך אַרום אים. וועט ס'האָט אויסגעקלאַפּט מיט אַ האַמערל די אײַזערנע ווענטלעך, וועט ס'האָט אָפּגעדרייט און ווידער צוגעדרייט עפּעס אַ שרײַפעלע, און וועט ס'האָט געפרוווט אַרײַנקוקן אין זײַנע אינגעווײַדן.

דער קאָמבײַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן אַקשן. מענטשן זײַנען אָבער נאָך גרעסערע אַקשאָנים. האָט מען געקלאַפּט און אַרומגעטאַפּט דעם קאָמבײַן פון אַלע זײַטן, ווו אָפּגעדרייט, ווו צוגעדרייט, ווו אַ ביסל אונטערגעשמירט, דערנאָך געווישט מיט די פאַר־שמאָלצעוועטע הענט דעם שווייס פון פּאָנעם און פאַרצווייפלטע געזשמורעט די אויגן קעגן דער סאַרפענדיקער זון. און באַנאַכט... באַנאַכט מיט דער זעלבער פאַרצווייפלונג געקוקט אַף די שטערן.

יאָ, כאָטש קיין קינסטלעכע ספּוטניקעס זײַנען דאַן נאָך ניט געווען, נאָר שטערן, גע־ווײנלעכע שטערן, גרעסערע און קלענערע, זײַנען אַפן הימל געווען ניט ווייניקער, ווי איצט, באַזונדערס אין די אויגוסט־נעכט, ווען די שטערן פליִען זיך צונויף פון אַלע עקן, ווי אַף אַ יאַר־יאַריד, הוליען גאַנצע נעכט, פינטלען אַראָפּ שיקערלעך, בוצקען זיך איינער מיטן אַנדערן און, ווי צעקריגט זיך, הייבן זיי אָן פאַנאַנדערפליִען זיך אין מערער פרײַערע מעקוימעס, שנײַדן דורך דעם באַנאַכטיקן הימל מיט לאַנגע פאַרביקע פּאַסן.

די לעוואָנע איז אויך געווען אַף איר אָרט. די זעלבע בלייכע לעוואָנע, וואָס קוקט אַראָפּ אַף דער ערד אַ ביסל פאַרדײַגעט און אַ ביסל פאַרטרוימט, ווײַט אָפּגעשיידט פון אַלעם ערדישן. זי האָט דאַן אַפילע זיך פאַרשטעלן ניט געקאָנט, אַז גאָר אײַנגיכן וועלן מענטשלעכע הענט אָנעמען זשמעניעס פון איר סוידעספּולער לעוואָנישער זאַמד. דערווײַל האָט זי ערלעך אויסגעפילט דאָס, וואָס די וועלט האָט איר פאַרטרויט, שווײַגנדיק זיך צוגעהערט, ווי פאַרליבטע רוימען אײַן איינער דעם אַנדערן אַ סאָד אין אויער, צוגעלויכטן זיי מיט איר ניט איבעריק העלער שײַן, און ווי אַן איבערגעגעבענער פרײַנט, ווי אַן אייגענע מאַמע געהיט זייערע סוידעס.

דאַרף מען זיך שוין אָנשטויסן, אַז ליבע איז דאַן אויך געווען. ווי זשע דען? ווי קאָן די וועלט ביכלאַל האָבן אַ קיִעם אָן ליבע?

נאָר געליבט האָט מען דאַן אַ ביסל אַנדערש. מיידלעך האָבן דאַן פאַרליבט זיך בלויז אין באַרימטע טראַקטאָריסטן און אין פאָרגעשריטענע קאָמבײַנערס, און ייִנגלעך — אין ניט ווײ־

ניקער בארימטע רינגלערנס און מעלקערנס, ווײַל אויב דער טראַקטאָריסט איז א טויגעניכץ און די רינגלערן איז ניט קיין בארימטע, וואָס זשע קאָן דאָס זײַן, מישטיינסגעזאָגט, פאר א ליבע? איז טאקע פאר אלעמען געווען א סאָד, ווי קומט עס, אז טײַבעלע, אזא ברען, זאָל נעמען און פארליאפען זיך אין אזא־אָ!

■

דער גרעסטער סאָד איז געווען טײַבעלע אליין. ווען מיר זײַנען אריבערגעפאָרן פון כאשטשעוואַטע אהער אין די זאַפּאַראָזשיער סטעפּעס, איז טײַבעלע געווען נאָך א קינד. עפּעס אזא אויסגעדארט נעפּעשל, מיט לאנגע, דינ־אויסגעטעסעטע פיסעלעך, מיט אן איבער־געבאקן פּענעמל, פון וועלכן מע האָט נאָרוואָס אראָפּגעשיילט די צוגעברענטע קאָרע, און מיט א נעזל, וואָס האָט מיט אלע קויכעס זיך געסטאַרעט איבערשפּיצן דאָס פּארסאָרפּעטע פּענעצל, די פּארקוילטע אייגעלעך און אויך זיך אליין.

דאָ, אין סטעפּ, איז טײַבעלע אינגאנצן פּארווילדעוועט געוואָרן. גלײַך מע האָט זי די גאנצע צײַט געהאַלטן אין א שטײַג און ענדלעך ארויסגעלאָזט אף דער פרײַ. האָט זי ניט געוווסט, וואָס צו טאָן מיט דער אזוי אומגעריכט אופגעקומענער ראכוועס, מיטן לאנגן און העלן זוניקן טאָג, מיט דער זויבערער, שיקערנדיקער לופט און מיט זיך אליין. גאנצע טעג האָט זי ארומגעיאָגט איבערן סטעפּ, איבערן יישעוו, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן אופקומען, און ניט דורכגעלאָזט קיינעם און גאָרנישט ניט, צו וואָס מע האָט זיך געקאָנט צושטעפּן, אָדער פּאָשעט א שפּיל טאָן. בא איר איז געווען אלצײַנס: פּרווון ארופכאַפּן זיך אף א יונגן לאָשעק און כאַפּן פון אים אזא שמיץ, אז זי זאָל זיך דארפן איבערקײַקלען א מאָל צען, א צי טאָן א קעלבעלע באם ווידעלע און פּרווון, ווער וועמען וועט איבערצײַען, צונויפטאַסקען צום הויף די שפּענער פונעם גאנצן יישעוו, אָדער ארומטרײַבן די איבערגעשראָקענע הינער, ביז זיי זאָלן זיך ניט צעקוואָקען, צעגוואַלדעווען איבערן גאנצן יישעוו. באזונדערס האָט זי ליב געהאט רייצן זיך מיטן שווערפּודיקן בוהײַ, ביז יענער האָט פּארבויגן זײַן גראָבן אָנגע־פּאָלדעוועטן האַלדז, אָנגעהויבן גראָבן מיט די פיס די ערד, שלײַדערן זי אין אלע זײַטן און צעברומען זיך מיט אזא ווילדן געוואַי, אז מע האָט געקאָנט מיינען, אז באלד וועט ער זי דוירעס זײַן. אלע איבעריקע טרעטן שוין אָפּ וואָס ווײַטער פונעם צעווילדעוועטן און צערייצטן בוהײַ, און זי גאָרנישט ניט. זי דראָעט אים מיט אירע דארע פינגערלעך, שטעלט אים ארויס די צונג און מאכט אזעלכע קונצן, ביז יענער, א געפּלעפּטער פון איר דרייסטקײַט צי כוצפּע, קערעוועט זיך אויס און גייט אוועק.

— ווי געפעלט אײַך אָט דאָס טײַבעלע? — האָט מען געשפּעט פון איר. — זי שטאמט, אפּאָנעם, פון די ווילדע טויבן.

— נאָך ווילדער פונעם בוהײַ.

— אָ, זאָל נאָר דאָס טײַבעלע א ביסל אונטערוואקסן!!!

איז שוין געווען נאָך א סאָד. ווי קומט עס צו בעניע שטריקלדרייער און צו זײַן ווײַב, ביידע אזעלכע שטילינקע, פון וועמען מע האָט קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט געהערט, אזא מויד.

— בעניע, — האָבן שכיינים געטײַנעט, — איר וואָלט געדארפט אויספלעכטן א לאנגן שטריק און צובינדן אײַער טײַבעלען. זי קאָן נאָך אזוי אינמיטנדערינען אוועקפליען.

— ווי זשע קריגט מען אזויפיל קלאָטשע... — האָט בעניע אָפּגעענטפערט.

מע האָט נאָך ניט באוויזן איבעראַקערן אלע ערדן פונעם יישעוו, ניט אלע הײַזער זײַנען געווען ארומגעווײַסט, ניט אלע הויפן ארומגעצוימט, און ניט אלע פּארפלאנצטע ביימער האָבן זיך באוויזן אָנעמען. מע האָט נאָך א סאך זאכן ניט באוויזן, נאָר טײַבעלע... אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן האָט קיינער טײַבעלען ניט דערקענט. ווהין איז אהינגעקומען איר איבערגעשפּיצט נעזל, דאָס איבערגעבאקן פּענעצל און די פּארקוילטע אייגעלעך? ס'האָבן ניט געסטײַעט אויך די אָפּגעטעסעטע לאנגע פיסלעך, וואָס האָבן איבעראַשט אלעמען מיט זייער ציגענעם שפּרינגג. פאר איין נאכט איז דאָס נעזל געוואָרן ווי אויסגעטאָקט, דאָס פּענעמל פּארקײַלעכיקט, די פיסלעך — ווי אָנגעגאָסן מיט עפּעס זאַפטיקס, און דער גאנג! דער גאנג איז געוואָרן א ביסל שווערלעך־פּארלאנגזאמט, גלײַך זי האָט געציילט די טריט. איז קלאָר געוואָרן, אז פאר די פּאָר יאָר האָט דער סטעפּ אָפּגעטאָן מיט טײַבעלען זײַנס און דער ווינט זײַנס. די צוויי זומערן מיט זייערע היצן און די ווינטערן מיט זייערע פרעסט און זאווייען האָבן אויך אָפּגעטאָן זייערס. און מערער פאר אלץ — די צוויי יאָר אליין, ווען פון די א ביסל ווילדע פּופּצן יאָר זײַנען מיטאמאָל ארויסגעשפּרונגען די א ביסל פּארכאָלעמטע זי־

בעצן, און ווען טײַבעלע האָט אין אײנעם א שײנעם פרימאָרגן זיך דערפילט א קאַלע־מויד. פון יענע מײדלעך, וואָס קומען אָפּט צו כּאַלעם א סאך ייִנגלעך.

נו, האָט זיך טײַבעלע אלײן אויך פארליבט.

צוערשט האָט זי זיך פארליבט אינעם טראַקטאָר.

לאָזט זיך אויס, אז בא אָט דעם ווילדן מײדעלע איז געווען זײער א גוט הארץ. און ווײַל דער טראַקטאָר איז געווען א כילעשדיק באשעפעניש מיט אָן א שיר קרענק און צוקילעכצן, האָט זי זיך פארליבט אין דעם פאר רַאכמאָנעס. זי איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים אף קײן מינוט. געוואשן אים, ארומגעווישט און ארומגעפוצט, געפּאָיעט אים מיט דער רײנסטער וואסער, ס׳זאָל, כּאַלילע, קײן זעמדעלע אהין ניט טרעפן, און האָט אים געהיט, ער זאָל זיך, כּאַלילע, ניט צוקילן. און אלעמאָל, ווען עמעצער האָט א פארצווייפלטער א מאַך געטאָן מיט דער האנט, ס׳איז, הײסט עס, אזא כּוילע־מעסוקן, אז קײן שום רופּע און קײן כאַלאָשעס־טַראָפן וועלן אים ניט העלפן, האָט טײַבעלע שיר ניט געוויינט.

— ער וועט גײן, — האָט זי געשריגן אף אלעמען, — ער וועט גײן!

וו׳אזוי איז דערנאָך די ליבע איבערגעגאנגען אפן טראַקטאָריסט, אף דאַנ׳עלן אלײן, דאָס ווײסט שוין קײנער ניט. ער איז ניט געווען פון יענע באַכערים, וואָס קאָנען מיט עפּעס אויס־נעמען. אלץ איז דאפקע געווען צו דער מאָס. און פלײצעס האָט ער געהאַט דאפקע ברײטע, אקסלען הארטע, ווי פון דעמב אויסגעטעסעט. נאָר איבער די קורצע פיסלעך האָט ער אלײן אויסגעזען ווי ביז גאָר פארקירצט. און טראָץ די ברײטע פלײצעס און דעמבענע אקסלען, האָט עס געמאכט דעם אײַנדרוק, אז קײן איבעריקע גוורע פארמאָגט ער ניט. ס׳איז אים זײער שווער געווען דרײען דאָס הענטל, ביז דער טראַקטאָר האָט, ענדלעך, אָנגעהויבן צו ניסן און אונטער־הוסטן און פונעם לאנגן און שווארצן האלדז האָבן אָנגעהויבן ארויסשפּרינגען בלויע קרײַזלעך רויך. ווי זשע פארליבט מען זיך עס אין אזא אָפּגעשטאנענעם טראַקטאָריסט מיט אזעלכע קורצע פיסעלעך? נאָר גײ ווײס... פאראן, אפּאָנעם, עפּעס וויכטיקערס, אין וואָס מײדלעך פארליבן זיך. און דאָס וועט בלײַבן אף אײביק א סאָד פאר דער גאנצער וועלט און פאר זײ אלײן אויך.

עמעס, ער האָט שטארק אויסגענומען מיט זײַנע אויגן, גרויסע און שווארצע אויגן, אין וועלכע ס׳איז ערגעץ טיף געלעגן באהאלטן א שטיקעלע זון. און זײ האָבן אפילע באנאכט געקאָנט א סארפע טאָן ניט ערגער ווי די זון באטאָג. נאָר די אויגן זײַנען דאָ געווען א בײַזאך. פארליבט האָט זיך טײַבעלע אין זײַן זעלבשטענדיקײַט און פּרינציפּיעלקײַט. און אויך דערפאר, וואָס ער פארמאָגט א סאך ערנסטע געדאנקען און זאָגט זײ ארויס זײער שײן און זײער פּראָסט. סאמע דאָס אלץ, וואָס טײַבעלען אלײן האָט אויסגעפעלט. זיך אלײן האָט טײַבעלע געהאלטן פאר זײער א לוסטיקער און לײַכטזיניקער, פאר אזא, וואָס איז נישט פּײַיק ניט אף קײן ערנסטע געדאנקען און ערנסטע אופטועז. דערפאר איז זי געווען זיכער, אז דאַנ׳על קאָן און מוז דערגרײכן אלץ. און נאָך איז זי געווען זיכער, אז דאפקע זי, מיט איר ליבע און מיט איר לוסטיקײַט, מיט איר איבערגעגעבנקײַט און מיט דעם, וואָס זי קאָן מיט איר פארקישעפנדיקן בליק אײַנשטילן אפילע דעם צעווילדעוועטן בוהײַ, וועט אים העלפן אײַנצוימען, צווינגען גײן אָט די קאַפּריזע ברי׳ע.

וועגן דעם, אז די ערד דרײט זיך, האָט טײַבעלע שוין אלײן געוווּסט, נאָר דאַנ׳על האָט איר דערווייזן, אז ניט נאָר די ערד דרײט זיך, נאָר די לעוואָנע אויך. און אפילע די זון אלײן אויך. די זון און אלע שטערן. אלץ אין דער וועלט דרײט זיך. פארוואָס זשע שטײט דער טראַקטאָר אף אָן אָרט און וויל זיך ביז ניט דרײען? נאָר מיטן טראַקטאָר, איז זי געווען זיכער, וועלן זײ מיט דער צײַט מאכן א טאָלק און ער וועט זיך אויך אָנהײבן דרײען. נאָר וו׳אזוי זאָל זי פארשטײן דאָס, וואָס דאַנ׳על זאָגט וועגן די נאציעס? ווערדליק ער ברײַטעט אויס, איז געווען א צײַט, וַוען קײן נאציעס זײַנען ניט געווען, און ס׳וועט קומען א צײַט, ווען קײן נאציעס וועלן ווידער ניט זײַן. אלע מענטשן, ווי אײן מאמע האָט זײ געהאַט.

איבער דאַנ׳עלן, איבער די נאציעס און איבער די שטערן האָט טײַבעלע זיך צעקריגט מיט אירע עלטערן, ווײַל גראָד דאָס, מיט וואָס דאַנ׳על האָט בא איר אויסגענומען, האָט בײניע שטריקלדרײער אויסגעזען מעשונעדיק און ווילד. וואָס איז דאָס פאר א מײַסע, וואָס אלץ דרײט זיך? ער ווײסט גאנץ גוט: דרײט ער די ראָד, דרײט זי זיך; הערט ער אוף צו דרײען, שטעלט זי זיך אָפּ.

— און דאַנ׳על זאָגט, — האָט טײַבעלע דערווידערט, — זאָל נאָר די ערד זיך אָפּשטעלן אף אײן מינוט, פאלט זי גלײַך אראָפּ.

— ווּהין זשע וועט זי אראָפּפאלן, נארעלע?

— דאָס ווײס איך ניט, — האָט זי זיך מוידע געווען. — איך וועל פרעגן בא דאַנ׳עלן.

ווען טײַבעלע האָט די ערשטע נאַכט ניט גענעכטיקט אין דער היים, האָט בעניע גע־מיינט — אויס, ער האָט שוין פאַרלוירן זײַן טאָכטער. אָדער זי איז ערגעץ אַנטלאָפן מיט אָט דעם צעדרייטן באָכער, באַ וועמען אַלץ דרייט זיך, אָדער ס'איז געשען נאָך ערגערס. איז ער אַרומגעלאָפן פון שטוב צו שטוב, אויסגעוווען באַ אַלע אירע כאַווערטעס, נאָר קיינער האָט ניט געוווּסט, וווהין טײַבעלע איז אַהינגעקומען. געטראָפן האָט ער זי באַם טראַקטאָר. איינע אַליין. און דאָס האָט אים נאָך מערער איבערגעשראָקן.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך היט דעם טראַקטאָר.

— און ער, דאַניעל, ווו איז?

— ער איז דרײַ נעכט ניט געשלאָפן, האָב איך אים אוועקגעטריבן אַהיים.

— מעשוגע מײַנע סאָנים!

— ער האָט ניט געוואָלט. נאָר איך האָב אים געגעבן דאָס וואָרט. איך וועל ניט אוועק פונעם טראַקטאָר ביז פאַרטאָג.

האָט בעניען זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז ניט נאָר אָט דער דאַניעלקע, נאָר אויך זײַן טײַבעלע איז ניט באַ די געדאַנקען.

— כ'וואָלט איר שוין כאַסענע געהאַט, און אַ סאָף זאָל דאָס נעמען.

און זי, טײַבעלע, גלײַך זי גיט עפּעס צו פאַרשטיין אַ קליין קינד:

— דו רעדסט, טאַטע, ווי גאָר אַן אַלטמאָדישער. איצט זײַנען גאָר אַנדערע צײַטן... מיט דעם האָט טײַבעלע געמיינט ניט אַזוי דעם איניען כאַסענע, ווי ביכלאַל... אַלע וועלטן, וואָס דרייען זיך. דאָס, וואָס דער איקער איז ניט די נאַציע, נאָר דער מענטש אַליין. און דאָס, וואָס דאַניעל האָט געזאָגט, אַז יעדער מענטש דאַרף האָבן זײַן טרוים. באַ דאַניעלן איז ער שוין דאָ, כאָטש זי ווייסט נאָך ניט, אין וואָס ער באַשטייט. און זי אַליין וועט זיך אויך סטאַרען, זי זאָל האָבן עפּעס אַ וואַזשנע טרוים. ווײַל אָן דעם איז דער מענטש קיין מענטש ניט. ווי זשע קאָן מען איצט רעדן און טראַכטן וועגן עפּעס אַ כאַסענע?

ליבע, זאָגט מען, איז אַ גאָט־זאַך. נאָר אַז דאָס זאָל אַזוי פאַרפירן אַ מיידל, אַז זי זאָל אין איינעם אַ טאָג זיך אוועקזעצן אַפן פּלוג פאַר אַ פּריצעפּשטשיצע און שלינגען אַ קיילע־כיקן מעסלעס דעם שטויב, דאָס האָט אַלעמען אויסגעזען כוץ לעדערעך האַטעווע. נאָר ווידער טאַקע דאָס זעלבע — הײַנטיקע צײַטן...

נאָר טײַבעלע האָט אין זינען געהאַט אירס. צוביסלעך האָט זי אויסגענאַרט באַ דאַניעלן אַלע סוידעס: פאַרוואָס שמעלצן זיך די פאָדשיפּניקעס, פאַרוואָס וויל די מאַגנעטאָ קיין פונקען ניט געבן, פאַרוואָס ווילן די ליכט זיך ניט אָנצינדן, פאַרוואָס הייבט אָן אַלעמאָל סקריפּען און גרימען באַם טראַקטאָר עפּעס אינווייניק, גלײַך דער מאָגן איז אים קאַליע געוואָרן. זי האָט שוין אַליין געוווּסט, מיט וואָס דאַרף מען אים היילן, דעם טראַקטאָר. ניט איין מאָל גענומען זיך פאַרן הענטל אַף לאָזן אים אין גאַנג און איינמאָל אַפילע אוועקגעזעצט זיך באַם רודער און אַ פּיר געטאָן דעם טראַקטאָר מיט אַזאַ צעווילדעוועטן „וויאָ“, ווי זי פלעגט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק זיך אַרופכאַפּן אַף עפּעס אַ יונגן לאָשעק. זי וואָלט געוויס געוואָרן אַ טראַקטאָריסטקע, ווען עס זאָל זיך ניט געווען באַווײַזן דער קאָמבײַן.

איז געקומען אַ צײַט, ווען ס'איז שוין שווער געווען אונטערשיידן, ווער איז דאַניעל און ווער איז טײַבעלע. ביידע אין הויזן, ביידע שטענדיק פאַרשמירט, פאַרשמאָלצעוועט און פאַר־שטויבט, ווי דער קאָמבײַן זייערער. סײַדן לויט די אויגן. באַ דאַניעלן זײַנען זיי געבליבן גלאַנ־ציקע, ווי קוילן, און באַ טײַבעלען — ליכטיקע און דורכזיכטיקע, ווי דאָס וואַסער אין קרענעצע. און ס'האָט פון זיי אָנגעהויבן אַרויסלײַכטן זייער און זייער אַ שטאַרקער טרוים.

געטרוימט האָט טײַבעלע, אַז דאַניעל זאָל ווערן דער בעסטער קאָמבײַנער אין ראַיאָן, דער ערשטער אין געגנט, וואָלט זי אים דעמלט ליב באַקומען טויזנט מאָל שטאַרקער, ווי איצט. און פאַר איר טרוים, פאַר איר טויזנט מאָל שטאַרקערער ליבע איז זי גרייט געווען אַף אַלץ. האָט זי זיך געערגערט מערער פון דאַניעלן, אויב זיי האָט זיך פאַר אַ גאַנצן מעסלעס ניט אײַנגע־געבן צווינגען דעם קאָמבײַן זיך רירן פון אָרט. זי האָט שטאַרק מוירע געהאַט פאַר איר ליבע. זי האָט פײַנט באַקומען מיט ניט קיין מיידלשער סינע אָט די קייטעלעך, וואָס האָבן דורכגע־פלאָכטן אַלע דרויסנדיקע און אינווייניקסטע רעדעלעך און שרײַפעלעך. ווען זיי האָט זיך גע־דוכט, אַז זיי האָבן שוין געטאָן אַלץ, וואָס מע דאַרף, אַז דער קאָמבײַן וועט איצט אָפּאַרבעטן אַ קײַלעכדיקן מעסלעס און אַף קיין מינוט זיך ניט אָפּשטעלן, האָט ער קוים באַוויזן אוועק פונעם ברעג פון דער האַנע און סטאָפּ. וואָסי? ווידער די קייטלעך אַראָפּגעשפּרונגען.

— אָט אַ קליפּעו! — דאַניעל רעדט דאָס אַרויס שטיל. אַזוי, אַז טײַבעלע זאָל דאָס ניט הערן, ווײַל ער האַלט, אַז זידלען זיך טאָר מען ניט. ער קריכט אַראָפּ פון זײַן בריקל און הייבט

אַן ארומקלאַפּן דעם קאַמבײַן מיט זײַן העמערל, גלײַך ער וואָלט אים געשמיסן מיט א בײַטש. דער קאַמבײַן ציטערט אונטער מיט זײַנע בלעכענע װענטלעך און ענטפערט אָפּ מיט עפּעס א רויִגעזדיק־ראַכמאָנעסדיקן קלאַנג.

— ווער איז זי, אָט די קליפּע? — פרעגט טײַבעלע.

— ניט זי, נאָר זיי, — ענטפערט ער אָפּ. ווען זײַן פּאָנעם איז ניט אזוי פאַרשמאָלצעוועט, וואָלט טײַבעלע באמערקט, ווי ער איז רויט געוואָרן.

— ווער זיי? — ווערט זי נאָך אומרויִקער.

— די קייטן!

— יאָ, אָט די פאַרשאָלטענע קייטן... כ׳האָב מוירע...

— וואָס האָסטו מוירע?

— איך ווייס אליין ניט.

זאָגן, אז זי האָט מוירע פאַר אים, פאַר זיך אליין, פאַר זייער ליבע, האָט זי פּאַשעט ניט געוואָלט.

— גענוג, — האָט זיך אָנגערופן דאַניִעל און א נעם געטאָן א שטיקל קלאַטשע אף אויס־ווישן די הענט. — לאָמיר זיך אָפּרוען א ביסל.

האָבן זיי אויסגעווישט די הענט און זיך צוגעזעצט. וועגן עפּעס אנדערש, וועגן עפּעס מע־רער האָבן זיי אפילע ניט געטראַכט. זיי האָבן גוט געוווּסט, אז אנשלאָפן ווערן אזוי־אָ, אינ־מיטנדערינען, לעבן קאַמבײַן, צי לעבן טראַקטאָר איז סאַמע די גרעסטע, סאַמע די שרעקלעכ־סטע אווירע. זאָל דאָס זײַן באָטאָג, זאָל דאָס זײַן אינמיטן דער סאַמע פינצטערער נאַכט. מעגסט קלאַפּן מיטן האַמער, מעגסט הונדערט מאָל אָפּדרייען און נאָכאַמאָל צודרייען דאָס זעלבע שרײַפעלע, מעגסט זיצן גלאַט אזוי, א פאַרמאַטערטער, א פאַרצווייפלטער, ארומגענומען מיט די הענט דעם פאַרדולטן קאָפּ. נאָר שלאָפן — כאָלילע! זאָל גאָט אָפּהיטן.

האָבן זיי אפילע ניט געקלערט אנשלאָפן ווערן. זיי האָבן זיך פּאַשעט צוגעזעצט און פאַר־הויבן די קעפּ ארויף.

— סאַרא שיינע נאַכט! — האָט טײַבל שטיל א זיפץ געטאָן. זי האָט געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס, נאָר זי האָט מוירע געהאַט, אז דאַניִעל קאָן דאָס שלעכט אויסטײַטשן.

דאַניִעל, וואָס האָט געהאַלטן, אז יעדער מענטש דאַרף האָבן א טרוים, האָט זיך אָנגערופן ביז גאָר שטיל, גלײַך ער האָט מוירע געהאַט עמעצן אופוועקן:

— אין אזא נאַכט איז גוט צו טרוימען.

וועגן וואָס זשע האָט געקאָנט טרוימען א פאַרליבט פּאָרל אין יענע ווײַטע צײַטן, ווען ס׳זײַנען נאָך ניט געווען קיין קינסטלעכע ספּוטניקעס, ניט קיין לונאָכאָדן, ניט קיין טעלע־וויזאָרס און ניט קיין טענץ אָפּן אײַז? איצט מעג איך זיך מודיע זײַן, אז ברויט צו זאַט איז דאָן אויך ניט געווען.

— ווען מע קאָן צוטראַכטן אזא טראַקטאָר, וואָס זאָל ארבעטן א קײַלעכיקן מעסלעס אָן איבערשלאָגן, — האָט ארויסגערעדט דאַניִעל.

טײַבל, וואָס איז געווען פאַרליבט אין אַלע ארבעטן פון דער וועלט, האָט זייער פײַנט געהאַט די ווייִעלקע, וואָס טאַראַכקעט אף טויב צו ווערן און ארום וועלכער עס איז שטענדיק פול מיט שטיקנדיקן שטויב.

— און מע זאָל מאַכן אזוי, אז פונעם קאַמבײַן זאָלן ארויס ריינע, גוט איבערגעווייעטע קערנער.

— און מע זאָל זיך קאָנען באַגיין אָן אָט די פאַרשאָלטענע קייטלעך, — האָט צוגעגעבן דאַניִעל.

טײַבל איז גרייט געווען מאַסקים זײַן. ער וויל אָן קייטן, זאָל זײַן אָן קייטן. האָט אָבער אין איר א שפּיל געטאָן דער שעד.

— ניט אין די קייטן גייט עס, — האָט זי דערווידערט.

— אין וואָס דען?

זי האָט געוואָלט זאָגן, אז די זאַך איז ביכלאַל ניט אינעם קאַמבײַן, נאָר אין זיי אליין, מע דאַרף פּאַשעט, אז יעדערער זאָל בעסער, פעסטער און טיפער וויסן זײַן פאַך. זי איז גרייט געווען צו זאָגן, אז זי טרוימט וועגן אזא צײַט, ווען אַלץ וועלן טאָן די מאַשינעס אליין און דער מענטש. יאָ, טאַקע יעדער מענטש... ווײַל ער זאָגט דאָך אליין, דאַניִעל, אז אַלץ הענגט אָפּ פונעם מענטשן... נאָר ערשטנס, האָבן איר געפעלט די נייטיקע ווערטער אף קלאָר ארויסזאָגן איר

טרוים, און צווייטנס — ווידער דאָס זעלבע: זי האָט מוירע געהאַט, אַז דאַניִעל קאָן דאָס שלעכט אויסטײַטשן. און ער קאָן זיך נאָך באַליידיקן. האָט זי אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אויפֿן הימל:

— טו אַ קוק, סאַראַ שטערן! אַזאַ גרויסער און אַזאַ העלער!

— נו איז וואָס?

— לאָמיר אים נעמען פֿאַר זיך.

דאַניִעל, וואָס האָט געוווּסט אַלע סודיעס פֿון בריִאת־העולם, האָט געקוקט אויף די שטערן מיט גאָר אַנדערע אויגן. דערפֿאַר האָבן טײַבעלעס טרוימען אים אויסגעזען נאַריש.

— דו ווייסט כאָטש, וואָס דו רעדסט?

— אַוודאי ווייס איך. אָט, לעמאָשל... אַז דו וועסט ערגעץ אַוועקפֿאָרן אָדער איך וועל ערגעץ אַוועקפֿאָרן און מיר וועלן שטאַרק בענקען איינער נאָכן אַנדערן... וועלן מיר קוקן ביידע אויף אָט דעם שטערן, און אונדז וועט זיך דוכטן...

דאָס האָט שוין אויסגעזען דאַניִעלן ביז גאָר אומדערלאָזבאַר.

— און דו, דו ווייסט כאָטש, וואָס דאָס הייסט?

האָט טײַבעלע אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי טאַקע שטאַרק מיט עפּעס פֿאַרזינדיקט.

— איך ווייס. דאָס הייסט קליינבירגערטום...

— כאָטש גוט, וואָס דו ווייסט.

ער איז ניט געווען געוווינט צו רעדן מיט טײַבעלען אַזוי שטרענג, און אים האָט זיך געדוכט, אַז זי איז דערפֿון שטאַרק דערצאָרנט געוואָרן. האָט ער געוואָלט מיט עפּעס פֿאַרדעקן זײַן האַרבן מוסער.

— ווייסטו וואָס, טײַבעלע, עפּשער וועלן מיר כאַפּן אַ דרעמל?

— בלויז אַ קאַפּעטשקעלע, — האָט טײַבעלע אַרויסגערעדט, ווײַל דער שלאָף האָט שוין צונויפֿגעקלעפּט אירע אויגן.

פֿונעם הימל, פֿון די שטערן האָבן זיי זיך גיך און אַנטשיידן אָפּגעזאָגט, ווײַל דאָס איז געווען עכט קליינבירגערטום. אָפּזאָגן זיך פֿון דער ערד איז געווען אוממעגלעך. אינעם באַנאַכטיקן סטעפּ האָט געשמעקט מיט אַלץ, וואָס האָט געבליט און אָפּגעבליט, מיט אַלץ, וואָס האָט געטראָפֿן אונטער די מעסערס פֿונעם קאָמבײַן, און אויך מיט דעם, וואָס האָט אַלפּי־נס דורכגעשמוגלט דורך די מעסערס און געבליבן לעבן. מיט זיסלעכן בורקון און מיט ביטערן פּאָלין, מיט אונטערגעהאַקטן אָסאָט און מיט דער צוגעפּלעטשטער סיורעפּע, מיט צוגעוויאַנעטן היי און פּאַשעט מיט דער סטערניע, מיט לעבעדיקער סטערניע, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן ניט צוטריקענען און ניט פֿאַרוויאַנעט ווערן. זי האָט נאָך געדעכעט, ווי אַ לעבעדיקע, פֿול מיט ווייטעק, אומעט און בענקעניש נאָך אירע פֿאַרשניטענע זאַנגען.

דאַניִעל מיט טײַבעלען האָבן זיך צוגעזעצט לעבן ניט קיין גרויסער קאָפּיצע שטרוי, וואָס האָט אַרײַנגענומען אין זיך אַלע רייכעס אינײנעם, און ווי אָנגעטרונקען זיך מיט עפּעס זייער שטאַרקס און פֿאַרשיקערנדיקס, גלײַך אַנשלאָפֿן געוואָרן. שטערן האָבן זיך געלאָשן איינער נאָכן אַנדערן, דער הימל האָט אָנגעהויבן אָנווערן זײַן טונקעלן גלאַנץ און ביסלעכווײַז אַראָפּגעלאָזט אים אויף דער ערד אינײנעם מיטן געדיכטן טוי. ער האָט זיך שטיל געלייגט אויפֿן פֿאַרוויאַנעטן היי, אויף דעם אונטערגעהאַקטן אָסאָט, אויף דער נאָך לעבעדיקער סטערניע און אויף דער קאָפּיצע שטרוי, אויף וועלכער דאָס פּאָרל איז געשלאָפֿן. טראָפּנדלעך טוי האָבן אַרומגעבלאַנדזשעט און אַריסגעגלאַנצט פֿון זייערע צעשויבערטע קעפּ און פֿון זייערע פֿאַרשמאַלצעוועטע פּענעמער.

אַזוי זײַנען זיי געזעסן, צוגעשפּאַרט די פּלייצעס צו דער קאָפּיצע און פֿאַרוואָרפֿן די קעפּ אויף אַ זײַט... אָט אַזעלכע, פֿאַרשלאָפֿענע, אײַנגעטונקענע אינעם באַגינענדיקן טוי, האָט זיי געטראָפֿן דער פֿאַרזיצער פֿון קאָלווירט. און דאָס האָט אים, אויך אַ פֿאַרהאָרעוועטן, אויך אַ הונגעריקן און אויך ניט קיין אויסגעשלאָפֿענעם, אינגאַנצן אַרויסגעפֿירט פֿון די קיילים. ווײַל — ווי שוין געזאָגט — שלאָפֿן איז געווען די שרעקלעכסטע אַווירע.

■

פֿאַר די פֿאַר יאָר, זינט אַנשל, דער געוועזענער באַלעגאָלע, איז געוואָרן פֿאַרזיצער פֿון קאָלווירט, איז פֿונעם באַלעגאָלישן געבליבן בײַ אים בלויז זײַן ברייט־צעוואַקסענע, ציגײַנער־ריש־געקרײַזלטע באָרד. דאָס, וואָס איז אים פֿאַר דער צײַט צוגעקומען — די אײַנגעפֿאַלענע באַקן, די רויטע, ניט אויסגעשלאָפֿענע אויגן, די הייזעריקלעכע שטים, דער שווערער און מידער גאַנג און דער ניט ווייניקער מידער בליק, — האָט שוין געטראָגן אין זיך גאָר עפּעס אַנדערש. געשטאַמט האָט דאָס פֿון יענע פּילצאָליקע דײַגעס, וואָס האָבן אים באַלייגט פֿון אַלע

זיַטן, ווי עפּעס אַ געשווילעכץ. פון יענער פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אים אָפּטמאָל דורכגענו־מען מיט עפּעס אַ פיבערלעכן גרויל, פון יענעם געפיל פון פאַרלוירנקייט און אויסגאַנגלאָזי־קייט, וואָס האָט אים געבויגן צו דער ערד און איבער וואָס ער האָט ניט איין מאָל זיך פאַר־שאָלטן דאָס געבויין פאַר זײַן לײַכטזיניקייט. נעמען און איבערלאָזן אַזאַ גאָלדענע שטעלע, ווי עלטסטער קאָניוך, און לאָזן זיך אײַנרעדן ווערן פאַרזיצער פון קאָלווירט. מיט זיי, מיט די פערד, איז פיל גרינגער. ווי־ניט־איז, אַמאָל אָן אַ בײַטשל, אַמאָל מיט אַ בײַטשל, נאָר זיי שלעפן דעם וואָגן, ווי שווער ער זאָל ניט זײַן. מיט די מענטשן איז אַ סאַך ערגער. באַלד עפּעס, שפּאַנען זיי זיך אויס. מוז ער אָפּטמאָל אים שלעפן איינער אַליין.

אָנגעווווירן אין לײַבּ, האָט ער זיך געדוכט פיל העכער און דערפון אַליין נאָך שטרענגער. דערצו נאָך די הייזעריקייט, וואָס איז געקומען פון עפּעס אַ צוקילעכץ. און גיכער פון אַלץ דערפון, וואָס מיט יעדערן האָט מען זיך געדאַרפט גוט אָנהאַריקען, ביז יענער וועט נעמען עפּעס טאָן. די הייזעריקייט האָט שטענדיק צוגעגעבן יעדן וואָרט זײַנעם אכזאָריִעסדיקייט, אַפילו ווען ער איז געווען ביז גאָר צוגעלאָזט. געוויס האָט דאָס זיך אויסגעוויזן דעם אוילעם אַ סאַך מערער, ווי דאָס איז געווען אינדערעמעסן. אַפילו אים אַליין אויך. דערפון טאַקע איז אַנשלען געווען זייער ביטער אַפן האַרצן. פאַרוואָס קומט אים אַזאַ אומקאָווועד?

פאַרשטייט זיך, אַז די סיבע איז געווען אַ פיל ערנסטערע. געגומען האָט זיך אַלץ דערפון, וואָס די ערשטע יאָרן איז דער קאָלווירט געווען זייער רײַך מיט ביטאָכן, נאָר אָרעם מיט ברויט. פאַר דער יוגנט איז ביטאָכן געווען דאָס בעסטע מײַכל, עלטערע האָבן דאָס ווי־ניט־איז אַראָפּגעשלונגען אַפן ניכטערן האַרצן, נאָר קליינע קינדער האָבן דאָס אין מויל ניט געוואָלט נעמען. און אַף וויפל אַנשל האָט, כוץ דעם ביסל ביטאָכן, גאָרנישט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן פאַר דער אַרבעט, איז ער קיינמאָל ניט געווען זיכער, צי זײַנען די וועכטער אַף זייערע ערטער, צי האָבן די קאָניוכעס אָנגעהאַדעוועט און אָנגעפּאָיעט די פערד, צי זײַנען די מיידלעך אַרויס אין סטעפּ אַף אַרבעט און צי האָט עמעצער איינעם מיטן ביסל ביטאָכן ניט פאַרשלעפּט פונעם טויק אַ טאַרבעלע ווייץ...

דער סטעפּ איז לאַנג און ברייט. דאָס ביסל פערד האָט בילכערע אַרבעט, ווי אַרומפירן דעם פאַרזיצער. האָט ער אַרומגעשפּאַנט צופוס איבערן סטעפּ גאַנצע טעג, איבערגעקײַעט ווי ס'האָט זיך געמאַכט און מערסטנטייל אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער. ווען ער איז שפּעט אין אָוונט געקומען אַהיים, איז ער געווען אַזוי פאַרהאָרעוועט, פאַרמאַטערט און פאַרכריפּעט, אַז ער איז ניט געווען בעקויעך אָפּגעבן זײַן פייגען דעם „גוטן אָוונט". זי, פייגע, איז שוין געוווינט געווען מעסלעסנווייז, וואָכנווייַז ניט הערן פונעם מאַן קיין וואָרט און האָט זייער מוירע געהאַט, ער זאָל, כאָלילע, אײַנגאַנצן ניט אָנווערן דאָס לאָשן. באַוויַזט ער זיך נאָר אַף דער טיר, דערלאַנגט זי אים באַלד דעם מיטיק מיט דער וועטשערע אינאיינעם, און אַליין בלײַבט זי שטיין פאַרלייגט די הענט און קוקט צו, ווי איר אַנשל קײַט דאָס ברויט, ווי ניט קיין היגער, בלאָנ־דזשעט אַרום מיטן לעפל פון יענער זײַט טעלער אָדער קלאַפּט מיטן גאָפּל אין טיש, גלײַך ער וואָלט געפירט אַ פאַרזאַמלונג און גערופן צו אָרדענונג. אַנשל האָט שטענדיק מוירע געהאַט, ער זאָל ניט אַנשלאָפן ווערן באַם טיש מיטן לעפל אין דער האַנט. האָט ער שטענדיק אינמיטן דער וועטשערע זיך אַ ריס געטאָן פונעם בענקל און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

— וווהין איז? — האָט פייגע אים נאָכגעשריגן.

און ער, בלויז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק, ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן, אַף אַ גאַנצער נאַכט.

דערפאַר איז ער געבליבן שטיין, ווי געפּלעפּט, ווען ער האָט דערזען דאָס פּאָרל, וואָס איז אַזוי זיצנדיק אַנשלאָפן געוואָרן. מיילע, אַז עפּעס אַ באַיאַרטער וועכטער כאַפּט אַ דרעמל, איז נאָך צו דערלײַדן. נאָר יוגנט, קאָמיוגיסטן זאָלן שלאָפן! די, אַף וועמען עס האַלט זיך דער קאָל־ווירט און די גאַנצע וועלט!

— איר שלאָפט גאָר? — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט.

פאַר דער נאַכט האָט אַנשלס שטים אַ ביסל זיך אָפּגערוט, אָפּגעזעצט, געוואָרן לויטערער און ריינער, און ס'האָט אים אַליין געוווּנדערט, ווי די שטים זײַנע האָט אַ קלונג געטאָן. ער האָט זיך גאָר געקליבן אַ זידל טאָן, נאָר די ווערטער זײַנען אַרויס אַף דער וועלט מיט אַן אומ־געוויינלעכער צאַרטקייט. און ס'האָט שוין פון זיך אַליין זיך אַ זיפץ געטאָן, ווען ער האָט באַ־קוקט דאָס פּאָרל, וואָס איז אַזוי שיין אײַנגעשלאָפן. ס'האָט אים דערמאָנט זייער לאַנגאָניקס און זייער אָנגענעמס. פון דעם אַלעמען, פון דער לויטערער שטים און וואַרעמע זיכרוינעס, איז אים געוואָרן זייער גוט און גרינג אַפן האַרצן. ס'איז אים אַפילו געווען אַ שאָד אופוועקן זיי. נאָר ער האָט געמוזט. ניט אַזוי דאַנזלען, ווי טײַבעלען.

— שטיי אוף, טײַבעלע, — האָט ער א שעפּטשע געטאָן און צוגעלייגט זײַנע פינגער צו איר אקסל.

נאָר בא טײַבעלען איז דער שלאָף געווען זייער א שטאַרקער, און דאַניעל האָט זיך אופגע־כאַפּט דער ערשטער. א ריב געטאָן די אויגן, דערזען פאַר זיך דעם פאַרזיצער, און פאַרשטאַנען, בא וועלכער שרעקלעכער אווירע ער האָט זיי געטראָפן, איז ער גלײַך געוואָרן וואַכעדיק.

— מיר... מיר... א קאַפּעטשקעלע, — האָט ער געגומען פאַרענטפערן זיך. טייקעף אופגע־שפּרונגען און אָנגעהויבן אראָפּטרייסלען פון זיך די פּײַכטע באַטויעטע שטרוי. — ווידער אָט די פאַרשאָלטענע קייטן. און די שטערן.

אנשל האָט געמיינט, אז דאָס רעדט ער פון שלאָף, ווײַל וואָס פאַר א שײַכעס האָבן די קייטן צו די שטערן? נאָר אים איז דאָס ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. ער האָט געמוזט וואָס גיכער אופוועקן טײַבעלען.

— הײַדאַ, לויף אהיים, — האָט ער זיך אָנגערופן, ווען טײַבל האָט געעפנט די אויגן. — טו זיך איבער און גרייט זיך צו. וועסט פאָרן אף קורסן.

טײַבל האָט אפילע ניט געפרעגט אף וועלכע. איר איז געווען אלציינס. א סאַך ייִנגלעך און מיידלעך האָט מען געשיקט אף פאַרשיידענע קורסן: פון טראַקטאָריסטן און כעזשבנפירער, אגראַנאָמען און זאָאָטעכניקער, פיציכטלער, בינענציכטלער און ספּעציאַליסטן אף פאַרניכטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע שעדיקער. וועגן קורסן האָבן געטרוימט אלע. ווײַל נאָך אזעלכע קורסן האָט מען זיך שוין גערעכנט פאַר א האלבן אגראַנאָם. אלנפאַלס, א מענטש מיט א פאַך אין דער האַנט. קורסן האָבן דאַן געקאָנט ארײַנגערעכנט ווערן אין נאַדן ניט ווייניקער ווי איצט א דיפּ־לאָם וועגן הויכער בילדונג. האָט טײַבעלע בלויז ארויסגערעדט:

— אין וואָס זשע וועל איך פאָרן?

ווײַל דאַן זײַנען נאָך ניט געווען ניט בלויז קיין קאָסמישע שיפן, טעלעוויזאָרס און ברויט צו זאַט. קיין ציץ איז נאָך אויך ניט געווען. פּאַשעטער ציץ, א מיידל זאָל קאָנען אופנייען זיך עפּעס א לײַטיש קליידל.

אנשלען האָט די דאָזיקע פראַגע אויסגעזען טאַקטלאָז. ווײַל אויב קאָמיוגיסטן וועלן אָנ־הייבן פאַרלירן דאָס ביסל ביטאָכן! דערפאַר האָט ער איר אָפּגעענטפערט א ביסל בייזלעך:

— פאַרסט ניט אף קיין כאַסענע!

ניין, ניין, זי האָט גאָר אזוינס ניט געמיינט, טײַבל. און מע זאָל זי, כאַלילע, ניט כוישעד זײַן אין קליינבירגערטום, האָט זי זיך גלײַך אָפּגעזאָגט פון אירע אייגענע ווערטער:

— דאָס האָב איך געזאָגט גלאַט אזוי. איך לויף שוין! וויבאַלד מע דאַרף!

דער אייביקער אומבאַשטרײַטבאַרער טערעץ — מע דאַרף! דאָס איז געווען דאָס וויכ־טיקסטע, דאָס אנטשיידנדיקסטע, וואָס האָט דאַן באַשטימט דעם אויפן פון דענקען, אלע מיידל־שע און ייִנגלשע טרוימען און טאַטן, ווי שווער דאָס זאָל ניט זײַן. ווײַל — מע דאַרף! פונוואַנען האָט טײַבל געזאָלט וויסן, אז דאָס איז אַן אונטערגעשטעלטע זאַך? אז דאָס שפּיצל האָט צוגע־טראַכט איציע וואַסערפירער, וועַן דער ציינווייטעק האָט אים א ביסל אָפּגעלאָזט, אז דער איניען איז גלײַך געפעלן געוואָרן דעם טאַטן אירן און ער האָט אײַנגערעדט אנשלען, מע זאָל אוועק־שיקן טײַבלען אַף קורסן און אזויארום זי אָפּרײַסן פון אָט דעם צעדרייטן קאָמבײַנער, בא וועמען אלץ אין דער וועלט דרייט זיך און בא וועמען דער קאָפּ איז פאַרשלאָגן מיט דער זון, מיט די פּלאַנעטעס, מיט די נאַציעס און מיט דער־רועך־ווייסט־וואָס. און אויב ס'איז שוין יאָ באַשערט, איז זאָל כאָטש טײַבל אליין האָבן עפּעס א ריינערע מעלאָכע. זי זאָל ניט זײַן טאָג און נאַכט אײַנגעטונקען אין שטויב און אין מאַזוט און ס'זאָל פון איר אף א מײַל ניט שמעקן מיט קיין בענזין.

טײַבעלע האָט זיך שוין געלאָזט לויפן, נאָר מיטאַמאָל, ווי דערמאָנט זיך אין עפּעס, זיך אומגעקערט צוריק.

— יאָ, איז וואָס וועט זײַן מיט אים?

ווײַל אויב מיט איר הילף שטייט דער קאָמבײַן מערער, ווי ער גייט, וואָס זשע וועט זײַן, אויב זי וועט אוועקפאָרן?

— ריכטיק, — דאַניעל האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אין וואָס דאָ גייט. — און איך? געמיינט ניט אזוי דעם קאָמבײַן ווי זיך אליין. ווי וועט ער קאָנען זײַן גאַנצע דרײַ כאַדאָ־שים צי עפּשער א האלב יאָר אָן טײַבלען? נאָר אנשל האָט געהאַט אין זינען זײַנס:

— מיר וועלן הײַנט לאָזן אָפּן ווייץ די לאָבאָגרייקעס. און דעם קאָמבײַן וועלן מיר שטעלן דרעשן. וויבאַלד ער וויל ניט גיין.

געווען דאַן צווישן די אָנפירער פון די קאָלווירטן ניט ווייניק אזעלכע מיט אָפּגעשטאַנענע שטימונגען. גערופן האָט מען זיי — אנטימעכאַניזאַטאָרישע. מיט דעם האָבן געקרענקט קימאַט

אַלע פֿאַרזיצערס, באַזונדערס שניט־צײַט, ווען די זון האָט אומראַכמאָנעסדיק געברענט, די זאַנגען האָבן זיך געשיט אויף דער ערד און דער קאַמבײַן איז געשטאַנען. אַלע צײַטונגען, אונדזער ראַיאָנישע צײַטונג אויך, האָט דאַן שטאַרק געזידלט די פֿאַרזיצערס פֿאַר אַזעלכע שעדלעכע שטימונגען. די קרענק איז געווען טאַקע זייער אַן אָנשטעקנדיקע, און זי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צו אַנשלען אויך. נאָר טײַבל, וועמעס ליבע האָט זיך אָנגעהויבן פֿונעם טראַקטאָר, האָט ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן אַזעלכע זאַכן. האָט זי אויסגעשריגן ניט מיט איר קאָל:

— איך וועל ניט לאָזן!

צו אַזעלכע זאַכן איז אַנשל ניט געוווינט געווען. אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שײַכעס צו לאָזן אָדער ניט לאָזן, איז געווען געוואָנדט אין אים. און שרײַען — דאָס האָט אויך געהאַט רעכט נאָר ער אַליין. האָט ער אַ קוק געטאָן אויף טײַבלען מיט זײַנע ניט־אויסגעשלאָפֿענע אויגן.

— ווער ביסטו עס אַזוינס, דו זאָלסט ניט לאָזן?

— איך... איך... — האָט זי אָנגעהויבן פֿאַרכלינען זיך, — אַ קאָמיוגיסטקע בין איך! און איר... איר זײַט אַן אָפּאָרטוניסט! און ער!..

דער „ער" איז געווען דער קאַמבײַן אַליין. זי האָט געוואָלט זאָגן וועגן אים עפּעס זייער וויכטיקס, נאָר די טרערן האָבן זי ניט געלאָזט. האָט זי בלויז אַרויסגעוויינט:

— ער וועט גיין!

זי האָט זיך אַליין פֿאַרשעמט פֿאַרן געוויין. אַפּגיך אויסגעווישט די טרערן און אַ קוק געטאָן אויף דאַניִעלען:

— איאָ, ער וועט גיין?

ניט אַזוי די פֿראַגע טײַבעלעס, ווי איר דורכדרינגענדיקער, פֿאָדערנדיקער און דראָענדיקער בליק. ווײַל אויב ניט, אויב ער וועט ניט מאַכן אַזוי, אַז דער קאַמבײַן זאָל גיין, איז אויס, אויס מיט זייער ליבע.

— ער וועט גיין! — האָט דאַניִעל אָפּגעענטפֿערט מיט אַזאַ זיכערקײַט, אַז צווייפֿלען אין דעם איז געווען אומעגלעך. האָט אין טײַבעלען זיך צעשפּילט דער שעד. זי האָט אָנגעהויבן אונטערשפּרינגען. אַ לוסטיקע, עפּעס גאָר אַ צעווילדעוועטע.

— איר הערט? ער וועט גיין, ער וועט גיין, ער וועט גיין!

— נו, דאָס איז שוין ניט דײַן דײַגע, — האָט אַנשל געפּרוּווט זי אײַנשטילן. — לויף אַהיים, טו זיך איבער. אין אַ שאָ אַרום גייען די פֿורן צו דער סטאַנציע.

און טײַבעלע, נאָך אַלץ אַ לוסטיקע, אַ שפּרינגענדיקע:

— איך לויף ניט, איך טו זיך ניט איבער און איך פֿאָר ניט!

— וואָס הייסט דו פֿאָרסט ניט?

— איך וועל ניט פֿאָרן, ביז מיר וועלן ניט אַראָפּנעמען מיטן קאַמבײַן דעם גאַנצן ווייץ. און אויב איר וועט זיך אײַנשפּאַרן, וועל איך אײַנגאַנצן ניט פֿאָרן.

— נו אַ טײַבעלע... — האָט אַנשל אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין און איז אַוועק אָן אַ זײַגעזונט. — אַ ווילדע ציג!

■

איך האַלט זיי אין איין זוכן, די לאַנדסלײַט מײַנע, וואָס ווױנען איצט ווו דאָס לאַנד האָט אַ ברעג. איך ווייס, אַז ווײַט ניט אַלע וועל איך געפֿינען. אַ סאַך זײַנען שוין אויף דער וועלט ניטאָ. טײַבלען האָב איך געפֿונען אומדערוואַרט. כ'האָב אַפֿילו ניט געקלערט זי טרעפֿן אין דאַניעצק.

די דאַניעצקער פֿאַרנאַכטן גיבן יעדערן אָנצוהערן, אַז ווי די שטאָט זאָל ניט וואַקסן, וועט דער סטעפּ זיך לאָזן פֿילן אויף יעדער טריט. דער סטעפּישער ווינט נעמט דורך די שטאָט אויף דורך און דורך, שיט אונטער צום בונטן רייכעס־געמיש אַ ביסעלע קוילן־שטויב און אַרבעט אויס עפּעס גאָר אַ באַזונדער מאַשקע, אַ ביסל טערפּקע און אַ ביסל אַן עסעריקע. דעם היגן אוילעם איז זי דאַפּקע געפֿעלן, און יעדן פֿאַרנאַכט זײַנען די שטאָטישע פּאַרקן, סקווערן און סעדלעך פֿולגעפּאַקט. יונגעלײַט שפּאַצירן אַרום, זיידעס זיצן אַרום די טישלעך, און באָבעס גיבן אַכטונג אויף די פֿאַרציאַצקעטע וויגעלעך־וועגעלעך, אין וועלכע עס שפּילן זיך זיצנדיק, טעמען שלאָפֿנדיק אָדער פּישטשען וויינענדיק דער ײַנגסטער דאָר דאַניעצקער — אייניקלעך און אוריי־ניקלעך.

פֿאַרבײַגייענדיק איינס אַזאַ סקווערל, וואָס איז פֿול געווען מיט דיסקוסירנדיקע זיידעס, פֿאַרדײַגעטע באָבעס און מיט אָן אַ שיר טאַנצנדיקע און שפּרינגענדיקע, וויינענדיקע און זינגענדיקע אייניקלעך, האָב איך דערהערט אַ באַקאַנטע שטים.

— איך מעג שווערן! אַט גייט, דוכט זיך, אונדזער רעדאַקטאָר!

איך האָב שוין ניט דאָס ערשטע מאָל געהערט אַזאַ אויסרוף, אין וועלכן ס'איז געווען באַוווּנדערונג, פאַרכאַפּונג און פרייד. און איך מוז זיך מודה זײַן, אַז אין זיך האָב איך שטענדיק שטאָלצירט דערמיט, וואָס איך אַליין בין אויך געבליבן אין זיקאָרן בײַ מענטשן פון יענע ווײַטע, יונגע יאָרן, ווען איך בין געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ ראַיאָנישער צײַטונג.

ס'איז שוין געווען טונקל, און מיר איז שווער געווען באַמערקן די סימאָנים, וואָס די פּערציק יאָר האָבן אָפּגעשטעמפּלט אַף דעם מיידל מיטן פאַרשפּיצטן נעזל, פאַר וועמען ס'האָבן זיך געשראָקן אַלע דאָרפישע הינער און וואָס האָט זיך אָפטמאָל געכאַלעמט אַ סאַך דאָרפישע באָכערים. ווען ס'זײַנען נאָך ניט געווען קיין קינסטלעכע ספּוטניקעס, קאָסמישע שיפן, טעלעוויזאָרס און... ס'איז נאָך ניט געווען אַט די באָבע מיטן צעקנייטשטן פּאָנעם, מיט טיפן טרויער אין די אויגן און מיט אַ ביסל אַן אַלטמאָדישן קלייד. גיכער פאַר אַלץ איז זי פּאָשעט געווען צופרידן מיט אַזאַ געלעגנהײַט דערמאָנען זיך אין יענע צײַטן. האָט זי דערציילט און דערציילט. וויאַזוי נאָך דעם ווי דער קאָמבײַן איז טאַקע אַוועק, איז זי אין עטלעכע טעג אַרום אַוועקגעפאָרן אַף קורסן. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס זײַנען געווען קורסן פון בוכהאַלטערס, אַ זאַך, פון וואָס זי האָט פריִער אַפילו הערן ניט געוואָלט.

נאָר — אַ פאַרפאַלענע זאַך. דערפאַר איז איר גוט צוניץ געקומען דער שטערן. יעדן אָוונט האָט זי אים אָפּגעזוכט אַפן הימל און געטראַכט וועגן דאַניען. דערנאָך איז זי געוואָרן בוכהאַלטער פון קאָלווירט, און אַנשל האָט געהאַט פון איר אויסגעריסענע יאָרן. זי האָט געפּאָדערט אַ פעסטע פינאַנץ־דיסציפּלין, און אַנשל — ווי אַלע פּאָרזיצערס... ער האָט געטופּעט מיט די פיס, געריסן אַף זיך דאָס העמד, געגוואַלדעוועט, געשריגן, אַז איבער איר מיט אירע פרומע שטיק ווערט דער קאָלווירט בעדיל־האַדאַל. נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.

און דאַניִעל? אַ מאָשל! אַ מענטש, וואָס ווייסט, וואָס עס טוט זיך אַפן זיבעטן הימל, וואָס קלײַבט זיך אַזוי גוט פאַנאַנדער אין קלאַסן און נאַציעס, זאָל ניט קאָנען אויסנאַרן דעם „יאָ“ מיטן „ניין“ בײַ אַ פּאָשעטן קאָמבײַן? ער איז געוואָרן דער בעסטער קאָמבײַנער אין ראַיאָן און דערנאָך אַפילו אין געגנט. נו, וועגן טאַטן איז דאָך אָפּגערעדט, נאָר אַפילו די מאַמע האָט זיך געמוזט איבערבעטן מיט אים. דער טאַטע — עטלעכע טעג פאַר דער כאַסענע. די מאַמע — שוין נאָך דער כאַסענע. כאָטש, ווער כאַסענע, וואָס כאַסענע? אַוועק אין זאַגס, פאַרשריבן זיך און שוין. ס'איז דאַן ניט געווען קיין מאָדע פראַווען כאַסענעס.

— און ווו איז דאַניִעל?

די פראַגע איז מיר די גאַנצע צײַט געלעגן אַף דער צונג, נאָר פרעגן האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב מוירע געהאַט פאַרן ענטפער. די פראַגע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אומגעריכט. זי האָט דערציילט וועגן דעם, אַז נאָך דער מילכאָמע האָט זי זיך דאַפקע אומגעקערט צוריק אין קאָלווירט, ווידער געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער, נאָר אַז דאָס מיידעלע איז אונטערגעוואַקסן, אַוועקגעפאָרן קיין דאָניעצק זיך לערנען... דערנאָך דאָ טאַקע כאַסענע געהאַט. ווי זשע בלײַבט מען אַף אַזוי לאַנג איינע אַליין? — האָט זיך בײַ מיר אַרויסגעכאַפּט:

— און ווו איז דאַניִעל?

— ניטאָ, ניטאָ דאַניִעל. אַוועק אַף דער מילכאָמע... טאַקע אַף יענעם טראַקטאָר! נאָר אַזעלכע ווי מײַן דאַניִעל דערקענט מען גלײַך. האָט מען אים טייקעף אַריבערגעזעצט אַף אַ טאַנק. נו, דאָס ווייס איך שוין ניט, צי געטראָפן האָט עס אַף יענעם ערשטן טאַנק, צי אַף אַן אַנדערן, ווײַל געברענט האָט ער אַ מאָל דרײַ, צי מערער. און איך בין שוין געווען זיכער, אַז אַזאַ ווי מײַן דאַניִעל קאָן ברענען הונדערט מאָל, טויזנט מאָל און ניט פאַרברענט ווערן.

— ער האָט אײַך געשריבן וועגן דעם?

— וועגן דעם? — האָט זי איבערגעפרעגט ווי באַליידיקט. — דאַניִעל זאָל שרײַבן וועגן אַזעלכע זאַכן? דאָס האָבן שוין זײַנע פרײַנט דערנאָך אָנגעשריבן. ווי ער האָט זיך געשלאָגן און וויפל מאָל ער האָט געברענט. ער אַליין האָט געשריבן וועגן פּאַשיזם, וועגן די פעלקער און נאַציעס, וואָס מוזן אים פאַרניכטן, אויב זיי ווילן האָבן אַ קיִעם. און וועגן דער רויטער אַרמיי, וואָס וועט ראַטעווען די גאַנצע וועלט. איך געדענק נאָך ביז הײַנט אַ סאַך זײַנע בריוו אַף אויסווייניק. און שטעלט אײַך פאָר, וועגן שטערן האָט ער אויך געשריבן. וועגן אונדזער שוטפעסדיקן שטערן. אין יעדן בריוו האָט ער מיך געפרעגט, צי קוק איך אַף אים. אַוודע האָב איך געקוקט. סײַ ווען ער האָט געשריבן בריוו, סײַ ווען ער האָט אופגעהערט צו שרײַבן. איך קוק נאָך ביז איצט אַף אים. יעדן אָוונט.

ס'האָט געהאַלטן דערבײַ, זי זאָל זיך צעוויינען, נאָר ס'איז געשען אַ נעס: פונעם פּילשטאָקיקן מויער איז אַרויסגעשפּרונגען אַ מיידעלע אין הויזן. אין איר פאַרשײַטער לוסטיקײַט, אין איר גרינגן, ציגענעם שפּרונג האָט מען גלײַך געקאָנט דערקענען איר קרוווּעשאַפט מיט טײַב־

לען. מיט יענעם אמאַליקן ווילדן טײַבעלע, פאַר וועמען אפילו דער בוהיי האָט געהאַט דער־רעכערעץ.

— ווּהין יאָגסטו אזוי? — האָט טײַבל באַ איר געפרעגט.

— אין ספאָרט־זאַל. באַ אונדז איז הײַנט א טרענירונג.

— נו, און וועטשערע? די מאַמע וועט באַלד קומען.

דאָס אייניקל איז צוגעשפּרונגען, א קוש געטאָן די באַבען אין שטערן און א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די צעשויבערטע לאָקאָנעס.

— אוי, באָבעניו, ביסט שוין גאָר אַלטמאָדיש. ס'איז ניט אמאָליקע צײַטן.

די טרערן, וואָס האָבן געהאַלטן באַם ארויסטריפן, זײַנען ווידער אַרײַנגערונען אינווייניק, איבערגעלאָזט אַף די אויגן בלויז א פּײַכטן גלאַנץ. נאָר דער גלאַנץ איז שוין געווען פון גאָר אן אַנדער מין. א געמיש פון א שמייכל מיט א זיפץ.

— אײַ, אמאָליקע צײַטן... — האָט טײַבל א זיפץ געטאָן. — ווּ נעמט מען זיי, די אמאָ־ליקע צײַטן?

אזוי איז שוין דער מענטש. דאָס שלעכטע פאַרגעסט ער. נייַן, עס פאַרגעסט זיך ניט. עס באַקומט בלויז אַן אַנדער טאַם. אפילו דאָס, וואָס דער טראַקטאָר האָט ניט געוואָלט גיין, וואָס ניט שטענדיק איז געווען ברויט צו זאַט און א פּאָר מעטער ציץ אַף א קליידל, ווײַל דאָס אַלץ איז פאַרבונדן מיט דער צײַט, ווען צווישן מיליאַרדן שטערן איז אופגעגאַנגען און א שײַן געטאָן פאַר דיר דײַן אייניציקער... דער סאַמע העלסטער. און פון פיל נעכט האָט זיך דיר פאַרגעדענקט יענע סאַמע שווערסטע נאַכט און דער סאַמע אומרויִקסטער באַגינען. און דער טוי... דער טוי, וואָס האָט דאַן אזוי זילבערדיק געבלישטשעט אַפן פאַרוויאַנעטן גראָז, אַף דער נאָך לעבעדיקער סטערניע, אַף דײַן פאַרשמאָלצוועטן פּאָנעם און אַף דײַנע צעשויבערטע האָר.

לידער פון סטעפּ

שוואַרצערד

אינמיטן הארבסט, ווען ס׳וועלקט דער וואלד, דאָס פעלד
און ס׳לייגט זיך אַף דער ערד די ערשטע קרירע,
דו טו א קוק, ווי ס׳שיינט פאר דיר א וועלט
מיט וווּנדערלעכע פארבן און קאָלירן.

דער וואלד ארום פארשאָטן איז מיט גאָלד,
מיט ווײַסע שוועמלעך צירן זיך די גראָזן.
עס פלאקערט דער שיפּאָווניק אינעם טאָל,
מיט געלן פײַער ברענען די בעריאָזעס.

דער טײַך פארגליווערט איז ווי מירמלשטיין
אין אָפּשפּיגלונג פון קופּער און פון זילבער.
נאָר דו, אָ, מענטש, דו קאָנסט אין הארבסט אליין
צו אָט דער פארבן־שפּיל זײַן הארציק־פּילבאר.

אָ, פארבן הארבסטיקע, אין אײַער שײַן
איז רײַכער מײַן דעראָבערטער פארמעגן.
איר זײַט מיט מוטערס מילך אין מיר אריַין.
איר לויכט אַף מײַנע אומוועגן און וועגן.

נאָר דאָך איז ליבער מיר אינמיטן הארבסט
די שווארצע פארב, וואָס שווארץ איז אומגעהויער,
די שווארצע פארב פון רויכערדיקן „פּאר״,
פון פלאסטן ווארעמע אין הארטער רויערד.

איך נעם אין האנט א הויפן שווארצע ערד
און כ׳פיל אין איר — א גרויסע וועלט זיך עפנט.
די ערד — זי צערטלט מיך, זי שמעקט, זי נערט,
מיט אלע ווײַרעכער פון זעט און שעפע.

און כ׳פיל, כ׳בין יונג, ווי יאָרן לאנג צוריק,
ווען דעם דעקרעט באגריסט האָט פעלד און לאָנקע —
עס האָט איליטש מיט מאזל און מיט גליק
די שיינע ערד ברייטהאנטיק אונדז געשאָנקען.

פון דעמאָלסט כ׳האָב איין טרוים בא זיך אין בלוט,
איין האָפענונג, וואָס כ׳גאר פון דעם געניסן:
עס זאָל די מיל ניט וויסן פון קיין רו,
דער שפּײַכלער — פון קיין ווידערקאָל ניט וויסן.

עס זאָל פולווערטיק זײַן די מי פון האנט,
כ׳זאָל בײַשטיין יעדן אומגליק און געוויטער.
אָ, רום דיר, שווארצערד הייליקע פון לאנד,
איך בין דײַן זון, דײַן אקערער און שניטער.

5—773

א פעסטונג אין סטעפ

לאנג איז זי אָט דאָ געשטאַנען
מיט די הויכע שטומע טורעמס.
לאנג געשטאנען, אויסגעשטאנען
אלע פייַערדיקע שטורעמס.

ס'האָט דער סוינע זי צעבראָכן,
זי באלאגערט, אָט די פעסטונג.
ס'האָבן שפּארבערס, ס'האָבן דראָכן
אין איר וויסטעניש גענעסטיקט.

די קאָלווירטניקעס אַף טויקן
האָבן דרעשנדיק באדויערט,
וואָס די לאנגע וואלקעס ברויטן
מייַדן אויס איר ברייטן טויער.

איצטער קומט און זעט: אָט שטייט זי
מיט די נייַע שטאָלצע טורעמס,
מ'האָט געמאכט זי העכער, ברייטער,
מ'האָט זי שענער אויסגעפורעמט.

מ'האָט געשמידט זי און געשטאָלט זי
און געקרעמפּעוועט, געפּעסטיקט —
פאר די יאָרן צאר באצאָלט איר,
פאר די אומגליקן די גרעסטע.

זעט: באנאכט אַף ווייַטע וועגן
בלענדן ווידער שייַן־פּראָזשעקטאָרס.
ווי א לייַכטטורעם בא ברעגן,
איבער סטעפּעס רופט זי, וועקט זי.

ווידער אירע טורעמס וואכן
און מאשינעס צו איר פאָרן,
ווידער וועגן, ווידער שליאכן,
ווידער ווייץ און ווידער קאָרן.

ס'ווערט די ערד דיר עפּעס ליבער,
און פון טויקן דייַנע זעסטו,
ווי דאָס היימלאנד רופט זיך איבער
מיט דער לויכטנדיקער פעסטונג.

באלאדע וועגן דער עלטער

ווי צום פּאראד, געשטאנען גרייט איז דער קאָמבייַן,
א נייַ־געבוירענער, פארפלייצט מיט פארב און זון־שייַן.
דו ביסט מיט אים אין קיניגרייַך פון ווייץ אריַין
צום לעצטן מאָל,
דעם סטעפּ א „זייַ־געזונט" געווונטשן.

געקומען זייַנען פרייַנט אהער מיט ווארעם וואָרט,
מיט פרישע רויזן, ערשט־געשניטענע פון בייטן.
דיך — דעם קאָמבייַנער, דיך — דעם גרייַזן מאן פון דאָרף
אַף רו און עלטער אין א גוטער שאָ באגלייטן.

ראָמאנטיקער, דו שטאלטנער מאן פון אונדזער צייַט,
איך בין מעקאנע דיר און דייַן געקרוינטער דאָליע,
איך דארף ניט פרעגן וועגן דיר בא אלטע לייַט,
ס'דערציילן דייַנע הענט מיט די מאָזאָליעס.

עס רעדט פאר דיר דייַן שיינע אויסגעטרוימטע וואָר,
וואָס דו דערהויבן האָסט אין אוישער און אין קאָוועד.
עס רעדט אין דאָרף דייַן צווייטער און דייַן דריטער דאָר
מעכאניקער,
וואָס דו האָסט זיי געכאָוועט.

אָט דאָרט, ווו ס'לויכט דער דאָרפישער האָטעל,
האָסטו דאָס ערשטע הויז אוועקגעשטעלט אַף ווונדער,
דאָס ערשטע וויגל פארן ערשטלינג אייַנגעשטעלט.
דאָס ערשטע לעניןלעמפל ליכטיק אָנגעצונדן.

דער ערשטער אופגעריסן האָסט די הארטע וויסט
און זי פארפלאנצט מיט ווייַנגערטענער עכטע.
אליין געווען דער אקערער, אליין דער טראקטאָריסט,
אליין דער בריגאדיר, אליין דער וועכטער.

איצט שטייסטו שטאלטנע בא דײַן מעַכטיקער מאשין,
דו מאכסט דעם לעצטן קרײַז אין ראשיקן פרימאָרגן,
גיסט איבער דעם שטורוואל איצט דײַנע זין,
פון פרייד, פון גליק עס ווערט דיר ענג אין גאָרגל.

דו גייסט אראָפּ פון בריקל אָנגעלאָדן שווער,
מיט פולע אָרעמס קרענץ און ערשטע ווײַנטרויב־גראָנעס.
דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז א טרער
געפאַלן אף דײַן הייס־פארבראָנדזעוועטן פּאָנעם.

א ווונטש

הײַנט איז, מײַן טאָכטער, דײַן טאָג פון געבוירן,
אין קאָרן־צוויט שטייסטו פאר אונדז אײַנגעפלאָכטן.
וואָס זאָל איך דיר ווינטשן, מײַן טײַערע טאָכטער?

איך וויל, דו זאָלסט קיינמאָל פון אומרעכט ניט וויסן,
עס זאָל דיר ניט פרעמד זײַן דער פלאַם פון געפילן,
ס׳זאָל קיינמאָל דער ברען פון דײַן יוגנט ניט שטילן.

איך וויל, אז דײַן טרוים און דײַן האָפן און וויסן,
און אלץ, וואָס עס שענקט אונדזער לאנד זײַנע מענטשן,
זאָל זײַן צו געזונט דיר, צו גליק און צו בענטשונג.

עס איז הײַנט, מײַן טאָכטער, דײַן טאָג פון געבוירן,
מיר זײַנען מיט פרייד און מיט יאָמטעוו פארפלאָכטן.
וואָס זאָל איך דיר ווינטשן, מײַן טײַערע טאָכטער?

איך וויל, זאָלסט מיט אייגענעם קוי׳ך געפינען
דײַן זין אינעם לעבן, דײַן יוגנט אין עלטער
און קיינמאָל ניט וויסן פון פריצײַטיק וועלקן.

בוזי מילער

לויטערקײַט

קאַפּיטל צען

די צײַט איז געגאַנגען מיט איר נאַטירלעכער רעגלמעסיקײַט, איין כוידעש האָט פֿאַרביטן דעם אַנדערן, און יעדערער פֿון זיי איז געקומען מיט זײַן אייגענער, פֿון אייביק אײַנגעשטעלטער פֿאָר אַט די קאַנטן, גאַב: יול און אווגוסט — מיט די גרויסע היצן, אָפּטע שלאַקסרעגנס און געוויטערס, מיטן ראַשיק צוקומענדיקן וואַסער אינעם אַמור און אין זײַנע בײַטײַכן; סענטיאַבער — מיט זוניקע, טרוקענע טעג, וואָס ווילן, דוכט זיך, מיט זייער גנעדיקער לויטערקײַט אָפּצאָלן פֿאַר דער פֿײַכטער דושנעקײַט פֿון די פֿאָריקע צוויי כאָדאָשים; אָקטיאַבער — אויך נאָך אַ געגנוג טרוקענער און זוניקער אין זײַן ערשטער העלפֿט, כאָטש שוין מיט אַ מערקבאַר אויסגעבלאַסטן און אויסגעקילטן הימל. אַ דורכויס שעמערירנדיקער מיט פֿינקלדיקן בלעטער־גאָלד אויף די ביימער אין אָנהייב, הייבט ער אָן פֿון דער צווייטער העלפֿט צו כמורען זיך, ברעכן פּיסקעס, און ערגעץ אַרום 17 — 18־טן שרעקט ער שוין אָן מיט אַ נאַסן שניי, וואָס טוט געדיכט אַ פֿאַל מיט גרויסע פֿלאַכטעס, מע קאָן מיינען — עס שטעלט זיך דער ווינטער... נאָר דער שניי צעגייט באַלד און עס ציִען זיך נאָך אוועק זוניקע טעג, עס ווערט אָבער אַלץ קעלטער (באַזונדערס אין די נעכט), די ביימער טוען זיך אינגאַנצן אויס נאַקעט. סאָף כוידעש פֿאַרציִען די ערד די ערשטע פֿרעסטלעך, נאָר קיין שניי איז ניטאָ. אַ שניי פֿאַלט אויס געוויינלעך דעם 5 — 6 נאָיאַבער, ווי אומיסטן, קעדיי אין זויבערער ריינקײַט אויספּוצן די ערד צום פֿײַערלעכן גאַנג פֿון דער אָקטיאַבער־דעמאָנסטראַציע. אויף די פֿאַרשנייטע גאַסן איז באַזונדערס פֿריידיק דער יאָמטעוודיקער געפֿלאַטער פֿון די רויטע פֿאָנען...

דער דאָזיקער שניי בלײַבט שוין ליגן. דער קאַלטער, נאָר זוניקער ווײַטמיזרעכדיקער הימל וועט פֿאַרן ווינטער עפּשער נאָך איין מאָל אָדער צוויי מאָל זיך אָנכמורען, באַשענקען די ערד מיט אַ זעלטענעם שניי־פֿאַל, און עפּשער ניט.

און די פֿרעסט ווערן אַלץ שטאַרקער.

אין די בירָאָבידזשאַנער אײנשטאָקיקע און צווײשטאָקיקע הילצערנע ווױנהײַזער איז דעמלט קיין דאַמף־באַהייצונג, פּונקט ווי אויך קיין אַנדערע באַקוועמלעכקײַטן, וואָס איצט שטעלט מען זיך אָן זיי דאָס לעבן ניט פֿאָר, ניט געווען. אויף ווינטער האָט מען געדאַרפֿט באַצײַטנס אָנגרייטן געגנוג האָלץ אָדער קוילן, און נאָך בעסער — ביידע זאַכן; דאָס האָלץ — צעזעגן, צעהאַקן און אַקוראַט צונויפֿלייגן אין שטאַל, די גרויסע קוילן־שטיקער צעקלאַפּן אויף קלענערע. אַלע אינדערפֿרי און פֿאַרנאַכט האָט מען געמוזט אַרײַנטאַסקען אין שטוב די פֿײַנע אָבערעמעס האָלץ און צו עטלעכע עמער קוילן און גוט אויסהייצן די הרובע, אויב מע האָט געוואָלט, אַז דער פֿראָסט זאָל זיך ניט אַרײַנכאַפּן דורך די הילצערנע ווענט און ניט ווערן אין שטוב באַלעבאָס. האָט מען דאָס אַלץ ניט געטאָן, איז מען געפֿרוירן.

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 8 און נום. 12 פֿאַרן 1971 יאָר, נום. 9 פֿאַרן 1972 יאָר און נום. 4 פֿאַרן 1973 יאָר.

שאָלעם ליבקין האָט געפּרווירן.
ווי פריִער, האָט ער נאָך אַלץ געלעבט בא עמקען אין דירע.
עמקע איז געווען אַ דזשענטלמען. צוערשט האָט ער אָפּגעטראָטן ליבקינען די דירע, קעדיי ניט שטערן יענעם אין דער ארבעט. דאָס איז געווען נאָך דאַן, ווען ער האָט געהאַפּט, אַז ליבקין וועט סאָפּקאָלסאָף זיך אַ נעם טאָן פאַר זײַנע סוזשעטן און וועט כאַטש פון אייניקע פון זיי אויסהאמערן דאָס, וואָס ער, עמקע, האָט געוואָלט אין זיי זען. אינגיכן האָט ער אָבער זיך איבערצײַגט, אַז ליבקין פאַרנעמט זיך בא אים אין דירע גאָר מיט אַנדערע זאַכן.
איינמאָל איז עמאַנויל געקומען פון אַן אָרדנטלעכער קאָמאַנדירונג. געפאָרן איז ער, ווי געוויינלעך, מיט אַ צופעליקער מאַשין. שטאַרק פאַרשטויבט פון וועג, איז ער אַוועק אַהיים נעמען אַ פאָרל וועש, און נאָך דער באָד זיך געקליבן אין דער היים טאַקע איבערנעכטיקן, ווײַל דעם כאַווער, בא וועלכן ער איז די לעצטע צײַט געשלאָפן, האָט ער ניט געטראָפן.
די טיר פון זײַן דירע האָט קאַזאַקעוויטשן געעפנט אַן אומבאַקאַנטע בלאָנדע פרוי.
— וועמען דאַרפט איר? — האָט זי אומצופרידן אַ פרעג געטאָן.
ער האָט מיט שטומען נײַגער זי באַטראַכט: ניט קיין הויכע, צעפּאַטלטע יונגע פרוי אין אַ צעקנייטשטן געלן כאַלאַט. דאָס כאַלאַט, האָט עמקע באַמערקט, איז אַרופגעוואָרפן אָפן נאַקעטן לײַב. גאָרניט ענטפערנדיק, איז ער אַרײַן אין צווייטן צימער, קעדיי פרעגן בא ליבקינען, וואָס דאָס באַטײַט. אָף דער נידעריקער ברייטער טאַכטאַ איז יענער, ביז האַלב צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, געשלאָפן מיט דער שטאַרצנדיקער באָרד אַרוף און האָט געשמאַק געכראָפּעט.
עמקע האָט גענומען פון שאַפע אַ פאָרל וועש, נאָך אייניקע קליינִיקײַטן און איז אַוועקגעגאַנגען. מער האָט ער זיך אַהער ניט באַוויזן.
די יונגע בלאָנדע פרוי איז געווען די זעלבע, וואָס נאָכן טרעפן זי בא ליבקינען, האָבן אופגעהערט אַרײַנקומען אַהער גאַליע און סימע.
עמקע האָט גאָר אָפּט גענומען פאָרן אין קאָמאַנדירונגען. אין די קאַלווירטן, אָף די גרענעץ־זאַסטאַוועס, בא די פישער האָט ער געהאַט אַ סאַך פרײַנט און האָט זיך געפילט מיט זיי אַלעמען מער אין דער היים, איידער בא זיך אין דער דירע, וועלכע ער האָט איצט אַזוי אומגעריכט אָנגעווירן.
פונדעסטוועגן איז ער נאָך אַ פאָר מאָל צו זיך, דאָס הייסט שוין צו ליבקינען, אין דירע אַרײַנגעגאַנגען. נאָר דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי אים איז באַוווּסט געוואָרן, אַז די בלאָנדע פרוי, וועלכע ער האָט בא אים איינמאָל געטראָפן, איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן אָדער גלאַט אַזוי ניט געוואָרן, אַלנפאַלס, מיט ליבקינען איז זי מער ניט געווען.
דערויף האָט מען זיך געדאַרפט ריכטן, — האָט עמקע געטראַכט, — פרויען פון דעם מין אינטערעסירן ניט קיין מאַנצבלען אין אַזאַ מאַצעווו, אין וועלכן ליבקין האָט זיך איצט גע־פונען: קיין ארבעט, קיין מיטלען צום לעבן. אַלע זײַנע באַקאַנטע, וואָס צוערשט האָט ער זיי שוין דאַ געהאַט גאָר ניט ווייניק, האָבן ביסלעכווײַז זיך אָפּגעשאָקלט פון אים און ער איז פאַרבליבן אַליין, אינגאַנצן אַליין, נאָכדעם ווי אויך אָט די יונגע בלאָנדע פרוי האָט אים פאַרלאָזט. און עס איז ניט צו זען געווען, אַז ליבקין זאָל צו אָט דעם מאַצעווו זײַנעם זיך קלײַבן מאַכן אַ סאָף.
עמקע האָט פאַרשטאַנען, אַז מע מוז עפּעס טאָן, און מיט אַ קאַטעגאָרישן מיין אָנצונע־מען די נייטיקע מיטלען, איז ער, אומקערנדיק זיך פון אַן אָרדנטלעכער קאָמאַנדירונג, אַרײַן צו ליבקינען. יענער איז געלעגן אומבאַוועגלעך אויסגעצויגן אָף דער טאַכטאַ, דעם שטאַרן בליק געווענדט צו דער סטעליע. אָף עמקעס אַרײַנקומען האָט ער ניט רעאַגירט, עפּשער אַפילע אים ניט באַמערקט.
— שאָלעם!
ליבקין — קיין פינטל מיטן אויג.
— שאָלעם, מיר דאַרפן מיט דיר אַ שמועס טאָן.
קיין ענטפער.
— שאָלעם, איך דאַרף זיך דורכריידן...
— וועגן וואָס?
— וועגן טאַכלעס.
— ס'איז קיינעמס דײַגע.
— אין שטאַל איז דאָ האָלץ, קוילן. הייץ כאָטש אויס די הרובע, וועסט דאָך פאַרפרווירן ווערן.
שטיל.

— דארפסט געלט? איך לאָז דיר דאָ איבער אפן טיש.
— ווי דו ווילסט...
אויך א צווייט מאָל איז עמקע אריַין צו ליבקינען, נאָר קיין געשפּרעך האָט זיך ניט באַקומען... יענער איז געלעגן אין דער זעלבער פּאָזע, אויסגעצויגן אף דער טאַכטאַ.
— דו האַלטסט, אז עמעצער איז שולדיק אין דיַין איצטיקער לאַגע? — האָט עמקע גע־פרעגט. — עפּשער איך, וואָס האָב דיך געבראַכט אהער?
— איך האַלט גאָרניט. איך בעט נאָר איינס: לאָזט מיך אַלע צורו.
איך האָב וועגן אָט די אַלע באַזוכן עמקעס צו ליבקינען ניט געוווּסט. שטאַרק פאַרנומען מיט מיַין אַרבעט אין שול, אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום, אין אָוונט־שול, האָב איך קיינעם פון מיַינע פריַינט ניט געזען זינט יענעם שיינעם אָקטיאַבער־טאָג, ווען מיר האָבן אַלע צוזאַמען אזוי גוט פאַרבראַכט בא וועלוול און פּירע שפּיטאַלניק אין שטוב, דערנאָך באַגלייט צום צוג עמקעס נײַעם פריַינט דעם קאָמאַנדיר פון דער גרענעץ־זאַסטאַווע גריצקאָ אַכרימאָוויטש אָביידאָטקאָ. זינט דאַן איז אַוועק א כוידעש און עפּשער מער. ס'איז געוואָרן סאָף נאָיאַבער. א מידער, נאָר א צופרידענער (מיַינע שילער האָבן היַינט קימאַט אַלע גוט זיך ספּראַוועט מיט דער קאָנטראָל־אַרבעט) בין איך געגאַנגען פון אָוונט־שול, ווו איך האָב געפירט די לעצטע צוויי לימודים. ס'איז געווען אזייגער צען איז אָוונט, אין הימל איז געשטאַנען א פולע לעוואָנע. דער שניי האָט געפינקלט, געסקריפּעט, געגוואַלדעוועט אונטער די טריט, אָנזאָגנדיק אף באַנאַכט א שטאַרקן פראָסט. עס האָט זיך גוט און טיף געאָטעמט, און עס האָט זיך געוואָלט וואָס לענגער פאַרבליַיבן אין אָט דער העלער לעוואָניקער פראָסטיקייט. מענטשן אין גאַס איז געווען ניט קיין סאַך, און איך האָב נאָך פונוויַיטן באַמערקט עמקען. ער איז געגאַנגען שטאַרק פאַרטראַכט און האָט מיך ניט דערזען אפילע, ווען ער האָט זיך שוין קימאַט אויסגעגליַיכט מיט מיר.
— עמקע!
— האַ?
פּלוצעם אַן אַרויסגעפירטער פון זיַין פאַרטראַכטקיַיט, האָט ער מיט כידעש א קוק געטאָן אף מיר.
— דו? — און האָט זיך מיטאַמאָל דערפרייט. — אָ, טאַקע זייער גוט, וואָס דו ביסט מיר איצט אָנגעקומען אנטקעגן. האָסט א ביסל פריַיע צײַט?
— וואָס זשע, ביסט געוווינט, אז קיינמאָל האָב איך קיין צײַט ניט?
— אזוי איז דאָך עס.
— דאָס מאָל גיי איך פון די לעצטע צוויי לימודים און בין פריַי ביז מאָרגן איינדערפרי.
— זייער גוט! איך דאַרף זיך טאַקע אַן אייצע האַלטן וועגן זייער א וויכטיקן איניַין. אפילע וועגן צוויי איניאָנים.
מיר זיַינען אוועק באַנאַנד. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א לאַנגן שינעל, וואָס האָט אים, וויַיזט אויס, ניט איבעריקס געוואָרעמט, אין שטיוול, אין וועלכע ס'איז אים מיסטאָמע אויך געווען ניט הייס. די איינציקע בעעמעס ווינטערדיקע זאַך אף אים איז געווען דאָס פוטערנע היטל מיט די אַראָפּגעלאָזטע אויערן־לעפּלעך. זיַין פּאָנעם האָט אויסגעזען נאָך מאָגערער און שמעלער, און די האָרנברילן — גרעסער ווי געוויינלעך.
— כ'האָב ערשט פאַרענדיקט א פּאָעמע, — האָט ער געזאָגט.
— וואָס פאַר א פּאָעמע?
— שטיקלעך פון איר האָב איך געלייענט אפן מיטיק בא די שפּיטאַלניקעס, געדענקסט?
— נו, יאָ.
— ווילסט הערן דעם סאָף?
ס'איז צו זען געווען: ער איז נאָך אינגאַנצן איַינגעדרוקט פון דער אָקאָרשט פאַר־ענדיקטער פּאָעמע זיַינער, דער געדאַנק איז פול מיט איר, אירע ריטמען שפּאַרן פון אים אַרויס.
— לייען, — האָב איך געזאָגט. און ער האָט גליַיך אָנגעהויבן:

— „אַרמאַן וואַטאַ?” — „וואַטאָ, וואָס איז
דען?”
זיַין נאָמען מע דערמאָנט — וואָס איז?
דער גיד דערקלערט: „דער בלאָנדער ריז
זאָגט, אז ער קען איַיך און ער גריסט איַיך”.
ס'גייט צו דער בלאָנדער ריז צו אים.
אף ברייטע פּלייצעס פאַלט אַן אָפּשיַין
פון העלער זון, און פול מיט אָפּשיַי
די אויגן זיַינען און די שטים.
ער גיט א ברייטע ברוינע האַנט.
וואָס האָט וואַטאָ מיט איר צו טאָן דען,
דער האַנט פון אָט דעם מענטש דעם
בלאָנדן —
דער ברוינער האַנט פון א גיגאַנט?

ווי אַלעמאָל, ווען עמקע האָט זיך געערגערט, האָט ער זיך ערטערווײַז פאַרהיקעט, נאָר אין דער לעוואַניקער פּראָסטיקער לופט האָט ניט שטאַרק הויך, אָבער קלאָר און דײַטלעך אָפּגעקלונגען יעדער וואָרט:

און אופגערעגט, מיט זשעסטן גיכע
דערקלערט דער ריז: „געלייענט „דאָס לאַנד,
וואָס ווערט געבוירן אינעם ווינטער״,
און איך מוז דריקן אײַך די האַנט,
כ׳מוז דריקן אײַך די האַנט דערפאַר,
וואָס אין די שלאַכטן, אין געפאַר,
אין יענע מוירעדיקע יאָרן,
האָט איר דערפילט דעם נײַעם גוואַר,
וואָס ווערט אין ווײ און בראַנד געבאָרן.
איר זײַט געשטאַנען בא זײַן וויג,
איר האָט פאַרשטאַנען אונדזער ווילן,
ווײַל איר טראָגט אונדזערע געפילן
אין האַרצן פון א באָלשעוויק״.

עמקע איז אַנשוויגן געוואָרן. א שטיק וועג זײַנען מיר דורכגעגאַנגען שווײַגנדיק, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— פאַרשטייסט, אין וואָס דאָ גייט: מיר, סאָוועטישע מענטשן, זײַנען שטענדיק גרייט אַלץ טאָן, וואָס איז נייטיק פאַרן לאַנד, פאַר דער רעוואָלוציע. צוליבן זיג פון אונדזערע אידעאַלן איז אונדז קיינמאָל קיין זאַך ניט צו שווער. און מיר גלייבן, אַז אויך אַנדערע מענטשן, אויב זיי זײַנען ניט קיין סאָנים, נאַטירלעך, זײַנען גרייט צו טאָן דאָס זעלבע, וואָס מיר. דעם דאָזיקן גלויבן האַלט איך פאַר איינער פון אונדזערע בעסטע מײַלעס, און דאָס וויל איך באַווײַזן אין מײַן פּאָעמע. אָט דער אַרמאַן וואַטאַ האָט אַמאָל אָנגעשריבן א בוך, פול מיט פאַרשטאַנד פאַר די אופטועון פון אונדזער לאַנד. זינט דאַן זײַנען אַוועק יאָרן. דער מענטש האָט זיך געביטן. נאָר דער „בלאַנדער ריז״, וואָס געדענקט זײַן אַלטן בוך, האַלט אים פאַר אַן אונדזעריקן, פאַר א באָלשעוויק. נאָר אויב אַזוי, טראַכט איך, איז דאָך דער דאָזיקער גלויבן ניט קיין מײַלע, נאָר, פאַרקערט, א כיסאָרן, ווײַל ניט אַלעמען, ווײַזט זיך אַרויס, דאַרף מען און קאָן מען גלייבן. און אויב אַזוי, וואָלט איך עפּשער גאָר אַנדערש געדאַרפט פאַרענדיקן מײַן פּאָעמע?

— ווי האָסטו זי פאַרענדיקט?

— אָט הער:

און נאָכדעם שנײַדט דער אַפּאַראַט
זיך שנעל אַרײַן אין העלן גינען
איבער דער שטראַליקער מעדינע,
וואָס בליט און קאָכט פון ראַנד ביז ראַנד,
וואָס ווייסט ניט פונעם וואָרט „קאַמפּאַרט״
און פונעם ערגסטן, שלימסטן וואָרט —
פון „רו״: עס דונערט דער מאָטאָר,
ער רײַסט די לופט, און אין קאַבינע
זיצט שטיל וואַטאַ, און טרערן רינען
באַם זשורנאַליסט אַרמאַן וואַטאַ.

געלאָזט צעגיין אין דער פּראָסטיקער לופט דעם אָפּהילך פון די לעצטע ווערטער, האָט עמאַנויל זיך אָנגערופן:

— פאַרשטייסט, די באַגעגעניש מיט די סאָוועטישע מענטשן, וואָס גלייבן אים, וואָס האַלטן, אַז ער איז נאָך אַלץ אַזאַ, ווי ער איז געווען אַמאָל, דערשיטערט דעם אויסלענדישן זשורנאַליסט, באַווײַזט, ווי נידעריק ער איז איצט געפאַלן. ער האָט כאַראַטע, און פונדאַנעט — די טרערן, מיט וועלכע איך שליס די פּאָעמע.

— דאָס איז א ריכטיקער געדאַנק, — האָב איך באַמערקט, — אַזוינס קאָן געמאָלט זײַן.

— דו מיינסט אַזוי? — האָט עמקע א שטעל געטאָן אַף מיר זײַנע בליאַסקענדיקע האָרנבריל. — און ווי, אויב אינדערעמעסן זײַנען קיין שום טרערן ניט געווען? אויב אָט דער פאַרדאָרבענער פוקס לאַכט זיך גאָר אויס פון אַלץ, וואָס אונדז איז הייליק, און וועט אָן שום קווענקלענישן אויספּילן דאָס פינצטערע שטיקל אַרבעט, וואָס מע האָט אים באַשטעלט? דאַן דאַרף מען דאָך די פּאָעמע פאַרענדיקן גאָר אַנדערש... האַ?

איך בין געגאַנגען באַנאַנד מיט עמקען און בין, דעם עמעס זאָגן, אים שטאַרק מעקאַנע געווען. מעקאַנע געווען מיט א גוטגעווונטשענער קינע אַף דער מעגלעכקײַט, וואָס ער האָט אַרומצופאָרן, זיך טרעפן און פאַרבינדן פרײַנטשאַפט מיט מענטשן, אומגעשטערט לעבן אין דער וועלט פון זײַנע שעפערישע וויזיעס, אָנהייבן און פאַרענדיקן נײַע זאַכן, אומופהערלעך טראַכטן וועגן זיי. א צוגעבונדענער דורך מײַן אַרבעט צו איין אָרט — צו דער שול, צו די העפטן און קאָנספּעקטן, האָב איך אַזעלכע מעגלעכקײַטן ניט געהאַט. א פּאָר נײַע דערציילונגען, וועלכע איך האָב שוין לאַנג פאַרטראַכט און וואָס אין מײַן נאָטיץ־ביכל מיט דער

לימודים־צעשרײַבונג האָב איך אָנגעוואָרפן צו זיי שטיקלעך פּייזאַזשן, דיאַלאָגן, געדאַנקען, דעטאַלן, זײַנען נאָך אַלץ פאַרבליבן אַפילו ניט אָנגעהויבן...

אָט די געדאַנקען מײַנע האָב איך אָבער פאַר עמקען ניט אַרויסגעזאָגט. איך האָב אים גאָר א פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, ליבקינען זעסטו כאָטש אַמאָל?

עמקע האָט מיט כידעש אָנגעשטעלט אױף מיר די ברילן:

— מאָדנע.

— וואָס מאָדנע?

— וואָס גראָד איצט האָסטו מיך א פרעג געטאָן וועגן ליבקינען.

— פאַרוואָס?

— ווײַל כ׳האָב זיך אַליין געקליבן דיר וועגן אים דערציילן און זיך אָן אייצע האַלטן אויך.

— וועגן וואָס אָן אייצע האַלטן?

— טאַקע וועגן אים. דער באָכער האָט אָפּגעלאָזט העגט און פיס. עפּעס געפעלט ער מיר ניט. עפּעס דאַרף מען טאָן.

ער האָט מיר דערציילט וועגן זײַנע לעצטע באַזוכן צו שאָלעמען, וועגן דעם, ווי יענער לאָזט זיך ניט ריידן.

— זאָג מיר, — האָב איך באַמערקט, — צי איז ער ניט א מין נײַע אויפלאַגע פון דײַן אַרמאַן וואַטאַ?

— אין וועלכן זין? — האָט עמקע ניט פאַרשטאַנען.

— נו, כאָטשבי אין זין פון אָפּגעפרעמדטקײַט פון אונדזער אַלץ מיט אַן אַנדער, פון ניט וועלן קיינעם קענען און וויסן.

עמע האָט זיך אױף לאַנג פאַרטראַכט.

— ניין, איך מיין ניט, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס זשע דען?

— איך מיין, די סיבע איז דאָ אַן אַנדערע, און שולדיק איז ניט ער, — מיר.

— מיר?

— יאָ, און איך דער ערשטער.

— מיט וואָס?

עמקע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— איך האָב א סאַך געטראַכט וועגן דעם, — האָט ער געזאָגט, — און האָב פאַרשטאַנען, אַז דעם דאָזיקן מענטשן טאָר מען ניט מעסטן מיט אונדזערע מעסטלעך. מיר האָבן פאַרגעסן, און אין דעם באַשטייט אונדזער אַלעמענס — און, אין דער ערשטער ריי, — מײַן פעלער, — אַז דאָס איז... אויב דו ווילסט, איז דאָך עס א מענטש פון אַן אַנדער פּלאַנעטע... ער האָט געלעבט אין אַן אַנדער סוויווע, מיט אַן אַנדער שטייגער, מיט אַן אַנדער וועלט־באַנעם. און אָט איז ער ארײַנגעפאַלן אין אונדזערע באַדינגונגען, צו וועלכע ער איז ניט געוווינט. און מיר האָבן געוואָלט, ער זאָל גלײַך ווערן אַן אונדזעריקער. אַזוי גיך טוט זיך עס דען? אַזוינס פאָדערט צײַט, אויסדויער.

עמע איז אַנשוויגן געוואָרן, דערנאָך צוגעגעבן:

— און א ביסעלע מער געדולד פאָדערט עס. מיר האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו אומגעדולדיק, און אָנשטאָט דערנענטערן א מענטשן — אָפּגעשטויסן אים. דאָס איז לײַכטער פאַר אַלץ. א קונץ איז — א מענטשן דערנענטערן.

מיר האָבן זיך ווײַטער געלאָזט גיין, און עמאַנויל האָט זיך אָנגערופן:

— יעדער מענטש, ביפּראַט א פּײַקער, א באַגאַבטער מענטש, וואָס קאָן דינען אונדזער זאַך, איז א געווינס, און מע דאַרף פאַר אים קעמפן!

— וועגן אונדז רעד איך ניט, — האָב איך באַמערקט. — אָבער דו... דו האָסט נאָך ווייניק פאַר אים געקעמפט?

— ווייניק! — האָט קאַטעגאָריש זיך אָנגערופן עמקע. — און גוט, וואָס איך האָב סאָפּקאָל־סאָף עס פאַרשטאַנען. נישקאָשע, עס איז נאָך ניט שפּעט צו פאַריכטן די זאַך...

ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט און פאַרגעלייגט:

— ווילסט, לאָמיר באַלד ארײַנגיין צו אים.

— אַזוי שפּעט?

— איך זאָג דיר דאָך — עס איז נאָך אין קיין שום זין ניט שפּעט. קום!

פאַמעלעך האָבן מיר זיך אופגעהויבן אינדערפינצטער איבער די ברייטע הילצערנע טרעפּ אפן צווייטן שטאָק. צי פון אַלטקייט, פון פראָסט, צי פון אַלץ צוזאַמען, האָבן די טרעפּ אינדערפינצטער שטאַרק געסקריפּעט. אופהייבנדיק זיך איצט איבער זיי, האָב איך געטראַכט, אַז, אייגנטלעך, קום איך אַהער צום ערשטן מאָל נאָך יענעם פרילינגדיקן אָוונט, ווען עמקע האָט אונדז באַקענט מיטן דאַן אַקאָרשט אַראָפּגעקומענעם ליבקינען. אַף אַ ווײַלע איז פאַר מיר אופגעקומען די גאַנצע פריידיק־געהויבענע אַטמאָספער פון יענעם אָוונט, ווען עמקעס גאַסט האָט אונדז אַלעמען, די מאַנצבלען און די פרויען, אַזוי איבעראַשט און אַנציקט מיט זײַן האַדרעספּאַנעס, האַלטונג, אַפּלאָמב... הירשקע, מיט וועלכן מיר האָבן נאָכדעם אַ גאַנצע נאַכט שפּאַצירט, האָט אַפילע אַ זאָג געטאָן: „ווער זשע איז ער? אַ מין הוליווער? און מיר — ליליפּוטן?..”

הוליוואָער... ליליפּוטן...

עמקע איז געגאַנגען פאָרויס. איך האָב זיך געריכט: ער וועט אָנקלאַפּן, און מיר וועלן צוּוואַרטן, ביז מע וועט עפענען. נאָר ער האָט, גלײַך ווי אין אַ פּוסטער, ניט באַוווינטער דירע, אַ שטויס געגעבן די טיר און אַ מאַך געטאָן, איך זאָל גיין נאָך אים.

אין צימער איז געווען שטאַרק פינצטער און קאַלט, ווי אַף דער גאַס, פונוואַנעט מיר זײַנען געקומען. נאָר אַנשטאָט דער פראָסטיקער פרישקייט פון דער גאַס האָט אונדז דאָ אַ שטיק געטאָן מיט אַ שווערער פאַרדומפּנקייט.

עמקע איז ערגעץ ניט געוואָרן, נאָר אין אַ רעגע אַרום האָב איך דערזען: אין אַנדערן עק צימער האָט ער אײַנגעשלאָסן די שײַן. אָנגעפּעלצט מיט אַ שיכט שטויב, האָט אַ טונ־קעלער אַבאַזשור פון אומבאַשטימטן קאָליר געלאָזט פאַלן פון אונטער דער סטעליע אַף דער סאַמע מיט פונעם נאַקעטן און אויך פאַרשטויבטן טיש אַ שלאַבעריקע שײַן, וואָס האָט ניט דערגרייכט צו זײַנע ראַנדן. דאָס גאַנצע צימער איז געזונקען אין פאַרדומפּענער טונקלעניש. ווי גרויסע בלינדע בעלמעס, האָבן נאָר אַרויסגעבלענדט פון איר צוויי ניט פאַרהאַנגענע פאַר־פרוירענע פענצטער.

דאָ איז פאַראַן עמעצער אַ לעבעדיקער? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און געוואָלט שוין פרעגן וועגן דעם בא עמקען, נאָר איך האָב דערזען, ווי ער קוקט זיך שטאַרק אײַן אין עפּעס אינעם רעכטן ווינקל. איך האָב אויך גענומען קוקן אַהין, און אין אַ לענגערער ווײַלע אַרום, ווען דאָס אויג איז עטוואָס געוווינט געוואָרן צו דער מאָרעשכווירעדיקער פינצטערניש, האָב איך דערזען די ברייטע נידעריקע טאַכטאַ אונטערן שווערן טעפּיך. נאָך אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך באַמערקט, — צי דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן? — אַז דער טעפּיך איז ניט גלאַט פאַרשפּרייט אַף דער טאַכטאַ. נעענטער צום צוקאָפּנס איז ער עטוואָס אופגעהאָרבעט. איך האָב געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס און באַלד אין שרעק אָפּגעטראָטן — פון אונטערן טעפּיך, פון דער טונקלעניש אַרויס האָט געקוקט אַף מיר אַן אָפן מענטשלעך אויג, געקוקט ניט פינט־לענדיק, שטאַר... איך האָב געכאַפּט אַ קוק אין עמקעס זײַט — צי זעט ער עס אויך? — ער האָט לאַנג ניט אָפּגעריסן דעם בליק פונעם אופגעהויקערטן טעפּיך, דערנאָך האָב איך דערהערט זײַן קאָל:

— נו, און ווײַטער?

אָט די ווערטער האָט עמקע אַרויסגעבראַכט ניט הויך, נאָר אין דער אָנגעשטרענגטער שטילקייט האָבן זיי אַ הילך געטאָן ווי אַ דונער.

— וואָס ווײַטער? — האָט ער איבערגעפרעגט.

דער טעפּיך האָט זיך שוואַך אַ ריר געגעבן. דאָס אויג אונטער אים האָט אַ פינטל געטאָן.

— ליבקין, — האָב איך זיך אָנגעבויגן איבערן טעפּיך, — וואָס טוט איר מיט זיך, ליבקין?

עמקע האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן צו מיר:

— מיר זײַנען געקומען ניט שטעלן קיין קאַשעס. מיר זײַנען געקומען טאָן!

מיט די ווערטער איז ער צוגעגאַנגען צו דער טאַכטאַ און מיט אַ שאַרפער באַוועגונג אַ ריס געטאָן דעם טעפּיך.

אָנגעוווירן דעם צודעק, איז ליבקין געבליבן ליגן אַזוי, ווי ער איז געלעגן אונטער אים — אַן אומבאַשיצט צונויפגעקאָרטשעטער, אין אָנטאָן, מיט די קני אונטערן בויך און די הענט צווישן די קני. עס איז ניט צו זען געווען, ער זאָל זיך קלײַבן ענדערן די דאָזיקע פּאָזע.

עמקע האָט זיך צוגעריכט צו זײַן אַקסל:

— שאַלעם, שטיי אוף!

ניט ווילנדיק האָט יענער זיך אַ קער געטאָן אַפן אָרט און איז ראַפּטאָם געבליבן זיצן אַף דער טאַכטאַ פונקט אַזוי, ווי ער איז ערשט געלעגן, — די קני אונטערן בויך, די הענט צווישן די קני. ער האָט געציטערט.

ווײ, וואָס פֿון אים איז געוואָרן! ווו איז אַהינגעקומען זײַן האַדראַספּאַנעם, האַלטונג, שטעל? געדיכטע, ניט צעקעמטע קאַלטענעס אַפֿן קאָפּ. די פֿאַרלאָזטע, צעוואַקסענע באָרד — צעקאָשמעט.

ער האָט בײז אַ קוק געטאָן אַף אונדז מיט אונטערגעשוואָלענע אויגן.

— וואָס דאַרפֿט איר? ווער האָט אײַך גערופֿן? גײט!..

עמקע האָט זיך צוגעזעצט אַף דער טאַכטאַ און שטיל געזאָגט:

— שאָלעם, ווען איך האָב דיר אָפּגעטראָטן מײַן דירע, האָב איך געמיינט — וועסט לעבן, אַרבעטן. און דו, זע איך, קלײַבסט זיך גאָר שטאַרבן? אַזוי טויג ניט! דאָ בין איך באַלעבאָס, און קאָמאַנדעווען וועל איך.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר:

— כאַפּ אַ קוק, די הרובע איז אין אָרדענונג?

מיט די ווערטער איז עמקע אופֿגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער.

איך האָב ניט באַוויזן עפֿענען דאָס טירל פֿון דער הרובע, — עס האָט זיך געעפֿנט שווער — און אַ פּרווו טאָן, צי לאָזט זיך אופֿשטעקן דער קוימען, ווי עמקע איז שוין געשטאַנען אין צימער מיט אַן אָבערעם האָלץ. מיט אַ פּריילעכן דונער האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן צו די פֿיס, און די אַנגעפֿרוירענע שײַטלעך האָבן קלינגענדיק זיך צעשאָטן איבערן דיל. אין צימער האָט אַ טראָג געטאָן מיטן רייעך פֿון ברעזע און סאָסנע.

— וועסט אײַנהייצן? — האָט עמקע זיך אַ קער געטאָן צו מיר.

— שוועבעלעך האָסטו? — האָב איך געפֿרעגט.

ער האָט מיר אַ וואָרף געטאָן אַ פּעקעלע שוועבעלעך און איז ווידער נעלעם געוואָרן.

דאָס האָלץ איז געווען טרוקן. איך האָב לײַכט אָנגעהאַקט שפּענדלעך, זיי אָנגעצונדן, צוערשט אַרײַנגערוקט עטלעכע דינערע שײַטלעך, דערנאָך, ווען זיי האָבן זיך גוט פֿאַנאַנדערגעברענט, אויך גרעבערע. ווען עמקע איז צוריק געקומען, האָט אין הרובע שוין פּריילעך געהודעט, און אַפֿן טונקעלן דיל האָט לוסטיק געטאַנצט דער וואַרעמער אָפּשײַן פֿון פֿײַער.

— אָט דאָס פֿאַרשטיי איך! — האָט צופֿרידן אויסגערופֿן עמקע, אַרויסלייגנדיק עפּעס אַפֿן טיש, און האָט אופֿגעלייגט געגומען דערציילן: — נאָך אַ רעגע, און איך וואָלט פֿאַרשפּעטיקט! מע האָט שוין געהאַלטן באַם פֿאַרמאַכן. אַ גליק, וואָס די פֿאַרקויפֿערן איז אַ יונגע און אַ באַקענטע. ס'איז פּיקועך־נעפֿעש — זאָג איך איר. אָט!

עמקע האָט אָפּגעווישט דעם שטויב פֿונעם ברעג טיש, פֿאַרשפּרייט אַ צײַטונג און אַרויסגעלייגט פּוטער, ווורשט, קאָנסערוון, אַ פּעקל געבעקס, ברויט.

— געוואָלט נעמען עפּעס אויסטרינקען אויך, — האָט עמקע זיך אַ קער געטאָן צו שאָלעמען, — נאָר באַשלאָסן, אַז הײַנט איז פֿאַר דיר נאָך פֿרי. הײַנט וועלן מיר איבערקײַען, און אויסטרינקען שוין מאָרגן. גוט?

ליבקין איז אַלץ נאָך געזעסן אַף דער טאַכטאַ אין דער זעלבער פֿאַרגלייווערטער פּאָזע מיט אַ ניט־דאַיִקן אויסזען, פּונקט ווי אַלץ, וואָס קומט פֿאָר, זאָל קיין שום שײַכעס צו אים ניט האָבן. אַף עמקעס ווענדונג צו אים האָט ער הייזעריק אַרויסגעברומט:

— כ'וויל ניט עסן. כ'וויל ניט טרינקען, כ'וויל ניט...

— נו, ווי דו ווילסט, — האָט עמקע גלײַכגילטיק געענטפֿערט, — און איך פֿייגער אַ קײַ צו טאָן. ווי דו? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר.

— איך אויך!

עמקע האָט אָנגעשניטן ברויט, ווורשט, געעפֿנט אַ קאָנסערוון־פּושקע, און מיר האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. אַ לענגערע ווײַלע איז ליבקין נאָך אַלץ געזעסן אומבאַוועגלעך, דערנאָך היגטערווײַלעכס געוואָרפֿן אַ בליק אין אונדזער זײַט און אַפֿן טיש. מיט אַ ווײַלע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען, אויסגעשטרעקט די האַנט און זיך שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן — שווײַגנדיק, אָן איין וואָרט, האָט ער געשטופּט אין מויל וואָס ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. די ברעקלעך פֿון דעם אַלעם האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין זײַן פֿאַרלאָזטער צעקאָשמעטער באָרד. דערנאָך איז ער מיט אַ וואַקלענדיקן טראָט, ווי פֿאַרשיכּורט, צוגעגאַנגען צו דער הרובע, צוגעלייגט ביידע הענט, אַליין זיך צוגעטוליעט צו איר און מיט אַ מאָדנע שמייכל אַרויסגעברומט:

— וואַרעם...

מיר זײַנען נאָך אַ ביסל געזעסן. עמקע האָט זיך אופֿגעהויבן:

— נו, שאָלעם, גייען מיר. ווען אין הרובע וועט אויסברענען, פֿאַרשטעק דעם קוימען. נאָר זע, טו עס ניט צו פֿרי, זאָלסט ניט פֿאַרטשאַדעט ווערן.

ליבקין האָט דערויף גאָרניט געענטפערט, נאָר אין זײַן בליק האָט די פריִערדיקע מאָרע־שכוירע גענומען אָפּגיין.

— און פון מאָרגן אָן, — האָט עמקע צוגעגעבן שוין בא דער טיר, — הייבן מיר מיט דיר אָן ארבעטן. די פּראָגראַם אַף מאָרגן איז א גרויסע: אין באָד, אין שערערײַ, אין גאָרקיק. דערנאָך וועסטו הייצן די הרובע. האָסט זיך צוגעקוקט, ווי מע טוט עס? איז אָט, פון מאָרגן אָן וועסטו עס טאָן אליין, צוויי מאָל אין טאָג — אינדערפרי און אין אָוונט. נו, און איך וועל זיך צונויפריידן מיט א פרוי, וועט זי אופראַמען. א גוטע נאַכט, שאָלעם!

שאָלעם האָט ניט געענטפערט. ער איז אַלץ אזוי געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן, צוגעניגט צו דער הרובע, און אין זײַן צעקאָשמעטער באָרד מיט די פאַרפּלאָנטערטע ברעקלעך האָט געבלאָנקעט א קינדערשער שמייכל...

אין א פּאָר טעג ארום, אין אָוונט, האָבן מיר מיט עמקען זיך ווידער געטראָפן בא ליבקינען.

ער און דאָס צימער זײַנען געווען ניט צו דערקענען. דער אבאַזשור, אָן איין שטויבעלע (עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז פון ריינעם אָראַנזש־קאָליר), האָט, ווי דורך א גאָלדיקן פילטער, געזיפּט העלע שײַן. אַף דער טאַכטאַ איז געלעגן גלאַט פאַרשפּרייט דער אויסגעשטויבטער טונקלקאָליריקער טעפּיך. די אָפּגעגאַנגענע פענצטער האָבן ארויסגעשוואַרצט פון אונטער ווײַסע פאָרהאַנגען.

ליבקין, אָן אויסגעבאָדענער, אן אויסגעצוואָגענער, מיט די אַקוראַט אונטערגעשוירענע באָרד־און־וואָנצן, האָט צוריק אָנגעהויבן באַקומען זײַן געוועזענעם האַדראַספּאָנעם. עמעס, ער איז נאָך געווען אָפּגעצערט און שטאַרק אויסגעבלייכט, ווי א מענטש, וואָס האָט איבער־געטראָגן א געפערלעכע קרענק, פון וועלכער ער איז מיט ניסים ניצל געוואָרן.

אַפן טיש זײַנען געשטאַנען ווײַן און צובײַסן. מיר האָבן שוין אויסגעטרונקען צו גלעז־לעך. בא ליבקינען האָבן פײַכט געגלאַנצט די אויגן. ער האָט גערעדט, ווי וועלנדיק זיך אָנריידן אויך פאַר דער צײַט, וואָס ער איז אָפּגעלעגן אין איינזאַמער שטומעניש אינעם פאַרלאָזטן קאַלטן צימער.

מיטאַמאָל איז ער אַף א לענגערער ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, דערנאָך א זאָג געטאָן:

— און דאָס ווייסט איר, כעוורע? ווען איר זײַט דעמלט אין אָוונט ארײַנגעפאַלן אהער צו מיר, אין דער פינצטער און קעלט, און דו, עמקע, האָסט א מאַך געטאָן, אז ניט צוליב שטאַרבן האָסטו מיר אָפּגעטראָטן די דירע, — ווייסטו כאָטש, אז דו האָסט געטראָפן אין רעכטן פּינטל?..

— וואָס געטראָפן?

— געטראָפן, אז איך קלײַב זיך טאַקע... שטאַרבן. איבערפּעקלען זיך צו די אָוועס...

— איך האָב פּאַשעט געזען, אז דו האַלטסט שוין גאַנץ נאָענט דערבײַ, — האָט עמקע געענטפערט, — נאָר אז דו האָסט זיך גע׳קליבן, — אזוינס האָב איך ניט געטראַכט.

— שטעל זיך פאָר — געקליבן.

— ביסטו א טיפּעש!

— מעגלעך, נאָר אזוי איז עס געווען.

— וואָס זשע, דאָס לעבן איז דיר נימעס געוואָרן? — עמקע האָט געוואָרפן אַף ליבקינען א ביטלדיקן בליק און צוגעגעבן: — טאַטע־מאַמע האָבן דיך, קיין אײַנהאָרע, באַשאָנקען מיט גוווּרע אַף הונדערט יאָר, און דו? אזא דעמבּ! ביסט כאָטש א מיוון, וויפל מאַטעריע די נאַטור האָט אַף דיר אוועקגעפּאַטערט? עס וואָלט געקלעקט אַף דרײַ לײַטישע פאַרשוינען, וואָס וואָלטן א לעבן ערלעך אָפּגעהאָרעוועט און ניט פאַרגעבן דער וועלט קיין קלאָץ־קאַשעס. און דו זאָג מיר נאָר... — עמקע האָט זיך אופגעהויבן, געמאַכט עטלעכע שפּאַן איבערן צימער און זיך אָפּגעשטעלט קעגן ליבקינען: — זאָג מיר, איך בעט דיך, — ווער האָט עס דיר געגעבן אזא רעכט, זיך וואַרפן מיטן לעבן? ס׳איז דײַנס — דאָס לעבן?

— דו ווייסט, — ליבקינס אויגן האָבן זיך צונויפגעצויגן אין א סאַרקאַסטישן שמייכל, — ביז איצט האָב איך געמיינט, אז — יאָ! — מײַנס. סײַדן איך האָב א טאָעס געהאַט?

— א גרויסן טאָעס!

— פאַרוואָס?

— ווײַל מײַן לעבן, דײַן לעבן, זײַן לעבן, — עמקע האָט א ווײַז געטאָן אַף מיר, — גע־הערט ניט נאָר אונדז אליין.

— וועמען זשע נאָך געהערט עס?

— דער וועלט, דער אייביקײַט, — וועמען דו ווילסט, — נאָר ניט אונדז אליין. און יעדערער פון אונדז... — עמקע האָט זיך געגומען ערגערן און, ווי אלעמאָל אין אזעלכע פאַלן, זיך

אַנגעהויבן עטוואָס פאַרהיקען, — יעדערער פון אונדז איז קוי־קווידעמקאָל מעכויעוו אַרײַנטראָגן זײַן ג־גאָב אין דער וועלטס פאַרמעגן, און נאָכדעם שוין, נאָכדעם.

— וואָס נאָכדעם?

— נאָכדעם, ווען ער וועט אַרײַנטראָגן זײַן כיילעק, זײַן גאָב, קאָן ער טראַכטן וועגן וואָס ער וויל און וועגן טויט אויך...

— וואָס זשע פאַר א כיילעק, וואָס פאַר א גאָב דאַרף ער אַרײַנטראָגן?

— דאָס איז שוין, — האָט עמקע עטוואָס רויִקער געענטפערט, — ווער אַף וואָס עס איז פײַיִק. איינער ברענגט אַף דער וועלט א טוץ באָנים, א צווייטער כאָוועט ברויט אין פעלד. א דריטער פלאַנצט ביימער. א פערטער שרײַבט אָן א בוך. א פינפטער שאַפט א סימפאָניע. א זעקסטער...

— אַט־אַט... — האָט אים איבערגעשלאָגן ליבקין.

— וואָס „אַט־אַט"?

— טאַקע דערפאַר האָט שאָלעם ליבקין זיך געקליבן... געקליבן טאָן דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבן...

— דאָס פאַרשטיי איך שוין גאָר־גאָרניט!

— עס איז ניט לײַכט צו פאַרשטיין, — האָט א ברום געטאָן ליבקין. — דעריבער לייג איך פאָר: לאָמיר אויסטרינקען נאָך צו גלעזעלעך.

— נאָר מיט אויסטרינקען וועסטו ניט אָפּקומען, דו דערקלער מיר...

— זאָג איך דאָך: מיר וועלן אויסטרינקען, וועט די זאַך עפשער ווערן קלאָרער...

— פאַר לעבן! — האָט אויסגערופן עמקע.

— מײַן טאַטע, — האָב איך זיך אָנגערופן, — זאָגט אין אַזעלכע פאַלן אַנדערש.

— ווי זשע?

— לעכאַים!

— לעכאַים!

ליבקין איז א לענגערע ווײַלע געזעסן מיט א שווער אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דערנאָך האָט ער דעם קאָפּ פאמעלעך אופגעהויבן, א קוק געטאָן אַף אונדז ביידן מיט א ניט געוויינלעכער פאַר אים ביז איצט געלײַטערטקײַט אין בליק און געזאָגט:

— איך וויל איינס: איר זאָלט מיך פאַרשטיין, ריכטיק פאַרשטיין. עס וועט אײַך עפשער זײַן ניט לײַכט. איר דענקט אַנדערש, מיט אַנדערע קאַטעגאָריעס דענקט איר. נאָר פרוווט זיך כאָטש אַף איין ווײַלע אוועקשטעלן אין דער לאַגע פון א מענטשן, וואָס איז דערצויגן אין אַן אַנדער גײַסט, אַנדערע טראַדיציעס, טראַדיציעס, וואָס אײַך זײַנען זיי, מעגלעך, פרעמד, נאָר וואָס פאַר מיליאָנען מענטשן דאָרט, אַף מיזרעך, זײַנען זיי ניט אָפּגעפרעגט און וועלן נאָך לאַנג זײַן ניט אָפּגעפרעגט. אָט זאָגסטו, עמקע, אַז מײַן לעבן איז ניט מײַנס — ס'איז אַלעמענס — אַלעמען, הייסט עס, גייט עס אָן, און אויך מיר דאַרף אַלץ אָנגיין. דו דענקסט מיט אײַערע קאַטעגאָריעס — קאָלעקטיוויזם, אינטערנאַציאָנאַליזם, — קלאָר. נאָר דאָרט, פונוואַנעט איך בין צו אײַך געקומען, איז מײַן לעבן — מײַנס און מער קיינעמס, און קיינעם גייט עס דאָרט ניט אָן, טו מיט דעם וואָס דו ווילסט. אָט רעדסטו ווײַטער וועגן דעם, אַז יעדער איינער איז מעכויעוו אָפּגעבן זײַן גאָב דער וועלט. און דאָרט קלערט יעדערער פאַר־קערט: ווי צו פאַרוואַנדלען די גאַרע וועלט אין א גאָב פאַר זיך, פאַר זיך איינעם... דאָ שטרעבט איר וואָס מער טאָן, אופטאָן, און דאָרט, — איר פאַרשטייט, — דאָרט שטרעבט מען ניט טאָן, ווי נאָר מעגלעך גאָרניט טאָן. פאַרמאָגן וואָס מער און טאָן וואָס ווייניקער. אַזא וועלט...

— א פאַרקערטע וועלט, — האָט עמקע זיך אָנגערופן, — אָן איבערגעקערטע וועלט, א וועלט פון פידרעך, קאַפּויר...

— יאָ, — האָט געענטפערט ליבקין, — אָבער א וועלט, פאַרגעס ניט, וואָס איז אַף א שאָ־בעס עלטער פון דער, וואָס איר האָט דאָ זיך גענומען בויען, און אוועקמאַכן קאָן מען זי ניט, מע מוז זיך מיט איר רעכענען. ניט אַזוי?

— דאָס ביסטו גערעכט, — האָט געזאָגט עמקע, — רעכענען מוז מען זיך. — ער האָט א ווײַלע געשוויגן און צוגעגעבן: — מיר וועלן מיסטאמע מיט איר נאָך דאַרפן מילכאָמע האַלטן אויך...

— מעגלעך, — האָט צוגעשטימט ליבקין. — איז אָט, שטעלט זיך פאָר: א פאַרשוין פון אָט דער „איבערגעקערטער" וועלט, ווי דו זאָגסט, עמקע, פאַלט אַרײַן צו אײַך. צוערשט מיינט ער — ער וועט דאָ קענען לעבן, ווי ער האָט געלעבט ביז דעם. ווײַזט זיך אָבער אַרויס — עס באַקומט זיך ניט. און עס באַקומט זיך ניט, ווײַל אַפילע די לופט איז דאָ בא

אײַך אַן אַנדערע, און אָט מיט דער לופֿט איז אים שווער צו עטעמען. ווי ער טוט זיך ניט אַ קער — אַף טריט און שריט — אומגעריכטקײַטן! דאָ זײַנען אַנדערע מאַנצבלען, אַנדערע פּרויען, אַנדערע מיידלעך... און צו קיינעם פֿון זיי האָט ער ניט קיין שליסל, ווײַל די שליסל, וואָס ער האָט געבראַכט פֿון דאָרטן, גייען ניט צו... און דער איקער: דאָ הערשט אַן אַט־מאָספֿער פֿון טווּנג — דורכויסיקער טווּנג, אַלע, פֿון קליין ביז גרויס, טוען, אַרבעטן. האָב איך אויך געוואָלט טאָן, נאָר וועלן אַליין איז, אַפּאַנעם, ווייניק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך קאָן ניט, און קאָן ניט דערפֿאַר, ווײַל איך בין ניט געוווינט צו טאָן, ריכטיקער, ווײַל איך בין דאָרט אַ גאַנץ לעבן געוווינט געוואָרן ניט צו טאָן...

ליבקין איז אַנשוויגן געוואָרן. מיר מיט עמקען האָבן זיך איבערגעקוקט.

— לעבנדיק דאָ צווישן אײַך, — האָט ליבקין אין אַ ווײַלע אַרום פֿאַרגעזעצט, נעמענדיק צוליב עפּעס דאָס מעסער אין האַנט, — און צוזעענדיק, ווי יעדער איינער פֿון אײַך טוט, הערט ניט אויף צו טאָן עפּעס וויכטיקס און נייטיקס פֿאַר זיך און פֿאַר אַלעמען, האָב איך באַ זיך אַ פֿרעג געטאָן: און דו, לוי־יוזלעך, און דו, שלימאַזל, און דו, טויגעניכטס, אַף וואָס ביסטו פֿייִק? וואָס קאָנסטו טאָן? גאָרניט? טאָ לייג זיך און שטאַרב... און אַזוי האָב איך געוואָלט טאָן...

ליבקין איז אַנשוויגן געוואָרן. מיר האָבן אויך געשוויגן אַ לענגערע ווײַלע. מע האָט נאָר געהערט, ווי עס טרעשטשעט דאָס האָלץ אין דער פּלאַקערנדיקער הרובע.

— געדענקסט, עמקע, — האָט ליבקין זיך אַנגערופֿן צו אים, אוועקלייגנדיק דאָס מע־סער, — ביסט עטלעכע מאָל אַרײַנגעגאַנגען צו מיר אַהער, געוואָלט מיט מיר זיך דורכריידן, פֿאַרגעלייגט הילף. און איך האָב דיר קיין וואָרט ניט געענטפֿערט. דו האָסט דעמלט ניט פֿאַרשטאַנען די סיבע. און איך האָב זיך שוין דאַן אַרויסגעטראַגן דעם אורטייל, געוואָרט אַפֿן טויט. דו האָסט מיר געשטערט...

— יאָ, איך האָב גאָרניט פֿאַרשטאַנען, — האָט זיך אָפּגערופֿן עמקע. — נאָר אַזוינס האָט זיך באַ מיר ניט געקאָנט פֿאַטויפֿען אין מויעך. — ער האָט פֿאַרהאַלטן אַף ליבקינען אַ לאַנגן בליק און געזאָגט: — הער, שאָלעם, דו ביסט באַגאַנגען באַ אונדז אַ סאַך נאַרישקײַטן. נאָר דײַן גרעסטע נאַרישקײַט איז געווען צו טראַכטן, אַז מע וועט דיך דאָ לאָזן שטאַרבן...

ער האָט אָנגעגאָסן זײַן גלעזל און זיך אַ קער געטאָן צו מיר:

— ווי זאָגט מען אַזעלכע פֿאַלן דײַן טאַטע?

— לעכאַים!

— לעכאַים!

מיר האָבן אויסגעטרונקען, ליבקין האָט געקוקט אַף מיר און אַף עמקען מיט אַ פֿײַכט־אָפּגלאַנצנדיקן בליק.

— כעוורע, — האָט ער געזאָגט. — ווי ווייניק מע דאַרף האָבן צוליב טכיאַס־האַמייסים: אַן אַנגעהייצטע הרובע, אַ גוטע באָד...

— אָבער נאָך אַ גרעסערע נאַרישקײַט וועסטו באַגיין, — האָט זיך אָנגערופֿן עמקע צו ליבקינען, — אויב דו וועסט מיינען, אַז נאָכן אופֿשטיין טכיאַס־האַמייסים קאָנסטו פֿאַרבלײַבן דער זעלבער, ווי געווען...

— דאָס פֿאַרשטיי איך, — האָט זייער באַדאַכט געענטפֿערט ליבקין. — נאָר וואָס דאַרף איך איצט טאָן?

— איין זאַך, — האָט געענטפֿערט עמקע, — טאָן.

אַ דריי געגעבן צווישן די פֿינגער דאָס ליידיקע גלעזלע, האָט ליבקין זיך אָנגערופֿן:

— אַ מאָדנע זאַך: איך ליג דאָ אַף דער טאַכטאַ אַ פֿאַרקאַלייטער, און אין קאָפּ דרייט זיך סײַווּי אַ מײַסע איבער אַ מײַסע, איינע און אַ צווייטע און אַ דריטע, און קאַליזיעס — אַן אַ שיר קאַליזיעס, מענטשן — אַ ראָמאַן אַ גאַנצער, און ניט אײַנער — אַן עפּאָפּייע... איר ווילט, וועל איך אײַך באַלד עפּעס דערציילן...

ליבקין האָט זיך אַ צי געטאָן צו דער פֿלאַש, נאָר עמאַנויל האָט אים אָפּגעשטעלט.

— גענוג! טרינקען וועט הײַנט זײַן גענוג. און מיקויעך דעם, שאָלעם, וואָס דו ווילסט דערציילן, וועל איך דיר זאָגן אָט וואָס: מע דאַרף ניט. — עמקע האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר: — אײַאָ, מע דאַרף ניט? און ביכלאַל, פֿון הײַנט אָן לאָמיר אויסנעמען: קיינער פֿון אונדז וועט פֿון דיר ניט אויסהערן קיין אײנציק וואָרט, — וואָס איז שײַעך אַ שעפֿערישע זאַך, — אויב עס וועט ניט זײַן פֿון פֿריִער אָנגעשריבן מיט אַ הענטלפֿען אַף פּאַפּיר, פֿאַרשטייסט — שוואַרץ אַף ווײַס. קוק אַף מיר ניט אַזוי מאָדנע. מיט דײַן טוירע־שעבאַלפּע זײַנען מיר שוין זאַט אָט אַזוי ווײַט... און זײַ וויסן, שאָלעם, דו האָסט אָנגעווירן צווישן אונדז אַלע דײַנע כסידים. פֿון הײַנט אָן זײַנען מיר מיסנאַגדים און גלייבן נאָר אין טוירע־שעביקסאַוו.

— אזוי גאָר, שעביקסאָוו? — האָט איבערגעפרעגט ליבקין.

— יאָ, און ווייסטו גאָר וואָס? פאַר אַן אַנהייב לאָמיר מאַכן אַזוי, — איז עמקען דאָ טאַקע איינגעפאַלן א געדאַנק, — מיר גיבן דיר א וואָך צייַט. א וואָך וועט זייַן גענוג?

— אָף וואָס?

— אָט הער. פּונקט אין א וואָך אַרום קומען מיר ווידער אַהער, און דו לייענסט אונדז איבער...

— וואָס לייען איך אייַך איבער?

— וואָס דו ווילסט: עס מעג זייַן אַן עסיי, עס קאָן זייַן א נאָוועלע, א קאַפּיטל פון א דערציילונג, פון א ראָמאַן, אָבער — שוואַרץ אויף ווייַס. געמאַכט?

— יאָ, דאָס איז דאָך אָבער א שרעקלעכער דרוק אויף דער פרייַהייט פון א פּערזענלעכקייט! — האָט אויסגערופן ליבקין און מיט א קאָמישער באַוועגונג אויפגעהויבן די הענט צו דער סטעליע, — ווי קאָן מען אַזוי, אום גאָטעס ווילן?!

— פאַראַן פּערזענלעכקייטן, — האָט צום טאָן געענטפערט עמקע, — וואָס נאָר אויף אַזא אופן קאָן מען אַרויסבאַקומען פון זיי עפּעס רעכטס. דערנאָך, האָף איך, וועלן די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן אונדז זאָגן א דאַנק. און איצט — אין גאַס, אַפן פראָסט!

— עפּעס ווילט זיך ניט, — האָט זיך א קווענקל געטאָן ליבקין.

— קום! — איז באַשטאַנען עמקע. — לופטער זיך דורך! לופטער דורך די געדאַנקען. אונדזער ווינטמיזערעכדיקער פראָסט האָט א מייַלע: פּוסטע, קליינלעכע, נאַרישע געדאַנקען פרירט ער אויס ביזן שפּענט, עס בלייַבט פון זיי קיין זייכער ניט. דערפאַר אָבער די געדאַנקען, וואָס בלייַבן פון אים גאַנץ, זייַנען עפּעס ווערט.

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן און אינדרייַען אַרויס אין גאַס. איבערן קאָפּ איז געהאַנגען א פּולע לעוואָנע. דער שניי האָט פּראַסטיק געסקריפּעט אונטער די טריט.

ריידנדיק, און מער שווייַגנדיק, זייַנען מיר פּאַמעלעך דורכגעגאַנגען מיט דער לענין־גאַס אַרופּצו, ביז צום איינציקן דרייַגאָרנדיקן הויז אין שטאָט — דעם געגנטקאָם פון פּאַרטיי און געגנט־אויספּירקאָם, און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צוריק צו דער אָקטיאַבער־גאַס.

— אָט האָסטו געזאָגט, שאָלעם, — האָט א פּאַרטראַכטער זיך אָנגערופן עמאַנויל, — וועגן דער וועלט דאָרט, אויף מייַרעוו, אַז זי איז אויף א שאָבעס עלטער פון אונדזערער. דאָס, וואָס זי איז עלטער, מאַכט ניט אויס, זי איז עלטער, הייסט עס, מיט איר קולטור, ציוויליזאַציע. דאָס אַלץ וועט אונדז אויך צוניץ קומען. ערגער איז אָבער, וואָס זי איז פּאַשעט אַלט, אָט די מייַרעוודיקע וועלט דייַנע, אַלט און קראַנק מיט אַלע כאַלאַסן פון איר עלטער און וויל מיט אָט די כאַלאַסן אָנשטעקן אונדז אויך.

עמקע איז אַנשוויגן געוואָרן און אין א ווייַלע אַרום שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, אַרויסגעזאָגט:

ס׳וועט צאַרטעס מענטשן־לייַב נאָך ציטערן
אין א געמיש פון קויט און בלוט...

— וואָס פּלוצעם, — האָב איך געפרעגט, — האָסטו זיך דערמאָנט אין שוואַרצמאַנען?

— ניט פּלוצעם, — האָט ער געענטפערט און, ווי שפּירנדיק נאָך זייַן אייגנעם, פאַרבאָרגענעם פון אונדז געדאַנקענגאַנג, צוגעגעבן: — צופיל שמוץ האָט זיך אָנגעקליבן אַפן ערדקייַלעך, דער מענטשהייַט וועט עס קאָסטן נאָך גענוג בלוט...

עמקעס בליק אונטער די ברילן איז געוועזן דערבייַ טריב און אַנטשלאָסן, ווי בא איינעם, וואָס פילט זיך באַצייַטנס גרייט צו עפּעס גרויס און ווילטיקס.

— כעוורע, — האָט זיך מיטאַמאָל א בעט געטאָן ליבקין, — בענעמאַנעס, דער פראָסט האָט שוין ניט נאָר אויסגעפרוירן אַלע נאַרישע געדאַנקען בא מיר אין קאָפּ, נאָר ער האָט זיך א נעם געטאָן צו מיר אַליין אויך.

— אויב די נאַרישע געדאַנקען האָט ער אויסגעפרוירן, — האָט געזאָגט עמקע, — קאָנסטו גיין.

מיר האָבן אים באַגלייט ביזן הויף. ווען איבער די סקריפּענדיקע טרעפּ זייַנען פאַרשטילט געוואָרן ליבקינס טריט, האָט עמקע געזאָגט:

— און מיר וועלן זיך נאָך א ביסל דורכגיין?

— קום!

— ביז צו דער בריק?

— רעכטס!

די הויכע לעוואַנע האָט מיט פולע הויפנס געפליוכעט קאַלטע שײַן אַף דער סאָפּקע פון יענער זײַט בריק, אַף דער גאַנצער ברייט־צעוואָרפענער שטאָט, אַף די איידעלע קאָנטורן פון די ווײַטלעכע הויכענישן אַרום איר.

— ביסט כאָטש א מייוון, סאַרא טײַערע נאַכט, סאַרא לעוואַנע! — האָט געזאָגט עמקע, פאַרײַסנדיק דעם קאָפּ אין דער הייך.

דערנאָך א פרעג געטאָן:

— דו ווייסט, וואָס כ'האָב אזוי לאַנג געקוקט אַף דער לעוואַנע?

— מיסטאָמע האָסטו איר דערציילט א מײַסע.

— ניין, דאָס מאָל זי — מיר.

— וועגן וואָס, אַשטייגער?

— טרעף!

— דאָס נעם איך זיך ניט אונטער. מיט דער לעוואַנע האָט יעדער איינער זײַנע אייגענע סוידעס.

— איז אָט: פון איר הייך זעט זי דאָך אַלץ, די אַלטע אויסקוקערן, האָט זי מיר געזאָגט: אַף דער ערד איז נאָך פאַראַן א סאַך פּיִנצטערניש און שמוץ. זאָלסט אָבער שטענדיק געדענקען, אַז לויטערקײַט איז פאַראַן פונדעסטוועגן מער...

— אזוי טאַקע האָט זי געזאָגט?

— מיט די ווערטער.

— גלייב איך דיר!

מיר האָבן זיך מיט עמקען געזעגנט. מיט זײַנע דאַרע, קרעפּטיקע פינגער האָט ער מיר שטאַרק א דריק געטאָן די האַנט און דורך די ברילן טיף אַרײַנגעקוקט אין די אויגן מיט א שמייכלענדיקן האָפערדיקן בליק.

די גאַס, די שטאָט — אַלץ אַרום אונדז איז געווען אײַנגעהילט אין לויטערקײַט.

מענטשן–זייער צײַט און זייער גורל

זאלמען קאהאן

ייִסראָעל צינבערג

דער דאָזיקער נאָמען — ייִסראָעל צינבערג — איז הײַנט ברייט באוווּסט, מע קאָן אָן גוזמע זאָגן, אז ער איז ארײַן אין אונדזער קולטור־געשיכטע. אָבער ווייניק ווער עס האָט בא זײַן לעבן געהאט וועגן אים א קלאָרע פאַרשטעלונג, כאָטש זײַן שעפערישער צושטײַער אין דער ייִדישער קולטור איז געווען א קאָלאָסאל־גרויסער.

דאָס איז געווען א מענטש מיט פענאָמענאלע פייִקײַטן, אן ערודיט מיט א זעלטענער ארבעטזאמקײַט און קאָנצענטרירטער ענערגיע, מיט א טיף־באוווּסטזיניקער אײַנגעשפארטקײַט בײַצוקומען שוועריקײַטן אפן וועג צום אָנגעצייכנטן מערקטן ציל.

ייִסראָעל צינבערג איז געבוירן געוואָרן אין דעקאבער 1873, אין דער מישפּאָכע פונעם פארמעגלעכן ארענדאר עליִעזער צינבערג. צווישן וועלדער און פעלדער איז געשטאנען זייער שטוב, א ווײַטע און אָפּגעזונדערטע פונעם שטעטל לאנאָווצי אין וואָלינער גובערניע. ניט קיין שול, אפילע ניט קיין כיידער און קיין יעשיווע זײַנען דאָ ניט געווען. ייִסראָעלס פאָטער ברענגט פאר אים אראָפּ א לערער פון אָדעס, וועלכער פארנעמט זיך ערנסט מיט דער בילדונג און דערציִונג פון זײַן טאלמיד.

די נאָענטקײַט מיט דער נאטור האָט אין ייִסראָעל צינבערגן אײַנגעפלאנצט א ליבע צו נאטורוויסנשאפט, א שטרעבונג צו אנטפלעקן די סוידעס, וואָס זײַנען פארבאָרגן אינעם ארום. דער פאָטער, דער הייסער מאסקיל, האָט, פון זײַן זײַט, איבערגעגעבן דעם זון די ליבע צו ליטעראטור. די ביידע גרונט־שטיינער זײַנען פארלייגט געוואָרן אין זײַן וועלט־באנעם, אין קרײַז פון זײַנע אינטערעסן אפן גאנצן לעבן.

דער יונגער ייִסראָעל צינבערג פאָרט אוועק זיך לערנען קיין דײַטשלאנד. ער קומט אָן אינעם פּאָליטעכניקום פון דער שטאָט קארלסרוע, ווו ער שטודירט כימיע. ער לערנט זיך פליַיסיק, דערלערנט איינצײַטיק עטלעכע אויסלענדישע שפּראכן, פארטיפט זיך אין די פאָרשונגען, זוכענישן און אנאליזן אין דער כימישער לאבאָראטאָריע. ווען ער פארענדיקט דעם פּאָליטעכניקום און באקומט דעם טיטל אינזשעניער־כימיקער, פאָרט ער איבער קיין באזעל, און אין א קורצער צײַט ארום פארטיידיקט ער אין באזעלער אוניווערסיטעט א דיסערטאציע און באקומט דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע.

ייִסראָעל צינבערג אין זײַן ארבעטס־קאבינעט

א פינף־און־צוואנציקיאָריקער וויסנשאפטלער און כימיקער־פּראקטיקער, קערט ער זיך אום קיין רוסלאנד מיטן ווילן זיך ארײַנצוווארפן מיט אימפּעט און ברען אינעם ברויזיקן לעבן. ער קלײַבט אויס פּעטערבורג פאר זײַן וווין־שטאָט, אָבער גרינג איז געווען אויסצוקלײַבן, שווערער — באזעצן זיך. די צארישע הויפּטשטאָט האָט אים באגעגנט מיטן גרויזאמען וואָרט: „פּראוואָזשיטעלסטוואָ”.

נאָר „פּראוואָזשיטעלסטוואָ” האָט ער פונדעסטוועגן יאָ באקומען.

צוליב דעם האָט ער באדארפט אָפּגעבן אן עקזאמען אף א פּראָוויזאָר־געהילף. מיט דער צײַט געשעט אזוי, אז זײַנע צוויי דיפּלאָמען

מאכן א רוישעם אפן פּוטילאָווער זאוואָד, וווּהין ער ווערט אָנגענומען אלס פאַרוואַלטער פון דער צענטראַלער כימישער לאַבאָראַטאָריע. דאָס איז געווען אין 1899 יאָר.

קעדיי צו כאַראַקטעריזירן די אופטועז פונעם יונגן כימיקער יִיסראָעל צינבערג אַף איינעם פון די גרעסטע זאוואָדן אינעם צאַרישן רוסלאַנד, באַדאַרף מען זיך אין צוויי ווערטער אָפּשטעלן אַף דעם, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער פּוטילאָווער זאוואָד אין סאַף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. זײַן הויפּט־פּראָדוקציע איז דאַן געווען — רעלסן פאַר די נײַע אײַזנבאַן־ליניעס אין רוסלאַנד, לאָקאָמאָטיוון און אײַזנבאַן־וואַגאָנעס. עס איז אויסגעוואַקסן אויך די מיליטערישע אַרטילעריע־פּראָדוקציע. צוליב דעם אַלץ האָבן די מאַרטען־אויוונס פונעם זאוואָד באַדאַרפט אַרויסגעבן וואָס מער שטאָל פון דער נייטיקער קוואַליטעט. די כימישע לאַבאָראַטאָריע האָט עס געמוזט אין דער פולסטער מאָס באַזאָרגן.

ניט קיין רויִקע צײַט איז עס געווען אין דער רוסישער אימפּעריע. דער פּוטילאָווער זאוואָד איז געווען א מאָביליזירנדיקע קראַפט פאַר די וואַקסנדיקע קויכעס אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אהער, קיין פּעטערבורג, אַף דער נאַרווסקע זאַסטאַווע, האָבן זיך געצויגן פעדעמער פון אַלע ווינקעלעך אין לאַנד, פונדאַנען האָבן זיך צעטראָגן שטורמישע גרויסן וועגן די ערשטע אַרבעטער־שטרײַקן, וואָס האָבן געדינט אלס אָנהייב פון דער ערשטער רוסישער רעוואָליוציע.

און עס דאַרף באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן אזא פאַקט. אַלע יאָרן, ערעוו דער ערשטער רעוואָליוציע, נאָכן פינפטן יאָר און ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, איז די פּוטילאָווער כימישע לאַבאָראַטאָריע געווען אפן זאוואָד דער צענטער פאַר רעוואָליוציאָנערע טוער, דאָס אָרט, וואָס האָט געדינט אלס „יאַווקע", דער געהיימער פונקט, ווו ס׳פלעגן באַהאַלטן ווערן פּראָקלאַמאַציעס.

דער פאַרוואַלטער פון דער כימישער לאַבאָראַטאָריע יִיסראָעל צינבערג האָט וועגן דעם אַלץ געוווּסט, נאָר ער האָט זיך „געמאַכט ניט־וויסנדיק", און מיט דעם אַליין האָט ער מיטגעווירקט דער רעוואָליוציאָנערער אַקטיווקייט אפן פּוטילאָווער זאוואָד.

אין דער נאַכט אפן 25 אָקטיאַבער 1917 זײַנען די רויטגוואַרדייער־פּוטילאָווצעס, צוזאַמען מיט אַלע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער פון פּעטראָגראַד, סאָלדאַטן און מאַטראָסן, געגאַנגען אין די ערשטע רייען פון די, וואָס האָבן זיך אופגעהויבן אפן שטורעם פונעם ווינטער־פּאַלאַץ; באַזונדערע טיילן פון די רויטגוואַרדייער־פּוטילאָווצעס זײַנען געשטאַנען אַף דער וואַך פונעם שטאַב פון דער רעוואָליוציע אינעם סמאָלני־אינסטיטוט.

און אין אָט די טעג און נעכט איז דער שעף פון דער פּוטילאָווער צענטראַלער כימישער לאַבאָראַטאָריע יִיסראָעל צינבערג, אָנגעטאָן אין זײַן שטענדיקן בלויען כאַלאַט, מיטן ווײַסן האַנטעך אפן אַקסל, געווען פאַרטיפט אין כימישן אַנאַליז פון דעם שטאָל, פון וועלכן מע האָט באַדאַרפט פּראָדוצירן געווער פאַר דער רעוואָליוציע.

דערנאָך זײַנען געקומען די יאָרן פון בירגערקריג, שווערע אָנגעשטרענגטע יאָרן, ווען ס׳פלעגן זיך מערן די פראָנטן, וווּהין דער פּוטילאָוו־זאוואָד האָט באַדאַרפט שיקן סײַ טרײַ קעמפער, סײַ געווער אַף צו קעמפן.

וואָס מער שטאָל, וואָס מער געווער־פּראָדוקציע פאַר די פראָנטן פונעם בירגערקריג! — אזא איז געווען דער לאָזונג פונעם זאוואָד. די צענטראַלע כימישע לאַבאָראַטאָריע האָט אויסגעפּילט איר פליכט. יִיסראָעל צינבערג איז שוין צו יענער צײַט געווען באַוווּסט אלס כימיקער־מעטאַלורג. אינעם פּעטראָגראַדער זשורנאַל פון דער מעטאַלורגישער געזעלשאַפט איז געווען פאַרעפנטלעכט א ריי זײַנע פאָרשערישע אַרבעטן וועגן כימישע פּראָצעסן אין דער מעטאַלורגיע און וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון שטאָלגוס־צעכן. צינבערג ווערט אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פון אַלע מענדעלייעוו־צוזאַמענפאָרן אין לאַנד. צו זײַן וואָרט הערט מען זיך צו. מעטאַלורגן און כימיקער פון אַנדערע מעטאַלורגישע זאוואָדן קומען צו אים זיך קאָנסולטירן.

נאָכן בירגערקריג — נײַע קאָמפּליצירטע אופגאַבן. אין 1922 נעמען די פּוטילאָווצעס אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעאַליזאַציע פונעם לעניניסטישן עלעקטריפיקאַציע־פּלאַן, אין דער בויונג פונעם ענערגעטישן ערשטלינג פון דער רעוואָליוציע — דער וואָלכאָווער עלעקטראָסטאַנציע. אין אָט דער גראַנדיעזער פאַר יענער צײַט בויונג איז פאַראַן א וואָגיקער בײַטראָג פון די פּוטילאָווער מעטאַלורגן־כימיקער.

א גרויסן ניצאָכן האָט דער פּוטילאָווער זאוואָד־קאָלעקטיוו אָפּגעהאַלטן אין 1924. פון זײַנע טויערן זײַנען אַרויס די ערשטע פאָטערלענדישע טראַקטאָרן, וועלכע האָבן באַקומען דעם נאָמען „פאָרדזאָן־פּוטילאָוועץ". פאַר דער דאָזיקער נײַער פּראָדוקציע האָט מען שוין באַדאַרפט פאַרברייטערן און מאָדערניזירן די מאַרטען־אויוונס. דער שטאָלגוס־פּראָצעס האָט געפאָדערט אַן אופהער הויכקוואַליטעטיוון שטאָל. יִיסראָעל צינבערג פאַרטיפערט זיך אין אויסזוכן נײַע מיטלען, נײַע מעטאָדן פונעם כימישן אַנאַליז. אפן פּוטילאָוו־זאוואָד איז געשאַפן געוואָרן לויט צינבערגס איניציאַטיוו די ערשטע אין ראַטנפאַרבאַנד אזויגערופענע עקספּרעס־לאַ־

בּאַראַטאָריע, ווּ אָנשטאָט לאַנגע שאָען פלעגט דער כימישער אַנאַליז דויערן געציילטע מינוטן.

זײַן דערפאַרונג פאַר דרײַ צענדליק יאָר און די רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפט־פאָרשערי־שער אַרבעט אין דער פּוטילאָווער צענטראַלער כימישער לאַבאָראַטאָריע האָט יִסראָעל צינ־בערג פאַרסאַכאַקלט אין 1929 אין זײַן בוך וועגן כימישן אַנאַליז פון מעטאַל. די דאָזיקע וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעט איז ברייט אָנערקענט גע־וואָרן אַף די מעטאַלורגישע זאַוואָדן פונעם לאַנד. די פּוטילאָווער כימישע עקספּרעס־לאַ־באַראַטאָריע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול פון דערפאַרונג, דאָ פלעגט מען זיך טיילן מיט נײַע אַנטדעקונגען, פונדאַנען זײַנען פאַר־שפּרייט געוואָרן פּראָגרעסיווע מעטאָדן אין גע־ביט פון אַרויסבאַקומען הויכקוואַליטאַטיוון שטאָל.

אָנהייבנדיק פון 1930 ווערט בּאַ דער צענט־ראַלער כימישער לאַבאָראַטאָריע פונעם זאַוואָד געשאַפן אַ ספּעציעלער פאָרשערישער אָפּטייל. צינבערג דרוקט אין די דרײַסיקער יאָרן אַ רײ אַרטיקלען אין ספּעציעלע מעטאַלורגישע זשור־נאַלן, אין 1931 דערשײַנט אַ נײַע פאַרברייטער־טע אויפלאַגע פון זײַן בוך וועגן כימישן אַנאַליז אין מעטאַלורגיע.

מיט איינער פון יִסראָעל צינבערגס מיטאַר־בעטער — ס. אַ. דובראָווסקאַיאַ, וועלכע איז אין די זעכציקער יאָרן געווען פאַרוואַלטער פון דער כימישער לאַבאָראַטאָריע, — האָב איך גע־שמועסט וועגן צינבערגן. דערציילנדיק וועגן זײַנע קענטעניש, וועגן דעם גרויסן באַדײַט, וואָס ער האָט געהאַט פאַרן זאַוואָד, ברענגט זי אָן אַ שיר פאַקטן, וועלכע שילדערן אים אַלס טרײַען פּאַטריאָט, וואָס האָט געטאָן אַלץ, קעדיי עס זאָל שטײַגן און מעכטיק ווערן זײַן לאַנד. ער איז צוזאַמען דורכגעגאַנגען מיטן זאַוואָד דורך דרײַ רעוואָליוציעס, מילכאָמעס און דורכן אויפשטעלונג־פּעריאָד. געוויס האָט יִסראָעל צינבערג מיט זײַן לאַבאָראַטאָריע אַ שטיקעלע קיילעך אינעם ערשטן פּאַנצערצוג, אינעם ערשטן טראַקטאָר און אין די ערשטע אויטאָ־מאָבילן, וואָס די פּוטילאָווצעס האָבן געשאַפן פאַר זייער ראַטנלאַנד. צינבערגס נאָמען איז ניט אומזיסט פאַרשריבן אין דער „געשיכטע פונעם קיראָווער (פּוטילאָווער) זאַוואָד"[1]. מיט גרויס אָפּשײַ ווערט דאָ דערציילט וועגן די אויפטוען פונעם אָנגעזעענעם געלערנטן, וועלכן מ'האָט גערופן ניט אַנדערש, ווי „פּראָפעסאָר אין קוואַדראַט", ווײַל, ווי מיר האָבן שוין גע־זאָגט, האָט צינבערג, אויסער דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם פון אַ כימיקער, פאַרמאָגט אַ דיפּלאָם פון פילאָסאָפיע־דאָקטאָר.

סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ דערציילט:

— ווי אַ לעבעדיקער שטייט ער פאַר מײַנע אויגן: אַ דאַרלעכער, נידעריקער פון מיטלן וווּקס, מיט אַ גראָווין קאָפּ האָר. שטענדיק אינעם בלויען כאַלאַט, דער האַנטעך מיט די פּילפּאַר־ביקע כימישע פלעקן אַפן אַקסל, די אַלטמאָ־דישע פּענסנע אַף דער נאָז, די הענט, די פינ־גער — געל, צעטראַסקעט פון די כימישע פּרווון, אַפן פּאָנעם — אַ שמייכל פון אַ גוטן מענטשן. מיט דעם שמייכל פלעגט ער יעדערן באַגעג־נען און אַלעמען באַגלייטן פון דער אַרבעט. קומען אין לאַבאָראַטאָריע פלעגט ער פריִער פון אַלע. אַ טאָג אָפּשטיין אַף די פיס — אַ באַוועג־לעכער, ענערגישער, קיינמאָל ניט אַרויסווײַזן קיין מידקײַט. יעדע מינוט איז בּאַ אים געווען אַפן דיסקאָנט, קיין איין רעגע איז ניט געגאַנ־גען לעיבעד. ער פלעגט אַפילע קיין צײַט ניט האָבן צו עסן וואַרמעס און פלעגט שטענדיק זיך באַנוגענען מיט אַ גלאָז טיי און אַ פּוטער־ברויט. אוועקגיין פון לאַבאָראַטאָריע פלעגט ער דער לעצטער.

יאָ, דער דאָזיקער מענטש פלעגט קיינמאָל ניט רוען. אומקערנדיק זיך שפּעט אין אָוונט אַהיים, פלעגט ער צוטרעטן צו אַ נײַער אַר־בעטס־וואַכטע, וועלכע האָט געדויערט ביז שפּעט אין דער נאַכט; אין מעשעך פון דער „צווייטער וואַכטע" פלעגט ער פאַרברענגען אַליין אין היימישן אַרבעט־צימער מיט זײַנע מאַנוסקריפּטן, וועלכע האָבן שוין קיין שײַכעס ניט געהאַט ניט צו כימיע, ניט צו מעטאַלורגיע...

■

— דאָס איז אומעגלעך! — איז איבעראַשט סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ, — יִסראָעל צינבערגס מיטאַרבעטער פון זײַן כימישער לאַבאָראַטאָריע האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן זײַן צע־צווײַגטער ליטעראַרישער אַרבעט...

יִסראָעל צינבערג פלעגט יעדן אָוונט זיך איבערשליסן, פאַרוואַנדלען זיך אין אַ „לאַמעד־וואָווניק", באַנאַכט זיך פאַרנעמען מיט מײַסים־טויוום, וועלכע האָבן געשפּילט אין זײַן לעבן אַזאַ ראָל, ווי די באַטאָגיקע מײַסים, אויב ניט נאָך העכער...

מיר האָבן ביז איצט דערציילט וועגן י. צינ־בערגן דעם כימיקער. דאָס איז אַ קאַפּיטל פון זײַן לעבן, וואָס איז ווייניקער באַקאַנט. מיר האָבן מיט דעם געוואָלט אַלזײַטיק אויסמאָלן זײַן אויסשליסלעכע פערזענלעכקײַט. איצט קומט, לאָמיר אַרײַן אין זײַן באַנאַכטיקן קאַבינעט, לאָ־מיר אים אָנקוקן ניט אינעם בלויען כאַלאַט מיטן ווײַסן האַנטעך אַפן אַקסל, נאָר אינעם שטובּיקן

---

[1] די אָפּשאַצונג פון י. צינבערגס טעטיקײַט אַפן זאַוואָד איז גענומען פונעם צווייטן באַנד „געשיכטע פונעם קיראָווער (פּוטילאָווער) זאַוואָד (1917 — 1945)", זײַטן 352 — 354, לענינגראַד, 1966.

אַנטאָן, מיט דער פּען אין האַנט באַ זײַן גרויסן שרײַבטיש.

לעם דער סאַדאָווע־גאַס אין לענינגראַד איז דאָ א שטיל געסל, וואָס הייסט אוסאַטשאָוו־געסל. לאָמיר זיך דאָ אָפּשטעלן באַם הויז נומער זעקס און זיך אופהייבן אפן דריטן שטאָק. אף דער טיר פון דער דירע, ווו צינבערג האָט גע־לעבט, הענגט אַן אַלט קופּערן שילדל מיט אויסגעקריצטע אויסיִעס פון זײַן נאָמען. איידער מיר וועלן אהער ארײַנגיין, לאָמיר זיך אָפּגעבן א דין־וועכעזשבן, וואָס איז עס פאַר א טיר און וואָס פאַר אַן ארײַנגאַנג. מיר ווייסן ניט גענוי, ווער עס פלעגט ארײַנקומען אין דער דאָזיקער טיר, נאָר ס'איז גענוי קלאָר, אַז יעדערער פון די ייִדישע שרײַבער, ווער עס האָט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג־פּעטראָגראַד־לענינגראַד אין מעשעך פון די ערשטע יאָרצענדליקער פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז די דאָזיקע טיר ניט פאַרבײַגעגאַנגען. בריוו פלעגן די פּאָטשטאַ־ליאָנען אהער טראָגן אין די הונדערטער — בריוו פון אַלע עקן רוסלאַנד און פון אויסלאַנד. אף די קאָנווערטן און פּאָסטקאַרטלעך איז ייִס־ראָעל צינבערגס אַדרעס געווען געשריבן מיט די הענט פון שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ, שאָ־לעם אַש און ביאַליק, ווינטשעווסקי און אָפּאַ־טאָשו, בערגעלסאָן, ש. אַנ־סקי, ווײַסנבערג און פיל, פיל אַנדערע...

— זייער געערטער דאָקטער צינבערג! — האָבן אים אָנגערופן שאָלעם־אַלייכעם און פּע־רעץ.

— מײַן ליבער צינבערג! — פלעגט זיך צו אים ווענדן י. אָפּאַטאָשו.

— פילגעערטער! — איז געווען בערגעלסאָנס ווענדונג.

אין א יאָר אַרום נאָך דעם, ווי צינבערג האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, האָט ער אָנגע־הויבן זיך באַשעפטיקן מיט ליטעראַרישער אַר־בעט, אַקטיוו אָנטיילצונעמען אין דער ייִדישער און ייִדיש־רוסישער פּרעסע. אין 1908 ווערט ער רעדאַקטאָר פונעם אָפּטייל „נײַ־העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור” אין דער זעכצנבענדי־קער „ייִדישער ענציקלאָפּעדיע”. ער פאַרבינדט זיך מיט אַלע ייִדישע שרײַבער פון דער וועלט, וועלכע שיקן אים זייערע אוטאָביִאָגראַפיעס פאַר דער ענציקלאָפּעדיע.

איך זיץ אין צינבערגס אַלטער דירע. דאָ, אין זײַן היימישן אַרבעט־צימער, פיל איך באַשײַמ־פּערלעך די אַטמאָספער פון זײַן שעפערישער מי. ער איז דאָ געזעסן, גריבלענדיק זיך אין די קסאַוויאַדן. אין שווערע באַדינגונגען פלעגט אים אָפּט אויסקומען צו דענקען און צו שאַפן. א גרויסע מאַסע האָט ער אַרופגעלייגט אף זײַנע אַקסל און געטראָגן זי מיט שטאָלץ און אומ־דערמידלעכן געדולד, געטראָגן מיט פאַרגעניגן, פרייד און טרײַשאַפט...

אַנטקעגן מיר זיצט זײַן טאָכטער — טאַמאַרע צינבערג. אַליין א קינסטלערן, איז זי שטענדיק אַלע יאָרן נאָכן טויט פון איר פאָטער באַשעפ־טיקט מיט אײַנהיטן זײַן רײַכע ליטעראַרישע ירושע. זי קלײַבט אוף יעדעס וואָרט, וואָס ווערט וועגן אים אַרויסגעזאָגט, זי היט אָפּ יע־דעס ווערק, וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן.

גרויס און פילאַרטיק איז ייִסראָעל צינבערגס ליטעראַרישע ירושע. מיר קלײַבן זיך ניט אין אונדזער אַרבעט צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. קאָרעוו פערציק יאָר האָט ער טרײַ געדינט דער ייִדישער ליטעראַ־טור. אָפּצושאַצן עס איז מעגלעך אין א ספּע־ציִעלער אַרבעט. מיר ווילן איצט בלויז אָנצײ־כענען די קאָנטורן פונעם פּאָרטרעט, דעם אינערלעכן מעהוס פון אַזאַ פּערזענלעכקײַט, ווי ייִסראָעל צינבערג, קעדיי זײַן נאָמען, זײַן גע־שטאַלט זאָל פאַרהיט ווערן פאַר קומענדיקע דוירעס.

פון וואָס האָט אָנגעהויבן דער יונגער צינ־בערג זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט? אין 1900, קימאַט אין איין צײַט, שרײַבט ער אָן זײַנע ערשטע צוויי גרעסערע ווערק. דאָס ערשטע — א ברייטערע אָפּהאַנדלונג אף דער טעמע פון נאַטורוויסנשאַפט אונטערן נאָמען „וואָס טוט זיך אף דער וועלט?”. מע מוז גלײַך אונטער־שטרײַכן, אַז שוין אינעם באַגינען פון זײַן לי־טעראַרישער שאַפונג איז צינבערג געקומען צום פעסטן באַשלוס, אַז שרײַבן פאַר די ייִדישע מאַסן באַדאַרף מען אף זייער פאָלקס־שפּראַך, אף מאַמע־לאָשן ייִדיש. זײַנע שמועסן וועגן דעם, וואָס עס רינגלט אונדז אַרום און מיט וואָס עס איז רײַך די נאַטור, זײַנען געווען פּאָפּולער אין יעדער ייִדישער שטוב. י. צינבערגס צווײ־טע אַרבעט איז אין רוסיש. ער האָט געוואָלט דערציילן דעם רוסישן לייענער וועגן די פּאָר־גייער פון דער ייִדישער האַסקאָלע־באַוועגונג. אינעם דאָזיקן בוך גיט ער א פּאַנאָראַמיש־ווײַט בילד וועגן דעם לעבן און דער געזעל־שאַפטלעכער טעטיקײַט פון ייִצכאָק־בער לע־ווינזאָן.

אין 1934 האָט צינבערג אַליין אופגעשטעלט א צעטל פון זײַנע וויכטיקסטע ווערק. אָט ליגט פאַר אונדז דאָס צעטל, און מיר וועלן זיך באַ־נוגענען מיט איבערעכענען בלויז די ווערק, וועלכע ער האָט אַליין געפונען פאַר נייטיק אַרײַנצושרײַבן אינעם צעטל. צינבערג טיילט אײַן זײַן שאַפונג אין פּעריִאָדן: ביזן 1918 יאָר; אָנהייבנדיק פונעם 1918 ביזן 1923 יאָר; און נאָכן 1923 יאָר.

צום ערשטן פּעריִאָד, אַכוץ דעם ביכל וועגן

יִצחאָק־בער לעווינזאָן, געהערט זײַן גרעסערע ארבעט „די אָפּשטאַמונג פון שײלאָקן", ווי אויך די פאָרשונג „צוויי שטרעמונגען אין ייִדישן לעבן". ביידע ארבעטן זײַנען געווען אָפּגעדרוקט אין ייִדיש־רוסישן „וואָסכאָד". אויסער דעם, ארבעט ער א לענגערע צײַט אָף א געשיכטלעכן מאַטעריאל וועגן דער ייִדישער פּרעסע אין רוסלאַנד, ווו ס'ווערט געגעבן א צעצווײַגטע פּאַנאָראַם פון די געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען. דער דאָזיקער בוך איז דערשינען אין פּעטראָגראַד אין 1915.

נאָך אין אָנהייב יאָרהונדערט שליסט זיך י. צינבערג אײַן אין דער ארבעט פון די ייִדיש־רוסישע זשורנאַלן, וועלכע זײַנען דערשינען אין פּעטערבורג. ער איז א שטענדיקער מיטארבעטער און אָנפירער מיטן אָפּטײל „איבערבליק פון דער ייִדישער ליטעראַטור" אין די זשורנאַלן „וואָסכאָד" („אופגאַנג"), „סוואָבאָדאַ אי ראַווענסטוואָ" („פרײַהײַט און גלײַכהײַט"), „יעוורייסקי מיר" („ייִדישע וועלט") און אנדערע.

צינבערגס גרויסן בײַטראָג אין דער ליטעראַטור אָף ייִדיש דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן אין פאַרבינדונג מיט זײַן אַקטיוון אָנטײל, אָנהייבנדיק פונעם 1903, אין דער ארבעט פונעם ייִדישן פאַרלאַג „די נײַע ביבליאָטעק", וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן קלאַסישע ווערק פון רוסיש און העברעיִש אָף ייִדיש. צינבערג זעצט אליין איבער א ריי ווערק און ציט ארײַן אינעם טעטיקײַט־קרײַז פונעם פאַרלאַג די אָנגעזעענסטע שרײַבער פון זײַן צײַט. אינעם זעלבן 1903 קומט אוף אין פּעטערבורג די ייִדישע טעגלעכע צײַטונג „דער פרײַנד", אין וועלכער ייִסראָעל צינבערג באַטייליקט זיך מיט פּראָפּאַגאַנדירן די ייִדישע שפּראַך.

די „ייִדישע ענציקלאָפּעדיע" הייבט אָן דערשײַנען אין פּעטערבורג אין 1908 יאָר. מירן דאָ ניט ריידן וועגן איר כאַראַקטער, וועגן איר אידייִשן אינהאַלט. נאָר די קאָלאָסאַלע זאַמלונג פון פאַקטן אין אלע געביטן פונעם ייִדישן לעבן, וועלכע ס'אַנטהאַלט די דאָזיקע איינציקע ייִדישע ענציקלאָפּעדיע, האָט געווויס א גרויסע קולטור־היסטאָרישע באַדײַטונג. ייִסראָעל צינבערג איז געווען איינער פון די שעפער פון דער ענציקלאָפּעדיע, דער מעכאַבער פון אלע אַרטיקלען וועגן ייִדישע און העברעיִשע שרײַבער. אין צינבערגס ארכיוו האָבן זיך פאַרהיט הונדערטער בריוו פון ליטעראַטן, בריוו, וואָס זײַנען נאָך ביז הײַנט ניט פאַנאַנדערגעקליבן און וואָס שילדערן די פאַרשיידנאַרטיקע פּראָצעסן פון דער ליטעראַרישער שאַפונג אָף ייִדיש און העברעיִש, אָפּן באַדן פון וועלכע י. צינבערג האָט אָנגעשריבן פאַר דער ענציקלאָפּעדיע מער פון דרײַ הונדערט גרעסערע און קלענערע אַרטיקלען.

אינעם פאַרלאַג „מיר" („וועלט") האָט זיך אין 1914 גענומען דרוקן א קאָלעקטיווע ארבעט אָף רוסיש „די געשיכטע פון ייִדן אין רוסלאַנד". ייִסראָעל צינבערג נעמט א טיכטיקן אָנטײל אין דער דאָזיקער ארבעט. א באַדײַטנדיק אָרט פאַרנעמען אין דער געשיכטע זײַנע אַרטיקלען „די אַנטוויקלונג פון דער ראַבאָנישער ליטעראַטור", „פאָלקס־ליטעראַטור" און „מיסטישע שטרעמונגען בא ייִדן".

אזא איז דער ברייטער פאַרנעם פון י. צינבערגס ליטעראַרישער טעטיקײַט אין אָנהייב יאָרהונדערט.

אין 1915 הייבט צינבערג אָן זײַן ארבעט איבערן גרונט־ווערק פון זײַן לעבן. אלע פריערדיקע יאָרן האָבן געדינט ווי א צוגרייטונגס־עטאַפּ צו דער שאַפונג פונעם פונדאַמענטאַלן ווערק „געשיכטע פון ליטעראַטור בא ייִדן". און כאָטש דער ערשטער בוך פונעם ערשטן באַנד איז געשריבן געוואָרן און איז ארויס פון דרוק (אין 1919 — 1920 אין פּעטערבורג און אין קיִעוו) אָף דער רוסישער שפּראַך, דאָך איז פאַר צינבערגן קיין סאָפּעק ניט געווען, אז ער דאַרף די „געשיכטע פון ליטעראַטור בא ייִדן" שרײַבן אָף ייִדיש, פאַר די ברייטע מאַסן פונעם פאָלק.

ייִסראָעל צינבערגס ווערק גיט ניט בלויז א רײַכן פאַקטישן און אַנאַליטישן מאַטעריאל וועגן דער קינסטלערישער ליטעראַטור אָף העברעיִש און ייִדיש, — יעדע ליטעראַרישע דערשײַנונג ווערט געשילדערט אָפּן גרונט פון די געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען און קולטור־געשעענישן אינעם ייִדישן לעבן ביז דער צווייטער העלפט פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. דאָס איז א ליטעראַטור־געשיכטע, וועלכע וואַרט נאָך אָף אירע פאָרשער און קריטיקער, אָף איר אַלזײַטיקן אידייִשן אַנאַליז. אומבאַשטרײַטבאַר איז דער פאַקט, אז צינבערגס ארבעט האָט ניט קיין פאַרגלײַך אין אונדזער ליטעראַטור־וויסנשאַפט סײַ לויטן צאָלרײַכן פאַקטישן מאַטעריאל, סײַ לויטן פּראָבלעמען־דיִאַפּאַזאָן. ניט געקוקט אָף די אויסערגעוויינלעכע קאָמפּליצירטע באַדינגונגען, אין וועלכע צינבערג האָט געארבעט (באַטאָג אָפּן זאַוואָד, באַנאַכט באַם שרײַבטיש), איז דאָך אזא קאַפּיטאַל ווערק געשאַפן געוואָרן און דערשינען.

אָט זײַנען זיי — די נײַן בענדער, דרײַצן טײלן פון דער „געשיכטע פון ליטעראַטור בא ייִדן". לאָמיר זיי איבערעכענען:

ערשטער באַנד. — אייראָפּעיִשע טקופע. מיטלאַלטער. ערשטער טײל. — די אַראַביש־שפּאַנישע טקופע. ווילנע, 1929.

צווייטער באַנד. — אייראָפּעיִשע טקופע. מיטלאַלטער. צווייטער טײל. — דער דײַטשיש־פראַנצויזישער קיבוץ. דריטער טײל. — דער ייִדישער קיבוץ אין איטאַליע. ווילנע, 1930.

דריטער באַנד. — אייראָפּעיִשע טקופע. מיטל־

אלטער. פערטער טייל. — דער קאַמף פֿון קאַ־
באַלע און מעסורע קעגן פילאָסאָפּישן ראַציאָ־
נאַליזם. ווילנע, 1931.

פערטער באַנד. — פינפטער טייל. — דאָס אי־
טאַליענישע יידנטום אין דער רענעסאַנס־טקו־
פע. זעקסטער טייל. — דער יידישער קולטור־
צענטער אין דער אָטאָמאַנישער מעלוכע. וויל־
נע, 1933.

פינפטער באַנד. — זיבעטער טייל. — דער דייַ־
טשיש־פּוילישער קולטור־צענטער. ווילנע, 1935.

זעקסטער באַנד. — אכטער טייל. — אַלט־
יידישע ליטעראַטור פון די עלטסטע צייַטן ביז
דער האַסקאָלע־טקופע. ווילנע, 1935.

זיבעטער באַנד. — נייַנטער טייל. — בערלי־
נער האַסקאָלע. צענטער טייל. — כסידעס און
אופקלערונג. ווילנע, 1937.

אכטער באַנד. — עלפטער טייל. — „כאַכמאַס
ייִסראָעל" און גאַליציאַנער האַסקאָלע. צוועלפ־
טער טייל — די האַסקאָלע־באַוועגונג אין רוס־
לאַנד. ווילנע, 1937.

נייַנטער באַנד. — דרייַצנטער טייל. — די
בלי־טקופע פון דער האַסקאָלע. ניו־יאָרק, 1966.

איבערלייענענדיק בלויז דעם אינהאַלט פון די נייַן בענדער, די נעמען פון באַזונדערע טיילן, זעען מיר בוילעט די גיגאַנטישע טריט, וועלכע זייַנען דאָ געמאַכט געוואָרן איבער דער לאַנ־גער געשיכטע פון איבער טויזנט יאָר, דורך לענדער און צווישן פעלקער, מיט וועלכע די ליטעראַטור בא יידן איז געקומען אין באַריר.

ייִסראָעל צינבערג האָט זייַן אַרבעט איבער דער פילבענדיקער ליטעראַטור־געשיכטע גע־טראַכט פאַרצוזעצן. בא אים איז געווען פאַרטיק א פלאַן פונעם צענטן באַנד, ווו ער האָט גע־וואָלט געבן א ברייט בילד פון דער אַמעריקאַ־נער יידישער ליטעראַטור. געוויס האָט ער גע־טרוימט אָנשרייַבן די געשיכטע פון דער הייַנט־צייַטיקער יידישער ליטעראַטור אין ראַטנפאַר־באַנד און אין אַנדערע לענדער. גלייַך נאָך דער רעוואָליוציע האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט דער נייַער, סאָוועטישער יידישער ליטע־ראַטור. ער האָט געקליבן מאַטעריאַלן, געדרוקט אין פאַרשיידענע אויסגאַבן אַרטיקלען וועגן די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור — וועגן אַשער שוואַרצמאַנען, דאַ־וויד האָפשטיינען, פערעץ מאַרקישן, לייב קוויט־קאָן. זאָרגזאַם האָט ער אויסגעזוכט נייַע נעמען, נייַע טאַלאַנטן. צווישן די קריטיקער, וועלכע האָבן אין די ערשטע רעוואָליוציע־יאָרן טייקעף רעאַגירט אָף יעדער דיכטערישער דערשייַנונג, רופט אָן דער באַוווסטער ביבליאָגראַף כ. נאַ־דעל, אין איין ריי מיט מ. ליטוואַקאָוון, נ. אויס־לענדערן, א. גורשטיינען, אויך צינבערגן.

אויסער זייַן גרונט־אַרבעט און דער ליטעראַ־רישער טעטיקייַט, איז ייִסראָעל צינבערג אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע געווען אַן אַקטיוויסט אין דער פעטראָגראַדער געזעל־שאַפט פאַר פאַרשפרייטן בילדונג צווישן יידן. אָפט פלעגט מען אים טרעפן אין דער ביבליאָ־טעק פון דער געזעלשאַפט אָף סטרעמיאַנער גאַס, נומער 10. דאָ האָט ער ליב געהאַט צו באַ־געגענען זיך מיט די לייענער. ער פלעגט אָפט לייענען לעקציעס וועגן ליטעראַטור און וועגן פראַגן פון נאַטורוויסנשאַפט.

אין רייַכן דיאַפּאַזאָן פון ייִסראָעל צינבערגס ליטעראַרישער טעטיקייַט זייַנען אויך געווען ספּעציעלע ווערק, געווידמעט דעם טעאַטער. ס'איז באַקאַנט זייַן באַוווסטע אַרבעט וועגן דעם יידישן טעאַטער אין איטאַליע אין דער עפּאָכע פון רענעסאַנס. אין 1935 האָט אין לענינגראַד גאַסטראָלירט דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאַטער. י. צינבערג איז געווען אָף דער פּאַר־שטעלונג פון „קיניג ליר" און האָט אָנגעשריבן וועגן דעם ספּעקטאַקל א באַגייַסטערטע רע־צענזיע („ליטעראַרישע בלעטער", 1935). ער האָט קעגנגעשטעלט די שעקספּיר־פּאַרשטעלונג מיטן מענדעלע־ספּעקטאַקל און איז געקומען צום אויספיר, אַז „די יידישע בינע האָט אין איר וווקס איבערגעטראָטן די שמאָל־נאַציאָנאַלע גרענעצן און איז שוין פייִק צו גיין אין א גע־וועט, אָפּערירנדיק מיטן קלאַסישן וועלט־רע־פּערטואַר, אַנטדעקן דאָרט נאָך ניט קיין אַנט־דעקטע אוצרעס, לייגן אָף זיי די אייגענע כסי־מע, דערהייבן און אופלעבן זיי מיטן אייגענעם שעפערישן גייַסט".

גרויס איז געווען דער פאַרנעם פון י. צינ־בערגס ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אינ־טערעסן. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט א סאַך פלענער, וואָס וואָלטן געוויס רעאַליזירט געוואָרן, ווען זייַן לעבן וואָלט זיך טראַגיש ניט איבערגעריסן דעם 28 דעקאַבער 1938. זייַן לי־טעראַרישע ירושע ווערט אָפּגעהיט אינעם אינסטיטוט פון די אַזיע־פעלקער בא דער וויסנ־שאַפט־אַקאַדעמיע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָ איז אופגעזאַמלט א ספּעציעלער צינבערג־אַר־כיוו, וועלכער פאַרמאָגט א פאָנד פון קאַרעוו 650 פאַרשיידענע מאַנוסקריפּטן, הויפּטזאַכלעך קסאָוויאַדן פון זייַנע ווערק, פאַרשיידנערליי דאָ־קומענטן, נאָטיץ־ביכלעך. דאָ געפינען זיך אַלע מיט דער האַנט געשריבענע נייַן בענדער פון דער „געשיכטע פון ליטעראַטור בא יידן".

צינבערגס אופּטו, זייַן בייַטראָג אין דער יידי־שער ליטעראַטור־געשיכטע איז שווער איבער־צושאַצן.

■

אינמיטן העלן טאָג

◇ ◇ ◇

כ'זוך די גאַס, ווו ס'האָט געלעבט מײַן מאַמע,
נאָר אומזיסט — איך קאָן זי ניט געפינען.
א פּראָספּעקט א ברייטער, א גראַמער
פירט מיך פון וואָקזאַל ביז צו דער דווינע.

אומגעפּער נאָר בין איך מיך מעשאַער —
פון דער גאַס דער קווערשניט איז מיר קענטיק.

היימשטאָט מײַנע, ביסט מיר האַרציק־טײַער,
כאָטש ביסט איצט פילשטאָקיק און פילוועגטיק.

צו דער דווינע בין איך צוגעגאַנגען,
צו די גרינע היימיש־נאָ'נטע ברעגן.
וואַכן אויף אין האַרצן די געזאַנגען,
אַלע מײַנע טויזנט יוגנט־שטעגן.

◇ ◇ ◇

שטרענגע קיפּאַריסן
שטייען ווי קאַסטיאַלן.
אוי, איז אפן האַרץ מיר,
פיל איך, אָנגעקוואָלן.

וועמען דאַרף עס אַרן?
ווער זשע דאַרף עס וויסן? —
בעסער קוק, ווי ס'שווײַגן,
שטומען קיפּאַריסן...

שטייען, ווי פאַרגליווערט,
זיך קיין האָר ניט רירן,
נאָר איך קאָן קאַווירן
אַז זיי הערן, שפּירן.

מיט די קרוינען־שפּיצן,
וואָס אין רוים זיך שניצן,
קושן זיי זיך, גלייב איך,
מיט די הימל־בליצן,

ווײַט אין יאַם די כוואַליעס
פון דער הייך באַגריסן.
ווערסט זיי ניט צעקײַען
לײַכט, די קיפּאַריסן.

עפּשער אַף די הערצער
איז זיי אָנגעקוואָלן.
שטרענגע קיפּאַריסן
שטייען ווי קאַסטיאַלן.

◇ ◇ ◇

אין מעטראָ,
ווען איך קוק זיך גוט אײַן
אין דעם מענטשן־האַמוין,
נעמט מיר דאַכטן,
אַז יעדן פאַרשוין,
יעדן פּאָנעם איך וועל פאַרגעדענקען.

נאָר עס שוועבט אַלץ די סטענגע
פון פענעמער פרישע,
און טייקעף זיך אַלע צעמישן,
ווי שטיינדלעך באַם יאַם,
וואָס די כוואַליעס פאַרשווענקען,
פאַרווישן.

◇ ◇ ◇

מיר דוכט, זי קוקט מיט פּײַערלעך אין בליק,
ווי ס'בייגט און שויבערט די אַקאַציע־קרוינען,
די דינע שטאַמען שטאַרקערהייט צעוויגט
דער דאָרעם־ווינט, דער כוצפּעניק־קאָלבויניק,

וואָס ווייסט ניט פון קיין איידלקײַט און שטאַט,
מיט יונגען הייסן אָטעם אָן שום בושע
אינמיטן העלן טאָג מיט יעדער בלאַט
זיך הערט ניט אויף צו שעפּטשען און צו קושן.

כ'אַנטשייד זיך טאָן איר האַנט א שטילן ריר,
נאָר ס'גיט דערבײַ מײַן האַרץ פאַר שרעק א ציטער,
זי טוט א שטעכיק־בייזן קוק אַף מיר
און לעכצט און וואַרט אַף שטורעם און געוויטער.

און קוקט אַפּסנײַ מיט פּײַערלעך אין בליק,
ווי ס'בייגט און שויבערט די אַקאַציע־קרוינען,
די דינע שטאַמען שטאַרקערהייט צעוויגט
דער דאָרעם־ווינט, דער כוצפּעניק־קאָלבויניק.

◇ ◇ ◇

די דאָרעם־זון, זי בראָט מײַן הויט,
ווי דורך א לופּע.
מײַן לײַב געוואָרן ברוין איז, רויט, ווי קופּער.
אָט גיב א זעץ אין ברוסט מיר,
הערסטו, ס׳קלינגען
די ריפּן מײַנע,
ווי די פּאנצער־רינגען.
עס פעלט מיר נאָר א שפּיז אין האנט —
דאן ציטער!
דאן בין איך שוין א פולשטענדיקער ריטער...

◇ ◇ ◇

דײַן פּאָנעם מיר באהעלט דער מוילעד.
אין דײַנע בלויע אויגן ווילע
איז ליב מיר אָן א שיר צו קוקן.
אזוי אין סאזשלקע זיך טוקן
די ענטעלעך מיט פרייד און כּיעס.
איך ריר אָן צערטלעך דײַנע ווִיעס.
דײַן ווײַסן האלדז לאָזסטו מיך גלעטן.
און ביידע מיר באַם מוילעד בעטן
און בא די ערשטע בלייכע שטערן,
ס׳זאָל גיכער טונקעלער שוין ווערן...

◇ ◇ ◇

באלעסטיקט מיט כפייצים דײַן צימער:
אוזבעקישע טעפּיכער, קרימער,
בורשטינענע בעכערלעך דינע,
פון זיבן קאָלירן גראפינען,
און גאָלדערנע טעלערלעך גלאנצן
פאר אויבסט און פאר זאפט און מאראנצן.
מאלאָכימלעך, שרעטעלעך — ריזן
און אלערליי פארפאָר־סערוויזן
מיט רויזן, מיט ליליעס, אסטערס,
און העלפאנדן גאנצע כאליאסטערס,
און בילדער מיט פייגל און יעגער,
און איבער דײַן רײַכן געלעגער —
קרישטאָלענע מ׳נוירעס באגילדעטע,
און דו ליגסט אין זײַד א פארהילטע
און שמייכלסט מיט גײַווע מיט פוסטער:
— דו ווייסט, וויפל ס׳קאָסט מיך די ליוסטרע?
איך האָרך, און די באקן מיר פלאמען...
נאָר פלוצעם ווערט עטוואָס מיר לײַכטער:
ס׳שוועבט דורך אין זיקאָרן מײַן מאמע —
זי פוצט אירע מעשענע לײַכטער
מיט זאמד און מיט קליוקווע מיט רויטער.
— — — — — — — — — — — — — — —
דער הימל אין פענצטער ווערט לויטער...

◇ ◇ ◇

איך בין מיט מײַן גרונט, מיט מײַן עצם באנוגנט.
פון קינע מײַן לעבן איז ריין, ווי בורשטין.
אַן אײַזערנעם קלאל כ׳האָב — פארשפּיל מיט א קלוגן,
און כּײַעס ניט זיכער — באַם נאר ניט געווין.

און זײַן ביסקל סאָף, ווי א בין, וויל איך מיזאם, —
איר ארט ניט, וואָס ס׳ברענען די פליגעלעך אויִס, —
אבי נאָר דער קוואל זאָל ניט אופהערן ריזלען
און שלאָגן מײַן בלוט זאָל —
א שטויס נאָך א שטויס.

◇ ◇ ◇

ווען ס׳וואָלט פון דער נעשאָמע זײַן געווענדט,
וואָלט איך דיך, ווי א פעדער, לײַכט,
א כאפּ געטאָן אף מײַנע הענט
און אופגעהייבן הויך
אונטערן סאמע הימל,
דו זאָלסט זיך אויסקלײַבן
דאָס טעלערל דאָס רײַנסטע
מיטן שענסטן בלימל.
און דו וואָלסט זיצן אף מײַן אקסל,
מיך אונטערטרײַבן לוסטיק־גלאנציק:
— טראָג מיך, טראָג מיך,
ווי מײַן מאמע בראָנציק.

◇ ◇ ◇

די אווגוסט־נאַכט אַף הויכן באַרג באַם יאַם
איז זיכער מײַנע, אָן אַ מינדסטן צווייפל,
אויך אָט די טרעפּלעך הילצערנע אַזויפיל
מיט דער פּאַרענטש, וואָס האַלט זיך אופּעט קאַם,
און אויך דער שטערן, וואָס אין הייך צערינט,
די רווישנדיקע כוואַליעס אין דער פינצטער,
דער אומרויִקער הייסער דאַרעם־ווינט,
וואָס קושט זיך שטיל מיט יעדער בלאַט דער דינסטער.
און דאָך ניט אַלץ, ניט אַלצדינג איז דאָ מײַנס.
ס'לאַמטערנדל, וואָס וואַרפט אַ סנאָפּ מיט שײַן,
אַנטפּלעקט אַ באָכער מיט אַ מיידל אַזאַ פײַנער,
דער קוש, וואָס האָט דערנאָך אין כווישעך זיך צעהילכט,
איז אויך געווען ניט מײַנער...

◇ ◇ ◇

ניט אויסצוהאַלטן,
וויפל מענטשן ס'ווערן אויסגעהאַרגעט,
ווי אַ פעדער גרינג,
אין טעלעוויזיע און אַף קינאָ־עקראַנען.
דו האָסט אַן אַנונג? —

שאַ נאָך שאַ עס קלאַפּן אוטאָמאַטן, פּולעמיאָטן.
האָסט אַ געפיל, ווי דו וואָלסט זינקען
אין צעגליטן זאַמד סאַכאַרער,
עס סאַרפּעט פון דער הייך די זון,
און רונד־אַרום, כאָטש שטאַרב,
ניטאָ קיין קאַפּל שאָטן.

◇ ◇ ◇

אין אַ קאַלטן אָסיען־טאָג,
אַז איך קוק פון צווייטן שטאָק
דורך די דאָפּל־פענצטער אַפן הויף,
אַ מאַכשאָווע אין אַ סטראָפע איך
פאַרשרויף, —
ווײַזט מיר אויס זיך:

ניט דער ווינט די געלע בלעטער יאָגט,
נאָר זיי שפּילן זיך אין „כאַפּערלעך".
וואַרט אַף דער נעשאָמע פריילעכער אַ
קאַפּעלע.
און אין דימיען מיט האַנאָ כ'קלעטער,
טאַנץ אין קאַראַהאָד צוזאַמען מיט די
בלעטער.

זכרונות

ראָזע קאץ־ראבינאָוויטש

שטריכן צו שלוימע ראבינאָוויטשעס פּאָרטרעט

שלוימע ראבינאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אַף דער אוקראַיִנע, אין א קליין שטעטעלע ניט ווײַט פון זשיטאָמיר, אושאָמיר הייסט עס.

זײַן טאטע איז געוועזן א שנײַדער. ניט, כאָלילע, א שנײַדער א לאטוטניק, וואָס אמאָליקע יאָרן האָט מען אזעלכע געקאָנט ניט זעלטן טרעפן אין די שטעטלעך, נאָר אן עמעסער מײַסטער פון זײַן פאך. אז מע פלעגט אין אושאָמיר זען א פרוי, וועלכע האָט געטראָגן א באַזונדערס שיין אופגענייטן מאנטל, האָט מען געזאָגט: „מיסטאמע איז עס כאצקל דעם שנײַדערס ארבעט". אזוי האָט מען גערופן שלוימעס טאטע. פון קיִעוו אפילע פלעגן קומען מאָדנייצעס זיך נייען קליידער בא כאצקל ראבינאָוויטש.

— אויב א באַלמעלאָכע, דארף מען זײַן פון די בעסטע, — האָט שלוימעס טאטע געלערנט זײַנע קינדער. און מיט קינדער, קיין אײַנהאָרע, איז ער געווען א מעטופל. שלוימע איז אין דער מישפּאָכע געווען דער זעקסטער. ווי עס דערציילן זײַנע שוועסטער, איז ער סײַ אויסערלעך, סײַ מיט א סאך פּאָסטעמקעס זײַנע שטארק ענלעך געווען אפן טאטן. כאצקל דער שנײַדער איז געווען א הויכער, שיינער מענטש; אין שטעטל האָט ער זיך נאָך אויסגעטיילט דערמיט, וואָס ער איז שטענדיק געגאנגען זויבער־ציכטיק און אקוראט אָנגעטאָן.

כאָטש כאצקל האָט געשעמט ווי א באַלמעלאָכע מיט גאָלדענע הענט, נאָר ברויט צו זאט איז אין שטוב ניט טאָמיד געווען, און דערפאר האָט שלוימע געמוזט צו דרײַצן יאָר אוועק פון דער היים זיך לערנען א מעלאָכע. די לערע האָט ער אָבער ניט פארענדיקט. דאָס לאנד האָט דעמלט איבערגעלעבט דעם בירגערקריג, און צו פופצן יאָר איז שלוימע פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער ארמיי.

געדינט האָט ער אין רויטן קאזאקנטום. זײַן קאָמאנדיר איז געווען דער איצטיקער רוסישער שרײַבער איליא דובינסקי, וואָס וווינט אין קיִעוו.

— האָסט באדארפט זען דובינסקין, — האָט מיר שלוימע אנומלטן געהאט דערציילט, — ווען ער פלעגט ארויספאָרן אַף זײַן ווײַס פערד. אן עמעסער רויטער קאזאק! ווי שיין און פלאַסטיש ער פלעגט פאָרן! איך בין אים דעמלט שטארק מעקאנע געווען.

די פרײַנטשאפט מיט דובינסקין האָט שלוימע פארהיט אפן גאנצן לעבן, און ווען ס'פלעגט אים נאָר אויסקומען צו זײַן אין קיִעוו, האָט ער אומבאדינגט זיך באגעגנט מיט זײַן געוועזנעם קאָמאנדיר.

דינענדיק נאָך אין דער ארמיי, האָט שלוימע געטרוימט וועגן לערנען זיך, ער האָט זייער געשטרעבט צו קריגן הויכבילדונג. זײַן טרוים האָט זיך פארווירקלעכט. ער האָט פארענדיקט די „מײַרעווקע" (אזוי האָט מען דעמלט גערופן דעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאר די נאציִאָנאלע מינדערהײַטן פון מײַרעוו, וועלכער האָט צווישן אנדערע קאדרען געגרייט אויך זשורנאליסטן פאר דער יִדישער פרעסע), און מע האָט אים געשיקט קיין קאלינינדאָרף אלס רעדאקטאָר פון דער ראיאָנישער צײַטונג. שפּעטער איז ער געווען דער סעקרעטאר פונעם קאלינינדאָרפער ראיאָנישן פּארטיי־קאָמיטעט.

ווען איך בין אין די דרײַסיקער יאָרן אָנגעקומען ארבעטן אלס מאשיניסטקע אין דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „דער עמעס", האָב איך געהערט, אז מע רופט ארויס פון קאלינינדאָרף קיין מאָסקווע דעם זשורנאליסט ראבינאָוויטש, וועלכער וועט זײַן מוישע ליטוואקאָווס שטעלפארטרעטער. ווער האָט זיך געקאָנט דעמלט פאָרשטעלן, אז מײַן גאנץ ווײַטערדיק לעבן וועט זײַן פארבונדן מיט אָט דעם מענטשן?

כ'דערמאָן זיך, ווי אין איינעם א פרימאָרגן, ווען איך בין געקומען אַף דער ארבעט, האָב איך דערזען אין לאנגן קאָרידאָר פונעם „עמעס"־פארלאג א הויכן יונגערמאן מיט א שווארצן קאָפּ געקרײַזלטע האָר, מיט טיפבלויע אויגן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין גרויע גאליפע־הויזן און אין שטיוול, ווי מע האָט אין יענער צײַט געטראָגן. דאָס איז ער, ווײַזט אויס, דער נײַער פארטרעטער פונעם הויפּט־רעדאקטאָר, — האָב איך א טראכט געטאָן...

...פון די ערשטע טעג פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע און ביזן טאָג פונעם ניצחון איז שלוימע געווען אפן פראָנט. מיט די זיגרײַכע טיילן פון דער סאָוועטישער ארמיי איז ער דערגאנגען ביז בערלין. אומגעקערט זיך אהיים האָט ער מיט דרײַ אָרדענס און א סאך מעדאלן. ער איז געווען דער רעדאקטאָר פון א מיליטערישער צײַטונג אפן דריטן ווײַסרוסישן פראָנט. ווי א זשורנאליסט, איז אים אלץ אָנגעגאנגען, אָבער מער פון אלץ — דער גורל פון מענטשן אף דער מילכאָמע. זײַנע זשורנאליסטישע בלאָקנאָטן זײַנען געווען פארפולט מיט בי׳אָגראפיעס פון מענטשן.

אפן פראָנט האָט ער א סאך געשריבן וועגן ייִדישע שלאכטלײַט, זײַנע נאָטיצן האָט ער געשיקט אין דער צײַטונג „אייניקײַט“, וועלכע האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אין דער צײַט פון דער מילכאָמע.

אין סאָף 1965, ווען ער איז אלס קאָרעספאָנדענט פון דער פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי“ געווען אף א באזוך אין ייִסראָעל, האָט ער זיך געטראָפן מיט א פרוי, וועלכער ער האָט בייסן קריג געהאָלפן זיך ראטעווען פון טויט. דאָס איז געווען סימע ווארזאגער, איינע פון די זעקס מיידלעך, וואָס האָבן נאָך פינף יאָר אין קאָנצענטראציע־לאגער דערזען פאר זיך אין איינעם א גליקלעכן טאָג א סאָוועטישן אָפיצער, וועלכער האָט זיך צו זיי געווענדט אף ייִדיש. די מיידלעך האָבן זיך קוים געהאלטן אף די פיס, און דער מאיאָר שלוימע ראבינאָוויטש האָט אלץ געטאָן, מע זאָל זיי ראטעווען. די מיידלעך זײַנען געבליבן לעבן, און דער מאיאָר איז אוועק ווײַטער מיט זײַן מיליטערישער טייל.

וועגן דער רירנדיקער באגעגעניש מיט סימע ווארזאגער אין צוואנציק יאָר ארום נאָך דער מילכאָמע האָט ראבינאָוויטש געשריבן אין „סאָוועטיש היימלאנד“.

מיט פינף יאָר שפעטער האָט זיך אָפגערופן נאָך איינע פון יענע זעקס מיידלעך. עטלעכע כאדאָשים פאר זײַן טויט האָט שלוימע באקומען פון טשעכאָסלאָוואקיע א בריוו, אין וועלכער די פרוי האָט געשריבן: זי האָט זיך ערשט איצט דערוווּסט, אז ער לעבט און ארבעט אין מאָסקווע, זי איז אים הארציק דאנקבאר פאר דער הילף, וואָס ער האָט איר ארויסגעוויזן בייס דער מילכאָמע. שלוימע האָט געענטפערט אפן בריוו. ער האָט זייער געוואָלט זיך טרעפן מיט דער פרוי און, פארשטייט זיך, געטרוימט וועגן דעם אָנצושרײַבן.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ זײַנען באקאנט מיט די עסייען, פארצייכענונגען, רעפאָרטאזשן, וואָס שלוימע ראבינאָוויטש, אָדער ווי מיר, די שטוביקע און זײַנע פרײַנט, האָבן אים גערופן — סיאָמע — פלעגט אָפט דרוקן. עס איז, דאכט זיך, ניטאָ אזא רעפובליק אין סאָוועטנפארבאנד, ווו סיאָמע זאָל ניט זײַן. אלץ, וועגן וואָס ער האָט פארטראכט צו שרײַבן, האָט ער געדארפט זען מיט די אייגענע אויגן און „איבערקאָכן אין אייגן בלוט“. אזוי זײַנען געבוירן געוואָרן זײַנע רײַזע־נאָטיצן פון ווײַסרוסלאנד, די פארצייכענונג וועגן די בארגייִדן („א באזוך אין דאגעסטאן“) און פיל אנדערע אזוינע ווערק.

סיאָמע האָט זייער ליב געהאט אונדזער הויפטשטאָט מאָסקווע, ווו ער האָט געלעבט אָנהייבנדיק פון 1929.

אז עס פלעגט קומען צו אונדז צוגאסט פון אן אנדער שטאָט עמעצער פון אונדזערע פרײַנט אָדער באקאנטע, פלעגט סיאָמע גלײַך אפן צווייטן טאָג אוועקגיין מיט אים באקוקן די שטאָט, דעם רויטן פלאץ, די גאָרקי־גאס, דעם קרעמל. יעדע נײַע בויונג אין מאָסקווע האָט אים געפרייט. טאקע דערפאר האָט ער מיט גרויס פארגעניגן אָנגעשריבן די פארצייכענונג „זאריאדיע“, וועגן אלטן שטאָט־טייל, ניט ווײַט פונעם קרעמל, ווו עס שטייט איצט דער פרעכטיקער האָטעל „ראָסיִא“.

ס׳איז געווען ניט פון די גרינגע זאכן זיך צו טרעפן מיט דעם הויפט־אינזשעניער פון דער בויונג פון „ראָסיִא“ — מיט לאזאר מאָיִסייעוויטש גינזבורגן. שלוימע האָט פון גאנצפרי ביז שפעט אין אָוונט זיך געיאָגט נאָך אים, ווײַל גינזבורג איז זעלטן־ווען געזעסן אף אן אָרט, ער האָט זיך מערסטנטייל געפונען אף די אָביעקטן, און געווען איז די בויונג ריזיק־גרויס. אָבער ווער עס זוכט, דער געפינט. סאָפקאָלסאָף האָט סיאָמע זיך געטראָפן מיט לאזאר מאָיִסייעוויטשן און האָט געקראָגן בא אים די ידיעס, וועלכע ער האָט באדארפט.

אין א צײַט ארום, ווען די פארצייכענונג איז שוין געווען אָפגעדרוקט, האָט מיר דער פילאָלאָג מוישע שאפיראָ געזאָגט:

— איך האָב איבערגעלייענט ראבינאָוויטשעס פארצייכענונג וועגן זאריאדיע. איך בעט אײַך, גיט איבער אײַער מאן א דאנק און א יאשער־קויעך. דאָס איז גאָר פאר מיר געווען א נײַס, איך לעב אזויפיל יאָרן אין מאָסקווע און האָב ניט געוווּסט, אז אין זאריאדיע איז געווען אמאָל א ייִדישע געטאָ...

גייענדיק און פאָרנדיק איבער מאָסקווע, האָט שלוימע אָפגעמערקט יעדע ענדערונג, וועלכע קומט אין איר פאָר: א נײַ הויז, א נײַעם סקווער, א נײַעם דענקמאָל, אפילע א נאָמען פון א גאס. איינמאָל, געדענק איך, איז ער געקומען אהיים פון א שפאציר איבער א מיקראָראיאָן פון מאָסקווע און א באגײַסטערטער דערציילט, אז ער האָט געפונען דאָרט א נײַע גאס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם העלד פון ראטנפארבאנד, דעם ספאָרטלער — לייזער פאָפערניק. אין עטלעכע טעג ארום לאָזט ער זיך שוין ספעציִעל אוועק אף אָט דער גאס, ווו עס וווינען טויזנטער אײַנוווינער, צו זען, וויִאזוי עס ווערט אָפגעהיט דער אָנדענק פונעם העלד.

שלוימע האָט געהאט זײַן טעמע: דער מענטש און זײַן אופטו. אויב איר וועט דורכקוקן אלץ, וואָס ער האָט געשריבן, וועט איר זען, אז אומעטום איז עס דאָס סאמע וויכטיקסטע בא אים.

די רײַזע־נאָטיצן פון ווײַסרוסלאנד האָט ער אָנגערופן „שטעט און מענטשן“. ער איז געווען

צווישן די ערשטע אָפיצערן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן אינעם נאָך ברענענדיקן מינסק און געטראָפן דאָרט די רעשטלעך פון דער מינסקער געטאָ. איז אָט, מיט אַ סאך יאָרן נאָך דער מילכאָמע, ווען ער בלעטערט זײַן פאַרגעלטן בלאָקנאָט, ווײל ער וויסן, וואָס עס טוען איצט די מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די שווידערן פון געטאָ. ער זוכט אָפּ אין מינסק געוועזענע אסירים, באַזוכט זייערע היימען, דערוויסט

שלוימע ראַבינאָוויטש (לינקס) מיטן רעדאַקטאָר און זשורנאַליסט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“ ניקאָלײַ דאַנילאָוו (1965)

זיך, וויאַזוי זיי האָבן זיך געראַטעוועט, ווי גייט איצט זייער לעבן. דאָס זעלבע טוט ער אויך אין אַנדערע ווײַסרוסישע שטעט, וועלכע זײַנען, ווי ער שרײַבט אין זײַנע נאָטיצן, אופגעשטאַנען טכיאַס־האַמייסים.

אין 1940 יאָר איז אין מאָסקווער געגנט, אין שאַטורער ראַיאָן, פאַרלייגט געוואָרן אַ נײַע שטאָט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ראָשאַל, לעקאָוועד דעם געוועזענעם פּאָרזיצער פונעם קראָנשטאַדטער קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס. שלוימען פאַרכאַפּט דער געדאַנק צו דערציילן וועגן דעם דאָזיקן העלדישן מענטשן און וועגן דער שטאָט, ווו זײַן אָנדענק איז פאַראייביקט. ער לייגט אַוועק אין אַ זײַט אַלע זײַנע איניאָנים און פאָרט קיין ראָשאַל. די שטאָט איז פאַרבויט מיט נײַע פילשטאָקיקע הײַזער. עס פרייען דאָס אויג שיינע קראָמען, קאַפע־הײַזער. אָבער דער איקער איז דאָס, וואָס אין די געראַמע ליכטיקע דירעס וווינען צענדליקער טויזנטער פּאָשעטע סאָוועטישע מענטשן. סיאָמע באַגעגנט זיך מיט פיל פון זיי און שרײַבט וועגן זייער לעבן. ער באַזוכט אויך ראָשאַלס ברודער — מיכאַיִל גריגאָריעוויטשן, וואָס וווינט אין מאָסקווע, און דערוויסט זיך אייניקע וויכטיקע פּראָטים וועגן דעם טרײַען לעבנעץ סעמיאָן ראָשאַל.

רײַזעס זײַנען געווען שלוימעס אַ לײַדנשאַפט, שטענדיק איז ער גרייט געווען צו פאָרן, האַגאַם זײַן געזונט־צושטאַנד האָט עס ניט דערלויבט.

ווען ס'איז געשטאָרבן שמועל האַלקין, האָט שלוימע זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ רײַזע קיין ראָהאַטשאָוו, דעם דיכטערס געבורט־שטאָט, מיטן ציל צו דערציילן וועגן דעם, ווי די לאַנדסלײַט האָבן פאַראייביקט האַלקינס נאָמען, ווי זיי היטן אָפּ זײַן אָנדענק, און, פאַרשטייט זיך, מיטן ציל צו שילדערן די לאַנדסלײַט גופע, זייער לעבן און אַרבעט.

איך וויל אָפּמערקן נאָך איינעם אַ שטריך פון שלוימע ראַבינאָוויטשן: זײַן גוט האַרץ און די שטענדיקע גרייטקײַט זײַנע צו העלפן מענטשן.

שלוימע פלעגט באַקומען אַ סאך בריוו פון לייענער, סײַ פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַזוי אויך פון אויסלאַנד. ס'איז ניט געווען קיין פאַל, ער זאָל ניט ענטפערן אָף אַ בריוו אָדער ניט אָפּרופן זיך אָף די ביטעס, מיט וועלכע מע האָט זיך צו אים געווענדט.

איינמאָל האָט ער באַקומען אַ בריוו פון טשיקאַגאָ. אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט אים געקענט ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“, האָט געשריבן:

„מײַן אַלטע און אומפאַרגעסלעכע היים — רוסלאַנד — האָב איך פאַרלאָזט מיט קנאַפּע פופציק יאָר צוריק. געווען איז דאַן אַ שווערע צײַט. אָרעמע ייִדן זײַנען געלאָפן, וווּהין די אויגן האָבן געטראָגן. אין קאָנאָטאָפּ, אָף דער אוקראַיִנע, זײַנען פאַרבליבן מײַנע עלטערן, די ברידער און שוועסטער. נאָך דער רעוואָליוציע האָט זיך בײַ זיי אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן — וועגן דעם האָט מיר דער טאַטע מײַנער געשריבן. אָבער ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מילכאָמע, די פאַרבינדונג מיט דער מישפּאָכע איז אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. אָט די אַלע יאָרן לעב איך אין אײנע שרעק, צי איז געבליבן עמעצער אַ לעבעדיקער פון מײַן מישפּאָכע? איך ווייס דאָך, אַז אײַער לאַנד האָט געהאַט זייער פיל קאָרבאָנעס. איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך דערוויס זיך כאָטש וועגן איין מענטשן פון מײַן מישפּאָכע. אַלע מײַנע האָפענונגען זײַנען אָף אײַך — באַרויִקט, בעט איך אײַך, מײַן עלטער“...

באַקומען דעם בריוו, האָט שלוימע פאַרלוירן די רו: ווי העלפט מען דער פרוי? עס איז אַוועק ניט איין טאָג, ניט ווייניק בריוו האָט ער צעשיקט איבערן לאַנד, ס'איז געקומען יענער געגאַרטער מאָמענט, ווען ער האָט געקאָנט באַרויִקן זײַן לייענערן און איר מיטיילן, ווו איר ברודער לעבט. די באַשרײַבונג פון דער דאָזיקער דראַמאַטישער געשיכטע איז געווען געדרוקט אין פיל אויסלענדישע צײַטונגען. אָבער שלוימעס ציל אין דעם פאַל איז געווען — העלפן אַ מענטשן.

שלוימע ראַבינאָוויטש האָט אין דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“ געאַרבעט פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ. זײַנע נאָטיצן, רעפּאָרטאַזשן פלעגן זיך צעגיין אין די הונ־

דערטער און דערגרייכן די סאַמע ווײַטסטע לענדער.

אין די רעדאַקציעס פון „נאָוואָסטי", ווי עס איז אײַנגעפירט אין סאָוועטישע פרעסע־אַנשטאַלטן, קומען יעדן פרימאָרגן פאַר „לעטוטשקעס" — קורצע באַראַטונגען פון די זשורנאַליסטן, אַף וועלכע עס ווערן באַהאַנדלט די אַרטיקלען, וואָס זײַנען אָפּגעשיקט געוואָרן פאַריקן טאָג.

פאַרייניקטע שטאַטן, פון אַרגענטינע, אורוגווײַ, פראַנקרײַך, קאַנאַדע, אויסטראַליע. אַלס מיטאַרבעטער פון „נאָוואָסטי" פלעגט שלוימע ראַבינאָוויטש גאַנץ אָפט באַגעגענען אין אַעראָפּאָרט די פּראָגרעסיווע יידישע גרופּעס, וועלכע זײַנען געקומען אַף א טור צו אונדז אין לאַנד. און פונקט אזוי אָפט פלעגט ער מיר נאָך פונעם אַעראָדראָם טעלעפאָנירן: „גרייט די טישן, עס וועלן באַלד קומען צו אונדז געסט". ווײַל געווען

בייס אן אינטערוויו מיט לעוו לאנדאו

ווי עס האָבן מיר דערציילט שלוימעס קאָלעגן, וועלכע האָבן מיט אים צוזאַמען געאַרבעט פיל יאָרן אין איין רעדאַקציע, פלעגט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם אַפּטייל, דער באַגאַבטער רוסישער זשורנאַליסט ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש דאַנילאָוו, לויבן אַף די לעטוטשקעס שלוימעס רעפּאָרטאַזשן, זײַן אָפּעראַטיווקייט און פּינקטלעכקייט, וואָס אָן דעם קאָן זיך ניט באַגיין קיין זשורנאַליסט. ווען ס'פלעגט אין דער פּרעסע־אַגענטור אָנקומען א יונגער זשורנאַליסט, וואָס האָט ערשט פאַרענדיקט די הויכשול, פלעגט מען אים צופעסטיקן צו שלוימען זיך לערנען זשורנאַליסטיק. דאָס איז געווען ווי א פּאַרטייִשער כויוו שלוימעס — דערציִען זשורנאַליסטישע קאַדרען.

יעדעס יאָר, אָנהייב זומער, קומען צו פאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד גרויסע גרופּעס טוריסטן. פאַרשיידענע מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער און קאָנטינענטן ווילן מיט זייערע אויגן א קוק טאָן אַף דעם לאַנד, וואָס האָט דורכגעלייגט נײַע וועגן פאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. צווישן זיי קומען פיל טוריסטן — יידן: פון די

איז שלוימע ביז גאָר גאַסטפרײַנטלעך, ניט ווייניק מענטשן האָבן מיר אופגענומען בא אונדז אין שטוב.

ווען איך בין שוין נאָך שלוימעס טויט געווען אַף א באַזוך בא מײַנע קרויווים אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, האָט מען מיך אַנומלטן פאַרבעטן אין ניו־יאָרק אַף דער פײַערונג לעקאָוועד דעם 35־טן יאָרטאָג פונעם איקוף. צו מיר זײַנען דאָרט צוגעגאַנגען פיל מענטשן און געפרעגט:

— איר געדענקט מיך ניט? מיר זײַנען דאָך געווען בא אײַך אין מאָסקווע...

ווי:אזוי קאָן איך אַלעמען געדענקען, אז אַזא גרויסע צאָל מענטשן זײַנען איבערגעווען בא אונדז?

עס פלעגט טרעפן, אַז איך האָב אויסגעדריקט מײַן אומצופרידנקייט מיט שלוימעס גאַסטפרײַנטלעכקייט: „ווייניק צײַט האָסטו מיר געלאָזט אַף גרייטן די טישן", אָדער „צופיל מענטשן האָסטו אײַנגעלאַדן, איך וועל ניט באַווײַזן". דערוף פלעגט ער ענטפערן:

— האָסט כאַסענע געהאַט פאַר א זשורנאַליסט, מוזסטו „טערפּען"...

אָן אַנדער ברירע האָב איך געהאַט? האַלעווײַ וואָלט איך נאָך פיל יאָרן געהאַט דאָס גליק צו „טערפּען".

אין 1965 זײַנען אין דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" אָנגעקומען אָף שלוימעס נאָמען פון אַלע עקן וועלט זייער אַ סאַך בריוו פון לייענער באַ אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד מיט דער פראַגע: ווי איז דאָס געזונט פונעם אַקאַדעמיקער לעוו לאַנדאַו?

ווי באַוווּסט, איז דער באַרימטער געלערנטער נאָך אַן אויטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע דרײַ מאָל געווען קלייניש טויט. די גרעסטע סאָוועטישע דאָקטוירים און זייערע אויסלענדישע קאָלעגן האָבן געטאָן אַלץ אָף ראַטעווען און פאַרלענגערן זײַן לעבן. איז אָט, קעדיי צו ענטפערן אָף די פראַגן פון די לייענער פון דער ייִדישער פּרעסע, באַזוכט שלוימע אין מײַ 1965 דעם אַקאַדעמיקער לאַנדאַו אין זײַן דירע אָפּן וואָראָביאָווער שאָסיי אין מאָסקווע.

עס איז גרינג צו זאָגן „באַזוכט". באַזוכן אַזאַ מענטשן, ווי לעוו דאַווידאָוויטש לאַנדאַו, דערצו נאָך אַ געפערלעך קראַנקן, איז פּראַקטיש געווען קימאַט אומעגלעך. מע האָט צוליב דעם באַדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פונעם מיניסטעריום פאַר געזונט־אָפּהיטונג און די האַסקאָמע פון די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים געהיילט. אָבער שלוימע ראַבינאָוויטשן האָבן ניט אָפּגעשטעלט קיין שום שוועריקייטן. ניט אומזיסט פלעגט ער זאָגן, אַז אַ צײַטונגס־קאָרעספּאָנדענט דאַרף קאָנען דורכקריכן דורך דער קלענסטער שפּאַרונע.

דעם אַקאַדעמיקערס פרוי קאָנקאָרדיִא לאַנדאַו האָט אים זייער העפלעך אופגענומען, אָבער אירע ערשטע ווערטער זײַנען געווען וועגן דעם, אַז דאָ ניט לאַנג האָט זיך פאַרענדיקט אַ ספּעציעלער הייל־פּעריאָד, וואָס האָט זיך אַ ביסל פאַרצויגן, און לעוו דאַווידאָוויטש רוט זיך איצט אויס. ניט געקוקט אָף דעם, האָט זי פאַרגעלייגט:

— קומט, מיר וועלן דאָך אַרופגיין צו אים. מײַן מאַן פילט זיך איצט בעסער. ער לײַדט בלויז פון נעוראַלגישע ווייטעקן, און מיר גלייבן, אַז ער וועט זיך שטעלן אָף די פיס.

דער אַקאַדעמיקער לאַנדאַו האָט באַגעגנט שלוימען אַ שמייכלענדיקער. באַגריסנדיק אים צוליב זײַן גוטן אויסזען, האָט שלוימע זיך דערלויבט אַ שפּאַס טאָן:

— זאָל מיך נאָר גאָט אויסהיטן פון געבן אײַך אַ גוט־אויג.

— מיט גאָט איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט אין זעלבן טאָן געענטפערט לאַנדאַו. — ווען איך בין נאָך דער קאַטאַסטראָפע געקומען צו־זיך, האָב איך געזען אין כאָלעם, ווי כ'שטעל זיך פאַר גאָטס געריכט, און גאָט זאָגט: „דו האָסט דאָ נישט וואָס צו טאָן, גיי צוריק אָף דער ערד"...

אין יענער צײַט איז לעוו דאַווידאָוויטשס געזונט־צושטאַנד געווען אַ באַפרידיקנדיקער. לאַנדאַו האָט ווידער אָנגעהויבן בײַזײַן אָף די זיצונגען פונעם וויסנשאַפטלעכן ראַט אינעם אינסטיטוט פאַר פּראָבלעמען פון פיזיק, וואָס איז אים אַזוי ליב געווען, און שלוימע האָט מיט פרייד געקאָנט וועגן דעם מיטיילן.

זײַן רעפּאָרטאַזש וועגן דעם באַזוך באַם אַקאַדעמיקער לאַנדאַו איז געווען פאַרעפנטלעכט אין צענדליקער ייִדישע צײַטונגען פון דער וועלט.

אַלס זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער האָט שלוימע ראַבינאָוויטש זיך באַטייליקט אין צוגרייטן דעם קינאָ־פילם „דאָ זײַנען מיר געבוירן געוואָרן". דער פילם דערציילט וועגן לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן אין פאַרשיידענע רעפּובליקן פון אונדזער לאַנד, וועגן זייער אַרבעט אין דער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט, וויסנשאַפט, קולטור און קונסט. דאָס איז אַן איבערצײַגעוודיקער דאָקומענטאַלער פילם. צוזאַמען מיט זײַנע אַוטאָרן איז שלוימע ראַבינאָוויטש אויסגעוועזן אין אַ סאַך געגנטן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, שעפנדיק מאַטעריאַל פונעם לעבעדיקן לעבן. וועגן דעם פילם האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אַ פאַרצייכענונג אין „סאָוועטיש היימלאַנד".

אַ יאָר צוויי פאַר זײַן טויט האָט שלוימע זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיטן געדאַנק צו דורכפאָרן זיך איבער די ערטער, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען. איך האָב אים אָפּגערעדט דערפון, ווײַל איך האָב געוווּסט, ווי קראַנק ער איז, אָבער ער האָט שוין געלעבט מיט זײַן קינפּטיקער רײַזע קיין קיִעוו, אָדעס, בערדיטשעוו, קעשענעוו און אַנדערע שטעט, וווּ שאָלעם־אַלייכעם האָט געוווינט און געשריבן.

איך האָב געבעטן שלוימען כאָטש פאַרקלענערן דאָס צעטל פון די שטעט און פאָרן נאָר קיין קיִעוו און אין די שאָלעם־אַלייכעם־ערטער אַרום קיִעוו. ער האָט געשוויגן. דאָס האָט באַטײַט „מיר וועלן זען", און אינגיכן איז ער אַרויסגעפאָרן אין דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט. ער האָט געהאַט בעדייע צו זײַן אין קיִעוו אַ וואָך צײַט און פון דאָרט פאָרן קיין אָדעס און קיין קעשענעוו. ס'זײַנען אַדורך אינגאַנצן דרײַ צי פיר טעג, כ'געדענק שוין איצט ניט גענוי, און אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט קלינגט ער צו מיר אָן, איך זאָל קומען צו פאָרן קיין קיִעוו. איצט איז דאָרט זייער שיין, אַלץ בליט. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך דעם קלונג ניט פאַרשטאַנען. ס'איז טאַקע געווען מײַ כוידעש און קיִעוו איז אין דער צײַט פּראַכטפול, אָבער שלוימע האָט דאָך געוווּסט, אַז איך אַרבעט אין רעדאַקציע, און ביכלאַל איז באַ אונדז אַפילע אין געדאַנק ניט געווען, כ'זאָל פאָרן קיין קיִעוו.

איך פרעג אים: „וואָס איז געשען, דו פילסט זיך ניט גוט?" „גאָט באַהיט, — ענטפערט ער, — זייער גוט פיל איך זיך, איך וויל פּאָשעט, דו זאָלסט קומען קיין קיִעוו, ביסט דאָך דאָ קיינמאָל אין מײַ ניט געווען".

איך פרעג אים: „ווען פאָרסטו קיין אָדעס?״ ענטפערט ער מיר: „איך האָב באַשטימט אהין ניט פאָרן, אין קיִעוו האָב איך גאנץ גענוג מאַטעריאל פאר מײַן רעפּאָרטאַזש״.

אפן צווייטן טאָג בין איך ארויסגעפאָרן קיין קיִעוו, און פון דאָרט האָבן מיר זיך צוזאמען אומגעקערט אהיים אין עטלעכע טעג ארום.

דער לערער איליאַ ריזשאַווסקי, וועלכער ווערט דערמאָנט אינעם רעפּאָרטאַזש „דאָרט, ווּ שאָלעם־אלייכעם האָט געלעבט און געשאפן״, האָט נאָך שלוימעס טויט מיר געשריבן: „איך בין געקומען צו שלוימען אין האָטעל צונויפריידן זיך וועגן טאָג, ווען מיר וועלן פאָרן קיין באָיארקע און אין דאָרף זאביריע. ער האָט זיך געפילט זייער ניט גוט און האָט באַשטימט ניט פאָרן קיין אָדעס״.

אָט דאָס איז געווען די עמעסע סיבע, וואָס ער האָט מיך געבעטן קומען קיין קיִעוו, אָבער ביזן טויט האָט ער זיך ניט מודיע געווען אין דעם.

אין מאלייעווקער שרײַבער־הויז, ווּ מיר האָבן אָפּגערוט אין דעקאבער 1971 און ווּ שלוימע איז געשטאָרבן אזוי פּלוצעמדיק פון א הארץ־אטאקע, האָט ער, פארקערט, עטלעכע מאָל דערמאָנט: „א שאָד, וואָס איך בין פון קיִעוו ניט געפאָרן קיין אָדעס און קיין קעשענעוו״. און נאָך האָט ער מיר געזאָגט, אז ער מוז צופאָרן קיין ביראָבידזשאן, זען מיט די אייגענע אויגן, ווי־אזוי עס בויט זיך די געגנט. אין ביראָבידזשאן איז ער געווען אין 1935, וועט ער קאָנען אופשטעלן א בילד, ווי־אזוי די געגנט איז פאר די יאָרן אויסגעוואקסן, ער וועט האָבן מאטעריאל אף ארויסצולאָזן אפילע א בוך. אין צוויי טעג ארום נאָך דעם, ווי ער האָט געמאכט אָט די פּלענער, האָט ער אף אייביק פארמאכט די אויגן.

שלוימעס גרויסע ליבע זײַנען געווען קינדער. ווען מיר פלעגן גיין מיט אים אין גאס און ער האָט געזען נאָענט א קליין קינד, ס׳מאכט ניט אויס פון וועלכן עלטער — אין א וויגעלע, בא דער מוטער אף די הענט אָדער לויפנדיק מיט די אייגענע פיסלעך, — האָט ער זיך געמוזט אָפּשטעלן, פרעגן, וויפל עס איז אלט, ווי רופט מען עס.

אז מיר האָבן זיך געקליבן גיין אין טעאטער אָדער אין קינאָ — און צײַט איז שטענדיק געווען ווייניק, — פלעג איך אים וואָרענען: „שטעל זיך ניט אָפּ בא יעדן וויגעלע, מיר וועלן פארשפּעטיקן״. ער פלעגט מיר צוזאָגן, אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען א קינד, האָט ער זיך געמוזט אומקוקן און כאָטש א שמייכל טאָן צו דעם. די קינדער האָבן זיך אויך צו אים געצויגן. בא אונדז אין הויז האָבן זיי אים אלע געקענט, און ווי נאָר זיי פלעגן אים דערזען, פלעגן זיי צו אים צולויפן.

צו די אייגענע קינדער האָט ער זיך באצויגן מיט אזא ליבע, וואָס עס איז גאָר שווער זי איבערגעבן מיט ווערטער. די זין אונדזערע האָבן אים געענטפערט מיטן זעלבן.

אין פארבינדונג דערמיט וויל איך דערציילן וועגן די פּראָטים, וואָס האָבן זיך מיר פארגעדענקט:

די שווערע יעדיִע וועגן דעם, אז דאָס פאשיסטישע דײַטשלאנד איז אָנגעפאלן אפן ראטנפארבאנד, האָט סיאָמען געטראָפן, ווען ער איז געווען אין א קאָמאנדירונג אין דער שטאָט קיראָוו, ער האָט דעמלט געארבעט אין דער מיליטערישער צײַטונג «На страже» („אף דער וואך״). אין צוויי טעג ארום האָט ער זיך דערקליבן קיין מאָסקווע און, ניט דערווארטנדיק זיך אף אן ארויסרוף אין מיליטערישן קאָמיסאריאט, זיך פארשריבן אין דער פאָלקס־שוץ (אָפּאָלטשעניע).

אונדזער עלטערער זון, וואדיק, איז אלט געווען א יאָר מיט צוויי כאדאָשים, נאָר גלײַך ווי ער וואָלט פארשטאנען, וואָס עס קומט פאָר, האָט ער זיך שטארק צעוויינט און ניט אָפּגעלאָזט פון זיך דעם טאטן. מיר האָבן קוים אײַנגעשטילט דאָס קינד מיט מײַסעלעך און שפּילעכלעך.

פונעם פראָנט האָט שלוימע געשריבן: „איך בעט דיך, היט אָפּ אונדזער זונעלע, איך בענק זייער נאָך אים״. וואדיק האָט נאָך דעמלט קיין אנדערע ווערטער, כוץ „מאמא״ און „פּאפּא״, ניט געוווסט. ביכער, פּאפּיר, א פען — דאָס אלץ האָט בא אים געהייסן „פּאפּא״, ווײַל ס׳איז געווען פארבונדן מיט סיאָמען.

דער ייִנגערער זון, פימע, איז געבוירן געוואָרן נאָך דער מילכאָמע, אין 1946. שלוימע האָט דעם מיזיניק אָפּגעגעבן זײַן גאנצע פרײַע צײַט. איך פלעג נאָך דער ארבעט זיך פארנעמען מיט דער באלעבאטישקײַט, און בא שלוימען איז געווען דער בעסטער אָפּרו — נעמען פימען און גיין מיט אים שפּאצירן אין וואלד. מיר האָבן דעמלט געווינט אין א פאָרשטאָט פון מאָסקווע.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אף אן עלטערן־פארזאמלונג אין דער שול, — פימע איז שוין דעמלט געגאנגען אין צווייטן קלאס, — האָט די לערערן גערעדט וועגן יעדן קינד באזונדער. פימען האָט זי געלויבט. אנדערע מאמעס האָבן אף מיר געקוקט, נאָר איך האָב ניט פארשטאנען פארוואָס. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז זיי קוקן דערפאר, וואָס מע רעדט אזויפיל וועגן מײַן קינד.

נאָך דער פארזאמלונג איז צוגעגאנגען צו מיר איינע פון די פרויען און שטילערהייט געפרעגט:

— איר זײַט פימעס שטיפמאמע?

— ניין, — ענטפער איך, — איך בין זײַן מאמע.

— פארוואָס זשע טרעפן מיר שטענדיק שפּאצירן פימען נאָר מיט זײַן טאטן, און אף פארזאמלונגען אין שול האָבן מיר אײַך אויך ביז איצט קיין איין מאָל ניט געזען...

די פרוי איז טייקעף צוגעגאנגען צו עטלעכע אנדערע מאמעס און זיי אָנגעזאָגט די בסורע, אז פימע האָט א מאמען. איך האָב געזען, אז

דער לערערן האָט מען אויך אײַנגערוימט דעם סאַד.

אונדזער אייניקל, פונעם עלטערן זון, — מאַשענקע, — פרעגט מיך:

— באָבע, ווו איז דער זיידע סיאָמע? די מאַמע זאָגט, אז ער איז אוועקגעפאָרן...

ענטפער איך איר, אז ער איז אוועקגעפאָרן און וועט אזוי גיך ניט קומען.

מיט געוועזענע דערצויגלינגען פונעם מאלאכאָווקער קינדערהיים

— אָבער פארוואָס? — קאָן זי ניט פארשטיין.

זי איז אלט געווען צוויי יאָר, ווען איר זיידע איז געשטאָרבן, נאָר זי געדענקט ביז איצט זײַן ליבע צו איר. נאָכאמאָל און נאָכאמאָל פארגיט זי אײנע און די זעלבע פראגע: „ווען וועט שוין קומען דער זיידע?". איך האָב איר געמוזט זאָגן, אז ער וועט שוין קיינמאָל ניט קומען.

שלוימע פלעגט זאָגן: „אויב דו ווילסט האָבן פרײַנט, דארפסטו אליין זײַן א פרײַנט".

שלוימע האָט געקאָנט זײַן אן איבערגעגעבענער פרײַנט, ער איז קעסיידער געווען ארומגערינגלט מיט נאָענטע מענטשן.

און ניט נאָר מיט שרײַבער, זשורנאליסטן, קינסטלער איז שלוימע געווען באפרײַנדעט. ער האָט געהאט א סאך פרײַנט אינזשעניערן, ארבעטער, קאָלווירטניקעס, מענטשן פון אלערליי פראָפעסיעס. ער האָט זייער שיין געקאָנט אופנעמען בא זיך אין שטוב זײַנע געסט. גרייטן דעם טיש האָט ער ליב געהאט אליין. מײַכאָלים, האָט ער געוווּסט, וועל איך שוין צוגרייטן.

אייניקע מענטשן וועלן זיך מיסטאמע כידעשן, ווי קומט עס, וואָס איך האָב זיך גענומען פאר דער פען. איך בין דאָך ניט קיין שרײַבערן, קיין זשורנאליסטקע.

איך ארבעט א סאך יאָרן אין דער יידישער פרעסע. לייענער האָבן מיך געשטויסן אָנצושרײַבן וועגן שלוימע ראבינאָוויטשן, ווײַל כאָטש ס'איז שוין אדורך צוויי יאָר, זינט ער איז אזוי פריצײַטיק געשטאָרבן, ווײַזן זיי אויך איצט ארויס אן אינטערעס צו אים, צו זײַן שאפונג. אויך ווען איך בין געווען צוגאַסט אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, האָבן פיל מענטשן מיך געבעטן וועגן שלוימען אָנשרײַבן.

אויב עס האָט זיך מיר דאָ אײַנגעגעבן אָנצייכענען זאָל זײַן בלויז אייניקע שטריכן צום בילד פון אָט דעם זעלטן שיינעם מענטשן, וועל איך האָבן דעם געפיל, אז כ'האָב א קליינעם טייל פון מײַן כויוו בארעכטיקט.

אוראַן גוראַלניק

נעכטן, הײַנט, מאָרגן

צען יאָטן פונעם עלפטן צימער

אַמאָליקע יאָרן איז קימאַט אין יעדער שטוב געווען אַ פאַמיליע־אלבאָם. ער איז געווען כּאָשעוו, און מע האָט מיט אים שטאָלצירט. מע האָט אים געעפנט פאַר געסט, דער־קלערנדיק דערבײַ: „דאָס איז אונדזער ניומאָטשקע, ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ האַלב יאָר“, „און דאָס איז אונדזער העניעטשאָטשקע אין טאָג פון דער כּאַסענע...“

מע דאַרף ניט טרײַבן קיין לייצאָנעס איבער אַלטע אַלבאָמען, וואָס זײַנען מערסטנטייל אײַנגעוויקלט אין אויסגעקראָכענע סאַמעטענע טאָוועלעך. אַ מענטש וויל איבערלאָזן נאָך זיך אַ שפור, און דער מענטשלעכער זיקאָרן איז גאָרניט קיין זיכערער. פון פיל מענטשן, וואָס זײַנען אַוועק אויף יענער־וועלט, איז שוין מער גאָרנישט ניט פאַרבליבן, ווי די אָפּצוגן פון אָפּגעבליאַקעוועטע פאָטאָגראַפיעס. אָבער אין אונדזער ראַציאָנעלער צײַט זײַנען קיין פאַ־מיליע־אַלבאָמען ניט אָנגענומען. עס זײַנען פאַראַן אַפילו אַזעלכע שטרענגע מאָראַליסטן, וועלכע באַטראַכטן אָט די אומשולדיקע רעליקוויעס פון דער פאַרגאַנגענהײַט ווי רעשטלעך פון פיליסטערישער באַגרענעצטקײַט, באַגלײַך מיט זילבערנע לעפעלעך, קוויטן אויף די פענצטער, פייגעלעך אין שטײַגעלעך און אַנדערע אַטריבוטן פון קלוימערשטער קלײנבירגערלעכקײַט...

מיר, פאַרקערט, זײַנען ווײַט פון אַזאַ אומפּשאָרעדיקער באַציִונג צו פאָטאָ־אַלבאָמען. זיי זײַנען אָבער בײַ אונדז ניטאָ: ס׳איז פּאָשעט ניטאָ ווען צו פאַרנעמען זיך מיט זיי, אויסקלעפּן די פאָטאָגראַפיעס אויף די אַלבאָם־זײַטלעך. צופיל פאָטאָגראַפיעס זאַמלען זיך איצט אָן בײַ יעדן פון אונדז, אַז מע זאָל זיי קאָנען אַרײַנשטעלן אין די אַלבאָמען. אין אַ צײַט פון פאָטאָ־ליבהאָבערײַ, ווען קימאַט יעדער טראָט פונעם מענטשן — אָנהייבנדיק פון דעם וויגעלע און ביז דער קרעמאַטאָריע — ווערט פיקסירט אויף אויסערטס־פילבאַרע פּליאַנקעס, האַלט מען נאָכלעסיק די פאָטאָגראַפיעס אין קאָנווערטן, זיי זײַנען צעוואָרפן אין די ביכער־שראַנקען, וואַלגערן זיך אין די שופלאָדן פון די שרײַבטישן, און גאָר זעלטן, פאַרטראָגענע מיט די לויפּנ־דיקע טאָג־איניאָנים, דערמאָנט מען זיך צופעליק אין זיי. די הײַנטיקע טעמפּן און ריטמען פונעם לעבן זײַנען אַזעלכע, אַז דו באַווײַזסט ניט אומקוקן זיך אויפן נעכטיקן טאָג.

און דאָס איז בעפּײרעש אַ שאָד. פאָטאָגראַפיעס זײַנען בעקויעך אַרויסרופן אין אונדזער זיקאָרן אַ שטראָם אַסאָציאַציעס. פאָטאָגראַפיעס זײַנען ווערטפולע אײדעס פון דער פאַרגאַנ־גענהײַט, אָביעקטיווע, ניט געפעלשטע.

זאָל מען מיר מויכל זײַן די פאַרצויגענע, באַפאַרבטע אין סענטימענטאַלע טענער אָפּווענ־דונג פון דער טעמע. איך האָב זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן פאָטאָגראַפיעס ניט קלאָל אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. נִיט לאַנג צוריק, פּרוּווּנדיק (שוין דאָס וויפלטע מאָל...) מאַכן אַן אָרדענונג אין מײַנע פּאַפּירן, גריבלענדיק זיך אין אַלטע בריוו און קסאַוויאָדן, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פאַרגעלטער, מיט אָפּגעריסענע עקן, פאָטאָגראַפיע. גיכער פון אַלץ פונעם סאָף 1938 — אָנהייב 1939 יאָר.

נײַן יונגע פּענעמער. ערנסטע און שמייכלענדיקע. פאַרטראַכטע און זאָרגלאָזע. מיר זײַנען פאָטאָגראַפירט אויפן פאָן פון אַ גרויסער — איבער דער גאַנצער וואַנט — געאָגראַפישער קאַרטע פון דער וועלט. אויף דער צווייטער זײַט זײַנען מיט בלאַס־גרינעם טינט פאַרשריבן (איך דערקען מײַן האַנטשריפט) אומבאַהאָלפענע פערזן וועגן דעם, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען יעדערער פון אונדז, אויפן ווײַטן מיזרעך, צי אין סיביר, אויף די בערג פון פּאַמיר, צי ערגעץ אַנדערש, וועט, אַ קוק טוענדיק אויף אָט דער פאָטאָגראַפיע דורך זקיינישע ברילן, זיך דערמאָנען אין אונדזער יוגנט און אין אונדזער גאַנצער כעווּרע. איך דערקען אונטער דער ליד די דײַטלעכע אונטערשריפטן פון דימיטרי סיווקאָוו, באָריס שנײַדערמאַן און ניקאָלײַ אושאַקאָוו. די איבעריקע פאַמיליעס איז גאַנץ שווער צו פאַנאַנדערקלײַבן, אַזוי זײַנען זיי פאַרדרייט.

פאַרזעצונג. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 9.

איך געדענק ניט, בא וועלכע אומשטענדן האָט אונדז פאַרייביקט דער צענטער אײַנוווינער פון דעם עלפטן צימער פון דער סטודענטישער צוזאמענוווינונג אַף סטראָמינקע — א מאָסקווער גאַס, וואָס שפּרייט זיך אויס פון דעם פּאַרק סאָקאָלניקי ביז צו דעם טײַכל יאַוזע. דאָס איז געווען דער עלטסטער און סאמע באדאכטער צווישן אונדז, דער נעכטיקער דאָנעצער שאכטיאָר, דער אוקראַיִנער דראָזד. ער איז אלט געווען מיסטאם א יאָר דרײַסיק, ניט מער. נאָר אונדז, די זיבעצן־אכצניאָריקע, האָט ער זיך אויסגעדאכט ווי א זאָקן פון אבכאזיע, וועלכער לעבט שוין דעם צווייטן יאָרהונדערט. דראָזד האָט עטלעכע יאָר געארבעט אין שאכטע און אָנגעזאמלט א ביסל געלט. ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן אײַנצושאפן אזא לוקסוס, ווי א פאָטאָ־אפּאַראַט. מיר, סטודענטן, האָבן וועגן דעם אפילע טרוימען ניט געקאָנט.

דאָס לערנען אפן היסטאָרישן פאקולטעט פונעם פעדאגאָגישן אינסטיטוט איז דראָזדן געגאנגען גאנץ שווער. רוסיש האָט ער באהערשט שוואך. דראָזד האָט געענדיקט די דאָרפישע שול מיט א סאך יאָרן צוריק און האָט שוין באוויזן צו פארלירן א טייל פון דעם באשיידענעם וויסן, וואָס די שול האָט אים געגעבן. אָבער אָט דער מעכטיקער, געזעצטער, עטוואָס סוטולער מענטש מיט הענט — ברייטע ווי לאָפּעטעס, איז געווען אומדערמידלעך: ער האָט זיך אײַנגעהריזעט אין דער וויסנשאפט, ווי אין א פלאסט אנטראציט. מעסלעסנווײַז האָט ער געקאָנט זיצן איבער די קאָנספּעקטן. שווער האָט זיך אים געגעבן לאטײַן. ער האָט געהינקט אויך אין אנדערע דיסציפּלינעס.

ס'איז ניט קיין וווּנדער, וואָס אָט דער פעטער האָט בא אונדז, יאַטלעך, אין די אויגן אויסגעזען ווי אן אומבאהאָלפן קינד. און מיר האָבן גענומען אַף אים שעפטום. יעדער איינער האָט מיט עפּעס געהאָלפן דראָזדן — ווער אין געשיכטע, ווער אין דער אלטגריכישער מיפאָלאָגיע, ווער אין די סוידעס פון גראמאטיק. דאָס איז געטאָן געוואָרן איידל, ווי אומגערן. און דראָזד האָט געענטפערט אַף גוטס מיט גוטס. זײַנע קאָנסולטאנטן האָט ער פון צײַט צו צײַט אונטערגעהאָדוועט מיט געשמאקן אגאטאָוון שפּיק, וואָס די מאמע האָט געשיקט איר זון פונעם דאָרף אַף דער פּאָלטאַוושטשינע.

האקלאל, די דאָזיקע פאָטאָגראפיע איז געבוירן געוואָרן אדאנק דראָזדן. ער אליין איז, פארשטייט זיך, דאָ ניטאָ. אָבער די גאנצע גוואַרדיע איז פאָטאָגראפירט אין פולן באשטאנד. אין דער צווייטער ריי אין עק פון רעכטס שטייט מײַן און דראָזדס א זעמליאַק, א לערער פון הינטער מאָהיליאָוו־פּאָדאָלסק. ער איז אָנגעקומען אפן געאָגראפישן פאקולטעט, קעדיי צו העכערן זײַן קוואליפיקאציע. דער שיינער באָכער אין צענטער, וואָס איז העכער פון אונדז אלע, א זון פון א יעגער פון דער סיבירער טײַגע, איז א סטודענט פון ביִאָלאָגישן פאקולטעט. באָרקע שנײַדערמאַן איז געקומען פון אָרענבורג. לינקס שטייען דימע סיווקאָוו און קאָליע אושאקאָוו,ביידע היסטאָריקער, קינדער פון דוירעסדיקע רוסישע לערער. איך זיץ אין איין ריי מיט וואָלקאָוון, א באָכער פון דער שטאָט מיכײַלאָוו, ריאזאנער געגנט. פון ביידע זײַטן זיצן מיט מיר באנאנד א טשוּוואש און א מאָרדווין — א געאָגראַף און א מאטעמאטיקער.

אין אונדזער צוזאמענוווינונג אַף סטראָמינקע, באם ברעג פון דער יאַוזע, וואָס איז נאָך דעמלט ניט געווען אָנגעטאָן אין די עלעגאנטע גראניט־ברעגן, זײַנען אזעלכע צימערן, ווי דער עלפטער, געווען עטלעכע הונדערט. די צוזאמענוווינונג האָט מען גערופן: דאָס צענטראלע סטודענטישע שטעטל. פיר קאָרפּוסן האָבן געבילדעט אן אָפּגעשלאָסענע קארע. אינווייניק איז געווען א שטילער סאָד. אַף די בענק האָבן דאָ קײַלעכדיקע מעסלעסן דעזשורעט פארליבטע פּאָרלעך, אָבער דעריקער האָבן דאָ געשוויצט איבער די לערנביכלעך סטודענטן, באלעסטיקטע מיט „עקן", דאָס הייסט די, וואָס האָבן ניט צעצאָלט זיך מיט זייערע אקאדעמישע כויוועס.

שײַעך צו ריידן, דאָס צענטראלע סטודענטישע שטעטל (צ.ס.ג.) איז ניט צו פארגלײַכן מיט די הײַנטצײַטיקע צוזאמענוווינונגען. די לאַנגע פינצטערלעכע קאָרידאָרן האָבן זיך געצויגן אָן א סאָף. קיין האָלן זײַנען אינגאנצן ניט געווען. צימערן גרויסע, אָבער גדיכט באזעצטע. שמאָלע בעטלעך, אײַזערנע, ספּארטאניש פארפּראווועטע מיט מולטענע שיטערע איינפארביקע קאָלדרעס. אפן ערשטן עטאזש, אונטער א נידעריקן סופיט — א ביבליִאָטעק מיט ענגע לייען־זאלן. באנאנד — די סטודענטישע גאָרקיך, וואָס האָט פארשפּרייט א שטאנדהאפטיקן רייעך פון זופּ מיט זויער־קרויט און וואָלוועלע קאָטלעטן מיט ווערמישעל. אין הויף — א באָד, א וועשערײַ, א פּאָסט־אָפּטיילונג, קינדער־יאַסליעס און א קינדערגאָרטן. אגעוו, איז דער סטיכיייִשער פּראָצעס פון אויסבילדן יונגע פאמיליעס געווען א גאנץ אינטענסיווער. עס האָבן כאסענע געהאט ניט בלויז די סטודענטן פון די עלטערע קורסן, נאָר אויך די גרינע יוגנט, ווי די אדמיניסטראציע האָט זיי גערופן. מיט קיין באזונדערע אפּארטאמענטן האָט מען די סטודענטישע מישפּאָכעס ניט באזאָרגט. פונדעסטוועגן פלעגן די נײַע פּאָרלעך עפּעס אַף א ווונדערלעכן אויפן באווײַזן אָפּגעבן עקזאמענעס, דורכגיין פעדאגאָגישע פּראקטיק, גרייטן דעם דיפּלאָם און דערבײַ שטעלן אַף די פיס זייערע קינדער.

אין צענטראלן סטודענטישן שטעטל האָבן מערסטנס געוווינט באגײַסטערטע, ראָמאנטישגעשטימטע יִינגלעך פון האָרעפּאשנע פאמיליעס, וועלכע זײַנען ניט געוווינט געווען צו קיין שטייגער־לוקסוס. באפרידיקט מיט סאמע נייטיקן, זײַנען מיר גענייגט געווען צו זען אין אונדזער צוזאמענוווינונג שיר ניט דאָס פּאָרבילד פון דער ליכטיקער צוקונפט. ניקאָלײַ

אושאַקאָוו, אַ דווירעסדיקער היסטאָריקער, וועלכער האָט זיך אָנגעלייענט נאָך אױף דער שול־באַנק מיט קאַמפּאַנעלעס „שטאָט פון זון", מיט די ווערק פון די סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן סען־סימאָן, אָוען, פוריע, מיטן פערטן כאָלעם פון ווערא פּאַוולאָוונאַ אין טשערנישעווסקיס „וואָס דאַרף מען טאָן?" — אָט דער קאָליע אושאַקאָוו האָט אונדז אַפילו פאַרזיכערט, אַז דאָס צענט־ראַלע סטודענטישע שטעטל איז אין פּרינציפּ ניט בלויז אויסערלעך ענלעך אױף אַ פאַלאַנ־סטערע. קאָן זײַן, אַזוי איז טאַקע געווען. קיין קאָמפאָרט איז ניט געווען, אַלץ איז געווען באַשיידן, לויט די הײַנטיקע סטאַנדאַרטן — אַפילו אָרעם. איבער אונדז האָט אָבער געשוועבט דער גײַסט פון צוקונפט.

וואָס איז דאָ שײַעך צו רײדן, אין יענע פאַרמילכאָמעדיקע דרײַסיקער יאָרן האָט זיך געלעבט שווערלעך. די מעלוכע האָט אונדז געלערנט אומזיסט, באַזאָרגט מיט לערן־מאַכשי־רים, אויסגעצאָלט אונדז סטיפּענדיעס. אָבער די סטיפּענדיע האָט, געוויינלעך, ניט געקלעקט אױף אַלץ. אויסרעכענען אױף הילף פון דער היים האָבן מיר ניט געקענט. דעריבער האָבן מיר געלעבט מער ווי באַשיידן. אין קלוב אױף טענץ איז מען געגאַנגען לויט דער ריי — עס זײַנען געווען צוליב דעם צוויי מער אָדער ווייניקער אָנשטענדיקע קורטקעס אױף צען מענטשן. מיט הויזן איז די לאַגע ביכלאַל געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע: זיי זײַנען גיך אויסגעריבן געוואָרן פון שטענדיקן זיצן אױף די בענק אין די אַאודיטאָריעס און אין לייענזאַל.

קימאַט אַלע האָבן מיר זיך געסטאַרעט געפינען עפּעס אַ זײַטיקע אַרבעט. אױפן ערשטן קורס פלעגן מיר באַנאַכט אויסלאָדן וואַגאָנעס מיט גאָרטנוואַרג. אין די פרײַע טעג פלעגן מיר זיך פאָטאָגראַפירן אין „מאַספילם" אין די מאַסן־סצענעס אַלס סטאַטיסטן. אונדזער עלפ־טער צימער האָט אין פולן באַשטאַנד זיך פאָטאָגראַפירט אין אײנעם עפּיזאָד פון דער אײַז־שלאַכט אין סערגיי אייזענשטיינס פילם „אַלעקסאַנדער נעווסקי". און ניט בלויז אין דעם דאָזיקן פילם.

געלעבט האָט זיך אין אַלגעמיין שווער. פאַרוואָס זשע דערמאָנען מיר איצט יענע יאָרן מיט אַ ליכטיקן געפיל פון דאַנקבאַרקײַט? פונעם זיקאָרן זײַנען פאַרשוווּנדן דעטאַלן, אָבער עס איז פריש געבליבן דער געפיל פון עכטער ברידערשאַפט. מיר, „קינדער פון פאַרשיידענע פעלקער", ווי מע זינגט אין אַ הײַנטצײַטיקער פּאָפּולערער ליד, האָבן געלעבט מיט איין טרוים, אונדז האָבן פאַראייניקט אַלגעמיינע אידעאַלן. דאָס, וואָס גראָד אונדז, אָט די צען יאָטן, איז באַשערט געווען ווערן אײנעם צוויי יאָר, איז, נאַטירלעך, אַ צופעליקײַט. אױף אונדזער אָרט האָבן געקאָנט זײַן אַנדערע יאַטן. אָבער געזעצמעסיק איז געווען דער כאַראַקטער פון די באַציִונגען, וועלכע האָבן גלײַך זיך אײַנגעשטעלט בא אונדז.

איך בין ווײַט ניט געניי גט צו באַטראַכטן דורך אַ ראָזעווע רויכל יענע טעג, וואָס זײַנען שוין פאַרשוווּנדן. ווי ווײַט אָבער די אַלטעגלעכע קליינינקײַטן פאַרשטעלן אין אייניקע זיכ־רוינעס דעם איקער, דאָס, וואָס האָט באַשטימט דעם טאָך.

אױף דער טיר זײַנען געהאַנגען די „טאַקאָנעס פון אינערלעכער אָרדענונג", וועלכע עס האָט אונטערגעשריבן דער קאָמענדאַנט פון דער צוזאַמענוווינונג און עס האָט באַגיטיקט די אויסגעוויילטע לערן־ און שטייגער־קאָמיסיע. אין אָט די טאַקאָנעס איז פאָרויסגעזען געווען אַ סאַך זאַכן. אָבער עס איז מיט גאָרנישט ניט דערמאָנט געוואָרן, אַז די אײַנוווינער פונעם צימער דאַרפן טיילן צווישן זיך אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן. און מיר האָבן שיִר ניט פונעם ערשטן טאָג, וואָס מיר האָבן זיך באַקענט, ברידערלעך זיך געטיילט אײנער מיטן צווייטן מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט, — מיט וויסן, מיט שפּײַז־פּראָדוקטן, און מיט אַ קאָפּעקע, וואָס איז פאַר קיינעם פון אונדז ניט געווען איבעריק. אַמאָל פלעגט עמעצער פון אונדז באַקומען אַ שפּײַז־פּעקל, דעמלט פלעגט זײַן אַ רויט יאָמטעוודיק בלעטל אױפן קאַלענדאַר. אױף אַ ברייטן טיש, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוווּסט פון קיין טישטעך און איז שטענדיק געווען פאַרגאָסן מיט טינט, האָט מען אויסגעשפּרייט צײַטונגען, אויסגעשיט פונעם קעסטל אָדער פון דער זאַקענער טאָרבע, וואָס דאָרטן איז געווען, און אַ פּאָר טעג פלעגן מיר אַרומגיין זאַטע.

אַ באַזונדער דערפּאָלג האָבן געהאַט די פלעצעלעך, וועלכע מײַן וויניצער באָבע פלעג שיקן צו די גרויסע יאָמטויוועם. אַ פּאָר מאָל האָט זי אונדז דערפרייט מיט לעקעך און שטרודל. אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז פון אַזאַ פּאָסילקע קיין שפּור ניט געבליבן. איך פלעג דערקלערן מײַנע פרײַנט, אַז דאָס איז עכט נאַציִאָנאַלער געבעקס, אַ טראַדיציִאָנעל יידיש מײַכל. דער היסטאָריקער ניקאָלײַ אושאַקאָוו, וועלכער איז ביכלאַל געניי גט געווען צו פּי־לאָסאָפישע פאַראַלגעמיינערונגען, האָט טייקעף פאָרמולירט בא אָט דער געלעגנהײַט זײַנעם אַן אַפאָריסטישן עקספּראָמט, דער זין פון וועלכן עס באַשטייט דערין, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט דערגרייכט אַזאַ שטופּע אין קונסט פון קאָנדיטערײַ, איז אומשטערבלעך...

איך געדענק ניט קיין צופאַל, ווען בא אונדז, די אײַנוווינער פונעם צימער, זאָל פאָרקו־מען עפּעס אַן ערנסטער קאָנפליקט. און דאָ זײַנען דאָך געווען פאַרשיידענע מענטשן, אין פיל פּראָטים ניט ענלעכע אײנער אױפן צווייטן, און, אויב גלייבן אווטאָריטעטע פּסיכאָלאָגן, עקזיסטירט דאָך אַ מין באַריער פון „אומצוזאַמענדיקײַט".

עמעס, איך האָב, אייגנטלעך, ניט געקאָנט און ניט גאָר געשטרעבט באַזונדערס זיך צו דערנעענטערן, לעמאָשל, מיט דעם זעלבן קאָליע אושאַקאָוון. צו באָריע שנײַדערמאַן בין איך געווען, דעם עמעס זאָגנדיק, גלײַכגילטיק: אַ פײַן באָכערל, אָבער אַ גאַנץ ווײַטער פון יענע

אינטערעסן, וועלכע האָבן מיך דעמלט גערעגט. ווייניק אלגעמיינס איז געווען בא מיר אויך מיטן פּאַרבערענטן מאַטעמאַטיקער סאַשע וואָלקאָוו: יענער האָט טאָג און נאַכט געקישעפט איבער זײַנע פאָרמולעס, און אלנפאלס ביז דער באַקאַנטשאַפט מיט דער געלער סטודענטקע ריטע, האָט ער גאָרניט געזען ארום זיך.

דערפאר אָבער בין איך געווען שטאַרק באַפרײַנדעט מיט דימע סיווקאָוון. אונדזערע בעט־לעך זײַנען געשטאַנען אין איין ווינקל, און מיר האָבן געטיילט איין טומבאָטשקע, וווּ מיר האָבן געהאַלטן אייניקע זאַכן, ביכער, פאַרשיידענע קלייניקייטן. צום אָנהייב האָט מיך פאַר־ווּנדערט זײַן גוטמוטיקער שמייכל פון א פלעגמאַטיקער. מיסטאָם איז אויך אים געווען שווער זיך צוגעוווינען צו מײַן טעמפּעראַמענט. אָבער גאָר אײַנגיכן בין איך פאַשעט צוגעוואָקסן גע־וואָרן צו אָט דעם טיפּן, באַדאַכטן אָכערל, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין א פּראָוואָרפן רו־סיש שטעטל אין א פאַמיליע מיט פיל קינדער פון פּראָווינציעלע לערער.

מיר האָבן זיך אונטערשיידט איינער פונעם אנדערן ניט בלויז לויטן טעמפּעראַמענט און לויטן אָפּשטאַם, נאָר אויך לויט דער ניט גרויסער לעבנס־דערפאַרונג, וואָס מיר האָבן אָנגע־זאַמלט צו דער צײַט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט. דערפאַר איז אונדז געווען אינטערעסאַנט צו זײַן אינײנעם, האָגאַם מיר פלעגן אמאָל אויך זיך קריגן.

אינעם עלפטן צימער זײַנען געווען אויך „אינצידענטן". דער קריגערישער און זעלבסט־פאַרליבטער סיביריאַק וויקטאָר, דער שיינער באָכער, וואָס שטייט אין צענטער פון דער פאָ־טאָגראַפיע, האָט ליב געהאַט אָפּשפּעטן פון דראַזדן. דער גוטמוטיקער דראַזד האָט, געוויינלעך, קיין אכט ניט געלייגט דערויף. אָבער אמאָל פלעגט טרעפן, אז ער פלעגט ארויס פון די קיילים. דעמלט פלעגט ער מיט א שאַכטיאָרישן קלאַפּ אוועקלייגן דעם שלאַנקן זון פון דער סיבירער טײַגע. דער באָכער פון טשוואַשיע האָט מערסטנטייל געשוויגן. ער האָט ליב געהאַט הערן, וואָס אנדערע זאָגן. שנײַדערמאַן האָט אכטונג געגעבן אף זײַן אויסערלעכן אויסזען: מיט זײַן שוואַרצער קוטשמע האָר האָט ער אויסגעזען, ווי איינער פון די פּערסאָנאַזשן פון איוואַנאָווס בילד „קריסטוס באַווײַזט זיך דעם פאָלק". דער מאָרדווין פּיאָטער איז שטענ־דיק גרייט געווען אָפּצוטאָן א פריילעך שפּיצל. זײַנע שפּיצלעך זײַנען מערסטנטייל געווען אומשולדיקע, אָבער אייניקע פון זיי פלעגן אמאָל ארויספירן די כעוורע פון די קיילים. מע קאָן אָבער לאַנג ניט באַרויגעז זײַן אף א מענטשן, וועלכער איז פייִק אין א שווערער מינוט דיר אָפּגעבן דאָס לעצטע העמדל.

אז איך לייען די באַוווּסטע ליד פונעם אוקראַיִנישן דיכטער פּאַוולאָ טיטשינא „דאָס געפיל פון אן איינהײַטלעכער מישפּאָכע", דערמאָנט זיך מיר ניט ווילנדיק אונדזער סטודענטישער עלפטער צימער אלס א מין „מאָדעל" פון אונדזער געזעלשאַפט.

אומגעקערט זיך פון די לייענזאַלן און אַפּגיך איבערגעכאַפּט, וואָס ס'איז געווען, פלעגן מיר שוין, ליגנדיק אין די בעטלעך, ביז שפּעט אין דער נאַכט שמועסן און ריידן וועגן אלץ: וועגן אמאָל, הײַנט און מאָרגן; וועגן לעבן און וועגן קונסט, וועגן מאָראַל און פּאָליטיק. מיר האָבן געטרוימט. די מער באַריידעוודיקע האָבן דערציילט וועגן זייער היים, וועגן זייערע אייגענע, וועגן כאַווײרים פון שול און וועגן כאַווערטעס. די דעבאַטן פלעגן זיך פאַרציִען ביז האַלבנאַכט.

דער צוזאַמענבונד האָט אונדז קעגנזײַטיק באַרײַכערט. אינטערעסאַנט, וואָס באָריס שנײַדערמאַן, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין א פאַמיליע פון אן אָרענבורגער דאָקטער, האָט ניט געקענט ניט די שפּראַך, ניט די קולטור פון זײַנע עלטערן און האָט, ווײַזט אויס, ניט געפילט קיין נויטווענדיקייט דערצו, בייס דער רוסישער באָכער דימע סיווקאָוו האָט, פאַר־קערט, זיך געסטאַרעט ארויסבאַקומען בא מיר וואָס מער ידיִעס וועגן דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק. ער האָט מיט פאַרגעניגן איבערגעלייענט עטלעכע בענדער פון שאָלעם־אליי־כעמען און אנדערע ייִדישע קלאַסיקער, פאַרשטייט זיך, אף רוסיש. מיך, אלס קאָמענטאַטאָר, האָט ער פאַרוואָרפן מיט פראַגן. אף אייניקע פון זיי בין איך ניט געווען בעקויעך צו ענטפערן, פלעג מיר אויסקומען זיך אונטערקאָווען, וועגדן זיך נאָך דערקלערונגען צו כאַ־ווײרים, וועלכע האָבן זיך געלערנט אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פון אונדזער אינסטיטוט.

אין הארבסט 1939 האָט אונדזער צימער לויט מײַן איניציאַטיוו געמאַכט א „קולטמאַרש" אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער אף דער שטעלונג „קיניג ליר". איך מיט דימע סיווקאָוון זײַנען געווען אָפטע געסט פונעם מיכאָעלס־טעאַטער. מיר האָבן געזען לערמאָנטאָווס „שפּאַניער" און האַלקינס „באַרקאָכבא", די שטעלונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק. איך בין געווען בא דימען אן איבערזעצער, און מיר דאַכט, אז מיט אָט דער פונקציע האָב איך זיך ניט שלעכט ספּראַוועט.

איך שטעל זיך איצט פאָר, אז אין די שטעלונגען פון גאָסעט האָט פיל אים געמוזט זיך דאַכטן עקזאָטיש, אפילע — עקסטראַוואַגאַנט, עפּעס־וואָס פאַשעט ניט פאַרשטענדלעך. אָבער אָט דער רוסישער אינטעליגענטער באָכער האָט מיט עכטן אינטערעס און מיט טיפער אופּ־מערקזאַמקײַט זיך באַצויגן צו די טראַדיציעס, מינהאָגים און זיטן פון מײַן פאָלק.

פון קליין־בראָנע ביז סטראָמינקע פלעגן מיר מערסטנטייל גיין צופוס איבער דעם באַנאַכטיקן בולוואַרן־רונג, און ווײַטער — פאַרבײַ די וואָקזאַלן און דעם פּאַרק „סאָקאָלניקי" —

ניט קיין קלײנער מעהאלעך. מיר האָבן אָבער דערמיט אײַנגעשפּאָרט אף טראַנספּאָרט. און דעריבער — ס'איז געווען גענוג צײַט זיך אָנצורעדן וועגן דעם, וואָס מיר האָבן נאָרוואָס געזען און געהערט. מיר פלעגן אפילע ניט באַמערקן די דורכגעשפּאַנטע קילאָמעטערס.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז דימע סיווקאָוו איז געוואָרן א גוטער לײענער און פּאַנאַ־טישער אַנהענגער פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונגען. ער האָט גרינטלעך, קימאַט פּעדאַנטיש צונויפגעזאַמלט א גאַנצע פּאַפּקע אויסשניטן פון אַרטיקלען וועגן דעם שרײַבער. דאָס לאַנד האָט אין יענעם יאָר ברייט און פײַערלעך אָפּגעמערקט דעם 80־יאָריקן געבורטסטאָג פונעם גרויסן ייִדישן קלאַסיקער־הומאָריסט, און עס זײַנען דערשינען א סאַך מאַטעריאַלן, געווידמעט זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. מיר מיט דימען האָט זיך אײַנגעגעבן זיך דורכשמוגלען אפן באַלקאָן פונעם קאָלאָנען־זאַל און בײַזײַן אפן יובליי־אָוונט. א באַגײַסטערטע רעדע וועגן דער וועלט־באַדײַטונג פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן, וועגן זײַן הומאַניזם האָט געהאַלטן אַלעקסאַנדער פּאַדייעוו. זײַן אויטאָריטעט בא דער סאָוועטישער יוגנט איז דעמלט געווען גאָר הויך. מיר האָבן געזען אין פּרעזידיום אויך אַנדערע באַרימטע קונסט־מײַסטערס, שרײַ־בער, וועמעס ווערק מיר האָבן געוווּסט נאָך פון די שול־כרעסטאָמאַטיעס.

וועגן דעם ווײַטערדיקן גוירל פון מײַנע שכיינים אין עלפטן צימער ווייס איך, צום באַדויערן, גאָר ווייניק. מיר האָבן דאָך געלערנט אף פאַרשיידענע פאַקולטעטן. צעשיידט האָבן מיר זיך אפן דריטן קורס, ווען מע האָט אונדז באַזעצט אין פאַרשיידענע צוזאַמענ־ווינונגען. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע... בלויז ניקאָלײַ אושאַקאָוון האָב איך צופעליק דערזען — א יאָר צען צוריק — דורכן פענצטער פונעם מעטראָ־צוג. ער איז געשטאַ־נען אף דער פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַנציע „ביבליאָטעק אף לענינס נאָמען" מיט א גאַנץ וואַגיקן פּאָרטפעל אין די הענט. אין עטלעכע יאָר אַרום האָט עמעצער פון די געוועזענע סטודענטן פונעם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט דערציילט, אַז אושאַקאָוו האָט געענדיקט די אַספּיראַנטור, איז געוואָרן א קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן, א דאָצענט.

עס וואָלט זיך וועלן וויסן, וואָס איז געוואָרן מיט דימע סיווקאָוון. אויב ער לעבט, איז ער, ווי איך, שוין אַלט העכער פופציק יאָר און איז אוואדע א טוער פון פאָלקס־בילדונג.

צי געדענקסטו, דימע, אונדזערע באַנאַכטיקע שמועסן, דיסקוסיעס? עפשער האָט בא דיר, דורך א נעס, זיך אײַנגעהיט דער עקזעמפּליאַר פון „בלאָנדזשנדע שטערן", וואָס איך האָב דיר געשענקט צו דײַן געבורטסטאָג?

איבערגעלייענט אין איין אָטעם דעם ראָמאַן, האָט דימע, געדענקט זיך, מיר געזאָגט:

— נאַיִוו, עטוואָס סענטימענטאַל, אויב דו ווילסט, אַפילע אַלטמאָדיש... אָבער אַזוי אופ־ריכטיק! אָט בא וועמען מע דאַרף זיך לערנען ליב האָבן דאָס פאָלק...

מײַן כאַווער האָט דעמלט נאָך ניט געוווּסט גאָרקיס אָפּרוף וועגן שאָלעם־אַלייכעמען. עס איז דעריבער מערקווירדיק און פילבאַדײַטנדיק אָט דער איבערוף.

די ערשטע שריט

לאָמיר זיך אומקערן א ביסל צוריק. איך האָב דאָך נאָך ניט דערציילט, וויאַזוי בין איך געקומען קיין מאָסקווע.

זומער 1938 האָב איך מיט דער אָפּשאַצונג „אויסגעצייכנט" געענדיקט צען קלאַסן פון דער ווינניצער דריטער מוסטער־שול און אָפּגעשיקט די דאָקומענטן אפן פילאָלאָגישן פאַקול־טעט פון מאָסקווער אינסטיטוט פאַר פילאָסאָפיע, ליטעראַטור און געשיכטע. וועגן אָט דעם אינסטיטוט זײַנען בא אונדז אין דער פּראָווינץ אַרומגעגאַנגען עמעסע לעגענדעס. דער נאָמען אַליין האָט שוין אויך עפּעס באַטײַט. אין „מיפלי" האָבן געאַרבעט פּראָפעסאָרן, וואָס זײַנען געווען די אויטאָרן פון אונדזערע לערנביכער. דאָרטן האָבן געלערנט יינגלעך און מיידלעך, וואָס פיל פון זיי איז באַשערט געווען צו ווערן א שײַנדלינג פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָ־וועטישער ליטעראַטור. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי, וואָס איז געווען באַלוינט מיט א לענין־אָרדען פאַר דער וווּנדערלעכער פּאָעמע „דאָס לאַנד מוראַוויִא", איז אין יענע יאָרן געווען א סטודענט פון אָט דעם אינסטיטוט. פונדאַנען איז אוועק אפן פראָנט פּאַוועל קאָגאַן, דער אויטאָר פון דער באַוווּסטער ליד פון יונגע ראָמאַנטיקער „ברי־גאַנטינע".

אַנצוקומען אין „מיפלי" האָבן געטרוימט א סאַך...

איך בין געווען אין דעם דאָזיקן אינסטיטוט נאָך אין 1936 יאָר. צוזאַמען מיט נאָך פופצן שילער פון אוקראַיִנע בין איך דעמלט געקומען קיין מאָסקווע אף אן עקסקורסיע. מע האָט אונדז אײַנגעאָרדנט אין דער אַלפאַרבאַנדישער טוריסטישער באַזע פאַר פיאָנערן. דער לע־גענדאַרישער אינסטיטוט „מיפלי" איז געווען קימאַט באַנאַנד. איך האָב באַקוקט די אַאודי־טאָריעס, געבלאָנדזשעט איבער די פּוסטע הילכיקע קאָרידאָרן (ס'איז געווען זומער, אין דער קאַניקול־צײַט), געקוקט אף די פּאָרטרעטן פון די געלערנטע און פון די גענאַלע וואָרט־מײַסטערס, כ'האָב געלייענט און איבערגעלייענט די לידער און פּאַראַדיעס, וואָס זײַנען גע־

ווען געדרוקט אין וואַנטצײַטונגען פון די פאַקולטעטן: צײַטונגען זײַנען געווען אַ סאַך, און זיי זײַנען געהאַנגען אַף אַלע עטאַזשן.

שוין דעמלט האָב איך זיך געגעבן דאָס וואָרט זיך אומקערן אַהער אין צוויי יאָר ארום: איך האָב קיין מינוט ניט געצווייפלט, אַז איך וועל זײַן אַ סטודענט פון „מיפלי" (די יוגנט איז זיכער אין אירע קויכעס).

אָפּגעשיקט די פּאַפּירן קיין מאָסקווע, בין איך אוועקגעפאָרן אין שטעטל ליטין, הינטער ווינניצע, צו דער מומע גיטל.

וועגן איר דאַרף איך זאָגן כאָטש אַ פּאָר ווערטער — די מומע גיטל האָט פאַרדינט אַ גוט וואָרט.

די מומע גיטל איז מײַן מאַמעס אַ שוועסטער. די מאַמע מײַנע איז געשטאָרבן פון טיי־פוס אין יאָר פון מײַן געבוירן. קיין קינדער האָט די מומע ניט געהאַט. איר גאַנצע מוטער־ליבע האָט זי געשענקט דער פּלעמעניצע קלאַרע, דער טאָכטער פון דער עלטערער שוועס־טער, וואָס איז פרי געבליבן אַן אַלמאָנע. קלאַרע האָט געלעבט ווי אַ פּרינצעסע, ארומגע־רינגלט מיט זאָרג און מיט ליבע. דעם דאָזיקן מיידל האָט געפעלט, ווי מײַן באָבע האָט געזאָגט, נאָר פויגל־מילך. די מומע גיטל האָט אָבער געהאַט אַ ברייטע נשאָמע, און ס'איז געווען באַ איר אַ ווינקל אויך פאַר מיר, דעם יאָסעמל פון דער פאַרשטאָרבענער שיינהײַט ליזע. ווי עס זאָל ניט זײַן, פלעג איך אַלע יאָר אין די פרײַע זומער־כאָדאָשים פאַרברענגען אין ליטין. דאָס זײַנען געווען די בעסטע טעג פון מײַן לעבן; וועגן זיי וואָלט איך געקאָנט דערציילן אָן אַ סאָף: וועגן דעם באָדן זיך אין דעם קאַלטן טײַכל, וואָס האָט גיך געשטראָמט און זיך געבויגן און געדרייט, ווי אַ שלאַנג, צווישן גערטנער און סעדער; וועגן דער פרײַנטשאַפט מיט די שטעטלדיקע און דאָרפישע כעווריע, וועגן אונדזערע רעידן נאָך עפּל; וועגן מיליטערישע שפּילן, וואָס עס פלעג צוטראַכטן מײַן שוועסטערקינד מאָטל און וועלכער איז אין צען יאָר ארום אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר קערטש.

דער מומע גיטלס מאַן, דער סטאָליער הערץ, איז געווען באַרימט אינעם גאַנצן ארום. מיט זײַנע גאָלדענע הענט האָט ער אויסגעבויט צענדליקער געבײַדעס אין ראַיצענטער און אין די ארומיקע דערפער, געמאַכט שאַפעס און בופעטן, סטעלאַזשן אין די קלייטן, געלייגט דילן אין די קלובן, געשטעלט צײַטונגס־קיִאָסקן און פּאַווילִיאָנען פאַר די ערשטע אויס־שטעלונגען פון די דערגרייכונגען פון דער פאָלקסווירטשאַפט. די מומע גיטל האָט זיך אין גאָרנישט ניט געניייטיקט. זי איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע, אַ בעריע, וועלכע האָט פײַנט געהאַט בעטאַכלעס־סינע אומאָרדענונג און שמוץ. דאָס הויז האָט זי געהאַלטן אין אידעאַלער ריינקײַט. באַ דער שטוב איז געווען אַ גאָרטן און אַ סאָד, אין שטאַל — אַ בעהיימע, אויפעס. די מומע פלעגט אופשטיין פאַרטאָג, ביז זון־אויפגאַנג אויסמעלקן די קו, גרייטן מיטיק, אופּראַ־מען, און אזייגער נײַן איבערבינדן די שוואַרצע האָר מיט אַ רויט טיכל און גיין אין דאָרפּראַט.

פון זינט איך געדענק זי, איז זי געווען פון די ערשטע אַקטיוויסטקעס. נאָך אַ קינד פון פאַרשול־עלטער, פלעג איך ארומפאָרן מיט דער מומען אין דער בריטשקע פונעם דאָרפּראַט איבער די דערפער, אַף וועלכע דאָס שטעטל האָט גענומען שעפטום. די צײַט איז געווען אַן אומרויִקע — ווי־ניט־ווי האָט מען דערמאָרדעט אַקטיוויסטן; סאָף צוואַנציקער — אָנהייב דרײַסיקער יאָרן, אין דער צײַט פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, האָבן אַף פּאָדאָליע אַרודעוועט באַנדעס. דאָס צערײַסטע באַלעגופּנטום האָט פאַרן שענדלעכן פינאַל ארויסגע־שטעלט נעגאַל.

ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע האָט מען דעם דעפּוטאַט, די מומע גיטל, אויסגעווײלט אַלס פאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פונעם שטעטלשן ראַט. די מומע איז געווען ווייניק־גראַמאָטנע, זי האָט קוים געקענט שטעלן איר כסימע אַף די מעלוכע־פּאַפּירן. זי האָט אָבער געהאַט אַ ניכטערן סייכל, אַ פּראַקטישן פאַרשטאַנד און אַ גוט האַרץ. ס'איז דעריבער קיין כידעש ניט, וואָס די גאַנצע באַפעלקערונג — די יִידישע, אוקראַיִנישע, רוסישע — האָט געקענט די מומע גיטל און האָט זיך צו איר באַצויגן מיט אַכטונג. און איך האָב אוואַדע שטאָלצירט מיט איר, און, אומקערנדיק זיך פון די קאַניקולן אַהיים, פלעג איך דערציילן וועגן איר גאַנצע געשיכטעס.

די מומע גיטל איז אין טאָך געבליבן די זעלבע ביזן סאָף פון איר לעבן. פון דער עוואַקואַציע האָט זי זיך אומגעקערט אַ געעלטערטע. אָבער זי האָט, ווי פריִער, ניט פאַר־לאָזט די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ניט פאַרגעסנדיק דערבײַ אויך אירע שטוב־היסכײַוועסן. עמעס, דאָס רויטע טיכל האָט זי איצט פאַרביטן אַף אַ שוואַרץ שאַלעכל, וואָס איז איר פאַרבליבן בעירושע פון מײַן עלטערבאָבען. די מומע גיטל האָט געפּראַוועט טרויער איבער די דערמאָרדעטע קרויווים, שכיינים. וועגן אירע איבערלעבונגען אין די יאָרן האָט מען געקאָנט אורטיילן לויט די טיפע קנייטשן און גראָווע האָר...

אויב אײַך וועט אַמאָל אויסקומען דורכצופאָרן איבער דער אַוטאָסטראַדע פון קיִעוו קיין לעמבערג דורך ווינניצע און כמעלניק, אויב איר וועט האָבן אַ פרײַע מינוט, כאַפּט אַ קוק אַפן שטילן יִידישן בעסוילעם, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט לינקס פון דעם באַלעבטן וועג, גלײַך פון יענער זײַט ליטין. שטעלט זיך אָפּ באַ דער באַשיידענער מאַציייווע פון גיטל בוכ־

בינדער, דער ייִדישער פּרוי, וועלכע האָט פאַר איר לאַנגן לעבן געטאָן מענטשן גוטס און האָט אַליין איבערגעטראָגן בערג מיט צאָרעס.

דעם פעטער הערץ, וועלכער איז געבליבן אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, האָבן די דײַטשישע עסעסאָווצעס צוויי מאָל געפירט שיסן. דאָס ערשטע מאָל, ווײַל ער איז געווען דער מומע גיטלס מאַן, דאָס צווייטע מאָל — צוזאַמען מיט אַלע ייִדן. זײַן ברודער, אויך אַ בויער, האָט מען דערמאָרדעט צוזאַמען מיט דער גרויסער פאַמיליע און מיט דער אַלטער מוטער. הערץ איז ניצל געוואָרן דורך אַ נעס: אים האָט געראַטעוועט זײַן קלאָרער סייכל און זײַן אויסערגעוויינלעכע פיזישע קראַפט. קימאַט אַ יאָר האָט אים אין אונטערערד באַהאַלטן פון די דײַטשן און די פּאָליצײַען אַן אוקראַיִנישע פרוי. אַ פּויערטע, וואָס איז ביז דער מילכאָמע געווען באַקאַנט מיט די בוכבינדערס גאַר פונווײַטנס. נאָך דער מילכאָמע האָט דער פעטער הערץ ביזן לעצטן אָטעם פאַרגעזעצט זײַן אַרבעט: ער האָט געבויט און רעמאָנטירט, אופגעשטעלט דאָס רויִנירטע און פאַרברענטע. ביז הײַנטיקן טאָג קאָן מען נאָך זיך אָנשטויסן אין ליטין אויף די שפּורן פון זײַנע מידלאָזע גאָלדענע הענט.

...האָב איך, הייסט עס, אָפּגעשיקט די פּאַפּירן קיין מאָסקווע און בין, ווי שטענדיק, אוועקגעפאָרן צו דער מומע גיטל זיך אָנעמען מיט קויכעס — אָפּרוען נאָך די אַרויסלאָזעקזאַמענעס און ביזן אָנהייב פונעם לערניאָר אין אינסטיטוט. און פּלוצעם, דעם 28 אווגוסט, דרײַ טעג פאַרן אָנהייב פונעם לערניאָר, באַקום איך אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע: „די צאָל אויסגעצייכנטלער איז גרעסער פון דער צאָל ערטער. אין אופנעם אָפּגעזאָגט. קאַרפּאָווא".

מיט אַ צײַט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז קאַרפּאָווא — דער דירעקטאָר פון „מיפּלי" — איז אַן אַלטער קאָמוניסט און אַ גוטער מענטש. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אַליין זיך איבערצײַגט, אַז די צאָל אַביטוריִענטן, וועלכע האָבן געענדיקט די מיטלשול אויף אויסגעצייכנט און האָבן די רעכט צו ווערן אָנגענומען אויסערן קאָנקורס, איז ווירקלעך העכער פון דער צאָל ערטער (9 מענטשן אויף איין אָרט). דערבײַ האָבן דעם פאַרצוג די מאָסקווער, וועלכע נייטיקן זיך ניט אין קיין צוזאַמענוווינונג. אָבער דעמלט, אין ליטין, ווען איך האָב געהאַלטן אין די ציטערנדיקע הענט די שרעקלעכע טעלעגראַמע, האָב איך — אַ ביזאָיען זיך מוידע צו זײַן — געוויינט מיט ביטערע טרערן. סטײַטש, — „אָפּגעזאָגט אופנעמען" מיך, דעם „אָטליטשניק" פון דער דריטער ייִדישער מוסטער־שול, דעם אַנערקענטן פּאָעט, דעם „לאַורעאַט" פון דעם אַלוקראַיִנישן קאָנקורס פון יונגע ליטעראַטן, דעם סעקרעטאָר פון דער קאָמיוגישער שול־אָרגאַניזאַציע, דעם יונקאָר?...

וואָס האָט מען אָבער געקאָנט מאַכן? דער פעטער הערץ, וועלכער איז געווען באַצאָרנט ניט ווייניקער פון מיר, האָט מיר דערמאָנט אײנעם רוסישן ווערטל, אַז „מאָסקווע גלייבט ניט קיין טרערן", — „דו ביסט שוין ניט קיין קליינינקער, פאָר און דערשלאָג זיך".

מײַנע אייגענע האָבן זיך מעיאשעוו געווען, צונויפגענומען אַ ביסל געלט, מיר געקויפט אַ בילעט מיט אַ פּלאַצקאַרט אינעם שנעל־צוג „אָדעס — מאָסקווע", און אין צוויי טעג אַרום בין איך געזעסן אין אופנעם־צימער באַם דירעקטאָר פון „מיפּלי" קאַרפּאָווא. פון דער זײַט האָט מיסטאַמע געלוינט אַ קוק צו טאָן אויף דאָס פרעכטיקע בילד.

צו זיבעצן יאָר בין איך ניט געווען קיין גיבער, כ'בין געווען קליינוווקסיק, מיט שמאָלע פּלייצעס. דערפאַר האָט אָבער מײַן קאָפּ באַקרוינט אַ קוטשמע האָר, מיט וועלכער ניט יעדער שערער האָט זיך געקאָנט ספּראַווען. אין מײַנע אויגן איז מיסטאַמע ניט שווער געווען צו דערקענען, וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

פאַר די אַכט און פערציק שאָ, זינט איך האָב באַקומען די טעלעגראַמע, איז מיר גענוג אָנגעזאָטן אויף דער נעשאָמע. אין צוג האָב איך אײַנגעכאַזערט די פראַזעס, מיט וועלכע איך וועל פּריטשמעליען די דירעקטריסע. דאָרט האָבן מײַנע אַרגומענטן מיר אויסגעדאַכט צו זײַן ווירדיקע און איבערצײַגעוודיקע. נאָר ווי נאָר ס'האָט זיך געעפנט די טיר פונעם קאַבינעט און איך האָב דערזען קאַרפּאָווען — אַן עלטערע פרוי מיט אַ מיד פּאָנעם, וואָס האָט מיט עפּעס מיר דערמאָנט מײַן מומע גיטל, האָב איך זיך אײַנגאַנצן פאַרלוירן. כ'האָב פאַרגעסן אַלע צוגעגרייטע ווערטער, אַלע שיינע פראַזעס און זיך ביטער צעוויינט — דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס איך בין געווען שטאַרק מיד — די נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן.

דער צוג איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע שפּעט אין אָוונט. ס'איז געווען זונטיק. ווו זיך אָפּצושטעלן האָב איך ניט געהאַט. מיטן טראַמוויי האָב איך זיך דערקליבן ביז דעם סאָקאָלניקער פּאַרק און דאָרטן איבערגענעכטיקט אויף אַ באַנק. ס'איז געווען אַ וואַרעמע אווגוסט־נאַכט, מײַן זאַק מיט די זאַכן האָט מיר געדינט פאַר אַ קישן.

— קאַסאַטיק, — האָט קאַרפּאָווא אַ זאָג געטאָן און גאַנץ היימיש מיך אוועקגעזעצט אויפן ברייטן דיוואַן, — וואָס קאָן איך טאָן? זאָג אַליין: אויפן פּילאָלאָגישן איז קיין ערטער ניטאָ. דו ביסט פון אוקראַיִנע. קאָנסט אָנקומען אין קיִעווער, כאַרקאָווער, אָדעסער אוניווערסיטעט. און אַ מאָסקווער אײַנוווינער קאָן מען דאָך ניט פאַרלייגן פאַרלאָזן זײַן היים. דו ביסט אַן אָטליטשניק, אָבער ער איז אויך אַן אָטליטשניק...

איך געדענק ניט גענוי אַלע אירע רייד, זי האָט גערעדט מיט מיר לאַנג, איידל און האַרציק. בעסער וואָלט שוין געווען, ווען עס זאָל פאַר מיר זיצן עפּעס א ביוראָקראַט, א טשינאָווניק. אָבער וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן אָט דער איידעלער פרוי, וואָס האָט אזוי מיטפילנדיק געקוקט אַף מיר?

און מאָרגן הייבט זיך שוין אָן דאָס לערניאָר.

וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן? קאַרפּאָווא האָט מיר פאַרגעלייגט אָנקומען אַף א באַליביקן פאַקולטעט: אַפן פילאָסאָפישן, היסטאָרישן. איך האָב אויסגעקליבן געשיכטע. עטלעכע כאַדאָשים האָב איך געהערט לעקציעס וועגן אַרכעאָלאָגיע, אונטער דער אָנפירונג פון א באַוווסטן פּראָפעסאָר אַנטיילגענומען אין פאָרשן די אוראַלטע באַגראָבונגס־ערטער אונטער מאָסקווע. אַף דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט מען מיך, כ׳וויס אַליין ניט פאַרוואָס, אויסגעוויילט אַלס סטאַראָסטע פון קורס. נאָר פויעלן באַ זיך, אז איך וועל ניט זײַן קיין פילאָלאָג — אָט דאָס האָב איך ניט געקאָנט.

אין האַרבסט האָב איך לויט דער אייצע פון מײַן עלטערן שול־כאַווער דאַוויד רעזניק, וואָס האָט זיך געלערנט אַפן צווייטן קורס פון דער ייִדישער אָפּטיילונג אין אינסטיטוט אַף לענינס נאָמען, זיך געווענדט צום דעקאַן פונעם פאַקולטעט פון דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור צום פּראָפעסאָר פּיאָדאָר מיכײַלאָוויטש גאַלאָווענטשענקאָ. לויטן ערשטן אײַנדרוק האָט ער אויסגעזען צו זײַן א פלעגמאַטישער מענטש. אינדערעמעסן אָבער איז גאַלאָווענטשענקאָ געווען ענערגיש, באַדאַכט, און אָפט אומגעריכט אין זײַנע געניג.

איך בין געשטאַנען פאַר א ברייטפּלייציקן מאַן פון א יאָר פערציק, מיט א שיינער שעוועליורע פון גראָוו ווערנדיקע האָר. ווען ער וואָלט געווען געהאַלטן אין די ציין א קאַזאַקישע ליולקע, וואָלט ער אויסגעזען, ווי אן אייניקל פון גאָגאָלס טאַראַס בולבאַ. פּיאָדאָר מיכײַלאָוויטש האָט געהאַט א ווונדערלעכן באַריטאָן, עמעס, דאָס אַלץ האָב איך באַמערקט שפּעטער, ווען איך בין שוין געזעסן אַף די לעקציעס פונעם דאָזיקן פּראָפעסאָר, ווען איך האָב אים אָפּגעגעבן עקזאַמענעס. אָבער אין יענעם פאַרבלאָזן האַרבסטיקן אינדערפרי האָב איך, קעדיי צו דערווײַזן מײַנע געזעצלעכע רעכט אַף צו לערנען זיך גראָד אַפן פאַקולטעט פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, מיט א ציטערנדיקער שטים איבערגעלייענט א ייִדיש ליד, געווידמעט טאַראַס שעווטשענקאָן. ער האָט אופמערקזאַם מיך אויסגעהערט, סטאַרענדיק זיך, ווײַזט אויס, אופצוכאַפּן די מוזיק פון דער אומבאַקאַנטער שפּראַך. די ליד איז געווען א גאַנץ לאַנגע, יעדער טייל אירער האָט זיך אָנגעהויבן מיט אן אוקראַיִנישן עפּיגראַף פון דעם גרויסן קאָבזאַרס ווערק.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אָפיציִעל אַריבערגעפירט געוואָרן אַפן ערשטן קורס פונעם פאַקולטעט פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור פונעם מאָסקווער מעלוכישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף וו. אי. לענינס נאָמען.

אַך, די אויסשפּראַך!

אין דער געבײַדע, וואָס זעט אויס ווי א פּאַלאַץ מיט איר יאָמטעווודיקער קאָלאָנאַדע, אין דער געבײַדע, ווו ס׳האָבן מיט הונדערט יאָר צוריק זיך געפונען די העכסטע פרויען־קורסן, און נאָך דער רעוואָליוציע די שול פון פּעדאַגאָגישע קאַדרען, אין אָט די הויכע ביזן סאַמע דאַך האַרכאַוועדיקע אַאודיטאָריעס, אין די געמיטלעכע קאַבינעטן און לייענזאַלן, אין אָט דעם ליכטיקן מאַרמאָרנעם פּײַערלעכן וועסטיביול איז מיר באַשערט געווען צו פאַרברענגען עטלעכע יאָר.

און וואָס פאַרא יאָר! יעדער יאָר איז לויט דער אָנגעזעטיקטקײַט גלײַך געווען צו א יאָרצענדליק.

געווען בין איך דאַן א ראָמאַנטיש געשטימט באָכערל. וועגן לעבן האָב איך געוווּסט מער פון די ביכלעך, האָגאַם עס פלעגט אויסקומען זיך באַקענען אויך מיט מער פּראָזאַישע זאַכן. מאָסקווע האָט מיך געפאַנגען מיט איר גראַנדיִעזקײַט, מיך אַרײַנגעצויגן אין איר גרויסשטאָטישן ריטם, געעפנט פאַר מיר א וועלט פון שיינקײַט. אין די ווונדערלעכע קאַיאָרן האָב איך געשפּאַנט איבער די אַרבאַטער געסלעך, איבער די בריקן פון מאָסקווע־טײַך, איך בין געשטאַנען באַם קרעמל א פאַרגאַפטער פאַר די שלאַנקע טורעמס, אויסגעצויגענע אין דער הייך.

איך האָב שוין געשריבן וועגן דעם, אז מיר האָבן געלעבט שווער מאַטעריעל. עס פלעגט טרעפן, מע האָט ניט דערעסן. מע האָט געשפּאָרט אַף אַלץ, אין דער ערשטער ריי אַף טראַנספּאָרט: מע איז געגאַנגען צופוס, און מע האָט זיך געסטאַרעט דורכשמוגלען ווי א „האָז” ניט בלויז אינעם איבערגעפולטן טראַמווײַ, נאָר אַפילע אין מעטראָ. א באַזוך אין טעאַטער האָט באַטײַט דרײַ טעג אָן מיטיק. אָנגעטאָן איז מען געווען אין וואָס עס האָט זיך געמאַכט. א סטודענט פון 1973 יאָר וואָלט אונדז דעמלט אויסגעזען ווי א זון פון א פירשט אין דער מעלוכע מאָנאַקאָ... אָבער ווי פריילעך, אינהאַלטסרײַך, פולבלוטיק האָבן מיר געלעבט!

אידעאַליזירן יענע צײַטן האָט קיין זינען ניט. קוקסט אַף די הײַנטיקע סטודענטן און הייבסט זיי אָן צו מעקאַנע זײַן: סאַראַ מעגלעכקײַטן, סאַראַ שוווּנג, סאַראַ פּערספּעקטיוון! און זייער וועלט־באַנעם איז ברייטער. אָבער פונדעסטוועגן דאַכט זיך, אַז מיר זײַנען דעמלט געווען מער אומיטלבאַר. דאָס איז, אַפּאַנעם, פאַרבונדן דערמיט, וואָס אונדזערע קינדער זײַנען פון די יונגע יאָרן אָן איבערגעזעטיקט מיט אינפאָרמאַציע, און ס׳איז שווער זיי מיט עפּעס צו פאַרוווּנדערן. מיר, דאַקעגן, פלעגן אײַנזאַפּן אין זיך אָט די אינפאָרמאַציע וועגן דער אַרומיקער וועלט מיטן גרעסטן דאָרשט.

דער זאַל פונעם אינסטיטוט פלעגט שיר ניט צעשפּאַרט ווערן פונעם עולם, ווען צו אונדז פלעגן קומען צוגאַסט דיכטער, פּראָזאַיִקער, זשורנאַליסטן, געזעלשאַפטלעכע טוער, פּילאָטן און געלערנטע. אונדזערע שעפן זײַנען געווען וועטעראַנען פון דער רעוואָליוציע און העלדן פון דער אַרקטיק, און מיר האָבן געהאַלטן שעפּטום איבער דעם הויז פאַר די שפּאַנישע קינדער, איבערן זאַוואָד „קאַוטשוק״, איבער אַ קאָלווירט לעבן מאָסקווע. אונדזערע דיסקוסיעס וועגן עסטעטישע פראַגן פלעגן זיך פאַרציִען ביז שפּעט באַנאַכט. מיר האָבן דיסקוסירט וועגן דער עסטעטישער דערציִונג פונעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר, וועגן דער הײַנטצײַטיקייט פון דער קלאַסישער ליטעראַטור, וועגן דער אַקטועלקייט פון בעטהאָווענען, שאָפּענען, טשײַקאָווסקין.

דער איניציִאַטאָר און אָנפירער פון די פאַרשיידענע דיסקוסיעס איז געווען אַ באַשיידן באָכערל, דער אַספּיראַנט מישע אָוסיאַניקאָוו. געוויינלעך פלעגט ער זיך אָפּזונדערן פון דער כעווּרע, געווען עטוואָס צעשטרייט, אינגאַנצן גלײַכגילטיק צו אַזעלכע קלייניקײַטן, ווי עסן, קליידער. מישע האָט געקאָנט אַרבעטן אין אַלע אומשטענדן: עס מעגן אַרום זיך קערן וועלטן, זיצט ער זיך אין אַ ווינקל און שטודירט אַ באַנד שפּינאָזע. ער באַמערקט גאָר ניט, וואָס אַרום אים טוט זיך. אָט דאָס עכט רוסישע באָכערל איז מיט עפּעס ענלעך געווען אָף יענע „מאַסמידים״, ישיווע־ניקעס, וועגן וועלכע איך האָב געליינט בײַ די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אָבער אָט דער „נאָזיר״ פלעגט ווערן אַן אַנדער מענטש, ווי נאָר ער האָט לויטן אופטראַג פונעם קאָמיוג־קאָמיטעט אָדער פון דער ביוראָ פון דער סטודענטישער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט געעפנט אַ טעאָרעטישע דיסקוסיע. ער האָט פּעסט געהאַלטן די ווישקעס אין זײַנע הענט. ווו איז אַהינגעקומען די פלעגמאַטישקײַט! מישע האָט זיך געפילט אָף דער טריבונע, ווי אַ דערפאַרענער קאַפּיטאַן אָף דער שיף בײַס אַ שטורעם. מיר האָבן אים ליב געהאַט, אים פאַרטרויט, צו אים זיך געצויגן.

איצט איז מיכאַיִל פּעדאַטאָוויטש אָוסיאַניקאָוו דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן, פּראָפעסאָר און דעקאַן פונעם פילאָסאָפישן פאַקולטעט פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, דער אַוטאָר פון ביכער און לערנביכער איבער אַקטועלע פּראָבלעמען פון עסטעטיק. ער איז הײַנט איינער פון די באַדײַטנדיקסטע אַוטאָריטעטן אין זײַן געביט — ער האָט פאַרטיידיקט אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע איבער העגעלן און באַלזאַקן, פּראָפעסאָר אָוסיאַניקאָוו איז אַ מיטגליד פון דער העכסטער אַטעסטאַציע־קאָמיסיע פונעם מיניסטעריום פאַר היכער בילדונג, אַן אָנטיילנעמער פון צווישנפעלקערלעכע פילאָסאָפישע סימפּאָזיומס און קאָנפערענצן. אָבער פאַר אונדז איז ער, ווי געווען, מישע. זומער 1973 איז מיר מיט אים אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אַלס אָפיציעלע אָפּאָנענטן בײַס דער פאַרטיידיקונג פון אַ דאָקטאָר־דיסערטאַציע אין אינסטיטוט פון קינעמאַטאָגראַפיע. די דיסערטאַנטקע איז געווען קירע פאַראַמאָנאָוואַ, דער וויצע־פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער אַסאָציִאַציע פון קינדער־פילמען, — אַמאָל אַ שלאַנקע בלאָנדע סטודענטקע טאָקע פון אונדזער פאַקולטעט, איינע פון די אַקטיווסטע אָנטיילנעמערנס פון יענע דיספּוטן, וועלכע פלעגן פאָרקומען לויט דער איניציִאַטיוו פון מיכאַיִל אָוסיאַניקאָוון. אַזוי זײַנען אין העכער דרײַסיק יאָר אַרום זיך ווידער צונויפגעגאַנגען אונדזערע וועגן.

אָף אונדזער סטודענטיש לעבן האָט אַרופגעלייגט איר שטעמפּל די אַטמאָספער פון ערעוו־מילכאָמע־שטורעם: ניט צופעליק איז דעמלט די פּאָפּולערסטע ליד געווען „אויב מאָרגן וועט זײַן אַ מילכאָמע״. אין דער צײַט פון קאָניקולן פלעגן מיר אַרויספאָרן אין מיליטערישע לאַגערן. מיר האָבן זיך געלערנט באַנוצן מיט געווער. ניט פאַרענדיקט דעם קורס, זײַנען אָפּט אונדזערע עלטערע כאַוויירים פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי.

אָף אונדזער קורס זײַנען, נאַטירלעך, געווען ניט בלויז קיין פלײַסיקע כעווּרע. ניט אַלע האָבן זיך אָפּגעגעבן דער טוירע מיט איינעם און דעם זעלבן דאָרשט. אָבער די פּויליאַקעס און ליידיקגייער האָבן זיך געפילט גאָרניט געמיטלעך אין אונדזער קאָלעקטיוו. די סאַטירישע צײַטונג פון אונדזער פאַקולטעט „גליאַדי וו אָבאַ!״ האָט אומראַכמאָנעסדיק אָפּגעשפּעט פון די שלימאַזלדיקע סטודענטן. פונקט ווי אין שול, בין איך אויך אין אינסטיטוט געווען ניט קיין שלעכטער סטודענט. אָנהייב 1940 בין איך לויטן באַשלוס פונעם ראַט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן פון רספסר צוזאַמען מיט אַנדערע כאַוויירים באַשטעטיקט געוואָרן אַלס פּערסאָנעלער סטיפּענדיִאַט.

אַ ווערטעלע אויסצורעדן — 500 קאַרבן אַלע כוידעש! אין יענע צײַטן איז דאָס געווען

גאָר ניט קיין קליינע סומע (א געוויינלעכע סטיפּענדיע האָט באַטראָפן 120 — 150 רובל). אזא סומע האָט זיך מיר קיינמאָל אפילו ניט געקאָנט כּאָלעמען, האגאם מיינע פּריינט האָבן מיך געהאַלטן פאַר א פאַנטאַזיאָר. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך עקיפּירט גאַנץ אַנשטענדיק. מיין פּידזשאַקל, וואָס די מומע גיטל האָט נאָך אופגענייט, האָב איך פאַרביטן אָף אַן עכטן שטאָטישן פּידזשאַק, כ׳האָב זיך געקויפט א מאַנטל און אפילו א זיידן שאַרפעלע, וואָס האָט פונדערוויַיטנס אויסגעזען ווי א מין טאַלעסקאָטן. איך האָב אָנגעהויבן זיך דערנערן נאָרמאַל. דעם זיידן מיט דער באַבען, וואָס האָבן געלעבט אָף א קליינער פּענ־סיע, האָב איך אויך צוביסלעך אונטערגעהאָלפן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז די סטיפּענדיע איז גיך זיך צעקראָכן, איך האָב דאָך ניט געקאָנט פויעלן בא זיך אליין גיין אין גאַרקיך, בייס וויקטאָר בעלישקין צי אין אנדער גוטער כאַוער האָט אין קעשענע ניט געהאַט קיין גראָשן.

די דריטע וויניצער יידישע מיטלשול האָט אונדז אויסגעלערנט אַרבעטן ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעך באַציִען זיך צום לערנען, ליב האָבן א בוך. א שיינעם דאַנק איר דערפאַר. די שול האָט אונדז געגעבן א גוטן מינימום פון קענטענישן. אָבער פאַר א שילער, וואָס האָט געענדיקט א יידישע מיטלשול (זאָל זיין אפילו אָף „אויסגעצייכנט”) און איז אַנגעקומען אין א הויפּטשטאָטישן אינסטיטוט אָפן פאַקולטעט פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, האָבן אומפאַרמיידלעך געמוזט אופקומען פיל ספּעציפישע שוועריקייטן.

לאָמיר אָנהייבן אפילו דערפון, וואָס אין מאָסקווע האָט מען גערעדט אָף רוסיש ניט אזוי, ווי אין וויניצע. דאָס הייסט, די ווערטער זיינען טאַקע געווען די זעלבע און באַטייט האָבן זיי דאָס זעלבע, אָבער אַרויסגעבראַכט האָט מען זיי אַנדערש, ווי מיר זיינען געווינט געווען בא זיך אָף אוקראַינע. ביכלאַל האָט די לעבעדיקע פּילפּאַרביקע רוסישע שפּראַך אין יענע יאָרן געקלונגען אין וויניצע פאַרהעלטנישמעסיק זעלטן. אין דער היים, אין שול, צווישן כאַווירים און פריינט האָט מען גערעדט אָף דער שפּראַך פון די עלטערן. און האגאם אין שול האָבן מיר גאַנץ גוט — טעאָרעטיש באַהערשט די יעסוידעס פון טורגעניעווס און טאָל־סטאָיס מעכטיקער שפּראַך, האגאם מיר האָבן געלייענט די קלאַסישע רוסישע און סאָוועטישע ליטעראַטור, איז דער אַקטיווער ווערטער־זאַפּאַס אונדזערער געווען א באַגרענעצטער און דעריקער א ביכלדיקער. מיין מוטער־שפּראַך ביזן אינסטיטוט איז יידיש.

איך האָב צו יענער צייט געקענט די קלאָלים פון דער רוסישער גראַמאַטיק, כ׳האָב ריכטיק געשריבן. אָבער מיין אויסשפּראַך...

אָך, די אויסשפּראַך!

וועגן דעם, אז איך רעד „מיט אַן אַקצענט”, האָב איך זיך דערוווּסט אָף די לימודים, וועלכע עס האָט געפירט מיט אונדז דער דאָצענט וועדענסקי. אָט דער אויסגעדאַרטער מיטל־יאָריקער מענטש מיט די טיף פאַרבאָרגענע לעבעדיקע אויגן הינטער די גראָבע פּענסנע־גלעזלעך האָט פון אָנהייב געקוקט אָף מיר גאַנץ סקעפּטיש. ער האָט אונטעריכטעט די היינט־צייטיקע רוסישע שפּראַך. איידער ער איז צוגעטראָטן צו קאָמפּליצירטע מאַטעריעס, האָט ער אונדז געדאַרפט אויסלערנען די כאָכמע פון טראַנסקריבירן. אָט דעם איניען האָט ווע־דענסקי געווידמעט זיינע ערשטע לימודים, וועלכע האָבן געהייסן אָרטאָעפּיע.

ניט אריינלאָזנדיק זיך אין קיין וויַיטע דראָכים, וויל איך דאָ גאַנץ פּאָפּולער דערקלערן פאַר ניט־ספּעציאַליסטן דעם טאָך פונעם איניען. די רוסישע ליטעראַרישע אויסשפּראַך און די רוסישע אָרטאָגראַפּיע פאַלן ניט אינגאַנצן צונויף. עמעס, ניט אין אזא מאָס, לאָמיר זאָגן, ווי בא די ענגלענדער, וועגן וועלכע מע זאָגט אין א שפּאַס, אז זיי שרייַבן „שעקספּיר” און לייענען „בייראָן”. און אויך ניט ווי בא די פראַנצויזן. אָבער אַן אונטערשייד איז פאַראַן, און אמאָל א גאַנץ וועזנטלעכער.

אָרטאָעפּיע איז אַן אָפּטייל פון לינגוויסטיק וועגן די קלאָלים פון ליטעראַרישער אויס־שפּראַך. וועדענסקי האָט געפירט א ספּעצקורס אָף אָרטאָעפּיע. ער האָט אָנגעהויבן פון טראַנסקריפּציע, דאָס הייסט, ער האָט אונדז באַוואָפנט מיט דעם סכום יעדיִעס, וואָס מיט זייער הילף ווערן איבערגעגעבן אַלע סוידעס פון אויסשפּראַך.

וואָס איז שייַך צייכנס, האָב איך זיי טייקעף אופגעכאַפּט. אָבער ווען דער דאָצענט האָט מיך אַרויסגערופן צום טאָוול און, פאָרלייענענדיק די ערשטע שורע פון פּושקינס „דענקמאָל”, מיר פאַרגעלייגט זי טראַנסקריבירן, בין איך דורכגעפאַלן. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אז מיין אויסשפּראַך איז געגרינדעט הויפּטזאַכלעך אָף דער אָרטאָגראַפיע, אז זי פאַרמאָגט ניט די נייטיקע ניואַנסן, „אויסנעמען פונעם קלאָל” און איז דעריבער וויַיט פון דער לעבעדיקער רוסישער ליטעראַרישער אויסשפּראַך. קעדיי צו באַפריַיען זיך פון מיין יידיש־אוקראַיִנישן אַקצענט און באַהערשן דאָס לעבעדיקע מאָסקווער לאָשן, האָט העלפלעך באַמערקט וועדענסקי, דאַרף מען האָבן יאָרן און יאָרן. און אין אינסטיטוט לערנט מען זיך ניט אייביק...

דער פאַקולטעט פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור איז ניט קיין אָרט, וווּ מע פּאַריכט עלעמענטאַרע דעפעקטן פון מינדלעכע רייד. אין פיר כאַדאָשים אַרום האָט מען געדאַרפט

אָפּגעבן זאַטשאָטן ניט בלויז אַף אָרטאָעפּיע, נאָר אויך אַף דיִאַלעקטאָלאָגיע (א וויסנשאַפט וועגן דיִאַלעקטן, ריידאַרטן). לויט דער פּראָגראַם האָב איך געדאַרפט אויסלערנען די געזעצן און די באַזונדערקײַטן פון אויסשפּראַך, די קלאָלים פון וואָרטבאַנוץ אין פאַרשיידענע קאַנטן און געגנטן פון דער אומענדלעכער רוסלענדישער פעדעראַציע, לויטן געהער קאָנען אויסטיילן די ריאַזאַנער, לאָמיר זאָגן, אויסשפּראַך פון דער פּסקאָווער, סמאָלענסקער פון מײַרעוו־סיבירער, קורסקער פון דאָרעם־אוראַלער. און דאָ האָט זיך שוין דערווײַל אָנגערוקט די אַלט־סלאַווישע שפּראַך, די היסטאָרישע גראַמאַטיק פון דער רוסישער שפּראַך...

אַן אַנדערער אַפן אָרט פונעם דאָצענט וועדענסקי וואָלט עפּשער זיך געשטעלט אַף א פּאַרמעלער פּאָזיציע, וואָלט אָנגעשריבן א דערקלערונג אין דעקאַנאַט, און מע וואָלט מיך, קאָן זײַן, אויסגעשלאָסן. דער דאָצענט וועדענסקי, אָט דער אויסערלעך טרוקענער מענטש, וואָס האָט ניט ליב געהאַט קיין איבעריקע רייד, האָט זיך פון מיר ניט אָפּגעקערט, ניט קיין מאָך געטאָן אַף מיר מיט דער האַנט. ער האָט גלײַך זיך גענומען אַרבעטן מיט מיר, צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט ער בלײַבן נאָך די לימודים און מיך אוועקפירן אין א לינגוויסטישן קאַבינעט, מיך אוועקזעצן בא א טיש מיט אַן אַפּאַראַט, וואָס פאַרשרײַבט קלאַנגען, און צוויי שאָ נאָכאַנאַנד „רעמאָנטירן" מײַן אויסשפּראַך.

אַז דער דאָצענט איז קראַנק געווען, זײַנען אים געקומען צו הילף מײַנע כאַווײרים פון ערשטן קורס — אַניא טעריאָכינא און קאָליא פּאָדוויצקי, געבוירענע מאָסקוויטשן. ניקאָלײַ באָריסאָוויטש פּאָדוויצקי (זײַן מוטער יאַקובאָוויטש האָט אונטעריכטעט רוסיש בא אונדז אין אינסטיטוט) האָט שוין דעמלט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פייִקײַטן פון א מעטאָדיסט. נאָך דער מילכאָמע האָט ער פאַרטיידיקט א דיסערטאַציע: „לערמאָנטאָוו אין שול". שוין העכער צוואָנציק יאָר פירט ער אָן מיט דער קאַטעדרע פון ליטעבאַטור אין אוליאַנאָווסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

עס פלעגט טרעפן, איך האָב ניט ריכטיק געשטעלט דעם טראָפּ. דעמלט פלעגן מיך פאַריכטן די כאַווײרים פון מײַן קורס. דאָס פלעגט געמאַכט ווערן איידל, אַגעוו־אורכעדיק, קעדיי מיך ניט שטעלן אין קיין אומאָנגענעמער לאַגע. מאָדנע כעוורע, זיי האָבן, אַפּאָנעם, ניט געטראַכט, אַז איך ביז זיי דאַנקבאַר פאַר זייער אויפמערקזאַמקײַט און הילף.

באַזונדערס האָט מיר אָפּגעגליקט אַפן צווייטן קורס. איך האָב שוין צו יענער צײַט באַהערשט די אָרטאָעפּיע, אָפּגעגעבן עקזאַמען אַף דיִאַלעקטאָלאָגיע, שטודירט די טעאָריע פון דער הײַנטצײַטיקער רוסישער שפּראַך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך מיט דער אויסשפּראַך האַלט שוין נישקאָשע. איך האָב זיך געפילט גאַנץ זיכער און האָב שוין אַפילע זיך אונטערגענומען אַרויסטרעטן אַף אַן אָוונט פון סטודענטישער זעלבסטטעטיקײַט מיט מײַנע לידער, געשריבענע אַף רוסיש.

די לידער האָב איך, ווי געוויינלעך, געלייענט מיט א הויכער שטים, מיט באַגײַסטערונג, און האָב פאַרדינט אַפּלאָדיסמענטן. א גליקלעכער, בין איך אַראָפּ פון דער בינע. און דאָ האָט מיך אָפּגעשטעלט דער פּראָפעסאָר קאַזִראָוו. איוואַן איוואַנאָוויטש, דער קומענדיקער פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע פון פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן און פּאַרזיצער פונעם פּאַרבאַנד־ראַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, האָט דעמלט אונדז געלייענט א קורס פון פּעדאַגאָגיק. דאָס איז געווען א רויִקער, אײַנגעהאַלטענער מענטש, וועלכער האָט זיך שטענדיק גוטמוטיק באַצויגן צו די אַרומיקע. ער האָט מיך אָנגענומען באַם אַרבל פונעם העמדל, מיך אוועקגעזעצט לעבן זיך און מיך באַקענט מיט א כיינעוודיקער פרוי פון מיטעלע יאָרן. זי האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט און שטיל א זאָג געטאָן:

— אַזאַ שטים — און אַזאַ באַרבאַרישע אויסשפּראַך...

פון יענעם טאָג אָן האָב איך אָנגעהויבן באַזוכן די סטודיע פון קינסטלערישן וואָרט, וואָס האָט פונקציִאָנירט אין אינסטיטוט אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר קאַזִראָוווס פרוי, דער געוועזענער דראַמאַטישער אַקטריסע. נאָך ביז הײַנטיקן טאָג, ווען איך קום אַפן נאָוואָדעוויטשער בעסוילעם, גיי איך אוועק אין יענעם ווײַטן ווינקל, ווו עס ליגט באַהאַלטן קאַזִראָוואַ, און לייג אוועק קווייטן אַף איר קייווער. זי האָט ניט בלויז מיר „געשטעלט די שטים" — אויב רוסיש איז געוואָרן מײַן מוטער־שפּראַך און איך האָב דאָס גליק האַנאָע צו האָבן פון איר מוזיק, האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען אויך איר, דער באַשיידענער טוערן פון דער קונסט.

זומער 1940, מיט א יאָר פאַר דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, בין איך געקומען אַהיים אַף קאַניקולן. פרײַנט און קרויווים האָבן מיט פאַרוווּנדערונג געהערט מײַן לאָשן.

— ווי געפעלט אײַך מײַן מאָס־קוויטש? — האָט דער טאַטע געפרעגט זײַנע קאָלעגן אין שוסטער־צעך, אוטערירנדיק מײַן „אַקען". און ס'איז שווער צו באַשטימען, וואָס איז דאָ מער געווען אין אָט דער פראַגע: איראָניע צי שטאָלץ.

מײַנע דערציִער — א האַרציקן דאַנק

אויב מיר וועט זיך אײַנגעבן פאַרצייכענען באַזונדערע עפּיזאָדן, שטריכן פון מײַן איי־
גענער ביִאָגראַפיע, וועל איך האַלטן, אַז מײַן ציל איז דערגרייכט געוואָרן, ווײַל דאָס קאָן
וואַרפן א שײַן אַפן לעבן פון מײַנע מיטצײַטלער, אַף די מענטשן פון מײַן דאָר.

צו אָט דעם דאָר געהערן, נאַטירלעך, מײַנע פרײַנט פונעם קורס, אַף וועלכן מיר האָבן
צוזאַמען געלערנט. פון זיי טייל איך אויס וולאַדימיר פּאַוולאָוויטש מאַלינקאָווסקין, מיט
וועלכן מיר זײַנען ביז איצט גאָר נאָענטע פרײַנט. ער איז געווען א זון פון א לערערן, גע־
קומען אין פּעדינסטיטוט אַף לענינס נאָמען פון צענטראַל־רוסלאַנד. ער האָט אויך געשריבן
לידער. צווישן די בעסטע איז ער באַשטעטיקט געוואָרן אַלס פּערסאָנעלער מעלוכע־
סטיפּענדיִאַט. צוויי יאָר האָבן מיר געוווינט צוזאַמען. דערנאָך האָט אונדז צעשיידט די מיל־
כאָמע. נאָך דער מילכאָמע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז וואָלאָדיע איז א דאָצענט אין אַלמאַ־
אַטאַ. אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין מײַן וויניצע. איך גלייב,
אַז א באַשטימטע ראָל האָבן דאָ אָפּגעשפּילט מײַנע באַגײַסטערטע דערציילונגען וועגן אָט
דער וווּנדערלעכער אוקראַיִנישער שטאָט. וולאַדימיר פּאַוולאָוויטש איז מיטן גאַנצן האַרצן
צוגעבונדן געוואָרן צו מײַן היימשטאָט און פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אינעם קולטור־לעבן
פון דער שטאָט. ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויסגעוויילט גע־
וואָרן אַלס דעפּוטאַט פונעם געגנטלעכן סאָוועט. ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער
קאַטעדרע פון רוסישער ליטעראַטור און פּראָרעקטאָר פונעם וויסנשאַפטלעכן טייל אין פּע־
דאַגאָגישן אינסטיטוט אַף ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס נאָמען.

האַרבסט 1967 האָב איך זיך געקליבן באַזוכן מײַן עלטערן זון: דאַרף זיך טרעפן פּונקט
ווי אין קינאָ, אַז מײַן יורע זאָל דינען אין א מיליטער־טייל גראָד אין וויניצע — צען מינוט
גאַנג פון דעם הויז, ווו עס איז אַמאָל געווען אונדזער שול, פּונקט לעבן דעם פּעדאַגאָגישן
אינסטיטוט, ווו עס אַרבעט וולאַדימיר פּאַוולאָוויטש מאַלינקאָווסקי. מיר האָבן זיך צונויפ־
געשריבן מיטן פּראָרעקטאָר פונעם אינסטיטוט, און די קאַטעדרע פון ליטעראַטור האָט מיך
אײַנגעלאַדן לייענען א ציקל לעקציעס פאַר די סטודענטן פון די עלטערע קורסן. איך האָב
דעמלט פאַרבראַכט אין וויניצע צען טעג, וועלכע זײַנען צונויפגעפאַלן מיט די פײַערונגען
לעקאָווועד דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. איך בין אַרויסגעטראָטן מיט
לעקציעס אויך פאַר סאָלדאַטן און אָפיצערן פון דעם מיליטער־טייל, ווו עס האָט געדינט
מײַן זון. מײַן באַזוך קיין וויניצע האָט איבערגעלאָזט בא מיר א סאַך גוטע אײַנדרוקן. אַפילע
דער אינפאַרקט, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום נאָך מײַן ווי־
ניצער טורנע, האָט ניט צעשטערט די גוטע שטימונג. די בעסטע אײַנדרוקן זײַנען פאַר־
בונדן מיט מײַן זײַן בא מאַלינקאָווסקין. בא וואָלאָדיען וואַקסן שוין אייניקלעך. זײַנע זין
זײַנען דיפּלאָמירטע געלערנטע — מאַטעמאַטיקער. אירינאַ פּעטראָוונאַ איז, ווי פריִער, לעבנס־
טעטיק, שאַרפזיניק און גאַסטפרײַנטלעך. זי לייענט א קורס פון רוסישער שפּראַך אין דער
אוקראַיִנישער אָפּטיילונג פונעם פּעדינסטיטוט.

אין יענע וואַרעמע האַרבסטיקע פאַרנאַכטן האָבן מיר שפּאַצירט איבער די גאַסן פון
מײַן ליבער היימשטאָט. מיר האָבן א סאַך גערעדט וועגן אַלץ און וועגן אַלעמען. מיר האָבן
דערמאָנט, צווישן אַנדערע, אונדזער קאָמיוגישן אָנפירער פײַוול כאַלדיי. פּאַוועל יעפימאָ־
וויטש כאַלדיי איז שוין א יאָר פופצן דירעקטאָר פון א מאָסקווער שול, וואָס געפינט זיך
אין דער געבײַדע פון דער אַמאָליקער קלאַסישער גימנאַזיע ניט ווײַט פון קורסקער וואָקזאַל.
ביידע מײַנע זין יורע און וואַדים האָבן געענדיקט אָט די שול: מיר האָבן דעמלט געוווינט
אין הויז פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אַף דער גאַס, וואָס טראָגט טשקאַלאָווס נאָמען.

א וווּקסיקער שוואַרצהאָריקער באָכער מיט ברייטע האָרן־ברילן אַף דער גרויסער סע־
מיטישער נאָז, האָט אָט דער פײַוול אין די סטודענטישע יאָרן אַליין ניט געוווּסט פון קיין
רו און, דעם עמעס זאָגנדיק, אויך אַנדערע ניט געלאָזט צורו. אַן איניציִאַטאָר פון פאַרשייד־
נערליי איניאָנים, פלעגט ער דונערן אַף די פאַרזאַמלונגען, רופן און שטראָפן... מיר האָבן,
דאַכט זיך, א ביסל מוירע געהאַט פאַר אים, אָבער אין טאָך אים ליב געהאַט און אָנפאַר־
טרויט; אַלע האָבן געוווּסט און פאַרשטאַנען: פײַווקע וועט ניט אונטערפירן.

אַמאָל קומט מיר אויס מיטן וועג אַרײַנגיין צו פּאַוועל יעפימאָוויטשן אין שול. איך זיץ
אין זײַן קאַבינעט, מיר דערמאָנען זיך אונדזערע סטודענטישע יאָרן. רויִק זיך דורכשמועסן
איז אָבער דאָ ניט מעגלעך. עס קלינגט דער טעלעפאָן, עס קומען אַרײַן לערער, שילער,
שול־אַרבעטער. פּאַוועל איז שוין ניט דער, וואָס אַמאָל, די יאָרן לאָזן זיך פילן. אָבער ער
איז, ווי פריִער, ענערגיש, טעטיק און שטרענג צו זיך און צו אַנדערע. אַן עמעסער פּעדאַגאָג
לויטן באַרוף.

מיר האָבן גערעדט מיט וואָלאָדיע מאַלינקאָווסקין אויך וועגן אַנדערע סטודענטן פון
אונדזער אַרויסלאָז: וועגן וויקטאָר בעלישקין, וועגן לעשטשינסקין, מאַנפרעד ריסקינען. זיי
אַרבעטן אַלע אין מאָסקווער ראַדיִאָ. וועגן יעדן פון זיי וואָלט מען געדאַרפט אָנשרײַבן א
גאַנצע דערציילונג. לעשטשינסקי איז א זון פון א זשורנאַליסט, וועלכער איז ביז דער רע־

וואָליוציע געווען אין עמיגראַציע, דאַכט זיך, אין פּאַריז. זײַן פעטער איז אַ לעגענדאַרער באָלשעוויק, קיראָווס אַ פרײַנט. אױף אָסקאַר לעשטשינסקיס נאָמען זײַנען אין צאָפּן־קאַווקאַז אָנגערופן גאַסן און פּלעצער. מאַנפרעד ריסקין איז געבוירן אין האַמבורג אין דער פאַמיליע פונעם קאָמוניסט בענציען ריסקין, ערנסט טעלמאַנס אַ מיטקעמפער. צוזאַמען מיטן פאָטער, אַ צעקאַליעטשעטן אין אַ פאַשיסטישן קאָנצלאַגער, און מיט דער מוטער דער דײַטשקע עלזע איז ער געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין דײַטשלאַנד. מיר האָבן אָזויאַרום וועגן פאַשיזם געוווּסט ניט בלויז פון די צײַטונגען און ביכער, נאָר פון לעבעדיקע איידעס.

אין איין צײַט מיט מיר האָבן אין מאָסקווע געלערנט נאָך עטלעכע כוואַרע פון דער דריטער ייִדישער ווינניצער מוסטער־שול: שאָלעם פּיסאַרעווסקי — אין אינזשעניערן־אינסטיטוט פונעם אײַזנבאַן־טראַנספּאָרט, כאַים גאָלדענבערג — אין אינסטיטוט פון טאָרף. אין דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם ליטפּאַק באַ אונדז אין פּעדינסטיטוט אױף לעניניס נאָמען האָט זיך געלערנט דאָוויד רעזניק. אינפּירן האָבן מיר געבילדעט אַ מין „זעמליאַטשעסטוואָ״: מיר פלעגן אַלע וואָך זיך טרעפן אין צוזאַמענוווינונג, איינענעם זײַנען מיר געגאַנגען אין טעאַטער, אין מוזייען, געפּאַרן אױף קאַניקולן אַהיים. מיר האָבן איינער דעם אַנדערן געשטיצט און זיך געטיילט מיט די דערפּאַלגן און דורכפאַלן. מיט אַלעקסאַנדער סאַמוילאָוויטש פּיסאַרעווסקין און מיט יעפים לוואָוויטש גאָלדענבערגן פאַרהאַלטן מיר זיך ביז הײַנט, שוין העכער דרײַסיק יאָר, גאָר פרײַנטלעך. פּיסאַרעווסקי איז אַן אָנגעזעענער אינזשעניער. פימע מיט זײַן פרוי קלאַרע אַרבעטןביידע אין אַ וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט. זייער טאָכטער וואַליע האָט אין 1973 יאָר געענדיקט די אָוונט־אָפּטיילונג פונעם פילאָלאָגישן פאַקולטעט אין מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט און האָט דערפּאָלגרײַך פאַרטיידיקט איר דיפּלאָם־אַרבעט.

דאָוויד רעזניק איז געפאַלן אױפן פראָנט ווינטער 1942 יאָר. ער איז אומגעקומען אין עלטער פון 22 יאָר.

מיך האָט מיט דאָווידן נאָך פון קינדווײַז פאַרייניקט די לײַדנשאַפטלעכע ליבע צו ביכער. ער האָט געהאַט מער מעגלעכקײַטן פון מיר. איך בין געוואַקסן באַ אַן אַלפאַבעט אַ טרעגער, בייס זײַנע עלטערן זײַנען געווען אינטעליגענטן, גוט אָנגעלייענטע אין איווריט און אין ייִדיש. מינאַסטאַם איז אים געווען גרינגער פון מיר צו קריגן געלט אױף ביכער. מיט ענערגיע און אַקשאָנעס האָט ער זיי געזוכט און געפונען. דער שטאָלץ פון זײַן היימישער ביבליאָטעק איז געווען די אויסגאַבע פון אויסלענדישער ליטעראַטור. מיר האָבן דעמלט מיט פאַרכאַפּונג געלייענט דזשאָן סטיינבעקס „העגגלעך פון צאָרן״, דעם ראָמאַן פונעם נעגערישן שריפטשטעלער ריטשאַרד רייט „דער זון פון אַמעריקע״ און דאָס ווערק פון עגאָן ערווין קיש „אַן עקספּעדיציע קיין אויסטראַליע״...

דאָוויד האָט געמאַכט פּרוּוון צו שרײַבן פּראָזע אױף ייִדיש און אױף רוסיש, אָבער אָן דערפּאָלג. ער האָט דאָס אַליין פאַרשטאַנען. כ׳ווייס ניט, צי וואָלט ער געווען אַ בעלעטריסט, נאָר זיכער וואָלט ער סאַפּקאָלסאַף געוואָרן אַ גוטער פּובליציסט. ער וואָלט אַ סאַך אויפגעטאָן פאַר דער ליטעראַטור אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט און פּאָפּוליאַריזאַטאָר. ער איז אַליין געווען אָנגעשטעקט מיט ליבע צו ליטעראַטור און האָט אָנגעשטעקט אויך אַנדערע. וועגן ליטעראַרישע העלדן האָט ער גערעדט אַזוי לײַדנשאַפטלעך, ווי וועגן לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געוווינט מיט אים אין איין צימער.

מיסטאַם האָט דאָווידס טאַטע, דער באַשיידענער שטילער ייִד, אײַנגעפּלאַנצט באַם זון ליבע צום געדרוקטן וואָרט. אָבער פאָרן קיין מאָסקווע און אָנקומען אױף דער ייִדישער אָפּטיילונג פונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט האָב איך אים געייעצט. ער האָט געענדיקט די שול אַ יאָר פאַר מיר און האָט אונדז באַגעגנט אין מאָסקווע ווי אַן אַלטער טוישעוו. ער האָט זיך דאָ געפילט, ווי אַ פיש אין וואַסער. אין דער הויפּטשטאָט האָט ער זיך געפילט גאַנץ זיכער נאָך דערפאַר, ווײַל דאָ האָט געלעבט זײַן עלטערער ברודער, אַ לערער פון מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. זײַן ברודער האָט געוווינט אַנטקעגן דעם גרויסן קאָנצערט־זאַל פון דער קאָנסערוואַטאָריע, אין אַ פּילגאָרנדיקן הויז אױף דער הערצען־גאַס. מיר זײַנען דאָרט געווען אַ פּאָר מאָל.

אָנגעקומען אױף דעם פאַקולטעט פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, האָב איך, נאָטירלעך, שוין ניט אַזוי רעגולער און פּינקטלעך ווי פריִער געקאָנט נאָכשפּירן נאָך דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור. דאָוויד איז אָט די אַלע יאָרן געווען אַ מין בריק, וואָס האָט מיך פאַרבונדן מיט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ער האָט מיך געהאַלטן אין קורס פון די לעצטע נײַסן, געקראָגן פאַר מיר נײַ־דערשינענע אויסגאַבעס, אַזעלכע, לעמאָשל, ווי דער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש״, אַ באַנד בערגעלסאָנס ווערק, מאַרקישעס עפּישע פּאָעמעס, אַ זאַמלונג אַרטיקלען פונעם קריטיקער דאָברושין. דאָוויד פלעגט מיר אויך דערציילן וועגן דער ייִדישער אָפּטיילונג, ער האָט מיך באַקענט מיט סטודענטן פון דער אָפּטיילונג, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען יונגע פּאָעטן.

איינמאָל האָט דאָוויד מיך אַראָפּגעבראַכט צום פּראָפעסאָר איסאַק מאַרקאָוויטש נוסינאָוו.

נאָך ביז דעמלט האָב איך געהערט זײַנע אָפּטע אַרויסטרעטונגען. נוסינאָוו האָט געשעמט אַלס גוטער רעדנער און פּאָלעמיסט, האגאם ער האָט געהאַט אַ שלעכטע דיקציע און האָט גערעדט מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם ייִדישן אַקצענט. ער האָט זיך געפֿילט גאַנץ פֿרײַ אין די זאַלן פֿונעם אינסטיטוט פֿון דער רויטער פּראָפֿעסור, אין די סטודענטישע אאודיטאָריעס, אויף די שרײַבער־פֿאַרזאַמלונגען און אויף די זיצונגען פֿון וויסנשאַפֿטלעכן ראַט. נוסינאָוו איז געווען טעטיק אין דער ייִדישער, רוסישער און אויסלענדישער ליטעראַטור. איך האָב נאָך אין שול מיט אינטערעס געלייענט זײַנע אַרטיקלען אין זשורנאַל „די רויטע וועלט". אין די סטודענטישע יאָרן בין איך פֿאַרכאַפּט געווען פֿון זײַן בוך „געשטאַלטן פֿון יאָרהונדערטער", וואָס איז דערשינען אין 1937 יאָר. מיך האָבן געוווּנדערט די ברייטע אינטערעסן פֿונעם דאָזיקן געלערנטן, זײַנע טיפֿע קענטעניש, די דרײַסטקייט פֿון קאָנצעפּטועלע געבײַען. איך האָב אויך געלייענט זײַנע עסייען וועגן שעקספּירן, דיקענסן, ראָלאַנען, פּרוסטן.

איך מיין, אַז יענעם אָוונט, ווען דאַוויד האָט מיך שיר ניט פֿאַר דער האַנט געבראַכט צו איסאַק מאַרקאָוויטשן אַהיים אין פֿורמאַנאָוו־גאַסל, האָב איך ניט געמאַכט קיין איבעריק גוטן אײַנדרוק אַפֿן אימפּאָזאַנטן פּראָפֿעסאָר. די גאַנצע צײַט האָט ער זשעסטיקולירט און יעדעס מאָל זיך געכאַפּט פֿאַר דעם עטוואָס גראָוון שפּיציקן בערדל. נוסינאָוו איז ניט געווען ענלעך אויף די אַמאָליקע פּראָפֿעסאָרן פֿון אַלטן שניט. אַ פֿאַרכאַפּטער פֿון זײַנע אומענדלעכע מײַסעס, האָב איך דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, דאָס מויל ניט געעפֿנט.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך באַזוכט נוסינאָוון פֿרילינג 1946. דאָס איז געווען איידער איך האָב זיך דעמאָביליזירט פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי. מיר האָט זיך געוואָלט באַראַטן מיט אַן עלטערן געלערנטן וועגן דעם, וואָס מיר שטייט פֿאָר. איך האָב דעמלט געדינט אונטער מאָסקווע און האָב אָנגעשריבן אַ בראָשור „צווישן געפֿאַנגענע. שריפֿטן פֿון אַ סאָוועטישן אָפֿיצער". אין פֿאַרלויף פֿון די מילכאָמע־יאָרן האָט זיך בײַ מיר אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל לידער — „ווײַמאַר", „אַ נאַכט איבער בערלין", „צו די פֿעלקער פֿון אַמעריקע" און אַנד. איך האָב מיטגענומען מיט זיך אַ ליד אויף ייִדיש, וואָס איז אָנגעשריבן געווען אין דער ווײַטער קושקע, אויף דער סאָוועטיש־אַפֿגאַנישער גרענעץ. די ליד, ווי איך געדענק, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזעלכע שורעס:

כ'האָב שוין לאַנג אין ייִדיש ניט געשריבן,
כ'האָב די שפּראַך פֿאַרגעסן און פֿאַרלאָזט.
ס'האָט דאָס לעבן מיך געמאַטערט און געטריבן,
ווי אַ האָז עס טרײַבט אַ האַרבער פֿראָסט,
און צולעצט אין מידבער מיך פֿאַרוואָרפֿן
אויף דעם טריבן ראַנד פֿון קאַראַקום...

דאָס אַלץ האָב איך אין איין אָטעם דורכגעלייענט פֿאַר נוסינאָוון. איך האָב אים אויך געוויזן מײַנע אַרטיקלען און אַנטיפֿאַשיסטישע דערציילונגען („אַ הינטיש לעבן", „אַ שיידים־טוץ"), געדרוקטע אין די אַרמיי־צײַטונגען.

איסאַק מאַרקאָוויטש האָט אויפֿמערקזאַם מיך אויסגעהערט, ווי אַ דערפֿאַרענער דאָקטער הערט אויס אַ פּאַציענט, וואָס איז געשטראָפֿט מיט שלעכטע קרענק. אוועקגעגאַנגען בין איך פֿון אים מיט אַ פֿעסטן באַשלוס אָפּצולייגן אין אַ זײַט די לידער און פּראָזע און פּרוּוון די קויכעס אין ליטעראַטור־וויסנשאַפֿט און קריטיק. איך האָב באַשלאָסן זיך גרייטן אין אַספּיראַנטור. ניט אויסגעטאָן נאָך דעם אָפֿיצערישן קיטעל, פֿאַרזעצנדיק דינען אין דער אַרמיי ביז מײַ 1946, האָב איך שוין יעדער פֿרײַע מינוט שטודירט מיט אַ בלײַער אין דער האַנט בעלינסקיס, טשערנישעווסקיס, דאָבראָליובאָווס, פּיסאַרעווס, פּלעכאַנאָווס ווערק.

אַ דאַנק נוסינאָוון! מיט זײַן אויטאָריטעט וואָרט און מיט דער גוטער אייצע פֿון אַן עלטערן געלערנטן האָט ער מיר געהאָלפֿן זיך זעלבסטבאַשטימען, אויסקלײַבן דעם וועג, מיט וועלכן איך גיי ביז איצט.

...לאָמיר זיך אומקערן צו די סטודענטישע יאָרן. עמעס, אַרומכאַפּן אַלץ איז סײַווי אוממעגלעך. דאָס האָט אַנטדעקט פֿאַר דער מענטשהײַט דער באַרימטער קוזמאַ פּרוטקאָוו. ווײַפֿל איך זאָל ניט דערציילן וועגן פֿרײַנט און וועגן כאַווײרים פֿון די סטודענטישע יאָרן, וועל איך די טעמע סײַווי ניט אויסשעפּן. צי דאַרף מען זײַן ענלעך אויף יענעם טשודאַק, וועלכער זיצט באַם ברעג פֿון אָקעאַן מיט אַ טיי־לעפֿעלע? די איינציקע טרייסט איז אין דעם, ווי עס זאָגט אַ מיזרעך־ווערטל, אַז מע דאַרף ניט אויסטרינקען דאָס גאַנצע פֿעסל, קעדיי צו וויסן דעם טאַם פֿונעם ווײַן.

אָבער פֿאַרשווײַגן אונדזערע דערציִער, פּראָפֿעסאָרן, לערער קאָן איך ניט. מיר האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגליקט מיט לערער. איך בין ביז איצט זיי דאַנקבאַר און בין גרייט שטענדיק צו דערמאָנען זיי מיט אַ גוט וואָרט.

צווישן זיי זײַנען געווען פֿאַרשיידענע מענטשן. בײַ אייניקע איז אויף די לעקציעס געווען אומעטיק. וועגן אייניקע פֿון זיי איז שוין אַפֿילע שווער זיך צו דערמאָנען: צי זײַנען זיי געווען, צי ניט געווען? די צײַט זיפּט דורך אונדזערע אײַנדרוקן, אין זיקאָרן בלײַבט בלויז

דאָס װערטפֿולע. „רעסטאַװרירנדיק" דאָס פֿאַרגאַנגענע, איז שװער צו קוקן אַף די דרײַציקער מיט די אױגן פֿון אַן אַכצניאָריק יאָטל. איצט זײַנען שױן אַנדערע קריטעריעס פֿון אָפּשאַצן אַנדערע און די עמאָציעס אױך ניט די. װען איך האָב זיך געזעצט אַף דער סטודענטישער באַנק, זײַנען בא אונדז אין אינסטיטוט פֿאַרשפּרייט געװען לעגענדעס װעגן דעם צװילינג אַקאַדעמיקער סאָקאָלאָװ. זײ האָבן געלײענט אַ קורס פֿון רוסישער פֿאָעטישער פֿאָלקס־שאַ־פֿונג. איך האָב נאָך פֿאַרכאַפּט איװאַן ניקאָלײַעװיטש קוביקאָװ, געהערט זײַנע לעקציעס װעגן דער רוסישער ליטעראַטור פֿונעם נײַנצעטן יאָרהונדערט, אַפּילו עקזאַמענעס אים אָפּגעגעבן. ביז דער רעװאָלוציע איז ער צװײ מאָל געװען רעפּרעסירט פֿון דער צאַרישער מאַכט און איז צװײ מאָל געװען אין פֿאַרשיקונג. דער טיפּאָגראַפֿיע־זעצער איװאַן דעמענ־טיעװ (קוביקאָװ איז זײַן ליטעראַרישער פּסעװדאָנים) איז מיט דער צײַט געװאָרן אַן אָנגע־זעענער געלערנטער און קריטיקער. אין זײַנע פֿילצאָליקע ביכער טײלן זיך אױס די װערק „דער אַרבעטער־קלאַס אין דער רוסישער ליטעראַטור", קאָמענטאַר צו נעקראַסאָװס פּאָעמע „װעמען איז אין רוסלאַנד גוט צו לעבן?" און אַנדערע. מע האַלט, אַז קוביקאָװ האָט ניט אױסגעמיטן קײן װולגאַרן סאָציאָלאָגיזם. אונדז האָט אין זײַנע לעקציעס צוגעצױגן גראָד די פֿאַרבינדונג פֿונעם אידײיִשן אַנאַליז פֿון װערק מיט דער געשטאַלטן־סטרוקטור;

מיר זײַנען אַלע געװען פֿאַרליבט אין באָריס איװאַנאָװיטש פּורישעװ, דעמלט איז ער געװען דער סאַמע יונגער פּראָפֿעסאָר אין אינסטיטוט (ער איז געװאָרן פּראָפֿעסאָר צו 26 יאָר); ער איז געװען שײן, עלעגאַנט און ביז גאָר אײדל. אױב אַ סטודענטקע האָט זיך שלעכט צוגעגרײט און האָט אָפּן עקזאַמען געפּלאָנטערט דאַטעס, נעמען פֿון פּערסאָנאַזשן, פֿון װערק, האָט געפֿלאַמט דאָס פּאָנעם פֿון כאַרפּע באַם פּראָפֿעסאָר, מער װי בא דער סטודענטקע. די יונגע פֿילאָלאָגן בא אונדז אין לאַנד שטודירן ביז הײַנטיקן טאָג די מײַרעװ־אײראָפּעיִשע לי־טעראַטור פֿון מיטלאַלטער און רענעסאַנס לױט די לערנביכער און כרעסטאָמאַטיעס, װעלכע עס האָט צונױפֿגעשטעלט פּורישעװ. אונדז, די סטודענטן פֿונעם מאָסקװער פּעדאַגאָגישן אינ־סטיטוט, האָט באַזונדערס אָפּגעגליקט: מיר האָבן געהערט פּורישעװס לעקציעס, מיר זײַנען געגאַנגען אַף זײַנע סעמינאַרן, האָבן אים אָפּגעגעבן עקזאַמענעס.

עס האָט אַזױ געטראָפֿן, אַז אין אַ פֿערטל יאָרהונדערט אַרום איז מיר אױסגעקומען צו אַרבעטן מיט באָריס איװאַנאָװיטשן אין אײן װיסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט, נאָך מער: זײַענדיק דער געלערנטער סעקרעטאַר פֿון אָט דעם אינסטיטוט, בין איך אַפּילו אין אַ באַשטימטן זין געװען זײַן „נאַטשאַלניק". פֿונדעסטװעגן האָב איך זיך ניט אײַנגעשטעלט צו פֿרעגן בא פּורישעװן, צי געדענקט ער עפּשער אַ יונגן סטודענט, װאָס האָט געהאַט די העזה זיך צו נעמען פֿאָרשן די טעמע „דאָס געשטאַלט פֿונעם נאַר אין דער װעלט־ליטעראַטור". געװען איז דאָס אין האַרבסט 1939. אַ שטױס דערצו איז פּורישעװס אַ גלענצנדיקע לעקציע װעגן דער דײַטשישער אַזױגערופֿענער „נאַרן־ליטעראַטור". עטלעכע כאַדאָשים בין איך געזעסן אין לענין־ביבליאָטעק, כ'האָב צונױפֿגעשטעלט אַ גרױסע ביבליאָגראַפֿיע פֿון עטלעכע הונדערט נעמען: אָנהײבנדיק פֿונעם פֿאָלקלאָרישן איװאַנושקאַ דוראַטשאָק ביז דעם אומ־שטערבלעכן בראַװן סאָלדאַט שװײק.

אוודע האָב איך אַזאַ הליבע ניט געקענט אופֿהײבן און כ'װײס ניט, צי װאָלט איך זיך אַפּילו איצט ספּראַװעט דערמיט. פֿונדעסטװעגן בין איך ביז גאָר דאַנקבאַר באָריס איװאַנאָ־װיטשן, װעלכער האָט מיך אָנגעשטױסן אַף אָט דער טעמע. װי עס זאָל ניט זײַן, מײַנע ערשטע אומזיכערע טריט אין דער װיסנשאַפֿט האָב איך געמאַכט מיט פּראָפֿעסאָר פּורישעװס הילף. מיסטאָם האָט דער פּראָפֿעסאָר ניט געלײענט מײַן ביכל „געלעכטער איז דאָס געװער פֿון שטאַרקע" אָדער מײַנע אַרטיקלען װעגן סאַטירע און הומאָר, צי אײניקע מײַנע פֿעליעטאָנען אין זשורנאַל „פֿראַגן פֿון ליטעראַטור". נאָר אױב אַפּילו ער האָט יאָ געלײענט אָט די װערק מײַנע, האָט ער מיסטאָמע אַפּילו ניט כױשעד געװען, אַז דער ערשטער שטױס פֿאַר די דאָזיקע אַרבעטן זײַנען געװען זײַנע לעקציעס װעגן די איטאַליענישע פֿאַצעציעס, די דײַטשישע שװאַנקן, די פֿראַנצױזישע אַנעקדאָטן. מיר, דעם פּאָדאָליער ייִנגל, װאָס איז אױסגעװאַקסן אַף מענדעלעס סאַטירע און שאָלעם־אַלײכעמס הומאָר, האָט אימפּאָנירט אַלץ אין פּורישעװס לעק־ציעס װעגן „לאַך־קולטור" אין אײראָפּעיִשן רענעסאַנס.

װעגן דעם, אַז די װיסנשאַפֿט װעגן ליטעראַטור, װאָס איר האָב איך געטראַכט װידמענען מײַן לעבן, איז, כוץ אַלעמען, אױך אַ גרױסע קונסט, האָב איך צום ערשטן זיך דערװוּסט פֿון דעבאָראַ איזראַילעװנאַ בערנשטײנס לעקציעס. װי פֿאַרקישעפֿטע האָבן מיר, די נעכטיקע שי־לער, געהערט די לעקציעס פֿונעם דאָצענט בערנשטײן װעגן פּושקינס טראַגעדיע „באָריס גאָ־דונאָװ". מיר האָבן מױרע געהאַט דורכצולאָזן אַ װאָרט. דעבאָראַ איזראַילעװנאַ האָט גע־לײענט בא אונדז אַ ספּעציעלן קורס פֿון רוסישער דראַמאַטורגיע. עס האָט זיך געדאַכט, זי װעבט דינע דורכזיכטיקע געװעבן, — אַזױ גרינג און ציכטיק, מיט אַזאַ מין אַרטיסטיזם האָט זי אַנטװיקלט איר געדאַנק. פּושקינס געניִאַלע טראַגעדיע װעגן דער „סמוטנע צײַט" אין רוס־לאַנד, זײַן װערק „באָריס גאָדונאָװ", װאָס פֿאַרקערפּערט די אידייִ װעגן דעם, אַז אָן דער שטיצע פֿונעם פֿאָלק איז יעדער מאַכט איליוזאָריש, האָב איך געלײענט ניט אײן מאָל. אָבער

בערנשטיין האָט אונדז אָט דאָס ווערק געוויזן פון נײַע זײַטן און דערמיט אונדז געגעבן א מעגלעכקײַט טיפער דאָס פארשטיין.

גלײַך נאָך דער מילכאָמע, נאָך אין די אָפיצערישע קליידער, בין איך געקומען צו דעבאָרא איזראַילעוונא אהיים (ערגעץ אין א הויז פונעם אלטן ארבאט). אין עטלעכע יאָר ארום האָב איך ווידער באגעגנט מײַן אלטע לערערן אין קאָנפערענץ־זאַל פון אונדזער אינסטיטוט. מיר האָבן זיך איבערגעוואָרפן בלויז מיט עטלעכע פראזעס. ניט דאָס ערשטע, ניט דאָס צווייטע מאָל האָב איך, צום באדויערן, ניט געפונען די נייטיקע ווערטער, וואָס זאָלן אויסדריקן די דאנקבארקײַט און ליבע צו איר.

איך וואָלט נאָך געדארפט עפּעס זאָגן וועגן אנדערע באגאבטע לערער פונעם מאָסקווער פעדאגאָגישן אינסטיטוט אף לעגינס נאָמען. לעמאָשל, וועגן דעם היסטאָריקער סיראָיעטשקאָווסקי, דעם פסיכאָלאָג קאָרנילאָוו, דעם שוין דערמאָנטן קאַיראָוו; כ׳וועל דאָ אָנרופן נאָך צוויי — זיי זײַנען העלדיש אומגעקומען אין סאמע אָנהייב פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, — זיי זײַנען פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט מיט די פאָלקס־אָפּאָלטשעניעס פון דער הויפטשטאָט אין די ערשטע טעג יול 1941. קיין מער ניט צוגעפאסטע צו מיליטער־דינסט ראַפינירטע אינטעליגענטן האָב איך ניט באגעגנט. (און איך האָב דאָך פיר יאָר געדינט אלס אָפיצער־סטראַיעוויק, צווישן מײַנע סאָלדאטן און קורסאנטן האָבן זיך געטראָפן אויסערגעווײנלעך „שטאטסקע" טיפן, אף וועלכע די מיליטערישע פאָרמע, וויפל ס׳האָט זיך ניט געסטאַרעט אונדזער סטארשינא וואָווק, האָט אויסגעזען, ווי א זאָטל אף א קו).

לאזאר פערלמוטער האָט אָנגעפירט מיט די פראקטישע לימודים פון אונדזער גרופּע (ער האָט געפירט דעם קורס פון דער הײַנטצײַטיקער רוסישער ליטערארישער שפראַך). נאָך זײַן טויט זײַנען געבליבן זײַנע ארבעטן וועגן דער שפראַך פון לערמאָנטאָווס ליריק. דער דאָזיקער הויכער, שלאנקער דרײַסיקיאָריקער מאן האָט שטענדיק געקוקט אף אונדז מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן פון אונטער די גראָבע גלעזלעך פון דער אָפּגעגילדעטער פענסנע גוטוויליק און מיט אינטערעס. ער האָט געוווינט אין אן אלט מאָסקווער הויז אף פּאָקראָווקע. אין דער קליינער דירע, וואָס איז געווען פארוואלגערט מיט ביכער און מיט קסאוויאדן, איז געווען ענג, ווי אין טראמווײַ „א", וואָס פלעגט זיך דורכטראָגן מיט א ראש און מיט א טומל פארבײַ זײַנע פענצטער. די סטודענטן און סטודענטקעס פלעגן קומען אהיים צום דאָצענט פערלמוטער, קעדיי אונטער זײַן פערזענלעכער אופזיכט אויספילן די פארגעבונגען אף גראמאטיק און סטיליסטיק, אויך זיך א גראָב טאָן אין זײַן אוניקאלער לינגוויסטישער ביבליאָטעק. דער באלעבאָס האָט אלעמען גאסטפרײַנטלעך באגעגנט. זײַן הילכיקער באס האָט געהילכט אין דער נידעריקער דירע, און די געמיטלעכע אלטע מוטער זײַנע האָט שטיל געגרייט אין קיך עפּעס א געשמאַק מײַכל פאר איר לאזארס שילער...

קימאַט איינצײַטיק מיט לאזאר פערלמוטער איז אפן פראָנט אומגעקומען אויך דער דאָצענט באָריס עטינגין. אין זשורנאל „זנאַמיא" איז ביז דער מילכאָמע, ווי מיר געדענקט זיך, פארעפנטלעכט געווען זײַנע אן אינטערעסאַנטע ארבעט „די געשיכטע פון איין אינטאָנאציע" — וועגן דער הײַנטצײַטיקער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראטור. עטינגין איז געווען א יונגער ערודירטער געלערנטער. מיר האָבן אלע זיך באצויגן צו אים מיט אכטונג, זיך געסטארעט ארײַן אין זײַן גרופּע, אים געהערט מיט גרויס אינטערעס, אָבער קיין באזונדערע נאָענטקײַט צווישן די סטודענטן מיטן דאָצענט איז ניט געווען. מיסטאם האָט אונדז אָפּגעהאלטן עטינגינס אונטערגעשטראָכענער אריסטאָקראטיזם. א בלאס פארטראכט פּאָנעם, דינע ווײַסע נערוועיִש ציטערנדיקע פינגער מיט שטארק געפּוצטע נעגל, אָנגעשטרענגט פארהויבענע געדיכטע ברעמען אונטערן הויכן ריינעם שטערן, א שלאנקע דארע פיגור אין אן עלעגאנטן קאָסטיום — דאָס אלץ האָט אים אויסגעטיילט צווישן די לערער, וועלכע האָבן מערסטנטייל אין יענע יאָרן ווייניק אכט אָפּגעגעבן זייער אויסערלעכן אויסזען. ער האָט גערעדט לאנגזאם, מיט דויערנדיקע פּאוזעס, געקוקט ניט אף אונדז, נאָר ערגעץ איבער דער אאודיטאָריע.

עטינגין וואָלט זיכער ארײַנגעבראכט א בײַטראָג אין דער ליטעראטור־וויסנשאפט, ווען ער זאָל ניט געווען אזוי פרי אומקומען.

אף לאנגע יאָר האָט מיך דער גוירל פארבונדן מיטן פראָפעסאָר וו. יא. קירפּאָטין. וועגן אים און וועגן זײַן ראָל אין מײַן לעבן וועל איך גענויער דערציילן אין די ווײַטערדיקע טיילן פון מײַנע „שריפטן". דאָ וועל איך זיך באגרענעצן בלויז דערמיט, וואָס איך וועל דערציילן וועגן מײַן ערשטער באגעגעניש מיט אים אין 1940 יאָר.

אין יענעם יאָר איז דערשינען דער פערטער בוך פון שאָלאָכאָווס עפּאָפּיי „שטילער דאָן". דערשיטערטע פון זײַן גרויסער מײַסטערשאפט, האָב איך מיט מײַן פרײַנט וואָלאָדיע מאלינקאָווסקי אָנגעהויבן ארבעטן איבער רעפעראטן וועגן שאָלאָכאָווס ראָמאן. וואָלאָדיע האָט גענומען א טעמע „גריגאָרי מעלעכאָווס גוירל". איך האָב שוין דעמלט זיך אינטערעסירט מיט פּראָבלעמען פון דער קלאסישער רוסישער ליטעראטור און האָב פאָרמולירט די טעמע אזוי: „דאָס קאזאקנטום אין דער שילדערונג פון לעוו טאָלסטאָי און מיכאיל שאָלאָכאָוו. א פרווו פון א פארגלײַכנדיקן אנאליז פון דער דערציילונג „קאזאקן" און דעם ראָמאן „שטילער דאָן". די טעמעס זײַנען באשטעטיקט געוואָרן אפן ראט פון דער סטודענטישער וויסנשאפט־געזעל־

שאפט. וואלערי יאַקאָוולעוויטש קירפּאָטין האָט געגעבן זײַן האסקאָמע אָנפירן מיט אונדזער ארבעט איבער אָט די טעמעס. קירפּאָטין איז דעמלט געווען פארוואלטער פון דער קאַטעדרע פון דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראטור אין אונדזער אינסטיטוט.

צי דארף איך נאָך דערציילן, אז איך מיט וואָווען האָבן שטאָלצירט דערמיט, וואָס דער פּראָפעסאָר וו. קירפּאָטין איז מאסקים געווען אָפּגעבן אונדז זײַן אופמערקזאמקײַט? א קאָמוניסט פון 1918 יאָר, איז ער געווען דער פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר פונעם אָרגקאָמיטעט פונעם שרײַבער־פארבאנד, מ. גאָרקיס א נאָענטער מיטארבעטער בייסן אָרגאניזירן דעם שרײַבער־פארבאנד, איינער פון די הויפּט־פּאָרטרעגער אפן ערשטן אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר. צו יענער צײַט איז קירפּאָטין שוין געווען באוווּסט אלס אווטאָר פון א ריי ביכער, דערונטער פון דער מאָנאָגראפיע „פּושקינס יערושע און קאָמוניזם”. וואלערי יאַקאָוולעוויטש איז שוין דעמלט געווען אן אווטאָריטעטער מענטש אין דער ליטעראטור.

צו דעם אלעמען דארף איך נאָך זאָגן, אז קירפּאָטין איז געווען ניט בלויז אן אָנגעזעענער קריטיקער און ליטעראטור־פאָרשער, נאָר אויך א גוטער דערפארענער פּעדאגאָג. אונדזערע ארבעטן — מײַנע און מײַן פרײַנט מאלינקאָווסקיס וועגן שאָלאָכאָוון זײַנען אנערקענט געווען אין די געהעריקע אינסטאנציעס אלס געלונגענע. טעזיסן פון אונדזערע ארבעטן זײַנען געדרוקט געווען אין א בראָשור, וועלכע עס האָט ארויסגעלאָזט דער פארלאג „וויסשאיא שקאָלא”. אונדזערע ארבעטן זײַנען אויך אָפּגעמערקט געוואָרן מיט ערן־גראמאָטעס אפן סטודענטישן קאָנקורס, וואָס עס האָט דעמלט דורכגעפירט דער קאָמיוג צוזאמען מיטן הויז פון די געלערנטע.

די גראמאָטעס האָט מען אונדז געגעבן בוכשטעבלעך ערעוו דעם שוידערלעכן זונטיק פון 22 יון 1941 יאָר.

אפן צווייטן טאָג זײַנען מיר געקומען אין דער ביבליאָטעק פונעם אינסטיטוט און זיך גענומען גרייטן צו די עקזאמענעס. פּלוצעם איז די אָנגעשטרענגטע שטילקײַט פונעם לייענזאל צעריסן געוואָרן פון אן אומדערווארטן אויסגעשריי:

„אוי, יאטן, א מילכאָמע!”

מיר האָבן זיך אלע א לאָז געטאָן אין וועסטיביול. ארום דעם ראדיאָ־רופּאָר איז געשטאַנען א גרויסער אוילעם סטודענטן, לערער, אינסטיטוט־ארבעטער, וואָס האָבן געהערט די מיטיילונג פון דער רעגירונג.

יאָ, דאָס איז געווען א מילכאָמע.

עס איז נאָך אַלץ מײַן עמער פֿול

רײַפֿקײַט

אין סאָד די פֿײַערס הענגען שווערע,
מיט זיי באַלאָדן — יעדע צווײַג.
די רײַפֿקײַט קאָנסטו דאָ דערהערן,
ווי מאַזלבראָכעדיק זי שווײַגט.

שטרעק אויס די האַנט, גענים פֿון שעפּע,
קיין אָפּהאַלט איז פֿאַר דיר ניטאָ.
זעסט די נאַטור — פֿון גוטס דעם שעפֿער —
דאָ אין איר מאַזלדיקער שאָ.

באַם ברונעם

אין ברונעם איז דאָס וואַסער זויבער,
דער ברונעם נעמט ניט אָן קיין שטויב.
אַן עמער כ׳האָב אַרויסגעהויבן,
אַ פֿולן עמער, ווי אַן אויג.
און פֿאַרזיכטיק כ׳האָב אים געטראָגן,
פּאַמעלעכקע געציילט די טריט,

קעדיי ניט אויסגיסן קיין טראָפּן —
די קילע לויטערקײַט געהיט.

דאָס וואַסער קעגן זון צעגלאַנצט איז,
אין אים די שטראַלן שפּרינגען דול.
מיר דאַכט, אַז מיר איז אַלץ נאָך צוואַנציק,
און ס׳איז נאָך אַלץ מײַן עמער פֿול.

מײַן שײַטער

פֿון יוגנט ס׳דערמאָנט זיך דער שײַטער,
זײַן וואַרעמקײַט — ניט צו פֿאַרגעסן,
זײַן שײַן, וואָס די נאַכט האָט דערווײַטערט,
דעם דאַמף איבער זודיקן קעסל...

דער קוואַל, וואָס דערנעבן געפּלוישט האָט
מיט וואַסער מיט פֿרישער און קלאָרער,

דער טײַגעס פֿאַרכאָלעמטער רוישן —
דאָס אַלץ שוועבט איצט אויף אין זיקאָרן.

ער העלט, פֿון מײַן יוגנט דער שײַטער,
מיט אים כ׳בין אין טײַגע געבאָרן.
עס אײַלן מיט טריט מיט פֿאַרשײַטע
פֿון דאָרט מײַנע גליקלעכע יאָרן.

אַ פֿריידיק געזאַנג

עס רוישט מײַן וואַרשטאַט, ס׳גייט די אַרבעט אַ גאַנג,
ס׳איז גוט אַפֿן האַרצן, עס פֿרייט יעדער קלאַנג.
דער מײַסטער פּאַטאַפּיטש קומט האָפֿערדיק צו:
— ווי גייט עס, בראַטישקאַ, ס׳איז אַלץ נאַ כאָדו?..
און שמייכלט צופֿרידן. ער ווייסט — ניט אומזיסט
מיט ווימפּעל מיט רויטן מײַן ווערקשטעל איז גריסט.
עס רודערט אין צעך. ס׳גייט די אַרבעט אַ גאַנג,
און ס׳וויכערט אין האַרצן אַ פֿריידיק געזאַנג.

ניט איין מאָל

ניט איין מאָל געמאָסטן איך האָב מײַנע ווערסטן,
אי שמאָלינקע שטעגלעך, אי וועגן גרעסטע.

זיי ציִען דורך בערג זיך, דורך טײַכן, דורך טײַגע,
ביז איצט נאָך אין האַרצן מײַן קינדערשער נײַגער.

מיט פֿרישקײַט עס טריפֿן פֿון סמאָלע די דופֿטן,
אָט באַלד וועט מיך ווידער מײַן קינדהײַט אַ רוף טאָן.

אַ רוף טאָן מיט בלענד פֿון פֿאַרפֿלויגענע יאָרן.
איך האַלט אַלץ אין מעסטן מײַן וועג אין זיקאָרן.

קינסטלער אווראַם מאַניעוויטש

(זע דאָס ארטיקל אף ז. 174)



אווטאָפּאָרטרעט

א פּראָווינץ-שטעטל
אין אמעריקע

קינסטלער גאווריִעל גליקמאַן

באָם קעסעלע מיט זופּ

מוטערשאַפט

געזעגענונג מיט דער מאמען

דער קליינינקער פּרינץ

קינסטלער אווראָם
מאַניעוויטש

דעם מאָלערס טאָכטער

א בײַ־שטאָטישער פּייזאַזש

מיר ענטפערן אויף פראגעס פון אונדזערע לייענער

וואָס האָט באַוויזן דער 28=טער ציִעניסטישער קאָנגרעס

כאַשעווער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"!

איך גלייב, אַז פאַר דעם דורכשניטלעכן לייענער וועט גרינגער זײַן צו פאַרשטיין דעם טאָך פונעם הײַנטצײַטיקן ציִעניזם, אויב עס וועט גענויער דערציילט ווערן וועגן דעם לעצטן קאָנגרעס פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. איך בעט ווידמענען דער דאָזיקער פראַגע א באַזונדער אַרטיקל.

נ. ריסקינד, אַלמאַ־אַטאַ.

קאַרגע צוויי יאָר זײַנען אַוועק נאָך דעם 28־טן קאָנגרעס פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. א קורצע אינפאָרמאַציע וועגן אים איז אין „סאָוועטיש היימלאַנד" שוין געווען.

איצט, בא דער מער נעענטערער באַקאַנטשאַפט מיט די מאַטעריאַלן פונעם קאָנגרעס, ווערט אַלץ קלאָרער און בולטער דער טיפער רעאַקציאָנערער טאָך פונעם ציִעניזם, זײַן פּאָליטיק פון צעיושעטן אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם, זײַנע אַגרעסיווע פּלענער און צילן.

דעם דאָזיקן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען פונעם 18 ביזן 24 יאַנוואַר 1972 אין ירושלים, האָבן די לידערס פונעם ציִעניזם פלײַסיק געגרייט סײַ אין אָרגאַניזאַציאָנעלער, סײַ אין אידעאָלאָגישער הינזיכטן. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. זיי האָבן געהאָפט, אַז דער קאָנגרעס וועט שאַפן „א נײַעם אימפּולס" פאַר דער ציִעניסטישער באַוועגונג, ער וועט זי אויסהיילן פון די געפערלעכע קריזיס־דערשײַנונגען און פאַריינוועגס מאָביליזירן די ייִדישע קעהילעס פון גאָר דער וועלט צו געבן דער ייִסראָעל־רעגירונג ווײַטערדיקע מאַטעריעלע שטיצע.

לאָמיר דאָ, אַגעוו, באַמערקן, אַז אינעם אָנגערופענעם קאָנגרעס האָבן זיך באַטייליקט מיט באַראַטונגס־רעכט עטלעכע געוועזענע סאָוועטישע בירגער, הײַנט טיף פאַרהריזנעטע אינעם אַנטיסאָוועטיזם, פאַרעטער פונעם סאָוועטישן ייִדנטום, אַזעלכע ווי מ. זאַנד, י. קערלער, ה. פייגין, ל. סלאַווין, ר. באַלבאַשווילי.

ערעוו דעם קאָנגרעס האָט אין דער ייִסראָעל־פּרעסע זיך באַוויזן א היפּשע צאָל פּראָגראַם־אַרטיקלען אונטערן דעוויז „דעם 28־טן ציִעניסטישן קאָנגרעס אַנטקעגן". אין איינעם פון אָט די אַרטיקלען — זײַן אַוטאָר איז דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אַזויגערופענער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג ייִצחאָק קאָרן — ווערט אָנערקענט, אַז שוין

„דער 21־טער ציִעניסטישער קאָנגרעס, דער ערשטער נאָכן אַנטשטיין פון דער מעדינע (ייִסראָעל), איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר א גורלדיקער פראַגע: צי דאַרף מען נאָך א ציִעניסטישע באַוועגונג?"

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, — שרײַבט י. קאָרן, — האָבן די פירער פונעם ציִעניזם געגעבן א פּאָזיטיוון ענטפער אויף דער פראַגע: יאָ, דער ציִעניזם איז נייטיק. זײַן הויפּט־אויפגאַבע באַשטייט אין געפינען די מיטלען פאַר זײַן אייגענער עקזיסטענץ. קאָרן ווײַזט אָן אויף צוויי אַזעלכע מיטלען:

1) פאַרשפּרייטן דעם ציִעניזם צווישן די סאָוועטישע ייִדן;

2) שאַפן אין ייִסראָעל א ציִעניסטישע אַטמאָספער, פאַרשפּרייטן און פאַרפעסטיקן בא דער באַפעלקערונג די אידייע וועגן אַן אַלוועלטלעך ייִדיש פאָלק מיט א געמיינזאַמען גורל.

דער הײַנטיקער קריזיס פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע האָט זיך פאַרשפּרייט אויך אויפן ציִעניזם. עס ווערט אַלץ שטאַרקער אויף דער ייִדישער גאַס פון פאַרשיידענע לענדער, ווי אויך גופא אין ייִסראָעל, די קריטיק פון דער שאָוויניסטישער, ראַסיסטישער אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם, די אומצופרידנקײַט מיט דער אויסערן־פּאָליטישער איזאָליאַציע פון ייִסראָעל. עס האָט זיך אויסגעלאָזט א טײַך פון די דראָשעס וועגן דעם, אַז אין ייִסראָעל ווערט ראַדיקאַל געלייזט די „ייִדן־פראַגע". בא אַזאַ לאַגע האָבן די אידעאָלאָגן פונעם ציִעניזם געמוזט זוכן עפּעס א קאַמופליאַזש, וואָס זאָל מאַכן דעם ציִעניזם פײַנער, צוציִעוודיקער.

די אַוטאָרן פון פיל אַרטיקלען, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערעוו דעם קאָנגרעס, האָבן אָנגעוויזן, אַז די ציִעניסטישע אידעאָלאָגיע שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקײַט. וועגן דעם שרײַבט, לעמאָשל, י. גאָלדפּאַך אין זײַן אַרטיקל אין „דאַוואַר" „דער זיג פון דער אידיי

און די שוואַכקייט פון די זיגער". דאָס איז אַן אַרטיקל, וואָס דערמאָנט דעם אַלטן ייִדישן לאָזונג „השיווינו נאזאד". גאָלדפּאַפ לייגט פאָר אומקערן זיך צום „ציִוניסטישן ראַדיקאַליזם", דה. צום אַלטן אוטאָפּישן לאָזונג „קאָנצענטרירן דאָס ייִדישע פאָלק אין דער מעלוכע ייִסראָעל".

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז דער 28־טער ציִוניסטישער קאָנגרעס דורכגעגאַנגען אונטער די לאָזונגען פון צעיושעטן אַנטיסאָוועטיזם. אין זײַן טאָג־אָרדענונג איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע „וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד", און זײַן רעזאָליוציע האָט געפאָדערט צו „דערשלאָגן זיך, אַז די ייִדן זאָל זײַן דערלויבט פרײַ אַרויסצופאָרן פון פּססר". דער דעמלטיקער פּאָרזיצער פונעם אויספירקאָם פון דער ציִוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע א. פּינקוס האָט גערופן די ציִוניסטישע פעדעראַציעס אין „גאָלעס", זיי זאָלן פאַרשטאַרקן די שאָדן־פּראָפּאַגאַנדע, דעם דרוק אויף דער סאָוועטן־רעגירונג, זיי זאָלן אויך אויף ווײַטער דורכפירן טומלדיקע דעמאָנסטראַציעס, אַנטיסאָוועטישע קאָנפערענצן אדג.

דער קאָנגרעס האָט געפאָדערט פון די ציִוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע און מערב־אייראָפּע, זיי זאָלן פאַרשטאַרקן די ציִוניסטישע אַרבעט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, זאַמלען מיטלען אויף צו שטיצן די מיליטאַריסטישע פּאָליטיק פון ייִסראָעל, צוציִען מיט אַלע מיטלען די יוגנט צו דער ציִוניסטישער באַוועגונג. דער קריזיס פונעם ציִוניזם איז אָבער דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז דערשלאָגן זיך די אונטערשטיצונג פון זײַן פּראָגראַם און פון זײַנע פּראַקטישע מעשׂים מיצאַד די ברייטע מאַסן איז זייער שווער — אַפילו אין ייִסראָעל גופא. דער קאָנגרעס קלאָגט זיך אין זײַנע רעזאָליוציעס אויף דער „גלײַכגילטיקייט און פּאַלשער פאַרשטעלונג, וואָס איז צו מערקן צווישן אַ טייל פונעם יונגן דאָר פון ייִסראָעל בענעגייע דעם יודאַיִזם, ציִוניזם, דער צוקונפט פון דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט". ער לייגט פאָר אײַנפירן אין די לערן־אַנשטאַלטן אָבליגאַטאָרישע לימודים וועגן יודאַיִזם און ציִוניזם, פירן צווישן דער יוגנט אַן אַקטיווע אַרבעט וועגן די פּראָבלעמען פון דער ציִוניסטישער באַוועגונג.

דער קאָנגרעס האָט ניט געקאָנט פאַרשווײַגן אויך די פאַקטן, וועלכע זאָגן איידעס וועגן די ערנסטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע שוועריקייטן פון ייִסראָעל. אָבער די קינסטלעכע מיטלען, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט, וועלן ניט ליקווידירן די אָרעמקייט, ניט דערלייזן די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, ניט ליקווידירן די שאַרפע סאָציאַלע ווידערשפּרוכן אין לאַנד. די דאָזיקע ווידערשפּרוכן זײַנען זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז די ציִוניסטן זײַנען ניט אימשטאַנד צו פאַרשווײַגן זיי אָדער צו פאַרעדן די ציין באַם פאָשעטן פאָלק מיט פּוסטע צוזאָגעכצן.

באַם אונטערפירן די סאַכאַקלען פונעם קאָנגרעס האָט אַפילו די בורזשואַזע ייִדישע פּרעסע אָנגעוויזן, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אין אַן אַטמאָספער פון שאַרפע ווידערשפּרוכן.

די אָפיציִעלע דאָקומענטן, וועלכע זײַנען אָנגענומען געוואָרן אויפן 28־טן קאָנגרעס פון דער ציִוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, האָבן נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דעם טיפן קריזיס, וועלכן עס לעבט איבער די ציִוניסטישע אידעאָלאָגיע. די פּרוּוון פון די ייִסראָעלדיקע לידערס צו פירן נאָך זיך די מאַסן טרעפן אָן אויף אַ ווידערשטאַנד אַפילו אין דער אייגענער סוויווע. די ווידערשפּרוכן צווישן די „טראַדיציאָנעלע" ציִוניסטן און דער ציִוניסטישער יוגנט זײַנען אַזוי שטאַרק, אַז דער קאָנגרעס האָט ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו אינערלעכער אייניקייט.

אַ באַזונדערס ניט גינסטיקע אַטמאָספער פאַרן ציִוניזם האָט זיך געשאַפן נאָכן וויזיט פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד לעאָניד איליטש ברעזשנעוו קיין פּשאַ און פראַנקרײַך און נאָך דער פאַרבעסערונג פון די באַציִונגען צווישן פּססר און פּשאַ. בײַס די אונטערהאַנדלונגען צווישן ל. אי. ברעזשנעוון און ר. ניקסאָנען איז געווען פאַרמולירט געוואָרן דער סאָוועטישער פּרינציפּ אין דער פראַגע וועגן דעם נאָענטן מיזרעך. אין העסקעם מיט דער סאָוועטישער שאָלעם־פּראָגראַם האַלט דער סאָוועטנפאַרבאַנד, אַז די אויפגאַבע צו ליקווידירן די מילכאָמע־סיטואַציע אויפן נאָענטן מיזרעך האָט אַ פּרינציפּיעלע באַדײַטונג. די דאָזיקע סיטואַציע דאַרף ליקווידירט ווערן אויף דער באַזע פון אָפּשטעלן די געזעצלעכע רעכט פון די מעלוכעס און פעלקער, קעגן וועלכע עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַן אַגרעסיע. די סאַמע יושערדיקע לייזונג פון דער פּראָבלעם פונעם נאָענטן מיזרעך איז אַרויספירן דאָס ייִסראָעל־מיליטער פון אַלע אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס. אָבער דער פאַרלאַנג פון די רעגירער פון ייִסראָעל און פון די לידערס פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִוניזם צו לייזן די אויסערן־פּאָליטישע פּראָבלעמען מיט דער הילף פון געווער באַווײַזט, אַז דער ציִוניזם איז אַן אימפּעריאַליסטישער קויעך, אַן אָנהענגער פון מילכאָמע־מעטאָדן, אַ פאַרשפּרייטער פונעם קאַלטן קריג.

מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק איז אין זשענעווע פאָרגעקומען אַ זיצונג פונעם אויספירקאָם פון דער ציִוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. אויף דער דאָזיקער זיצונג איז ווידער געשטעלט געוואָרן די פּראָוואָקאַציאָנעלע פראַגע „וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין פּססר". ווי מיר זעען, עקזיסטירן הײַנט, אין גרונט גענומען, צוויי קרעפטן, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער אָפּשוואַכונג פון דער צווישנפעלקערלעכער אָנגעשטרענגטקייט. דאָס זײַנען די אָנפירער פון דער מאַאָ־גרופּע אין כינע און די לידערס פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִוניזם.

נ. ריכטער

ליטעראַטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

עטיודן וועגן קריטיק און וועגן קריטיקער

עס האָט אַזוי געטראָפן, אַז דער געבורט פון פיר אָנגעזעענע ליטעראַטור־קריטיקער, פאָרשער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איז צונויפגעפאַלן אין איין צײַט: מאַקס עריק איז געבוירן געוואָרן דעם 17 נאָיאַבער 1898, און עס וואָלט, הייסט עס, איצט אים געוואָרן 75 יאָר; מייער ווינערס 80־יאָריקער געבורטסטאָג פאַלט אויס דעם 21 דעקאַבער 1973; נאָכעם אויסלענדער איז געבוירן געוואָרן דעם 26 דעקאַבער 1893, ער וואָלט איצט אויך אַלט געוואָרן 80 יאָר; דעם 12 דעקאַבער 1973 מערקן מיר אָפּ יעכעזקל דאָברושינס 90־יאָריקן יובילײ.

די דאָזיקע פאָרמעלע צופעליקײַט גיט אַ מעגלעכקײַט צו באַטראַכטן די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק אינגאַנצן גענומען און, נאַטירלעך, די גרונט־שטריכן פון דער ליטעראַרישער שאַפונג פון יעדן פון אָט די קריטיקער באַזונדער, האַגאַם זיי זײַנען געווען גאָר ניט ענלעך איינער אפן צווייטן ניט אַלס פּערזענלעכקײַטן און ניט אַלס וויסנשאַפטלער.

איינע פון די וויכטיקסטע דערגרייכונגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז דער אופשטײַג פון דער קריטיק. פאַר די יאָרן פון דער ראַטנמאַכט, באַזונדערס אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, איז געשאַפן געוואָרן אַ נײַע קריטיק, וועגן וועלכער די ייִדישע ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע האָט ניט געוווּסט — אַ ייִדישע סאָוועטישע מאַרקסיסטיש־לענינישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט, וואָס האָט אַף נײַע פּרינציפּיעלע טעאָרעטישע און פילאָסאָפישע יעסוידעס, אַף אַ שטרענג וויסנשאַפטלעכן אויפן געגעבן טיף באַגרינדעטע קאָנצעפּציעס וועגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, באַזונדערס וועגן דער שאַפונג פון די קלאַסיקער, וועגן דעם סאָציִאַלן און עסטעטישן טאָך פון די וויכטיקסטע ליטעראַרישע דערשײַנונגען, וועגן דער פּראָבלעם פון פאָרם און אינהאַלט, וועגן רעאַליסטישן סטיל אאַז.

פאַר גאָר אַ קורצער צײַט (סאַכאַקל פאַר אַ פּאָר צענדליק יאָר) האָט אין ראַטנפאַרבאַנד זיך אויסגעטיילט אַ גרויסע פאַלאַנגע קריטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער: מ. ליטוואַקאָוו, נ. שטיף, מ. ווינער, נ. אויסלענדער, מ. עריק, י. בראָנשטיין, א. גורשטיין, ש. עפּשטיין, י. נוסינאָוו, א. כאַשין, א. ראָזענצווײַג, ש. בילאָוו, א. וואָראָבייטשיק, ב. אָרשאַנסקי, כ. דונעץ, י. רימיניק, א. האָלדעס, ס. זשוקאָווסקי, א. דובילעט, אי. דרוקער, ש. קליטעניק, מ. וואָרטמאַן, ר. רובין, מ. נאָטאָוויטש, י. סערעבריאַני און אַנד. אַ וויכטיקן בײַטראָג אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק האָבן געגעבן די דיכטער און פּראָזע־שרײַבער ד. בערגעלסאָן, פּ. מאַרקיש, אי. פעפער, ע. פינינבערג, מ. כאַשטשעוואַצקי, י. שטערנבערג, א. ווערגעליס.

צווישן דער גרויסער גאַלעריי ייִדישע סאָוועטישע קריטיקער און פאָרשער פאַרנעמען מאַקס עריק, מייער ווינער, נאָכעם אויסלענדער, יעכעזקל דאָברושין אַ באַזונדער אָרט. אין זייער שאַפונג זײַנען ווי קאָנצענטרירט געוואָרן די גרונט־ריכטונגען פון דער גאַנצער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־שאַפונג.

מוישע ליטוואַקאָוו איז געווען דער אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קריטיק, איר אַנערקענטער וואָרטזאָגער. ער איז געווען אַ קריטיקער אַ דענקער, אַ פײַנדיקע גײַסטרײַכע פּערזענלעכקײַט אין דער ליטעראַטור. זײַענ־

דיק אַן ערודיט אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור, אָנגעהויבן פון די אוראַלטע צייטן און ביז דער נייער עפּאָכע, איז ליטוואַקאָוו, פונדעסטוועגן, קיין פאָרשער אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט ניט געווען. ער האָט געקאָנט באַלייכטן די סאַמע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דער קולטור־פאַרגאַנגענהייט, אָבער גריבלען זיך אין ארכיוו־מאַטעריאַלן — דאָס איז ניט געווען זיין באַרוף.

יצחק נוסינאָוו איז אַרויסגעטראָטן אין אַ ריי פון זיינע אַרבעטן ווי אַ פאָרשער. ער האָט אָבער זיך צעשפּליטערט איבער פאַרשיידענע געביטן און פאַרינטערעסירונגען מיט זיינע אַרבעטן איבער דער יידישער, רוסישער און מערעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטורן, איבער מעטאָדאָלאָגיע און טעאָריע פון ליטעראַטור, און דאָס האָט אים געשטערט צו דערגרייכן שטרענגע וויסנשאַפטלעכע פּינקטלעכקייט.

אַ קריטיקער איז געווען י. בראַנשטיין. זיין קריטיק איז געווען אַנאַליטיש, פאָרשעריש, פּובליציסטיש. און האַגאַם ער האָט לויט זיין טעמפּעראַמענט באַלאַנגט צו דער ראַפּישער קריטיק, וואָס האָט אים ניט זעלטן געבראַכט צו ניט ריכטיקע באַהויפּטונגען, האָט ער געהאַט אַ שעפערישע ווירקונג אויף דער ליטעראַטור.

מאַקס עריק, מייער ווינער, נאָכעם אויסלענדער, יעכעזקל דאָבּרושין האָבן אַרײַנגעטראָגן דעם באַדײַטנדיקסטן צושטייער אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. זיי זיינען געווען וויסנשאַפטלער פון הויכע מאָסשטאַבן סיי לויט זייער באַהאווונטקייט אין געביט פון געשיכטע, פילאָסאָפיע און, באַזונדערס, לויט זייער באַהאווונטקייט אין דער יידישער, רוסישער און מערעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטורן, סיי לויט דער טיפקייט פון עסטעטישן אַנאַליז פון די דערשיינונגען, וועלכע זיי האָבן זיך גענומען פאָרשן. די פיר געלערנטע האָבן ניט בלויז געפאָרשט די אָדער יענע דערשיינונג, אַנאַליזירט די שאַפונג פונעם שרייבער, נאָר סינטעטיש באַזיניקט די דערשיינונג, פעסטגעשטעלט איר אָרט אין ליטעראַרישן פּראָצעס, אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. אָן אַ ליטעראַטור־היסטאָרישער קאָנצעפּציע קאָן אַפילע אַ באַגאַבטער קריטיקער שאַפן בלויז עמפּיריש, סטיכייש און מערסטנטייל אָן אַ פּערספּעקטיוו.

אַלס ליטעראַטור־קענער, געלערנטע און קריטיקער, האָבן עריק און ווינער, פון איין זייט, אויסלענדער און דאָבּרושין, פון דער צווייטער, דערגאַנצט איינע די אַנדערע. די ערשטע צוויי האָבן געפאָרשט דעריקער די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ביז דעם דריטן עטאַפּ פון איר אַנטוויקלונג, ביז שאָלעם־אַלייכעמען און פּערעצן. עריק און ווינער האָבן אַרבעטן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען, פּערעצן, אַשן, אַפּאַטאָשון, און אויך וועגן סאָוועטישע שרייבער. אָבער זייער גרויסער אויפטו שטעקט ניט אין דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָר אין שאַפן די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ביז די 80־ער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אויסלענדער און דאָבּרושין אַלס קריטיקער האָבן וואָגיקע אַרבעטן וועגן מענדעלען און אַנדערע שרייבער פון דעם צווייטן פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ביז די 80־ער יאָרן. אָבער זייער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער און ליטעראַריש־קריטישער אויפטו שפּרייט זיך אויס איבער די ווײַטערדיקע פעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור — שוין אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און באַזונדערס נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

ריידנדיק וועגן אָט די באַדײַטנדיקע קריטיקער און פאָרשער, ווילט זיך מיר באַזונדער אונטערשטרייכן איינע אַן אייגנשאַפט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי אַלע אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס. איך וואָלט אָט די אייגנשאַפט כאַראַקטעריזירט ווי פּאַטאָס פון וויסנשאַפטלעכער שאַפונג.

אַז מע לייענט מייער ווינערס אַן אַרבעט וועגן מענדעלען אָדער אַקסענפעלדן, וועגן עטינגערן אָדער וועגן דעם אַנאָנימען אויטאָר פונעם ווערק „די גענאַרטע וועלט", שטייט אויף פאַר די אויגן אַ לעבעדיק געשטאַלט פון אַ שאַפער, וועלכער האָט געלעבט מיט הונדערט, הונדערט פופציק, צוויי הונדערט יאָר צוריק. עס פילט זיך אין יעדן קאַפּיטל, אין יעדן פראַגמענט די פאַרזענלעכקייט פונעם פאָרשער, זיין ליריש־עמאָציִאָנעלער דערהויבענער גײַסט.

ווען מאַקס עריק מאָלט אַ בילד פון דער אויפקלערונג אין XVIII און XIX יאָרהונדערט, הייבט זיך אָן אויסשפּרייטן פאַר די אויגן אַ ראַכוועסדיקע היסטאָרישע פּאַנאָראַמע, פול מיט דראַמאַטישע און טראַגישע געשעענישן. דער לייענער טראָגט זיך אַריבער אין יענער ווייטער היסטאָרישער עפּאָכע, ווערט אַליין ווי אַן אָנטיילנעמער פון די דראַמאַטישע און טראַגישע געשעענישן, לעבט איבער די ווייטע פאַרגאַנגענהייט ווי די הײַנטצײַטיקייט.

נאָכעם אויסלענדערס אַ פאָרשונג וועגן די גרונטלייגער פונעם רעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור איז אין טאָך אַ קינסטלעריש ווערק, אַ דיכטערישע, אינהאַלטרײַכע אײַנפּאַלערישע דערציילונג וועגן די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור.

לייענענדיק יעכעזקל דאָבּרושינס בוך וועגן בערגעלסאָנען, פילסטו, ווי דער קריטיקער פירט דיך בא דער האַנט טראָט בא טראָט איבער דעם שיינעם גרינעם וואַלד פונעם קינסטלערס שאַפן. עס ווערן פאַר דיר קלאָר די סאַמע פאַרבאַהאַלטענע, נאָך ניט באַטראָטענע וועגן און שטעגן אינעם דאָזיקן וואַלד.

איך וואָלט געזאָגט, אַז מאַקס עריק, מייער ווינער, נאָכעם אויסלענדער, יעכעזקל דאָבּרושין זיינען געווען פּאָעטן אין דער קריטיק, און אין דער זעלבער צייט, לויטן באַרוף, עכטע וויסנשאַפטלער.

מאַקס עריק

ער איז געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד אין עלטער פון איין און דרײַסיק יאָר, ווען ער איז שוין געווען אַנערקענט אַלס אָנגעזעענער ליטעראַטור־היסטאָריקער, דער אַוטאָר פון „קאָנסטרוקציע־שטודיען" (וואַרשע, 1924), וווּ ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַנאַליז פון פּערעצעס „די גאָלדענע קייט", „באַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק". די דאָזיקע אַרבעט איז נאָך דעמלט ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן יונגן פאָרשער. מער אייגנטימלעך זײַנען אים געווען די פאָרשונגען וועגן דער ליטעראַטור אויף אַלט־ייִדיש, לעמאָשל — „וועגן בראַנט־שפּיגל און וועגן עליִאָהו באָכערס ליד וועגן דער סרייפע אין ווענעציע" (1926), „אינווענטאַר פון דער ייִדישער שפּילמאַן־דיכטונג" (1928) און דעריקער — דאָס קאַפּיטאַלע ווערק „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון די ערשטע צײַטן ביז דער האַסקאָלע, 14 — 18 יה." (1928).

דאָס איז געווען אַ געוואָגטער פּרוּוו פון אַ יונגן געלערנטן צו געבן אַ פאַרענדיקטע אַרבעט איבער דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור ביזן אָנהייב פון איר נײַער עפּאָכע. עס האָט זיך דאָ שוין געפילט דער פאַרנעם און דער פּאַטאָס פון אַ באַדײַטנדיקן פאָרשער, וועלכער פירט דעם ליטעראַטור־היסטאָרישן אַנאַליז אויפן סמאַך פון אַ שלאַל פאַקטישן מאַטעריאַל, וואָס ער אַליין האָט אים אַנטפּלעקט, אָדער ער האָט דער ערשטער פעסטגעשטעלט זײַן אָרט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. וויכטיק איז אָבער ניט בלויז דער פאַקטישער מאַטעריאַל, נאָר דאָס שטרעבן פונעם אַוטאָר אַרײַנשטעלן די פאַקטן אין אַ ברייטן היסטאָרישן פאַרנעם און פאַרבינדן דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל מיט סאָציִאַלע, פילאָסאָפישע און עסטעטישע הינטערגרונטן, זײַנע בליציקע אַנאַליזן פון ווערק און שרײַבער, זײַן פּרוּוו אויפצושטעלן די געזעצמעסיקײַטן און די אַנטוויקלונג פונעם פּראָצעס.

ניט צופעליק האָט דאָס ווערק אַרויסגערופן אַ ברייטע דיסקוסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַזעלכע ליטעראַטור־היסטאָריקער און פאָרשער, ווי ייִסראָעל צינבערג, שמועל ניגער און דער ליטעראַטור־פאָרשער און היסטאָריקער פון ייִדישער קולטור ייִצכאָק שיפּער. דערמיט איז אַנערקענט געוואָרן עריקס אָרט אַלס אָנגעזעענער פאָרשער.

דאָס איז געווען דער ערשטער פּעריִאָד פון מאַקס עריקס שאַפן — אַ גלענצנדיקער אָנהייב, אַ מין צוגרייטונג צו אַ נאָך מער רײַפערן פּעריִאָד, שוין אין ראַטנפאַרבאַנד. דער יונגער ליטעראַטור־היסטאָריקער האָט דערווײַל נאָך ניט געהאַט קיין פעסטע וויסנשאַפטלעכע היסטאָריש־פילאָסאָפישע קאָנצעפּציע אויף ליטעראַטור בִיכלאַל און אויף ייִדישער ליטעראַטור בִיפֿראַט.

אין זײַנע פאָרשונגען אויף ליטעראַטור־געשיכטע האָט דער מאַנגל אין אַ קלאָרער קאָנצעפּציע זיך געדעקט מיטן רײַכן פאַקטישן מאַטעריאַל. מערער האָט זיך דאָס אַנטפּלעקט אין די אַרבעטן איבער דער שאַפונג פון באַזונדערע שרײַבער. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איין בײַשפּיל.

אין 1928 האָט עריק פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „ביכער־וועלט" אַן אַרבעט „אויף די שפּורן פון מענאַכעם־מענדלען" — וועגן דער סעריע בריוו פון מענאַכעם־מענדלען און זײַן ווײַב שיינע־שיינדל, וועלכע איז פאַרעפנטלעכט אין דער וואַרשעווער צײַטונג „הײַנט", אָנהייבנדיק פונעם 25 אַפּרעל און ביז דעם 10 נאָיאַבער 1913[1]. אויב אין אַנדערע אַרבעטן עריקס פילט זיך גלײַך דער עכט וויסנשאַפטלעכער פּאַטאָס פונעם אַוטאָר, איז דאָ דער סטיל אַ מער אָדער ווייניקער טרוקענער און גרויער. עס ווערט ניט געגעבן קיין אַנאַליז פון די פּראָבלעמען און געשטאַלטן און פון דער סטרוקטור פונעם ווערק, וואָס שאָלעם־אַליכעם האָט עס אָנגערופן „דער צווייטער טאָם" פון „מענאַכעם־מענדל". דער לייענער טרעפט זיך אָן בלויז מיט פאָרמולעס, וועלכע ווערן ניט באַשטעטיקט מיט קינסטלערישן מאַטעריאַל. מאַקס עריק שרײַבט:

„סאָף 1903 איז שאָלעם־אַליכעם שוין מיד געווען פון זײַן טומלדיקן העלד", דאָס הייסט פון מענאַכעם־מענדלען. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז אַ דרייסטע, אָבער ניט קיין באַגרינדעטע. שאָלעם־אַליכעם האָט געשריבן וועגן מענאַכעם־מענדלען ניט בלויז אין 1903, נאָר אויך אין 1904, 1909, 1913, און ער האָט נאָך געהאַט בעדייע צו שרײַבן וועגן אים ווײַטער.

מאַקס עריק מעלדעט ווײַטער: „זײַן טעכניק (עס גייט אַ רייד וועגן דער עפּיסטאָליאַרישער פאָרם פונעם ווערק „מענאַכעם־מענדל". — ה. ר.), זײַנע מעטאָדן, זײַן פאָרם זײַנען שוין ענדגילטיק געווען באַשטימט און קימאַט פאַרגליווערט אין זייער שאַבלאָן". ס'איז אָבער באַוווּסט, אַז שאָלעם־אַליכעם האָט מיט גרויס דערפאָלג געשאַפן ווײַטער אין אָט דער בריוו־פאָרם אויך אין אַנדערע ווערק, און קיינעם איז ניט אײַנגעפאַלן צו טאַדלען דערפאַר דעם שרײַבער, וויבאַלד ער דערגרייכט מיט אָט דער פאָרם שפּעטערישע דערפאָלגן. פונוואַנען איז געדרונגען, אַז די פאָרם איז „פאַרגליווערט"?

„דאָס געשטאַלט פון מענאַכעם־מענדלען, — זעצט פאָר עריק, — איז שוין געלעגן אַ טויטס, דער העלד און דער מעטאָד זײַנען שוין דעמלט, אין 1913 יאָר, געווען טויט". אַזוי האָט זיך דערלויבט צו שרײַבן וועגן שאָלעם־אַליכעמס געניִאַל ווערק דער יונגער מאַקס עריק, וועלכער האָט שוין דעמלט געשאַפן ווערטפולע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור; ער איז

---

[1] מיט קליינע קירצונגען איז די דאָזיקע סעריע פון „הײַנט" פּובליקירט געווען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 3, 4, 5 פון 1969.

אָבער נאָך ניט געווען גרייט ריכטיק אָפּצושאַצן אַזאַ דערשײַנונג, ווי שאָלעם־אַלייכעם.

אין 1929 איז מאַקס עריק געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, און עס הייבט זיך אָן דער רײַכסטער און רײַפסטער פּעריאָד פון זײַן ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער שאַפונג. אין 1936 איז דערשינען זײַן אַרבעט „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע, 15 — 16 יאָרהונדערט", ווו עס ווערן געגעבן אַנאַליטישע פאָרשונגען וועגן אַ ריי גרונטווערק פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור: וועגן באָווע־בוך, אַרטור־ראָמאַן, מײַסע־בוך, מײַסע בריִאַ ווזימראַ, טיל אולענשפּיגל, בען האַמעלעך וועהאַנאַזיר — וועגן דער שפּילמאַן־טקופע אין דער יידישער ליטעראַטור.

אין 1934 גייט אַרויס זײַן קאַפּיטאַל ווערק „צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע אין דײַטשלאַנד און גאַליציע (1789 — 1848)", אין דעם זעלבן יאָר — די פאָרשונג „די קאָמעדיעס פון דער בערלינער אופקלערונג" און אין 1935 — „די יידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד ביז דער רעפאָרם־עפּאָכע, 1800 — 1861".

אויסער אָט די ווערק, האָט מאַקס עריק אין 1931 פובליקירט דעם בוך „שאָלעם אַש" און אַ ריי אַרבעטן וועגן שאָלעם־אַלייכעמען אין 1935: „קאַסרילעווקע", „מענאַכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „קאַסאָווים פון אַ קאָמיוואָיאַזשאָר".

עריקס שאַפונג אין ראַטנפאַרבאַנד קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן ווי דער צווייטער פּעריאָד פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. אין דעם פּעריאָד טרעט ער אַרויס ווי אַ מאַרקסיסט, וועלכער באַטראַכט דעם ליטעראַרישן פּראָצעס פון אַ נײַעם פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט. זײַנע ליטעראַטור־היסטאָרישע קאָנצעפּציעס באַקומען איצט אַ כאַראַקטער פון שטרענגער וויסנשאַפטלעכער דעטערמינירטקײַט, זיי זײַנען דורכגעדרונגען מיט היסטאָרישער געזעצמעסיקײַט און מיט קאָנסעקווענטער צוזאַמענהענגענדיקער אײַנהײַטלעכקײַט. די זיכערע און שטרענגע קאָנצעפּציע גיט צו קלאָרקײַט פון אַנאַליז. עס פילט זיך אין עריקס אַרבעטן פון דעם פּעריאָד די לויטערקײַט פון שפּראַך, דער גלאַנץ פון אויסדרוק און אויסלייג, די רײַכקײַט פון אַנאַלאָגיעס און אַסאָציאַציעס.

די וויכטיקסטע דערגרייכונג עריקס אין די דרײַסיקער יאָרן איז דאָס בוך וועגן דער האַסקאָלע אין דײַטשלאַנד און גאַליציע. דאָס איז, אייגנטלעך, די איינציקע וויסנשאַפטלעכע מאַרקסיסטישע אַרבעט אף יידיש וועגן דער האַסקאָלע. אין טאָך האָט עריק אויסגעשעפּט דערפאָלגרײַך אָט די וויכטיקע טעמע. נאָך אים האָט די סאָוועטישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט שוין מער זיך ניט פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע אין די מײַרעוו־לענדער. אין עריקס בוך איז דער היסטאָרישער פאָן געמאָלט מײַסטעריש. די געשטאַלטן פון די האַסקאָלע־שעפער טרעטן אַרויס פאַרן לייענער אין זייער גאַנצער בוילעטקײַט, אין זייער גאַנצער קאָנקרעטקײַט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ניט אַלע טיילן פונעם ווערק זײַנען גלײַכווערטיק, ניט אַלע באַהויפּטונגען, אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקעס האָבן אויסגעהאַלטן דעם פּרווו פון דער צײַט. עס ליגט אף אָט דער גלענצנדיקער אַרבעט דער שטעמפּל פון דער ערשטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט האָט געהאַלטן אין סאַ־

מע ברען פון איר אַנטוויקלונג. עס האָט זיך געלאָזט פילן דער וווּלגאַרער סאָציאָלאָגיזם, וועלכן עס האָט ניט אויסגעמיטן אויך עריקן.

די היסטאָרישע איבערזיכטן פון דער אַנטוויקלונג פון דער האַסקאָלע זײַנען איבערגעלאָדן מיט מאַטעריאַלן וועגן פאַרשיידענע געביטן פון האַנדל, וועגן פּרײַזן אף טוווע, לעמאָשל. אַזאַ איז דעמלט געווען דער סטיל פון פיל ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן. דאָס האָט געזאָלט דערווײַזן דעם פּרימאַט פון עקאָנאָמיק. דער אויטאָר האַלט אין איין אונטערשטרײַכן דעם „עקאָנאָמישן פאַקטאָר", דעם צושטאַנד פונעם האַנדלס־קאַפּיטאַל און אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל אַלס דירעקטע באַשטימענדיקע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג פון אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, ווי ראַוויניזם, כאַסידיזם, האַסקאָלע. מיר זײַנען, פאַרשטייט זיך, ניט קעגן סאָציאָלאָגיע, אָבער זי דאַרף זײַן אַ מאַרקסיסטישע, אַ דיאַלעקטישע, אַ היסטאָרישע.

עס זײַנען אויך איבעריק די אַנאַליקע איבערכאַזערונגען פון אַזעלכע כאַראַקטעריסטיקעס בענעגייע יעדן שרײַבער, ווי „קליינבירגער", „מיטלבירגער", „גרויסבירגער". דער קלאַסן־אַנאַליז דאַרף, פאַרשטייט זיך, אײַנגעהיט ווערן אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, אָבער דער קינסטלער טאָר ניט צוגעפּעסטיקט ווערן צו דעם אָדער יענעם סאָציאַלן שיכט, און דערמיט זאָל אַלץ דערקלערט ווערן אין זײַן שאַפונג.

דאָס אַלץ איז אָבער ניט באַשטימענדיק פאַר מאַקס עריקן אַלס געלערנטן. דאָס זײַנען בלויז

אויסערלעכע פּראָזאָלאָגישע און טערמינאָלאָגישע איבערפלייצונגען. דער הײַנטיקער לייענער וועט גרינג באַפרײַען עריקס ווערק פון די דאָזיקע פּראָזאָלאָגישע רודימענטן, און דעמלט וועט ער האָבן פאַר זיך א גרויסן אויצער פון וויסן און דערקענען די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור.

מייער ווינער

צום אונטערשייד פון מאַקס עריקן, וועלכער האָט סײַ אין אויסלאַנד, סײַ אין ראַטנפאַרבאַנד זיך פאַרנומען בלויז מיט פאָרשן די יידישע ליטעראַטור, האָט מייער ווינער ביז זײַן באַזעצן זיך אין ראַטנפאַרבאַנד מיט יידישער ליטעראַטור זיך ניט פאַרנומען. אין 1918 דרוקט ער אין דײַטשישן זשורנאַל „דער יודע" אַן אַרטיקל „וועגן יידישער נעוויִעס און מיסטיק" — א פראַגמענט פון א גרעסערער אַרבעט „אינטויִציע אָן באַגריף". אין די צוואַנציקער יאָרן זעצט ער פאָר זײַן שאַפונג אין דײַטש און פאַרעפנטלעכט עסייען אַף פילאָסאָפישע און היסטאָרישע טעמעס, ווי אויך מיסטישע לידער.

צוזאַמען מיט כאַיִם ברוידע גיט מייער ווינער אַרויס אין 1922 אַן אַנטאָלאָגיע פון העברעיִשער דיכטונג. צו יידישער ליטעראַטור האָט ער באַקומען אינטערעס, ווײַזט אויס, אין דער ערשטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט די יידישע שרײַבער פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן דעמלט צײַטווײַליק זיך געפונען אין אויסלאַנד (דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, פּערעץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ און אַנד.).

אין 1927 איז ווינער געקומען אין ראַטנפאַרבאַנד און זיך באַזעצט אין קיִעוו, וואָס איז דעמלט געווען א וויכטיקער צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור. ער האָט גלײַך פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין יידישן קולטור־לעבן אַלס פאָרשער און ליטעראַטור־היסטאָריקער. אין 1929 איז דערשינען זײַן אַרבעט „וועגן אַקסענפעלדס פּיעסעס", וואָס האָט אים געמאַכט א נאָמען אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור־פאָרשונג. אין זעלבן יאָר פאַרעפנטלעכט ער זײַן צווייטע קאַפּיטאַלע אַרבעט „ש. עטינגער, זײַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור", וואָס האָט נאָך מער פאַרפעסטיקט זײַן וויסנשאַפטלעכן אויטאָריטעט.

מייער ווינער האָט מיט זײַנע אַרבעטן דערוויזן, אַז די יידישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן ניט פון מענדעלען, ניט פון דער מיט פונעם 19־טן יאָרהונדערט, נאָר פונעם סאָף פון 18־טן יאָרהונדערט. ביז ווינערן זײַנען, נאַטירלעך, געווען פאָרשער פון אָט דעם פעריאָד אין דער נײַער יידישער ליטעראַטור (מאַקס עריק, מאַקס ווײַנרײַך, נאָכעם שטיף, זאַלמען רייזען אאַ.). זיי האָבן אָבער געהאַלטן דעם דאָזיקן פעריאָד בלויז פאַר א מין צוגרייטונג צום אָנהייב, וועלכן מע האָט פאַרבונדן מיט מענדעלעס שאַפן.

מ. ווינער קריטיקירט ריכטיק און שאַרף דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער ע. שולמאַן פאַר זײַן באַהויפּטונג, אַז „גאַנצע צענדליקער יאָרן" (ער מיינט זינט דעם סאָף פון אַכצנטן יאָרהונדערט ביז די זעכציקער יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. — מ. וו.) האָט מען פון אים (פונעם „זשאַרגאָן". — מ. וו.) ניט געהערט קיין איינציק געזונט וואָרט". ער האָט די ליטעראַטור פון דעם פעריאָד פּאַשעט ניט געקענט[1].

עס ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז ניט בלויז שולמאַן, נאָר אויך אַזאַ אויטאָריטעטער פאָרשער, ווי זאַלמען רייזען, וועלכער האָט יאָ געקענט די נײַע יידישע ליטעראַטור און האָט פאַרדינסטן פאַר דער פאָרשונג, — אפילע זאַלמען רייזען האָט זיך געהאַלטן בא דעם זעלבן שטאַנדפונקט, וואָס ע. שולמאַן. אין דער „האַקדאָמע" צו דער כרעסטאָמאַטיע „פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע" שרײַבט ז. רייזען:

„די טקופע, וואָס שטייט אין צייכן פון דער בערלינער האַסקאָלע, ווען די ליטעראַטור אַף יידיש טראָגט בלויז א צופעליקן עפּיזאָדישן כאַראַקטער, איז גיכער א קאַפּריז פון די איינצלנע מעכאַברים, ווי א באַוואוסטזיניקע טעטיקײַט, וואָס איז אויסן צו ווירקן מיט דעם קויעך פון דעם יידישן וואָרט אַף ברייטערע שיכטן פון פאָלק. די ווערק פון דער דאָזיקער טקופע, מיט קליינע אויסנאַמען, שטעלן אָדער פאָר ליטעראַרישע קוריאָזיטעטן, אָדער זײַנען ביכלאַל ניט קיין אָריגינעלע שאַפונגען (לעמאָשל, מענדל לעפינס טאַנאַך־איבערזעצונגען, כאַיִם־כײַקל הורוויצעס, אָדער מאָרדכע־אַרנס קאָלומבוס־בוך), אָדער זײַנען גאָר געבליבן ליגן אין די שופלאָדן פון זייערע אויטאָרן און האָבן אין בעסטן פאַל ערשט אין דער שפּעטערער טקופע דערזען די שײַן"[2].

מאַקס עריק און מייער ווינער האָבן איבערצײַגנדיק דערוויזן, אַז די נײַע יידישע ליטעראַטור הייבט זיך אָן ניט פון מענדעלען, נאָר קימאַט הונדערט יאָר ביז מענדעלען, אַז אי־דייִש איז די נײַע יידישע ליטעראַטור געווען די ליטעראַטור פון דער אויפקלערונג און ניט פון כאַסידיזם, וועלכער האָט טאַקע אויסגענוצט פאַר זײַן פּראָפּאַגאַנדע יידיש, אָבער קיין קינסטלערישע ליטעראַטור האָט ער ניט געשאַפן. עס איז דעריבער ניט ריכטיק זאַלמען רייזענס באַהויפּטונג, אַז „בלויז כסידעס נוצט אויס אין א ברייטער מאָס די פאָלקס־שפּראַך פאַר זײַנע צילן און ברענגט אַרויס אין די

[1] מ. ווינער. צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט. עטיודן און מאַטעריאַלן. קיִעוו, 1940, ז. 6.

[2] זאַלמען רייזען. פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע. האַנטבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער האַסקאָלע־ליטעראַטור. פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1923, ז. 7 — 8.

מײַסעלעך פון רעב נאַכמען בראַסלעווער א גרויס קינסטלעריש ווערק"[1].

ווינערס אַרבעטן וועגן דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור אינעם ביזמענדעלע־פּעריאָד און מאַקס עריקס אַרבעטן וועגן דער האַסקאָלע זײַנען אַן עפּאָכע אין דער פאָרשונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע. זיי האָבן ניט בלויז אופגעדעקט די פאַקטישע זײַט, נאָר פעסטגעשטעלט אויך די צוזאַמענהאַנגען פון דרײַ פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

אין ווינערס ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער טעטיקײַט פאַרנעמט א באַזונדער אָרט זײַן מאָנאָגראַפיע וועגן מענדעלע מויכער־ספאָרים. אין טאָך איז דאָס די ערשטע מאַרקסיסטישע אַרבעט וועגן דעם גרונטלייגער פון דער קלאַסישער ליטעראַטור. דאָס איז ווירקלעך א נאָוואַטאָרישער וויסנשאַפטלעכער אופטו ווינערס. וועגן מענדעלען עקזיסטירט א רײַכע ליטעראַטור. עס איז קימאַט ניטאָ קיין באַדײַטנדיקער שרײַבער און קריטיקער, וואָס זאָל ניט האָבן געזאָגט זײַן וואָרט וועגן מענדעלען אָף ייִדיש און אָף העברעיִש. אין די פּילצאָליקע אַרויסטרעטונגען וועגן דעם זיידן זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן א סאַך עמעסן. פונדעסטוועגן האָט ווינער געזאָגט זײַן וואָרט, וואָס האָט אָפּגעקלונגען נײַ און אָריגינעל.

מייער ווינער וואַרפט ניט אָפּ דאָס, וואָס איז ביז אים געזאָגט געוואָרן וועגן מענדעלען. פאַרקערט, ער אַנאַליזירט גענוי אַלץ — דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע — אין דער ליטעראַטור וועגן דעם זיידן. ער סאָלידאַריזירט זיך, לעמאָשל, פולשטענדיק מיט שאָלעם־אלייכעמס אַנאַליזן און אָפּשאַצונגען פון מענדעלעס ווערק און פון זײַן שאַפונג אינגאַנצן גענומען. ער שאַצט הויך פּערעצעס אַרטיקל, האַגאָם ער איז דערמיט ניט מאַסקים. ער קריטיקירט די אַרבעטן פון די בורזשואַזע קריטיקער, די נאַציִאָנאַליסטישע קאָנצעפּציעס.

ווינער האָט באַטראַכט מענדעלעס שאַפן אין פאַרבינדונג מיט דער ייִדישער ליטעראַרישער טראַדיציע און מיט די קלאַסישע טראַדיציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור און פון דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט דער ערשטער געגעבן א טיפן אַנאַליז פונעם היסטאָרישן און סאָציִאַלן טאָך פון מענדעלעס ווערק, געמאַכט אַן ערנסטן פּרווו פון א וויסנשאַפטלעכער פּעריִאָדיזאַציע פון דעם שרײַבערס שאַפן, געבנדיק דערבײַ א כאַראַקטעריסטיק פון יעדן פּעריִאָד באַזונדער. ווינער האָט אופגעדעקט די גרונט־אייגנשאַפטן פון מענדעלעס סטיל, פון זײַן קריטישן רעאַליזם, די גרונט־פאָרמען פון זײַן רעאַליזם.

ווייניקער געלונגען זײַנען ווינערס פאָרשונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמען. ער האָט אָנגעשריבן וועגן שאָלעם־אלייכעמען צוויי גרויסע אַרבעטן: „די סאָציִאַלע וואָרצלען פון שאָלעם־אלייכעמס הומאָר" (1931) און „באַטראַכטונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמס הומאָר" (1939). איןביידע אַרבעטן זײַנען פאַראַן א סאַך אינטערעסאַנטע באַמערקונגען און געדאַנקען וועגן הומאָר ביכלאַל און וועגן שאָלעם־אלייכעמס הומאָר ביפראַט. עס פילט זיך אָבער דאָ, אַז דער פאָרשער האָט נאָך ניט אינגאַנצן און ניט

אַלזײַטיק געשאַפן זײַן קאָנצעפּציע וועגן שאָלעם־אלייכעמען. וועגן דער ערשטער אַרבעט האָט ווינער אַליין אַנערקענט, אַז זי איז ניט קיין רײַפע און לויט דער קאָנצעפּציע ניט קיין ריכטיקע. די אַרבעט „באַטראַכטונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמס הומאָר" הייבט ער אָן מיט א זעלבסטקריטישער היסנאַצלעס:

„עכטער הומאָר איז א זעלטענע זאַך. ניט בלויז אין דעם אָדער יענעם פּעריִאָד פון אַ באַשטימטער ליטעראַטור, נאָר אין אַלע צײַטן און אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור שטייט אײַן גראָד אַזאַ עכטער גרויסער דיכטער פון הומאָר. דאָס פאָלק האָט שאָלעם־אלייכעמס שאַפן טייקעף אופגענומען און געהעריק אָפּגעשאַצט. פון דער קריטיק קאָן מען דאָס ניט זאָגן. צום גרויסן טייל האָט זי א לאַנגע צײַט בענעגייע דעם דאָזיקן געבענטשטן אויצער ניט געוויזן דעם רעכטן פאַרשטאַנד"[1].

מ. ווינער האָט אין זינען ניט בלויז קריטיק ביכלאַל, נאָר טאַקע דעריקער זיך אַליין. „ס'קומט אויס, — שרײַבט ער ווײַטער, — צו רעווידירן אויך די אייגענע פריִערדיקע מיינונגען, אָפּסניי צו שטודירן זײַנע ווערק, טיפער אין זיי אַרײַנצודרינגען" (מײַן אונטערשטרײַכונג. — ה. ר.).

מייער ווינער, פּונקט ווי מאַקס עריק, איז געווען א געוויסנהאַפטיקער און מוטיקער גע־

[1] דאָרטן, ז. 8.

[1] „סאָוועטיש". ליטעראַרישער אַלמאַנאַך, נום. 12, 1941, ז. 25.

לערנטער, וועלכער האָט געקאָנט ניט בלויז שאפן גרויסע וויסנשאפטלעכע ווערק, נאָר אויך אנערקענען בלויזן אין דער אייגענער ליטערארישער טעטיקײַט. און פּונקט ווי מאקס עריק האָט נאָך זײַן קומען אין ראטנפארבאנד איבערגעקוקט זײַן שטאנדפּונקט אָף שאָלעם־אלייכעמס „מענאכעם־מענדל” און אָנגעשריבן א נײַע, עכט־וויסנשאפטלעכע פאָרשונג וועגן דעם זעלבן ווערק, אזוי האָט אויך ווינער גענומען „רעווידירן פריִערדיקע מיינונגען”, טיפער ארײַנדרינגען אין דער שאפונג פונעם גרויסן שרײַבער.

באזונדערס זעט מען, ווי מ. ווינער האָט געביטן זײַנע אָנשויונגען אָף שאָלעם־אלייכעמען אין דער פראגע וועגן הומאָר — שיר ניט די צענטראלסטע פראגע פון דעם שרײַבערס שאפן. אין דער ערשטער ארבעט „די סאָציִאלע וואָרצלען פון שאָלעם־אלייכעמס הומאָר” באטראכט ווינער שאָלעם־אלייכעמס הומאָר דעריקער ווי וואָרט־הומאָר, שפּראך־הומאָר. דאָס איז, פארשטייט זיך, ניט ריכטיק. דאָס קאָמישע בא שאָלעם־אלייכעמען איז א סאך ברייטער און טיפער. ס׳איז הומאָר פון סיטואציע און דעריקער — געשטאלטן־הומאָר, אין וועלכן עס איז אויסגעדריקט דער פאָלקס־אָפּטימיזם, די זיכערקײַט פון פאָלק אין דעם, אז עס וועט גויווער זײַן אלע שוועריקײַטן און שאפן א לעבן אפן יעסאָד פון פרײַהײַט און גערעכטיקײַט. דעריבער איז געווען ניט גענוגנדיק און שמאָל ווינערס מיינונג וועגן דעם, אז שאָלעם־אלייכעמס געלעכטער איז בלויז וויצלדיקײַט, לייצאָנעס, ווערטלזאָגערײַ, און ניט באגרינדעט זײַן באהויפּטונג, אז „די הויכע קאָמעדיע” איז ניט געווען שאָלעם־אלייכעמס אייגנטלעכער זשאנער”.

אָבער ווען ווינער האָט טיפער געפאָרשט און שטודירט שאָלעם־אלייכעמען, איז ער געקומען צו ריכטיקע מיינונגען וועגן דעם שרײַבערס הומאָר. אין דער צווייטער ארבעט „באטראכטונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמס הומאָר” שרײַבט ווינער:

„שאָלעם־אלייכעמס הומאָר געהער צו יענעם גרויסן „קאָמעדישן” סטיל, וואָס אנטהאלט פאר די מענטשן פון דער נײַער צײַט רעאליסטישן „קאטארזיס”, רעאליסטישע פארליידעלונג פון די געפילן, פונעם געמיט, פונעם באוווסטזײַן, פּונקט אזוי ווי די אידעאליסטיש אויסגעטײַטשטע טראגיק האָט אמאָל אין די אנטיקע צײַטן אנטהאלטן פארן אנטיקישן דענקען אידעאליסטישן „קאטארזיס” פון די לײַדנשאפטן און פון דער נעשאָמע”[1].

ווינערס און עריקס ארבעטן וועגן שאָלעם־אלייכעמען שפּיגלען אָפּ א באשטימטן עטאפּ אין דער סאָוועטישער שאָלעם־אלייכעם־פאָרשונג, וועלכע האָט זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן נאָך מער אנטוויקלט און דערגרייכט גרעסערע רעזולטאטן.

[1] דאָרט, ז. 26.

דער העכסטער אופטו מייער ווינערס איז געווען זײַן גרויס ווערק „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין 19־טן יאָרהונדערט”. דער אווטאָר דערקלערט דאָ גאנץ באשיידן, אז מיט זײַן ארבעט איז ער „אויסן געווען צו געבן א שטיקל צושטײַער, עטלעכע בוי־שטיינער פאר א קומענדיקער צוזאמענהענגענדיקער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור אין 19־טן יאָרהונדערט”. אין טאָך אָבער איז דאָס ניט בלויז „א שטיקל צושטײַער” און ניט בלויז „עטלעכע בוי־שטיינער”, נאָר טאקע די עמעסע געשיכטע, די עכט וויסנשאפטלעכע מארקסיסטישע געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור.

צו די וויכטיקע טעאָרעטישע און ליטעראטור־היסטאָרישע ארבעטן ווינערס געהערן אויך זײַנע פאָרשונגען וועגן פאָלקלאָר („פּראָבלעמעס פון פאָלקלאָריסטיק”), וועגן ליטערארישער יערושע.

מייער ווינער איז געווען אויך א קריטיקער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. ער האָט איבערגעלאָזט א ריי ארויסזאָגונגען וועגן דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור (וועגן פּערעץ מארקישן, עמ. קאזאקעוויטשן, א. ווערגעליסן און אנדערע).

איך שטעל זיך דאָ ניט אָפּ אָף מייער ווינערס בעלעטריסטישע ווערק, אָף זײַנע ראָמאנען און דערציילונגען („עליע פאלעקס אונטערגאנג”, „קאָלעוו אשקענאזי”, „באם מיטללענדישן יאם”), וועלכע פאָדערן א באזונדערע אָפּהאנדלונג.

נאָכעם אויסלענדער

ווי א ריי אנדערע אָנגעזעענע פאָרשער און קריטיקער, איז נאָכעם אויסלענדער געווען שעפעריש טעטיק אין פארשיידענע געביטן פון ליטעראטור. ער איז א דיכטער (פּאָעטישע זאמלונגען „לידער”, „האלבער טאָג”), א ליטעראטור־היסטאָריקער („גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאליזם”, „דער יונגער שאָלעם־אלייכעם און זײַן ראָמאן „סטעמפּעניו”, „ווארשעווער מעכאברים אין די 50־ער — 60־ער יאָרן”, „א. גאָלדפאדען, מאטעריאלן פאר א ביִאָגראפיע”), א פּראָזאִיקער („אָף לודעמירער וועג”), א היסטאָריקער און פאָרשער פונעם ייִדישן טעאטער („ייִדישער טעאטער”), אן אקטיווער קריטיקער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור און פון דער ייִדישער ליטעראטור אין אויסלאנד („וועג־אײַן — וועג־אויס. ליטערארישע עפּיזאָדן”. עסייען וועגן די שרײַבער שאָלעם אש, ד. בערגעלסאָן, דער ניסטער, י. אָפּאטאָשו, ה. לייוויק, אָ. שווארצמאן, מ. שטיימאן, ד. האָפשטיין, פּ. מארקיש, ל. קוויטקאָ, י. דאָברושין, מ.־ל. האלפּערן, זישע לאנדוי, מאני־לייב, י. גלאטשטיין, א. ראבאָי אא.).

אויסלענדער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט בארוף און טאלאנט, מיט ערודיציע און קינסטלערישן געשמאק. זײַנע אייגנארטיקע אידייען

און וויסנשאפטלעכע אײַנפאלן, אויב אפילע אייניקע פון זיי זײַנען אין אונדזער צײַט פון געוויסע שטאנדפונקטן שוין פארעלטערט, האָבן סײַווי ניט אָנגעווירן זייער ווערט. זײַנע ארבעטן זײַנען געווען גילטיק פאר זייער צײַט און זײַנען דעריבער באלערעוודיק אויך איצט.

„גרונט־שטריכן פון ייִדישן רעאליזם" איז דערשינען אין 1919, ווען דער אווטאָר איז אלט געווען סאכאקל 26 יאָר. און דאָך האָט אויסלענדער דאָ געזאָגט, נאָך באלמאכשאָוועסן, ניגערן, ליטוואקאָוון, א נײַ וואָרט וועגן די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור. די דאָזיקע ארבעט מאכט אפילע איצט א שטארקן אײַנדרוק מיט איר גלאנץ, מיט דער שארפקײַט פון געדאנק און אידיי.

איך בין ניט מאסקים מיט אויסלענדערס אָפּשאצונג פון מענדעלעס שאפן אלס „פרימיטיווע זשאנער־קונסט". די דאָזיקע אָפּשאצונג ווערט איבערגעכאזערט א סאך מאָל אין אָט דער ארבעט, אָבער זי איז ניט דערוויזן מיט קינסטלערישן מאטעריאל. עס איז, לויט מײַן מיינונג, צווייפלהאפט די כאראקטעריסטיק פון פּערעצעס שאפן אלס „וואָליונטאריזם". אָבער דער דרייסטער פּרווו פון א יונגן געלערנטן אײַנצושטעלן א געוויסע סטאדיִאלע אנטוויקלונג פונעם רעאליזם אין דער ייִדישער ליטעראטור, פעסטשטעלן דאָס אָרט פון די קלאסיקער אין דער אנטוויקלונג פונעם רעאליזם — אָט דער דרייסטער פּרווו איז אן און פאר זיך א באדײַטנדיקער שעפערישער אופטו.

אויב מענדעלע איז, לויט אויסלענדערס קאָנצעפּציע, געקומען ווי דער יורש און פאָרזעצער פונעם פאָלקלאָרישן רעאליזם אין דער ייִדישער ליטעראטור, האָט פּערעץ מיט זײַן קונסט אָנגעזאָגט דעם צווייטן עטאַפּ אין דער אנטוויקלונג פונעם רעאליזם. פּערעצעס רעאליזם ווערט כאראקטעריזירט אין אויסלענדערס ארבעט אלס „טראגישע קונסט". איך מיין, אז מיט אָט די טערמינען „וואָליונטאריזם" און „טראגישע קונסט" האָט אויסלענדער אין זינען פּערעצעס ראָמאנטיזם און סוביעקטיוויזם, וואָס איז אָבער ניט געווען קיין „ריינער" ראָמאנטיזם, נאָר אזא, וועלכער איז אָרגאניש פארבונדן מיט רעאליזם.

צום סאָף באטראכט אויסלענדער שאָלעם־אלייכעמס שאפן ווי דעם דריטן, דעם העכסטן עטאַפּ אין ייִדישן רעאליזם, ווי דעם סינטעטישן הויכפּונקט אין דער אנטוויקלונג פונעם רעאליזם אין דער ייִדישער ליטעראטור. שאָלעם־אלייכעם האָט אין זײַן רעאליסטישער שאפונג דערהויבן מענדעלעס פאָלקלאָרישן רעאליזם און פּערעצעס ראָמאנטישע טראגישע קונסט צו דער העכערער שטופע פונעם נײַעם רעאליזם, וואָס איז באַרײַכערט מיט די דערגרייכונגען פונעם אימפּערעסיִאָניזם. אויסלענדער איז, אַף וויפל מיר איז באוווּסט, געווען דער ערשטער און, מעגלעך, דער איינציקער פאָרשער, וועלכער האָט אופמערקזאם געמאכט אַף אָט דער אייגנשאפט פון שאָלעם־אלייכעמס רעאליזם.

קיין איין היסטאָריקער פון דער ייִדישער ליטעראטור האָט ניט געגעבן און אפילע ניט געפּרוּווט געבן אין א קאָנצענטרירטער פאָרם די גרונט־עטאַפּן אין דער אנטוויקלונג פון רעאליזם אין דער ייִדישער ליטעראטור. אויסלענדער איז נאָך דעמלט ניט געווען קיין מארקסיסט. דאָס לאָזט זיך גרינג פעסטשטעלן סײַ אין דער פראזעאָלאָגיע, סײַ אין טאָך. אויסלענדער אליין האָט זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט

פון געוויסע באהויפּטונגען אין דער ארבעט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, לעמאָשל, פון דער כאראקטעריסטיק פון מענדעלעס רעאליזם אלס פארקערפּערונג פון דער „מאטעריע ייִד", אלס „ייִדישלעכער" רעאליזם. פאר מיר איז דאָ וויכטיק אונטערצושטרײַכן די קאָנצעפּציע פון רעאליזם אין דער ייִדישער ליטעראטור. צום באדויערן, איז איצט אָט די ארבעט שוין קימאט פארגעסן. אָבער דאָס איז געווען א גאָר באדײַטנדיקער וויסנשאפטלעכער אופטו אויסלענדערס.

פון נאָכעם אויסלענדערס ווײַטערדיקע פאָרשונגען אין געביט פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור וועל איך דאָ דערמאָנען זײַן ארבעט „דער יונגער שאָלעם־אלייכעם און זײַן ראָמאן „סטעמפּעניו"[1]. דאָס איז א מײַסטעריש געמאָלט בילד וועגן דער ייִדישער ליטעראטור אין די אכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אויסלענדער האָט געווענדט די אופמערקזאמקײַט אַף שאָלעם־אלייכעמס עסטעטישע אָנשויונגען און אַף דער פּראָבלעם פון קינסטלערישער טאלאנטירטקײַט פון די פאָלקסמאסן, וויִאזוי זי איז אויסגעדריקט אין „סטעמפּעניו". לאָמיר זיך דערמאָנען אין אויסלענדערס טיפן אנאליז פון דער ראָכעלע־געשטאלט, וואָס האָט אים געבראכט צו אזא גליקלעכער אסאָ־

---

1 „שריפטן". קאטעדרע פאר דער ייִדישער קולטור בא דער אלוקראִינישער וויסנשאפט־אקאדעמיע, ליטערארישע און פילאָלאָגישע סעקציעס. ערשטער באנד. קיִעוו, 1928, זז. 5 — 72.

ציִאַציע — צו דער גלענצנדיקער פּאַראַלעל מיט בערגעלסאָנס פֿרויען־געשטאַלט מירעלע. עס קלינגט ווי אַן עכטער אײַנפֿאַל, ווי אַן אַנטדעקונג אויסלענדערס מערקווירדיקער אויספֿיר:

„דער פּסיכאָלאָגישער דורכשניט פֿונעם טראַדיציאָנעלן שטייגער האָט זיך באַוויזן פֿאַר ראַכעלען מיט דער גאַנצער „וואַכעדיקער אויסזיכט", מיט דער אינערלעכער פּוסטקייט און פֿאַרגליווערטקייט. אין דער דאָזיקער „וואַכעדיקער אויסזיכט" האָט שפּעטער מיט פֿיל יאָרן מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטן בליק אײַנגעקוקט זיך ד. בערגעלסאָנס מירעלע. זי האָט פֿון דער דאָזיקער „אויסזיכט" איר גאַנץ לעבן די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן. שאָלעם־אַליכעמס ראַכעלע האָט די ערשטע די „וואַכעדיקע אויסזיכט" דערזען, זי האָט אָבער אויך, ווי דער עכטער פּראָטאָטיפּ פֿון בערגעלסאָנס מירעלע, דערפֿילט, אַז זי איז „עפּעס ווילד־פֿרעמד מיט דעם דאָזיקן בילד, מיט דער גאַנצער נאַטור".

אַזוי אַרום האָט אויסלענדער אַנטדעקט און אָפּגעקלערט די ליטעראַטור־היסטאָרישע באַדײַטונג פֿון שאָלעם־אַליכעמס ראָמאַנען ווי אַן עטאַפּ אין דער ייִדישער ראָמאַניסטיק, אין דער אַנטוויקלונג פֿונעם ייִדישן ראָמאַן. אויסלענדער האָט פֿעסטגעשטעלט די פֿאַרבינדונג פֿון שאָלעם־אַליכעמס שאַפֿן מיט דער אַנטוויקלונג פֿון בערגעלסאָנס שאַפֿן ביכלל, מיט זײַן רעאַליזם (בערגעלסאָנס רעאַליזם איז דאָך אויך פֿאַרבונדן מיט אימפּרעסיאָניזם!), דאָס הייסט מיט די העכסטע דערגרייכונגען פֿונעם רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור אינעם נאָכקלאַסישן פּעריאָד אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

נאָכעם אויסלענדער איז דער איינציקער היסטאָריקער פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. ער האָט (צוזאַמען מיט או. פּינקעלן) געגעבן די געשיכטע פֿונעם גאָלדפֿאַדען־טעאַטער און האָט אָנגעשריבן די ווײַטערדיקע געשיכטע פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד, אָנגעהויבן פֿון דער צײַט, ווען דער גאָלדפֿאַדען־טעאַטער איז פֿאַרבאָטן געוואָרן (1883), ביזן 1917. אין זײַן בוך „ייִדישער טעאַטער" (מאָסקווע, 1940) איז צונויפֿגעזאַמלט אַ ריזיקער מאַטעריאַל פֿון צײַטונגען, זאַמלונגען, מעמוארן, אויפֿרופֿן, ווענדונגען אַף ייִדיש, רוסיש פֿון די סאַמע פֿאַרשיידנסטע שטעט. עס איז דאָ געגעבן אַ היסטאָרישער איבערזיכט פֿון דער אַנטוויקלונג פֿונעם ייִדישן טעאַטער פֿאַר דרײַ צענדליק יאָר.

ביז איצט זײַנען נאָך ניט צונויפֿגענומען און ניט אַרויסגעגעבן אויסלענדערס פֿילצאָליקע אַרטיקלען וועגן הײַנטצײַטיקע שרײַבער און ווערק אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין אויסלאַנד. די זאַמלונג „וועג־אײַן — וועג־אויס"[1] גיט אַ פֿאַרשטעלונג בלויז וועגן דעם ערשטן פּעריאָד פֿון אויסלענדערס שאַפֿן אַלס ליטעראַטור־קריטיקער, ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין מאַרקסיסט. און דאָך, אַפֿילו פֿון אָט דער זאַמלונג באַקומען מיר אַן אײַנדרוק פֿון אַן עכט טאַלאַנטפֿולן קריטיקער.

„וועג־אײַן — וועג־אויס" איז אַ זאַמלונג עסייען, קורצע און שאַרפֿע בליציקע כאַראַקטעריסטיקעס פֿון די וויכטיקסטע שרײַבער פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון די צוואַנציקער יאָרן. דער אַווטאָר קומט נאָך אָן צו די אידייען פֿון בורזשואַזע פֿילאָסאָפֿן (ניצשע אאַ.). עס פֿילט זיך די אומזיכערקייט דאָרט, ווו עס פֿאָדערט זיך אַ וויסנשאַפֿטלעכע היסטאָריש־פֿילאָסאָפֿישע קאָנצעפּציע.

אָבער ווי נאָר דער קריטיקער גייט איבער צו קאָנקרעטע ליטעראַרישע דערשײַנונגען, אַזוי הייבט אָן גילטן די אינטויִציע פֿון אַן עכטן ליטעראַטור־קענער.

רעדנדיק וועגן שאָלעם אַשן, שרײַבט אויסלענדער: „דאָס קלינגט עפּשער גאַנץ אומדערוואַרטעט, אָבער אַ פֿאַקט איז עס: שאָלעם אַשס קינסטלערישער וועג הייבט זיך אָן בײַ זײַן אָוועקגיין פֿון פּערעצן.

פּערעץ האָט אין זיך געטראָגן די האַרבע שטרענגקייט פֿון אַ קלאַסיקער... איך ווייס ניט, צי עס איז געווען בײַ אונדז אַ צווייטער נאָך אַשן, וואָס זאָל אַזוי עפֿנטלעך און פֿרײַ אַוועקגיין פֿון פּערעצעס האַרבער קונסט"[1].

מע קאָן שטרײַטן, צי איז דאָס אינגאַנצן ריכטיק. אָבער נײַ און דרייסט איז דאָס. אַש איז דאָך אין יענער צײַט געווען פֿאַררעכנט פֿאַר איינעם פֿון די אָנגעזעענסטע פֿאַרשטייער פֿון פּערעצעס שול. מע קאָן אָבער פֿאָרט ניט אָפּלייקענען, אַז אַש איז לויטן גאַנצן כאַראַקטער פֿון זײַן שאַפֿן געווען ווײַט „פֿון פּערעצעס האַרבער קונסט". אויסלענדער קריטיקירט שאַרף אַשס טענדענץ צו מאָראַליזירונג, וועלכע האָט, לויט אויסלענדערס מיינונג, זיך פֿאַרשטאַרקט בײַ אים אין אַמעריקע. און דער קריטיקער פֿאַרענדיקט זײַן עסיי וועגן אַשן: „אָפּגעבנדיק דאָס רעכט שאָלעם אַשס „יוגנט", דאַרף מען איצט שוין ריכטיק אָפּשאַצן יענע פֿיליסטערישע מאָראַל, וואָס האָט אַזוי דעמאָראַליזירט אַשס שפּעטערדיקע קונסט"[2].

אין זײַן עסיי וועגן בערגעלסאָנען שטעלט פֿעסט דער קריטיקער צוויי מאָמענטן אין דער שאַפֿונג פֿונעם קינסטלער: די פֿאַרבינדונג מיט די קלאַסישע טראַדיציעס און די אומרויִקע זוכונגען, די נאָוואַטאָרישע אַנטדעקונגען. „עס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ד. בערגעלסאָנען: קיינמאָל האָט זײַן אייגנאַרט ניט פֿאַרלאָזן דעם צענטראַלן שטעטעך פֿון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור און בײַ קיינעם האָבן זיך ניט געלאָזט אַזוי פֿילן די געשיכטלעכע וואָרצלען פֿון דער נײַער ייִדישער קונסט, ווי בײַ ד. בערגעלסאָנען"[3]. „אַפֿן סאַמע גרענעץ צווישן דער מאַיעסטעטיש־באַרוטער קונסט פֿון גרויסן סטיל און דעם געוואַגטן, טראַגיש־פֿאַרשפּיצטן עקס־

[1] נ. א ו י ס ל ע נ ד ע ר. וועג־אײַן — וועג־אויס. קאָאָפּעראַטיווער פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1924.

[1] דאָרטן, ז. 10 — 11.

[2] דאָרטן, ז. 19; [3] דאָרטן, ז. 20.

פערימענט, דאָרט, ווו די קינסטלערישע דערפארונג הערט אוף צו האלטן שאָלעם מיט אירע נאטירלעכע ברעגן פון געיארשנטער געווויסנקייַט, — דאָרט איז אויסגעבויט געוואָרן די בערגעלסאָנישע קונסט, געוויס — דאָס באדייַטנדיקסטע, וואָס אונדזער נאָכקלאסישע טקופע האָט צו פארצייכענען"[1].

די זאמלונג „וועג־אייַן — וועג־אויס" טיילט זיך אויס דערמיט, וואָס אין איר האָט אויסלענדער איינגעשלאָסן א ריי ארטיקלען, פאָרטרעטן און עסייען וועגן דער יידישער ליטעראטור און יידישע שרייַבער אין אמעריקע. ער איז געווען אין יענער צייַט עפשער דער איינציקער יידישער קריטיקער אין ראטנפארבאנד, וואָס האָט געגעבן טרעפלעכע כאראקטעריסטיקעס פון די „יונגע" אין אמעריקע.

באנאנד דערמיט האָט אויסלענדער פראָקלאמירט און געוויזן די היסטאָרישע באדייַטונג פון דער יונגער יידישער סאָוועטישער ליטעראטור, וועלכע ווערט באטראכט ווי א נייַער עטאפּ אין דער גאנצער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור: „די רעוואָליוציע־דיכטונג האָט דאָ איר אייגענעם גלויבן געלאָזט הערן.

— „איך בין א מענטש, דער זון פון וועלטן" — האָט דערוף פּערעץ מארקיש געזאָגט.

— „איך בין צוגעבונדן צו מייַן גרויסן הייַנט" — האָט ל. קוויטקאָ וואָרט זיך דערהערט.

אָשער שווארצמאן האָט דערוף געענטפערט מיט דער פּאָעזיע פון „מענטשן־לאנד", ד. האָפשטיין — מיטן הימן „ווי טרויעריק־זיס איז מענטש צו זייַן"...

דאָס האָט שוין טיילמאָל געהאט דעם אָנבליק פון א נייַעם גלייַכגעוויכט, א ווארי׳אנט פון דעם „קלאסישן" גלייַכגעוויכט. דער אָטעם פון א נייַער קלאסישקייַט האָטווירקלעך דאָ און דאָרט געגומען שוועבן".

און ער פארענדיקט זייַן בוך מיט דער באגייַסטערטער ווייַטזיכטיקייַט:

„זיי האָבן אָנגעצייכנט דעם אָנהייב פון א נייַעם עטאפּ, וועלכער האָט די יונג־אוקראַ׳ינער דיכטונג אָנגעשלאָסן אָן דער ליטעראטור פון דעם גאנצן רעוואָליוציע־לאנד, דעם נייַעם ראטן־רוסלאנד"[2].

עס איז דעריבער שוין געווען גאנץ נאטירלעך, וואָס גראָד נאָכעם אויסלענדער, וועלכער האָט איבערגעלעבט די קריטיקער פון זייַן דאָר, האָט זיך געשטעלט בעראָש פונעם קריטישן אָפּטייל אין „סאָוועטיש היימלאנד", קעדיי איבערגעבן די טראדיציע און די דערפארונג פונעם עלטערן דאָר יידישע סאָוועטישע קריטיקער און שרייַבער דער הייַנטצייַטיקער ליטעראטור אינעם נייַעם עטאפּ פון איר אנטוויקלונג.

---

[1] דאָרטן, ז. 22; [2] דאָרטן, ז. 200.

יעכעזקל דאָברושין

דאָברושין איז געווען אן עכטער קריטיקער, וועלכער שאפט אליין און לערנט יענעם. מיר ווייסן, אז ער האָט פּובליקירט לידער און דראמעס, אזעלכע ווי „בענקענדע נעשאָמעס" (לידער, איינאקטערס, בילדער), „ווען געפילן וואכן" (דראמע), „פארנאכטן" (לידער), „דער

גערעכט גייט" (קאָמעדיע), „אפּן 62־טן" (פּיעסע) און אנד. דאָברושין איז געווען א קענער, א פאָרשער, אן אנאליטיקער און א גרויסער ליבהאָבער, א לייַדנשאפטלעכער לייענער פון ליטעראטור. ניט אומזיסט טרעפן מיר דאָך בא אים אזעלכע כאראקטעריסטישע קעפּלעך און אונטערקעפּלעך צו די סאמע ברייטע פאָרשערישע אָפּהאנדלונגען, ווי „לייענענדיק שאָלעם־אלייכעמען", „לייענענדיק בערגעלסאָנען".

דאָברושין האָט אויסגעמיטן צוויי געפארן, וועלכע לויערן אָף דעם קריטיקער, — דעם דידאקטיש־טרוקענעם דאָגמאטיזם, וואָס הארגעט אָף טויט מיטן טאלמודיסטישן אנאליז א קינסטלעריש ווערק, פון איין זייַט, און די צעקראָכענע וואסערדיק־פּלוידערנדיקע שייַנשרייַבערייַ, פון דער צווייטער זייַט.

אלס שעפער און ליטעראטור־טוער האָט דאָברושין געהאט דאָס גליק צו שטיין באם וויגעלע פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, בא אירע סאמע ערשטע טריט, אָנהייבנדיק פון אירע געבורט־ווייען און ביז די העכסטע שטאפּלען פון איר צעבריזטן אופבלי. ער האָט ניט געהאט קיין קלאָרע וועלט־אָנשויונג, ווען ער האָט אָנגעהויבן זייַן ליטערארישע טעטיקייַט. פונדאנען נעמען זיך זייַנע אומקלאָרע, נעפּלהאפטיקע טעאָרעטיש־עסטעטישע האנאָכעס, פון וועלכע ער איז שפּעטער אָפּגעגאנגען. דער יונגער קריטיקער דאָברושין איז געווען באווירקט פון די מייַרעוו־אייראָפּעישע

אידעאַליסטישע עסטעטישע שולן און טעאָריעס, דעריקער פונעם פאָרמאַליזם, וועלכער האָט זיך בא אים צונויפגעפּאָרט מיט ייִדישלעכן עסטעטיזם. דעריבער זײַנען זײַנע ערשטע קריטישע ארויסטרעטונגען, באזונדערס וועגן די קלאַסיקער, ניט געגאנגען ווײַטער פון די אָפּשאצונגען, וואָס עס האָט געגעבן די ייִדישיסטישע קריטיק ביז דער רעוואָליוציע. וועגן מענדעלען שרײַבט דאָברושין אין יאָר 1919:

„אָט אזוי שטייט ער, דער זיידע, מענדעלע, מיטן פּאָנעם אינגאנצן צום אָוואר; די שאפונגפּערספּעקטיוו פון מענדעלעס ווערק, יענע שטראַלנדיקע ווײַטן, וואָס אנטפּלעקן זיך ביי־כלאל פון יעדער אופגעעפנטער קינסטלערישער טיר אין לעבן, — ציִען זיך בא מענדעלען ניט צו דער צוקונפט, צו די קומענדיקע דוירעס, נאָר צו דער פארגאנגענהײַט, צום היסטאָרישאָפּגעלעבטן און איבערגעלעבטן. ניט וווּהין זיי גייען, די טיפן, ווייסט מענדעלע, נאָר פונוואַנען זיי קומען”[1].

אין אן ארטיקל, וואָס דאָברושין האָט געשריבן וועגן מענדעלען קימאט מיט דרײַסיק יאָר שפּעטער און וואָס האָט געטראָגן דאָס באדײַטפולע קעפּל „דער אָנהייבער”, האָט ער שוין אינגאנצן אנדערש באטראכט מענדעלעס שאפן. דאָרטן האָט ער פעסטגעשטעלט, אז מענדעלעס שאפן איז געווענדט צו די קומענדיקע דוירעס, צו דער הײַנטיקער סאָוועטישער קולטור און ליטעראטור. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן אלטער באהויפּטונג, אז „מענדעלע איז קוידעמקאָל און אויסשליסלעך א נאציאָנאלער קינסטלער”, וואָס איז פארורטיילט „אַף א רעגעלע ניט קאָנען זיך באפרײַען פון די דוירעסדיקע אויסגעבויטע מעכיצעס פונעם נאציאָנאלן געדאנק און געפיל”. פארקערט, ער זעט שוין מענדעלעס פארבינדונג מיט דער רוסישער דעמאָקראטישער ליטעראטור, מיט גאָגאָלן און שטשעדרינען.

וועגן פּערעצן האָט דאָברושין געשריבן אין יאָר 1916, אז „ס'איז נאָר דאָ א טראנסצעדענטאלער פּערעץ”. נאָר טאָמער האָט עמעץ־ווער נאָך ניט פארשטאנען — וואָס באטײַט אָט דער דעקאדענטיש־„טראנסצעדענטאלער” זאָג, האָט דאָברושין נאָך מער „פארטיפט” די דאָזיקע כאראקטעריסטיק, אז מע זאָל טאקע גאָרניט פארשטיין: „ס'וואקסט אויס אזויארום פּערעצעס קאָסמאָס. אלע פלעמעלעך באהעפטן זיך אין איין ריזיקן פײַער־פלאקער, אלע קלאנגען — אין איין שטראַלנדיקן ניגן, וואָס שפּרייט זיך סימפאָניש אין אלע ווינקלען פונעם לעבן און גייט דערנאָך ארויף, ווערט פארשוווּנדן אין לויטערן בלענדיקן איין־סאָף פון הימל־הויכן”[2].

פארגלײַכט דערמיט די קלאָרע און אויסגעצייכנטע כאראקטעריסטיק, וואָס דאָברושין גיט פּערעצן אין 1945 יאָר, און עס וועט קלאָר

[1] י. דאָברושין. געדאנקענגאנג. 1922.

[2] זאמלונג „צום יאָרצײַט”, ווילנער פארלאג פון א. ב. קלעצקין, אפּרעל, 1916, ז. 45.

ווערן דער מעהאלעך, וועלכן דער פאָרשער האָט דורכגעמאכט: „ס'איז נאָך ניט געלונגען אויסצוגעפינען דעם אלגעמיינעם אידייִשן אנטוויקלונגס־גאנג פון פּערעצעס שאפונג. פּערעץ האָט אַף אלע געזעלשאפטלעכע עטאַפּן פון זײַן לעבנסוועג שטענדיק געפּאָרט זײַנע רעאליסטיש־קריטישע סאָציאַל־פארשארפטע ווערק מיט די ראָמאנטישע אין פלוג אידעאליזירנדיקע פאָלקס־געשיכטעס און מײַסעס”[1].

אזא איז געווען די עוואָליוציע פונעם פאָרשער און קריטיקער אין דער אָפּשאצונג פון דער ליטעראטור־ירושע: פון א נאציאָנאלבאגרענעצטער, עסטעטיש־פאָרמאליסטישער קאָנצעפּציע צו א שטרענג־וויסנשאפטלעכער מארקסיסטישער טעאָריע פון קולטור־אידייִשער שאפונג.

אין די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן שאפט דאָברושין זײַן ווערק „די דראמאטורגיע פון די קלאסיקער”, א גרינטלעכע פאָרשונג וועגן דער דראמאטורגיע פון א. גאָלדפאדען, מענדעלע מויכער־ספאָרים, שאָלעם־אלייכעם און י.־ל. פּערעץ. דאָס איז די איינציקע אָריגינעלע ארבעט וועגן אונדזער קלאסישער דראמאטורגיע, וועגן אירע טיפסטע פאָלקס־קוואַלן, ענגסטע פארבינדונגען מיט דער פאָלקס־שפּיל און וועגן איר פארקערפּערונג אַף דער סצענע פונעם ייִדישן סאָוועטישן טעאַטער, וועגן דער נײַער אינטערפּרעטאציע פון דער קלאסישער דראמאטורגיע אין דער שפּיל פון מיכאָעלסן, זוסקינען און אנדערע ייִדישע סאָוועטישע אקטיאָרן.

דאָברושין שאפט ווײַטער זײַנע אויסגעצייכנטע פאָרשונגען וועגן שאָלעם־אלייכעמען („לייענענדיק שאָלעם־אלייכעמען” און „צוויי גרונט־אויסגאבן פון שאָלעם־אלייכעמס „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האסאָגעס”). אין די דאָזיקע ארבעטן זײַנען פאראן טרעפלעכע, מאמעש גלענצנדיקע באָאבאכטונגען איבער דעם שרײַבערס שפּראך און סטיל, איבערן מאָנאָלאָג און דיאלאָג, איבער וואריאנטן פון די ווערק.

דאָברושין אלס ליטעראטור־היסטאָריקער און פאָרשער פון דער ליטערארישער ירושע טיילט זיך אויס מיט אן אייגנארטיקן צוגאנג צום אנאליז פון דער ירושע. ער האָט ניט געהערט צו יענעם מין „אקאדעמישן” ערודיט, וועלכער ווארפט ארויף א פאכעד אפן לייענער מיט די אומענדלעכע ציטאטעס, מיט זײַטיקע פילאָסאָפישע, היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע עקסקורסן, מיט דאָגמאטישע, קאזויִסטישע כקירעס. פאר דאָברושינען איז די ליטערארישע ירושע געווען אזוי נאָענט און בלוטאייגן, אז ער האָט זי באטראכט ווי א שטיק הײַנטצײַטיקײַט. דאָברושינס פאָרשונגען פון דער פארגאנגענהײַט זײַנען געשריבן מיט דער זעלבער לײַדנשאפט און מיט דער זעלבער ליי־

[1] י. דאָברושין. די דראמאטורגיע פון די קלאַסיקער. מעלוכע־פארלאג „דער עמעס”, מאָסקווע, 1948, זז. 134 — 135.

בע, ווי זײַנע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן אַקאָרשט דערשינענע ווערק פון א יונגן שרײַבער. און דערמיט קאָן עפּשער דערקלערט ווערן דער צופּיל קאָנקרעטער, אין א געוויסן זין אפילע עמפּירישער, כאַראַקטער פון דאָברושינס פאָרשונגען, וואָס האָט געפונען אַן אויסדרוק אין זײַן אַרבעט וועגן בערגעלסאָנען. ווי אין אַלע דאָברושינס גרעסערע ווערק, זײַנען דאָ פאַראַן פאָרשערישע אײַנפאַלן, גלענצנדיקע אַנאַליזן און כאַראַקטעריסטיקעס, טיפע באַאָבאַכטונגען איבער דעם שרײַבערס סטיל, אָבער דאָס אַלץ — אַף א פאַרשמעלערטן סאָציִאַל־היסטאָרישן און ליטעראַטור־היסטאָרישן באָדן. בערגעלסאָן אַלס קרייץ־פּונקט, אַלס עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור, זײַנע פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער ליטעראַטור, זײַן אָרט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור און זײַן ווירקונג אַף דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור — דאָס אַלץ האָט אין טאָך אויסגעמיטן די אופמערקזאַמקײַט פונעם פאָרשער. אָבער די דאָזיקע מאַנגלען קאָנען ניט פאַרשטעלן דאָברושינס פאַרדינסט. ער האָט געשאַפן די ערשטע גרונטיקע אַרבעט וועגן דעם באַדײַטנדיקסטן ייִדישן פּראָזע־מײַסטער פון אונדזער צײַט.

ווערטפול איז געווען דאָברושינס שאַפונג אַלס קריטיקער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ס'איז בוכשטעבלעך ניטאָ קיין איין מער אָדער ווייניקער וויכטיקע דערשײַנונג, וואָס זאָל ניט זײַן אָפּגעשאַצט גענוי און צו דער צײַט אין דאָברושינס אַרטיקלען און רעצענזיעס. ער האָט מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקײַט נאָכגעשפּירט נאָך דעם וווּקס פון דער ליטעראַטור אינגאַנצן גענומען און פון יעדן שרײַבער באַזונדער.

דאָברושין איז געווען א קריטיקער ניט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. ער האָט ניט נאָר אָפּגעשאַצט, ניט נאָר אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, נאָר מאַמעש דערצויגן, געלערנט, געפּירט בא דער האַנט פיל שרײַבער. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז פאַר דאָברושינען געווען א רײַכער בליִענדיקער סאָד. און ער איז אומדערמידלעך אַרומגעגאַנגען אַרום יעדן בוים און ביימעלע. ער איז געווען לויטן אַרבעט־סטיל דער סאַמע דעמאָקראַטישער קריטיקער, געשריבן ניט בלויז וועגן אויסדערוויילטע, נאָר וועגן באַשיידענע קינסטלער, וואָס מאַכן מעגלעך דאָס קומען פונעם געויניִשן שעפער. ער האָט, קאָן מען זאָגן, דערצויגן גאַנצע ליטעראַרישע דוירעס.

אין דער שאַפונג פון יעדן שרײַבער האָט דאָברושין געזוכט און אַנטפּלעקט דאָס פּאָזיטיווע, דאָס פאָרגעשריטענע, וואָס דאַרף אַנטוויקלט ווערן. און אויב ער פלעגט רעדן וועגן מאַנגלען, וועגן ניט אײַנגעגעבענע אָדער אפילע דורכגעפאַלענע ווערק, איז דאָס געמאַכט געווען מיט גרויס טאַקט, מיט טיפן פאַרשטאַנד און, ווידעראַמאָל טאַקע, מיט עכטער ליבע צו דער ליטעראַטור און צו אירע שעפער.

זײַן ברייטע ליטעראַרישע טעטיקײַט האָט דאָברושין פאַנאַנדערגעוויקלט מיטן אָנהייב פון דער רעוואָליוציע. דעם אָקטאָבער האָט ער, דער דעמאָקראַטישער פאָלקס־אינטעליגענט, אופגענומען מיט גרויס פרייד, האַגאַם דער סאָציִאַליסטישער כאַראַקטער פון דער רעוואָליוציע איז פאַר אים עפּשער געווען ניט אינגאַנצן קלאָר. ער האָט אָבער געפילט די גרויסקײַט און די אַלוועלטלעכע מאַסשטאַבן פון דער אָקטיאַבער־איבערקערעניש, און מיט זײַן שעפערישער קולטור־אַרבעט האָט ער געוואָלט העלפן בויען די נײַע סאָוועטישע רעוואָליוציִאָנערע קולטור.

באַנאַנד מיט ליטוואַקאָוון איז דאָברושין געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַגריסט די שאַפונג פון די גרונטלייגער און אָנהייבער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, באַזונדערס פון דער דיכטונג — שוואַרצמאַנען, האָפשטיינען, קוויטקאָ און מאַרקישן. דער יונגער קריטיקער האָט אין זייערע ערשטע לידער דערזען דעם אָנהייב פון א נײַער ליטעראַטור. ער האָט זייער ווײַטזיכטיק און טרעפלעך פאָרויסגעזאָגט, אַז פון שוואַרצמאַנס דיכטונג וועט „ניט איין פּאָעטישער דאָר זיך שפּײַזן מיט דער ליבשאַפט און וואַרעמקײַט, וואָס דער פּאָעט האָט אָנגעזאַמלט און פון טיפן האַרצן אויסגעדריקט אין זײַנע לידער".

אין 1919 יאָר האָט דאָברושין פאַרעפנטלעכט זײַן אַרבעט „דרײַ דיכטער"[1]. עס לאָזן זיך נאָך דאָ היפּש פילן פאָרמאַליסטישע און אַנדערע אידעאָלאָגישע מאַנגלען און פאָרורטיילן. אָבער דאָס דריקט זיך אויס מער אין דער פראַזעאָלאָגיע, אין סטיל. די כאַראַקטעריסטיקעס פון יעדן דיכטער באַזונדער זײַנען טרעפלעך און האָבן ניט אָנגעוווירן זייער באַדײַטונג ביז הײַנטיקן טאָג. בא מאַרקישן און קוויטקאָן שטרײַכט אונטער דער קריטיקער זייער נאָוואַטאָרישקײַט, זייער באַפרײַען זיך פון דער ביז־אָקטיאַבערדיקער נאַציִאָנאַליסטישער און דעקאַדענטיש־ראָמאַנטישער דיכטונג. טיף און ריכטיק איז אויך דאָברושינס באַמערקונג וועגן האָפשטיינען: „האָפשטיין איז ביכלאַל געקומען צו אונדז אָנגעלאָדן מיט א היפּש ביסל „פרעמדס", מיט א פּאָר אונדז נײַער עמעס אייראָפּעיִשער שטימונג־קולטור. האָפשטיין איז, צו גלייבן, אונדזער ערשטער „ניט נאַציִאָנאַלער" דיכטער אינעם געוויינלעכן ענג באַלעבאַטישן זין פון דעם וואָרט. די אַסאָציִאַטיווע וועגן פון האָפשטיינס פּאָעטישע שטימונגען בינדן זיך ניט מיט דער נאַציִאָנאַלער, בעעצעם, קולטור־געשיכטע, ווי בא אַלע פריִערדיקע אָנגעזעענע דיכטער. האָפשטיינס דיכטערישע וועלט־אופאַסונג שטאַמט פון דער אַלגעמיינער קולטור־געשיכטע און, ווי די בעסטע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער אייראָפּעיִשער קונסט־וואָרט (וואָרט־קונסט?! — ה. ר.), באַלײַכט ער זײַנע לירישע אָביעקטן מיט דער אַלגעמיין וועלטישער שײַן".

דאָברושינס קריטיק — איז די געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אין דעם

---

[1] „אויפגאַנג", ערשטער זאַמלבוך, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיִעוו, 1919, זז. 73 — 98.

באַשטייט די באַדײַטונג פון זײַן שאַפן. צי האָט ער געמאַכט פעלערן? געוויס. און ניט ווייניק. אין א ריי אַרטיקלען פונעם ראַפּישן פעריאָד לאָזט זיך הערן דער וווּלגאַר־סאָציאָלאָגישער און דאָגמאַטישער צוגאַנג צו דער שאַפונג פון באַזונדערע שרײַבער. דאָס זײַנען געווען שוועריקייטן פון וווּקס פון א נײַער ליטעראַטור, פון א נײַער קריטיק. דאָבּרושין אלס קריטיקער איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער גאַנצער ליטעראַטור אלס איינער פון אירע וויכטיקסטע טוער און שעפער.

דאָבּרושינס אינטערעסן־קרײַז איז געווען א גאַנץ ברייטער. ער איז געווען ניט בלויז א שעפער און בויער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. ניט ווייניקער שעפערישע ענערגיע האָט ער אַרויסגעוויזן אין געביט פון טעאַטער. אין פאַרלויף פון א פערטל יאָרהונדערט איז ער געווען דער ליטעראַרישער אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן מלוכע־טעאַטער. דאָס איז א גאַנץ בלעטל פון זײַן ביאָגראַפיע.

אין געביט פון טעאַטער איז דאָבּרושין געווען דער זעלבער פרײַנט פון די שעפער, ווי אין דער ליטעראַטור. ער האָט געהאָלפן דעם ייִדישן סאָוועטישן טעאַטער אופירן אַף דער בינע די ייִדישע קלאַסישע ליטעראַטור. אין זײַן באַאַרבעטונג האָט דער טעאַטער געשטעלט „דאָס צענטע געבאָט" לויט גאָלדפאַדענען. דאָבּרושינען געהערט דער פאַרדינסט פון אינסצענירן מענדעלע מויכער־ספאָרימס „מאַסאָעס בינימין השלישי", שאָלעם־אַליכעמס „מענאַכעם־מענדל". צוזאַמען מיט י. נוסינאָוון האָט ער געשאַפן פאַרן טעאַטער די פּיעסע „ספּעץ". ער האָט אָנגעשריבן די דראַמע „דער גערייכט גייט" און, ענדלעך, צוזאַמען מיט נ. אויסלענדערן, אינסצענירט פאַרן טעאַטער שאָלעם־אַליכעמס „טעוויע דער מילכיקער".

דאָבּרושינס גרויסער פאַרדינסט באַשטייט נאָך דערין, וואָס ער האָט טעאָרעטיש באַזיניקט און פאַראַלגעמיינערט די קונסט פונעם גרעסטן ייִדישן אַקטיאָר שלוימע מיכאָעלס. זײַן בוך „מיכאָעלס דער אַקטיאָר" איז א באַדײַטנדיקע דערשײַנונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור־ און קונסט־קריטיק.

אַנאַליזירנדיק א ריי ספּעקטאַקלען, שטרײַכט דאָבּרושין אונטער מיכאָעלסעס ראָל אין קאַמף פאַר רעאַליזם, קעגן אַבסטראַקט־עקספּרעסיאָניסטישע און פאָרמאַליסטישע טענדענצן אין די ערשטע יאָרן פונעם טעאַטער. טראָט נאָך טראָט שפּירט ער נאָך די שפּיל פונעם אַקטיאָר אין די סאַמע פאַרשיידענע ספּעקטאַקלען פון דער קלאַסישער און סאָוועטישער ייִדישער דראַמאַטורגיע און פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע.

אין די קורצע עטיודן וועגן פיר באַדײַטנדיקע שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־פאָרשונג האָב איך ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו געבן אַן אויסשעפּנדיקן אַנאַליז פון זייער שעפערישער טעטיקייט. איך האָב זיך באַמיט אָנצומערקן בלויז גרונט־שטריכן פון זייער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. דעריבער באַטראַכט איך אָט די עטיודן בלויז ווי פראַגמענטן פון א גרעסערער אַרבעט.

רעצענזיעס

אַרן ווערגעליס

פאַרוואָס די פּײַלן דערגרייכן ניט דעם ציל

(וועגן דער בראָשור „ציוניזם: טעאָריע און פּראַקטיק״)

אין די לעצטע יאָרן האָט די פּובליציסטיק אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער גענומען אײַנגעשפּאַרטער צו דעשיפרירן די נאָך ווייניק באַוווּסטע פאַרן ברייטן לייענער פּראָבלעמען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער אידעאָלאָגיע און מיט דער פּראַקטישער טעטיקײַט פונעם ציוניזם. די געשעענישן נאָכן זעקסטאָגיקן קריג אפן נאָענטן מיזרעך האָבן אַרויסגערופן אַזאַ שטאַרקן נאָכפרעג אף אויספירלעכער אויפקלערונג, אַז די פּובליציסטיק — דער סאַמע געזעלשאַפטלעך־פּילבאַרער אינפאָרמאַציעזשאַנער — האָט זיך געמוזט גלײַך אָפּרופן, און דער לייענער האָט באַקומען, אויסער צײַטונגס־ און זשורנאַל־מאַטעריאַלן, אויך אַ ריי ביכער און בראָשורן וועגן ציוניזם, וואָס אין סכום גענומען זײַנען זיי אַ וועזנטלעכער בײַטראָג, ווײַל זיי פאַרפילן אַ בלויז אינעם דערקענטעניש־באַגאַזש פון היפּשע מאַסן מענטשן, בײַ וועלכע ס'האָט אַרויסגערופן פאַרלעגנהײַט דאָס „אומגעריכטע דערשײַנען״ פונעם קריגערישן ציוניזם אף דער אַרענע פונעם קאַלטן קריג.

די אָנגעשטרענגטע אידייִשע שלאַכטן קעגן ציוניזם, אפן פּילבאַרן פאָן פונעם מילכאָמע־פײַער, וואָס האָט זיך פאַרנומען איבער אַ גאַנצן וועלט־ראַיאָן, פאָדערן, אַז די פּובליציסטישע אויפקלערונג זאָל געפירט ווערן אַרגומענטירט, אָפּהיטנדיק ריכטיקע אַקצענטן און פּראָפּאָרצן, בײַ אַן אַטמאָספער פון טיפער ערנסטקײַט. דער בוך „ציוניזם: טעאָריע און פּראַקטיק״ איז אין דעם פּראַט פּילצוזאָגנדיק סײַ מיטן פאַרפליכטנדיקן טיטל אף דער הילע, סײַ מיטן הויכן וויסנשאַפטלעכן אויטאָריטעט פון דער מערהײַט אויטאָרן. ס'איז שוין לאַנג צײַט, אַז די דערפאַרונג פון דער סאָוועטישער פּובליציסטיק אין געביט פון פאָרשן די טעאָריע און פּראַקטיק פונעם ציוניזם זאָל קריטיש באַטראַכט ווערן מיצאַד אַ קאָלעקטיוו אַקאַדעמישע אויטאָריטעטן, קעדײַ די אָפּשאַצונגען און פאַראַלגעמײַנערונגען, צוואָרפענע איבער אַ גרויסער צאָל אויסגאַבעס, זאָלן דורכגיין אַ שטרענגן קאָנטראָל אין דער שײַן פונעם מאַרקסיסטישן מעטאָד. אין באַזונדערע ערטער פונעם בוך געפינען מיר אַן אַכרײַעספולן צוגאַנג, אָבער דער צוגעזאָגטער ניווא הייבט אָן צו פאַלן, ווען מיר שטויסן זיך אָן אין אַ ריי ערנסטע מאַנגלען און בלויזן.

די מערהײַט אָפּהאַנדלונגען (קאַפּיטלען) אין דער זאַמלונג „ציוניזם: טעאָריע און פּראַקטיק״ לײַדן, אין טאָך גענומען, פון איינער און דער זעלבער שוואַכקײַט. אין זיי ווערן מיט אַ ברייטער האַנט ציטירט טעאָרעטישע מעקוירעס פונעם פריִען ציוניזם, — פון דער צײַט, ווען די גרונטלייגער, אָפּגעווײַטערטע פון דער „פּראָזע פונעם וואָכעדיקן קאַמף״, האָבן געהאַלטן פליסנדיקע רעדעס, אַמאָל אף אַ ליטעראַרישן דײַטש, אַמאָל אף אַ רוסיש מיט „מילאָסטיוויע גאָסודאַרי״, און זייערע מײַמערס אין די אַסימיליאַטאָרישע פּערי׳אָדישע אויסגאַבעס זײַנען געווען געדיכט איבערגעשאָטן מיט נאַציאָנאַלער מעלאָדראַמע. דער דאָזיקער פּערי׳אָד פונעם ציוניזם איז שוין פון לאַנג פאַרענדיקט, און הײַנט עקזיסטירט ער עפּשער בלויז אין די ציטאַטעס פון פאַרשפּעטיקטע פאָרשער. דער ציוניזם אַליין דערקענט שוין איצט ניט זײַן ראָמאַנטישע קינדהײַט. מיר כידעשן זיך ניט, ווען אין אַן אָפיציעלער רעזאָלוציע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (אף איר סעסיע אין 1961) ווערט געזאָגט: „דער הײַנטיקער פּערי׳אָד צייכנט זיך אויס מיט פולשטענדיקער אויסשעפּונג פון די רעזערוון פונעם ציוניזם, וואָס ברענגט צו דעם, אַז ער ווערט אויסגעלאָשן״. איבערלעבנדיק אַ קריזיס נאָך אַ קריזיס, האָט דער ציוניזם לאַכלוטן פאַרלאָרן זײַן לעבנספייִקײַט, און פון דעם איז ער געוואָרן נאָך בייזער, געפערלעכער. אף צו דערקענען און אַנטשעדיקן אים אין די הײַנטיקע צײַטן איז ניט גענוג צו דערווײַזן, אַז זײַנע שעפער האָבן אין סאָף פונעם פאָריקן יאָרהונדערט

«Сионизм: теория и практика». Сборник. Авторский коллектив под руководством акад. И. Н. Минца. М., Госполитиздат, 1973.

אָדער אין אָנהייב פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט געשטעלט פאַר אים פײַנטלעכע צום גײַסט פונעם פּראָגרעס צילן. ס'איז נייטיק גענוי און פּינקטלעך אופדעקן, וואָס פאַר א טעאָרעטישע אײַנשפּריצונגען האָט ער באַקומען אין אונדזערע טעג, וויאַזוי זעט אויס זײַן נײַע סטרוקטור, די הײַנטצײַטיקע פּראַקטיק, דער אַרסענאַל פון מעגלעכקײַטן, די נײַסטע מעטאָדן אדג. און, פאַרשטייט זיך, — ס'איז ניט דערלאָזבאַר צוצושרײַבן אים אַזוינס, וואָס איז אים ניט אייגנטימלעך, פלאָנטערן אים מיט אַנדערע פּאָליטישע שטרעמונגען, אפילע ווען דאָס זײַנען שטרעמונגען, נאָענטע צו אים. קוידעמקאָל איז נייטיק אָפּגרענעצן קאַטעגאָריש דעם ציוניזם פון דער נאַציאָנאַלער סוויווע, אין וועלכער ער איז אופגעקומען מיט דרײַ פערטל יאָרהונדערט צוריק און ווו ער האָט, צום גליק, ניט געפונען קיין גענוגנדיק גינסטיקן באָדן אף צו בלײַבן דאָרט מיט זײַנע וואָרצלען. דער קאַמף קעגן ציוניזם אפן איצטיקן עטאַפּ פאָדערט, אַז די אידעאָלאָגישע אַרבעט אין אָט דעם געביט זאָל ניט שטיין אף א שקאָלאַרישן ניוואָ.

ס'איז בעפיירעש א גרויסער פאַרדראָס, וואָס אַזא גוט־פאַרטראַכטער בוך, ווי „ציוניזם: טעאָריע און פּראַקטיק", לײַדט פון די מאַנגלען, וועגן וועלכע עס גייט אויבן א רייד. דאָ און דאָרט פילט זיך, ווי דער אוטאָר פון א קאַפּיטל, נעמענדיק זיך פאַר דער פען, ווייסט ניט גענוג גרינטלעך דעם מאַטעריאַל, באַגייט פאַרדריסלעכע פאַקטישע פעלערן. קעדיי באַווײַזן עס, וועלן מיר אַרײַנקוקן, אשטייגער, אינעם צווייטן קאַפּיטל פון דער זאַמלונג.

איידער דער אוטאָר נעמט זיך צו דערקלערן דאָס אַנטשטיין אינעם ציוניזם פון „צוויי קאָנקורירנדיקע ריכטונגען" — דער „מײַרעוודיקער" (ט. הערצל, מ. נאָרדאו) און דער „מיזרעכדיקער" (אכאַד־האָאָם), פירט ער דורך א היסטאָרישע פּאַראַלעל מיט זייערע „פאָרגייער", אָפּטרעטנדיק בעערעך אף הונדערט פופציק יאָר צוריק, צו די „צוויי ווידכטיקסטע קאָנקורירנדיקע רעליגיעזע ריכטונגען אין אידיישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די יידן", וועלכע ער רופט אויך אָן „מײַרעוודיקע" (מ. מענדעלסאָן) און „מיזרעכדיקע" (כאַסידיזם). גופע דער מעטאָד פון פאַרכאַפּן, אָן א סיבע, זײַטיקע טעמעס איז אין דער וויסנשאַפט ניט באַרעכטיקט, ווײַל ער ברענגט צו פּלאָנטערנישן. מענדעלסאָן, דער כאַסידיזם האָבן ניט קיין מינדסטע שײַכעס, אפילע קיין רעטראָספּעקטיווע, צום ציוניזם. שרײַבן וועגן זיי אין קאָנטעקסט פון די פילאָסאָפישע קאָנצעפּציעס און דאָגמעס פונעם ציוניזם האָט קיין זינען ניט, סײַדן דער אוטאָר וויל זיי דעם ציוניזם „שענקען".

לאַכלוטן ניט ריכטיק ווערן אויסגעטײַטשט די אָנשויונגען פון א ריי אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע טוער און דענקער פון דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט, וועלכע דער אוטאָר „פירט אונטער" צום ציוניזם. ווי באַוווּסט, איז מוישע מענדעלסאָן געווען א זײַל פון דער דײַטשישער פילאָסאָפישער שול און איינצײַטיק דער פאָטער פון דער יידישער אופקלערונג אין דײַטשלאַנד. ער האָט געפירט א קאַמף פאַר בילדונג, קעגן נאַציאָנאַלער אָפּגרענעצונג, פאַר אַרויסגיין מיצאַד די יידן צו דער אייראָפּעיִשער קולטור. ווען ער האָט איבערגעזעצט פאַר זײַנע אייגענע קינדער דעם כומעש אף דײַטש און אַרויסגעגעבן די איבערזעצונג אין א בוך־פאָרם, איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך: ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז אַנשטאָט צו לערנען דעם כומעש מיט דער הילף פון דער דײַטשישער איבערזעצונג, האָט די יידישע יוגנט געלערנט די דײַטשישע שפּראַך מיט דער הילף פונעם כומעש. און ווי עס האָט באַמערקט איינער פון מענדעלסאָנס ביאָגראַפן, האָבן די יידישע יונגעלײַט, דערוואָרבנדיק אַן אויצער פון דײַטשישע ווערטער און באַגריפן, אוועקגעוואָרפן דעם כומעש מיט דער געמאָרע מיטן כײַדער מיט דער יעשיווע און זיך געווענדט צו דער דײַטשישער ליטעראַטור און צו דער דײַטשישער וויסנשאַפט. ווען די ראַבאָנים (ראַבי רעפאָעל פון האַמבורג, ראַבי יעכעזקל לאַנדוי פון פּראָג און אַנדערע) האָבן געוואָרנט די יידן, זיי זאָלן זיך ניט באַנוצן מיט דער איבערזעצונג, האָט „מענדעלסאָנס כומעש" באַקומען נאָך מערער כיין אין די אויגן פון דער יוגנט און בעמיילע א גרעסערע ווירקונג. פאַר טויזנטער יעשיוועבאָכערים אין דעם צוגעשלאָסענעם יידישן יישעוו פונעם דעמלטיקן דײַטשלאַנד איז די דאָזיקע איבערזעצונג געווען א טיר צו אייראָפּעיִשער בילדונג.

אין די באַדינגונגען פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע האָט מענדעלסאָן, נאַטירלעך, זיך פאָרמירט ווי א ווידערשפּרעכלעכע פיגור. פון איין זײַט, אין דער פילאָסאָפישער וויסנשאַפט — אַן איבערצײַגטער ראַציאָנאַליסט, א קעגנער פון קאַנטס אידעאַליזם, אַן אָנהענגער און פּאָפּוליאַריזאַטאָר פון דער מאַטעריאַליסטישער לערע פון לייבניצן; פון דער צווייטער זײַט, אין שטייגער־לעבן און אין „הילכעס יידישקײַט" — א זון פון א סויפער, א טאַלמיד פון ייִסראָעל זאַמאָשטש, דעם מעכאַבער פון ספאָרים און פּיירושים. די טראַדיציאָנעל־יידישע שטוב איז אָבער אַלץ מער און מער אָפּגעטראָטן פאַרן פילאָסאָפיש־אופקלערערישן „דײַטשישן קרײַז", און דאָס דריקט זיך אויס אין מענדעלסאָנס קאַמף פאַר יידישער בירגערלעכער גלײַכבאַרעכטיקונג, פאַר דער אידיי פון אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מעלוכע, פאַר פרײַהײַט פון געוויסן.

אין דער בראָשור „ציוניזם: טעאָריע און פּראַקטיק" ווערט מענדעלסאָנען אָפּגעפירט אַן אָרט — ניט פאַרשטענדלעך פאַר וועלכע „זינד" — אין הינטערגרונט פונעם ציוניזם, און וועגן אים ווערט געזאָגט אַזוינס, וואָס קאָן אַרויסרופן בלויז א שמייכל. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער גרויסער אופקלערער פונעם 18־טן יאָרהונדערט האָט אויסגעטײַטשט די יידישע רעליגיע „אין די אינטערעסן פונעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל" (ז. 17)...

עס קאָן גרײַלעך זײַן, אַז דעם אוטאָר פונעם פילאָסאָפישן קאַפּיטל אין דער בראָשור „ציוניזם: טעאָריע און פּראַקטיק", וועלכער טראָגט אָפּ מענדעלסאָנען צום ציוניזם, האָט אַראָפּגעפירט פון וועג דער פאַקט, וואָס דאָס לעצטע ווערק מענדעלסאָנס, און דאָס סאַמע וויכטיקסטע ווערק, האָט געהייסן „יערושאָלאַיִם". דאָס איז אָבער געווען א בוך ניט וועגן אַריבערפירן די יידן קיין יערושאָלאַיִם, נאָר וועגן דער פּראָבלעם פון רעליגיע און שטאַט (מעלוכע), און יערושאָלאַיִם איז דאָ די אַלגעמיינע געאָגראַפישע פאַרקערפּערונג פונעם געבוירן־אָרט פון דער יידישער רעליגיע און פונעם היסטאָרישן

„ייִדישן שטאַט". אָט וואָס עס שרײַבט מענדעלסאָן:

„די קירך, פון איין זײַט, טרעט אריבער די גרענעץ און שטעלט א פוס אין געביט פון מעלוכע, און די מעלוכע, פון דער אנדערער זײַט, שפּרײַזט אויך אריבער די גרענעץ און דערשײַנט אין געביט פון דער קירך. די אומקלאָרקײַט, וואָס הערשט אין באַשטימען גענוי די געביטן און זיי אָפּשיידן איינעם פונעם אנדערן, האָט שוין ניט ווייניק צאָרעס געבראכט די מענטשן און וועט נאָך ווײַטער ברענגען זיי צאָרעס. וואָרעם, ווען מעלוכע און רעליגיע קריגן זיך צווישן זיך, זײַנען א קאָרבן די מענטשן, וועלכע פאלן אין אָט דעם שטרײַט; ווען מעלוכע און רעליגיע מאכן צווישן זיך שאָלעם, דארף דערבײַ אומקומען דאָס בעסטע און טײַערסטע, וואָס דער מענטש פארמאָגט, ווײַל זעלטן־ווען מאכן צווישן זיך שאָלעם רעליגיע און מעלוכע מיט אן אנדער טנײַ, איידער מיטן טנײַ ארויסצוטרײַבן פרײַהײַט פון געוויסן מעכוץ די גרענעצן פון זייער מאכט"[1].

דער אויספיר:

„דער שטאַט קומט מיט געזעצן, די רעליגיע — מיט געבאָטן... די מעלוכע האָט, אלזאָ, פולקומע רעכט, די קירך — ניט קיין פולקומע. אָבער אפילע מעלוכע האָט רעכט צו באפוילן בלויז בענעגייע טאָן אָדער ניט טאָן. זי קאָן אָבער ניט באפוילן טראכטן אָדער ניט טראכטן. די מעלוכע קאָן באשטראָפן פאר מײַסים, אָבער ניט פאר געדאנקען. און נאָך ווייניקער האָט די קירך רעכט צו שטראָפן פאר געדאנקען, פארפאָלגן און ברענגען אָפּן פײַער. טוט זי דאָס יאָ — און זי טוט עס פאר די אויגן פון דער גאנצער וועלט, — איז עס, פון איר זײַט, א כוצפּע און א פעלער"[2].

ווען דאָס בוך „יערושאָלאַיִם" איז דערשינען (אין 1783, מיט דרײַ יאָר פאר מענדעלסאָנס טויט), האָבן געהאלטן פאר זייער כויוו אויסצודריקן עפנטלעך באַווונדערונג מיט דעם די גרויסע מיטצײַטלער פונעם אווטאָר קאנט, געטע, מיראבאָ. וואָס איז שײַעך דעם לעכערלעכן פּרווו צו אדרעסירן דאָס ווערק דעם ציִעניזם, בלויז דערפאר, ווײַל עס הייסט „יערושאָלאַיִם", און אָף דעם סמאך פארעכענען מוישע מענדעלסאָנען פאר א פאָרגייער פונעם ציִעניזם, איז עפשער נוצלעך אייצענען דעם געכאפּטן אָף אזא אבסורד פּובליציסט, ער זאָל די אויבן־געבראַכטע ווערטער מענדעלסאָנס וועגן דער ארײַנמישונג פון דער רעליגיע אינעם לעבן פונעם פאָלק און פונעם לאנד אָנמעסטן צו דער הײַנטיקער פּראקטיק פונעם ציִעניזם אין ייִסראָעל.

לייענענדיק ווײַטער די אָפּהאנדלונג, שטויסן מיר זיך אָן אין נאָך אן אבסורד: אלס פאָרגייער פון דער ציִעניסטישער פילאָסאָפיע איז פארעכנט די אידעאָלאָגיע פונעם כאסידיזם. אויך דאָ, אויב זיך גוט א גריבל טאָן, קאָן מען געפינען עפּעס ענלעכס צום פאל מיט מוישע מענדעלסאָנס בוך „יערושאָלאַיִם". פונעם ערשטן קוק איז ניט קלאָר, פארוואָס דער פּובליציסט האָט אזוי ביטער באליידיקט דעם כאסידיזם, וועלכער האָט אין 18־טן יאָרהונדערט און אין די ערשטע אָנדערהאלבן צענדליק יאָר פונעם 19־טן יאָרהונדערט געטראָגן מיט זיך אין די פאָלקסמאסן א פּראָטעסט קעגן דער ראבאָנישער אָרטאָדאָקסיע, — איידער ער איז פארפלייצט געוואָרן מיטן קולט פון צאדיקיזם און זיך געווידמעט דעם רעאקציאָנערן קאמף קעגן דער האסקאָלע. אין דער געשיכטע פונעם כאסידיזם זײַנען אָבער באַוווּסט עטלעכע פאקטן, ווען דער אָדער יענער צאדיק האָט נאָכן טויט פונעם באלשעמטאָוו זיך אוועקגעלאָזט קיין ערעץ־ייִסראָעל (לעמאָשל, דעם באלשעמס טאלמידים און נאָכפאָלגער נאכמען האָראָדאָקער און מענדל פּרײַמישליאנער, וועלכע זײַנען, צוזאמען מיט א קאָמפּאניע גאליציאנער כסידים, אָנגעקומען אין 1764 קיין כײַפע). קאָן זײַן, אין געגעבענעם פאל האָט אין די אויגן פונעם פּובליציסט אויסגעזען „ציִעניסטיש" דער באקאנטער אין דער ליטעראטור עפּיזאָד מיטן ענערגישן צאדיק מענדל וויטעבסקער, וועלכער האָט, בייס זײַנע באטאליעס מיט די מיסנאגדים, אָפּגעביטן דאָס וווין־אָרט: וויטעבסק אָף מינסק, מינסק אָף האָראָדאָק, און לעסאָף האָט ער באשטימט א פּרווו טאָן ערעץ־ייִסראָעל. אין 1777 איז ער אָנגעקומען קיין צפאס אין דער באגלייטונג פון א מאכנע כסידים, 300 נעפאשעס. מיט אָט די כסידישע אימיגראנטן איז אָבער געשען דאָס זעלבע, וואָס הײַנט מיט די „אויליִם" פון סאָוועטנפארבאנד: גאָר אינגיכן האָבן זיי זיך אנטוישט אין דעם אויסגעטראכטן היימלאנד. ניט וויסנדיק די שפּראך פון דער היגער באפעלקערונג, אָן געלט און אָן א סוויווע, האָבן זיי אוועקגעשיקט אין „גאָלעס", צו קלײַבן דאָרט נעדאָווועס, א שאָליִעך, וועלכער איז דערפאָרן ביז צו זײַן אלטער היים און איז דאָרט געשטאָרבן. רעב מענדל האָט (פונקט ווי די הײַנטיקע „אויליִם") געשריבן קיין וואָלין און קיין רײַסן בריוו מיט אנטוישונג: „מיך כאפּט אָן א שרעק, ווען איך זע דאָס אָרט, ווו מײַנע אָוועס האָבן מיספּאלעל געווען"[1]...

מע קאָן ווידעראמאָל אופמערקזאם מאכן די מעכאברים פון דער בראָשור „ציִעניזם: טעאָריע און פּראקטיק": אין אָט דעם עפּיזאָד איז פארלייגט נאָך איין גוטע מעגלעכקײַט צו באַרײַכערן דעם היסטאָרישן זיקאָרן פון די הײַנטצײַטיקע „אויליִם" מיט דער דערפארונג פונעם צאדיק מענדל וויטעבסקער...

אָבער צורעכענען דעם כאסידיזם צו די פאָרגייער פונעם ציִעניזם — איז אן אבסורד.

ווי באַוווּסט, האָט דער באלשעמטאָוו ניט פארשריבן זײַנע געדאנקען, און קיין ספאָרים האָט ער נאָך זיך ניט איבערגעלאָזט. זײַנע רייד האָבן שפּעטער פארצייכנט און סיסטעמאטיזירט די טאלמידים זײַנע. דער נוסעך פון זייער שרײַבן איז געווען: „איך האָב געהערט פון מײַן רעבן"... איז אָט, פארלאָזנדיק זיך אָף די טאלמידים, קאָן מען אין א פאָר בײַשפּילן אופשטעלן „די פילאָסאָפיע פונעם בעש"ט", קעדיי ס'זאָל ווערן באשײַמפּערלעך קלאָר, אז זי ליגט אפילע ניט אָף איין ברעט מיט דער „ציִעניסטישער פילאָסאָפיע".

אין סייפער „צוואת הריב"ש" („דעם בעשט'ס צאַ־

[1] מאָזעס מענדעלסאָהן. זעמטליכע ווערקע, וויען, 1838, ז. 217 — 218.

[2] דאָרטן, ז. 261.

[1] זע שימען דובנאָוו. „געשיכטע פון כאסידיזם". ווילנע, 1930. 1 באנד, זז. 220 — 221.

וואָע״) קאָן מען טרעפן אייניקע כאַראַקטעריסטישע אַרויסזאָגונגען פונעם באַלשעמטאָוו: „דער מענטש איז אַ לייטער, וואָס שטייט אַף דער ערד און זײַן שפּיץ דערגרייכט ביז אין הימל אַרײַן, און אַלע זײַנע טנועס און זײַנע טועכצן און זײַנע רייד מאַכן אָן אויבן אַ רוישעם״; „ווייַנען איז זייער שלעכט, וואָרעם דער מענטש באַדאַרף דינען סימכע. נאָר ווען דאָס געוויין איז פון סימכע, דעמלט איז עס זייער גוט״; „אָט איז אַ קלאַל גאָדל: אין אַלצדינג, וואָס איז פאַראַן אַף דער וועלט, זײַנען דאָ הייליקע פונקען, אַפילע אין העלצער און שטיינער, אין אַלע טועכצן, וואָס דער מענטש טוט, אַפילע אין אַווייַרע״... אַדג.

דער אַווטאָר פון דער בראָשור־אָפּהאַנדלונג פאַרופט זיך אָפּט אַף די שריפטן פון די טעאָרעטיקער פונעם ציִעניזם. דאָס דאַרף העלפן דעם לייענער זיך פאַנאַנדערצוקלײַבן אין זייער וועלט־אָנשויונג. לאָמיר אַ קוק טאָן, וויִאַזוי די דאָזיקע אויפגאַבע ווערט געלייזט. אַלס בײַשפּיל קאָן דינען דער אויפן, וויִאַזוי עס ווערט ציטירט און קאָמענטירט אַכאַד־האָאָם, און די אַרויסזאָגונגען וועגן אים אין דער בראָשור, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט נאַיִווקײַט און גראָדליניקײַט. אָנשטאָט צו געבן אַן אַרגומענטירטן אַנאַליז, קומט אַרויס דער אַווטאָר מיט שרעקעוודיקע, אָנגעטראַכטע פאָרמולירונגען, אַזעלכע ווי „געהיימער ציִעניזם״, אָדער „אַכאַד־האָאָם האָט דעם ציִעניזם אונטערגעוואָרפן צום ראַסיזם און שאָוויניזם״ (פּונקט ווי דער ציִעניזם, אויסער אַכאַד־האָאָמען, וואָלט געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע שטרעמונג), אָדער „אַכאַד־האָאָם האַלט, אַז די עטנישע געניִאַליטעט (פון די ייִדן) טיילט זיי צו דאָס רעכט אַף וועלט־הערשאַפט״. ניט אַלע לייענער פונעם רוסישן בוך ווייסן, אַז אַף ייִדיש קאָן דאָס וואָרט „ייִסראָעל״ שטיין אין קאָנטעקסט ווי „פאָלק ייִסראָעל״ און ווי „לאַנד ייִסראָעל״. דער אַווטאָר פונעם קאַפּיטל פון דער בראָשור „ציִעניזם: טעאָריע און פּראַקטיק״ ציטירט אַזוי אַכאַד־האָאָמען (אין דער רוסישער איבערזעצונג): „דאָס לאַנד ייִסראָעל דאַרף אַרומכאַפּן אַלע לענדער פון דער וועלט, קעדיי אויסבעסערן די וועלט מיט גאָטס הערשאַפט״. נאָר אַכאַד־האָאָם האָט אַזוינס ניט געזאָגט, ער איז געווען אַן ערנסטער טעאָרעטיקער, האַגאַם ער האָט פאַרטיידיקט ניט קיין ריכטיקע אידיי. אַזאַ אומגעלומפּערטן געדאַנק, אַז די ייִדן דאַרפן פאַרכאַפּן אַלע לענדער פון דער וועלט, האָט ער ניט געקאָנט אַרויסזאָגן.

די זאַך איז דאָ גאָר אין עפּעס אַנדערש. ס׳איז באַוווּסט, אַז אַכאַד־האָאָם איז געווען אַ קעגנער פון די פּאַלעסטינאָפילן, פונעם פּאָליטישן ציִעניזם. זײַן טעאָריע איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אָנשטאָט צו אויפלעבן די ייִדישע נאַציִאָנאַלע מעלוכע, דאַרף מען „ווידערופלעבן דעם נאַציִאָנאַלן גײַסט״ (פונדאַנען שטאַמט דער טערמין „גײַסטיקער ציִעניזם״). 99 פּראָצענט ייִדן דאַרפן, ווי פריִער, זיך שפּרייטן איבער די לענדער, ווו זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און ווו זיי לעבן, — אַזאַ איז געווען אַכאַד־האָאָמס איבערצײַגונג. ווײַזט אויס, אַז דער אַווטאָר פונעם קאַפּיטל וועגן דער פילאָסאָפיע פונעם ציִעניזם האָט עס אָנגענומען אַלס רוף צום „לאַנד ייִסראָעל״, עס זאָל „אַרומכאַפּן אַלע לענדער פון דער וועלט״. אָבער אַזוי איבעראַנדערשן פרעמדע רייד טאָר מען ניט. אָפּן בײַשפּיל, וועלכן מיר באַטראַכטן דאָ, קאָן מען זען, צו וואָס עס דערפירט.

ס׳איז נייטיק צו דעמאַסקירן פאַרן לייענער דעם רעאַקציאָנערן טאָך פונעם אַכאַד־האָאָמיזם, וועלכער סטאַרעט זיך אַריבערטראָגן דעם פאַרדאַרבערישן ציִעניזם אין די נעשאָמעס פונעם מענטשן און פאַרוועמען די אויסערקלאַסעווע פאָרמול פון „גײַסטיקער נאַציִאָנאַלער ווידערופלעבונג״ איז מעסוגל צו פאַרבײַטן מיט זיך די אידיי פון קאַמף פאַר סאָציִאַלן פּראָגרעס. דעם אַכאַד־האָאָמיזם דאַרף מען באַווײַזן אַלס אַזאַ, ווי ער איז אין דערווירקלעכקײַט, און ס׳איז פּאָשעט שעדלעך, אָפּשטויסנדיק זיך פון פאַרקריפּלטע איבערזעצונגען פון אַכאַדהאָאָמישע אָדער אַנדערע טעקסטן, צו ריידן וועגן דעם, אַז קלוימערשט אין דער ייִדישער סוויווע זײַנען פאַראַן טענדענצן צו „פאַרכאַפּן די וועלט״. די סאָוועטישע פּובליציסטיק האָט זיך קיינמאָל מיט אַזעלכע צווייפלהאַפטע „פעסטשטעלונגען״ ניט פאַרנומען, און אויב מע האָט וועגן דעם ווען־עס־איז באַ אונדז געשריבן, איז עס געווען מיטן ציל אויסצולאַכן די אויסטײַטשער.

א היפּשן אינטערעס שטעלט פאָר אַכאַד־האָאָמס קריטישער קוק אָפּן לעבן אין ערעץ־ייִסראָעל. נאָך זײַן ערשטן באַזוך אינעם ייִשעוו האָט ער אַף דער שיף, פאָרנדיק צוריק קיין אָדעס, געשריבן: „צוערשט האָט דער וועג מײַנער געפירט, פאַרשטייט זיך, צום „קויסל״. דאָרט האָב איך געפונען אַ סאַך אונדזערע ברידער, אײַנוווינער פון יערושאָלאַיִם, ווי זיי שטייען און דאַווענען אַף קוילע־קוילעס. זייערע מאָגערע פּנעמער, זייערע ווילדע טנועס און מעשונעדיקע מאַלבושים — אַלץ פּאַסט זיך צו צום שרעקלעכן אויסזען פונעם „קויסל״. כ׳שטיי און קוק אַף זיי, און איין מאַכשאָווע פּילט אָן אַלע ווינקלען אין מײַן האַרץ: אָט די שטיינער זײַנען איידעס פונעם כורבן פון אונדזער לאַנד, אָט די מענטשן — איידעס פונעם כורבן פון אונדזער פאָלק. וועלכער פון אָט די ביידע כורבוינעס איז גרעסער? וועלכן דאַרף מען מער באַווײנען?..״

איינער פון די ציִעניסטישע גדוילים פון דער נײַער צײַט—ייִצכאָק גרינבוים—שרײַבט אין זײַן בוך „פון מײַן דאָר״ (פאַרלאַג „מקור״, טעל־אַוויוו, 1959, ז. 44): „אַכאַד־האָאָם האָט זייער האַרב קריטיקירט די טעטיקײַטן פאַרן אויפבוי פון ערעץ־ייִסראָעל. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז גרויסער קאַפּיטאַל, וואָס ווערט אינוועסטירט אין ייִשעוו, קאָן אים אויך שעדיקן, קאָן ווערן אַ מאָקער פון דעמאָראַליזאַציע און דעגענעראַציע (די דאָזיקע אַרויסזאָגונג וואָלט מען געקאָנט אָנווענדן צו די הײַנטיקע „מיליאָנערן־קאָנפערענצן״, „ייִסראָעל־באָנדס״ און צו אַנדערע מאָסמיטלען, וועלכע זײַנען געריכטעט אַף אַרײַנפירן פרעמדן קאַפּיטאַל אין דער מעדינע, קעדיי אונטערהאַלטן קינסטלעך אירע צעבלאָזענע מיליטערישע און אַנדערע באַדערפענישן. — א. וו.); אַז אַ ייִשעוו, וואָס איז געבויט אַף ביליקער און פרעמדער אַרבעט, איז גלײַך צו אַ ייִשעוו אַף אַ ווולקאַן און איז אויסגעשטעלט אַף כורבן און אונטערגאַנג פון דעגענעראַציע אָדער פון אַן אויפשטאַנד מיצאַד דער אײַנגעבוירענער באַפעלקערונג״.

ווען דער אווטאָר פונעם פילאָסאָפישן קאפיטל אין דער בראָשור „ציִעניזם: טעאָריע און פּראַקטיק” גייט איבער צו באהאנדלען די אָנשויִונגען פונעם פילאָסאָף־אידעאַליסט מארטין בובער (1878 — 1965), רופט ער ווידער ארויס שטוינונג מיט אזא, לעמאָשל, באַהויפּטונג: „די שטרעבונג צו איינהייַט (צווישן גאָט און אַלוועלט. — א. וו.), לויט בובערס מיינונג, האָט געמאכט דעם ייִדן פאר א „שעפער”. דער ייִד דער „שעפער”, דערצו נאָך, ווען דאָס איז געזאלבט פון גאָט אליין, איז א פאסיקע פיגור פאר די ציִעניסטישע „טעאָרעטיקער”. מיט דעם איז דאָך אין דער פּראַקטיק פון די ציִעניסטישע לידערס בארעכטיקט פון פריִער דער עקסטרעמיזם, ראסיזם אדג., ווייַל די פאראנטוואָרטלעכקייַט פאר דעם, וואָס ווערט געטאָן, טראָגט גאָט, און דאָס, וואָס קומט פון גאָט, איז „צום גוטן”. בובערס לאָגיק פונעם „פילאָסאָפישן דיִאַלאָג” (פונעם דיִאַלאָג צווישן מענטש און גאָט. — א. וו.) פירט צו דער בארעכטיקונג פון די פּאָליטישע און מיליטערישע אקציעס פון די ציִעניסטן אפן נאָענטן מיזרעך” (ז. 22).

איך ציטיר די דאָזיקע שורעס, ווייַל זיי באווייַזן דעם וויסנשאפטלעכן ניוואָ פונעם קאפיטל וועגן דער פילאָסאָפיע פונעם ציִעניזם און פון פיל אנדערע ערטער אין דער בראָשור: אַן אָנשטעל פון סטיל־סאָלידקייַט, שלאָגערישע פאָרמולירונגען, געגנדזנפּיסלעך דאָרט, ווו מע דארף, און דאָרט, ווו מע דארף ניט, און — א מאנגל אין געזונטן פארשטאנד. נאָכפאָלגנדיק דעם אווטאָר פונעם פילאָסאָפישן קאפיטל, קאָן מען אויך באהויפּטן, אז דער מוסולמענער דער „שעפער”, דער קריסט דער „שעפער” זייַנען „פאסיקע פיגורן פאר רעאקציִאָנערע טעאָרעטיקער”. דעם אווטאָר דארף, דערצו נאָך, זייַן באוווּסט, אז, ערשטנס, מיטן נאָמען ייִד ווערט באצייכנט א פאָרשטייער פון א באשטימטער נאציִאָנאליטעט און ניט פון א רעליגיִעזן גלויבן. א ייִד א מאטעריִאליסט, א סאָוועטישער ייִד איז שוין זיכער ניט קיין „פאסיקע פיגור” פון אָט דעם סאָרט. צווייטנס, האָט מינאַסטאַם אליין מארטין בובער ניט געטראַכט, אז אויב מאסקים זייַן מיט זייַן טעזיס וועגן דעם אַזויגערופענעם אינערלעכן דיִאַלאָג מיטן „אייביקן דו”, דאָס הייסט מיט גאָט, קאָן מען קומען „צו דער בארעכטיקונג פון די פּאָליטישע און מיליטערישע אקציעס פון די ציִעניסטן אפן נאָענטן מיזרעך”.

אפן לעצטן זייַטל פונעם קאפיטל וועגן דער פילאָסאָפיע פונעם ציִעניזם ווערט אָנגערופן איינע א ווייניק־באוווּסטע אין דער איצטיקער צייַט טעאָריע — דער „טעמפּאָראליזם” פון מ. שאַך־אַנינען — צווישן די טעאָריעס פון ציִעניסטישע אווטאָרן, וועלכע „שטעלן מיט זיך פאָר אין לעצטן סאכאקל א פּרוּוו צו באגרינדן די יודאַיִסטישע דאָגמע וועגן דער „גאָטסגעזאלבטקייַט” פון די ייִדן, צו „בארעכטיקן” אין גאָטס נאָמען די אימפּעריִאליסטישע פּראַקטיק פון דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע”.

איך מיין, אז דעם רעדאקטאָר פון דער בראָשור, וועלכער האָט ניט דורכגעקאָנטראָלירט די באגרינדעטקייַט פון אזא שווערן אָנפאל אף דעם כאָשעוון, קימאט שוין נייַנציקיאָריקן סאָוועטישן פּובליציסט פּראָפ. מ. שאַך־אַנין, וועט ניט שאטן צו וויסן אָט וואָס:

1. וועגן מ. שאַך־אַנינס בוך „צו דער נאציִאָנאַלער פראגע” האָט זיך גינסטיק אָפּגערופן וו. אי. לענין[1].

2. וואָס איז שייַעך דער טעאָריע פון טעמפּאָראַליזם, האָט אליין פּראָפ. מ. שאַך־אַנין אין זייַנע אווטאָביִאָגראפישע נאָטיצן זי כאראקטעריזירט אזוי: „איינשטיינס רעלאטיוויטעט־טעאָריע איז מיר געוואָרן נאָענט, אזוי נאָענט, אז איך האָב אין איר גייַסט אָנגעשריבן שפּעטער צוויי ארבעטן: אין יאָר 1919 — אף רוסיש «Темпорализм» („טעמפּאָראַליזם”), אַן אָפּהאנדלונג וועגן דער אייגנארטיקער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער קולטור, און אין 1921 — „פון רוים צו צייַט”, וועגן דער אנטוויקלונגטענדענץ פון דער אַלוועלטלעכער קולטור. און אזוי ווי די דאָזיקע ביכער זייַנען שוין איצט ביכלאל מער ניט בענימצע, און אויך צוליב דעם, קעדיי צו געבן א בעערעכדיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם כאראקטער פון יענע ארבעטן, וועל איך איצט זיך דערלויבן ברענגען א קליינעם פראגמענט פון מייַן „טעמפּאָראליזם”: „...געטער־דעמערונג: קיין זאך וועט ניט אָפּשטעלן דעם שעפערישן אונטערגאנג פון דער אלטער וועלט. די אכרייַעס איז באזיניקט. מיר געדענקען אלץ — פון ערשטן טאָג פון באשאף און וועלן ניט פארגעסן אין דעם טאָג פון נייַעם באשאף. ווען דאָס טויטע וועט געבראכט ווערן צו קווּרע, וועט אלץ אויפלעבן. אלץ — אין ליכט פון דער צוקינפטיקער באנייַונג”[2].

צו דעם געזאָגטן קאָן מען צוגעבן עפּעס־וואָס וועגן דעם פערזענלעכן גורל פונעם כאַוועֶר מ. שאַך־אַנין. זייַן מאַצעוו אלס רעוואָליוציִאָנערער פּובליציסט און געזעלשאפטלעכער טוער אין די באדינגונגען פונעם פאשיסטישן לעטלאנד איז, נאטירלעך, געווען זייער א שווערער, און נאָך איינעם אן ארעסט, בייס וועלכן ער איז געהאלטן געוואָרן אין קארצער, האָט ער אין 1928 פארלוירן די ריִע. אין 1937, שוין א בלינדער אף ביידע אויגן, איז ער ארויסגעפאָרן קיין פאריזש, קעדיי אָנטיילצונעמען אין אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, וועלכער איז צוזאמענגערופן געוואָרן מיטן ציל צו פארטיידיקן פונעם פאשיזם די ייִדישע קולטור. ניט געקוקט אף דעם, וואָס דער וועג איז געלעגן דורכן היטלער־דייַטשלאנד, האָט מ. שאַך־אַנין אויסגעפילט זייַן פּראָגרעסיווע פליכט און מיט דעם פארדינט גרויס לויב בא די פאָלקסמאסן. אין לעטלאנד שעצט מען הויך זייַן באדייַטנדיקע ראָל באם אנטוויקלען אף נייַע סאָוועטישע יעסוידעס די קולטור און קונסט אין לעטלאנד נאָכן ארייַנגיין פון דער רעפּובליק אין באשטאנד פון דעם ראטנפארבאנד. הייַנט־צו־טאָג זעצט פאָר פּראָפ. מ. שאַך־אַנין זייַן טעטיקייַט אלס מיטגליד פונעם שרייַבערפארבאנד פון פסר, באווייַזנדיק א מוסטער פון פּרינציפּיעלער אָפּשאצונג פונעם ציִעניזם און פון קאָנסעקווענטן קאמף קעגן אים.

איך האלט פאר ניט דערלאָזבאר די פּאָליטישע טאקטלאָזיקייַט בענעגייע דעם כאַוועֶר שאַך־אַנין.

אין דער בראָשור זייַנען פאראן ערטער, וועלכע קאָנען באטראכט ווערן אלס טאקטלאָזע אין באצוג

---

[1] «Ленинский сборник», т. XXX, стр. 40—41. Партиздат, 1937.

[2] „סאָוועטיש היימלאנד”, 1971, נומ. 4, ז. 171.

צום ייִדישן פאָלק. אין צענטן קאַפּיטל („דער אמעריקאנער אימפּעריִאַליזם און די ציִעניסטישע צענטרען אין פּשא") ווערט געזאָגט, אַז „אין אַ ריי קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט זיך אײַנגעגעבן דער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע צו פאַרכאַפּן מיט איר ווירקונג די ייִדישע געמיינדעס". פאַנאַנדערקוקנדיק די דאָזיקע פראַגע אַפן בײַשפּיל פון פּשא, ציטירט דער אווטאָר צווייפלהאַפטע פונעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט קוואַלן. ער כאַזערט איבער, לעמאָשל, די באַהויפּטונגען פונעם אמעריקאנער בורזשואַזן היסטאָריקער דזש. יאַפּפּע, וועגן דעם, אַז „אין 1880 זײַנען אין פּשא געווען 250 טויזנט ייִדן פון דײַטשישן אָפּשטאַם (געמיינט ייִדן, אָפּשטאַמיקע פון דײַטשלאַנד. — א. וו.), און... די גרעסטע מערהײַט פון זיי האָט געפונען פאַר זיך וואַרעמע ערטעלעך (теплые местечки) אַף דעם אמעריקאנער באָדן" (ז. 197). אין אַן אַנדער אָרט ווערט ציטירט נאָך אַן אמעריקאנער אווטאָר — מ. ראָזענבערג, — וועלכער שרײַבט וועגן דער ייִדישער יוגנט אָט וואָס: „דער יונגער אמעריקאנער ייִד שטרעבט לײַדנשאַפטלעך צו אַסימיליאַציע. גופע די אידיי, אַז ער זאָל געהערן צו דער ייִדישער נאַציע, ברענגט אים אַרײַן אין פאַרלעגנהײַט. אויב איר וועט אים זאָגן, אַז ער איז ניט ענלעך אַף קיין ייִדן, וועט ער עס אויפנעמען ווי אַ קאָמפּלימענט" (ז. 208).

ווי מיר זעען, ווערט אין דער בראָשור איגנאָרירט דער קלאַל פון דער סאָוועטישער פּובליציסטיק, — ניט נוצן זיך מיט באַליביקע קוואַלן. אין רעזולטאַט ווערן באַליידיקט די נאַציִאָנאַלע געפילן פונעם לייענער דעם ייִדן.

אַ וועזנטלעכער בלויז פונעם קאַפּיטל „דער אמעריקאנער אימפּעריִאַליזם און די ציִעניסטישע צענטרען אין פּשא" איז דאָס, וואָס עס זײַנען ניט באַוויזן די געזונטע קויכעס אין דער אמעריקאנער ייִדישער סוויווע. דער אווטאָר מאַכט זיך ניט ווי־סנדיק, אַז אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, פּונקט ווי אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, עקזיסטירן דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, קולטור־אינסטיטוציעס, צײַטונגען, זשורנאַלן. פונדאַנען נעמט זיך, וואָס עס זײַנען אין דער בראָשור צעבלאָזן און איבערגעטריבן די קויכעס און די מעגלעכקײַטן, ווי אויך די רעאַלע ווירקונג פונעם ציִעניזם אין פּשא.

אין אַכטן קאַפּיטל („די ראַסיסטישע קאָנצעפּציע פונעם הײַנטצײַטיקן ציִעניזם") ווײַזט דער אווטאָר ריכטיק אָן אַף דער שעדלעכקײַט פון די רייד וועגן אַן „אַלוועלטלעכער" „איינהײַטלעכער" ייִדישער נאַציע. אָנשטאָט אָבער צו באַהאַנדלען די דאָזיקע פראַגע אַליין, גיט ער איבער דאָס וואָרט בורזשואַזע אווטאָרן, וועלכע שטייען אַף אַנטימאַרקסיסטישע, פּסעוודאָ־וויסנשאַפטלעכע פּאָזיציעס. „דער אַנטראָפּאָלאָג, פּראָפעסאָר פונעם מעקסיקאנער נאַציִאָנאַלן אוניווערסיטעט כואַן קאָמאַס, — ווערט געזאָגט אין דעם אַכטן קאַפּיטל, — קלאַסיפיצירט די הײַנטצײַטיקע ייִדן (די הײַנטצײַטיקע ייִדן! — א. וו.) לויט פאָלגנדיקע גרופּעס: 1) אָפּשטאַמיקע פון ייִדישע אימיגראַנטן אין פּאַלעסטינע (זייער אַ ניט גרויסע צאָל); 2) אָפּשטאַמיקע פון אַ פאַראייניקונג צווישן ייִדן מיט אַזיִאַטן, אָדער צווישן ייִדן מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן און 3) ייִדן לויטן רעליגיִעזן סימען, וועלכע האָבן ניט קיין שום אַנטראָפּאָלאָגישע פאַרבינדונג מיט די ייִדן פון פּאַלעסטינע"... אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער סכעמע, וועט קיינער, אַפילע דער אווטאָר פונעם אַכטן קאַפּיטל אין דער בראָשור „ציִעניזם: טעאָריע און פּראַקטיק", ניט אימשטאַנד זײַן צו ענטפערן אַף אַזאַ פּאָשעטער פראַגע: נו, און צו וועלכער „גרופּע" געהערן, לעמאָשל, די סאָוועטישע ייִדן? ס׳איז דאָך אין ערגעץ ניטאָ קיין אָנווײַזונג אַף דעם, אַז זיי זײַנען אָפּשטאַמיקע פון די פּאַלעסטינער אימיגראַנטן. זייערע אורעלטערן האָבן ניט געבראַכט אַף דער וועלט קיין דוירעס, פאַראייניקטע מיט אַזיִאַטישע פעלקער, און זיי זײַנען אויך ניט קיין ייִדן לויטן רעליגיִעזן סימען. ס׳איז, איינצײַטיק, אַ גרויסער סאָפעק, צי עס האָט געהאַט אַ זין צו איבערכאַזערן אין אַ סאָוועטישער אויסגאַבע די גאַנץ צווייפלהאַפטע אַרויסזאָגונגען פון צוויי אַנדערע בורזשואַזע אווטאָרן — אוויליאַם ריפּריס וועגן דעם, אַז „די עטנאָגראַפישע באַדײַטונג פונעם וואָרט „ייִדן" פאַר די רוסישע אָדער דונײַער ייִדן איז, יעדנפאַלס, פון לאַנג שוין פאַרשוווּנדן", און ג. ל. שאַפּיראָס (דעם פאַרוואַלטער פונעם אָפּטייל פון אַנטראָפּאָלאָגיע פונעם אמעריקאנער מוזיי) וועגן דעם, אַז „די ייִדן זײַנען ניט קיין ראַסע, ניט קיין קלאַן, קיין שייוועט, אָדער קיין, אין שטרענגן זין פונעם וואָרט, נאַציע".

אין דער זאַמלונג „ציִעניזם: טעאָריע און פּראַקטיק" טרעפן מיר אַרטיקלען פון אַ פאַרשיידנאַרטיקן טעמאַטישן דיִאַפּאַזאָן, נאָר עס האָבן אין איר ניט געפונען קיין אָפּשפּיגלונג פּונקט יענע פראַגן, וועלכע דרינגען אַרויס פון דעם הײַנטצײַטיקן עטאַפּ אינעם קאַמף קעגן ציִעניזם. אַף דער זײַט 97 ווערט דערמאָנט, אַז אין יאַנוואַר 1972 איז פאָרגעקומען דער 28־טער ציִעניסטישער וועלט־קאָנגרעס. בוכשטעבלעך דרײַ שורעס זײַנען אויסגעטיילט דעם קאָנגרעס: ער האָט „אומפאַרשעמט פּראָקלאַמירט די ליניע פון אַנטיקאָמוניזם, עקספּאַנסיע. אַזאַ איז די געזעצמעסיקע עוואָליוציע פונעם ציִעניזם — דעם געפערלעכן שוואַרצמייעניקן, פאַשיזירטן קויעך". אָנשטאָט די דאָזיקע שטאַמפּאָווע ווערטער, ערטערווײַז אויסגערעכנטע אַף צו מאַכן געדיכטער די פאַרבן, איידער זיי זײַנען אין דער ווירקלעכקײַט, איז נייטיק געווען גענוי צו דערציילן וועגן דעם קריזיס, וועלכן די ציִעניסטישע באַוועגונג לעבט איצט איבער און וואָס ער האָט צו זיך ניט קיין גלײַכן אין איר גאַנצער געשיכטע; וועגן די דיסקוסיעס אין ציִעניזם גופע אַף דער טעמע „צי איז אין דער הײַנטיקער צײַט פאַראַן אַ נויטווענדיקײַט אין ציִעניזם"; וועגן די רײַסערײַען צווישן פאַרשיידענע ריכטונגען אינעם ציִעניזם; וועגן דעם בונט פון די יונגע אַפן 28־טן קאָנגרעס; וועגן די ווידערשפּרוכן צווישן דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס; וועגן די אויסעראָרדנטלעכע מאָסמיטלען, וועלכע דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַף צו פאַרהיטן די קריגספייִקײַט פון דער ציִעניסטישער באַוועגונג (די ענדערונגען פון דער סטרוקטור און פון די אָרגאַניזאַציִאָנעלע אַרבעטספאָרמען, דאָס אַרויסרוקן דעם לאָזונג „מיטן פּאָנעם צו דער דיִאַספּאָרע", די ווײַטערדיקע אָריִענטאַציע אַפן קאַלטן קריג, די קאָנצענטראַציע אַרום דער אידיי פון אַ „גרויס יִסראָעל", דאָס אַרויסרוקן אין

צענטער פון דער אנטיסאָוועטישער פּאָליטיק דעם לאָזונג „שלאָך עט אמי״ אאוו.).

אָן א געניעם אנאליז פונעם 28־טן ציִעניסטישן וועלט־קאָנגרעס קאָן זיך ניט באַגיין קיין איין הײַנטצײַטיקע ארבעט וועגן ציִעניזם. שקאָליארסקע קאָנספעקטן פון דעם, וואָס עס האָבן אמאָל געשריבן הערצל, אכאד־האָאָם, זשאבאָטינסקי, זײַנען מעסוגל בלויז צו פארהילן די פּראָבלעם אין א נעפּל פון „היכער געלערנטקײַט״, אין דער צײַט, ווען דער לייענער וועט, נאָך אלעם, זיך ניט דערוויסן, וואָס מיטן ציִעניזם קומט פאָר אין דער איצטיקער צײַט.

און ס׳איז אויך אויסער יעדן סאָפעק אָט וואָס. ווען איין אן אנטיציִעניסטישער בראָשור גייט א רייד וועגן דער היסטאָרישער דערפארונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד אין לייזן די לענינישע נאציאָנאלע פּאָליטיק (זע דאָס 2־טע קאפּיטל אין „ציִעניזם: טעאָריע און פּראקטיק״), קאָן מען נישט ניט זאָגן גאָרניט וועגן דעם, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיצאד דער סאָוועטנמאכט אף צו פּראָדוקטיוויזירן (אין די צוואנציקער — דרײַסיקער יאָרן) די ייִדישע באפעלקערונג פונעם געוועזענעם טכום; ניט זאָגן קיין איין וואָרט וועגן דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט; וועגן דעם, אז די סאָוועטישע ארמיי האָט געראטעוועט דאָס ייִדישע פאָלק פון פארניכטונג מיצאד דעם היטלערישן פאשיזם; וועגן דעם סאָוועטישן פאטריאָטיזם פון די ייִדן אין אונדזער לאנד, וועגן זייער אָנטייל אין פארטיידיקן דאָס סאָציאליסטישע פאָטערלאנד. ווען, אלס ענטפער אף די פּילצאָליקע ציִעניסטישע פאבריקאציעס ארום דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן, ווערט געבראכט אזא „אוניווערסאלער ארגומענט״, ווי — „פּערזאָנען פון דער ייִדישער נאציאָנאליטעט פארנעמען אין פסזר דאָס ערשטע אָרט אין פארגלײַך מיט פּערזאָנען פון אנדערע נאציאָנאליטעטן לויט דער צאָל מענטשן, אף יעדע טויזנט, וואָס האָבן הויכבילדונג״ (ז. 224), — איז עס דער בעסטער סימען, אז דער, וואָס זאָגט עס, ווייסט דאָס לעבן פון די ייִדישע מאסן אין אונדזער לאנד אויבערפלעכלעך, לויט א באלערעוודיקער אָן־און־פאר־זיך סטאטיסטישער ציפער, וועלכע קאָן אָבער ניט געבן קיין ענטפער אף דער קאָמפּליצירטער פּראָבלעם. די קאָלערלײַ ספּעקוליאציעס פון די ציִעניסטן, זייערע פאלשע ספּעקטאקלען אף דער טעמע „סאָוועטישער אנטיסעמיטיזם״, וואָלט נייטיק געווען אין אזא בראָשור, ווי „ציִעניזם: טעאָריע און פּראקטיק״, צו דעמאסקירן אין א ספּעציִעלן קאפּיטל, און ריידן וועגן דעם דארף מען אָפן, דרייסט, אָנגרײַפעריש, מיט פאקטן און ציפערן. אונדזער פּובליציסטיק האָט ניט וואָס צו שעמען זיך. בלויז איין פאָדערונג צום פּובליציסט איז גאנץ געזעצמעסיק: ער אליין דארף אויסקלאָרן פאר זיך אייניקע פראגן, וועלכע זײַנען נאָך אלץ א הארט ניסל פאר עמעצן. אף דער זײַט 167 פון דער זאמלונג „ציִעניזם: טעאָריע און פּראקטיק״ לייענען מיר: „צווישן די סאָוועטישע בירגער פון דער ייִדישער נאציאָנאליטעט זײַנען פארשפּרייט געמישטע כאסענעס, זיי נוצן זיך מיט דער רוסישער, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, ליטווישער און אנדערע שפּראכן, ווי מיט מוטערשפּראכן״. וועגן דער ייִדישער שפּראך — קיין וואָרט ניט. מיר דוכט, אז דעם אווטאָר פון אָט די שורעס וואָלט ניט געשאט צו דערמאָנען זיך אין די יעסוידעס פון דער לענינישער נאציאָנאלער פּאָליטיק, איידער ער נעמט זיך שרײַבן וועגן איינער פון די סאָוועטישע נאציאָנאלע מינדערהײַטן.

די טעמע פון דער בראָשור „ציִעניזם: טעאָריע און פּראקטיק״ איז ווײַט־ווײַט ניט קיין אקאדעמישע. דער קאמף קעגן ציִעניזם ווערט הײַנט געפירט טאקע אף אָט די צוויי שלאכטפעלדער — אין דער טעאָריע און אף דער פּראקטיק, און דאָס לייגט ארויף א באזונדערע אכרײַעס אף די אווטאָרן פון דער דאָזיקער בראָשור.

ארון ראַסקין

באַ די קוואַלן פֿון לעבן

אין די דערשינענע פאַר דער לעצטער צײַט זאַמלונגען פון שמועל גאָרדאָנס פּראָזאַישע ווערק[1] זײַנען אײַנגעשלאָסן זײַנע שאַפֿונגען פאַר די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. דער שרײַבער דערשײַנט דאָ פאַר אונדז, ווי מיר קענען אים פון פריִער, מיט דעם אים אייגנטימלעכן גרויסן אינטערעס צו די אַקטועלסטע פּראָבלעמען פון אונדזער לעבן.

זײַן באַליבטער פּערסאָנאַזש איז דאָסראָוו, ווי פריִער, דער טוישעוו פונעם שטעטל און פון ייִדישן דאָרף; דער פּלאַצדארם — מערסטנטייל דאָס שטעטל, אָבער שוין ניט יענץ, וואָס האָט זיך אַזוי דאָרשטיק אַ ציִ געטאָן צו די ברייטע ראַכוועסן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, נאָר דעריקער דאָס הײַנטיקע שטעטל, איבער וועלכן ס׳האָט זיך דורכגעטראָגן דער גרויסער מילכאָמעשטורעם, דאָס שטעטל נאָך דער קאַטאַסטראָפֿע.

די ליבע פון אונדזערע שרײַבער און דיכטער צום שטעטל איז אַ נאַטירלעכע. אין מעשעך פון עטלעכע יאָרהונדערטער איז עס געווען דער לעבנסצענטער פון מיליאָנען ייִדן. מיט דעם שטעטל איז פאַרבונדן אַ שטיק ייִדישער שטייגער, דאָ זײַנען אויסגעכאָוועט געוואָרן אונדזערע קולטור־רײַכטימער.

ניט אומזיסט דערציילט אונדז שמועל גאָרדאָן, אַז ער איז אַ פאַרליבטער געשטאַנען לעבן דער רעשימע פון די אווטאָבוסן, אויף וועלכע ס׳זײַנען פאַרצייכנט די שטעטלעך, וווהין זיי האַלטן אָפּ זייערע רייסן, און ניט געוווּסט וווהין פריִער צו פאָרן. עס רופט צו זיך דער זיידע מענדעלע קיין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, נאָר ס׳פאַרלויפֿט אים דעם וועג אווראָם גאָלדפאַדען און בעט באַזוכן אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו; טײַנען אָבער נאַכמען בראַצלעווער און הערשל אָסטראָפּאָליער, אַז צו זייערע שטעטלעך איז אַ סאַך נעענטער; און דאָ קומען אַרויס דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, דאָוויד האָפשטיין און לאַדן אײַן קיין אָכרימאָווע, בערדיטשעוו, קאָראָסטישעוו; ס׳באַווײַזט זיך פּערעץ מאַרקיש און רופט קיין פּאָלאָנע; עס שלאָגט אים איבער איציק פעפער, פאַרבעט צו זיך קיין שפּאָלע...

האָט זיך טאַקע דער שרײַבער אַוועקגעלאָזט אין אַ ווײַטער נעסיִע און האָט דערזען דאָס שטעטל נאָך דעם קאַטאַקליזם, זײַנע אײַנוווינער, וואָס זײַנען באַם לעבן געבליבן און זיך צוריקגעקערט אַהיים. אין דער גאַנצער האַרבקײַט איז פאַרן שרײַבער אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן קינפטיקן גורל פונעם שטעטל, פון די לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן אויף זייערע אַלטע ווױן־ערטער דאָסראָוו געטראָפן בלויז כורוועס און ברודער־קוואָרים. וועגן דעם אַלעמען האָט ער אונדז דערציילט מיט גרויסער אינטימער וואַרעמקײַט אין אַ גאַנצער ריי זײַנע דערציילונגען און אין דער פּרעכטיקער סעריע „רײַזע־בילדער".

אָט זעען מיר אַ בילד, ווי צוויי בעהיימעס, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס, שלעפּן אַ וואָגן מיט אַן אויפגעהויבענער בויד, און אַ הויכער ייִד אין ברילן טרײַבט זיי אונטער, זיי זאָלן זיך באַוועגן שנעלער (די נאָוועלע „אַהיים"), און ס׳טוט אונדז אַ קלעם באַם האַרצן, עס טוט אויף אונדז אַ ווייע מיט דער טרויעריקער וואָר פון די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן. דאָס קערט זיך אום אַהיים די מישפּאָכע פון אַ ייִדישן פּויער פון קרים, וועלכע ס׳האָבן בײַס דער דײַטשישער אָקופּאַציע אויסבאַהאַלטן באַ זיך קאַזאַקן פון איינער אַ קובאַנער סטאַניצע. די מישפּאָכע וואָלט געקאָנט דאָרט פאַרבלײַבן, און ס׳וואָלט זיך איר געלעבט גאָר ניט שלעכט, אָבער ס׳ציט אַהיים, צום פריִערדיקן ווױן־אָרט. מאַכט מען דורך אַ מעהאַלעך פון העכער פינף הונדערט וויאָרסט „אויף אַן אייגענער פּאָר בעהיימעס", ווײַל דער פּויער שימען האָט זײַן רעזאָן: „כ׳ווייס אַפריִער, אַז כוץ ליידיקע ווענט, וועל איך דאָרט גאָרניט טרעפֿן. נאָר אַז אין שטאַל שטייט אַן אייגענע סקאָטינקע, וועט שוין ניט פעלן קיין מאַלבעש, קיין מעבל, און מע וועט נאָך קענען אונטערהאַלטן עמעצן מיט אַ ביסל מילך אויך". דעריקער: „מע האָט אַ היים..."

אין אַ העכסט קאָנדענסירטער קינסטלערישער פאָרם האָט דער שרײַבער די גאַנצע קאָמפּליצירטקײַט פון דער פּראָבלעם פון „צוריקקער אַהיים" איבערגעגעבן אין דער דערציילונג „אין ווײַנגאָרטן", איינער פון זײַנע בעסטע דערציילונגען.

נאָך דעם אומגליק איז פאַר טויזנטער לעבן־געבליבענע, וועלכע די מילכאָמע האָט צעשיידט מיט זייערע ווױן־ערטער, געשטאַנען די דראַמאַטישע פראַגע: „צי בלײַבט מען הי, צי פאָרט מען צוריק". פאַר פיל פון זיי איז דאָס פאָרן צוריק געווען באַזונדערס שווער און ווייטעקדיק, ווײַל ס׳האָט געהייסן „פאָרן אויף קייווער־אָוועס", זיך באַזעצן אויף דער ערד, וווּ יעדער שטיין, יעדעס ווינקעלע דערמאָנט אין די אומגעקומענע, סאַמע נאָענטע און טײַערסטע.

אַזוי איז געשען מיט דעם ווײַנגאָרטן. פריִער איז ער געווען באַ די אײַנוווינער פונעם ייִדישן דאָרף „נײַ לעבן" דער סימבאָל פון גליקלעכער מי און פרייד, איצט איז ער געוואָרן אַ סימבאָל פון טויט און פאַרניכטונג, ווײַל אויף דעם אָרט זײַנען אומגעבראַכט געוואָרן די טאַטעס און מאַמעס, די ברידער און שוועסטער, די זין און אייניקלעך. פונעם בליִענ־

[1] שמועל גאָרדאָן. פרילינג. מאָסקווע, 1970;
Самуил Гордон. Домой. Москва, 1973.

דיקן ווײַנגאַרטן איז געוואָרן אַן אײמעדיקער ברוּ־דער־קײווער.

מיט גרויסער מײַסטערשאַפט שילדערט ש. גאָר־דאָן די איבערלעבונגען פונעם הויפט־העלד פון דער דערציילונג מײלעך גאָלענדער. נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון דער ארמיי באַזעצט ער זיך „אין אײנער א ווײַטער שטאָט", ער קערט זיך ניט אום אהיים, ווײַל ער, ווּעמענס מישפּאָכע איז אומגעקומען אין ווײַנגאַרטן, „וועט קײנמאָל ניט קענען ווײנען אין שכײנעס מיט קוואָרים"... ער לאָזט זיך פאָרן אהיים בלויז צוליב דעם, קעדײ פּאַרקויפן די שטוב, וועלכע איז אים געבליבן בעירעשע.

און דאָך נעמט דאָס לעבן זײַנס. דער אָפּטימיזם פון די אויסגעהונגערטע נאָכן סטעפּ צוריקגעקערטע קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן דאָ נאָך די שווערע מילכאָמע־יאָרן, מיט ווײניקע הענט און מיט געבראָ־כענע הערצער, אופגערודערט דעם נאַקעטן סטעפּ און געצווּונגען אים געבן א רײַכע גערעטעניש, זײ־ער מוטיקער גלויבן אין דער צוקונפט, זײער אקשאָ־נעסדיקער אפּצולאָכעס דעם טויט און דער אײַנגעג־שפּארטער דראַנג צום לעבן — דאָס אַלץ העלפט מײלעכן זיך דערגראָבן צו יענעם גרויסן עמעס, וועלכן עס זאָגט אזוי איבערצײַגעוודיק ארויס דער עלטערער און פיל מער פון אים דערפאַרענער בענ־ציע:

„—אויב מיר קאָנען נאָך אזעלכע ניסיוינעס שטײן דאָרטן (אין ווײַנגאַרטן. — א. ר.) און ארבעטן, זעען מיר ערשט, ווי שטאַרק מיר זײַנען. אוועק די צײַט, ווען מיר פלעגן נאָך א פּאַגראָם זיך ארומטראָגן איבער דער וועלט מיט אונדזערע ווונדן, מיט אונדזער יידישן „ייכעס", אז מיר זײַנען די געליטנסטע, די גערוידעפטסטע, די שוואַכסטע. אוועק די צײַט פון ארומגײן איבער דער וועלט אויסבעטלען ראַכמאָנעס. ס'איז געקומען די צײַט פון ווײַזן גוווּרע, און מיר האָבן עס באַוויזן, באַוויזן עס אַף דער מילכאָמע און באַווײַזן עס איצט".

דער שרײַבער באַווײַזט, אז אינעם אקטיוון בויען דאָס נײַע לעבן, אינעם העפטיקן אײַנשליסן זיך אינעם לעבן פונעם גאַנצן לאַנד און אפילע אין דער פײַי־קײַט גויוער צו זײַן זײערע פּערזענלעכע ווײטעקן זעען די לעבן־געבליבענע דאָרפס־טוישווים זײער בירגערלעכן, נאָך מער, זײער נאַציאָנאַלן כויוו, זײער אכרײַעס פאַרן קיִעם פונעם אײגענעם פאָלק.

ש. גאָרדאָנס „רײַזע־בילדער", וועלכע זײַנען אזוי באַליבט געוואָרן באַם לײענער, קויפן אונטער מיט זײער אָריגינעלקײַט. ס'איז אײגנאַרטיקע פּראָזע: אי ליריק, אי עפּאָס. אויך דער זשאַנער איז א נײַער: האַלב פאַרצײכענונג, האַלב נאָוועלע.

די גרויסע ליבע צום שטעטל האָט דעם שרײַבער דיקטירט אונטערצונעמען א נעסיע אין א רײ אוקראַי־נישע שטעטלעך. וואָס ער האָט דאָרט דערזען און וואָס ער האָט דאָרט דערהערט, האָט ער אונדז מיט אַן אינערלעכן הארציקן ציטער דערציילט. האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דאָס שטעטל לעבט, אז ס'זײַנען דאָ אינעם שטעטל ניט נאָר בעסוילעמס און ברודער־קוואָרים, נאָר אויך בליִענדיקע גערטענער, נײַ־אופ־געקומענע הײַזער, זיידעס און באָבעס, וועלכע טאַנצן א שערעלע אַף יונגע כאַסענעס, באָכערים און מײד־לעך, וואָס בויען א נײַ לעבן, קינדער, וואָס זינגען לוסטיקע לידער און פאַרהילכן דעם ארום מיט זײער פרײלעכן געלעכטער. דאָס שטעטל לעבט, האגאם דער ווײטעק האָט זיך אינגאַנצן ניט געשטילט און די מילכאָמע־ווונדן האָבן זיך אינגאַנצן ניט פאַר־היילט.

און אָט זײַנען מיר מיט דעם שרײַבער צוזאַמען אין וועג, פון שטעטל צו שטעטל, פון סטאַנציע צו סטאַנציע. „ווער ס'איז אויסגעוואַקסן אין א שטעטל, דער ווייסט, וויפל דערמאָנונגען און געפילן עס וועקן אוף אין זיקאָרן און אין דער נעשאָמע די וואַסער־מילן, די קוזניעס, די אויסגעשפּאַנטע וועגענער אַפן פלאַץ, די זשאַבעס, וואָס קוואַקען אין טשערעט..."

מעדזשיבאָזש, דעראַזשנע, קאַזאַטין, קריזשאָפּאָל, פּאָגרעבישטשע, וואָראָנקע, קראַסנע — אלע זײַנען זײ ענלעך אײנס צום אנדערן, אומעטום האָט דער גרוי־סער כורבן איבערגעלאָזט זײַנע בלוטיקע שפּורן, נאָר יעדעס שטעטל האָט זײַנע פאַרבן און רײכעס, זײַנע פרײדן און לײדן, זײַנע אויסזיכטן אַף דער צוקונפט.

די שטעטלעך זײַנען אונטערן צײכן פון כורבן און אופבוי גלײַכצײַטיק. פון די רירנדיקע, ליריש־עפּישע שילדערונגען הערן זיך דעריבער ארויס צווי מעלאָ־דיעס. אײנע — א מאַזשאָרנע, פרײדפולע, דאָס איז די מעלאָדיע פון לעבן, פון האָפענונג, פון גלויבן; די צווייטע — א מינאָרנע, א נאָגנדיקע. דאָמינירנד איז די ערשטע מעלאָדיע. דאָס לעבן באַזיגט דעם טויט.

דאָס געזאָגטע קאָן אמבעסטן איליוסטרירט ווערן אַף דעם אנאַליז פון אײנער פון די אמערסטן געלונ־גענע רײַזע־נאָוועלעס, פון „א כאַסענע אין קריזשאָ־פּאָל".

שוין גלײַך פון אָנהײב וואַרפט זיך אין די אויגן, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א שטעטל, וואָס היילט האַסטיק די ווונדן. אין צענטער פון דער נאָוועלע שטײט די שילדערונג פון דער שטעטלדיקער כאַסע־נע.

פּאַראַלעל מיט דער מומע שײנדל, וועלכע האָט געהאַט געגונג גײַסטיקן קויעך גויוער צו זײַן די ווונדן אין האַרצן און פאַרהיטן א שטאַרקן ווילן צום לעבן, קומט דאָס געשטאַלט פון דוואָסיען, וועלכע האָט איבערגעלעבט דעם שוידער פון פּעטשערער לאַגער. דוואָסיע גײט ניט באַגעגענען כאַסן־קאַלע, זי מײַדט אויס די כאַסענע. יעדע פון אָט די בײדע פרויען דערמאָנט אַף איר אויפן דעם שוידערלעכן גרויל פון דער פאַרגאַנגענהײַט. און ס'איז א גרויסע פראַגע, ווי עס באַמערקט מיט רעכט דער קריזשאָ־פּאָליער לערער נאָטאַן דאָווידאָוויטש שאַדראַוווסקי, „ווער עס דערמאָנט מער אין דעם, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין דער וועלט, דוואָסיע מיט איר פאַר־שפּאַרן זיך צווישן פיר ווענט, צי שײנדל מיט איר קערן וועלטן באַם פירן כאַסן־קאַלע פון זאַגס?".

די קוואָרים פאַרגעסט מען טאַקע ניט, דאָס לעבן אָבער טריִומפירט. די לעבעדיקע דאַרפן לעבן. „די קריזשאָפּאָליער כאַסענע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שאַבעס, האָט זיך פאַרצויגן ביז זונטיק־צונאַכטס און זיך פאַרענדיקט מיט מאַזל אַף דער פולער וואָך".

קריזשאָפּאָל איז ניט קײן אויסנאַם. אין דער נאָ־וועלע „קאַזאַטין" וויקלט דער שרײַבער פאַנאַנדער א גאַנצע גאַלעריי לעבעדיקע געשטאַלטן, צווישן זײ יידן — אײַזנבאַן־ארבעטער און פון אנדערע פּראָפע־

סיעס. עס טיילן זיך אויס די קאָלאָריטפולע פיגורן פונעם מאשיניסט פון עלעקטראָוואָז כאסקל און פון זײַן געהילף יאָנטל. דאָס זײַנען מענטשן, וואָס זײַנען פול מיט לעבן, אימפעט, אָפּטימיזם, וואָס האָבן ליב א שארף ווערטל, א געפּעפּערטן וויץ. מיט איין וואָרט, „א פריילעך פאָלק“, ווײַל, ווי עס זאָגט יאָנטל: „איר האָט ווען־ניט־איז באגעגנט א באלעגאָלע א מאָרעשכוירעניק? און א ייִד אן אײַזנבאנער, אויב אירווילט וויסן, שטאמט פון באלעגאָלעס“. ריידן זיי טאקע, די דאָזיקע אײַזנבאנער, וועלכע „שטאמען פון באלעגאָלעס“, א וואָרצלדיקן, זאפטיקן, געשמאקן ייִדיש, און מיר דארפן זאָגן א יאשער־קויעך גאָרדאָנען פאר דעם, וואָס ער האָט אונדז מעכײַע געווען מיטן דאָזיקן באטאמטן ייִדיש, וועלכער האָט זיך, ווײַזט אויס, טאקע גוט פארהיט אינעם הײַנטיקן שטעטל בא די לעבן־געבליבענע נאָכן גרויסן כורבן.

און ניט נאָר אײַזנבאנער טרעפן מיר דאָ, נאָר אויך אזא מין געשטאלט, ווי רעב זישע „אדמיראל־טייסטוואָ“, וואָס שטייט בא דעם ארײַנגאנג אין רעסטאָראן; ווי בערל דער בעקער און סימכע דער פײַקלער, וועלכע שפּילן אין דער קלעזמער־קאפּעלע; ווי די פענסיאָנערן, וואָס זײַנען „פּאָ סאָוומעסטיטעלסטווו“ פאריקמאכערס, שוסטער, שנײַדער, קירזשנער און אפילע „קאָנפעראנסיע אף כאסענעס“; ווי, צום בײַשפּיל, אווראָם פּעקער — אן אייגנארטיק געשטאלט פון א נײַעם טיפּ באדכן, א ווערטלזאָגער, א לוסטיקן גראמענמאכער, וועמענס לידעלעך זײַנען מוסטערן פונעם נײַעם נאָכמילכאָמעדיקן ייִדישן פאָלקלאָר.

ניט אומעטום, פארשטייט זיך, איז אזוי לעבעדיק און פריילעך ווי אין קאזאטין. דער שרײַבער ווייסט גוט, אז פיל פון די שטעטלעך, וועלכע האָבן פריִער געלעבט א פולבלוטיק לעבן, גייען איצט ביסלעכווײַז אראָפּ פון דער סצענע. מיט טיפן טרויער, צום בײַשפּיל, דערציילט ער וועגן וואָראָנקע, שאָלעם־אליייכעמס געבורט־שטעטל. ס'איז אוועק מיטן רויך די וווּנדערבארע ראָמאנטישקײַט, אין וועלכער עס זײַנען אײַנגעטונקען שאָלעם־אליייכעמס דערינערונגען וועגן שטעטל פון זײַן קינדהײַט אין „פונעם יאריד“.

דאָך פארלירט ניט דער שרײַבער, ווי זײַנע העלדן, דעם גלויבן, אז מע דארף ניט „זאָגן קאדעש“ נאָך דעם שטעטל. די מערהײַט פון די שטעטלעך לעבט און וועט לעבן: „אין א סאך שטעטלעך איז פארבליבן א קאָרען, טיפע וואָרצלען, און דאָס קאָן מען מיט דער האנט ניט אוועקמאכן... וועלן זײַן זאוואָדן, מיט פאבריקן, מיט ווארשטאטן — וועט זײַן א יוגנט, און דאָ, ווו ס'איז דאָ א יוגנט, דאָרט איז פאראן א לעבן“.

דעם שרײַבערס אומרו פאר דער צוקונפט פונעם שטעטל לאָזט זיך פילן אויך אין דער דראמע „דעם באלשעמס געסל“[1], פאר וועלכער ס'האָבן גאָרדאָנען געגעבן שטאָף טאקע די רײַזעס איבער די שטעטלעך. די באשרײַבונג פון „באלשעמס געסל“ האָבן מיר געטראָפן אין דער פארצייכענונג „מעדזשיבאָזש“. אין דעם געשטאלט פון כעוועדן דערקענען מיר טאַניע פאסמאניק, וועלכע פירט ארום די געסט איבערן שטעטל און דערציילט זיי געשיכטעס וועגן דעם באלשעם און וועגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער. די באָבע איטע, וואָס גיט אכטונג, אז איר אייניקל דאָווידקע זאָל אף דעם אקאָרדעאָן שפּילן „פּאָ נאָטאם“, איז געקומען אהער פון דער פארצייכענונג „פּאָגרעבישטשע“.

די נאָכווייענישן פון דער מילכאָמע לאָזן זיך שפּירן אף יעדן טריט און שריט. דאָס שטעטל, וואָס איז אמאָל געווען א קראַך, איז איצט פארוואנדלט געוואָרן אין א דאָרף, אין וועלכן ס'לעבן עטלעכע צענדליק פאמיליעס. די יוגנט, ווי נאָר זי ענדיקט די שול, צעפאָרט זי זיך איבער די זאוואָדן און אינסטיטוטן.

דאָס שטעטל אָבער וויל ניט אונטערגיין, עס רײַסט זיך צו ווידערופלעבונג, עס וויל זיך אײַנשליסן אינעם אלגעמיינעם אימפּעטפולן לעבן פונעם גאנצן לאנד. דערפאר טאקע באשליסט דער שנײַדער הילעל אָפּשפּילן די כאסענע פון זײַן זון דאפקע דאָ אין שטעטל, און דאפקע מיט דעם גרעסטן פאראד. די פריילעכע כאסענע דארף זײַן א קוויטל אף לעבן, א מין אדערוף פאר דעם, אז עס איז „נאָך ניט אויס מיט דעם שטעטל“, ווײַל, ווי עס זאָגט דאָ שײַע, „אין בלאט איז פינקטלעך אָנגעוויזן, וויפל זאוואָדן מיט פאבריקן מע וועט אין די נײַע פּיאטילעטקעס אויסבויען אין די שטעטלעך, און אז סע וועלן זײַן זאוואָדן מיט פאבריקן, וועלן בעמיילע זײַן כאסאנים מיט קאלעס, און אז סע וועלן זײַן כאסאנים מיט קאלעס, וועלן שוין בעמיילע זײַן כאסענעס“.

די ברייט פארטראכטע כאסענע איז אָבער צעשטערט געוואָרן, ווײַל די גרויליקע געשעענסטער פון דער ניט ווײַטער פארגאנגענהײַט זײַנען נאָך אינגאנצן ניט פארשווונדן, זיי לויערן נאָך און בארויבן די רו און די פרייד. ארום דעם טאקע צעוויקלען זיך די דראמאטישע געשעענישן אין „דעם באלשעמס געסל“.

אין צוואנציק יאָר ארום נאָכן אָפּקומען די פארדינטע שטראָף קערט זיך אום קיין מעדזשיבאָזש דער פּאָליצײַ אלעקסיי. די שוועסטער פונעם פארעטער נאטאליע האלט, ווי אלע אנדערע, אז „א כײַע האָט ניט קיין היים!“. זי דערלאנגט א מעלדונג, וועלכע ס'האָבן אונטערגעשריבן די אײַנוווינער פון שטעטל און די קאָלווירטניקעס פון די דערבײַיִקע דערפער, און בעט, מע זאָל דעם פארברעכער ניט דערלויבן לעבן אין שטעטל.

באזונדערס דערצאָרנט איז הילעל דער שנײַדער. ער וועט קיינמאָל ניט פארגעסן יענעם הארבסטיקן פארנאכט אף דעם דריטן טאָג נאָכן אומברענגען די ייִדן פונעם שטעטל, ווען צו אים, וועמען די דײַטשן האָבן אלס פאכמאן געלאָזט לעבן, איז געקומען אלעקסיי און אוועקגעפירט זײַן אייניקל צום טויט. הילעל טראָגט ארויס זײַן פסאקדין דעם פארברעכער.

הילעלס געשטאלט באקומט נײַע העראָיִשע שטריכן אין די לעצטע סצענעס פון דער דראמע.

דעם גראָוון זאָקן שטייען פאָר נײַע ניסיוינעס. ער דערוויסט זיך, אז זײַן לענינגראדער מעכוטן מאטעש, דער פאָטער פון זײַן קומענדיקער שנור, איז געווען נאטשאלניק פון דער ייִדישער פּאָליציי אין געטאָ און האָט, הייסט עס, צוגעלייגט זײַן האנט צו דער אויסראָטונג פון די ייִדן. הילעל שטעלט זיך ניט אָפּ פאר צעשטערן די כאסענע פון זײַן זון. דאָס געוויסן פון זײַן פאָלק, וועלכן הילעל פארקער־

[1] „סאָוועטיש היימלאנד“, נומ. 12, 1968.

פערט, פאָדערט פון אים, ער זאָל זײַן אומראכמאָנעסדיק צו מאטעשן, ווי צו אלעקסייען, ווײַל זיי דארפן ביידע טראָגן די פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר די שוידערלעכע פארברעכנס.

פאר שמועל גאָרדאָנען איז דער ראנדעוווּ מיט דעם שטעטל אויך א באגעגעניש מיט דער אייגענער קינדהײַט און יוגנט. פונדאנען שטאמט דער טיפער ליריזם.

פאָגרעבישטשע, דאָס שטעטל פון זײַן קינדהײַט, האָט זיך שטארק געענדערט. דער שרײַבער טרעפט דאָ נײַע הײַזער, בליִענדיקע גערטענער, נאָר ער זוכט אויס דאפקע די אלטע געסלעך, שטעלט זיך אָפּ דאפקע בא די כורוועס, בא די הײַזעלעך מיט די האלב־אײַנגעוואלגערטע גאנעקעס, מיט די רויטע לאָדנס און פארזשאווערטע זאווּעסעס, דרייט זיך לאנג ארום צווישן די שטומע אָפּגעקראָכענע ווענט, און דער זיקאָרן זײַנער מישט אויף א בלעטל נאָך א בלעטל פון די ווײַט פארלאָפענע יאָרן.

מיט א ווייכן ליריזם איז באהויכט אויך די רײַזענאָוועלע „קראסנע". מעגלעך, אז טאקע בייס דעם באזוך אין קראסנע איז בא ש. גאָרדאָנען אנטשטאנען דער פארטראכט פון איינעם פון זײַנע לירישסטע און אינטימסטע ווערק, דער גרעסערער דערציילונג „אפן גליטש", אין וועלכער ער האָט אופגעשטעלט א פּאָעטישן דענקמאָל דעם שטעטל פון די צוואנציקער יאָרן.

דאָס שטעטל ווערט דאָ געזען מיט די אויגן פון א גרויסשטאָטישן באָכער, דעם לענינגראדער סטודענט צאלעל שליפער, וואָס איז אהער אראָפּגעקומען אָפּ זײַן כוידעשלעכער פּראקטיק. אלץ פארכאפּט אים דאָ און פארקישעפט: דאָס הילצערנע בריקל, וווּ עס הייבט זיך אָן דער שאָסיי מיט די שווארץ־ און ווײַס־געשטרײַפטע סטויפּיקלעך פון ביידע זײַטן, די אויסגייענדיקע זון אין נאָענטן וואלד, די אָנגעבויגענע ווערבעס באם שטילן גרינבלעכן טײַכל, די שפּאצירנדיקע פּאָרלעך, די יוגנט, וואָס ציט זיך דאָרשטיק צום וויסן און זינגט מונטערע לידער אָפּ די שטילע אָוונטיקע גאסן. נאָר דער באזונדערער צויבער פונעם שטעטל, דער סוידעספולער רייץ זײַנער איז פארבאָרגן אין די שטעטלדיקע מיידלעך, און באזונדערס אין איינער, דער שענסטער פון אלע, דער שטעטלדיקער שולאמיס, דער שלאנקער און וווּקסיקער דינע מיט „די גרויסע טונקל־גרויע אויגן און לאנגן שטײַפן האלדז — געשניצט ווי פון העלפאנדביין".

דער שרײַבער שילדערט מיט עכטער מײַסטערשאפט דינעס צניִעס, איר פייִקײַט צו צוימען די לײַדנשאפט, וואָס גיט צו איר ליבע א באזונדערן פּאָעטיש־ראָמאנטישן רייץ.

אָט זעען מיר זי, דינען, ווי זי יאָגט זיך אָן אומרויִקע און דערשיטערטע נאָך דעם צוג, ווי זי זוכט צווישן די רעלסן, באהערשט פון איין געדאנק, אז מיט צאלעלן האָט עפּעס פּאסירט, ווען ער האָט, באגלייטנדיק דינעס כאווערטע עטל, ניט באוויזן אראָפּשפּרינגען פון די טרעפּלעך פון וואגאָן. אָט הערן מיר איר פארצווייפלטן אויסגעשריי צו יויעל דעם באלעגאָלע: „וויפל וויאָרסט איז פונדאנען צו דער צווייטער סטאנציע? אויב איר וועט מיך ניט צופירן אהין, לאָז איך זיך גלײַך צופוס..." און שפּעטער — איר געוויין, איר פארשטיקט קאָל, איר פליסטערן צו צאלעלן:

„— איך האָב מוירע געהאט, אז דו ביסט אראָפּגעשפּרונגען, אז דו ליגסט צווישן די רעלסן... וואָס עס זאָל מיט דיר ניט געווען פּאסירן, וואָלט איך דיך ניט פארלאָזט. איך וואָלט געוועזן לעבן דיר, שטענדיק מיט דיר. מיט דיר, וואָס עס זאָל ניט געשען".

איר ערשטער ליבע בלײַבט דינע טרײַ, ווי מע זאָגט, ביז צו דעם גרוב. שוין נאָך דעם, ווי מע האָט זי כאסענע געמאכט פאר אן אנדערן, פארגעסט זי אָפּ קיין איין טאָג ניט צאלעלן. די זעלבע „נאָגנדיקע בענקשאפט", וואָס בא צאלעלן, באוועגט אויך זי צו באזוכן דאָס שטעטל, דאָס וויגל פון זייער ליבע.

ניט געקוקט אָפּ דעם, איז זי א טרײַ ווײַב פון איר מאן, אן איבערגעגעבענע מוטער פון אירע קינדער. דאָס אנטשפּרעכט פּולקום איר שליימעסדיקער נאטור, אירע עטישע פּרינציפּן.

אויך שפּעטער, אפן דריטן יאָר נאָך דער מילכאָמע, ווען דינע איז שוין געוואָרן צאלעלס פרוי, האָט זי אלץ ניט אופגעהערט ארויסצוקוקן אָפּ א בריוו פונעם פּראָנט, פון איר ערשטן מאן סימכען, און „אלע יאָרן זיך געפילט שולדיק פאר אים, וואָס זי האָט אזוי צוגעײַלט זיך צונויפגיין מיט א צווייטן". דאָס אלץ האָט געוויס מיטגעווירקט איר פּריצײַטיקן טויט, ווײַל „איר הארץ איז די אלע יאָרן געווען געגליכן צו א שטײַף אָנגעצויגענער סטרונע, וואָס פונעם קלענסטן צוריר קאָן זי פּלאצן".

דינעס טראגישער סאָף איז דורכגעזאַפּט מיט דעם טיפסטן דראמאטיזם. ער באקומט א קימאט סימבאָלישן כאראקטער. עפּעס ווי דער שרײַבער וואָלט, געזעגנענדיק זיך מיט דינען, זיך געזעגנט מיט זײַן אייגענער ראָמאנטישער יוגנט, מיט דער פּאָעזיע פונעם שטעטל פון יענע יאָרן.

דאָס געזאָגטע הייסט קלאָל ניט, אז שמועל גאָרדאָן אידעאליזירט דאָ דאָס פריִערדיקע שטעטל, זעט ניט די שאָטנדיקע זײַטן. ס'איז גאָרניט אזוי. דער שרײַבער האָט ניט פארטושירט די באגרענעצטקײַט, וועלכע איז געווען כאראקטעריסטיש פאר די טוישווים פונעם קליינעם שטעטל. ער האָט באוויזן, אז אין דעם, וואָס דינעס ליבע האָט זיך ניט אויסגעשפּילט, זײַנען אין א גרויסער מאָס שולדיק די שטעטלדיקע זיטן. אינטריגעס, רעכילעס, מעסירעס, קליינלעכע פּערזענלעכע כעזשבוינעס פון די ארומיקע האָבן ניט ווייניק מיטגעווירקט דער פארקריפּלונג פון די ליבע־פארהעלטענישן צווישן דינען און צאלעלן. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם קליינשטעטלדיקן „אקטיוויסט" ליפּע סעגאל מיט זײַן איבערגעטריבענער וואכזאמקײַט און קרענקלעכער אמביציע. אויך אָפּ דינען האָט דאָס שטעטל ארופגעלייגט זײַן שטעמפּל, און דער שרײַבער האָט עס ניט פארבאָרגן.

און דאָך האָט ש. גאָרדאָן אין דעם דאָזיקן געשטאלט פארקערפּערט דעריקער דאָס פּאָעטישע, דאָס דערהויבענע, יענץ ניט־פארגענגלעכע, וואָס די פאָלקס־טראדיציע האָט פון דורעס פארהיט אינעם שטעטל, דעם יאָרנלאנגן גרונט־צענטער פונעם יידישן לעבן.

אין „אפן גליטש" האָט זיך עפּשער מער ווי אנדערשוווּ אנטפּלעקט שמועל גאָרדאָנס פײַנער כוש

פאר דער שפראך, זײַן פײַזיקײט אָפּצוקלײַבן דאָס נײַ־
טיקע און טרעפלעכע וואָרט, זײַן קונסט פון בויען
די שורע, דעם זאַץ, זײַן פאַרשטאַנד פאַר דעם אינ־
ווייניקסטן ריטם פון דער פּראָזע. אייניקע זײַטלעך
פון „אַפּן גליטש" זײַנען מוסטערן פון עלעגישער
דיכטונג אין פּראָזע.

עס דאַרף אָפּגעמערקט ווערן גאָרדאָנס באַזונדערע
נטיִע צו ניט־געוויינלעכע, קאָמפּליצירטע פּסיכאָלאָ־
גישע קאָליזיעס. די דאָזיקע אייגנשאַפט האָט זיך
באַזונדערס בולעט אַנטפּלעקט אין זײַן גרעסערער
דערציילונג „די איינציקע".

די טעמע פון דער דאָזיקער דערציילונג איז, אייגנטלעך, ליבע — די שטאַרקע, קימאַט געהיימ־ניספֿולע קראַפט, וועלכע באַהערשט דעם מענטשן, פון וועלכן עלטער ער זאָל ניט זײַן. די העלדן פון דער דערציילונג זײַנען אַלע ניט גאָר יונג. לינע קאַזשדאַן איז אַלט זיבן און דרײַסיק, איר מאַן הענ־ריך איז אַף א יאָר צוויי עלטער, נאָך עלטער איז ראַפֿאַיל מאַנדעל. און דאָך זײַנען זיי אַלע דרײַ באַהערשט פון אָט דעם גרויסן געפיל, וועלכער פאַר־שאַפט יעדן פון זיי אי פרייד, אי לייד.

לינע האָט אַכצן יאָר געטראָגן דאָס גליק פון איר ערשטער גרויסער ליבע צו הענריכן. ווען עמעצער פון זיי פלעגט זײַן אין א קאָמאַנדירונג, פלעגט זי באַקומען בריוו, אין וועלכע הענריך האָט געמאָסטן זײַן ליבע צו איר, דער „טײַערער און איינציקער", מיט דער „טיפקײַט פון יאַם, מיט דער גרענעצלאָ־זיקײַט פונעם רוים" און פלעגט פאַרגלײַכן „די בענק־שאַפט צו איר מיט דער בענקשאַפט פון א כאָסן צו א קאַלע".

און אָט, אַפן נײַנצנטן יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן, דערוויסט זיך פּלוצעם לינע, אַז מע האָט זי אָפּגע־נאַרט. אין אירע הענט פאַלט אַרײַן הענריכס בריוו צו אַן אַנדער פרוי, צו וועלכער ער ווענדט זיך מיט די זעלבע ווערטער: „טײַערע, איינציקע מײַנע", און מעסט די טיפקײַט פון זײַן ליבע צו איר מיט די זעלבע מאָסן.

לינע לעבט שרעקלעך איבער דאָס געשעענע. הענ־ריכס פאַראַט באַטײַט פאַר איר ניט נאָר א קראַך פון איר פערזענלעך גליק, נאָר אויך א קראַך פון איר גלויבן אינעם מענטשן, אין דער ליבע. פונעם שווערן גײַסטיקן קריזיס פירט זי אַרויס ראַפֿאַיל מאַנדעל, מיט וועלכן זי באַקאַנט זיך צופעליק.

ראַפֿאַיל מאַנדעל איז פּסיכאָלאָגיש א קאָמפּליצירט געשטאַלט. דער דאָזיקער קלוגער און לעבנס־דער־פאַרענער מענטש גיט זיך אָפּט אַרויס פאַר ניט דעם, ווער ער איז אינדערעמעסן. ער האָט איבערגעלעבט גרויסע אַנטוישונגען, וועלכע זײַנען ענלעך צו לי־נעס. זיי האָבן אים אָבער ניט אײַנגעבראָכן. אַלס שוץ־מיטל האָט אים געדינט זײַן אייגנאַרטיקע לעבנס־פילאָסאָפיע, וואָס איינער פון אירע טעזיסן איז: „אַף דעם לעבן דאַרף מען קוקן פּאַשעט און איינפאַך. דער גרעסטער סוינע פונעם מענטשן איז דער זי־קאָרן, גליקלעכע זײַנען די, וואָס קאָנען אָפּטעמפּן אין זיך דעם זיקאָרן".

אייצעט טאַקע מאַנדעל לינען, זי זאָל פאַרגעסן דעם אומגליק, וואָס איז געשען אין איר לעבן, און ניט זוכן קיין שולדיקע, ווײַל „ליבע איז ניט קיין גאָט און ניט קיין געטן. ס'איז געצנדינערײַ, און גע־צנדינערײַ ווייסט ניט פון קיין איינציקן און שטענ־דיקן גאָט. געצנדינער קאָנען זיך איינציטיק בוקן צו טעלעכע געטער... ס'איז ניטאָ דער מענטש, וואָס זאָל זיך אײַנליבן איין מאָל אַפן גאַנצן לעבן, פּונקט ווי ס'איז ניטאָ דער בוים, וועלכער זאָל בלויז איין מאָל בליִען". די עכטע ליבע דאַרף אויסמײַדן דאָס באַרירן זיך מיט דער ווירקלעכקײַט, ווײַל זי איז גילטיק נאָר „אַלס דערמאָנונג, אַלס א הייליקײַט, צו וועלכער מע רירט זיך ניט צו, אַלס א טרוים, וואָס באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן".

סײַ מאַנדעל, סײַ לינע — ביידע זײַנען פאַרבליבן אין זייערע פאַמיליעס, נאָר אין ביידנס הערצער לעבט „די עכטע, איינציקע, שטענדיקע אַפן גאַנצן לעבן ליבע", ווײַל זי איז נאָר דערמאָנונג, נאָר טרוים. איינעם א שאַבעס קלינגט ער אָן פון דער ווײַטער שטאָט לינען אין טעלעפאָן, זי לייגט אַוועק דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און שפּילט פאַר אים בעטהאָ־ווענס לעוואָנע־סאָנאַטע. אין דער רעגע ווערט אַלץ, וואָס רינגלט זי אַרום, „פאַרשוווּנדן אינעם כוישעך פון אירע שטײַף צוגעשלאָסענע אויגן. זי זעט פאַר זיך דעם באַרג און אַף זײַן סאַמע שפּיץ, אונטער דעם ליכטיקן שטויב פון דער אַראָפּקוקנדיקער לע־וואָנע — זיך און ראַפֿאַילן".

אוואַדע איז אַזאַ מין אַרט ליבע שיין. צי איז אָבער גערעכט מאַנדעל, ווען ער באַהויפּטעט, אַז נאָר אין אַזאַ פאָרם קאָן די ליבע פאַרבלײַבן אַן עכטע, איינ־ציקע און באַשטענדיקע, אַז קוים באַרירט זי זיך מיט דער ווירקלעכקײַט, פאַרלירט זי איר ראָמאַנטישן כיין און פאַרוואַנדלט זיך פון א יאָמטעוו אין א שטענדיקן אינדערוואָכן?

דער שרײַבער, וועמענס שטעלונג איז אין טאָך פאַרבאָרגן, גיט אונדז ניט קיין ענטפער אַף דער דאָזיקער פראַגע, ווי אויך אַף אַנדערע, וועלכע שווי־מען אויף באַם לייענען די דערציילונג. מעגלעך, ער איז נאָר אויסן געווען אָנצורעגן דעם לייענער מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען, צווינגען אים פאַרטראַכטן זיך איבער זיי און אַליין זוכן אַף זיי אַן ענטפער.

אַקטועלע לעבנס־פּראָבלעמען, דעריקער פון מאָ־ראַליש־עטישן כאַראַקטער, ווערן באַרירט אויך אינעם ראָמאַן „פרילינג".

דאָס איז א ראָמאַן וועגן דער יוגנט. ער שליסט זיך אײַן אין דער ריי ווערק, וועלכע מע איז גע־וווינט אָנרופן „דערציִונגס־ראָמאַנען".

דער שרײַבער שטויסט זיך אָפּ פון א געוויינלעכן שטייגערישן עפּיזאָד, וועלכער גיט אים די מעגלעכ־קײַט אויפצושטעלן פאַר דעם לייענער וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט דער דער־ציִונג פונעם יונגן דאָר לויט די עטישע נאָרמעס פון אונדזער געזעלשאַפט. דאָס איז דער עפּיזאָד אין טראָליבוס, וווּ די פאַרליבטע אַלעק און שעווע זעען, ווי א וווּקסיקער יונגאַטש רוקט אַרײַן די האַנט אין רידיקיול פון א באַאַרטער פרוי, דערבײַ וויל זיך אַלעק ניט אַרײַנמישן, און שעווע פּאָדערט פונעם גאַנעוו, ער זאָל אומקערן דאָס געגאַנעוועטע, און די געשיכטע ענדיקט זיך מיט דעם, וואָס שע־ווען, א שווער־פאַרווונדעטע, פירט מען אָפּ אין שפּיטאָל, וווּ זי ליגט אַפּ טעלעכע כאַדאָשים. דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אַרײַנגעטראָגן א גאַנצע איבערקערעניש אינעם לעבן ניט נאָר פון אַלעקן,

נאָר אויך פון זײַן פּאַטער װעניאַמין זאַכאַריעװיטש סיוער.

װעניאַמין זאַכאַריעװיטש איז אַן אינטערעסאַנטע און קאָמפּליצירטע פיגור. בײַס דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע האָט ער מוטיק געקעמפּט קעגן די פּאַשיז־סטישע כאַיאָלעס אַלס קאָמאַנדיר פון אַ באַזונדערן באַטאַליאָן. נאָך דער מילכאָמע אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבן אופירן מײַסע אַריסטאָקראַט. כּוץ דעם לוקסוס־הויז, אין װעלכן ער האָט זיך באַזעצט, האָט ער געקויפט אַ דאַטשע און די צימערן פון זײַנע װוינונגען אויסגעשטאַט מיט אויסלענדיש מעבל.

אין זײַן פאַמיליע האָט זיך געבילדעט אַ „קולט" פון זײַן פּערזענלעכקײַט. די פרוי און די קינדער זײַנען אין זײַן אָנװעזנהײַט מאַמעש אומגעגאַנגען אַף די שפּיץ פינגער. װען זײַן טאָכטער מאַרע, דער־ציילט אונדז דער שרײַבער, פּלעגט אַרויסברענגען דאָס װאָרט „פּאַפּאַ", האָט זיך געפּילט פּונקט אַזאַ דערװײַטערטקײַט, װי זי װאָלט אים גערופן „כאַװער פּאָלקאָװניק".

אויך אין אינסטיטוט, װוּ ער האָט געאַרבעט אַלס פּאַרװאַלטער פון דער מיליטערישער קאַטעדרע, האָט זיך סיוער באַמיט אײַנשטעלן אַ „דיסטאַנץ צװישן די, װאָס באַפֿילן, און די, װאָס פּילן אויס די באַ־פעלן". ער האָט זיך אופגעפירט אַזוי, אַז „די, װאָס האָבן אים געקענט נעענטער, האָבן ניט געפּרוּװט אים אין עפּעס איבערצײַגן. זיי האָבן געװוּסט: אויב סיוער האָט געזאָגט „ס'איז אַזוי", װעלן זיי אים ניט קאָנען דערװײַזן, אַז „ס'איז ניט אַזוי". צװינגען אים ענדערן די מיינונג האָבן געקאָנט בלויז יענע, װאָס זײַנען לויטן ראַנג, און, דעריקער, לויטן אַמט געשטאַנען מיט אַ שטאַפּל העכער פון אים".

אין אַזאַ אַטמאָספער האָט זיך פאָרמירט דער כאַ־ראַקטער פון דעם פּאָלקאָװניקס זון אַלעק. נאָכן ענדיקן די שול איז ער אָן קײַנע שװעריקײַטן, מיט דער הילף פון זײַן „אַלמעכטיקן פּאַטער", גלײַך אָנ־געקומען אין אינסטיטוט. אַזוי װאָלט זיך װײַטער געפּירט, װען ניט דער עפּיזאָד אין טראָליײבוס, װעל־כער איז געװען אַ מין סיגנאַל ביידן, סײַ דעם זון, סײַ דעם פּאַטער, װוּהין עס קאָן זיי װײַטער פאַרפירן זייער אַרט לעבן.

װעניאַמין זאַכאַריעװיטש האָט דאָס געשעענע גע־צװוּנגען איבערשאַצן אַלע װערטן. ער האָט דערזען דאָס, װאָס פריִער האָט ער, זײַענדיק פאַרבלענדט פונעם אייגענעם רום און לוקסוס, ניט געזען. פאַר אים איז אין איר גאַנצער האַרבקײַט אופגעקומען די פראַגע: „װיאַזוי האָט געקאָנט געשען, אַז בײַ אים, װאָס האָט ניט איין מאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן, זאָל אויסװאַקסן אַ זון, װעלכער װערט באַ־שולדיקט אין פּאַכדאַנעס און פּאַראַט, װעמען קיינער פון זײַנע שול־כאַװיירים דערלאַנגט ניט די האַנט?".

אַ שטרענגער אַנאַליז פון זײַן אַרט לעבן ביז אַהער ברענגט אים צום אויספיר, אַז אין געשעענעם איז מער פון אַלעמען שולדיק ער אַליין, די אַטמאָספער, װאָס האָט זיך געשאַפן בײַ אים אין דער היים, די דערציִונג, װעלכע ער האָט געגעבן זײַנע קינדער.

אונטער דער װירקונג פון די געשעענישן ענדערט זיך סיוער. ער טרייסלט אַראָפּ פון זיך די גאַדלעס,

די גײַװע, װערט װײכער, מענטשלעכער אין דער באַציִונג צו די אַרומיקע. שוין גאָר אַן אַנדערער דערשײַנט ער פאַר אונדז אין דער ריִרנדיקער סצע־נע, װען ער זעגנט זיך מיט אַלעקן, װעמען ער האָט פאַרגעלייגט צוריקנעמען די דאָקומענטן פון אינס־טיטוט און אָנקומען אַרבעטן אַף אַ זאַװאָד. ער דער־לאַנגט אים דאָס סאָלדאַטישע טונקל־גרינע רוקזעקל, װאָס איז פאַרבליבן נאָכן אומגעקומענעם אַפּן פראָנט עלטערן זון דאַניען, און זאָגט: „װוּ דו זאָלסט ניט זײַן און װאָס מיט דיר זאָל זיך ניט טרעפן, זאָלסטו שטענדיק געדענקען, װעמעס רוקזעקל דו טראָגסט...".

פאַר אַלעקן איז דאָס געשעענע געװאָרן אַן אייגנ־אַרטיקע שול פון דערציִונג. די געענדערטע באַציִונג צו אים מיצאַד זײַן געליבט מיידל און די שול־כאַ־װיירים, דעם פּאַטערס גײַזעגענונגס־װערטער, די רע־ליקװיע פונעם העלדיש אומגעקומענעם עלטערן ברוּ־דער, — דאָס אַלץ װירקט אַף זײַן איבערדערציִונג. אַלעק נעמט אָן דעם באַשלוס — זיך אַװעקלאָזן אין דער װײַטער אינטאַ, אָנקומען אַף אַרבעט אַף אַ שאַכטע און דערמיט אָנהייבן דאָס לעבן אַפּסנײַ, זעלבשטענדיק, אָן דעם פּאַטערס שוץ־פליגל. ער איז מעכוייװ אַליין שאַפן זײַן ביאָגראַפיע, װי עס האָט אים געזאָגט דער פּאַטער.

אַלעק װייסט גוט, אַז שאַפן אַן אייגענע ביאָגראַ־פיע װעט אים זײַן ניט גרינג, ער איז אָבער גרייט אַף אַלץ. טאַקע אַזוי — אַ דרייסטן און אַנטשלאָ־סענעם — טרעפן מיר אים, װען ער טרעט אַרוף אַף דער ערד פונעם פאַרװאָרפענעם שאַכטאַרישן שטעטל באַם פּאָליאַר־קרײַז.

אינעם ראָמאַן „פרילינג" באַהאַנדלט דער שרײַ־בער אַ רײ אַקטועלע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט: די פּראָבלעם פון עלטערן און קינדער, פון דערציִונג פונעם יונגן דאָר, פון די מאָראַלישע פּרינציפּן פונעם סאָװעטישן מענטשן, — דערבײַ טרעט ער ניט אַרויס אַלס אַ זײַטיקער שילדערער, נאָר פאַרטיידיקט הייס די עטישע נאָרמעס פון אונדזער געזעלשאַפט.

לײדער, האָט דער באַשטימטער דידאַקטישער כאַ־ראַקטער פונעם ראָמאַן גוירעם געװען צו אַן איבער־געלאָדנקײַט מיט מאָראַליזירנדיקע סענטענציעס. אייני־קע געשטאַלטן טרעטן ערטערװײַז אַרויס אין דער ראָל פון רעזאָניאָרן און האָבן זיך מאַכמעס דעם באַקומען אַ ביסל סכעמאַטיש (צום בײַשפּיל, װאַדים טימאָפּייעװיטש װעטשעריאַ, דאַניִעל קיװין).

אינעם ראָמאַן, אין די גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, אין די רײַזע־בילדער — אומעטום לאָזט זיך שפּירן דעם שרײַבערס שאַרפער כוש צום געהערטן און געזעענעם, זײַן ברענענדיקער אינ־טערעס צו אַלדאָס נײַעם, אַקטועלן, פריש־צאַפּלדיקן, װאָס װיקלט זיך פאַנאַנדער אין אַרומיקן לעבן. ש. גאָרדאָנס אומרויִקער גײַסט, די טעװע פון אַן „אויס־שפּירער און אַנטדעקער", װעט אים געװיס באַװעגן זיך צו לאָזן אין װײַטערדיקע נעסיִעס איבער די שטעט און שטעטלעך פון אונדזער לאַנד, און ער װעט אונדז, גלייבן מיר, אין דער נאָענטסטער צײַט דערפרייען מיט נײַע װערק װעגן אונדזער צײַט, װעגן די מענטשן, װעלכע אַרבעטן און בויען דאָס נײַע לעבן.

עליע פאלקאוויטש

וועגן לאָשן

1. פרעמדע ווערטער

מענטשן, וואָס יאָגן זיך נאָך פרעמדס און האָבן ליב באפוצן זייער לאָשן מיט וואָס מער אויסטערלישקייטן, זײַנען ניט קיין זעלטענע און ניט קיין נײַע דערשײַנונג. נאָך אונדזער געניאַלער הומאָריסט האָט אונדז באקאנט געמאכט מיט אזעלכע פארשוינען.

„פאראן א סאך מענטשן, — דערציילט שאָלעם־אלייכעם „אין שטורעם", — וואָס האָבן ליב באנוצן און אויסמישן זייער שפראך מיט פרעמדע ווערטער. איך קען איינעם א קליינשטעטלדיקן מאסקיל, אַן „אינטעליגענט", וואָס שפריצט מיט פרעמדע ווערטער אף אלע זײַטן; האָט מען אים א נאָמען געגעבן „ייִסראָליק ציוויליזאציע" — און דאָס קליינע שטעטל אז עס גיט א נאָמען, איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן".

אין אונדזערע יאָרן איז „ייִסראָליק ציוויליזאציע" שוין לאנג געוואָרן א גרויסשטאָטישער אינטעליגענט, און ער שפריצט מיט פרעמדס נאָך מער אף אלע זײַטן. די ייִדישע ווערטער „סימאָנים", „אָנגריפן" האָט ער ווי פארגעסן און קומט ראק אָן צו „סימפּטאָמען" און „אָפּענסיוועס". „ענדערן", „פּאָרשטעלן" געפעלן אים ניט, אים זײַנען צום הארצן נאָר „מאָדיפיצירן" און „רעפּרעזענטירן". דער גרויסשטאָטישער ייִסראָליק קלײַבט פון זיך נאכעס, ווען ער קאָן א זאָג טאָן: „די מאכט־אָרגאנען האָבן מאָדיפיצירט די פּאָליטיק פון דעפּאָפּולאציע"... „דאָס האָט צוגעײַלט דעם פּראָצעס פון אויסזידלונגען און דעפּאָרטאציעס"...

איך האָב שוין געשריבן און דערמאָן ווידער: איך בין ניט קעגן לאטײַן און ניט קעגן פרעמדס ביכלאַל. איך ווייס זייער גוט, אז אין די אמאָליקע גערמאנישע דיאַלעקטן זײַנען פון לאטײַן ארײַן הונדערטער ווערטער, וועלכע האָבן זיך מיט דער צײַט אָפּגעזעצט אויך אין אונדזער לאָשן, און קיינער האלט זיי ניט פאר פרעמדע. איך געדענק אויך, אז א ריי לאטײַנישע, גריכישע און אנדערע אויסדרוקן זײַנען אין ייִדיש געקומען דורך העברעיִש, און מיר האלטן זיי פאר אייגנס. איך האָב אויך ניט פארגעסן, אז לאטײַן און גריכיש זײַנען אדהײַעם דער גרונטקוואל, פון וועלכן מע שעפּט מאטעריאל אף צו שאפן טערמינען און באַרײַכערן דעם אינטערנאציאָנאלן פאָנד פון שפּראכן. מיר איז אויך באוווסט, אז אין אייניקע פאלן איז „סימפּטאָמען" בעסער פון „סימאָנים" און „רעפּרעזענטירן" איז גלײַכער פון „פאָרשטעלן". ווען אָבער דו זעסט, אז מע ניצט פרעמדווערטער סטאם אין דער וועלט ארײַן, אפילו דעמלט, ווען די אייגענע זײַנען פּינקטלעכער, אויסדריקלעכער, צוגענגלעכער, איידער יענע — ווילט זיך שרײַען: גוואלד! וואָס טוט זיך עס!

נו, זאָגט אליין, איז דען גוט, וואָס אָנשטאָט „פארשיקן, ארויסשיקן, פארטרײַבן, ארויסטרײַבן, פאריאָגן, ארויסיאָגן, ארויסוואַרפן" און ענלעכע האָט מען גענומען ראק ניצן דאָס דײַטשישע „אויסזידלען", וואָס האָט אין ייִדיש א גאָר אנדערן באטײַט, איידער אין דײַטש. איר לייענט: „מע האָט ליקווידירט דאָס געטאָ און אויסגעזידלט די ייִדן..."; „אויף אַן אנאלאָגישן אופן האָט הימלער דערקלערט די נויטווענדיקײַט אויסצוזידלען אלע ייִדן פון פראנקרײַך"... איר לייענט און קלערט: ווען מע וואָלט די ייִדן נאָר „אויסגעזידלט", וואָלט נאָך געווען צו לײַדן, וואָלטן מיר ניט געהאט אזויפיל צעבראָכענע הערצער און אזא קליינע צאָל ייִדן אף דער וועלט.

ווײַזט אויס, אז באם ניצן דאָס דײַטשישע וואָרט „אויסזידלען" אָדער „אויסזידלונג" איז מען ניט גאָר זיכער, דעריבער גיט מען צו א באגלייטער. מע שרײַבט: „אויסזידלונגען און דעפּאָרטאציעס". און דאָס האָט פּונקט אזא טאם, ווי איר וואָלט געזאָגט: ער איז א טאַליען און א הענקער; אָדער: ער איז א הענקער און א קאט. מיר דוכט, אז אפילו „דעפּאָרטירן" וואָלט שוין גלײַכער געווען, איידער „אויסזידלען". ייִדן קענען דאָך שוין פון לאנג די ווערטער „אימפּאָרטירן, עקספּאָרטירן, טראנספּאָרטירן", וואָלטן זיי דאָס וואָרט „דעפּאָרטירן" גרינג אופגענומען: פּאָרט א שטיקל קאָרעוו.

אָדער נעמט אזא וואָרט, ווי „באריקזיכטיקן", וואָס אייניקע שרײַבער, זשורנאליסטן שלעפּן עס אין ייִדיש. צו וואָס דארף מען עס, אז מע קאָן זיך באגיין מיט די אויסדרוקן „נעמען (האָבן) אין אכט", „האָבן אין זינען", „זיך רעכענען מיט"...", „דיסקאָנטירן" אא.

א פרעמדוואָרט איז שלעכט ניט דערפאַר, ווײַל ס'איז א פרעמדס, נאָר ווײַל עס מאַכט שווערער צו באַנעמען דעם זאַץ און טיילמאָל מאַכט עס דעם גאַנצן זאַץ גאָר אומפאַרשטענדלעך. לעמאָשל: „אין די דרײַסיקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז דאָס מוזיקאַלישע לעבן פון אייראָפּע געווען אויסערסט־רײַך און פול מיט געשעענישן, וואָס האָבן פאַסצינירט די יענצײַטיקע קולטור־סביבות". אויב איר ווייסט ניט, וואָס „פאַסצינירט" באַטײַט, באַנעמט איר ניט דעם טאָך, דעם איקער פון דער גאַנצער פראַזע. ווען אָבער אָנשטאָט „פאַסצינירט" וואָלט דאָ געווען „באַצויבערט", „איבעראַשט", „פאַרכאַפּט" אָדער „געמאַכט ניספּאָעל", „געמאַכט אַנציקט" אאַו., וואָלט די גאַנצע פראַזע געוואָרן א פאַרשטענדלעכע.

און אויב א מענטשן דוכט זיך, אַז אָן „פאַסצינירט" קאָן די פראַזע ניט גיין, איז זאָל דאָס דאָזיקע וואָרט זײַן, אָבער זײַט זיך מאַטריעך און לייגט צו דעם א טײַטש. באַם שרײַבן פאַר א צײַטונג, פאַר א זשורנאַל דאַרף מען האָבן אין זינען ניט קיין יעכידים, נאָר דעם דורכשניטלעכן לייענער.

באַנאַנד מיט איבעריקע פרעמדווערטער טוען דעם לאָשן אָן געניג שאָדן אויך א רײַ אומנייטיקע אויסדרוקן, וועלכע די איבערזעצער „פירן" אין ייִדיש מעכאַניש אַריבער פון אַנדערע לעשוינעס. מע שרײַבט: „אין פאַרשטענדיקונג מיט..."; „אין אָנשפּאַר אָף די אָנגאַבן..." מיט וואָס אָבער זײַנען די דאָזיקע אויסדרוקן בעסער פון „בעהעסקעם מיט..."; און פון „אַפּן סמאַך פון די יעדיעס..."? סײַדן נאָר דערמיט, וואָס זיי זײַנען ווייניקער באַקאַנט און קלינגען טערקיש. מעשונע־מאָדנע איז אָפּט אויך דער אויסדרוק „אין אַלגעמיין גענומען", ביפראַט אין די פאַלן, ווען עס בעט זיך א „ביכלאַל". איך האָב שוין אַמאָל געשריבן: אייניקע מענטשן דוכט זיך, אַז מיטן אַרײַנציִען אין ייִדיש וואָס מער ווערטער, ווי די אויבן אָנגעוויזענע, באַרײַכערט מען די שפּראַך. ס'איז א ביטערער טאָעס. אויב מע האַלט אין איין „רעדוצירן" (אַפילע קליידלעך) און מע מײַדט אויס די ווערטער „פאַרקירצן, פאַרקלענערן, פאַרמינערן, אָפּשוואַכן, אָפּשאַפן, אַנולירן" אאַ., ווערט דאָס לאָשן אָרעם, בלוטלאָז, אָן לײַב און אָן לעבן.

2. לאַשנקוידעשדיקס

צווישן די פּערסאָנאַזשן פון שאָלעם־אַלייכעמס „אין שטורעם" איז פאַראַן נאָך א פּאַרשוין מיט א שפּראַך־כּאַלאַס. איך מיין, פאַרשטייט זיך, אונדזער אַלטבאַקאַנטן יודל קאַטוינטי, וואָס „קימאַט נאָך יעדע צוויי־דרײַ ווערטער ייִדיש מוז ער אַרײַנוואַרפן איין וואָרט א לאַשנקוידעשדיקס, וואָסער־נישט־איז, צי עס פּאַסט זיך צי ניין, אַבי לאַשנקוידעש".

פאַראַיאָרן האָט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" יודל קאַטוינטיס א נאָכפאָלגער געפונען פאַר וויכטיק, פאַר זייער אַקטועל פאַרצולייגן דער צײַטונג, אַז אין איר „זאָל זײַן וואָס מער העברעיזמען, אַפילע צום שאָדן פון דער סטיליסטיק". ווײַזט אויס, אַז אויך אין אייניקע פון אונדזערע שרײַבער און זשורנאַליסטן לעבט נאָך א גילגל פון יודל קאַטוינטי, האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם „טיפזיניקן" פאַרשלאָג און באַמיִען זיך צו פאַרווירקלעכן אים.

אָט האָט איר א באַווײַז: „אינעם רוב מנין ורוב בנין פון די בריוו שטרײַכט ער אונטער זײַן מונטערע שטימונג..." „ראָוו מיניען ווראָוו ביניען" איז א גאַנץ פאַרשפּרייטער אויסדרוק אין ייִדיש, אָבער ווי פּאַסט ער צו דעם געגעבענעם טעקסט? א מענטש פון א גאַנץ יאָר וואָלט דאָ אַוודע געזאָגט: „אינעם

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם באַוווּסטן שפּראַך־פאָרשער עליע פאַלקאָוויטש אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן פינף־און־זיבעציקסטן געבורטסטאָג.

מיר ווינטשן עליע פאַלקאָוויטשן פיל געזונט און נײַע שעפערישע דערפאָלגן.

ראָוו בריוו", „אינעם גרעסטן טייל בריוו", „אין דער מערהײַט בריוו". אָבער א מענטש, אין וועלכן עס שלאָגט אָן אָדער פון אונדזער באַקאַנטן פאַרשוין, דאַרף האָבן לאַשנקוידעשדיקס, „צי עס פּאַסט זיך צי ניין, אַבי לאַשנקוידעש".

אָדער אַזאַ בײַשפּיל: (ער) „האָט געהערט צו דער ייִנגסטער גזע סאָוועטישע ייִדישע פּאָעטן". דאָס וואָרט „גזע" (געזאָ) האָט אין העברעיִש עטלעכע באַטײַטן: שטאַם פון א בוים, אָפּשטאַם, ראַסע. הײַנט ווי זשע פּאַסט דאָס וואָרט צום ציטירטן זאַץ? מע האָט דאָך געקאָנט פּאָשעט שרײַבן: „ער האָט געהערט צום ייִנגסטן דאָר"..., „צו דער ייִנגסטער גרופּע"..., „צום ייִנגסטן קרײַז...". אָבער דעם אויטאָר ווילט זיך, מאַשמאָעס, א וואָרט, וואָס איז דעם לייענער אומבאַקאַנט. עס מאַכט ניט אויס, וואָס עס פּאַסט ניט צום טעקסט, אַבי ס'איז אויסטערליש.

נאָך א בײַשפּיל: (ער וועט) „ווי א גוטע בשורה זײַן אהוב וחביב בא די לייענער פון ייִדיש..." די ווערטער „אהוב וחביב" (אָהעוו ווכאָוויוו) זײַנען אין ייִדיש ניט אָנגענומען, און מע דאַרף זיי ניט. איר קאָנט אין ייִדיש זאָגן: „זײַן ליב און טײַער", „זײַן ליב און כאָשעוו", „זײַן געליבט און געשעצט" — און עס וועט איבערגעבן דעם אינהאַלט פון „אהוב וחביב" נאָך מיט אָן אוידעף, וואָרעם „חביב" איז קימאַט דאָס זעלבע, וואָס „אָהוב".

אָדער גאָר אזא זאץ: „אין משך פון צוויי טעג גוע וימות". דאָ האָבן מיר ווידער צוויי העברעיִשע ווערטער, וואָס באַטײַטן איינס און דאָס זעלבע: „איז ער אויסגעגאנגען און געשטאָרבן". דער אווטאָר פונעם ציטירטן זאץ האָט עפשער געוואָלט אויסמײַדן צו וואָכעדיקע ווערטער, האָט ער דאָך געקאָנט זאָגן: „איז ער ניפטער געוואָרן", „האָט ער פארענדיקט זײַנע יאָרן", „האָט ער אויסגעהויכט די נעשאָמע" אאוו. די אלע אויסדרוקן, דארף מען קלערן, זײַנען דעם אווטאָר באוווסט, נאָר ער וויל זיי ניט. עס ציט אים צו אומגעווײנלעכס און אומבאקאנטס. אים דוכט זיך, אפאָנעם, אז אין טאנאך איז פאראן דער אויסדרוק „גוע וימות". ס'איז אָבער א טאָעס. דאָרט איז „ויגוע וימת". און צולעצט, די הויפּט־טײַנע: ווי בויט מען דאָס א ייִדישן זאץ, ניט רעכענענדיק זיך מיט די געזעצן פון דער ייִדישער גראמאטיק? ווּ זײַנען אהינגעקומען די ווערטער „איז ער"?

האקלאל, ווי איר זאָלט ניט וועלן, מוזט איר דעם אווטאָר זאָגן, אז ער איז אומגערעכט: אומגערעכט לעגאבע דעם לייענער, אומגערעכט לעגאבע אונדזער לאָשן.

דאָס יאָגן זיך נאָך אויסטערלישקײַטן פארפירט אייניקע מענטשן אזוי ווײַט, אז זיי באפרידיקן זיך ניט מיט א פאָשעטן העברעיִשן אויסדרוק. זיי וועלן אײַך מעכאבעד זײַן מיט אזא געריכט, וואָס אפילע ניט יעדער העברייער איז עס אימשטאנד צו פארדײַען. לעמאָשל: „און אז מע האלט שוין בא א קאָנקרעטן ממשותדיקן בריוו, קאָן מען דאָך פון דעם [פון אים. — ע. פ.] זייער פיל לערנען וועגן דעם שרײַבער פונעם בריוו, דעם חתן דנן גופא".

האָט איר א סאך מאָל געטראָפן אין ייִדיש אָדער אפילע אין העברעיִש דעם אויסדרוק „חתן דנן"? איר מיינט עפשער, אז ער באַטײַט עפּעס א גוואלדאָוונע זאך, זײַט איר זיך טויע. דאָס וואָרט „דנן" איז אין דער טאלמודישער ליטעראטור ארײַן פון אראמיש (די געמאָרע איז געשריבן אף העברעיִש־אראמיש) און עס באַטײַט „דער". „חתן דנן" הייסט: דער דאָזיקער כאָסן, דער דאָזיקער יונג. קלאָר, אז מע דארף דאָ אים האָבן, דעם אויסדרוק, ווי א לאָך אין קאָפּ. פארמעקט די ווערטער „דעם חתן דנן", און איר וועט פּאָטער ווערן פון דרײַ פּאראזיטן און פארײנס אויך פון דער קאָמע (א קאָמע קאָסט געלט).

אין שפּראך איז אזוי, ווי אין אלץ: איין אווײרע שלעפּט נאָך זיך א צווייטע אווײרע. מיר האָבן דאָס שוין געזען א סאך מאָל באם אווטאָר פונעם ראָמאן „ס'איז נאָך גרויס דער טאָג", און מיר זעען דאָס אויך דאָ. די טײַווע צו אויסטערלישקײַטן ברענגט אָפּט צו איבעריקע רייד, צו געשוואָלענע זאצן.

לאָמיר צו די פריִערדיקע ברענגען נאָך א רײַע: „זיי (די ווערטער. — ע. פ.) זענען כולל, שליסן אײַן אין זיך א ים אסאָציִאציעס...". „זײַנען קוילעל" און „שליסן אײַן אין זיך" באַטײַטן דאָס זעלבע. הײַנט צו וואָס ברענגט מען דאָ צוויי אויסדרוקן, ווען ס'איז גענוג איינער פון זיי.

די זעלבע טײַנע האָט איר אויך צום אווטאָר פון פאָלגנדיקן זאץ: „ער איז ביי אונדז שטענדיק און תמיד שטארק אָנגעלייגט". אי „שטענדיק" אי „תמיד" (טאָמיד)? צו וואָס זאָל מען זײַן אזוי אויסברענגעריש! מענטשן שטרעבן דאָך געווײנלעך צו שפּאָרעוודיקײַט — צו באקומען וואָס בעסערע רעזולטאטן באם פארטאָן וואָס ווייניקער ענערגיע און מאטעריאלן. באגאבטע, געניטע שרײַבער טוען אויך דאָס זעלבע. זיי ברענגען אויס צײַט ניט בלויז אף שרײַבן — אויך אף מעקן. דער געניִאלער לעוו טאָלסטאָי, דער לייב פון דער וועלט־ליטעראטור, האָט אין א בריוו צו זײַן פרוי אין 1887 געהאט מיטגעטיילט: „...נעכטן האָב איך זיך א סאך פארנומען (באשעפטיקט): געשריבן א גאָר נײַ קאפּיטל... כ'האָב דורכגעקוקט, פאריכט צוערשט. ווי עס האָט זיך געוואָלט אלץ איבערזעצן אף רוסיש, אזוי אז טיט זאָל פארשטיין. און ווי עס ווערט דעמלט אלץ קירצער און קלאָרער".

3. סינאָנימען און דובלעטן

איר וועט עפשער זאָגן, אז פון קאדמוינים אָן איז מען זיך נויהעג צו פארשטארקן דעם געדאנק, דאָס געפיל מיט פאראלעלע אויסדרוקן, ביפראט מיט סינאָנימען. מיט סינאָנימען יאָ, אָבער ניט מיט קיין דובלעטן. לאָמיר דערמאָנען דעם כילעק צווישן זיי (איך גלייב, אז דער לייענער וועט ניט האָבן קיין פאריבל, אלעמײַ איך קלײַב זיך צו שמועסן וועגן עלעמענטארע זאכן).

„עק" און „סאָף" זײַנען סינאָנימען. זיי באַטײַטן קימאט דאָס זעלבע. איר קאָנט זאָגן: „א מײַסע אָן אן עק" אָדער „א מײַסע אָן א סאָף". און דאָך איז צווישן „עק" און „סאָף" פאראן א געוויסער אונטערשייד — ניט בלויז אויסערלעך, אין די קלאנגען, נאָר אויך אינערלעך, אינעם באַטײַט. איר קאָנט זאָגן „א פערד אָן אן עק", אָבער ניט „א פערד אָן א סאָף".

„אָונטברויט" און „וועטשערע" זײַנען דובלעטן (אָדער אידענטישע סינאָנימען). זיי באַטײַטן דאָס זעלבע. איר קאָנט, אויב איר דארפט פארן זאץ, ניצן דאָס אָדער יענץ. פארשטייט זיך, אז אין דיכטונג, ווּ ס'איז שטארק וויכטיק אויך די פאָנעטישע זײַט פון א וואָרט — זײַנע קלאנגען, די צאָל טראפּן, דאָס אָרט פונעם טראָפּ, קאָן אין איין פערז זײַן צוגעפּאסט „אָונטברויט", און אין א צווייטן — „וועטשערע". אזוי איז אויך מיט די דובלעטן „ענטל" און „קאטשקע" אָדער מיט „הענקער" און „קאט" אא. קלאָר, אז אויך פאר א פּראָזאִישן טעקסט איז וויכטיק די פאָנעטישע זײַט פון א וואָרט, אָבער ניט אין אזא מאָס, ווי פאר א דיכטערישער שורע.

דובלעטן, און צומאָל אויך סינאָנימען, ברענגט מען, קעדיי אויסצומײַדן צו אָפטע איבערכאזערונגען פון איינע און די זעלבע ווערטער און איינטאָניקײַט ביכלאל. אשטייגער: בא שאָלעם־אלייכעמען: „...רופט זיך אָן דער הייזעריקער אף זייער פארשטעלטער שפּראך און לאָזט אויס אף אונדזער לאָשן: — ווּ זײַנען ערגעץ די שטריק?"

אָדער: „נאָר דער נאָמען, וואָס עסטער האָט זיך געקויפט בא איר אין איר שטאָט, איז נאָך גאָרניט אקעגן דעם שעם, וואָס זי האָט געהאט אין דער גאנצער סוויווע פון מאזעפּעווקע ארום און ארום".

אגעוו, צוליב דעם אָנגעוויזענעם צוועק ווענדט מען אָפּט אָן אויך א פעריפראזע — א באשרײַביקן אויסדרוק. אשטייגער: אָנשטאָט איבערצוכאזערן צו אָפּט

דעם נאָמען „שאָלעם־אַלייכעם", זאָגט מען: דער אוו־טאָר פון „מענאַכעם־מענדל", דער אוטאָר פון „טעוויע דער מילכיקער". אָדער: אונדזער גענ:אַלער הומאָריסט...

ווען איינטאָניקייט איז געוואונטשן, כּאַזערט מען דאפקע איבער איינס און דאָס זעלבע וואָרט. לעמאָשל: בא פּערעצן — וועגן באָנצע שווייַג: „שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן". אָדער בא בערגעלסאָנען — וועגן פיליפּאָוון פון „מידאַס־האַדין": „...אין קאַנצעליאַריע איז געזעסן אַ געווינלעך־וואָכעדיקער מענטש, מיט אַ געווינלעך־וואָכעדיקן אויסזען און מיט געווינלעך־וואָכעדיקע פּעטלעך־שוואַרצע שטיוול — שטיוול, וואָס פּאַרשפּרייטן אַרום זיך דעם אייגענעם רייעך, וואָס אַלע אַנדערע געווינלעכע פעט געשמירטע שטיוול..."

אַזאַ איבערכאַזערונג קומט אַמאָל אויך צוליב אַ שפּאַס, ווי בא שאָלעם־אַלייכעמען — וועגן ביאַליקס שטעקשיך: „...האָב איך געבראַכט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט און האָב אַראָפּגענומען אַ בילד פון די שטעקשיך, און איך שיק אים אַרויס דאָס בילד פון די שטעקשיך, ער זאָל זיך צוקוקן צו די שטעקשיך און זאָל מיר באַלד מודיִע זייַן דורך אַ בריוול, אויב די שטעקשיך זייַנען זייַנע שטעקשיך".

דובלעטן, און טיילמאָל אויך סינאָנימען, קומען אָפט צוליב אַ טייַטש. אַשטייגער בא פּערעצן: „אין גרויספּוילן הייסט קאַטשקע — ענטע". אָדער בא שאָלעם־אַלייכעמען: „ער אַנאַטאָמירט (צעשנייַדט) דעם גוף פון דעם מענטשן".

אייניקע דובלעטן, וועלכע מע פלעגט צוליב אַ טייַטש אָפט ברענגען איינע לעבן די אַנדערע, זייַנען מיט דער צייַט צונויפגעזעצט געוואָרן. לעמאָשל: טאַטע־פּאָטער, פּראָסט־פּאָשעט, כּיי־געלעבט, מעשונעמאָדנע, מעגושעם־גראָב. אַמאָל באַקומט אַ דובלעטןצונויפזאַץ אַ נייַעם באַטייַט. די טיילן פונעם וואָרט „כאַמער־אייזל" באַטייַטן איינס און דאָס זעלבע, אָבער דער צונויפזאַץ — שוין גאָר עפּעס אַנדערס: אַ ווייַבערניק, אַ נאַפּקעניק, אַ נויעף, אַ לאָוועלאַס.

צומאָל ווערט דער פאַקט פון דער צונויפזעצונג פאַרגעסן, און מע הערט אויף צו פילן אינעם צונויפזאַץ זייַנע וואָרצלדיקע טיילן, ווי אַשטייגער אינעם וואָרט „פּיפּערנאָטער", וואָס איז געשאַפן פון די דייַטשישע „וויפּער" (אַ גיפטיקע שלאַנג) און „נאַטער" (אַ שלאַנג) און ווערט אין ייִדיש מערסטנס געניצט אַלס אַ מעטאַפאָרע מיט פאַרשיידענע ניואַנסן.

טיילמאָל ברענגט מען דובלעטן, קעדיי אונטערצושטרייַכן מיט זיי פאַרשיידענע דיִאַלעקטן, ווי אין האָפּשטיינס אַ ליד, וואָס איז געווידמעט דעם ליטוואַק נויעך לוריִע: „פון ביימער שמועסן מיר, פון זייער ווונדערלעכן רויש, פון אַלץ, וואָס איך האָב ליב און ער האָט האָלט".

בא האָפּשטיינען פילט די דובלירונג אויס אַ געוויסע שליכעס. אָבער וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס דובלירן אין פאָלגנדיקער פראַזע:

וויִ איך האָב דיך ליב, ווי איך האָב דיך האָלד,
דייַנע האָר זענען גאָלדענער פון גאָלד.

מע דאַרף קלערן, אַז דאָ קומט „האָלד" צוליבן גראַם. אַ גראַם אין דיכטונג איז בעפיירעש אַ יעש, אויב נאָר ער דינט ניט בלויז דער קלאַנגלעכער זייַט פונעם פערז, נאָר אויך דעם אינהאַלט. אָבער מיט וואָס קאָן אַ דובלעט באַרייַכערן דעם אינהאַלט, אַז ער גיט גאָרנישט צו! נאָר עפּשער מיינט דער דיכטער, אַז צווישן „ליב" און „האָלד" (ריכטיקער איז: האָלט) איז פאַראַן עפּעס אַ ניואַנס אינעם באַטייַט? אָבער אַזאַ אויפפאַסונג איז צו סוביעקטיוו. באַם ניצן ווערטער אין דער ליטעראַטור רעכנט מען זיך דאָך מיט זייער אָביעקטיוון באַטייַט אינעם אַלגעמיינעם פאָלקסלאָשן, און אינעם ליטעראַרישן ייִדיש זייַנען „ליב" און „האָלט" שוין זייער לאַנג דובלעטן. אין מוישע שערטלס ווערטערביכער „לקח טוב" און „באר משה" (לעקאַך טויוו, בעייר מוישע, פּראָג, 1604, 1605) האָט איר אי „ליב" אי „האָלט".

אַגעוו, אין די דאָזיקע ספאָרים, וואָס האָבן אַ ריי יאָרן געדינט אַלס הילפביכער באַם לערנען טאַנאַך און זייַנען געווען אָנגענומען אין אַלע ייִשוווים פון די אַשקענאַזישע ייִדן, זייַנען אַלס טייַטשן צו אַ ריי טאַנאַכישע ווערטער געגעבן דובלעטן. אַשטייגער: „פרי — ווּרכט אודר אופש" [=פרוכט אָדער אויבס]; יעופף — ער זול וליהן אודר שוועבן"; „רב — ויל אודר גינוק" [=פיל אָדער גענוג]. די דאָזיקע דובלירונג האָט מיטגעהאָלפן דער פאַרשפּרייטונג פון שערטלס ספאָרים, האָט באַרייַכערט די ייִדיש־דייַטשישע דיִאַלעקטן און אין אַ געוויסער מאָס זיי דערנעענטערט איינע צו די אַנדערע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַף דער דאָזיקער דערנעענטערונג האָט אַ באַזונדערס גרויסע ווירקונג געהאַט זייער געמיינזאַמער פאָנד פון אַ מאַסע העברעיִשע אויסדרוקן, אָבער דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך.

נאַטירלעך, אַז אין אַ ליטעראַריש ווערק, איבערהויפּט אין דירעקטע רייד, קאָן מען צוליב סטיליזירצוועקן טיילווייַז דערלאָזן אייניקע אָפּווייַכונגען פון די ליטעראַרישע נאָרמעס, דערין אויך אַ באַטייַטלעכע דיפערענצירונג פון דובלעטן. מע דאַרף עס אָבער טאָן זייער באַדאַכט, ניט איבערכאַפּן די מאָס און ניט קאַליִע מאַכן דעם אייגענעם אופּטו.

לאָמיר נעמען אַ פראַגמענט פון אַ דערציילונג. אַ ייִד פון ווייַסרוסלאַנד הערט אויס די רייד פון אַ פרוי וועגן אירע קרויווים, און ער זאָגט צו איר:

— ...איר האָט זיי זייער ליב.

— ליב? איך האָב זיי האָלט, ווי מייַן לעבן.

— וואָס איז דאָס האָלט?

— האָלט איז מער, ווי ליב!..

דאָ האָבן מיר ווידער אַ סוביעקטיווע אויפפאַסונג פון „האָלט". אָבער דאָ איז מעשונע ניט בלויז דאָס, נאָר נאָך עפּעס און וויכטיקערס. ווי קומט אַ ייִד פון ווייַסרוסלאַנד, און נאָך אַ ייִדישער ייִד, ניט צו וויסן, וואָס „האָלט" איז? דאָס דאָזיקע וואָרט איז דאָך בא אַזאַ ייִדן שטענדיק אין מויל. עמעס, ער ניצט אויך דאָס וואָרט „ליב" און ווייסט פונעם ווערטל „אַז דיר איז ליב, איז מיר ניכע", אָבער „האָלט" און אויך „העלטער" (מער ווי „האָלט") זייַנען בא אים אַלעמאָל אין דער ערשטער ריי. דער פאַרלאַנג צו דיפערענצירן די באַטייַטן פון „ליב" און „האָלט" האָט דאָ אונדזער אוטאָר פאַרפירט, און ער האָט ניט דערזען די פאַקטישע און קינסטלערישע אומפינקטלעכקייַט, וועלכע ער האָט דאָ געוויס צופעליק דערלאָזט.

די גרענעץ צווישן דובלעטן און סינאָנימען איז ניט אַלעמאָל גענוג בוילעט, ווייַל זיי קרייצן זיך

צײַטנווײַז איבער אײנע מיט די אַנדערע. אַ שפּראַך איז דאָך, ווי אַלץ אין דער וועלט, שטענדיק אין באַוועגונג, ביפּראַט — דער ווערטער־באַשטאַנד. נײַע ווערטער קומען אויף, און עלטערע פֿאַרשווינדן פֿון צײַט צו צײַט. די נײַע ווערטער, ווי ס׳איז באַוווּסט, ווערן געשאַפֿן מיט די מיטלען פֿון דער אײגענער שפּראַך (וואָרצלען, פּרעפֿיקסן, סופֿיקסן אאַ.), אָדער מע נעמט פֿאַרטיקע פֿון אַנדערע לעשוינעס און דיאַלעקטן. דערבײַ באַקומען זיך אָפּט דובלעטן און סינאָנימען. לעמאָשל: „הענקער״ — פֿון דײַטש, „טאַליען״ — פֿון העברעיִש, „קאַט״ — פֿון סלאַווישע שפּראַכן. אָדער: „געפּעס״ און „געשיר״ — פֿון דײַטשישע דיאַלעקטן.

דובלעטן און סינאָנימען קומען אויך אויף מאַכמעס די ענדערונגען פֿון באַטײַטן. אַשטייגער: מיט די ווערטער „טײַטשן״, „פֿאַרטײַטשן״ האָט מען אַמאָל געמיינט מאַכן אויף טײַטש (דײַטש). מיט דער צײַט אָבער האָט מען גענומען (פֿאַר)טײַטשן אויך אויף אַנדערע שפּראַכן, און „(פֿאַר)טײַטשן״ איז אַזוי־אַרום געוואָרן אַ סינאָנים צו „איבערזעצן״ און צו „דערקלערן״. דאָס וואָרט „אוישער״ (עושר) באַטײַט אין העברעיִש רײַכקײַט, אין ייִדיש איז עס געוואָרן אַ סינאָנים צו „גוויר״, צו „נאָגיד״. „אַדיר״ איז אין העברעיִש אַ שטאַרקער, אַ מעכטיקער, אין ייִדיש — אַ גוויר, אַ נאָגיד. די ווערטער „בעהיימע, פֿערד, אָקס, לאָקש, גוילעם, בעהיימע בעצוראַס פֿערד״ און אַ רײ אַנדערע זײַנען אָפּט סינאָנימען צום וואָרט „נאַר״. דעם זעלבן באַגריף דינט אויך דער ביבלישער נאָמען „ווײַזאָסאַ״ (האָמאַנס אַ זון). דער ביבלישער נאָמען דאַלפֿן (דלפון — ווײַזאָסאָס אַ ברודער) איז געוואָרן אַ סינאָנים צו „אָרעמאַן, קאַפּצן, בעטלער, עוויען, אָני־וועעוויען״ אאַ.

אין אַ לעבעדיקער שפּראַך קומט פֿאָר אויך אַ פֿאַרקערטער פּראָצעס: דובלעטן און סינאָנימען הערן אויף צו זײַן אַלס אַזעלכע. „ליפּן״ און „לעפֿצן״ האָבן אַ לאַנגע צײַט באַטײַט דאָס זעלבע, אין אונדזערע יאָרן איז „לעפֿצן״ שוין אַן אַרכאַיִזם — אַ פֿאַרעלטערט וואָרט, וואָס ווערט אין דער לעבעדיקער שפּראַך קימאַט ווי ניט גענוצט. „מער״ און „מיין״ דובלירן שוין זייער לאַנג אין דער ליטעראַטור. אין וויצנהויזנס „תנ׳ך״ (טאַנאַך), אַמסטערדאַם, 1679, קאָנט איר לייענען: „אונ׳ דיא קלוגהייט פֿון (שלמה) דיא וואר גרעשיר מין [איז געווען גרעסער מיין. — ע. פֿ.] אַז אַל דיא קלוגהייט פֿון דען קינדר פֿון (מזרח) אונ׳ מער אַז אַל דיא קלוגהייט (פֿון מצרים)״*. אָבער עס זײַנען פֿאַראַן מעקוימעס, ווו דאָס וואָרט „מיין״(=מער) איז אומבאַקאַנט. פֿאַרן ברייטן אוילעם איז מיסטאַמע אויך אומבאַקאַנט דער אויסדרוק „שטוילער״, וואָס האָט זיך אַ צײַט געהאַלטן אין די מײַלער פֿון קרעמער, ווען זיי האָבן צוליב געוויסע טײַמים ניט געוואָלט אָנקומען צום וואָרט „גאַנעוו״.

האַקלאַל, די ענדערונגען אין אַ שפּראַך ברענגען צום אויפֿקום פֿון דובלעטן און סינאָנימען, ווי אויך צו זייער אָפּגאַנג. דערבײַ גייען ביידע פּראָצעסן ניט גאָר אַלצייִנס אין פֿאַרשיידענע טעריטאָריעלע און סאָציאַלע דיאַלעקטן. אָט פֿאַרוואָס עס איז טײלמאָל שווער צו דערפֿילן דעם כילעק צווישן דובלעטן און סינאָנימען, אויב באַטראַכטן זיי אויסער אַ זאַץ. אָבער אין אַ קאָנקרעטן טעקסט פֿילן מיר גאַנץ גרינג די מעכיצע צווישן זיי. סינאָנימען לאָזן זיך ברענגען אין אַ זאַץ אײנע לעבן די אַנדערע, דובלעטן — ניט. סינאָנימען גיבן די מעגלעכקײַט צו באַטאָנען שאַטירונגען פֿון זאַכן, ווי אויך אויסצודריקן דעם אויטאָרס אַ פֿאַרשיידענע באַציִונג צו די זאַכן. אַ סינאָנים פֿאַרשטאַרקט דעם געדאַנק, דאָס בילד, באַרײַכערט זיי, אָבער אַ דובלעט גיט ביכלאַל גאָרנישט צו און דעקט נאָר אויף דעם שרײַבערס לאַהעטקײַט סטאַם נאָך ווערטער.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך מיט סינאָנימען טאָר מען ניט איבערכאַפּן די מאָס. די פֿאָדערונג פֿון שפּאָרזאַמקײַט איז כאַל אויך אויף זיי.

אויב מע ברענגט אין אַ זאַץ עטלעכע סינאָנימען אײנע לעבן די אַנדערע, שטעלט מען זיי אויס אין אַ געוויסער גראַדאַציע (בעהאַדראָגעדיקײַט, אָנוווּקס) סײַ לויט זייערע באַטײַטלעכע ניואַנסן און סײַ לויט זייערע פֿאָנעטישע אייגנשאַפֿטן, ווי אַשטייגער אין פֿאָלגנדיקע זאַצן שאָלעם־אַלייכעמס: „ביסט אַ נאַר, ביסט אַ שויטע! אַ פּערעאָדאָם ביסטו!״

„ווער עס האָט פֿערד, טאַקע סוסים, און ווער עס האָט פּעגירעס, נעוויילעס, פּעגל״.

4. קלאָרקײַט און פּינקטלעכקײַט

וועגן דער וויכטיקײַט צו ריידן און שרײַבן קלאָר איז, דאַכט זיך, ניט נייטיק צו ריידן אַ סאַך. אַן אומקלאָרע שפּראַך איז קיין שפּראַך ניט. עס זײַנען אָבער פֿאַראַן פֿאַלן, ווען מע וויל דאַפֿקע, אַז וואָס ווייניקער מענטשן, ביפּראַט „זײַטיקע״, זאָלן דאָס געזאָגטע פֿאַרשטיין. דעריבער קומען אויף פֿאַרשיידענע פֿאַרשטעלטע שפּראַכן (זשאַרגאָנען, אַרגאָ): קלעזמערשע, אַקטיאָרישע אאַ. אַשטייגער בײַ שאָלעם־אַלייכעמען: „ווער איז די שעכטע, וואָס שטייט לעבן דער סמיסאַנקע? — פֿרעגט סטעמפּעניו אויף קלעזמערלאָשן... — גיי נאָר און פּראָבע אויס מאַטאַם, אָבער קודקע״ (דאָס הייסט: ווער איז די פּרוי, וואָס שטייט לעבן דער קאַלע... גיי נאָר און ווער געוואָר, ווער איז זי, אָבער געשווינד).

פֿאַרשטעלט איז אָפּט אויך די רייד פֿון גאַנאָווים און באַנדיטן. בײַ שאָלעם־אַלייכעמען איז פֿאַראַן אויך אַזאַ בײַשפּיל: „וואָס טײַשט איר ווי די מיילענע לויגעמס? לאָז מען אים ניבדן די טהען מיט די סיף! — רופֿט זיך אָן דער הייזעריקער אויף זייער פֿאַרשטעלטער שפּראַך״... (דאָס הייסט: וואָס שטייט איר ווי די ליימענע גוילעמס? לאָז מען אים בינדן די הענט מיט די פֿיס).

דאָ, ווי איר זעט, איז שוין אָנגעווענדט אַן אַנדער מיטל צו מאַכן די שפּראַך פֿאַרשטעלט: ניט מע פֿאַרבײַט די ווערטער אויף אַנדערע און אומבאַוווּסטע, נאָר מע טראַנספֿאָרמירט זיי פֿאָנעטיש. צו אַזאַ טראַנספֿאָרמאַציע קומען טײלמאָל אָן אויך קינדער, אַשטייגער בײַ מענדעלען: „אונדזער הערשעלע פֿאַלט אויף אַ האַמצאָע בײַ מוישע־יאָסיס אָנקומען, און נישט

* דאָס וואָרט „און״ האָט מען אין אַלט־ייִדיש מערסטנס געשריבן מיט אַ קורצן „נ״ און מיט אַן אַפּאָסטראָף נאָך אים. אין אַ רײ טעקסטן זײַנען די העברעיִזמען אין קלאַמערן.

לאנג געטראכט, מאכט ער צו אים אף קונדעס־לאָשן אזוי: — סויסע־סאָסי, מוישע־יאָסי, סו סילסט, דו ווילסט, סאן סראנק, זײַן קראנק?".

אָדער אזא פאל פון פארשטעלטקייט בא שאָלעם־אלייכעמען: „דער כיידער איז דעם אָדן [דעם הער. — ע. פ.] דאפקע געפעלן. ער פרעגט, מאַ־יאָ־קאָר [ווי טײַער, וואָס קאָסט, וואָס פאר א פרײַז. — ע. פ.], וויפל דאבערט מען אים?"

צו פארשטעלטקייט קומט מען אויך אָן, ווען מע וויל ניט אָנרופן געוויסע געגנשטאנדן אָדער פיזיאָלאָגישע אקטן מיט זייערע נעמען. אשטייגער: „איך ליג מיטן פאָנעם אראָפּ און מיטן ווי־הייסט־עס ארויף" (מענדעלע); „זײַט ניט אָט דאָס, וואָס סע קוויטשעט" (שאָלעם־אלייכעם); „ס'ארט אײַך טאקע לאכלוטן נישט, וואָס אָט דער „איר זאָלט מיר מויכל זײַן" קריכט צו אײַך אין שטוב?" (בערגעלסאָן).

פארשטעלטקייט און אומקלאָרקייט ווערן אין דער שפראך אָנגעווענדט שוין זייער לאנג. נאָך דער האלב־לעגענדארער גריכישער מעשאָלים־שרײַבער עזאָפּ, וואָס האָט געלעבט אין VI יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע, פלעגט צוליב פּאָליטישע טײַמים אָפּט אָנקומען צו אומקלאָרע רייד, צו רעמאָזים, פלעגט עפּעס ניט דערזאָגן, אָבער באהאוונטע מענטשן פלעגן זיך אָנשטויסן, וואָס ער מיינט.

אויך פרײַדענקער און רעוואָליוציאָנערן האָבן אין זייער קאמף קעגן רעליגיע און קאָנסערוואטיווע רעזשימען אָפּט געניצט א פארשטעלט לאָשן. ווי אשטייגער דער פראנצויזישער פילאָסאָף דידראָ (1713 — 1784) אין זײַן אטעיסטיש ווערק „א שפּאציר פון א סקעפּטיקער".

אנדערע, ביפראט קירכלײַט און פארטיידיקער פון קאָנסערוואטיווע רעזשימען, האָבן צוליב זייערע צוועקן אויך אָפּט געניצט און ניצן אדהײַעם אומקלאָרע דיבורים. נאָך אין אוראלטן גריכנלאנד האָבן א ריי סאָפיסטן — די לערער פון כאָכמע און רעדנערקונסט — שוין געוווּסט ווי צו נארן דעם אוילעם, אָנווענדנדיק פילבאטײַטיקע ווערטער.

פילבאטײַטיקייט פון ווערטער (פּאָליסעמיע) איז אייגנטימלעך יעדער שפראך. דאָס וואָרט „אָפּעראציע" אין מויל פון א כירורג, פון א בוכהאלטער, פון א מיליטערמאן — באטײַט פארשיידנס. א ספּעציעלער און שטארק בוילעטער פאל פון פּאָליסעמיע איז האָמאָנימיע — ווען א וואָרט האָט פארשיידענע און גאנץ ווײַטע באטײַטן. אשטייגער: ער וועט דײַן זײַן געהילף; דייער ארבעט איז דייער וויכטיק; זאָגן א סאָד אין סאָד.

האָמאָנימען דינען אָפּט אלס מאטעריאל פאר קאלאמבורן (וואָרטשפּילן). לעמאָשל: „איך... זאָג דעם (פערד) צו... ווײַזן א היי אין סידער" (שאָלעם־אלייכעם). „בא א פאריקמאכער הענגט דאָס לעבן אף א האָר".

קורץ, א וואָרט איז ביכלאל פּאָליסעמאנטיש. מאָנאָסעמאנטיש (איינבאטײַטיק) איז א וואָרט אין קאָנטעקסט. אמאָל איז גענוג, אז דער קאָנטעקסט זאָל זײַן א גאנץ קנאפּער. אשטייגער: „דער זון — די זון". און אמאָל העלפט ניט א גאנץ גרויסער קאָנטעקסט. אין אן אָפּהאנדלונג וועגן אווראָם רייזענען איז געזאָגט, אז ער „איז זעלטן מוזיקאליש", און פון דער גאנצער אָפּהאנדלונג איז ניט קלאָר, צי דער דיכטער איז אויסערגעוויינלעך מוזיקאליש צי ער איז זייער ניט אָפּט מוזיקאליש. דאָס וואָרט „זעלטן" איז געבליבן צווײדײַטיק.

אָט מיט ענלעכע צווײדײַטיקײַטן פון ווערטער פלעגן א ריי סאָפיסטן מאכן זייערע זאצן אומקלאָר.

צומאָל קאָן אזא צווײדײַטיקייט ניט שטערן און אפילע זײַן גאנץ צוגעפּאסט, ווי אין פאָלגנדיקן פראגמענט פון פּערעצעס „דאָס שטרײַמל": „די בריע איז באָרעכהאשעם פריער אין נאָך א קלענער שטעטל א מעלאמעד געווען. און מײַן טאטע אָלעווהאשאָלעם — איידער ער האָט געזען, אז עס וועט שוין פון מיר קיין לײַט ניט זײַן, האָט ער מיך אהין געשיקט צו דער בריע לערנען. עס איז געווען א שלימאזל, וואָס די וועלט פארמאָגט עס נישט! א זעלטענער מעלאמעד!"

אָבער אזעלכע פאלן זײַנען גאנץ ווייניק. ביכלאל איז צווײדײַטיקייט אין דער שפראך א גרויסער כיסאָרן, ווײַל מאכמעס דעם פארלירט זי איר הויפּט־אויפגאבע: קאָמוניקאציע (פארקער, פארבינדונג). „ווערטער, — זאָגט דער אמעריקאנער לינגוויסט סעפּיר, — זײַנען ניט נאָר שליסלען, זיי קאָנען ווערן אויך קייטן".

צווײדײַטיק קאָן א זאץ אמאָל ווערן אפילע איבער א שלעכט בינדוואָרט. אינעם פאָריקן ארטיקל איז שוין געווען א רייד וועגן דעם זאץ „די שיינע טאָכטער פונעם אוישער קאלבאָ־סאָוואָ, וואָס האָט ליב באקומען אקיווען, ווען ער איז נאָך געווען אן אָרעמער פאסטעך". ווער האָט ליב באקומען אקיווען — קאלבאָ־סאָוואָ צי זײַן טאָכטער? דער סייכל זאָגט, אז די טאָכטער, אָבער דער בוי פונעם זאץ ווײַזט, אז קאלבאָ־סאָוואָ. ווען דאָ וואָלט אָנשטאָט דעם „וואָס" זײַן „וועלכער" אָדער „וועלכע", וואָלט קיין צווײדײַטיקייט ניט געווען.

טיילמאָל איז א זאץ צווײדײַטיק איבער א שלעכטן ווערטער־סיידער. אשטייגער: „אפן פראָנט וואקסן צו די פיס צו די שטיוול". דעם דאָזיקן זאץ קאָן מען לייענען אף צוויי אויפאנים: 1) אפן פראָנט וואקסן צו — די פיס צו די שטיוול; 2) אפן פראָנט וואקסן צו די פיס צו — די שטיוול. עמעס, דאָ איז ניט שטארק וויכטיק ווי צו לייענען, ווײַל דער טאָך פון דער אינפאָרמאציע איז אין ביידע פאלן איינער און דער זעלבער. דער אונטערשייד איז דאָ נאָר א פאָרמעלער, א גראמאטישער: אינעם ערשטן פאל איז דער סוביעקט, דער טוער, „די פיס"; אינעם צווייטן — „די שטיוול". אָבער אינעם זאץ „די סאָלדאטן האָבן אנטוואָפנט די ארבעטער" איז ביז גאָר וויכטיק צו וויסן, ווער וועמען האָט אנטוואָפנט. אלפּי אינערציע וועט דער לייענער אויפנעמען „די סאָלדאטן" פארן סוביעקט, ווײַל מע איז געוווינט, אז דער סוביעקט פארנעמט אין זאץ מערסטנס דעם אויבנאָן. אָבער פון דעם ווײַטערדיקן קאָנטעקסט האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער אווטאָר האָט דאָ געוואָלט באטאָנען גראָד דעם אָביעקט און האָט אים אָפּגעגעבן דאָס ערשטע אָרט. דערפון איז אָבער דער לייענער א געוויסע צײַט געווען דעזאָריענטירט.

ווען מע וויל אין אזא פאל, ווי דער ערשט אָנגעוויזענער, באטאָנען דעם סוביעקט אָדער אָביעקט, דארף מען, קעדיי אויסצומײַדן אומקלאָרקײַטן, ענדערן ניט בלויז דעם סיידער פון די ווערטער, נאָר אויך דעם ווערטער־באשטאנד, די סטרוקטור פונעם זאץ. אשטייגער:

1. די אַרבעטער האָבן צוגענומען בא די סאָלדאַטן דאָס געווער.

2. די אַרבעטער האָבן בא די סאָלדאַטן צוגענומען דאָס געווער.

3. בא די סאָלדאַטן האָבן די אַרבעטער צוגענומען דאָס געווער.

4. דאָס געווער האָבן בא די סאָלדאַטן צוגענומען די אַרבעטער.

5. בא די סאָלדאַטן האָבן דאָס געווער צוגענומען די אַרבעטער.

אין די אַלע פראַזעס (און עס זײַנען מעגלעך נאָך קאָמבינאַציעס) איז דער סוביעקט — „די אַרבעטער", און אין יעדער פון זיי זײַנען אַקצענטירט פאַרשײדענע זאַצגלידער.

פאַרשטייט זיך, אַז אָפט דערקענען מיר דעם סוביעקט און אָביעקט אַדאַנק דער לאָגיק אָדער דער מיטשטימונג, ווי אין די זאַצן: „די צײַטונג האָט געלייענט די שוועסטער"; „די רעוואָלוציע האָבן געמאַכט די אַרבעטער". אָפט דערקענען מיר די דאָזיקע זאַצגלידער אויך אַדאַנק דער בייגפאָרמע, ווי אין פאָלגנדיקע פערזן פון מוישע־לייב האַלפּערן:

וואָס גיכער די באַן שטופּט דעם רויך פאָרויס,
אַלץ גיכער שטופּט זי דער רויך פאָרויס;
און וואָס גיכער דער רויך שטופּט די באַן
פאָרויס,
אַלץ גיכער שטופּט זי אים ארויס.

אָבער אין די פאַלן, וווּ די לאָגיק, די בייגפאָרמע אָדער די מיטשטימונג פונעם פּרעדיקאַט מיטן סוביעקט זײַנען ניט גענוג אָף אויסצומײַדן א צווייטײַטיקייט, דאַרף מען טאָן, ווי ס'איז אויבן אָנגעוויזן, אָדער אָנעמען אַנדערע מיטלען און ניט דערלאָזן קיינע אומקלאָרקײַטן.

אַן אינטערעסאַנטן בײַשפּיל צו דער דאָזיקער טעמע האָבן מיר בא שאָלעם־אַלייכעמען: „א גאַדלען האָט אָבער פײַנט די וועלט, דאָס הייסט, ניט ער האָט פײַנט די וועלט, נאָר די וועלט אים". ווײַל שאָלעם־אַלייכעם האָט מיסטאָמע צוליב שפּאַס געבראַכט א „שלעכטן" ווערטער־סיידער, האָט ער ספּעציעל געמוזט אויסטײַטשן דעם אינהאַלט.

קעדיי אויסצומײַדן אומקלאָרקײַטן אין דער שפּראַך, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז א וואָרט האָט ניט בלויז א באַטײַט אָדער א סומע באַטײַטן, נאָר אויך א מיין. דער דיכטער כאַשטשעוואַצקי האָט עס אויסגעדריקט אָף אַזא אויפן:

מיר זאָגן — א הויז,
און דער אויסזען פון אויסיעס,
דער קלאַנג פונעם וואָרט ניט אַנטפּלעקט,
נאָר פאַרדעקט,
צי מיר מיינען
א מעכטיק פּילגאָרנדיק הויז עס
צי א שטיבל א ליימענס
אין שטעטלשן העק
(„ראַפאָרטן", 1931, ז. 122).

אויב מע וויל אַנטפּלעקן דעם עמעסן מיין פון א וואָרט, גיט מען צו דעם צו פאַרשיידענע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס קאָנקרעטיזירן דעם אָנגערופענעם געגנשטאַנד: א גרויס הויז, א הויז פון ציגל, א הויז באַם טײַך אאַוו. אָבער ניט אַלע מענטשן ווילן דאָך אַנטפּלעקן דעם עמעסן מיין פון זייערע רייד. עס איז גוט באַוווּסט די סענטענץ פונעם פראַנצויזישן פּרינציפּלאָזן דיפּלאָמאַט טאַלייראַן (1754 — 1838): „א שפּראַך איז געגעבן, קעדיי צו באַהאַלטן די געדאַנקען". און ער האָט געוווּסט, וואָס ער זאָגט. ער האָט געהאַט באַקומען א סאָלידע רעליגיעזע דערציִונג, האָט א סאַך יאָרן פאַרנומען גאָר־גאָר געהויבענע פּאָסטנס אין דער קירכלעכער וועלט און האָט געהאַט א גרויסע דערפאַרונג... ווי צו נאַרן אַן אָוילעם. די דאָזיקע דערפאַרונג האָט ער באַזונדערס אויסגעניצט, ווען ער איז געוואָרן אַן אויסערן־מיניסטער בא נאַפּאָלעאָן דעם I, וועלכער איז אויך געווען אַן אָנהענגער פון פאַרשטעלטע רייד אין געוויסע סיטואַציעס און האָט, אַשטייגער, באַם הייסן מאַכן א פּראָיעקט פון א קאָנסטיטוציע געקאָנט אָנזאָגן: „שרײַבט קורץ און אומקלאָר".

„קעדיי צו באַהאַלטן די געדאַנקען", זײַנען פאַראַן, ווי מיר האָבן געזען, גענוג מיטלען, און איינס פון זיי איז דער פאַקט, וואָס א וואָרט איז א פאַראַלגעמיינערונג און באַדעקט אָפט קעגנזעצלעכע באַגריפן. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער פאַקט איז באַזונדערס צום האַרצן טאַלייראַנס נאָכפאָלגער, די בורזשואַזע פּאָליטיקער און זייערע מעשאָרסים, וועלכע באַמײַען זיך אין א ריי פאַלן ניט צו אַנטפּלעקן, נאָר צו פאַרדעקן דעם עמעסן מיין פון זייערע ווערטער, איבערהויפּט, ווען עס גייט א רייד וועגן סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאַטעגאָריעס.

אָט פאַרוואָס די פירער פונעם אַרבעטער־קלאַס האָבן שטענדיק אופמערקזאַם געמאַכט אָף דער דאָזיקער ספּעציפיק פון ווערטער. ווען מאַרקס און ענגעלס ווײַזן אָן אינעם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", אַז דער פּראָלעטאַריאַט „זעלבסט איז נאָך נאַציאָנאַל", גיבן זיי צו: „כאָטש גאָר ניט אין דעם זין, ווי דאָס מיינט די בורזשואַזיע".

אָדער אַשטייגער בא לענינען: „בא אונדז מיט אונדזערע קעגנער איז דער גרונטיקער ווידעראַנאַנד אין פאַרשטיין, וואָס איז אָרדענונג און וואָס איז געזעץ. ביז אהער האָט מען געהאַלטן, אַז אָרדענונג און געזעץ איז דאָס, וואָס איז באַקוועם די פּריצים און די טשינאָווניקעס, און מיר באַהויפּטן, אַז אָרדענונג און געזעץ איז דאָס, וואָס איז באַקוועם דער מערהײַט פויערטום" (פון א רעדע אָפן ערשטן אַל־רוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון פויערשע דעפּוטאַטן דעם 22 מײַ 1917).

„קאַלזמאַן עס זײַנען ניט פאַרניכטעט די קלאַסן, — האָט לענין געלערנט, — איז ווען עס גייט א רייד וועגן פרײַהײַט און גלײַכהײַט, דאַרף אוועקגעשטעלט ווערן די פראַגע: פרײַהײַט פאַר וועלכן קלאַס? און צו וואָס פאַר א באַנוץ? גלײַכהײַט פון וועלכן קלאַס מיט וועלכן? און אין וואָס פאַר א זין?.." זעט אויך לענינס אַרטיקל „קאַמו וויגאָדנאָ?" (וועמען לוינט עס) פונעם 11 (24) אַפּרעל 1913.

די ספּעציפיק פון ווערטער צו פאַראַלגעמיינערן און צו קאָנען פאַרשלייערן זאַכן און באַגריפן האָבן

פון צײַט צו צײַט אופגעדעקט אויך אונדזערע קלאַסיקער. אשטייגער, אין דעם צווייטן טייל פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" איז דאָ אַזאַ בילד:

...„פּיניע האָט זיך אָנגעצונדן און... גענומען... שיטן מיט פײַערדיקע הויכע ווערטער: אַז אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד, זאָגט ער, פון עמעסער פרײַהײַט און פון עמעסער גלײַכהײַט, אין אַמעריקע, זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אָט־אָ־דאָ־אָ און נעבן דיר זאָל זיצן דער „פּרעזידענט" און ווײַטער אַ ביסל זאָל זיצן אַ בעטלער, אַ שלעפּער, אַ ניקס שעבע־ניקס. און נאָך אַ ביסל ווײַטער — אַ גראַף, אַ סראָ־רע, אַ מיליאָנשטשיק!.. מישט זיך אַרײַן אַ ייִד אַן עמיגראַנט, אַ ווילד־פרעמדער:

— אַז ס'איז יאָ אַזאַ גליקלעכע מעדינע, ווי איר זאָגט, ווו אַלע זענען גלײַך, פונוואַנען זשע נעמען זיך דאָרטן שלעפּערס און גראַפן און בעטלערס און סראָרעס?.."

און אָט איז אַן אויסצוג פון פּערעצעס „וועבער־ליבע", פאַרפאַסט אין 1897:

„דערפאַר איז אָבער הײַנט אַ פרײַע וועלט, קיינער טאָר מיך נישט נייטן, איך זאָל אַרבעטן... אַ פרײַער פויגל בין איך; נאָר ווער עס וויל, שיסט מיך, פּליקט מיך אָפּ און לייגט מיך אין טאָפּ אַרײַן. איך וואָלט געוועזן אַ פרײַער מענטש, איך זאָל קיין מאָגן נישט האָבן, אַז ער זאָל נישט מאָנען: עסן און עסן...

איך וויל נעמען אַ סאַך, דער ברויטגעבער וויל געבן ווייניק; מיר ביידע זענען פרײַ, און דאָך קאָן ער זיך אָן מיר באַגיין, און איך אָן אים נישט.

הײַנט הער איך אויף צו אַרבעטן, מאָרגן וואַרפט מען מיך אַף צוויי שפּענער פון דירע אַרויס; איבערמאָרגן קריג איך מאָגן־קרעמפּ פאַר הונגער..."

ווי איר זעט, האָט דאָ דער וועבער אַ טאָעס, וועלכן עס האָבן אַ סאַך מענטשן, מיינענדיק, אַז אַ „ברויטגעבער" קאָן זיך באַגיין אָן אַרבעטער. אינ־דערעמעסן, מוז ער אָנקומען צו אַרבעטער ניט ווייניקער, ווי זיי צו אים. וואָרעם פון זיי, פון זייער האָרעוואַניע, פון זייער מערוווערט איז זײַן האַכ־נאָסע. אָבער גלײַכצײַטיק איז צו זען, אַז דעם איניען פרײַהײַט האָט אונדזער וועבער מיט פיל יאָרן צו־ריק באַנומען זייער גוט — בעסער און טיפער, איי־דער אַ סאַך איצטיקע אינטעלעקטואַלן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס, וואָס איז דאָ געזאָגט וועגן „אָרדענונג" און „געזעץ", וועגן „גלײַכהײַט" און „פרײַהײַט", האָט אַ שײַכעס צו זייער אַ סאַך ווערטער, ביפראַט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישע קאַטע־גאָריעס.

האַקלאַל, לאָמיר זיך באַמיִען צו ריידן און שרײַבן אַזוי, אַז די שפּראַך זאָל זײַן וואָס קלאָרער און פּינקטלעכער און זאָל העלפן וואָס בעסער און טיפער צו פאַרשטיין זאַכן, פּראָצעסן, דערשײַנונגען פונעם גאַנצן אַרום.

5. וואָרט־אויסוואַל

באַם אָפּקלײַבן פאַר אַ טעקסט געהעריקע אויס־דרוקן רעכנט מען זיך מיט דער טעמאַטיק פונעם טעקסט, מיט זײַן צילגעווענדטקײַט, מיט דער אַי־דייען־וועלט פון די געשטאַלטן, מיט זייער מאַניר פון ריידן, געדענקענדיק, אַז אין אַ שפּראַך זײַנען פאַראַן דיִאַלעקטן און גרעסערע אָדער קלענערע אונטערדיִאַלעקטן — ניט בלויז טעריטאָריעלע, נאָר אויך סאָציִאַלע: פון פאַרשיידענע קלאַסן, פּראָפע־סיִאָנעלע שיכטן, געשלעכטן אאַ. לאָמדים, אשטייגער, זײַנען געוווינט אַרײַנצושטעלן אין זייערע זאַצן גע־מאָרע־אויסדרוקן, וואָס אַ דורכשניטלעכער ייִדיש־ריידער קומט צו זיי ניט אָן און פאַרשטייט זיי ניט. ייִדן, וואָס האָבן באַקומען אַ טראַדיציִאָנעל־רעלי־גיִעזע דערציִונג, ניצן העברעיִשע ווערטער און ביב־לישע אידיִאָמען אַ סאַך אָפטער, איידער זייערע פרויען. דינעזאָנס מירעלע, וועלנדיק אין איר בריוו צו הערשעלען זיך פאָרצושטעלן פאַר אַ מאַנספאַר־שוין, האָט געמוזט פעסטשטעלן, „אַז איר פעלן די געברויכלעכע לאָשנקוידעש־ווערטער, ווי אַ באַלע־באָס אַ מאַנצבל ברויכט צו שרײַבן". און אוודע און אוודע זײַנען אַזעלכע ווערטער ניט געווען אין מויל פון אַזאַ, ווי כאַיִם דער טרעגער פון פּערעצעס „שאָלעם־באַיִס", וועלכער האָט זיך געקלאָגט, אַז ער פאַרשטייט אַפילע ניט דאָס דאַווענען. אין פּערעצעס „האַיִשאָ מאָראַס כאַנע" זײַנען די בריוו אָנגעפּיקע־וועט מיט העברעיִזמען, אָבער אין „וועבער־ליבע" — ניט. אַ מענטש, וואָס לייענט צײַטונגען אָדער וואָס הערט שטענדיק ראַדיאָ, ניצט אָפטער אינטערנאַ־ציִאָנאַליזמען, איידער אַ מענטש, וואָס איז ווײַט פון זיי. אַ געוויסע דיפערענץ איז אויך פאַראַן אין דער שפּראַך פון עלטערע און ייִנגערע דוירעס.

פאַרשטייט זיך, אַז סאָציִאַלע שיכטן זײַנען ניט איזאָלירט איינע פון די אַנדערע, דעריבער גייען ווערטער פון איין דיִאַלעקט אָפּט אַריבער אין אַ צווייטן און ווערן מיט דער צײַט אַלפאָלקישע. אשטייגער: די לאָמדישע (טאַלמודישע) ווערטער „אַגעוו, אַגעוו־אורכע, אַדרעבע, (אַ)לעמײַ, בעפאַרהע־סיע, גופע, דעהײַנע, האַלעווײַ, מיילע (מעמיילע, בעמיילע), מיסטאַמע, מעכ(ע)טייסע אָדער מאַכטייסע, קנופיע" און אַ סאַך אַנדערע זײַנען שוין לאַנג פאַר־שפּרייט אינעם פאָלקסלאָשן, און באַ אייניקע פון זיי האָט זיך אין ייִדיש געענדערט אַפילע דער באַטײַט. און דאָך איז צווישן דיִאַלעקטן נאָך אַלץ פאַראַן אַ היפּשער כילעק, און באַם אָפּקלײַבן פאַר אַ טעקסט אויסדרוקן דאַרף מען וויסן, וואָס נעמען און וואָס ניט, רעכענענדיק זיך אויך מיט זייער פאַרשפּרייט־קײַט און צוגענגלעכקײַט. אשטייגער: די ווערטער „אויב", „טאָמער" זײַנען מער באַקאַנט, איידער „בעיִם"; „באַגינען", „פאַרטאָג", „גאַנצפרי" זײַנען מער באַוווּסט, איידער „קאַיאָר" און אוודע און אוודע איידער „קאַאַלויס".

נאַטירלעך, אַז אין אַלע פאַלן ווערט אין אַכט גענומען ניט דער לעכאַטכילעדיקער, דער עטימאָ־לאָגישער, באַטײַט פון אַ וואָרט, נאָר זײַן איצטיקער, דער קאָנקרעטער, און זײַן אַקטועלער מײַן. דאָס וואָרט „מעכ(ע)טייסע" האָט (אין העברעיִש־אַראַמיש) באַטײַט „פונוואַנען קומסטו", אָבער אין ייִדיש הייסט

עס: „אדעראבבע״, „זייער גערן״, „זאָל טאַקע זײַן
אַזוי״. דאָס וואָרט „אדעראבבע״ (אויך פון אראמיש)
באַטײַט איצט ניט נאָר „פאַרקערט״, נאָר אויך „באַ־
וויליקונג״, „האַסקאָמע״, „זייער גערן״. עס איז באַ־
קאַנט דער זאָג: „איך בין מיט אים אדעראבבע־
וועאדעראבע, און ער איז מיט מיר קידער־ווידער״.

דעם אַקטועלן באַטײַט און מיין פון א וואָרט באַ־
שטימט אָפּט דער זאַץ. דער אינהאַלט פון א זאַץ
ווערט געוויינלעך סומירט פון די באַטײַטן פון זײַנע
ווערטער, אָבער דער זאַץ גופע גיט זײַנע ווערטער
צו א קאָנקרעטן מיין. אשטייגער: „זי [שפּרינצע פון
פּערעצעס „דער מעשולעך״. — ע. פּ.] האָט שוין
אַפּילע נישט געקאָנט שעלטן, דער גאַנצער שייגעץ
איז איר פון קאָפּ אַרויס...״ דאָס וואָרט „שייגעץ״
איז אין יידיש אַנטשטאַנען צוליב שאָוויניסטישע
טײַמים אָף אַנצורופן א ניט־יידיש יינגל. מיטן וואָרט
„שייגעץ״ אָדער „שקאָץ״ מיינט מען אָפּט אויך א
„האַזניק״, א „מעכוצעף־פּאָנעם״, א „קונדעס״, א
„שטיפער״ אאַ. אשטייגער אין פּערעצעס „א קלעז־
מער־טויט״: „— הערט, קינדער... שפּילט אָן מיר, ווי
מיט מיר, שפּילט גוט... זײַט נישט קיין שקאָצים אָף
אָרעמע כאַסענעס...״ אָבער אינעם זאַץ וועגן שפּרינ־
צען באַטײַט „שייגעץ״ גאָר עפּעס אַנדערש: קאַס,
צאָרן, אופגעבראַכטקײַט. און דאָס דרינגט פונעם
גאַנצן זאַץ.

אָדער נאָך א בוילעטערער בײַשפּיל: „מע קלעטערט
אַרוף אין איין שמאַ־ייִסראָעל אָפן העכסטן בוים״
(שאָלעם־אַלייכעם). דער אויסדרוק „שמאַ־ייִסראָעל״
(שמע ישראל) איז אַן אָנהייב פון א רעליגיִעזער
פאָרמולע וועגן דער איינציקײַט פונעם יידישן גאָט
יאַהווע (יהוה), וועלכע פרומע יידן כאַזערן איבער
א פּאָר מאָל א טאָג. דער אויסדרוק באַטײַט: „הערט,
ייִסראָעל״ (הערט, יידן). ווי די מערהײַט רעליגיִעזע
טעקסטן, זאָגט מען אויך די דאָזיקע פאָרמולע גע־
וויינלעך אַרויס גיך, אָפּגעכאַפּט, פון יויצע וועגן.
אָף דעם סמאַך גיט שאָלעם־אַלייכעם צו צו די
ווערטער „אין איין שמאַ־ייִסראָעל״ דעם מיין פון
„זייער גיך״, „מיט איין אָטעם״, און דער זאַץ
העלפט צו אַנטפּלעקן דעם דאָזיקן מיין.

א געוויסע ווירקונג אָפן אָפּקלײַב פון אויסדרוקן,
בִּיפּראַט אין דירעקטע רייד, האָט אויך דער געמיט־
צושטאַנד פונעם פּערסאָנאַזש, וואָס ווערט געשיל־
דערט. פאַרגלײַכט לעמאָשל די שפּראַך פון די צוויי
ווײַבער אין פּערעצעס „מוסער״, כאַטשבי אין
פאָלגנדיקן פראַגמענט:

„— אַז מײַן מאַן איז געשטאָרבן — הייבט אָן גרונע.
— וויאַזוי רעדסטו עפּעס, גרונע?
— וויאַזוי זאָל איך ריידן?
— אָן „זיכרוינע־ליווראָכע״? און — „ניפטער גע־
וואָרן״ זאָגט מען...
— אַלציינס, ניפטער געוואָרן צי געשטאָרבן, באַ־
גראָבן האָט מען אים...
— צו קיוווער־אָוועס געקומען...
— זאָל זײַן צו קיוווער־אָוועס... נאָר מיך האָט ער
איבערגעלאָזט מיט דרײַ יעסוימים — טעטעטער...״

גרונע, א סויפערס אַן אַלמאָנע, ווייסט, אַז וועגן
א „שיינעם יידן״ זאָגט מען „ניפטער געוואָרן״, „צו
קיוווער־אָוועס געקומען״, איר איז אָבער שווער אָפן
האַרצן, ניצט זי מער וואָכעדיקע ווערטער.

אָפן אָפּקלײַב פון אויסדרוקן האָט אויך צו זאָגן
דעם שרײַבערס שפּראַכלעכע אָריִענטאַציע. זעט לעמ־
אָשל, וויאַזוי מיט א סאַך יאָרן צוריק האָבן וויצנ־
הויזן און בליץ אין זייערע טאַנאַכן איבערגעזעצט
איינע און די זעלבע פּסוקים:

וויצנהויזן

1. וויא גאר שין (שיין. — ע. פּ.) איז דיינע גרושי
פריינדשאַפּט. מיין שוועסטר. (ליבה) (כלה)*.
2. ער האָט דיא (לבנה) בישאַפן צו דען (ימים טו־
בים).

בליץ

1. וויא גאר שין איז דיין ליבשאַפט מיין שוועס־
טיר. אויך ברויט**.
2. ער האט דיא מאונט בשאַפין פאַר דיא גזעצטי
הוך צייטין.

בײדע איבערזעצונגען זײַנען דערשינען אין אַמ־
סטערדאַם קימאַט אייַנצײַטיק: וויצנהויזנס אין 1679,
בליצס אין 1676 — 1679. ווי פאַרשיידן אָבער זײַנען
זייערע סטילן. וויצנהויזן האָט זיך אָריִענטירט אָף
די יידישע דיאַלעקטן פון די לענדער בעמען (באַ־
העמיע), מערן (מאָראַוויע), עסטרײַך, פּוילן און
דײַטשלאַנד און האָט, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער
פאָרעדע צו דער איבערזעצונג, „קייני ווערטיר אין
דיזם ספר גיברויכט דיא היא אין הולאַנד אודר פּריז
לאַנד מורגל זיינן [גייען אָן, זײַנען פאַרשפּרייט. —
ע. פּ.]״. בליץ אָבער האָט זיך אָריִענטירט אָף די
אָרטיקע דיאַלעקטן און האָט געשטרעבט צו ברויכן
וואָס מער דײַטשישע פאָרמעס. אַזאַ אָריִענטאַציע
האָבן געהאַט א סאַך שרײַבער נאָך פריִער פון בליצן.
דאָס באַשטעטיקן א ריי עלטערע טעקסטן, ווי אויך
דאָס איידעס זאָגן פון אַזאַ אויטאָריטעט, ווי פראָ־
פעסאָר יאָהאַן בוקסטאָרף דער עלטערער (1564 —
1629), איינער פון די גרעסטע קענער פון העברעיִש
און יידיש צווישן ניט־יידן, וועלכער האָט אין זײַן
העברעיִשער גראַמאַטיק, געשריבן אין לאַטײַן (1609),
אינעם קאַפּיטל וועגן יידיש שוין געהאַט קאָנסטאַ־
טירט וועגן די יידן פון זײַן צײַט, אַז די, „וואָס
זײַנען איצט א ביסל זאָרגעוודיקער געבילדעט, באַ־
מיִען זיך איבערצוזעצן פײַנער און קלאָרער און
פּאַסן זיך צו צו דער אייגנטימלעכקײַט פון דער
דײַטשישער שפּראַך״.

ווי ס'איז באַוווסט, זײַנען אַזעלכע באַמיִונגען אָפּט
אָנגעגאַנגען אויך אין א ריי שפּעטערדיקע יאָרן.
אַפּילע אונדזערע עלטערע רעוואָליוציאָנערע דיכטער
האָבן טײלמאָל געזינדיקט דערמיט. אשטייגער: בא
עדעלשטאַט (1866 — 1892): „אין דעם לאַנד דער
פּיראַמידן וואַר [איז געווען. — ע. פּ.] א קיניג בײַז

* אין קאַנטיקע קלאַמערן ברענגט וויצנהויזן א
וואָרט, וואָס איז ניט פאַראַן אין דער ביבל, אָבער
וואָס ער האַלט פאַר נייטיק צוצוגעבן אין דער
איבערזעצונג.

** „קאַלע״ איז אָף דײַטש „בראַוט״. דאָס וואָרט
„קאַלע״ (אין העברעיִש „כלה״) ווערט גענוצט אויך
אין דײַטש (קאַללע): א קאַלע, א געליבטע.

און שלעכט, און עס ווערן אלע יידן זיינע דינער, זיינע קנעכט". אָדער בא באַוושאַווערן (1873 — 1915) — אין זיין ליד „צום אָנדענקען פון דאָוויד עדעלשטאַט": „דאָרטן אין אַן אָרעמען שטיבל ליגט פאַרגליווערט אפן בעט איצט די לייכע פון א קעמ־פער — פון אַן ארבעטער־פּאָעט".

נאַטירלעך, אז באם אָפּקלייבן אויסדרוקן שפּילן גאָר א גרויסע ראָליע דעם שרייבערס אידייִש־קינסטלערישע קאַוואַנעס, זיין באַציִונג צו די פּער־סאָנאַזשן, צו זייער שטייגער, צו זייער גאַנצן ארום. א שרייבער איז דאָך ניט קיין גלייַכגילטיקער רע־גיסטראַטאָר פון סטאַם געשעענישן און ניט קיין פאָ־טאָגראַף פון צופעליקע קליִענטן. א שרייבער איז א לערער, א דערציִער, א וועגוויַיזער. ער זאָרגט וועגן דעם, אז אויך דער לייענער זאָל ניט בלייַבן גלייַכ־גילטיק צום געזאָגטן, צום געשילדערטן. פאַרשטייט זיך, אז א שרייַבער א בעלעטריסט אנטפּלעקט זיינע קאַוואַנעס ניט דירעקט, ניט פּובליציסטיש, נאָר אָף א קינסטלערישן אופן. זעט, וויאַזוי מענדעלע גיט א בילד פון לייבצע דעם רויטנס איידעמל:

„איינמיטן־דערינען טוט זיך אן עפּן די טיר — און עס וויַיזט זיך א גרויסער טאַלעס־און־טפילין־זאַק... נאָך דעם טאַלעס־און־טפילין־זאַק וויַיזט זיך א הענטל, עס טוט א שמיר די מעזוזע. נאָך דעם שמיר הערט זיך א קוש, נאָך דעם קוש וויַיזן זיך פּיסלעך — און אין שטוב רוקט זיך אריַין מיט א מעשונע־ווילדן „גוט־מאָרגן" א קליין יונגערמאַנטשיקל, א דאַרס, א בלייכס, אין א לאַנגער לאַסטיגענער קאַפּאָטע מיט א יאַמשן שטעקעלע אין דער האַנט" („דאָס ווינטש־פינגערל").

קוקט זיך צו צום בוי פונעם בילד, צו דער עקס־פּאָזיציע פון זיינע געגנשטאַנדן, צו די טנועס פו־נעם פּאַרשוין, וואָס ווערט דאָ געוויזן, און צו די שפּראַך־מיטלען, וואָס ווערן דאָ אָנגעווענדט, וועט איר דערפילן אויך דעם שעפער פונעם בילד און זיין באַציִונג צום איידעמל.

אן עכטער וואָרט־מייַסטער נייטיקט זיך ניט אין אויסטערלישע ווערטער און קומט ניט אָן צו קיין געשוואָלענע זאַצן. ער שפּילט אָף אלע קיילים פון דער שפּראַך און ווייסט, ווען וואָס פאַר א קיילע צו לאָזן הערן. פּערעץ הייבט אָן זיין אויסגעצייכנטע נאָוועלע „אויב נישט נאָך העכער" מיטן וואָרט „און": „און דער נעמיראָווער פלעגט סליכעס־צייַט יעדן פרימאָרגן נעלעם ווערן, פאַרשווינדן". דער „און", וואָס געוויינטלעך קומט ער צו פאַרבינדן זאַצן און זאַצטיילן, איז דאָ גאָר אפן ערשטן פּלאַץ, און דאָס זאָגט זייער א סאַך. דער „און" מאַכט אייַך זען א רעדל כסידים, וואָס דערציילן וווּנדער פון גוטעיִדן, און אַקטיוויזירט אייַער אופמערקזאַמקייַט צו הערן אן אומגעריכטע געשיכטע וועגן דעם נע־מיראָווערס מייַסים — א געשיכטע, וואָס אנטפּלעקט פאַר אייַך דעם גרויסן הומאַניזם פון איר אויטאָר.

צולעצט, נאָך א וויכטיקער פּראַט. באם אָפּקלייַבן אויסדרוקן נעמט מען אין אַכט באַנאַנד מיט אלע אָנגעוויזענע אייגנשאַפטן אויך זייער פאָנעטישע און גראַפישע צוגעפּאַסטקייַט פאַרן לאַשן. ווען איר האָט פאַר זיך די דובלעטן „אונטערוואַסער־שיפ(ל)", „סובמאַרין", „טונקשיפ(ל)", וועט איר זיך געוויס אָנכאַפּן פאַרן לעצטן טערמין. צווישן „בעהעמאָט" און „היפּאָפּאָטאַם" וועט איר גיכער אויסקלייַבן דאָס ערשטע. און אויב מע וועט אייַך פרעגן, וואָס איז גלייַכער „מעלקשעפל" צי „דויניצע", וועט איר זיך אוודאי כידעשן, וואָס אזא פראַגע קומט גאָר אוף. דאָס וואָרט „מעלקשעפל" רעדט צו אייַך, צו אלע אייַערע כושים, רופט בא אייַך ארויס א ריי זיכ־רוינעס, אָבער „דויניצע" איז א פּוסטער קלאַנג.

דעריבער: אויב א שרייַבער איז פאַרט פאַרקאַכט אין אזעלכע ווערטער, ווי „דויניצע", „דנן", „באַריק־זיכטיקן", „פּאַסצינירן", „דעפּאָפּולאַציע" און ענלע־כע, וואָס ליגן ווי שטיינער, ווי שטעכלדראָט אפן לייענערס וועג, זאָל מען צו אזעלכע אויסטערליש־קייַטן כאָטש צוגעבן יִדישע טייַטשן.

6. פּסוקים און טייַטשן

א ריי שרייַבער און זשורנאַליסטן ווערן אָפט פאַר־כאַפּט פון פּסוקים און ציטאַטן ביכלאַל. איז לאָמיר עפּעס דערמאָנען וועגן דעם. ציטאַטן שפּילן א היפשע ראָליע אין וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע אר־בעטן. מיט א ציטאַט פון א געוויסן אויטאָריטעט באַשטעטיקט מען אן אייגענע מיינונג. די ציטאַט קומט אין אזא פאַל אלס אן איידעס (דאָס וואָרט „ציטאַט" נעמט זיך פונעם לאַטייַנישן „ציטאָ" — איך רוף אלס איידעס). צומאָל ברענגט מען א ציטאַט, קעדיי צו פּאָפּוליאַריזירן איר אויטאָר אָדער קעדיי צו פּאָלעמיזירן מיט איר, אָפּצופרעגן אירע באַהויפּ־טונגען. אָפט נעמט מען א ציטאַט, מאַכמעס זי איז קורץ און פייַן, און מע קאָן מיט איר גוט אויסדריקן אן אייגענעם געדאַנק. אין אזא פאַל איז באַזונדערס צוגעפּאַסט א פאָלקס־ווערטל, א באַקאַנטער אַפאָריזם, א טרעפלעכע פאָרמולירונג, וואָס רעדט ווייניק און זאָגט א סאַך.

טיילמאָל אָבער טרעפט איר ציטאַטן אומבאַרעכ־טיקטע, ווי לעמאָשל אין פאָלגנדיקן פראַגמענט: „אלע האָבן געוווּסט, אז משה איז געשטאָרבן אויפן באַרג נבו [נעוווי, נעוואָ. — ע. פ.], און קיינער פון זיינע מיטצייַטלער, שוין אָפּגערעדט פון די שפּעטער־דיקע דורות, האָט נישט געוווּסט, ווו זיין קבר איז — ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה — און קיי־נער האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז באַגראָבן גע־וואָרן, ביזן הייַנטיקן טאָג". דאָ גיט די ציטאַט גאָר־נישט צו צום איבעריקן טעקסט. ווען מע מעקט זי אויס און איינעם מיט איר אויך די ווערטער, וואָס נאָך איר, ווערט מען פּאָטער פון פּוסטע שורעס.

איך רייד דאָ וועגן דער ציטאַט ריין פאָרמעל. אויב צוגיין ערנסט צו דער אינפאָרמאַציע פונעם פראַגמענט, מוזן אופקומען אייניקע שיַילעס: ווי עס איז גוט באַוווּסט פון כומעש, זייַנען ארום מוישען געווען מאַסן מענטשן, וועלכע ער האָט פאַרן טויט געהאַט געבענטשט. ווי זשע קומט עס, וואָס קיינער האָט ניט געוווּסט, ווו ער איז באַגראָבן געוואָרן? אויב קיינער האָט ניט געוווּסט, פונוואַנען האָט זיך דערוווּסט דער אויטאָר פונעם כומעש — ער וויַיזט דאָך געגנוי אָן דאָס אָרט פון דער קוואָרע: „אין טאָל פונעם לאַנד מויאַוו אַקעגן בייס־פּעויר"! און אויב אין כומעש איז דאָס אָרט אָנגעוויזן, פאַרוואָס האָבן די שפּעטערדיקע דורעס ניט געוווּסט פונעם אָרט? עפּעס איז דאָ אלץ זייער ניט גלאַט. צום כומעש

קאָן מען, פאַרשטייט זיך, קיין טײַנעס ניט האָבן. מוישע ווערט דאָרט פאָרגעשטעלט ווי אַן אויסטערלישע פיגור, וואָס האָט ראַק געוויזן וווּנדער און האָט, לויט דער מיינונג פון די שעפער און צונויפשטעלער פונעם כומעש, געשפילט אַן אומגעהייערע ראָל אין א געוויסן פעריאָד פון דער ייִדישער געשיכטע. אין די מײַסעס וועגן מוישען זײַנען פאַראַן אַן א שיר לעגענדעס, טיילווײַז אויסגעמישטע מיטווירקלעכע געשעענישן, ווי אויך א סאַך סטירעס און נאַיִווקײַט, ווי געוויינלעך אין מײַסעס, וואָס זײַנען פאַרפאַסט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אינעם קינדערשן עלטער פון דער איצטיקער מענטשהײַט. ווען מיר לייענען די דאָזיקע לעגענדאַרע מײַסעס, האָבן מיר אָפט האנאָע פון זייער נאַיִווקײַט און קינדישקײַט, ווען אָבער מע פאַרופט זיך אַף זיי, ווי אַף פאַקטן, און מע ציטירט זיי אפילע, איז דאָס מער ווי קאָמיש.

א ציטאַט ווערט אָפטמאָל געבראַכט ניט ווי א רײַע, ניט ווי א צוגאָב צום געזאָגטן, נאָר ווי אַן אָרגאַנישער זאַצגליד. לעמאָשל: „...יתרומם וישתבח ויתפאר — דער נאָמען פונעם גרויסן... פּאָעט, איינעם פון די גרעסטע גײַסטער פון דער מענטשהײַט...” פאַר א לייענער, וואָס פאַרשטייט די ערשטע דרײַ העברעיִשע ווערטער פון דער ציטאַט, איז דער זאַץ א נאָרמאַלער, א קלאָרער, אָבער ווי קאָנען אים אופנעמען מענטשן, וואָס זײַנען ווײַט פון העברעיִש — און די זײַנען דאָך א סאַך מער פון יענע. אויב דער אווטאָר האָט געהאַלטן, אַז ער קאָן זיך דאָ אָן די העברעיִשע ווערטער ניט באַגיין, האָט ער זיי געדאַרפט געבן מיט א טײַטש אַף ייִדיש.

און אָט איז גאָר אַן אומגעריכטער פאַל פון ציטירן: „...אדאנק די רוסישע איבערזעצונגען איז... (זײַן. — ע. פּ.) דיכטונג געוואָרן נאָענט און טײַער דעם סאָוועטישן לייענער אינעם ברייטן זין פון וואָרט. און דערפאַר האָט די רוסישע סאָוועטישע דיכטונג אָנטיילגענומען אינעם הספד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אויפריכטיק זאָגנדיק דערבײַ: גם לי חלק בגנוך [?], בצרתך גם לי צר”. איך בין ניט מעקאַנע דעם לייענער פון דער דאָזיקער ציטאַט, אויב אפילע ער קען העברעיִש. ער וועט גוט ברעכן דעם קאָפּ, ביז ער וועט זיך כאַפּן, אַז אָנשטאָט „בגנוך” האָט דאָ געדאַרפט זײַן „ביגונך” (אין דײַן טרויער). נאָר לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז דער זעצער האָט קיין גרײַז ניט געמאַכט און אין דער ציטאַט איז אַלץ קעשורע. וועלן זי דען א סאַך מענטשן פאַרשטיין? פאַרוואָס זאָל מען איר אינהאַלט ניט איבערגעבן אַף מאַמע־לאָשן? און ווי קומט דאָס די רוסישע סאָוועטישע דיכטונג צו אָפּערירן גאָר מיט העברעיִשע זאַצן? אין רוסיש איז טאַקע פאַראַן א גאַנץ היפּשע צאָל העברעיִשע ווערטער, געקומענע פון גריכיש, פון לאַטײַן, פון ייִדיש; נאָך גרעסער איז אין רוסיש די צאָל ביבלישע אידיאָמען און זאַצן, ווי „נאָיעוו קאָווטשעג” (נויעכס טייווע), „קאָזיאָל אָטפּושטשעניִא” (א סאָיִר לאַאזאָזל), „ניע כלעבאָם יעדינים זשיוו טשעלאָוועק” אא. צווישן די רוסן זײַנען פאַראַן אויך מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט העברעיִש, און אייניקע פון זיי שטודירן דאָס לאָשן. אָבער אַז די רוסישע סאָוועטישע דיכטונג זאָל נעמען ריידן העברעיִש — דאָס איז שוין א צו גרויסע גוזמע.

קורץ, מיט ציטאַטן דאַרף מען זיך באַגיין פאָרזיכטיק, מיט קאָפּ, ניט ציטירן סטאַם אין דער וועלט אַרײַן. און קומט מען אָן צו א העברעיִשן זאַץ, דאַרף מען אים אומבאַדינגט געבן מיט א טײַטש — אָן דראַש, אָן איבעריקער פרײַקײַט און אוואַדע און אוואַדע אָן אויסטראַכטענישן.

מיר איז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו ברענגען בײַשפּילן פון אומגעלונגענע טײַטשן. לאָמיר ברענגען נאָך א פּאָר.

אין איינער א דערציילונג ווערט וועגן וואָרט „תיקו” געזאָגט פאָלגנדיקס: „טייקו — תשבי יתרץ קושיות ואביות — מאָשיִעך וועט פאַרענטפערן אַלע קאַשעס (א טאַלמודיש ווערטל)”. דאָ האָבן מיר א ריי בלויזן. ערשטנס, פעלט דאָ דער אייגנטלעכער טײַטש פון „תיקו”. דאָס דאָזיקע אַראַמישע וואָרט, וואָס טרעפט זיך אָפט אין גמאָרע, באַטײַט: „זאָל בלײַבן”, „זאָל שטיין” (די קאַשע, די פראַגע, וועלכע די טאַלמודיסטן האָבן ניט געקאָנט לייזן). צווייטנס, דער זאַץ „תשבי יתרץ...” איז ניט „קיין טאַלמודיש ווערטל”, נאָר א פאָלקס־דערקלערונג, א פאָלקס־עטימאָלאָגיע, וואָס נעמט דאָס וואָרט „תיקו” אוף ווי א ראָשעטייוועס. דריטנס, „תשבי” (טישבי) איז ניט מאָשיִעך, נאָר איילִיאָהו האנאָווי — ער הייסט אין טאַנאַך „אליהו התשבי”. פערטנס, קיין וואָרט „אביות” איז אין העברעיִש ניטאָ. עס איז דאָ „אבעיות” אָדער „בעיות”. אינעם אָנגעוויזענעם ראָשעטייוועס דאַרף זײַן „בעיות” מיט א „ו” („ובעיות”).

און אָט איז א בײַשפּיל פון גאָר א ווילדער אויסטראַכטעניש: דער זאַץ „כל דצריך ייתי ויפסח” (פון דער פּייסעכדיקער האַגאָדע) ווערט אין איינער אַן אַרבעט געטײַטשט אַזוי: „יעדער, וואָס איז טרויעריק, זאָל קומען און זיך מיט אונדז פרייען”. און דאַרפן האָט דאָ געדאַרפט זײַן פאָלגנדיקס: יעדערער, וואָס נייטיקט זיך, זאָל קומען און פּראַווען פּייסעך.

בא אייניקע לייענער וועט דער מאָדנער טײַטש פונעם לעצטן בײַשפּיל עפּשער אַרויסרופן די אַסאָציִאַציע מיט שאָלעם־אַלייכעמס טעוויען, וועלכער האָט אויך ליב געהאַט צו טײַטשן זייער פרײַ. ס'איז אָבער ניט קיין פאַרגלײַך. טעוויע שפּילט מיטן וואָרט, ווי אַן עמעסער ווירטואָז, זײַנע פרײַע טײַטשן, און אָפט זייער בייזע, העלפן אים צו אַנטפּלעקן זײַן אָפּטימיסטישן הומאָר און גיבן אים די מעגלעכקײַטן צו לאַכן און אָפּלאַכן פון זייער א סאַך זאַכן (וועגן דער ספּעציפיק פון טעוויעס הומאָר האָב איך געענוי געשריבן אינעם אַרטיקל „טעוויעס פּסוקים”, וואָס איז געווען געדרוקט אין די וואַרשעווער „ייִדישע שריפטן”, נומערן 10 — 12 פאַר 1956 און נומער 1 — 1957). אָבער אינעם טײַטש פונעם לעצטן בײַשפּיל קאָן מען אַנטפּלעקן נאָר איינס — א טאַנדעטנע אַרבעט.

די פראַגע וועגן טײַטשן איז זייער אַן ערנסטע. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז צווישן דעם לאָשן פון אונדזערע קלאַסיקער און אונדזער איצטיקן ייִדיש איז פאָלג מיך א גאַנג. אויב מיר ווילן, אַז אונדזער לייענער זאָל זיך גוט פאַנאַנדערקלײַבן אין די ווערק פון די עלטערע שרײַבער, דאַרף מען די ווערק אַרויסגעבן מיט טײַטשן און דערקלערונגען. דאָס פּאָדערט וויסן און א פאַראַנטוואָרטלעכע באַציִונג. אַלס א גוטן בײַשפּיל וואָלט מען געקאָנט ברענגען

די אָנמערקונגען און דערקלערונגען, וואָס עס האָט געמאַכט אווראָם פרומקין צום באַנד פון פּערעצעס ווערק, וועלכער איז דערשינען אין מאָסקווע, 1959.

7. שפּאָרזאַמקייט און זעלבסטקאָנטראָל

א גוטע שפּראַך רעדט ווייניק און זאָגט א סאַך. דאָס ווערט דערגרייכט מיט א ריכטיקן אָפּקלייַב פון פּאַסיקע ווערטער און מיט אויסמײַדן די, וואָס גיבן דעם אינהאַלט פונעם זאַץ גאָרנישט צו. לעמאָשל: „דער פּלענום האָט אָנגענומען א באַשלוס מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט...” פאַרוואָס זאָל מען דאָ ניט זאָגן קירצער: „...האָט אָנגענומען פאָלגנדיקן באַשלוס”?

אָדער אַזאַ פאַל: (זי) „האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצוזויגן... א ברעקל קינד, ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס זי האָט געהאַט גענוג מילך”. שטעלט אוועק אָנשטאָט די פינף אונטערגעשטראָכענע ווערטער א „האָגאָם” אָדער א „כאָטש”, און איר וועט דעם זאַץ באַפרײַען פון זײַן געשווילעכץ...

איבעריק זײַנען געוויינטלעך אויך טאַווטאָלאָגיעס — ניט נאָר בוילעטע, בעפיירעשע, ווי „א פרומער צאַדיק” אָדער „קאָפּשווינדל אין קאָפּ”, נאָר אויך ווייניקער דײַטלעכע, ווי אינעם זאַץ „עס דאַרפן נאָך פאָרקומען צווייצדדימדיקע געשפּרעכן צווישן ביידע דײַטשישע מלוכות”. וויבאַלד די געשפּרעכן וועלן זײַן צווישן ביידע מעלוכעס (צווישן צוויי צדאָדים), הײַנט צו וואָס דאַרף מען דאָ דאָס וואָרט „צווייצדדימדיקע”?

אָדער אפילע גאָר א פאַרשטעלטע טאַווטאָלאָגיע, ווי אינעם זאַץ „דעם סאָוועטישן לייענער איז גוט באַוווּסט אזשײַעווס פּאָפּולערער ראָמאַן „ווײַט פון מאָסקווע”. דאָס וואָרט „פּאָפּולערער” איז דאָ א טאַווטאָלאָגיע, ווײַל ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז דער ראָמאַן איז „גוט באַוווּסט”. עמעס, „פּאָפּולערער” באַטײַט אויך א „צוגענגלעכער”, און ווען דאָ וואָלט געגאַנגען א רייד וועגן א וויסנשאַפטלעך ווערק, וואָלט דאָס וואָרט „פּאָפּולערער” זײַן צוגעפּאַסט, אָבער אין דער ציטירטער פראַזע איז עס א פאַראַזיט.

א פאַראַזיטאַר וואָרט איז פאַראַן אויך אין פאָלגנדיקער פראַזע: „דער נײַער זיג פון די סאָוועטישע פידלער איז א הערלעכער באַווײַז פון די דערפאָלגן פון דער סאַמע פאָרגעשריטענער, רעאַליסטישער, פּראָגרעסיווער סאָוועטישער קונסט”. נאָך „סאַמע פאָרגעשריטענער” איז „פּראָגרעסיווער” א לעבלעכער עפּיטעט — ער איז ניט נאָר איבעריק, נאָר אויך נאַריש.

אַן איבעריק וואָרט איז אויך אינעם זאַץ „די סטירע איז טאַקע פאַראַן געווען באַם דיכטער”. די פאָרמע „פאַראַן געווען” איז אין אייניקע מעקוימעס פאַרשפּרייט, אָבער אין דער ליטעראַרישער שפּראַך ניט. דעריבער איז גלײַכער אָנעם „פאַראַן”.

עס איז אויך ניט קעדײַ צו קולטיווירן אינעם ליטעראַרישן ייִדיש די דיאַלעקטאַלע פאָרמע „האָט געפלעגט”+אינפיניטיוו, ווי אינעם זאַץ „ער איז געווען א גרויסער שווײַגער, האָט זעלטן געפלעגט קומען אין זײַן באַנק”, אָדער ווי אינעם זאַץ „אַזוי, הייסט עס, האָט זי געפלעגט צו טײַנען און אין זיך צו טראַכטן”. אין דירעקטע רייד קאָן מען אַמאָל לאָזן די דאָזיקע סטרוקטור לעשיים סטיליזאַציע, אָבער אין אַוטאָרשע פראַזעס דאַרף מען זי אויסמײַדן און אָנשטאָט „האָט געפלעגט” שרײַבן בלויז „פלעגט”.

אויסמײַדן ווערטער, וואָס גיבן דעם זאַץ גאָרנישט צו, איז נאָך ניט אַלץ. צוליב שפּאָרעוודיקײַט מײַדט מען אויס אויך די ווערטער, אָן וועלכע מע קאָן זיך באַגיין, אויב דער קאָנטעקסט זאָגט זיי אונטער. אשטייגער בא פּערעצן:

„קאָלזמאַן דער פּאָטער, אָלעוו־האַשאָלעם, האָט נאָך געלעבט און דאָס רעדל האָט זיך געדרייט, איז געווען א דירע, און צו עסן, און צו טרינקען, טאַקע — קעיאַד־האַמעלעך. הײַנט? אף אַלע סאָנע־צײַען געזאָגט!

דער נאַדן איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, דאָס הײַזל — פאַרקויפט!

אינדערפרי — פיש־גריץ — קאַרטאָפל מיט וואַסער!
באַנאַכט — א יײַכל מיט א נעכטיקן בייגל!
אָט דאָס איז זײַן אוילעמהאַזע!”... („דעם רעבנס ציבעק”).

פאַרשטייט זיך, אַז ניט שטענדיק איז נייטיק אַזאַ קאַרגשאַפט, ווי דאָ. ווען מע וויל פאַרשטאַרקן דעם געדאַנק, שפּאָרט מען ניט קיין ווערטער. אשטייגער: „מיט וואָס פאַר א רעכט האָט מען ענגלאַנד געהאַלטן פאַר א גרויסער מעלוכע, און אינדיע — ניט? מיט וואָס פאַר א רעכט?” מע שפּאָרט אויך ניט, ווען מע דאַרף ווײַזן א באַריידעוודיקן פּאַרשוין. דערמאָנט זיך, לעמאָשל, די שאָלעם־אַלייכעמישע זאַצן פונעם טיפּ „איך האַנדל מיט אייער האַנדל איך”. מע קאַרגט אויך ניט קיין ווערטער, ווען מע דאַרף אַלזײַטיק שילדערן אַן אָביעקט אָדער גענוי כאַראַקטעריזירן אייניקע שטריכן זײַנע, ווי אין פאָלגנדיקן פראַגמענט פון פּערעצעס „דאָס שטרײַמל”:

„עפּשער מיינט איר, אַז ער [„די בריע”. — ע. פ.]
איז מיט דער צײַט אַנדערש געוואָרן?
אָסער כאַזער! עס איז אין אים קיין שום ענדערונג נישט געשען! די אייגענע קליינע, פאַרלאָשענע, מיט אייטער פאַרגאָסענע, באַטלאָנישע, שטענדיק דערשראָקענע אויגן!”

ביכלאַל אָבער דאַרף מען זיך באַמיִען צו ריידן און שרײַבן געפּרעסט, געדיכט: יעדעס וואָרט זאָל זײַן א וויכטיקער טייל פונעם זאַץ; און יעדער זאַץ — א נייטיקער רינג אין דער קייט פון פאַקטן, מאָטיוון און אויספירן.

דערפון איז געדרונגען, אַז אָפט איז איבעריק אויך אַן אומנייטיקער נאַטוראַליזם, א צו גענויע באַשרײַבונג פון גוט באַוווּסטע פּראָטים, ווי אינעם זאַץ „ער האָט מיט קויעך זי אַרומגענומען מיט ביידע הענט”. ווען מיר פאַרמעקן דאָ די לעצטע דרײַ ווערטער, פאַרלירן מיר דען עפּעס? מיר דוכט, אַז די ווערטער „מיט קויעך” זײַנען דאָ אויך ניט גאָר פּאַסיק. בעסער וואָלט געווען אָן זיי, אָדער אָנשטאָט זיי זאָל זײַן דאָס וואָרט „שטאַרק”.

דעם לייענער דאַרף מען ניט אַלץ צעקײַען. ער האָט א קאָפּ און א דערפאַרונג און וועט שוין אַליין דערזאָגן, וואָס מע דאַרף. ציט אים נאָר אַרײַן אין דער געהעריקער סיטואַציע, אינעם שעפערישן פּראָצעס, מאַכט אינטערעסאַנט און לעבעדיק די האַנדלונ־

גען, די געדאנקען, די געפילן פון די פערסאָנאזשן, וועקט אינעם לייענער געהויבענע ראַיוינעס, מענטשלעכקײַט, יוישער, אָפּטימיזם, טוט אין אים אַרײַן ענערגיע צו וועלן באַקעמפן אַלדאָס שלעכטס און צו פאַרטיידיקן אַלדאָס גוטס, וועט מען ניט דאַרפן אָנקומען צו קליינלעכקײַטן, צו גענויע באַשרײַבונגען פון גוט באַוווּסטע זאַכן.

דער רוסישער שרײַבער אַנטאָן טשעכאָוו, דער גרויסער מײַסטער פון שפּאָרעוודיקײַט, האָט אין אַ בריוו צו סוּוואָרינען געהאַט געשריבן: „איר ווילט, אַז שילדערנדיק פערד־גאַנאָווים, זאָל איך זאָגן: גאַנווענען פערד איז שלעכט. אָבער דאָס איז דאָך אויך אָן מיר שוין לאַנג באַוווּסט... אַז איך שרײַב, פאַרלאָז איך זיך אַפן לייענער, האַלטנדיק, אַז די סוביעקטיווע עלעמענטן, וואָס פעלן אין דער דערציילונג, וועט ער אַליין צוגעבן”.

פאַרשטייט זיך, אַז דערצו איז נייטיק, אַז די אָביעקטיווע עלעמענטן זאָלן אין דער דערציילונג זײַן גענוג קלאָר און בולעט. דעריבער טאַקע האָרעוועט אַ שרײַבער אַף אַ שטיקל אַרבעט ביז גאָר אָנגעשטרענגט און אָפט זייער לאַנג, מאָבילִיזירנדיק אַלע זײַנע שעפערישע קויכעס. ער פאַרלאָזט זיך ניט אַף זײַן וויסן, אַף זײַנע האַשאָרעס און פאָרשטעלונגען. ער שטודירט ליטעראַטור, דאָקומענטן, פאַרשיידענע אָביעקטן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו זײַן טעמע. ער קוקט זיך גוט צו צו מענטשן, דרינגט אַרײַן אין זייערע טועכצן און אין זייערע נעשאָמעס. ער קלײַבט פאַר זײַן טעמע אָפּ וויכטיקע, אינטערעסאַנטע, טיפּישע פאַקטן און לאָזט זיך ניט פאַרפירן פון צופעליקע, אומכאַראַקטעריסטישע, אומבאַדײַטנדיקע פאַקטעלעך. ער פאָרשט, אַנאַליזירט, פאַראַלגעמיינערט און מאַכט אויספירן. ער אַרבעט קימאַט אַזוי, ווי אַ וויסנשאַפטלער. אָבער ניט גאָר אַזוי. אַ וויסנשאַפטלער גייט אין טאָך פונעם פּראַט צום קלאַל און דריקט זײַנע אויספירן אויס אין אַבסטראַקטע פאָרמולעס. דער שרײַבער אָבער מאַכט דורך נאָך אַ מאַרשרוט — פונעם קלאַל צום פּראַט און דריקט אויס זײַנע פאַראַלגעמיינערנדיקע אײַנדרוקן אין קאָנקרעטע בילדער. ער לייגט אַכט אַף דער לאָגיק פון די האַנדלונגען, אַף דער אויסגעהאַלטנקײַט פון זײַנע פערסאָנאַזשן. ער ווייסט, אַז די לאָגיק פון זאַכן, פון אומשטענדן איז שטאַרקער, איידער די לאָגיק פון מענטשלעכע קאַוואָנעס. אַן עכטער שרײַבער וויל, ווי פאַוסט, אַז פון זײַנע ליפּן זאָל די וואָרהײַט פליסן, ניט קיין צופעליקע ריי פון פוסטע ווערטער.

און ווען אפילו דער שרײַבער האָט שוין די אַרבעט געענדיקט, נעמט ער זיך ערשט פונדאָסנײַ פאַר איר. ער קאָנטראָלירט אַלע זאַצן, צי שטימען זיי איינע מיט די אַנדערע, צי דרינגען זיי אַרויס איינע פון די אַנדערע. ער לייגט אַכט אַפן ווערטערבאַשטאַנד, הערט זיך צו צום סיידער פון די ווערטער, צי לאָזן זיי זיך לײַכט לייענען, אָן שטערונגען, און צי זײַנען זיי אײַנגענעם פאַרן אויער. אַן עכטער שרײַבער פאַרלאָזט זיך ניט אַפן קומענדיקן רעדאַקטאָר. „איך וועל בעסער זיך אַליין קאָרעגירן, איידער דער רעדאַקטאָר זאָל עס דאַרפן טאָן”, — פלעגט זאָגן דאָוויד בערגעלסאָן.

און מאַרק טוועין האָט אין זײַנע „אַפּאָריזמען” געגעבן אַפילע אַזאַ אייצע: „אַז איר האָט מיט אַ צופרידן געפיל געענדיקט אײַער אַרבעט (אַרטיקל), דאַרף מען ערשט אָנהייבן זי שרײַבן. צום דאָזיקן מאָמענט האָט איר באַקומען אַ קלאָרע און לאָגישע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר אין איר זאָגן”.

צולעצט, אַן אַלגעמיינע באַמערקונג. פון אַ סאַך אויבן געבראַכטע בײַשפּילן איז קענטיק, אַז בײַ אייניקע פון אונדזערע שרײַבער און זשורנאַליסטן איז אויסגעוואַקסן דער אינטערעס צום העברעיִשן וואָרט. דאָס איז ניט שלעכט: אַ ייִדישער פּענמענטש, און בִיכלאַל אַ ייִדישער קולטור־טוער, מעג קענען העברעיִש, פונקט ווי אַ העברעיִשער דאַרף קענען ייִדיש. דאָס איז, דאַכט זיך, אַזוי קלאָר און ריכטיק, אַז ס׳איז ניט קעדײַ צו מאָטיווירן. עס איז אָבער נייטיק, אַז דער קער צו העברעיִש זאָל זײַן ניט קיין מאָדע, ניט קיין אָנשטעל, נאָר אַן ערנסטע ווענדונג. דערבײַ אָבער ניט פאַרגעסן די אייגנטימלעכקײַטן, דעם כאַראַקטער, די נאָרמעס פון די ביידע שפּראַכן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעזעצט די דוירעסלאַנגע געשיכטע פון אונדזער פאָלק און זײַן פילזײַטיקע שאַפונג.

עס איז אויך אומבאַדינגט נייטיק, אַז צווישן אונדזערע רעדאַקטאָרן און קאָרעקטאָרן זאָלן זײַן מענטשן, וואָס זײַנען אימשטאַנד אויסצומײַדן די שפּראַכלעכע פעלערן, וועגן וועלכע עס איז געגאַנגען דאָ אַ רייד, ווי אויך אַלע אַנדערע.

דער וועג פון א שפּראַכפאָרשער

(צו מ. שאַפּיראָס 75־יאָריקן יובילײ)

וועמען פון די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז ניט באַקאַנט דער שפּראַכפאָרשער מוישע שאַפּיראָ? זײַנע אַרטיקלען, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט פון צײַט צו צײַט, דערוועקן בא אונדז א טיפן אינטערעס צו אַקטועלע פראַגן פון אונדזער לאָשן און זײַנען צומאָל גוירעם לעבהאַפטיקע וויקוכים.

ווייניקער באַוווּסט דעם ברייטערן לייענער־קרײַז איז מ. שאַפּיראָס פריִערדיקע, פאַרמילכאָמעדיקע שפּראַכוויסנשאַפטלעכע און שפּראַכמעטאָדישע טעטיקײַט. איצט, אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג, וועלן מיר דאָ פּרוּוון געבן א קורצן איבערבליק איבער זײַן שעפערישן לעבנסוועג.

לאָמיר צוערשט אָנמערקן צוויי דאַטעס: 6 יאַנואַר 1899 — דעם טאָג, ווען מ. שאַפּיראָ איז געבוירן געוואָרן, און 1 סענטיאַבער 1923 — דעם אָנהייב פון זײַן פּעדאַגאָגיש־שעפערישער טעטיקײַט. הייסט עס, א צווייענדיקער יובילײ — 75 לעבנס־יאָרן און 50 יאָר אומדערמידלעכע אַרבעט אינעם שפּראַכגעביט. צווישן אָט די צוויי דאַטעס — א פּעריאָד פון וווּקס און אָנזאַמלונג.

געבוירן איז אונדזער יובילאַר אין כמעלניק (פּאָדאָליע, איצט וויניצער געגנט). זײַן פאָטער איז געווען א מעלאַמעד, שפּעטער — א „קאָלעקטער" (א פאַרשפּרייטער פון לאָטעריי־בילעטן), א פאַנאַטיקער. דער קומענדיקער לינגוויסט באַקומט א טראַדיציאָנעלע דערציִונג: אין עלטער פון פיר ביז צוועלף יאָר — אין כיידער, דערנאָך צוויי יאָר אין א יעשיווע (אין בערדיטשעוו; „געגעסן טעג" באַגלײַך מיט אַלע יעשיוועבאָכערימלעך). שפּעטער, קעגן פאָטערס ווילן, זיך פאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג. אין 1916 קומט ער אָן אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע, וועלכע ער פאַרענדיקט אין 1917.

באַגלײַך דערמיט מאַכט מ. שאַפּיראָ דורך אָן אייגנאַרטיקן וועלטלעך־ייִדישן „אוניווערסיטעט". אים געלינגט צו קריגן אין אייניקע פּריוואַטע הײַזער די אויסגאַבעס, וועלכע פלעגן אין יענער צײַט דערשײַנען אין ייִדיש און אין העברעיִש — ווערק פון אונדזערע קלאַסיקער און פון זייערע מיטצײַטלער, אַפילע דעם זשורנאַל „ייִדישע וועלט", וואָס הייבט אָן צו דערשײַנען אין 1918, שפּעטער — פּינעסעס „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור" אאַז"וו.

פון זעכצן יאָר אָן הייבט מ. שאַפּיראָ אָן לעבן פון פּריוואַטע שטונדן.

אין 1923 ווערט ער באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער פון א ייִדישער שול. איינצײַטיק איז ער א לערער פון עטלעכע דיסציפּלינען — רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור, מאַטעמאַטיק, ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן פאַרענדיקט ער דעם פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט פונעם קיִעווער אינסטיטוט פאַר פאָלקסבילדונג, היינטער־אויגיק באַקומט ער אויך מאַטעמאַטישע הויכבילדונג.

אין 1928 פאַרעפנטלעכט מ. שאַפּיראָ אינעם ייִדישן פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „ראַטנבילדונג" זײַן ערשטע אַרבעט אַף א שפּראַכמעטאָדישער טעמע. מיט צוויי יאָר שפּעטער גייט אַרויס פון דרוק זײַנס אָן אָרטאָגראַפיש הילפסביכל פאַר דער שול „שרײַב אָן גרײַזן" (מאָסקווע, 1930. מיטאַוטאָר — ר. לערנער, מיט א. זאַרעצקיס א פאָרוואָרט).

אין 1933 קומט מ. שאַפּיראָ אָן אין דער אַספּיראַנטור פון דער לינגוויסטישער סעקציע פונעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. באַנאַנד מיטן אויספילן די אַספּיראַנטישע פליכטן נעמט ער פון אָנהייב אָן אָן אַקטיוון אָנטייל אין דער לעקסיקאָגראַפישער אַרבעט פון דער סעקציע — אינעם צונויפשטעלן און טיילווײַז רעדאַקטירן די „מאַטעמאַטישע טערמינאָלאָגיע", וואָס איז דערשינען אינעם 1935 אונטער ע. ספּיוואַקס רעדאַקציע. גלײַכצײַטיק אַרבעט ער פאַנאַנדער אייניקע גראַמאַטישע פראַגן, און דער ערשטער רעזולטאַט איז א ברייטערע אַרבעט זײַנע — „פּעשקאָווסקיס גראַמאַטישע סיסטעם און דער פאָרמאַליזם אין דער ייִדישער גראַמאַטישער ליטעראַטור" (אין געשיכטלעכן אַספּעקט). אין דער אַרבעט ווערן קעגנגעשטעלט די גראַמאַטישע קאָנצעפּציעס פון א ריי רוסישע שפּראַך־וויסנשאַפטלער און ס'איז געוויזן זייער השפּאָע אַף די ייִדישע סאָוועטישע גראַמאַטיקער. דערבײַ גיט דער אַווטאָר געוויסע קריטישע אָפּשאַ־

צונגען, באזונדערס גענוי — וועגן א. זארעצקיס „פראקטישער גראמאטיק״.

מ. שאפּיראָ גיט אָן די דאָזיקע ארבעט ווי א קאנדידאט־דיסערטאציע, און ער פארטיידיקט זי אין 1937. אין א געקירצטער פאָרם איז זי פארעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאל „אפן שפראכפראָנט״ — א ביט־פעריאָדישער אויסגאבע פונעם קאבינעט פאר ייִדישער שפראך, ליטעראטור און פאָלקלאָר בא דער אוקראאינישער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

אין די יאָרן 1936—1941 פארעפנטלעכט מ. שאפּיראָ א ריי אנדערע ארבעטן: „פראגן פון איבערזעצן לענינען אין ייִדיש״, „דער גראמאטישער מין אין ייִדיש״, „באזונדערהייטן פונעם זאצבוי אין דער ייִדישער פאָלקסשפראך לויט דער שפראך פון שאָלעם־אלייכעמס פערסאָנאזשן״. גלייכצייטיק זעצט ער פאָר זיין שפראכמעטאָדישע טעטיקייט. אין 1938 דערשיינט זיינס א לערנביכל פאר דער ייִדישער מיטלשול „מאָרפאָלאָגיע״ (מיטאוטאָר — כ. לויצקער), אין 1939 — דאָס הילפסביכל „אָרטאָגראפיע און פונקטואציע״ (מיטאוטאָר — מ. מײַדאנסקי).

צווישן די אויבנדערמאָנטע ארבעטן פארנעמט די אָפּהאנדלונג וועגן גראמאטישן מין אין ייִדיש (פארעפנטלעכט אין זשורנאל „אפן שפראכפראָנט״, נום. 3, 1939) א באזונדער אָרט. דאָס איז א טייל פון א פארפלאנירטער מאָנאָגראפיע וועגן גראמאטישן מין ביכלאל און וועגן דער רעגלאמענטירונג פונעם מין אין ייִדיש. דער דאָזיקער טייל כאפּט ארום דעם מין פון גערמאניש־שטאמיקע וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון. ווערטפול איז קוידעמקאָל די באגרינדונג פונעם פאָרגעלייגטן מין פאר הונדערטער וואָרצלדיקע סובסטאנטיוון אין ייִדיש — אפן סמאך פון א גענויען אנקעטע־אויספרעג און פון צוגאָב־פאָרשונגען לויט ליטערארישע קוועלן, דערין טיילווייז אויך לויט אלט־ייִדיש.

אין ריין־לינגוויסטישן הינזיכט זיינען באזונדערס אינטערעסאנט מ. שאפּיראָס אייניקע אָריגינעלע געדאנקען וועגן אזא קאָמפּליצירטער דערשיינונג ווי די צווייִמינימדיקייט פונעם ליטוויש־ווײַסרוסישן ייִדיש־דיאַלעקט. מ. שאפּיראָ פרעגט אָפּ די האנאָכע, אז דער ליטוויש־ווײַסרוסישער ייִדיש־דיאַלעקט האָט צוערשט פארמאָגט אלע דריי מינים און מיט דער צייט אָנגעווירן דעם נייטראלן מין. אָנשטאָט דעם קומט זיין האנאָכע, אז דער ליטוויש־ווײַסרוסישער ייִדיש־דיאַלעקט האָט פון אָנהייב אָן ניט געוווּסט פונעם נייטראלן מין. דער ייִדישער ייִשעוו אין פּוילן און אין ליטע־ווײַסרוסלאנד איז געווען קאָנצענטרירט אַף א גאנץ באגרענעצטן געאָגראפישן שטעך, דוירעסלאנג אין די ראמען פון איין מעלוכע. אין אזוינע אומשטענדן, האלט מ. שאפּיראָ, האָט ניט געקאָנט אופקומען אזא וועזנטלעכער אונטערשייד אינעם מין־באנוץ בא א טייל ייִדיש־ריידנדיקע, און דערביי נאָך באנאנד מיט געוויסע אונטערשיידן אין דער אויסשפראך און טיילווייז אפילע אין דער וואָרט־ענדערונג.

מ. שאפּיראָ באטראכט די דאָזיקע אונטערשיידן ווי א רעזולטאט דערפון, וואָס דער ייִדישער ייִשעוו אין ליטע־ווײַסרוסלאנד האָט זיך אויסגעבילדעט פון צוויי פארשיידענע מיגראציע־שטראָמען: צוערשט א שטראָם, מעגלעך, פון מיזרעך, דורכן קאספּישן יאם און ארופּצו מיט דער וואָלגע, און שפּעטער — א קעגנשטראָם פון די דייטשישע געגנטן. אין זיין באהויפּטונג שטיצט ער זיך אַף אייניקע היסטאָרישע קוועלן. דער ערשטער מיגראציע־שטראָם האָט זיך שפּראכלעך אסימילירט מיטן צווייטן, דערביי פארהיט אייניקע פריערדיקע אייגנשאפטן פון די שפּראכן, וועלכע ער האָט מיטגעבראכט מיט זיך, דעהיינע: די צווייִמינימדיקייט און געוויסע פאָנעטישע באזונדערקייטן אין דער אויסשפּראך.

וועגן דעם גראמאטישן מין אין ייִדיש האָט מ. שאפּיראָ פארעפנטלעכט אויך אן ארטיקל אין „עמעס״ אין 1937. אייניקע אלגעמיינע טעאָרעטישע האנאָכעס פון זיין גרונט־ארבעט וועגן מין האָט ער באלויכטן אין א ספּעציעלן ארטיקל, וואָס איז דערשינען אינעם אקאדעמישן זשורנאל «Наукові записки Інститтуту мовознавства» (№ 1, 1940)

די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע האָט איבערגעריסן מוישע שאפּיראָס שפּראכפאָרשערישע ארבעט אין ייִדיש. ער קומט אָן אַף ארבעט אין בוכארער פעדאגאָגישן אינסטיטוט. דאָ אנטפּלעקן זיך אויך אנדערע אינטערעסן און מעגלעכקייטן אין זיין וויסנשאפטלעכער טעטיקייט. ער לייענט אין בוכארער אינסטיטוט די קורסן „ארייַנפיר אין שפּראכוויסנשאפט״ און „היסטאָרישע גראמאטיק פון דער רוסישער שפּראך״. אומגעקערט זיך אין 1944 קיין קיִעוו, באנייט ער זיין שפּראכפאָרשערישע ארבעט אין קאבינעט פאר ייִדישער שפּראך, ליטעראטור און פאָלקלאָר. אין 1946 נעמט פאָר די פילאָלאָגישע סעקציע פונעם קאבינעט א וויכטיקע לעקסיקאָגראפישע ארבעט איבער א רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. מ. שאפּיראָ נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין דער דאָזיקער ארבעט סיי ווי א צונויפשטעלער, סיי אין דער רעדאקטור (בא דער הויפּט־רעדאקציע פון ע. ספּיוואק).

אָבער דאָ קומט ווידער א דויערנדיקער איבערייס אין מ. שאפּיראָס וויסנשאפטלעכער טעטיקייט אפן געביט פון ייִדישער שפּראך, וואָס ציט זיך פונעם 1949 ביזן 1964 יאָר. ער קומט אָן אַף ארבעט אין מאָלדאווישן פעדאגאָגישן אינסטיטוט אלס דאָצענט אַף דער קאטעדרע פון רוסישער שפּראך. אויך דאָ לייענט ער די קורסן „ארייַנפיר אין שפּראכוויסנשאפט״ און „היסטאָרישע גראמאטיק פון דער רוסישער שפּראך״. איינצייטיק ארבעט ער פאנאנדער א קורס „רוסיש־מאָלדאווישע גראמאטישע פאראלעלן״, וועלכן ער לייענט פאר די סטודענטן אין מעשעך פון עטלעכע יאָר. אין 1962 דערשיינט דער דאָזיקער קורס אין קעשענעוו ווי א הילפסביכל פאר לערער פון רוסיש אין דער מאָלדאווישער שול אונטערן נאָמען «Очерки по сопоставительной грамматике русского и молдавского языков».

אין מאָלדאוויע פארעפנטלעכט מ. שאפּיראָ אויך אן אנדער ארבעט פונעם זעלבן ציקל (Некоторые особенности молдавского языка по сравнению с русским») און א ריי ארטיקלען וועגן פראגן פון היינטצייטיקער רוסישער שפּראך. א גרעסערע אָפּהאנדלונג זיינע פון אלגעמיין־שפּראכוויסנשאפטלעכן ווערט דערשיינט אינעם זשורנאל «Русский язык в школе» (1950 — נומ. 2) אונטערן נאָמען: «Типы подчинительной связи внутри словосочетания».

אין די דאָזיקע ארבעטן וועגן רוסיש און אין א ריי אָרטיקלען וועגן ייִדיש דערשיינט פאר אונדז

מ. שאפּיראָ ווי א שפּראכפאָרשער, וואָס דרינגט טיף אַרײַן אין שפּראכיקע סטרוקטור־דערשײַנונגען.

זינט 1962 וווינט מ. שאפּיראָ אין מאָסקווע. ער הייבט אָן זײַן מיטארבעט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט צוויי גרונטיקע רעצענזיעס — אַף ע. פאַלקאָוויטשעס ארטיקל וועגן ייִדיש, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דער אקאדעמישער זאמלונג «Языки народов СССР», און אַף נ. סטוטשקאָווס „אויצער פון דער ייִדישער שפּראך". א באזונדערע וויסנשאפטלעכע ווערט האָבן א ריי זײַנע ארטיקלען, ווו ער פאָרמולירט וויכטיקע טעאָרעטישע האנאָכעס וועגן ליטעראַרישן ייִדיש (דער פאָרטראָג אַף דער שפּראך־באראטונג, צונויפגערופן לויט דער איניציאַטיוו פון דער רעדאקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין 1966, וועלכער איז אין א געקירצטער פאָרם פובליקירט געוואָרן אין 1967 אונטערן נאָמען „אייניקע באזונדערהײַטן פונעם אייגנהײַטלעכן ליטעראַרישן ייִדיש אין סאָוועטנפאַרבאַנד"; „ייִדישע לעקסיקאָגראפיע און דאָס הײַנטצײַטיקע ליטעראַרישע ייִדיש"; „אַן ענטפער יאַנקעוו שטערנבערגן"; „די שפּראך פון „סאָוועטיש היימלאַנד"; „דאָס הײַנטצײַטיקע ליטעראַרישע ייִדיש"; „אייניקע נאָרמאַטיווע פראגן פון ייִדיש".

זייער אקטועל באַם איצטיקן מאָמענט זײַנען די „שמועסן וועגן ייִדיש", וואָס מ. שאפּיראָ פירט שוין דאָס פערטע יאָר אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר די, וואָס ווילן דערלערנען די ייִדישע שפּראך. דאָס איז פאַקטיש דער ערשטער פּרוּוו צו געבן אַן עלעמענטאַרן קורס פון ייִדיש אין דער רוסישער שפּראך. דער קורס איז גוט דורכגעטראַכט סײַ מעטאָדיש, סײַ טעאָרעטיש. די פילצאָליקע דאַנקבריוו פון די הינטער־אויגיקע טאַלמידים ווײַזן, ווי נייטיק ס'איז אזא קורס פאַר אונדזער יוגנט, וואָס פאַרשטייט ייִדיש און וואָס קאָן אָבער ניט לייענען און שרײַבן אין דער דאָזיקער שפּראך.

דאָס איקערדיקע אָבער אין מ. שאפּיראָס שפּראכטעטיקײַט פאַר די לעצטע אכט יאָר איז די פאַראַנטוואָרטלעכע און מיפולע ארבעט איבער דעם פאַרגאַנצטן, איצט אויסגערעדאקטירטן, פולערן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך, וואָס איז גרינטלעך איבערגעארבעט געוואָרן באַ דער מיטאַוטאָרשאפט פון כ. לויצקער, ר. לערנער און מ. מײַדאַנסקי (אַף דער באַזע פונעם אָנפאַנגלעכן מאַנוסקריפּט אונטער ע. ספּיוואַקס רעדאקציע). דער שווערסטער און פאַראַנטוואָרטלעכסטער טייל ארבעט איז אויסגעפאַלן אַף מ. שאפּיראָ און אַפן רעדאַקטאָר מיצאַדן פאַרלאַג.

מע דאַרף אונטערשטרײַכן מ. שאפּיראָס רעאַליסטישן צוגאַנג צו דער אַזוי־גערופענער „עלעמענטן־פראגע" בענעגייע דעם לעקסישן באַשטאַנד פון ייִדיש, זײַן טעזיס, אַז ניט דער ייִכעס פונעם וואָרט איז וויכטיק, נאָר זײַן אײַנגעוואָרצלטקײַט אינעם ליטעראַרישן באַנוץ און זײַן סטיליסטישע באַרעכטיקטקײַט אין יעדן קאָנקרעטן טעקסט. און ניט צופעליק פירט מ. שאפּיראָ אַן אַקשאָנעסדיקן קאַמף קעגן דער טענדענץ פון אייניקע „ייִוואָ"־פאָרשער צו פּאַסלענען פאַרן ליטעראַרישן באַנוץ אַלץ, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, דײַטשמעריש, דערין אויך הונדערטער ווערטער און אייניקע אַפיקסן, וואָס זײַנען שוין פון לאַנג אײַנגעוואָרצלט געוואָרן ווי אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל אינעם ליטעראַרישן ייִדיש.

און פון די זעלבע טעאָרעטישע פּאָזיציעס טרעט מוישע שאפּיראָ אַרויס אין זײַן „ענטפער יאַנקעוו שטערנבערגן" קעגן אומקריטישן און אומבאַגרעניצטן אַרײַנברענגען אינעם ליטעראַרישן ייִדיש „אַרכאַיִש־לאַמדאָנישע" עלעמענטן, וואָס האָבן זיך ניט אַסימילירט און קאָנען זיך ניט אַסימילירן אין דער ייִדישער שפּראך.

א באַדײַטנדיקע טעאָרעטישע ווערט האָט אויך מ. שאפּיראָס שטעלונג צום באַגריף „קלאַל־ייִדיש". ער האַלט, אַז ייִדיש, ווי א פּאָליטעריטאָריעלע שפּראך, קאָן ניט זײַן אינגאַנצן פרײַ פון פרעמדשפּראכיקע האַשפּאָעס אַף איר לעקסיק מיצאַד דער אַרומיקער ריידסטיכיי, באַזונדערס, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן שפּראַכלעכן אויסדרוק פאַר די ספּעציעלע רעאַליעס אין יעדן לאַנד. אָבער די דאָזיקע האַשפּאָעס זײַנען נוצלעך פאַר דער שפּראך בלויז אין דעם פאַל, ווען באַם אַרײַנברענגען פרעמדשפּראכיקע ווערטער אין ליטעראַרישן ייִדיש פאַרלירט מען ניט דעם מאָס־געפיל.

מ. שאפּיראָס 50־יאָריקע פּעדאַגאָגישע און וויסנשאפטלעכע טעטיקײַט זאָגט אייִדעס וועגן זײַן פילזײַטיקן אינטערעס צו פאַרשיידענע שפּראך־פּראָבלעמען. כוץ די פאָרשונגען, געווידמעט ספּעציעל דער ייִדישער שפּראכוויסנשאפט, האָט ער באַאַרבעט א ריי וויסנשאפטלעכע און מעטאָדישע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען געבונדן מיט דער רוסישער און מאָלדאַווישער שפּראכן, און דערבײַ האָבן אייניקע טעאָרעטישע האַנאָכעס זײַנע אין געביט פון שפּראכוויסנשאפט באַקומען אַן אַלגעמיינע אָנערקענונג. דער גרעסטער פאַרדינסט מ. שאפּיראָס בלײַבט אָבער זײַן וועזנטלעכער בײַטראָג צו דער ייִדיש־פאָרשונג.

מ. דובינסקי

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק מוישע שאפּיראָן. מיר ווינטשן אונדזער יובילאַר צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג נאָך פיל יאָרן פרוכטבאַרע טעטיקײַט אין געביט פון ייִדיש און ייִדישער קולטור.

ווי צו א לעבעדיקן פרײַנט

א וויכטיקע, פריידיקע געשעעניש, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א קולטור־יאָמטעוו, איז אין קיִעוו געווען די אויסשטעלונג פון אוראָם מאַניעוויטשעס קינסטלערישע ווערק. אַף די ווענט פון די צווײ גרעסטע זאַלן פונעם מוזיי פון מײַרעוו־דיקער און מיזרעכדיקער קונסט זײַנען געהאָנגען העכער הונדערט פאַרביקע לײַוונטן, וואָס האָבן צו־געצויגן צו זיך טויזנטער און טויזנטער באַזוכער.

וועגן דעם טאַלאַנטפולן מאָלער אוראָם מאַניעוויטש האָט מען געוווּסט אויך מיט א סאַך יאָרן פריִער. זײַנע ווערק זײַנען געווען עקספּאָנירט אַף די קונסט־אויסשטעלונגען פון אייראָפּע און אַמעריקע. די פּייזאַזשן זײַנע געפינען זיך אין די מוזייען פון קיִעוו, לענינגראַד, מאָסקווע און אַנדערע שטעט. אָבער צום ערשטן מאָל זײַנען זיי אַזוי ברייט פאָרגעשטעלט געוואָרן אַף דער אויסשטעלונג אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע.

די אויסשטעלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין צו־זאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס מאַניעוויטשעס טאָכטער האָט באַשלאָסן שענקען דעם קיִעווער מוזיי העכער פופציק לײַוונטן פונעם קינסטלערס ירושע.

אוראָם מאַניעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1881 אין דעם שטעטל מסטיסלאַוול, מאָהילעווער געגנט (ווײַסרוסלאַנד), אין אַן אָרעמער מישפּאָכע. גאָר פרי האָט זיך אַנטפּלעקט זײַן נייגונג צו מאָלערײַ. אין עלטער פון אַכצן יאָר איז ער מיט גרויסע שוועריִקײַטן אָנגעקומען זיך לערנען אין דער קיִעווער קונסט־שול.

זײַנע קאָלעגן פלעגן אים אײַצענען:

— נעם זיך צום פּאָרטרעט־זשאַנער. מיט דײַנע פּייזאַזשן וועסטו אויסציִען די פיס. ביסט דאָך א קאַפּצן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר...

— לעוויטאַן איז אויך ניט קיין גוויר... — פלעגט ער זיי ענטפערן.

אַף דער אויסשטעלונג אין קיִעוו האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון די באַזוכער דרײַ פּאָרטרעטן — צווײ פונעם קינסטלערס פרוי און איינער פון זײַן טאָכטער. אינטערעסאַנט איז די געשיכטע פון די דרײַ פּאָרטרעטן: איינמאָל האָט מאַניעוויטש זיך איבערגעבראָכן א פוס, האָט ער געמוזט א לענגערע צײַט זיצן אומבאַוועגלעך. זיצן און גאָרנישט ניט טאָן איז ניט געווען אין זײַן געוווינהײַט, האָט ער געפּועלט בא זײַנע אייגענע, זיי זאָלן אים פּאָזירן.

אומזיסט האָט אוראָם מאַניעוויטש געמיינט, אַז ער איז אויסשליסלעך א מאָלער פון פּייזאַזשן. די דרײַ פּאָרטרעטן זאָגן איידעס, אַז אויך אין דעם זשאַנער איז ער אַן ערשטקלאַסיקער מײַסטער. יעדער מינדסטער שטריך אין די פּאָרטרעטן גיט איבער די דינסטע ניואַנסן פונעם מענטשלעכן כאַראַקטער.

אוראָם מאַניעוויטש איז דאָס גאַנצע לעבן געווען פאַרבונדן מיט אָנגעזעענע שרײַבער און דענקער פון זײַן צײַט. טיף רירנדיק איז די געשיכטע פון דער פרײַנטשאַפט, וואָס עס האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן דער פאַמיליע מאַניעוויטש מיט שאָלעם־אַלייכעמס מישפּאָכע אין אַמעריקע, וווּהין ער איז אַריבערגעפאָרן אין 1920. ווען אוראָם מאַניעוויטש איז געשטאָרבן, האָט מען אים אין ניו־יאָרק מעקאָבער געווען ניט ווײַט פון דעם קיִעווער פונעם גרויסן פאָלקסשרײַבער. אַזאַ איז געווען די צוואָע פון דעם מאָלער.

א סאַך בילדער מאַניעוויטשעס זײַנען פאַרבונדן מיט קיִעוו. אָט איז זשיליאַנסקי־גאַס, נומער 41, און אָט — א ווינקל פון דער סאָווסקי־גאַס, ווו דער קינסטלער האָט געוווינט מיט זײַן פאַמיליע.

אויך אין אַמעריקע איז מאַניעוויטש געבליבן טרײַ זײַן קינסטלערישער מאַניר. ער האָט געמאָלט די אָרעמקײַט, אָבער ניט נאַטוראַליסטיש. מיט רעאַליסטישע פאַרבן האָט ער פּאָעטיזירט די מענטשלעכע מי, דעם אָרום.

מאַניעוויטשעס בילדער זײַנען פּאָעזיע אין פאַרבן. אין זיי קומט דער טרויער פון בענקשאַפט. צי דען האָט דער קינסטלער ניט קיין רעכט צו בענקען, באַזונדערס ווען דאָס לעבן האָט אים פאַרוואָרפן אַזוי ווײַט פון זײַן היים...

און פאַרוואָרפן מאַניעוויטשן קיין אַמעריקע האָט די גרויסע טראַגעדיע, וואָס אים איז באַשערט געווען צו איבערלעבן אין 1919, ווען זײַן זון באָריס איז אומגעקומען אין דער שלאַכט קעגן דער זעליאָנע־באַנדע אונטער טריפּאָליע.

באָריס מאַניעוויטש איז געווען א קאָמסאָמאָליעץ, א פּייִקער באָכער, וועלכער האָט אין עלטער פון זעכצן יאָר אָנגעשריבן א טעאַטער־שטיק, וואָס האָט געהאַט דערפאָלג בא דער קיִעווער יוגנט. צוזאַמען מיט נאָך נײַנציק יוגנטלעכע, צווישן וועלכע עס איז געווען מישע ראַטמאַנסקי און ליובע אַראָנאָווע, איז באָריס אַוועק אַפן פראָנט און איז אומגעקומען אינעם זודיקן שטראָם פון דעם דניעפּער, אין וועלכן די באַנדיטן האָבן אים, א פאַרבונדענעם מיט דראָט, אַראָפּגעשלײַדערט.

אַף דער אויסשטעלונג האָבן מיר געזען א וווּנדערלעך בילד — טריפּאָליע, וואָס אוראָם מאַניעוויטש האָט אָנגעמאָלט מיט א סאַך יאָרן צוריק, נאָך פאַר דער טראַגעדיע, וועלכע איז דאָרט פאָרלאָפן.

ליוסי דערציילט, אַז איר פאָטער האָט ליב געהאַט אַלץ, וואָס פלעגט אים דערמאָנען אין אוקראַיִנע. ווען די מאַמע האָט זיך אויסגעלערנט אויסנייען, פלעגט ער קעסיידער טראָגן העמדלעך, באַצירטע מיט אוקראַיִנישן אָרנאַמענט. אַף אייניקע אויטאָפּאָרטרעטן און אַף די פאָטאָגראַפיעס, וואָס זײַנען געבליבן אינעם אַרכיוו פון דעם קינסטלער, זעען מיר אים אין זײַנע באַליבטע אוקראַיִנישע העמדלעך.

לעבנדיק אין ניו־יאָרק, פלעגט מאַניעוויטש פאַרבעטן צו זיך אַלעמען, ווער עס איז אַף א צײַט געקומען פון רוסלאַנד. אַזוי, צום בײַשפּיל, איז בא אים געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט וואָלאָדימיר מאַיאַקאָווסקי. רײדנדיק מיטן קינסטלער, האָט מאַיאַקאָווסקי ניט צופעליק באַמערקט:

— מיר דאכט, מײַן טײַערער, אז אײַך פעלט דאָ אײַער אייגענער בלויער הימל... און זון, דאכט מיר, פעלט אײַך אויך דאָ...

פון רעכטס אף לינקס: וולאדימיר מאיאקאווסקי, אווראם מאניעוויטש און דאוויד בורליוק אין ניו־יארק

— איך זוך זיי אין די פאַרשטעט פון ניו־יאָרק... — האָט מאַניעוויטש מיט וויי אין דער שטים געענטפערט.

אווראָם מאַניעוויטש איז באַזונדערס באַפרײַנדעט געווען מיטן קינסטלער דאַוויד בורליוק. אין 1925 איז פאָרגעקומען צווישן זיי א פרײַנטלעכע באַגעגעניש.

— מאַיאַקאָווסקי איז גערעכט! — האָט געזאָגט בורליוק. — אײַערע בילדער האָבן אָנגעווירן א סאַך דערפון, מיט וואָס זיי פלעגן אויסנעמען, ווען איר זײַנט געווען א שילער פון אײַער אוקראַיִנישער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכע האָט געגעבן אונדזער מאַ־לערײַ־קונסט מוראַשקען, בוראַטשעקן, קריטשעווס־קין... אײַערע איצטיקע פאַרבן האָבן זיך אָנגע־הויבן ביסלעכווײַז צו לעשן...

מאַניעוויטש האָט געענטפערט:

— איך בין א קינסטלער, איך קאָן ניט און איך וויל ניט פעלשן... ס'וועט זיכער אין א צײַט אַרום זיך אויסלײַטערן, און איך וועל ווידער געפינען די נייטיקע קאָלירן.

און מאַניעוויטש האָט ניט אָפּגענאַרט זײַנע פרײַנט.

ער האָט געשאַפן א גאַנצע ריי בילדער פונעם שטעטל סקרענטאָן, ווו עס לעבן די קוילנגרעבער. פון די דאָזיקע לײַוונטן ווייעט מיט אָרעמקײַט אף דעם אמע־ריקאַנער אופן, אין די אומפאַרגעסלעכע דרײַסיקער יאָרן. די בילדער זײַנען, פאַרשטייט זיך, ווײַט פון די, וואָס מאַניעוויטש האָט געשאַפן בא זיך אין דער היים, אין אוקראַיִנע — צום בײַשפּיל, פון אַזעלכע, ווי „דער פרילינג אף דער קורעניאָווקע", „דער היל־צערנער קלויסטער", „דער ווינטער אף סאַווסקי־גאַס".

אינעם אמעריקאַנער פעריאָד פון מאַניעוויטשעס שאַפונג האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן זײַן נייגונג צו דער רעאַליסטישער שול. טיף רירנדיק זײַנען די בילדער „נאָך א רעגן", „דעכער, דעכער", „דאָס הויז אין בראָנקס", „ווינטער אין מאָנטרעאָל", „די הויפּט־גאַס אין פּיקסקליי".

מאַניעוויטש איז געווען אָן אָפטער גאַסט בא די קוילנגרעבער, בא די פּאָשעטע אַרבעטס־מענטשן.

— מיר ווילט זיך — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו זײַן טאָכטער ליוסי, — אַז די וואָרעמקײַט, וואָס עס פעלט דעם אַרבעטער אין זײַן לעבן, זאָל ער באַקו־מען כאָטש אין א קינסטלעריש ווערק. איך וויל אים דערוואָרעמען מיט מײַנע פאַרבן... דער קינסטלער איז מעכויעוו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פונעם פּאָשעטן מענטשן...

אף דער אויסשטעלונג אין קיִעוו האָט מען געקאָנט זען א בילד, וואָס מאַניעוויטש האָט געמאָלט אין קאַפּרי, ווען ער איז געווען צוגאַסט בא גאָרקין. דאָס בילד רירט מיט דער זוניקײַט פון די קאָלירן, מיט א שעפע הימל און זון.

פונקט אַזא געפיל רופט אַרויס דאָס בילד פון א ייִדישן שטעטל, אין וועלכן דער קינסטלער גיט איבער דעם אייביקן געפיל פון האָפענונג אף בע־סערע צײַטן. בא דעם בילד שטעלן זיך אָפּ פיל באַ־זוכער.

— אונדזער שטעטל! — האָט אויסגערופן אן אַלטע פרוי, וואָס האָט פּלוצעם דערקענט אינעם בילד איר קינדהייט. — א שאָד, וואָס דער קינסטלער קאָן שוין ניט אַציינד באַזוכן אונדזער שטעטל און מיט די אייגענע אויגן זען, ווי אַלץ האָט זיך אין דעם גע־ביטן...

וועדליק אווראָם מאַניעוויטש איז געווען א מענטש מיט א ברייט האַרץ און מיט א גוטן ווילן, וואָלט ער איצט פאַרגעזעצט זײַן וועג אין דער קונסט מיט דעם געפיל, וועלכן ער האָט געהאַט אַרויסגעזאָגט דער טאָכטער אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן:

— מיר גלוסט זיך אַרומנעמען יעדן איינעם, וואָס קומט זיך באַקאַנען מיט מײַנע בילדער, אַרומנעמען אים, ווי א נאָענטן קאָרעוו...

טויזנטער און טויזנטער אַזעלכע קרויווים האָבן באַזוכט זײַן אויסשטעלונג אין קיִעוו. זיי זײַנען גע־קומען צו מאַניעוויטשן ווי צו א לעבעדיקן פרײַנט.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

פּאַבלאָ נערודאַ—דער גרויסער דיכטער פון אונדזער צײַט

אינעם פּרעכטיקן סובטראָפּישן לאַנד פון דאָרעם־מײַרעוו־אַמעריקע טשילי, ווו עס האָט אין מעשעך פון די לעצטע דרײַ יאָר זיך פּאַנאַנדערגעוויקלט אַ שטורמישע רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע, — אין אָט דעם לאַנד האָט אין דער ערשטער העלפט פון סענטיאַבער זיך צעשפּילט אַ שוידערלעכע טראַגעדיע: דער קליקע רעאַקציאָנערע גענעראַלן האָט זיך אײַנגעגעבן צו דורכפירן אַ מיליטערישע מעלוכע־איבערקערעניש. עס איז דערמאָרדעט געוואָרן דער געזעצלעכער, דורכן פאָלק אויסגעוויילטער פּרעזידענט סאַלוואַדאָר אַליענדע. די מיליטעריש־פאַשיסטישע כונטע האָט אָפּגעשאַפן די דעמאָקראַטישע אינסטיטוטן, פאַרפּײַניקט און אומגעבראַכט טויזנטער און טויזנטער מענטשן, מאַסנווײַז אַרײַנגעשלײַדערט אין די טפּיסעס און קאָנצלאַגערן די בעסטע פּראָגרעסיווע טוער.

אין אָט די טראַגישע טעג קומען אָן פון טשילי יעדיִעס, אײנע שווערער פון דער צווייטער. דעם 24 סענטיאַבער האָט די וועלט מיט טיפן וויטעק זיך דערוווּסט, אַז אין אַ קליניק פון סאַנטיאַגאָ איז געשטאָרבן דער גרויסער טשילער דיכטער־קאָמוניסט, לאַורעאַט פון דער צווישנפעלקערלעכער לענין־פּרעמיע „פאַר פאַרפעסטיקן דעם שאָלעם צווישן די פעלקער", לאַורעאַט פון דער נאָבעל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור נאַפטאַלי ריקאַרדאָ רייעס באַסואַלטאָ, וועלכער איז געווען באַוווּסט אונטערן פּסעוודאָנים פּאַבלאָ נערודאַ.

פּאַבלאָ נערודאַ איז געבוירן געוואָרן דעם 12 יולי 1904 אינעם טשילער שטעטל פּאַראַל, אין געזינד פון אַן אײַזנבאַן־אָנגעשטעלטן. זײַן בילדונג האָט ער באַקומען אין סאַנטיאַגער אוניווערסיטעט. אין סאָף פון די 40־ער, אָנהייב 50־ער יאָרן האָט ער זיך געפונען אין עמיגראַציע, ווו ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג פון די שאָלעם־קעמפער. אין 1952 האָט ער זיך אומגעקערט קיין טשילי.

פּאַבלאָ נערודאַס דיכטונג האָט זיך אַנטוויקלט לויט דער ליניע פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. ער איז געווען אײנער פון די טאַלאַנטפולסטע שריפטשטעלער פון דער הײַנטיקער צײַט.

ווען נאַפטאַלי ריקאַרדאָ רייעס איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט אין דער פּרעסע זיך באַוויזן זײַן ווערק „די יאָמטעוודיקע ליד", פאַר וועלכער ער האָט באַקומען די ערשטע פּרעמיע אָף אַ סטודענטן־קאָנקורס. דערנאָך איז דערשינען זײַן בוך „צוואַנציק פּאָעמעס וועגן ליבע און איין ליד וועגן אַנטוישונג" (1924), וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט בא די לייענער. אין דעם בוך מאָלט ער די אײַנזאַמקײַט פונעם מענטשן אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

אינעם יאָרצענדליק 1925 — 1935 זײַנען דערשינען נערודאַס צוויי זאַמלונגען אונטערן נאָמען „מײַן היים — די וועלט", ווו עס זײַנען געמאָלט בילדער פון כאַאָס, כורבן און דאַלעס. געפינענדיק זיך אָף דיפּלאָמאַטישער אַרבעט אין שפּאַניע, האָט נערודאַ זיך אָנגעשלאָסן אין אַנטיפאַשיסטישן קאַמף פונעם שפּאַנישן פאָלק. דעם דאָזיקן פּעריאָד איז געווידמעט זײַן בוך „שפּאַניע אין האַרצן" (1937).

ווען ער איז געווען קאָנסול אין מעקסיקע, האָט נערודאַ אָנגעשריבן די לידער: „דאָס געזאַנג וועגן ליבע צו סטאַלינגראַד" און „דאָס געזאַנג לעקאָוועד דער רויטער אַרמיי" (1942 — 1943). זײַן גרויס בוך „דאָס אַלגעמיינע געזאַנג" (אָנגעשריבן אין 1948, דערשינען אין 1950) באַשטייט פון 15 קאַפּיטלען, וועלכע מאָלן די ווירקלעכקײַט פון לאַטײַן־אַמעריקע, איר נאַטור, עטנאָגראַפיע און סאָציאַל לעבן.

ליבע־ליריק, נאַטור־בילדער פונעם הײמלאַנד, פילאָסאָפישע פּראָבלעמען — אַזאַ איז דער אינהאַלט פון נערודאַס לידער־זאַמלונגען, וועלכע זײַנען דערשינען אין סאָף פון די 50־ער און אין די 60־ער יאָרן. אין זײַן בוך „דאָס געזאַנג פון אַ העלדנטאַט" (1960) באַזינגט ער דעם אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף פון די פעלקער אין ראַיאָן פון קאַריבישן יאַם.

ווען פּאַבלאָ נערודאַ איז באַלוינט געוואָרן מיט דער צווישנפעלקערלעכער לענין־פּרעמיע, האָט ער אין אַ פרײַנטלעכן שמועס מיט די סאָוועטישע שרײַבער געזאָגט: „אַז איך בין געווען אין שפּאַניע, איז מיר צום ערשטן מאָל געוואָרן קלאָר, ווו עס איז רויט, ווו שוואַרץ, ווו עס איז שאָלעם, ווו מילכאָמע. פון דעמאָלט אָן בין איך מיט אײַך, טײַערע סאָוועטישע פרײַנט, און איך געפין זיך אין אײנע רייען מיט אײַך".

אַלע ערלעכע מענטשן פון דער וועלט, אַלע ליבהאָבער פון עכטער מענטשן־פרײַנטלעכער דיכטונג טרויערן איבערן טויט פון גרויסן דיכטער פון אונדזער צײַט פּאַבלאָ נערודאַ.

מ. איטקאָוויטש

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

צוליב וואָס פאַרלויפן דעם וועג?

אין דער קאַנאַדער „וואָכנבלאַט" האָט דער באַשטענדיקער קאָמענטאַטאָר אירער אישיקע אויסגעדריקט באַגײַסטערונג מיט דעם ערשטן טייל פון אוראַן גוראַלניקס אווטאָביאָגראַפיש ווערק „נעכטן, הײַנט, מאָרגן", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סענטיאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1973. „אונדז האָט מאַמעש פאַרכאַפּט דער אָנהייב פון די זיכרוינעס פון דעם סאָוועטישן ייִדישן געלערנטן", — שרײַבט אישיקע, און ער מערקט אָפּ „דעם זעלטן געשמאַקן און זאַפטיקן אוקראַיִנישן ייִדיש" פון די נאָטיצן; עס אימפּאָנירט אים דעם אווטאָרס ייִכעס (ער שטאַמט פון וויניצער גוראַלניקעס און ליטינער אַכאַטניקעס), זײַן שטאָלצירן דערמיט, וואָס ער האָט „פאַרענדיקט די דריטע ייִדישע מוסטער־שול", זײַן גאַנצער לעבנסגאַנג „ביז צו פאַרעכענען זיך אַלס רוסישער סאָוועטישער אינטעליגענט".

אישיקע ברענגט אַ כאַראַקטעריסטישע ציטאַטע פון אוראַן גוראַלניקס ווערק: „אַלס סאָוועטישער אינטעליגענט, אַלס געלערנטער און ליטעראַט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין די באַדינגונגען פון סאָציאַליזם, בין איך דערצויגן געוואָרן אויף דרײַ ברייטע דערלעכע נאַציאָנאַלע קולטורן. אינעם באַוווסטזײַן פון מײַן דאָר „סטיקעווען" זיך צונויף, דאָס הייסט עס פלעכטן זיך איבער אָפּן בעסטן אויפן די אוקראַיִנישע, רוסישע, ייִדישע קולטורן. יעדע פון זיי, אַ באַנײַטע אין דער סאָוועטישער עפּאָכע, איז אונדז טײַער, יעדע פון זיי נעמען מיר אויף, ווי אַן אייגענע. צוזאַמען דערמיט, אין אָט דער נײַער שמעלצונג פון די בעסטע עלעמענטן פון די קרויוויש געוואָרענע נאַציאָנאַלע קולטורן, אַנטפּלעקט זיך יעדע פון זיי אין אַן אַנדער מין העכערער גײַסטיקער קוואַליטעט. אַזאַ איז די דיאַלעקטיק פון דער אַנטוויקלונג".

דאַכט זיך, אַז אַלץ איז דאָ קלאָר. דער לייענער געפינט בעפּיירעש אין גוראַלניקס קינסטלערישער אווטאָביאָגראַפיע אַ ביז גאָר וויכטיקן פּראַט פונעם קאָמפּליצירטן בילד, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די ייִדישע באַפעלקערונג אין סאָוועטנפאַרבאַנד. פון די 2,5 — 3 מיליאָן סאָוועטישע ייִדן האַלטן זיך אַרום 350 — 400 טויזנט בײַ ייִדיש, אַלס זייער מוטערשפּראַך. נו, און די „איבעריקע" צוויי מיליאָן, צי מערער ייִדישע בירגער? וויאַזוי דאַרף כאַראַקטעריזירט ווערן זייער קולטור־מאַצעוו, די שפּראַך־אָנגעהעריקײַט זייערע? דער סאָוועטישער ייִד אוראַן גוראַלניק האָט אָנגעהויבן אין דער „דריטער ייִדישער מוסטער־שול", אין געוויזענעם ייִדישן טכום, און איצט איז ער אַן אָנגעזעענער טוער פון דער אַלסאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט. אויב אָביעקטיוו זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין זײַן לעבן, מאָלנדיק זיך עס אָפּן פּאָן פון דער סאָוועטישערווירקלעכקײַט, פון דעם בונד פון גלײַכבאַרעכטיקטע פעלקער, איז עס אַן אילוסטראַציע צו „צוואַנגס־אַסימיליאַציע", אָדער אַ היסטאָריש־באַדײַטונגספולער בײַשפּיל פונעם נײַעם פאָלקס־גורל?

אין פאַרגאַנגענעם 1973 יאָר האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" דערציילט אין צוויי פאַרשיידענע לויטן זשאַנער דאָקומענטאַלע ווערק וועגן צוויי טיפּישע טוער פון דער סאָוועטישער קולטור, וועלכע טראָגן דעם הויכן טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן — וועגן הערש רעמעניקן („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 1973), וועלכער איז געווען און איז פאַרבליבן אַ ייִדיש־ריידער און אַ ייִדיש־שרײַבער, און וועגן אוראַן גוראַלניקן, אַ שעפער פון דער רוסישער קולטור, וועלכער רעדט און שרײַבט אויך אויף ייִדיש. צום באַדויערן, טרעפן מיר זעלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור שילדערונגען וועגן פיל הונדערטער טויזנטער ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד (ווי אין אַנדערע לענדער), וואָס דער גאַנצער סכום קולטור־באַדערפענישן און קולטור־שעפערישקײַטן ווערט בײַ זיי באַפרידיקט ניט אין ייִדיש.

דאָס בילד איז קאָמפּליצירט. אין ייִדישיסטישע קרײַזן וויל מען וועגן דעם ניט וויסן. די ציִעניסטן, ווי באַוווּסט, פּאַסן צו די רעאַלע לעבנס־פאַקטן צו זייערע פּאַרטיייִשע דאָגמעס. ווען עס קומט קיין ייִסראָעל אַן „אוילע" פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט אין לעבן ניט געטראַכט פון ייִדישער קולטור און ליטעראַטור און האָט קלאָל ניט געוווּסט די ייִדישע שפּראַך, טראָגן זיי אים אונטער ווי אַ „קעמפער פאַר ייִדישער אידענטיטעט".

די פּראָגרעסיווע קויכעס אינעם ייִדישן לעבן זײַנען מעכוייעוו צו אַנאַליזירן דעם איניען אָביעקטיוו, מיטן אויסזיכט אויף דער צוקונפט, שטייענדיק מיט ביידע פיס אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער הײַנטצײַטיקײַט. ווער עס וויל זיך באַקאַנען מיטן מאַצעוו פון די סאָוועטישע ייִדן, דאַרף ווענדן זײַן אויפמערקזאַמקײַט ניט בלויז צו יענע, וואָס געברויכן ייִדיש, נאָר צו אַלע סאָוועטישע ייִדן, און ערשט דעמלט וועט ער געפינען דאָס פולע, דאָס רעאַלע, עמעסדיקע בילד.

אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע האַנאָכעס, האָט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" געבעטן אוראַן גוראַלניקן, ער זאָל אָנשרײַבן ספּעציעל פאַר אונדזערע לייענער זײַנע אווטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, וועלכע מיר זעצן איצט פאָר צו דרוקן.

די לעצטע ווערטער שטרײַכן מיר בעקיוון אונטער, קעדיי ס'זאָל זײַן קלאָר, אַז דער קורצער רעדאַקציאָנעלער אַרײַנפיר צו די נאָטיצן אינעם סענטיאַבער־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אַ שײַכעס צו דער גאַנצער פּובליקאַציע, און די שטעלונג

פון דער רעדאַקציע, וואָס איז אויסגעדריקט אינעם אַרײַנפיר, געהער זיך אָן צו דער גאַנצער אַרבעט, האגאם פארעפנטלעכט איז דער אַרײַנפיר אינעם נומער פונעם זשורנאַל, אין וועלכן ס׳ווערט געבראַכט בלויז דער אָנהייב פון די נאָטיצן.

פאַרוואָס מוזן מיר וועגן דעם איצט ריידן? ווײַל די קאַנאַדער „וואָכנבלאַט", גלײַך נאָך דעם, ווי זי דריקט אויס באַגײַסטערונג מיט גוראַלניקס נאָטיצן, טוט זיך א כאַפּ אַף צוריק: „אַביסינקע, — שרײַבט אישיקע, — באַאומרויִקט אונדז דער אַרײַנפיר פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צו אוראַן גוראַלניקס זיכרוינעס, ווו מיר לייענען: „נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ייִדישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע, וועלכע זי האָט ניט דערגרייכט אין קיין איין לאַנד אין דער וועלט, אָבער די ייִדישע יוגנט האָט ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט זיך באַגרענעצן מיט ייִדיש. דער וועג צו דער רוסישער קולטור און צו דער פּראָגרעסיווער וועלט־קולטור האָט ברייט זיך געעפנט פאַר דער ייִדישער יוגנט".

„דאָס איז עפּעס, ווי א מין פאַרלויפן דעם וועג"... — פאַרלויפט דעם וועג אישיקע אין דער קאַנאַדער „וואָכנבלאַט". ער מיינט, ווײַזט אויס, אַז דער אַרײַנפיר פון דער רעדאַקציע פאַרשפּרייט זיך בלויז אַף דעם אָנהייב פון גוראַלניקס ווערק, ווײַל זײַן באַאומרויִקונג מאָטיווירט ער, כּלומרשט מיט מוירע, אַז מע וועט „באַגרענעצן דעם זייער ערנסטן איניען צו ייִדיש לאָשן בלויז", אויך מיט דעם, אַז עס זײַנען אים „בעפּיירעש שטאַרק נעגייִע די שמועסן, וואָס דער מעכאַבער פון די זיכרוינעס וועט ציִען לעגאַבע דעם מאָרגן".

עמעס, אישיקע אַליין דערטראַכט זיך צו וואָרענען סײַ זיך, סײַ זײַנע כאַווײרים אין רעדאַקציע פון דער „וואָכנבלאַט", אַז „אויב מיר זײַנען קריטיש, האַלעמײַ די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרלויפט, אַזוי צו זאָגן, דעם וועג, איז לאָמיר ניט באַגיין דעם זעלבן טאָעס. לאָמיר בעסער וואַרטן, ביז דער כאָשעווער געלערנטער אוראַן גוראַלניק וועט פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט צו דערציילן און זאָגן".

פרעגט זיך: פאַרוואָס האָבן זיי טאַקע ניט צוגעוואַרט — אישיקע און די „וואָכנבלאַט" — און גענומען ראַפּטום צו פאַרלויפן דעם וועג דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"? ס׳איז, ווײַזט אויס, טאַקע פּונקט די צײַט זיי צו זאָגן: באַאומרויִקט אײַך דערווײַל ניט אַביסינקע. לייענט אוראַן גוראַלניקס נאָטיצן ביזן סאָף.

יאַנקעוו שטערנבערג ענטפערט דער אַנטיסאָוועטישער רעאַקציע

די ייִדישע רעאַקציע האָט זיך אַרײַנגענומען אין דער טעווע א שפּאָגל־נײַ מיטל פון פּאָליטישער דעמאַגאָגיע: זי פּרוּווט שווינדלעריש אײַנשליסן אין איר אידייִשן אַרסענאַל די ווערק און די נעמען פון פאַרשטאָרבענע שרײַבער, וועלכע זײַנען באַם לעבן געווען אירע אידייִשע קעגנער. אַזוי, לעמאָשל, האָבן זיך באַוויזן מערערע ביכער און אַרטיקלען פון אַנטיסאָוועטישע ליטעראַטור־עסעיִסטן, וואָס טוען אָן א בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן שלייער אַף דער שאַפונג פון די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

לעצטנס האָט די פּרעסע פאַרצייכנט אייניקע אינגאַנצן שוין אומגעלומפּערטע פאַקטן פון אָט דעם סאָרט. מע דערציילט, אַז אַפילו וועטעראַנען פונעם אַנטיסאָוועטישן פראָנט האָבן שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווען אַף יאָרידים פונעם קאַלטן קריג פלעגט דאָ און דאָרט דערשײַנען די אַוואַנטיוריסטקע עסטער לאַזעבניקאָווע און „זאָגן איידעס, ווי א ווײַב", אַז „ווען פּערעץ מאַרקיש זאָל לעבן", וואָלט ער, פּונקט ווי זי, „געוואָרן א ציִעניסט"...

אויך אַרום דעם נאָמען פון יאַנקעוו שטערנבערגן, אַף מאָרגן נאָך זײַן טויט, דרייען זיך שוין אַרום די „איידעס". איינער פון זיי, ל. פּאָדריאַטשיק, וועלכער האָט, קומענדיק קיין ייִסראָעל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, מאַמעש מיט די עלנבויגנס אָפּגעשלאָגן פאַר זיך דאָס אָרט פון א פּראָפעסיאָנעלן איידעס באַם ליטעראַטור־ציִעניזם, — איז גלײַך געקומען צו מעלדן אין דער טעל־אוויווער אויסגאַבע „פאָלק און מעדינע", אַז געשטאָרבן איז יאַנקעוו שטערנבערג „האַרט בײַ דעם שוועל פון פאַרווירקלעכן זײַן לאַנג און שווער אויסגעבענקטן כאָלעם — אוילע צו זײַן קיין ייִסראָעל".

זיצנדיק איצט אין טעל־אוויוו, ווייסט פּאָדריאַטשיק אַפילו, וואָס עס טוט זיך אין די נעשאָמעס פון מאָסקווער מענטשן. ער ווייסט, אַשטייגער, אַז יאַנקעוו שטערנבערג איז פאַרן טויט „געווען גײַסטיק און אידייִש פאַרבונדן מיט ייִסראָעל". די פּען האָט ניט קיין ציטער געטאָן באַם פּראָוואָקאַטאָר, ווען ער איז אין זײַן אַרטיקל דערשינען ווי אַן „איידעס", אַז יאַנקעוו שטערנבערג — דער אויסגעשפּראָכענער סאָוועטישער דיכטער און פּובליציסט אין מעשעך פון די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר — האָט קלוימערשט פאַרטרויט אים, פּאָדריאַטשיקן, אַז ער זעט זיך „דאָ", דאָס הייסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, „אַלס גײַסטיקער אַמבאַסאַדער פון ייִסראָעל", און נאָך מער, שטערנבערג האָט גאַנץ זאַכלעך צוגעגעבן: „דאָס לייגט אַף מיר אַרויף א דאָפּלטיקע אַכרײַעס"...

ווען פּאָדריאַטשיק נוצט דאָס וואָרט „דאָ" אין קאָנטעקסט מיט י. שטערנבערגס נאָמען, ווייסט ער ניט, ווײַזט אויס, אַז אַליין שטערנבערג האָט אַמאָל מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקײַט אָוועקגעשטעלט דאָס דאָזיקע וואָרט אַפן געהעריקן אָרט, און רעטראָספּעקטיוו איז עס שטערנבערגס א פּאַטש אין פּאָנעם ניט נאָר אים, פּאָדריאַטשיקן, נאָר דער גאַנצער קנופּיע דעזערטירן, וואָס האָבן אויסגעביטן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד אַף אַן אַנדער „היימלאַנד". „דאָ" האָט געהייסן די ערשטע סאָוועטישע ליד שטערנבערגס, אין וועלכער דער דיכטער האָט לאַקאָניש געמאָלדן, אַז ער איז געווען שוין „דאָ" — אין סאָ־

וועטנפאַרבאַנד, — ווען ער האָט געלעבט נאָך „דאַרט" — אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. פּאַדריאַטשיק ווייסט לאַכלוטן ניט שטערנבערגס שאַפונג. אַנדערש וואָלט ער ניט געקאָנט זאָגן וועגן אים, דעם באַדײַטנדיקסטן אין דער ייִדישער דיכטונג זינגער פונעם רוסישן מאָטיוו, אַז דער טויט „האָט אים פיזיש באַהעפט מיט דער קאַלטער און אים פרעמדער מאָסקווער ערד". גוט כאַטש, וואָס די לייענער פון דער ייִדישער פּאָעזיע האָבן אַ מעגלעכ־קייט אַליין צו נאָכפאָרשן די צווישנבאַציִונגען פונעם דיכטער און דער „מאָסקווער ערד", אופשטעלנדיק אין זיכּאָרן צענדליקער לידער שטערנבערגס, אַזעל־כע ווי:

„אין מאָסקווע" —

אין מאָסקווע דער שניי האָט זײַן לאַך.
איך האָב עס געזען הײַנט פאַרנאַכט —
געזען און געהערט אויך זײַן עכאָ
אין זון־פאַרגאַנג איבער די דעכער.
...דאָס לאַכן גייט איבער אין שמייכל,
וואָס קוקט פונעם שניי־בליץ אַרויס.
פאַרוואַנדלט איז איצט אין אַ הייכל
דער אַלטער טווערסקאָי מיט מײַן הויז.

„ווי טאָמיד" —

און אָט די רויטע שײַן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

די שטראַמט איצט אַף מײַן שרײַבטיש, אַף מײַן ליכטיק ווייספּאַפּיר,
ווי אַלץ, וואָס כ'האָב געזען, עס ווערט אַף אים פאַרדזייט פון מיר.
אין זיך איך שפּרייט, איך פלאַנץ דיך, מאָסקווע...

„מאַלאַכאָווקע" —

דאָס זומערדיק שטעטל מיט וואַלד־סאָסנעס שלאַנק,
וואָס דאָ, הינטער מאָסקווע, פאַרפלאַנצט איז,
איז מיר אַזוי נאָענט און היימיש געוואָרן —
אַפּאַנעס, אַז עפּעס אין מיר דאָך דערגאַנצט עס.

„רוסישע באַלאַדע" —

די שלאַכט אָפּגעשטורעמט, די קריגסלײַט אַוועק,
נאָר איבערגעבליבן אַן איידעס — דער וועג
פון סוינעס מאַפּאַלע און רוסישן זיג.

„איך פאָר אַהיים" —

און דורך די בריאַנסקער וועלדער
ליגט מײַן שליאַך.
דאָס ווייס איך, און דערפאַר איך וואַך,
גענוי ווי כ'ווייס,
אַז הוילע לײַם איז איצט מײַן היים.

„די שטילסטע שאָ" —

די מיליאָנען־מענטשן־שטאָט מיט אירע
ראַכוועסדיקע גאַסן,
מוירן,
פאַבריקן,
מיט אירע טעאַטערן, אַלטע קלויסטערס, נײַע
הענגענדיקע בריקן —
האָט זיך פאַרטײַעט... ניין, ניט שלאָפט, ניט דרימלט,
נאָר שווײַגט פּראָסט־ערדיש און באַהימלט...
וואָס הייסט, די שווײַגט?
דאָס מיינט: זי טרינקט זיך אָן מיט קראַפט און
שטײַגט.

— — — — — — — — — — —

איך אויכעט טרינק מיט איר צוזאַמען —
ס'פאַרכאַפּט אונדז אַזש פון לאַנגן, פרישן טרונק
דער אָטעם.

פרעגן מיר בא די אַנטיסאָוועטישע פּראָפּאַגאַנ־דיסטן, וועלכע סטאַרען זיך אַרײַנצונעמען אין זייער פינצטערן שותּפעס אַזעלכע ליכטיקע גײַסטער, ווי יאַנקעוו שטערנבערג:

— צי קאָנט איר באַנעמען, ראַבויסײַ, מיט אײַערע פאַרדאַרבענע כּושים, אין וואָס עס גייט, ווען אַ ייִדישער דיכטער, וואָס שטאַמט פון אײַער וועלט, האָט זיך אָרגאַניש באַהעפט מיט סאָוועט־רוסלאַנד? אין אײַך איז דען פאַרבליבן כאָטש אַ שפּור פונעם געפיל פון ערלעכער, נאַטירלעכער מענטשלעכער צו־געבונדנקייט צו היימישער ערד, ווען פרייד־און־לייד, דערמאָנונג־און־כאַלעם, אייגנס־און־אַלעמענס ווערן אַ טייל פונעם געמיט, און בעמיילע שוין פון עכטער דיכטונג? אויב איר וואָרט, עס זאָל אײַך דורכלײַכטערן די מויכעס יאַנקעוו שטערנבערג אַליין, קאָנט איר, אַף אַ נאָווינע, דורכלייענען אײנע פון זײַנע ערשטע לידער, אָנגעשריבענע נאָך אין דער שטורמישער יוגנט — „איך בין דער דיכטער פון קאַלטע וואַקאַרעשט", — אין וועלכער ער ווענדט זיך דירעקט צו אײַך, אופקלערנדיק, פאַרוואָס ער שרײַבט זײַן נאָבעלן רעוואָליוציאָנערן פערז:

כ'וואָלט געוויס געקאָנט אים אַנדערש פאָרמען:
לײַכטע פיס און פלעקן אַפן קאָרק.
נאָר ווי מאַכט מען דאָס, ווען שטורעמס
האָבן מיר פאַרהאַקט דעם וועג צום מאַרק?

ניט באַם לעבן, ניט נאָכן טויט איז יאַנקעוו שטערנבערג ניט געווען און וועט ניט זײַן קיין שוי־טעף מיט די פּאָליטישע הענדלער אַפן אַנטיסאָוועט־טישן מאַרק.

געכאַפּט אים בא דער האַנט

שיינדל מאַנגער־גלוזמאַן, די שוועסטער פונעם גרויסן ייִדישן דיכטער איציק מאַנגער, האָט פאַר־עפנטלעכט אַ בריוו אונטערן קעפּל „אומגעבעטענע „ביאָגראַפן", אין וועלכן זי שטעלט פעסט, אַז דער אויטאָר פון זיכרוינעס וועגן איציק מאַנגערן י. יאַקיר („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11 פאַרן 1969) איז אַ פאַלסיפיקאַטאָר. זי באַמערקט, אַז יאַקיר, וואָס שרײַבט וועגן דער מאַנגער־מישפּאָכע אַזוי, „עלעהיי ער וואָלט אין אונדזער הויז מאַמעש אויסגעוואַקסן און געלעבט", איז אָבער אין דער ווירקלעכקײַט „קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל" פונעם הויז, און מיט אים האָט מאַנגער אין די דרײַסיקער יאָרן „ניט געהאַט דעם מינדסטן קאָנטאַקט". בא הײַנטיקן טאָג, נאָך דעם, ווי יאַנקל יאַקיר האָט דעזערטירט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטע־ראַטור און ליומפּעוועט אַרום אין ייִסראָעל, „זעצט

ער פאַר זײַנע מאנגער־שילדערונגען". דעריבער קומט די שוועסטער פונעם פארשטאָרבענעם דיכטער צו „בעטן יאקירן, ער זאָל זיך ענדלעך ארויסלאָזן פון זײַן פרײַנטשאפט מיט איציק מאנגערן... ניט פראָדוצירן ביאָגראפישע פאקטן פון דער מאנגער־מישפּאָכע"[1]...

ס'איז איבעריק דאָ צו פארענטפערן „סאָוועטיש היימלאנד", לעמײַ עס זײַנען מיט פיר יאָר צוריק פארעפנטלעכט געוואָרן יאקירס זיכרוינעס. אומעטום, אין אלע אויסגאבעס פון דער וועלט, איז אָנגענומען, אז פאר דער פאקטישער זײַט פון דערינערונגען זײַנען פאראנטוואָרטלעך זייערע אווטאָרס. און דאָך איז נייטיק, ס'זאָל גענומען ווערן א שטעלונג צו דער ארויסטרעטונג פון מאנגערס שוועסטער, וועלכע איז בעפיירעש גערעכט, ווען זי פאָדערט, אז דאָס געשטאלט פונעם דיכטער זאָל ניט „פארקריפּלט ווערן דורך צוטראכטן ביאָגראפישע שטריכן".

בא דער געלעגנהײַט ווילן מיר אופמערקזאם מאכן די רעדאקציעס פון די יִשׂראָעלדיקע צײַטונגען און זשורנאלן: העיויס אין די געזעלשאפטלעכע קרײַזן פון דער מעדינע האָט מען זיך שוין, זעט אויס, געכאפּט, אז די דעזערטירן לעבן פון שעקער, איז איצט די רעכטע צײַט, מע זאָל אָפּשטעלן זייער מיסכער מיט שאָדן־„זיכרוינעס" וועגן סאָוועטנפארבאנד און וועגן דער סאָוועטישער ליטערארישער געזעלשאפטלעכקײַט.

[1] „לעצטע נײַעס", 22 יון 1973.

כראָניק

אפן וועלט־קאָנגרעס פון די פרידנסליבנדיקע קרעפטן

פאראן געשעענישן, וועלכע פארבלײַבן אף לאנגע יאָרן אין די הערצער פון מיליאָנען מענטשן. אזא געשעעניש איז געווען דער וועלט־קאָנגרעס פון די פרידנסליבנדיקע קרעפטן — די צווישנפעלקערלעכע אסאמבליי פאר דעמאָקראטיע, סאָציאלער גערעכטיקײַט און דויערנדיקן שאָלעם.

דער מאָסקווער קאָנגרעס האָט באטראכט א ברייטן קרײַז פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען פארבונדן מיטן קאמף פאר א גערעכטיקן, דעמאָקראטישן שאָלעם, פאר גערפאָזיקײַט און צווישנפעלקערלעכער צוזאמענארבעט, קעגן קאָלאָניאליזם און ראסיזם, פאר נאַציאָנאלער באפרײַונג און פּראָגרעס. אין אים האָבן זיך באטייליקט ארום 3.200 דעלעגאטן פון 143 לענדער, וועלכע זײַנען געווען באפולמעכטיקט פון 1.100 נאַציאָנאלע און 120 צווישנפעלקערלעכע אָרגאניזאציעס צו פארייניקן די אָנשטרענגונגען פון די געזעלשאפטלעכע באוועגונגען פון די סאמע פארשיידנסטע פּאָליטישע ריכטונגען.

מיט צופרידנקײַט און מיט גרויס באגײַסטערונג האָבן די שאָלעם־קעמפער פון אלע קאָנטינענטן אופגענומען אפן קאָנגרעס די רעדע פונעם גענעראל־סעקרעטאר פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פונעם סאָוועטנפארבאנד ל. אי. ברעזשנעוו, אין וועלכער עס איז געגעבן א טיפער און אלזײַטיקער אנאליז פון דער צווישנפעלקערלעכער לאגע און עס ווערט באוויזן און באגרינדעט דער קאָנסטרוקטיווער צוגאנג פון אונדזער פּארטיי און רעגירונג צו די פּראָבלעמען פון שאָלעם און גערפאָזיקײַט פון די פעלקער אין דער גאָרער וועלט.

אין דעם פאָרום פון די פרידנסליבנדיקע קרעפטן האָט זיך באטייליקט א דעלעגאציע פון די פּראָגרעסיווע קרײַזן אין יִשׂראָעל. צוויי פאָרשטייער פון דער דעלעגאציע — דער באוווסטער שרײַבער מאָרדכע אווי־שאול און דער מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער יִשׂראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּארטיי רוט ליוביטש — זײַנען ארויסגעטראָטן מיט רעדעס אף די זיצונגען פונעם קאָנגרעס.

אין די טעג פונעם קאָנגרעס האָט די יִשׂראָעל־דעלעגאציע באזוכט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד".

די דעלעגאטן יעהוישוע אירגע (מיטגליד פונעם סעקרעטאריאט פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער יִשׂראָעלדיקער קאָמפּארטיי און מיטגליד פונעם אויספירקאָם פון דער היסטאדרוט), שורא עפּשטײן (פּראָפעסאָר פונעם יערושאָלאיִמער אוניווערסיטעט) און רוט ליוביטש האָבן זיך געטיילט מיט זייערע אײַנדרוקן וועגן דער ארבעט פונעם קאָנגרעס.

צום סאָף פון דער באגעגעניש האָט ארן ווערגעליס — דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד", מיטגליד פונעם סאָוועטישן שאָלעם־קאָמיטעט — אָפּגעדאנקט די געסט פאר זייער פרײַנטלעכן באזוך און אויסגעדריקט דעם ווונטש, אז וואָס מער שרײַבער און זשורנאליסטן פון יִשׂראָעל זאָלן זיך אקטיוו אָנשליסן אינעם קאמף פאר א גערעכטן שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך.

די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" האָבן באזוכט פאָרשטייער פון פארשיידענע לאנדדעלעגאציעס, צווישן זיי דער הויפּט־רעדאקטאָר פונעם טעאָרעטישן אָרגאן פון דער אמעריקאנער קאָמוניסטישער פּארטיי „פּאָליטיקל אפערס" כאיִמע לומער, דער פּרעזידענט פונעם פּאריזשער „אוניִאָן" שארל לעדערמאן אא.

ביראָבידזשאנער נײַעס

קאָנצערטן

די ארטיסטישע בריגאדע פונעם ביראָבידזשאנער זאוואָד „דאלסעלמאש" איז אן אָפטער גאסט אין די אָפּגעווײַטערטע יִשוּווים פון דער געגנט. לעצטנס זײַנען די זאוואָדישע ארטיסטן ארויסגעטראָטן מיט קאָנצערטן אין די דערפער פונעם לענינער ראיאָן.

אין די קאָנצערטן האָבן זיך באטייליקט די יונגע זינגערן, לאורעאט פונעם אלרוסלענדישן דורכקוק פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט גאלינע טאליסמאן, דער קינסטלערישער אָנפירער פון דער קאָנצערט־בריגאדע לעוו גאָרעליק אא.

„גאָלדענער הארבסט"

אזוי האָבן די ביראָבידזשאנצעס אָנגערופן דעם ספּאָרטיוון יאָמטעוו, וואָס איז פאָרגעקומען אפן סטאדיאָן „סטראָיִטעל". אין אים האָבן אָנטיילגענומען 250 סטודענטן פון דער ביראָבידזשאנער פּעדאגאָגישער שול. די פּראָגראם איז באשטאנען פון ספּאָרט־פארמעסטונגען לויט די נאָרמאטיוון פון דעם פיזקולטור־צייכן „גרייט צו ארבעט און שוץ".

פאַרשיידנס

זיך קוים דערמאָנט

„האָט איר ווען־ניט־איז געהערט וועגן וואַיניטש?" — מיט אזא פראַגע האָט דאָ ניט לאַנג זיך געווענדט צו אירע לייענער די לאָנדאָנער צייטונג „סאנדי עקספּרעס".

עס גייט א רייד וועגן דער ענגלישער שרײַבערן עטעל ליליאַן וואַיניטש, דעם אויטאָר פונעם פּאָפּולערן בא אונדז ראָמאַן «Овод» (א בײַס־פליג). אין ענגלאַנד אָבער ווייסט קימאַט קיינער ניט אָט דעם נאָמען. איר וועט אים נישט געפינען ניט אין דער „בריטאַנישער ענציקלאָפּעדיע", ניט אין דער „געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור", וואָס איז אַרויסגעגעבן דורכן קעמברידזשער אוניווערסיטעט.

און דער ראָמאַן «Овод», וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ענגלאַנד אין 1898 יאָר, איז דאָך אין יענער צײַט געווען איינס פון די סאַמע פּאָפּולערע ווערק.

דעם בוך האָט הויך געשעצט וו. אי. לענין, און דער פּי־לאָסאָף בערטראַן ראַסעל האָט אים גערעכנט אלס „סאַמע רעגוונגספּולער ראָמאַן", וואָס ער האָט געלייענט אין ענגליש. בערנאַרד שאָו האָט לויט דעם דאָזיקן ראָמאַן אָנגעשריבן א פּיעסע. «Овод» איז איבערגעזעצט אף העכער דרײַסיק שפּראַכן פון דער וועלט מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון העכער פינף מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

אָבער גופא אין ענגלאַנד האָבן די לייענער אין מעשעך פון א האַלבן יאָרהונדערט ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט זיך באַקאַנען מיט אָט דעם ווערק. און בלויז סאָף יון פון הײַנ־טיקס יאָר איז אַרויס א נײַע אויסגאַבע פון ע. וואַיניטש.

אָ. וואַסיליעוו („איזוועסטיא")

א שווער שטיקל ברויט בא די באַלערינעס

די באַלעט־אַרטיסטן טראָגן אַמווײַ־ניקסטן פונקט אזא פיזישע אָנלאָדונג, ווי פּראָפעסיאָנעלע אַטלעטן. צו אזא אויספיר איז געקומען דער פּראָפעסאָר־כירורג פונעם אוניווערסיטעט אין ציננינאַטי (פּשאַ) ע. מילער, בא וועמען די פרוי איז, אגעוו, א באַלערינע. א גרופּע געלערנטע אונטער זײַן אָנפירונג האָט אונטערזוכט די באַלעט־טרופּע פון קאַנזאַס.

„א הויכער שפּרונג, צוויי אומדרייען אינדערלופטן אף 360 גראַדוס און דאָס אַראָפּלאָזן זיך אף איין פוס מיט א פּינקטלעכקײַט ביז פינף גראַדוס לעגאַבע דעם צושויער־זאָל פאָדערן מער אָנשטרענגונג, איידער א האָסטיקער דורכרײַס און א האַרמאַטן־קלאַפּ פון א פוטבאָליסט!" — רופט פּאַטעטיש אויס מילער. די פרײַז פון דער באַלערינעס אַרטיסטישקײַט — דאָס איז צעשעדיקטע קניען און צעצויגענע געלענקן. ס'איז פעסטגעשטעלט פונדעסטוועגן, אז די טענצער לײַדן אין א גרעסערער מאָס פון טראַוומעס, איידער די באַלערינעס.

טשאַרלי טשאַפּלין קערט זיך אום אין קינאָ

פון שווייצאַריע איז אָנגעקומען א מיטיילונג: דער 84־יאָריקער טשאַרלי טשאַפּלין קערט זיך אום אין קינאָ. טשאַפּלין פאַרענדיקט די אַרבעט איבער צוויי קינאָ־סצענאַריעס און האָט שוין אָנגעשריבן מוזיק צו די קינפטיקע פילמען.

אינעם ערשטן סצענאַרי ווערן געשילדערט די פּאַסירונגען פון אַן אַסיר, וועמען ס'גיט זיך אײַן אַנטלויפן פון דער באַרימטער אַמעריקאַנער טורמע „סינג־סינג". אָט די ראָל איז אָנגעשריבן פאַר טשאַפּלינס עלטערן זון — סידני.

די פאַבול פונעם אַנדערן סצענאַרי, וואָס דער אויטאָר כאַראַקטעריזירט אלס „פאַנ־טיסטיש, פאַנטאַסטישע און אין דער זעלבער צײַט קאָמישע" געשיכטע, איז אזא: בא דער טיר פונעם שטיבל פון א געאָלאָג, וועלכער אַרבעט אין א פאַרוואָרפן ווינקל פון א לאַטײַן־אַמעריקאַניש לאַנד, פאַלט איינמאָל אַראָפּ פונעם דאַך א מאָדנע באַשעפעניש — א פרוי מיט פליגלען. בייסן פאַלן איז איין פליגל בא איר צעבראָכן געוואָרן. דער מענטש הייבט אוף די פרוי מיט פליגלען, טראָגט זי אַרײַן צו זיך אין שטיבל און היילט זי אויס. צווישן אים און דעם גאַסט פון הימל אַנטשטייט א מאָדנער געפיל, וואָס איז ענלעך אף ליבע. וועגן דער פאַנטאַסטישער באַשעפעניש דערוויסן זיך אָבער זײַטיקע מענטשן. צוליב סענסאַציעס הייבט אוף די ראַדיאָ, טעלעוויזיע, די צײַטונגען, די אינדוסטריעלע פירמעס א ווילדן טומל. ס'ווערן פאַנאַנדערגעאַרבעט פּלענער וויאַזוי אַרויסגאַנוונענען די פרוי מיט די פליגל — מאַכן ביזנעס אָפּן און ווונדער. ניט קאָנענדיק בײַשטיין אָט דעם קאָמערציעלן אזשיאָטאַזש, איז די פרוי סאָפּקאָלסאָף געצוווּנגען זיך אופהייבן אינדערלופטן און פאַרשווינדן. איניגיכן געפינט מען זי א טויטע, מיט צעשפּרייטע פליגלען אף די כוואַליעס פון אָקעאַן.

אָט די הײַנטצײַטיקע לעגענדע וועגן איקאַרן האָט טשאַפּלין אָנגעשריבן פאַר זײַן טאָכטער דזשאָזעפינע, וועלכע ווינט אין פראַנקרײַך.

ניט געקוקט אף זײַן סאָלידן עלטער, פילט זיך דער גרויסער אַרטיסט גענוג מונטער. טשאַפּלין גופא האָט ניט ליב גיין אין קינאָ, נאָר ווי מע דערציילט, קוקט ער אמאָל אין דער מעסיבע פון דער מישפּאָכע און אייגענע זײַנע אַלטע לענטעס און לאַכט ווי א קינד.

ב. לעסנאָוו („איזוועסטיא").

צוויי מיליאָן פאַר א בוך

אויף אַן אאוקציאָן אין פאַריזש איז פאַר־קויפט געוואָרן א טייל פון דער ווערט־פולסטער ביבליאָטעק, וואָס האָט געהערט דעם באוווסטן זײַנערצײַט ביבליאָפיל ראַ־פאַעל עסמעריאַן. צווישן די 107 ביכער (אַרויסגעגעבענע אין XVIII יאָרהונדערט), וואָס ווערן פאַרעגלייגט די קונים אויפן אאוקציאָן, זײַנען א סך איליוסטרירט מיט גראַווירן און אַקוואַרעלן. דער פערל פון דער זאַמלונג זײַנען געווען צוויי בענדער פון זשאַן לאַפאָנטענס פאַבל־זאַמלונג, באַ־צירטע מיט 275 אָריגינעלע געמעלן פונעם קינסטלער זש. ב. אודרי — דעם אויטאָר פון די באַרימטע בילדער, וואָס שילדערן דעם קיניגלעכן גייעג. איבער אָט די איליוסטראַציעס האָט אודרי געאַרבעט אין משך פון פינף יאָר (1729 — 1734).

פאַר אײַנשאַפן די ווערטפולע ביכער האָט זיך אויפן אאוקציאָן פאַנאַנדערגעוויקלט א קאַמף צווישן די פאַרשטייער פונעם פאַריזשער מעלוכע־מוזיי „פּטי־פּאַלע" — פון איין זײַט, און א פריוואַטן אַמעריקאַ־נישן קינסטלערישן פאָנד — פון דער צווייטער זײַט. סאַפּקאָלסאַף האָבן געזיגט די אַמעריקאַנער. זיי זײַנען געוואָרן די אייגנטימער פון לאַפאָנטענס זאַמלונג, באַ־צאָלנדיק פאַר איר צוויי מיליאָן פראַנק (בא פינף הונדערט טויזנט דאָלאַרן). ווי עס באַהויפּטן די ספּעציאַליסטן, איז דאָס א רעקאָרד־סומע, וואָס איז ווען־ניט־איז באַצאָלט געוואָרן פאַר א בוך־אויסגאַבע.

דער קערפּער האָט געפונען דעם קאָפּ...

די סטאַטוע פון אַן עגיפּטישן באַאַמטן פון די אוראַלטע צײַטן, וועלכע איז אין משך פון העכער 70 יאָר געשטאַנען אָן א קאָפּ אין דעם קאַירער מוזיי פון אַלטער־טימלעכקײַטן, איז לעצטנס געהאָלפן גע־וואָרן. דער קאָפּ האָט זיך „אָפּגעזוכט" אינעם ברוקלינער מוזיי אין ניו־יאָרק.

די סטאַטוע האָט מען געפונען אין 1904 יאָר אָן א קאָפּ און אָן א טייל פון דעם רעכטן אַקסל אין א מין מאַסן־קייווער ניט ווײַט פון לוקסאָר אין דאָרעם־עגיפּטן.

אַן ערך 500 מעטער ווײַטער פון דעם דאָזיקן אָרט האָבן בוי־אַרבעטער געפונען אין 1971 יאָר א קאָפּ פון א סטאַטוע און אים איבערגעגעבן אַמעריקאַנער אַרכעאָ־לאָגן. דאָקטאָר בערנאַרד בוטנער, פון ברוקלינער מוזיי, איז געקומען קיין עגיפּטן, אויסגעמאָסטן דעם קאָפּ, אים פאָטאָגראַפירט, און דאַן האָבן די אַר־כעאָלאָגן פעסטגעשטעלט, אַז ער פּאַסט צום קערפּער פון דעם גײַסטלעכן. איצט זײַנען ביידע טיילן פון דער סטאַטוע צונויפגעשטעלט געוואָרן אין קאַירער מוזיי.

(„נײַע פּרעסע")

מאַיאַקאָווסקיס ביכער אין זײַן יובילײ־יאָר

לויט די ידיעות פון דער אַלפאַרבאַנדישער ביכער־פּאַלאַטע זײַנען וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס ווערק בלויז בא אונדז אין לאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן 956 מאָל אויף 70 שפּראַכן. דער אַלגעמיינער טיראַזש פון די ביכער פונעם פּאָעט באַטרעפט 74 מיליאָן 525 טויזנט עקזעמפּליאַרן. מע דאַרף אָפּמערקן, אַז די פּאָעמע „וולאַדימיר איליטש לענין" איז אין באַזונדערע אויסגאַבעס אַרויסגעלאָזט געוואָרן 120 מאָל אויף 38 שפּראַכן פון דער וועלט מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פון 4 מיליאָן 95 טויזנט עקזעמפּליאַרן, די פּאָעמע „גוט" — 30 מאָל (דער אַלגעמיינער טיראַזש — 668 טויזנט עקז.) אויף 14 שפּראַכן פון די פעלקער פון דער וועלט.

די צענטראַלע פאַרלאַגן האָבן האַיאָר צוגעגרייט און אַרויס־געגעבן א סך ווערק פונעם פּאָעט. דער פאַרלאַג „קינסט־לערישע ליטעראַטור" האָט צוגעגרייט זײַנע אויסגעוויילטע ווערק אין דרײַ בענדער".

אין דער סעריע „ביבליאָטעק פון דער פּאַטעריאָטישער קלאַסיק" האָט דער פאַרלאַג „פּראַוודאַ" אַרויסגעלאָזט אַלס בײַלאַגע צום זשורנאַל „אָגאָניאָק" וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקיס געזאַמלטע ווערק אין זעקס בענדער. דער טיראַזש — 375 טויזנט עקז. אָט די אויסגאַבע, וואָס גייט אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון ל. מאַיאַקאָווסקאַיאַ, וו. וואָראָנצאָוו און וו. מאַקאַראָוו, שליסט אין זיך איין זיך אַלע גרונט־ווערק פּר־נעם פּאָעט און איז רײַך איליוסטרירט. איין באַנד מאַיאַ־קאָווסקיס „לידער. פּאָעמעס" האָט אַרויסגעלאָזט דער פאַרלאַג „דער מאָסקווער אַרבעטער".

צוויי שיין אויסגעפאָרמירטע ביכלעך פאַר קינדער מיט מאַיאַ־קאָווסקיס לידער „לאָמיר נעמען די ביקסן די נײַע", „א פערד — א פײַער" און א לידער־זאַמלונג „עפּן א זײַטל — א טירז" האָט אַרויסגעלאָזט דער פאַרלאַג „מאַליש".

דעם דיכטערס ביכער גיבן אויך אַרויס א סך רעפּובלי־קאַנישע און געגנטלעכע פאַרלאַגן.

א ראָמאַן אויף דער וואַנט

אויף דער לאַנדאַנער מעטראָ־סטאַנציע „נאָטינג כיל גייט" איז ניט לאַנג צוריק אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אַן אומגע־וויינלעכער פּלאַקאַט, אויף וועלכן ס'איז, ווי מע זאָגט, שוואַרץ אויף ווײַס אָנגעשריבן: „די מומע בערט". ראָמאַן פון דעוויס קאָקסכעד", און ווײַטער גייט דער טעקסט פון א קאַפּיטל פונעם נײַעם ווערק פון אָט דעם דערפינדערישן 33־יאָריקן שרײַבער. קאָקסכעד האָט אַרענדירט א רעקלאַמע־אָרט אין מעטראָ אויף צען קאַפּיטלען פון זײַן ראָמאַן־פּלאַקאַט, יעדע וואָך א נײַ קאַפּיטל. דער שרײַבער האָט געמאָלדן, אַז ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען די מעטראָ־פּאַסאַזשירן פאַר־שפּעטיקן אויף דער אַרבעט, איבער דעם, וואָס זיי האָט פאַר־כאַפּט זײַן פּראָזע. דאָס וואָלט, לויט זײַן מיינונג, באַטײַט די אָנערקענונג פון דער קינסטלערישער ווערט פונעם ראָמאַן.

דעם קינסטלערס געשאַנקען

מישעל ספּאַן, א שנײַדער פון ניצע, פלעגט נייען מאַלבו־שים פאַר פּאַבלאָ פּיקאַסאָ אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן.

— פּיקאַסאָ, — דערציילט ספּאַן, — פלעגט קײנמאָל מיר ניט צאָלן פאַר דער אַרבעט מיט מעזומאָנים. ער האָט מיר געשענקט זײַנע בילדער. „איך בין א קינסטלער, — פלעגט ער זאָגן, — און איר זײַט א קינסטלער, און קינסטלער צאָלן ניט איינער דעם צווייטן. זיי טוישן זיך מיט זייערע ווערק".

ספּאַנס זון, א פאַרוואַלטער פון א בילדער־גאַלעריי, קלײַבט זיך אָרגאַניזירן אַן אויסשטעלונג פון פּיקאַסאָס ביל־דער, וואָס ער האָט געשענקט זײַן פּאָטער.

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

הײַנטיקן כוידעש, דעם 13 דעקאַבער, ווערט 100 יאָר, זינט אין מאָסקווע איז געבוירן געוואָרן דער רוסישער דיכטער וואַלערי בריוסאָוו.

בריוסאָווס פאָטער האָט א געוויסע צײַט זיך געלערנט אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, וואָס האָט געהאַט א רעפּוטאַציע פון א „רעוואָליוציאָנערער נעסט". וואַלערי בריוסאָוו אַליין איז דערצויגן געוואָרן, ווי ער פלעגט זאָגן, אף די „פּרינציפּן פון מאַטעריאַליזם און אַטעיִזם". די ליטעראַרישע ריכטונג פון דעקאַדאַנס און סימבאָליזם אין רוסלאַנד האָט געפונען אַן אַנטוויקלונג אין זײַנע לידער־ביכער „שעדעווורען" — 1895, „די דריטע וואַך" — 1900, „צו דער שטאָט און צו דער וועלט" — 1903. בײַס דער רעוואָליוציע פון 1905—1907 האָט בריוסאָווס דיכטונג זיך דערנענטערט צום רעאַלן לעבן (די לידער „דער שטיינהעקער" — 1901, „דער קינזשאַל" — 1903, „א צופרידענער" — 1905 און אַנד.). א מענטש מיט ענציקלאָפּעדישער בילדונג, האָט בריוסאָוו געשעפּט זײַנע געשטאַלטן פון די קולטורן פון פאַרשיידענע צײַטן און פעלקער.

וו. בריוסאָוו פלעגט אַרויסטרעטן אויך אַלס קריטיקער („ווײַט און נאָענט", 1912). ער איז געווען א געלערנטער פילאָלאָג, א פאָרשער פון דער רוסישער ליד, א פּרעכטיקער איבערזעצער פון פּאָעמעס פון בעלגישן דיכטער עמיל ווערהאַרן, פון די אַרמענישע דיכטער און אַנד.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט וו. בריוסאָוו אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט דער סאָוועטנמאַכט. אין 1920 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין 1921 האָט ער אָרגאַניזירט דעם מאָסקווער ליטעראַריש־קינסטלערישן אינסטיטוט. ער איז געווען אַן אָרגאַניזאַטאָר פון די ליטעראַריש־שעפערישע קרעפטן, א דערציִער פון דער פּאָעטישער יוגנט. די לידער, וועלכע וו. בריוסאָוו האָט אָנגעשריבן אין די סאָוועטישע יאָרן („דער דריטער האַרבסט", „פאַר אונדז א פרווו" — 1920, „לענין" — 1924, און אַנד.), זײַנען דורכגעדרונגען מיט רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס.

וואַלערי בריוסאָוו איז געשטאָרבן דעם 9 אָקטיאַבער 1924 אין מאָסקווע.

דעם 4 דעקאַבער ווערט 120 יאָר, זינט אין פּאָדזעלווע (הינטער ווילנע) איז געבוירן געוואָרן דער שרײַבער צווי־ניסן גאָלאָמב.

א געוויסע צײַט האָט צ.־נ. גאָלאָמב געאַרבעט אַלס געהילף־קאָרעקטאָר אין דער ווילנער דרוקערײַ פון די ברידער ראָם. מע פלעגט אים דאָרט געבן אף אהיים איבערשרײַבן די אָריגינאַלן פון א. מ. דיקס דערציילונגען (א. מ. דיקס קסאַוו איז געווען זייער א שווערער, און דער צענזאָר פלעגט ניט אָנעמען זײַנע מאַנוסקריפּטן). מיט דער צײַט האָט צ.־נ. גאָלאָמב גענומען אַליין פאַרפאַסן ביכלעך אינעם דײַטשמערישן נוסעך אַלפּי א. מ. דיק. די דאָזיקע ביכלעך האָבן געהאַט ניט קיין שלעכטן אָפּזאָץ. מיר ברענגען דאָ אייניקע פון זיי: „פּראַקטיקע איז א לערע" — 1875 (לויט דר. פיליפּזאָנס דערציילונג „די טפילן"); „א יונגע טויב פאַר א קאָרבן" — 1878, א דערציילונג, ווו עס ווערן געשילדערט די טרויעריקע רעזולטאַטן פון דעם, וואָס עלטערן פלעגן צוליב נאַרישן ייִכעס איבערגוואַלד כאַסענע מאַכן זייערע טעכטער; „דער פאַרבאָטענער בריס" — 1878, א טאַלמודישע דערציילונג; „מישליי כאַכאָמים" — 1879, געהערטע און געזאַמלטע שפּריכווערטער; א קאַפּיטל פונעם ראַמבאַמס ווערק „יאַד האַכאַזאָקאָ" — 1875, וועגן גוטע מידעס און היגיִענישער פירונג; „דאַמענרעכט" — 1890, וועגן פרויען און זייערע רעכט אינעם פאַמיליען־לעבן; „אופירונג" — 1892, וועגן היטן דאָס געזונט אין דער צײַט פון דער כאָלערע־מאַגייפע; „העברעיִשע מענלעכע און ווײַבלעכע נעמען", און פיל אַנדערע ווערק.

א געוויסן אינטערעס פאַר דער ייִדישער פילאָלאָגיע האָט צ.־נ. גאָלאָמבס ווערק „העברעיִש־ייִדיש־ווערטערבוך" — 1910. דאָס דאָזיקע ווערטערבוך איז אָבער, ליידער, ניט פרײַ פון קוריאָזן, באַט־

לאָנישע פּאַרטײַטשונגען אדג. צום ווערטערבוך גייט א בײַלאַגע „טאַלמודישע זאַגען, וועלכע ווערן באַנוצט אַלס שפּריכווערטער". די דאָזיקע „זאַגען" זײַנען איבערגעזעצט אין געשמאַקלאָזע ייִדישע פערזן.

צ.־נ. גאָלאָמב איז באַקאַנט אַלס אַוטאָר פון לערנביכער וועגן ייִדישער מוזיק. צוזאַמען מיט זײַן זון עמאַנויִל האָט ער צונויפגעשטעלט א ביִאָגראַפישן לעקסיקאָן פון באַרימטע ייִדן אין אַלע געביטן, וועלכן ער האָט אָבער ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן (עס זײַנען דערשינען דרײַ העפטן).

צווי־ניסן גאָלאָמב איז געשטאָרבן דעם 8 סענטיאַבער 1934.

מיט 90 יאָר צוריק איז אין נאַוואַרעדאָק (איצט ווײַסרוסלאַנד) געבוירן געוואָרן דער שרײַבער ייִסראָעל־בער ביילין.

צו 14 יאָר האָט י.־ב. ביילין אָנגעהויבן שרײַבן שירים און מעליצעס אין העברעיִש. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געוואָרן אַן אַקטיווער טוער אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין לאָדזש, ווו ער האָט געאַרבעט דעריקער לויט דער ליניע פון די

פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ער איז צו יענער צײַט געוואָרן א מיטאַרבעטער אין די לאָדזשער אומלעגאַלע רעוואָליוציאָנערע אויסגאַבעס, א קאָרעספּאָנדענט פון דער ווילנער „פאָלקסצײַטונג". פאַר זײַן רעוואָליוציאָנערער טעטיקײַט איז ער אויסגעשטאַנען אָפטע אַרעסטן.

אין 1911 איז י.־ב. ביילין געקומען קיין אַמעריקע, ווו ער האָט שטודירט ליטעראַטור און געשיכטע אין וואַלפּאַרײַזער אוניווערסיטעט (שטאַט אינדיִאַנאַ).

ביזן 1918 האָט ער געוווינט אין טשיקאַגאָ און מיטגעאַרבעט אין דער ייִדישער און ענגלישער סאָציִאַליסטישער פּרעסע. דערנאָך איז ער אַריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו ער איז געוואָרן דירעקטאָר פונעם בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט פונעם „אַרבעטער־רינג".

י.־ב. ביילין האָט אָנגעשריבן א גרויסע צאָל דערציילונגען, וועלכע שילדערן די פרײַהײַטבאַוועגונג אין רוסלאַנד, אויך א ראָמאַן אויף דער זעלבער טעמע (פראַגמענטן פונעם ראָמאַן זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זשורנאַל „נײַע וועלט"). ער האָט געשאַפן קינדער־דערציילונגען, לידער אויף רעוואָליוציאָנערע טעמעס. באַזונדערס פרוכטבאַר איז ער געווען אין געביט פון פּובליציסטיק. עס איז ברייט באַקאַנט זײַן בוך „פערזענלעכקײַטן אין דער געשיכטע פון ייִדן אין אַמעריקע".

י.־ב. ביילין פלעגט זיך כאַסמענען ניט בלויז מיט זײַן אייגענעם נאָמען, נאָר אויך מיט די פּסעוודאָנימען י.־ב. טאַמוז, ד״ר. י.־ב. סאַלאַמאַנדראַ, י. בערן.

ייִסראָעל־בער ביילין איז געשטאָרבן דעם 29 אַפּרעל 1961.

כראָניק

„כאָכלאָמאַ־70" אין ביראָבידזשאַן

לעצטנס האָט איבער די ווײַטמיזרעכדיקע שטעט גאַסטראָלירט דער עסטראַדע־אַנסאַמבל פון דער גאָרקער פילהאַרמאָניע „כאָכלאָמאַ־70" — א קאָלעקטיוו, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן עקזיסטענץ אין 1970, לעקאָוועד דעם 750־יאָריקן יובילײ פון דער שטאָט גאָרקי (געוועזענער ניזשני נאָווגאָראָד).

דער קינסטלערישער אָנפירער פון דעם אַנסאַמבל איז דער דיפּלאָמאַנט פונעם אַלרוסלענדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַרטיסטן, אויספּילער פון אינטערמעדיִעס און פעליעטאָנען איזמאַיִל ראַכימאָוו.

אין ביראָבידזשאַן האָבן די אַרטיסטן פון דער גאָרקער פילהאַרמאָניע געגעבן דרײַ קאָנצערטן. אינטערעסאַנט צו אָפּמערקן, אַז די ערשטע אָפּטיילונג פון דער פּראָגראַם גייט דורך אין אַן אייגנאַרטיקער פאָרם — א מאַרק אינעם אַלטן ניזשני נאָווגאָראָד, בײַס וועלכן עס ווערן אויסגעפילט לידער, טענץ, אַקראָבאַטישע און גימנאַסטישע נומערן.

דער קאָנצערט איז פאָרגעקומען אין דער באַגלייטונג פונעם עסטראַדע־אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון קאַרל כוואַטעל.

צום 60־טן געבורטסטאָג פון א ייִדישער דיכטערן

די צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ" האָט פאַרעפנטלעכט א באַגריסונג פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון אוקראַיִנע דער דיכטערן דאָרע כײַקינע צו איר זעכציקסטן געבורטסטאָג, ווי אויך אַן אַרטיקל פונעם אוקראַיִנישן שרײַבער מיקאָלאַ פאָנאָמאַרענקאָ, אין וועלכן עס ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „די שאַפונג פון דאָרע כײַקינע איז דורכגעדרונגען מיט אינטערנאַציִאָנאַלע און געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון, ס'איז איר נאָענט און טײַער אַלץ, וואָס עס קומט פאָר בא אונדז אין לאַנד".

דער אַוטאָר דערמאָנט וועגן דער דיכטערנס ווערק, וואָס זײַנען ביז אַהער דערשינען אויף אוקראַיִניש אין דער איבערזעצונג פון מאַקסים רילסקי, אַנדריי מאַלישקאָ אאַ.

לאָמיר זינגען נייע לידער

שוואַרצע אייגן

ווערטער פון אוורהם גאָנטאַר

מוזיק פון לייב בירנאָוו



שוואַרצע קעפּלעך קוטשעראַווע,
שוואַרצע פלוימען־אויגן זשוואַווע,
אַך, ווי ליב איר זײַט און טײַער!
אַך, ווי ליב איר זײַט און טײַער!
פאַר דעם בליק, וואָס בריט, ווי פײַער,
מיר זאָל זײַן פאַר אײַך.

שוואַרצע צעפּ פאַרדרייט, ווי שלאַנגען,
ביז די קני אַראָפּגעהאַנגען...
צאַרטע לויטערע געזאַנגען,
צאַרטע לויטערע געזאַנגען,
שוין פון לאַנג האָט איר געפאַנגען
אין אַ נעץ מײַן האַרץ.

באַ דײַן שטיבל, באַ דײַן גאַנעק
כ׳שטיי פאַרטײַעט, ווי אַ גאַנעוו.
עפּשער ווייסטו, כ׳זאָל ניט הערן,
עפּשער ווייסטו, כ׳זאָל ניט הערן,
עפּעס זאָגן צו די שטערן
וועגן מיר דער נאַכט.

שוואַרצע אויגן, שוואַרצע ברעמען
אין געפאַנגענשאַפט מיך נעמען.
כ׳וועל פאַר קיינעם זיך ניט שעמען,
כ׳וועל פאַר קיינעם זיך ניט שעמען,
און אײַך אויסקושן די טרערן,
גרינג מײַן האַרץ זאָל ווערן.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

שאָלעם־אַלייכעם אין יאַפּאַניש

אין יאַפּאַניע וואַקסט דער אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט. לעצטנס זײַנען דאָרט דערשינען אַ באַנד פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין דער איבערזעצונג אויף יאַפּאַניש פונעם פּראָפעסאָר טאַקאַאָ און אַ בוך, געווידמעט דער ייִדישער ליטורגישער מוזיק. עס איז אויך צוגעגרייט געוואָרן צום דרוק אַ גרויסער קאַטאַלאָג פון ווערק וועגן ייִדישער קולטור און קונסט.

אַן אַטלאַס פון היסטאָרישע דאָקומענטן

אין האָלאַנד איז דערשינען אַן אַטלאַס, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון די האָלענדישע ייִדן, אָנהייבנדיק פונעם מיטלאַלטער ביזן יאָר 1940. אין דער אויסגאַבע גייען אַרײַן פיל פאָטאָ־קאָפּיעס פון היסטאָרישע דאָקומענטן, דערין פון אַ דאָקומענט, וואָס איז דאַטירט מיטן 1347 יאָר.

צווישן די רעפּראָדוקציעס פון בילדער און צייכענונגען געפינט מען אין אַטלאַס ווערק פון רעמבראַנדטן. אַ היסטאָרישן אינטערעס שטעלן פאָר די פילצאָליקע אויסצוגן פון איליוסטרירטע צײַטונגען, פּאָסט־קאַרטלעך, אַפישן, ווי אויך די גראַווירן און פאָטאָגראַפיעס פון אַלטערטימלעכע דענקמעלער.

אַן אויסשטעלונג פון אויסגאַבעס פון טאַנאַך

אין כאָלאָן (ישׂראל) איז באַוויזן געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון 150 אוניקאַלע אויסגאַבעס פונעם טאַנאַך. אין דער עקספּאָזיציע זײַנען פאָרגעשטעלט אויך ביכער, געווידמעט דער טאַנאַך־פאָרשונג.

צווישן אַנדערע האָט מען אויף דער אויסשטעלונג געקאָנט זען אַ קאָפּיע פון אַ זעלטענעם קסאַווער־יאַד פון אַ טאַנאַך, וואָס איז אַלט 1000 יאָר און איז איבערפאָטאָגראַפירט געוואָרן פון דער זאַמלונג פונעם לענינגראַדער מוזיי, ווי אויך עטלעכע טאַנאַכן אין דער ברייל־שריפט (פאַר בלינדע).

ייִדן אין ברונדיזי

אין יאָר 1165, ווען בינאַמין פון טאָלעדאָ האָט באַזוכט די פּאָרט־שטאָט ברונדיזי (דאָרעם־איטאַליע), האָט ער דאָרט געטראָפן סאַכאַקל 10 ייִדישע מישפּאָכעס, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַרבן טעקסטיל.

אויפשריפטן אויף מאַצייוועס באַווײַזן, אַז ייִדן האָבן שוין דאָ געלעבט אין 834 יאָר.

העברעיִשע ליטעראַטור אין ענגליש

אין פאַרלאַג „סוואַלאָו פּרעס" (טשיקאַגאָ) איז דערשינען אין ענגליש אַ זאַמלונג „דרײַ טויזנט יאָר העברעיִשע ליטעראַטור".

די אויסגאַבע האָט צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט דער אַמעריקאַנער געלערנטער נאַטאַניעל קראַוועץ. זי שליסט אין זיך אײַן ווערק אָנהייבנדיק פון די ביבלישע צײַטן און ביז דעם הײַנטיקן יאָרהונדערט.

■

ПОВТОРИТЕЛЬНЫЕ УПРАЖНЕНИЯ

14) Сравните употребление местоимения (יעדער(ער в следующих предложениях:

א) פּיַטל און פעדקאָ ליגן א גאנצן ווינטער, יעדערער בא זײַן טאטן, אפן אויוון. ב) פּיַטל און פעדקאָ ליגן א גאנצן ווינטער, יעדער ייִנגל בא זײַן טאטן, אפן אויוון. ג) אלע מײַנע שוועסטער וווינען אין קיִעוו, יעדערע פון זיי אין אן אנדער מיקראָ־ראיאָן. ד) יעדער שוועסטער מײַנע קומט צו אונדז צוגאסט אין די אָפּרו־טעג — שאבעס אָדער זונטיק.

Когда употребляется полная форма (יעדערער) и когда — неполная (יעדער)? Изменяется ли по родам полная форма? А неполная?

15) Слова в скобках оставьте без изменений или придавайте им другую форму, как этого требует контекст:

א) אין (איינער) א (ווינטערדיקער) פרימאָרגן האָבן מיר, דרײַ (גוטער) (שול־כאווער), זיך אוועקגעלאָזט אינעם (נאָענטער) וואלד אף א שפאציר. געווען איז עס בייס די ווינטער־קאניקולן. ס'איז גראָד געווען א (מעכײַעדיקער) וועטער. א (גרינגער) פרעסטל. ארום איינס אזייגער האָט די זון געווארעמט, ווי אין אָנהייב פרילינג, (אזעלכער) ווינטער־טעג זײַנען ניט אזוי זעלטן אין (די געבענטשטע) אוקראַיִנע.

16) Сравните употребление глагола אוועקגיין в следующих предложениях:

א) דער ווינטער גייט אוועק. ב) דער ווינטער איז אוועק. ג) דער ווינטער וועט נאָך אזוי גיך ניט אוועק; ד) דער ווינטער איז שוין אוועקגעגאנגען. ה) דער ווינטער וועט נאָך אזוי גיך ניט אוועקגיין.

Грамматическое примечание.

Глаголы типа „גיין+отделяемая приставка», такие, как **אוועקגיין**, אריַינגיין, ארויסגיין, אראָפּגיין, ארופגיין и т. п., часто употребляются в прошедшем времени, а также (реже) в будущем без корневой части. Примеры:

איך בין ארוף אפן בארג, איך וועל ארוף אפן בארג, ער איז ארויס פון דער שטוב.

Вместо:

איך בין ארופגעגאנגען, איך וועל ארופגיין, ער איז ארויסגעגאנגען.

Сравните в нашем тексте:

נאָר אָט איז דער ווינטער אוועק —

Вместо:

נאָר אָט איז דער ווינטער אוועקגעגאנגען.

17) Выпишите из текста № 15 предложения с перифрастическими глаголами со значением однократности действия (всего — 4). Подчеркните эти глаголы и укажите грамматическое время, в котором они даны, а также форму инфинитива. Один из них проспрягайте по всем его формам.

18) Следующий текст дан без перевода отдельных слов — для самопроверки. Переведите его письменно на русский язык. Проверьте правильность перевода, обращаясь к знающим литературный идиш за помощью. Запишите этот текст под чьей-либо диктовкой и сверьте правильность написаний по печатному тексту. Выявленные вами неправильные написания учтите, впишите их в свой словарик.

טעקסט נומער 16.

אַ געשפּרעך

— װעלכע כאַדאָשים רעכנען מיר פאַר כאַדאָשים פון האַרבסט? — סענטיאַבער, אָקטיאַבער און נאָיאַבער. — װעלכער פון זײ איז בײַ אײַך דער סאַמע באַליבטער? — דער ערשטער, דער כוידעש סענטיאַבער. — מיט װאָס געפעלט ער אײַך אַזױ? — ליב האָב איך דעם ערשטן סענטיאַבער. אין אָט דעם טאָג שטײ איך אױף זײער פרי, האַגאַם איך אַרבעט אין צװײטן אומבײַט. ס׳פרײט דאָס האַרץ צוצוזען, װי די זיבניאָריקע צניפלעך אין די נײַע שול־פאָרמעס שפּאַנען אַזױ סאָליד, באַגלײט פון מאַמעס, טאַטעס, זײדעס אָדער באָבעס, דאָס ערשטע מאָל אין זײער שול. און ליב איז מיר דער גאַנצער כוידעש, װײַל דאָס איז דער סאַמע געבענטשטער. אין די מאַגאַזינען, אױף די מערק קאָנט איר קריגן פרוכטן און גרינסן, װעלכע נאָר דאָס האַרץ גלוסט, באַזונדערס בײַ אונדז, אין דער זוניקער אוקראַינע. און די זון װאַרעמט נאָך גאַנץ מילד. דאָס איז אונדזער שפּעטזומער, װאָס אין רוסיש רופט מען עס бабье лето.

— און די איבעריקע צװײ כאַדאָשים? — אָפט איז בײַ אונדז אָקטיאַבער אױך נאָך גאַנץ װאַרעם. ערשט צום סאָף כוידעש הײבט זיך אָן דער עמעסער האַרבסט מיט קאַלטע װינטן און דריבנע רעגנדלעך. אַזױ — ביז האַלב נאָיאַבער. — און װײַטער? — װײַטער איז װידער אַ מעכײַע: די ערשטע גרינגע פרעסטעלעך, דאָס ערשטע שנײעלע. — און װאָס װעט איר זאָגן װעגן װינטער? — װי אַ יאָר: אַמאָל עסט ער זיך אײַן מיט זײַנע פרעסט און זאַװערוכעס, און אַמאָל איז ער אַ געזונט אין די בײנער: לױטערע טעג, בלענדנדיקער שנײ, קלײנע פרעסטעלעך, און אינמיטן פעװראַל גיט אַמאָל אַ װאַרעם די זון אַזױ, אַז איר דערשפּירט מיט אַלע אײװורים: פרילינג איז ניט װײַט!

Вместо многоточий вставьте подходящие предлоги, сливая их, где нужно, с определенным артиклем:

א) ...זומער איז װאַרעם און ליכטיק. ...אַ קלײן בענקעלע,... אַ נידעריק טישל, זיצט אַ ייִנגעלע... אַ יאָר צען; ...אַ פען ...דער האַנט. ער טראַכט. ער מאַטערט זיך... אָן אופגאַבע. ער איז שױן אַ מיטגליד... מאַטעמאַטישן קרײַזל... פערטן קלאַס. אָט האָט זיך באַװיזן אַ שמײכעלע... זײַנע ליפּן — פאַראַן! די אופגאַבע איז געלײזט!

ב) ס׳גײט... װינטער. נאָר... קלײנװאַרג און... יוגנט הײבט זיך ערשט אָן אַ לעבן... דער װעלט. גוט איז װאַרפן זיך... שנײ־גאָמלקעס, יאָגן... שפּיגל־גלאַטן אײַז. ...גליטשערס אָדער... באַרג ...טאָל ...פרישן און געדיכטן שנײ... סקי, אָדער גאָר... קאָפּשװינדל פליִען... שליטעלעך... הױכן באַרג.

Вставьте вместо многоточий подходящие союзы или союзные слова:

א) איך װײס גוט, ...איר זײַט אַ מענטש, ...האַלט װאָרט, ...דאָך בעט איך אײַך נאָכאַמאָל און װידעראַמאָל: קומט, ...איר האָט מיר צוגעזאָגט, פונקט צװײ אַזײגער — ניט פריִער ...ניט שפּעטער. די זיצונג הײבט זיך אָן האַלב דרײַ, מיר דאַרפן ביז דער זיצונג קאָנטאַקטירן מיט אײַך אײניקע פראַגן. פאַר צװײ איז איבעריק צו קומען, ...איך װעל נאָך ניט זײַן.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

■ ■ ■

אינהאַלט פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרן יאָר 1973

ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פּיעסן, פֿאַרצייכענונגען

ס. באַרדשעס. ראַטעווע, ברודער! (נאָוועלע). נומ. 6, ז. 103.

א. גאָנטאַר. דער נאַקעטער פּרינץ (קינדער־יאָרן). אילוסטרירט פֿון ה. פּערקעל. נומ. 4, ז. 45.

ש. גאָרשמאַן. נאָך דער מילכאָמע און אַנדערע דערציילונגען. נומ. 2, ז. 105; כאַנעס שאָף און רינדער (דערציילונג. ערשטער טייל). נומ. 7, ז. 9; צווייטער טייל. נומ. 9, ז. 74.

ל. וואַסערמאַן. צוויי דערציילונגען. נומ. 5, ז. 87.

ב. האַלפּערן (צום 70־טן געבורטסטאָג). מײַן ייִכעס. נומ. 1, ז. 150; דאָס גרויסע הויז (נאָוועלע). נומ. 11, ז. 102.

נ. זאַבאַרע. אונטער דער הייסער זון פֿון פּראָוואַנס (ראָמאַן). נומ. 9, ז. 12; נומ. 10, ז. 7.

כ. טאַבאַטשניקאָוו. מיט אַ וואָרעם האַרץ (באַרשעווער מאָטיוון). אילוסטרירט פֿון ה. א י נ ג ע ר. נומ. 6, ז. 21; נומ. 7, ז. 37.

אַ. טומאַנאָוו. דרײַ נאָוועלן. פֿון רוסיש — ש. ג אָ ר ש מ אַ ן. נומ. 1, ז. 134.

ד. כאַראַל. לירישע העפּטן. נומ. 6, ז. 136.

א. ליזען. גרינע מאַציייוועס, וואָס שווײַגט איר? (דערציילונג). אילוסטרירט — ה. א י נ ג ע ר. ערשטער טייל. נומ. 10, ז. 65; צווייטער טייל. נומ. 11, ז. 65.

מ. לעוו. קורסאַנטן (דערציילונג). אילוסטרירט — אַ. ס ל ע פּ י ש ע װ. נומ. 4, ז. 88; נומ. 5, ז. 40.

ב. מילער (צום 60־טן געבורטסטאָג). לויטערקייט. דערציילונג. נומ. 4, ז. 23; נומ. 12, ז. 83.

כ. מעלאַמוד. קאַלטס און וואַרעמס (ראָמאַן). אילוסטרירט פֿון ג. ק ר אַ ו צ אָ װ. נומ. 1, ז. 32; נומ. 2, ז. 22; נומ. 3, ז. 15; איקער שאַכאַכטע (נאָוועלן). נומ. 11, ז. 19; נומ. 12, ז. 42.

ה. פּאָליאַנקער. די ווײַסע וואָראָנע. — אַ גאַסט אין שטעטל (דערציילונגען). נומ. 6, ז. 111.

נ. פּעטראָוו (יאַקאָוו שטיין). פֿאַרוואָס האָב איך פֿאַרלאָזט ייִסראָעל (דאָקומענטאַלע פֿאַרצייכענונג). נומ. 9, ז. 3.

א. פּעטשערסקי. דער אופֿשטאַנד אין סאָביבאָר. נומ. 12, ז. 3.

י. פּאַליקמאַן. דער מאַמעס מײַסעס. נומ. 7, ז. 72.

אי. קיפּניס. פֿון מײַנע טאָגביכער. נומ. 7, ז. 89.

י. ראַבין. אַזוי איז עס געווען (דערציילונגען). נומ. 2, ז. 77.

ה. ראַבינקאָוו. בירָאָבידזשאַנער דערציילונגען. נומ. 8, ז. 22.

מ. ראַזומני. נאָוועלעטן. נומ. 8, ז. 111.

י. רוביאַן. הומאָרעסקעס. נומ. 5, ז. 99.

ר. רובין. דרײַזשע (דערציילונג). נומ. 8, ז. 62.

אי. שולקינע. ער (דערציילונג). ייִדיש — מ. ר אַ ז ו מ נ י. נומ. 10, ז. 98.

י. שרײַבמאַן (צום 60־טן געבורטסטאָג). מיניאַטורן. — מײַן לעבנס־געשיכטע גאַר־גאַר בעקיצער. נומ. 3, ז. 72.

פֿונעם ליטעראַטור־אויצער. ל. כ אַ נ ו ק אָ װ. די לעצטע גרענעץ. — צום שלאָס מיט די שטאָלענע טויערן (דערציילונגען). אַרײַנפֿיר פֿון נאַכמען מײַזיל: „אַ וואָרט וועגן ל. כאַנוקאָוון". נומ. 10, ז. 107;

ב. ג ל אַ ז מ אַ ן. קאַבאַל־וווּרשט (דערציילונג). אַרײַנפֿיר פֿון רעדאַקציע. נומ. 11, ז. 53.

ווערק פֿון אונדזערע לייענער. ב. ס י ר אָ ט י נ אַ. אַ באַגעגעניש אין טשערקאַס (דערציילונג). נומ. 8, ז. 53.

ב. ש ײַ נ ג אַ ו ט ע ר. פּראַוו לויזאַ (דערציילונג) נומ. 8, ז. 48.

לידער, פּאָעמעס

י. איצקאָוו. עס איז נאָך אַלץ מײַן עמער פֿול (לידער). נומ. 12, ז. 128.

ר. באַליאַסנע. זיבן לידער. נומ. 5, ז. 84.

אי. באַרוכאָוויטש. הויכע שפּיטערס (לידער). נומ. 1, ז. 91; אַזוי דאַרף זײַן (לידער). נומ. 10, ז. 104.

י. בוכבינדער. ווען אָפּן עס איז דער אַרום (לידער). נומ. 3, ז. 69; פֿעסטע וואָרצלען (לידער). נומ. 8, ז. 18.

כ. ביידער. מיט פֿרישקײַט פֿול (לידער). נומ. 1, ז. 132; בירָאָבידזשאַנער פּייזאַזשן (לידער). נומ. 6, ז. 135; דרײַ מיניאַטורן (לידער). נומ. 11, ז. 64.

ה. בלאָשטיין. גאָלדענע טריט (לידער). נומ. 6, ז. 107; מיר זײַנען אַ צווילינג (לידער). נומ. 10, ז. 134.

ד. בראָמבערג. נאָוועלן אין פֿערזן. נומ. 3, ז. 95; קלאָרקײַט (לידער). נומ. 6, ז. 51; די וועלט דיר גייט אַנטקעגן (לידער). נומ. 11, ז. 16.

אי. בראָנפֿמאַן (צום 60־טן געבורטסטאָג). די מומע קאַטיע. — צוויי ווײַסע רויזן (לידער). נומ. 4, ז. 116.

א. בעלאָוסאָוו. ס'איז ליב מיר די ליד פֿונעם בוים (לידער). נומ. 3, ז. 13.

י. גאָלדבערג. דער שטראַל, וואָס ליכטיקט אין מײַן האַרץ (ליד). נומ. 1, ז. 172.

מ. גאָלדמאַן. צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פֿונעם סטאַלינגראַדער זיג. נומ. 2, ז. 168.

א. גאָנטאַר. איך הער דאָס מיט דער רײַע (לידער). נומ. 2, ז. 74; ווי אַן איידלשטיין (לידער). נומ. 9, ז. 114.

ל. וואַסערמאַן. ס'איז הויך דער הימל (ליד). נומ. 10, ז. 64.

כ. ווײַנערמאַן (צום 70־טן געבורטסטאָג). **פֿון די פֿאָלקס־קוואַלן (מיניאַטור־לידער). נומ. 1, ז. 146; לידער פֿון סטעפּ. נומ. 12, ז. 80.**

א. ווערגעליס. **פֿון ליבע־ציקל און אַנד. לידער. נומ. 5, ז. 35; אַפּדאַסניצ (לידער). נומ. 10, ז. 3.**

מ. טאַלאַלאַיעווסקי. **מיט אײַך אינײַנעם (לידער). נומ. 6, ז. 18; דער קוואַל פֿון גליק (לידער). נומ. 10, ז. 152.**

ש. טשערניאַווסקי. **אַלץ, וואָס לעבט (לידער). נומ. 4, ז. 43; מיט צאַרן און מיט אומרו פֿול (ליד). נומ. 11, ז. 116.**

ש. כּאַלאַדענקאָ. **דערמונטערט עס ווערט מײַן געמיט (לידער). נומ. 6, ז. 133.**

ד. כּײַקינע. **איך פֿיל דעם פֿרילינג... (לידער). נומ. 2, ז. 103; איך קום צו די פֿרײַנט (לידער. צום 60־טן געבורטסטאָג). נומ. 9, ז. 70.**

מ. ליפֿשיץ. **אויטאָביאָגראַפֿישע פּאָעמע. נומ. 1, ז. 25; שוועבט מײַן גײַסט (לידער). נומ. 8, ז. 120.**

כ. מאַלטינסקי. **די עצעם סיבע (לידער). נומ. 4, ז. 85; פֿונעם בוך „יאָרן מײַנע" (לידער). נומ. 7, ז. 35; אינמיטן העלן טאָג (לידער). נומ. 12, ז. 101.**

מ. מאָגילעוויטש. **דאָס גאָלדן שליסעלע און אַנד. לידער. נומ. 3, ז. 121; מיט די אייגענע אויגן (לידער). ז. 51.**

פּ. פּלאַטקין. **פֿון אַלטן העפֿט (לידער). נומ. 2, ז. 151.**

א. קאַצעוו. **פּאָר קליין און גרויס (לידער). נומ. 7, ז. 118.**

פּ. קיריטשאַנסקי. **קאַראַסטישעוו און אַנד. לידער. נומ. 5, ז. 86.**

ה. רעלעס. **דערמאָנונגען (לידער). נומ. 1, ז. 130; גוטע טרוימען (צום 60־טן געבורטסטאָג. לידער). נומ. 4, ז. 115.**

מ. שטורמאַן. **איך גיי מיט מײַן פֿרילינג (לידער). נומ. 9, ז. 135.**

ווערק פֿון אונדזערע לייענער. **ז. ווײַצמאַן. אין מײַנע קאַנטן. — „אָפּן שליאָך געוועווימען" (לידער). נומ. 8, ז. 59.**

י. טאַבאַקמאַכער. לידער. נומ. 8, ז. 61.

מ. מינעוויטש. צוויי לידער. נומ. 8, ז. 59.

ב. סינעלניקאָווא. קינדער־לידער. נומ. 8, ז. 60.

ש. ראַפּאָפּאָרט. טרוימען (ליד). נומ. 8, ז. 58.

30 יאָר פֿונעם אופֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ (נומ. 4, ז. 3 — 16):

א. י. פּעפּער. די פֿאָן פֿון דער געטאָ אין פֿײַערן פֿלאַטערט (פֿראַגמענט פֿון דער פּאָעמע „שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ").

פּ. מאַרקיש. טראָט פֿון דורעס (פֿראַגמענט פֿון ראָמאַן).

ש. האַלקין. אויף טויט און אויף לעבן (דראַמאַטישע פּאָעמע. דאָס צווייטע בילד פֿון פֿערטן אַקט).

צום 75־טן געבורטסטאָג פֿון איזי כאַריק. **8 לידער. (נומ. 5, ז. 95־98).**

צום 80־טן געבורטסטאָג פֿון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי **(נומ. 7, ז. 3 — 8):**

אַרײַנפֿיר פֿון רעדאַקציע.

וו. מאַיאַקאָווסקי. ליד וועגן סאָוועטישן פּאַספּאָרט. ייִדיש — מ. כאַשטשעוואַצקי. — מיט דער פּולער שטים (פֿראַגמענט פֿון דער פּאָעמע). ייִדיש — ע. פֿינינבערג. ביאָגראַפֿישע דאַטעס. אילוסטרירט פֿון ע. יאַראַוו.

צום 100־טן געבורטסטאָג פֿון כ.־נ. ביאַליק. **דרײַ לידער (נומ. 9, ז. 91 — 94).**

צום 100־טן געבורטסטאָג פֿונעם גרויסן פּראָלעטאַרישן דיכטער יוסף באָװשאָווער (נומ. 12, ז. 38.):

ש. אַגורסקי. יוסף באָוושאָווער און זײַן צײַט. יוסף באָוושאָווער. לידער.

ליטעראַרישע פּאָרטרעטן, שפּראַך־פֿראַגן, פּובליקאַציעס, ביבליאָגראַפֿיע

מ. איטקאָוויטש. **פּאַבלאָ נערודאַ — דער גרויסער דיכטער פֿון אונדזער צײַט. נומ. 12, ז. 175.**

מ. גאָלדמאַן. **מיט די אויגן פֿון אַ ביאַליסטאָקער. נומ. 2, ז. 168.**

ט. גען. **בוזי מילער (צו זײַן 60־טן געבורטסטאָג). נומ. 4, ז. 25.**

מ. גערשענזאָן. **דאָס טײַכל און אַנד. לידער. נומ. 7, ז. 69.**

מ. גרוביאַן. **צו דער צוקונפֿט (לידער). נומ. 2, ז. 116; פּופּצן לידער. נומ. 6, ז. 99.**

י. דובינסקי. **דער וועג פֿון אַ שפּראַכפֿאָרשער (צו מ. שאַפּיראָס 75־טן געבורטסטאָג). נומ. 12, ז. 170.**

ש. דריז. **לעבן זאָל עס... (לידער). נומ. 2, ז. 130; פֿון דער דיכטערישער יערושע (לידער). נומ. 8, ז. 78.**

ש. האַלקין. **מײַן אויטאָביאָגראַפֿיע. נומ. 2, ז. 122.**

נ. זאַבאַרע. **צו ל. מישקאָווסקיס 90־טן געבורטסטאָג. נומ. 11, ז. 188.**

מ. טאַלאַלאַיעווסקי. **ווי צו אַ לעבעדיקן פֿרײַנט (וועגן דעם קינסטלער א. מאַניעוויטש). נומ. 12, ז. 173.**

ע. סאַוויקאָווסקי. **לידער פֿון פֿאַרשיידענע צײַטן. נומ. 11, ז. 113.**

ה. פּאָליאַנקער. **דער הייליקער כּיווו (צו מ. גערשענזאָנס 70־טן געבורטסטאָג). נומ. 7, ז. 66.**

ש. פּערסאָוו. **וועגן־אומוועגן (פּיעסע). ייִדיש — א. גאָנטאַר. נומ. 1, ז. 96.**

א. פֿריבלודע. **ביאָגראַפֿישע ידיעות פֿון סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער און קולטור־טוער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַר 7 יאָר (יול 1966—יון 1973). נומ. 9, ז. 184.**

ע. פֿאַלקאָוויטש. **וועגן לאַשן. נומ. 12, ז. 157.**

א. פֿינקעלשטיין. **פּולע ביבליאָגראַפֿישע רעשימעס פֿון די ווערק פֿון לייב קוויטקאָ. נומ. 11, ז. 182.**

א. קאַהאַן. **די בראָדער זינגער (פֿאָלקשפּיל). אילוסטרירט פֿון ה. אײַנגער. נומ. 3, ז. 98.**

ה. רעלעס. **צום 80־טן געבורטסטאָג פֿון עליע סאַוויקאָווסקי. נומ. 11, ז. 111.**

ה. רעמעניק. **כּאַנע ווײַנערמאַן. נומ. 1, ז. 148.**

מ. שאַפּיראָ. **וועגן אייניקע נאָרמאַטיווע פֿראַגן פֿון ייִדיש. נומ. 4, ז. 145; נומ. 5, ז. 168.**

ה. שוועדיק. **אַ בינטל בריוו (מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון א. שפּילבערג). נומ. 11, ז. 132.**

מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל. י. בורג. א זעלטענער מענטש (וועגן שאָלעם־אַלייכעמס איבערזעצער דר. פּינוס). נומ. 5, ז. 138.

ה. בלאַשטיין. שטענדיק אין אָנהייבער (וועגן דעם פּראָגרעסיוון געזעלשאַפטלעכן טוער פֿון ארגענטינע מענאכעם ראַזען). נומ. 4, ז. 138.

י. בריק. מעטשניקאָוס א מיטצײַטלער (וועגן דעם מיקראָביאָלאָג באָריס קליין). נומ. 5, ז. 130.

א. ליבערמאַן. דער וועג פֿון א געלערנטן (וועגן דעם באגאבטן פֿילאָלאָג אי. וויניקאָוו). נומ. 11, ז. 130.

ז. קאַהאַן. יִסראָעל צינבערג. נומ. 12, ז. 95.

פֿון דעם שרײַבערס נאָטיץ־ביכל. י. סערעבריאַני. וויזיט־קאַרטלעך (עפּיזאָדן). נומ. 5, ז. 142.

באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן. מ. פּאָליאַנאָווסקי. מיכאיל קאַלצאָוו און באָריס יעפימאָוו, לעאָניד אוטיאָסאָוו און וולאַדימיר קאָראַלי. נומ. 1, ז. 155; לעוו קאַסיל, וולאַדימיר מאיאַקאָווסקי, די רײַקינס. נומ. 2, ז. 160; איליא ערענבורג און ס. אייזענשטיין, ר. טיסע און ר. פּרײַערמאַן. נומ. 8, ז. 150.

יו. דאַמבראָווסקי. דער קינסטלער איטקינד. ייִדיש — ש. גאַרשמאַן. נומ. 10, ז. 118.

פּאָלעמיק. מ. איטקאָוויטש. מי וואָמי האהיל־כים? מ. שאַפּירא. אן ענטפֿער דעם כ׳ מ. איטקאָוויטש. נומ. 9, ז. 141.

ע. פֿאַלקאָוויטש. וועגן נ. זאַבאַרעס ראָמאַן „ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג“; נ. זאַבאַרע. אייניקע באַמערקונגען צום אַרטיקל פֿונעם כאַווער פֿאַלקאָוויטש. נומ. 11, ז. 156.

ליטעראַטור־קריטיק

א. וואָרגעליס. נאָטיצן אָן א סיידער. נומ. 6, ז. 168.

א. ראַסקין. כ.־נ. ביאַליק אין זײַנע בריוו און געשפּרעכן. נומ. 1, ז. 176; דער העברעיִשער וואַריאַנט פֿון „טעוויע דער מילכיקער“. נומ. 4, ז. 155; טעוויע געגנס ראָמאַן „אונדזערע צײַטן“. נומ. 6, ז. 154; אָן איבערגעניצעוועטער שאָלעם־אַלייכעם (וועגן די העברעיִשע איבערזעצונגען פֿון שאָלעם־אַלייכעמס דראַמען). נומ. 8, ז. 159; בא די קוואַלן פֿון לעבן (וועגן ש. גאַרדאָנס שאַפֿונג). נומ. 12, ז. 151.

ה. רעמעניק. שאָלעם־אַלייכעם און די רוסישע ליטעראַטור. נומ. 5, ז. 151; א טאַלאַנטפֿולער שעפֿער (וועגן אווראָם וועוויאָרקען). נומ. 7, ז. 172; מײַסטערשאַפֿט (וועגן י. שרײַבמאַנס בוך „יאָרן און רעגעס“). נומ. 9, ז. 154; פּראָבלעמען פֿון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. נומ. 10, ז. 167; נומ. 11 ז. 142; עטיודן וועגן קריטיק און קריטיקער. נומ. 12, ז. 131.

פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע. ל. ווילסקער. די נײַ־געפֿונענע סירישע ווערסיע פֿון עזאָפּס מעשאָלים, געשריבענע מיט העברעיִשע אויסיעס. נומ. 9, ז. 136.

מ. ראַזומני. שרײַבער, וואָס האָבן „אָפּגענאַרט“ די וועלט. נומ. 5, ז. 106.

ווערק פֿון אונדזערע לײַענער. י. פּליד. „מײַלעך מאַגנוס“ (קריטישע אָפּהאַנדלונג). נומ. 8, ז. 56.

טריבונע פֿון לעבן

כ. ביידער. אמוראָזעטער באַגעגענישן. נומ. 9, ז. 95.

א. גוביניצקי. א געזונט אין דיר, קאַמאַז! נומ. 8, ז. 121.

או. גוראַלניק. שאָלעם־אַלייכעם אין אינסטיטוט פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. נומ. 4, ז. 117.

א. וואָרגעליס. בריוו פֿון אייראָפּע. ערשטער — פֿערטער בריוו. נומ. 2, ז. 3; פֿינפֿטער — זעקסטער בריוו. נומ. 3, ז. 123; זיבעטער — נײַנטער בריוו. נומ. 4, ז. 126; צענטער — צוועלפֿטער בריוו. נומ. 7, ז. 158; דרײַצעטער — פֿופֿצעטער בריוו. נומ. 8, ז. 125.

כ. מאַלטינסקי. אין וועג. נומ. 2, ז. 133; נומ. 3, ז. 133.

ה. רעלעס. די ערשטראַנגיקע (איזי כאַריק, מוישע קולבאַק). נומ. 3, ז. 150.

לעבעדיקע גרוסן. ש. גאַרדאַן. אין ווילנע. נומ. 9, ז. 106.

נ. לוריע. צוגאַסט בא די קיִעווער ייִדישע שרײַבער. נומ. 3, ז. 133.

כ. מעלאַמוד. פּאַרוואָס האָבן מיר דיך אזוי ליב, טשערנאָוויץ? נומ. 10, ז. 127.

ה. פּאָליאַנקער. אָדעסער באַגעגענישן. נומ. 11, ז. 117.

זיכרוינעס

ש. גאַרדאַן. אין דרײַ און פֿערציק יאָר ארום (באַגעגענישן מיט וו. מאיאַקאָווסקין). נומ. 11, ז. 151.

או. גוראַלניק. נעכטן, הײַנט, מאָרגן. נומ. 9, ז. 118; נומ. 12, ז. 111.

כ. טאַמאַרקין. אַז מע דערמאָנט זיך (מוישע נאַדיר צוגאַסט אין דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער־סטודיע „פֿרײַקונסט“). נומ. 7, ז. 183; דאָוויד האָפּשטיין, אזא ווי איך געדענק אים. נומ. 10, ז. 138.

א. פּיראָזשקאָווא, ל. סלאָווין, ק. פּאָוסטאָווסקי, אי. ערענבורג, ל. אוטיאָסאָוו. זיכרוינעס וועגן אי. באַבעלען. ייִדיש — ד. גראַזאָווסקע. נומ. 5, ז. 110.

ר. קאַץ־ראַבינאָוויטש. שטריכן צו שלוימע ראַבינאָוויטשעס פּאָרטרעט. נומ. 12, ז. 104.

ב. שוואַרצער. פּאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן (צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער). נומ. 6, ז. 144; נומ. 10, ז. 144.

קורצע רעצענזיעס

ש. גאַרדאַן. א ווערק פֿון גרויסער מײַסטערשאַפֿט (וועגן בויעך לוריעס ראָמאַן „אין וואַלד“). נומ. 5, ז. 161.

יא. גאָרעליק. זיכרוינעס פֿון א קאָמאַנדאַרם (וועגן דעם בוך פֿונעם מאַרשאַל ק. מאָסקאַלענקאָ „אַף דער דאָרעם־מײַרעוודיקער ריכטונג“). נומ. 9, ז. 161.

מ. גלייזער. וועגן מיריאַם פֿײַערמאַן־לעווינס בוך „ציט א שנירל זיך“. נומ. 9, ז. 160.

וו. דניעפּראָווסקי. אַף די ברעגן פֿון בירע און בידזשאַן. נומ. 4, ז. 166.

ל. ווילסקער. א בוך וועגן ביכער (קאַטאַלאָג פון האַנטביכער, אַרויסגעגעבן דורך דער ביבליאָטעק פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר און דער לענינגראַדער עפנטלעכער מעלוכע־ביבליאָטעק אָפּן נאָמען פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין). נומ. 4, ז. 167.

א. ווערגעליס. פאַרוואָס די פײַל דערגרייכט ניט דעם ציל (וועגן דער בראָשור „ציוניזם: טעאָריע און פּראַקטיק"). נומ. 12, ז. 144.

נ. ניליאָוו. באָבעמײַסעס און די לעבעדיקע ווירקלעכקײַט (וועגן די ביכער פון ה. גאָלדען „יוס־רעיילים" און דעם זאַמלבוך „די נײַע לינקע און די ייִדן"). נומ. 5, ז. 163.

ז. קאָמפּאַנייעץ. א ווערטפול בוך (וועגן י. שראַגינס בוך זינגלידער, דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1972). נומ. 9, ז. 162.

מ. קובלאַנאָוו. א בוך וועגן די קומראַנער קסאָווים. נומ. 5, ז. 165.

א. ראַסקין. א נייטיק בוך (וועגן י. סערעבריאַניס „די הײַנטצײַטיקע שרײַבער און די קלאַסיקער"). נומ. 2, ז. 171.

נ. ריכטער. מיסטיפיקאַציעס פונעם מיסטער שוואַרץ. נומ. 4, ז. 168.

פּובליציסטיק

אונדזער היימלאַנד — דער סאָוועטנפאַרבאַנד. (ברייוו, אויסצוגן פון אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן). נומ. 1, ז. 4.

צ. בליץ. צום 35־יאָריקן יובילײ פון אַרגענטינער „איקוף". נומ. 1, ז. 166.

ל. בערשאַדסקאַיאַ. אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד. נאָטיצן, געשריבן אין פּעריאָד פון דער עמיגראַציע אין ייִסראָעל. נומ. 5, ז. 3.

מ. זאַקין. פערציק יאָר פונעם טעאַטער „איפּט". נומ. 1, ז. 173.

ד. זילמאַנאָוויטש. אַף דער אַרביטע פון א גרויס לעבן (וועגן דעם צווייז מאָל העלד פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד גענעראַל יאַ. סמושקעוויטש). ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי. נומ. 6, ז. 54.

ענטפערס אַף פראַגן. „זיי בײַטן אויס ליטעראַטור אַף שמוציקע קליינגעלט" (וועגן געוויסע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער און זשורנאַליסטן, וועלכע דינען איצט אין ייִסראָעל דעם ציוניזם); י. גאָלדבערג (בוענאָס־אײַרעס) — דער פּראָוואָקאַטאָר אַף גאַסטראָלן (וועגן י. קערלערן); א. מיילינג (טעל־אוויוו) — הערש סמאָליאַר טרעט אַרויס צוזאַמען מיטן שעף פון דער געהיים־פּאָליציי. נומ. 3, ז. 7; ז. דיטשאַראָוו — די „ייִדן־פראַגע" און ווער עס מאַכט פון איר פּאָליטישן קאַפּיטאַל. נומ. 4, ז. 171; ל. דאַדזיאַני — פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּעס אין ייִסראָעל. נומ. 8, ז. 169; וו. געזענאָוו — די ירושאָלאַיִם־פּראָבלעמס. נומ. 9, ז. 167; אַזוי האַנדלען זיי; א. דאַראָשענקאָ. קאַליפּן אַף א שאָ. נומ. 10, ז. 162; י. קאַשליעוו, ג. כראַמאָרשיק. די הײַנטצײַטיקע וועלט און דער קריזיס פונעם אַנטיקאָמוניזם. נומ. 11, ז. 4; נ. ריכטער. וואָס האָט באַוויזן דער 28־טער ציוניסטישער קאָנגרעס. נומ. 12, ז. 129.

עס ריידן פּובליציסטן פון ייִסראָעל (י. טאַלמאַן, א. רובינשטיין, א. קאָהען, י. אירגע). נומ. 6, ז. 3. לייענער פון דער ייִדישער פּרעסע אין אויסלאַנד וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. נומ. 11, ז. 8.

אַף די שפּורן פון געשעענעס. נומ. 2, ז. 152 — 159: ב. מאַסלאָוו — א מאַטאָנע־אָפּשריפט אַף א בוך; י. קראַטשעק — צייליע איסײַוועס לעבנס־געשיכטע; נ. נאַומאָוו (ייִדיש — מ. איטקאָוויטש) — דער דרײַליגנג. נומ. 8, ז. 134 — 149; פ. מײַ — דער גורל פון מענטשן; ל. יאַרקעוויטש — זײַן נאָמען און צונאָמען; א. סעמענטשיק — אַלץ איז אים נעגייע; ה. באַראַז — דער וועג צום לעבן; נ. מאַטוקאָווסקי — זײַנע בילדער דערמאָנען און מאָנען; א. נירענבערג — וויאַזוי איך האָב געמאָלט די שטוב, ווו עס איז געבוירן געוואָרן שאָלעם־אַליכעם.

עס ווערט פאַרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן. אַרום די נאָטיצן פון ל. בערשאַדסקאַיאַ „אַן אויסגעטראַכט היימלאַנד". נומ. 9, ז. 173.

א ברייוו פון פּאַריזש. א. גראַנט — א בײַטש — א ייִדישע צי א ניט ייִדישע — בלײַבט א בײַטש. נומ. 9, ז. 178.

נ. אַדיגאָוו. די נאַציאָנאַלע פראַגע און דער אידעאָלאָגישער קאַמף. נומ. 10, ז. 155.

ד. גראַזאָווסקאַ. אונדזערע לייענער (צו דער רובריק „די פּאָסט פון „סאָוועטיש היימלאַנד"). נומ. 4, ז. 183.

טעאַטער און קונסט

מ. גאָלדמאַן. א וועטעראַן פון דער ייִדישער סאָוועטישער בינע (צום 75־טן געבורטסטאָג פון יצחק קיפּער). נומ. 1, ז. 190.

מ. טאַלאַלאַיעווסקי. ווי צו א לעבעדיקן פרײַנט (וועגן דער אויסשטעלונג פון א. מאַניעוויטשעס קינסטלערישע ווערק). נומ. 12, ז. 173.

י. ליובאָמירסקי. „דרײַ פּינטעלעך". נומ. 6, ז. 161.

מ. נאַכימאָווסקי. לייב יאַמפּאָלסקי — דער שעפער פון ייִדישער מוזיק. נומ. 3, ז. 171.

פ. סירקינאַ. דער יונגער פינף־און־זיבעציקיאָריקער קינסטלער (צום יובילײ פון א. טישלער). נומ. 9, ז. 163.

50 יאָר אַף דער ייִדישער בינע (וועגן דעם שוישפּילער י. גאָלדמאַן), נומ. 6, ז. 190.

י. קאַלין. פערציק יאָר אַף דער בינע. ייִדיש — א. גאַנטאַר. נומ. 7, ז. 19; נומ. 8, ז. 81.

ה. ראַבינקאָוו. א לעבנסלוסטיקער ספּעקטאַקל (וועגן ב. מילערס „פון הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ"). נומ. 3, ז. 175.

פרידע ראַסקין. שוואַרץ און ווײַס (וועגן מ. גאָרשמאַנס ליטאָגראַפיעס „טעוויע דער מילכיקער"). נומ. 2, ז. 175.

י. שוסטער. א מײַסטער פון ביכער־גראַפיק (וועגן דעם גראַפיקער ג. קראַוצאָוו). נומ. 4, ז. 170; רעפּראָדוקציעס פון דער ראַסטאָווער בילדער־גאַ־

לעריי. נומ. 6, ז. 160; פעליקס בערמאַן — דער נײַער קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל. נומ. 9, ז. 189.

ב. שיינין. קונסט, וואָס רופט צו פאַרטראַכטן זיך (וועגן דעם ייִסראָעלדיקן פילם „די באַלאַגערונג", וואָס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אויפן אַכטן צווישנפעלקערלעכן קינאָ־פעסטיוואַל אין מאָס־קווע). נומ. 10, ז. 175.

אונדזערע מיטיילונגען

א. פּריבלודע. מאַקסים גאָרקי און כ.־נ. ביאַליק; אַלעקסיי טאָלסטאָי וועגן שאָלעם־אַליכעמען. נומ. 3, ז. 179; צו דער געשיכטע פון ייִדישע נעמען. נומ. 4, ז. 177; מאַטראָנימישע פאַמיליע־נעמען. נומ. 11, ז. 167.

א. פינקעלשטיין. וועגן איינעם א בריוו. נומ. 8, ז. 167.

ס. פּרײַ. דער אייביק פרישער קוואַל (צום 70־טן יאָרטאָג פונעם דערשײַנען פון „איסקראַ"). נומ. 6, ז. 179.

ז. קאַהאַן. ווילנער גאָלד־מײַסטערס. נומ. 5, ז. 180.

י. קאָוועלמאַן. ביבלישע און אַפּאָקריטישע סוזשעטן אין דער רוסישער דראַמאַטורגיע. נומ. 2, ז. 177; דער קינסטלער לעאָניד פּאַסטערנאַק, נומ. 7, ז. 180.

ר. שאַמעלאַשווילי. די ליטעראַטור בא די גרוזינישע ייִדן. נומ. 5, ז. 181.

לאָמיר זינגען נײַע לידער

נאַרעלע. ווערטער פון א. גאָנטאַר, מוזיק פון ל. בירנאָוו. נומ. 2, ז. 192; ווידער פירן מיך די וועגן. ווערטער פון ש. ראַסין, מוזיק פון ל. יאַמפּאָלסקי. נומ. 3, ז. 192; כ׳וואָלט מײַן ליד... ווערטער און מוזיק פון ע. רימער (אַרגענטינע), באַאַרבעט פון ז. קאָמפּאַנייעץ. נומ. 4, ז. 192; זינגלידער פון א. ווערגעליס. א טאָג פון אָפענע הערצער. מוזיק פון ר. באַיאַרסקאַיאַ. נומ. 5, ז. 190; האַנעשאַמאָ לאַך וועהאַגוף שעלאַך. מוזיק פון ס. טשעבאָטאַריאָוו. נומ. 8, ז. 189; איך קום צו דיר. מוזיק פון י. קאָמפּאַנייעץ. נומ. 9, ז. 189; א ניגון. ווערטער פון פּ. קיריטשאַנסקי, מוזיק פון מ. ברוקמאַן. נומ. 11, ז. 190. שוואַרצע אויגן. ווערטער פון א. גאָנטאַר, מוזיק פון ל. בירנאָוו. נומ. 12, ז. 184.

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר. יובילייען פון טעוויע הײַליקמאַן, באָרוך ריווקין (ב.־א. ווײַנרוב), אַלעקסיי טאָלסטאָי, מיכאַיל גנעסין, י.־ב. ציפּויר (ייִצחאָק שטערקמאַן) (נומ. 1); מיכאַיל פרישווין, אָסיפּ דימאָוו (יויסעף פּערלמאַן), ייִסראָעל צינבערג, מוישע סטאַווסקי (נומ. 2); וועלוול זבאַרשער (בינאָמין־וואָלף ערנקראַנץ), ייִסראָעל סאַסיס, יויסעף לאַטײַנער (פינקעלשטיין), יוליוס פוטשיק (נומ. 3); מוישע גערשענזאָן, אַלעקסאַנדער אָסטראָווסקי (נומ. 4); אַלעקסאַנדער הערקאַווי, אַנרי באַרביוס, יויסעף אוטקין (נומ. 5); אַווראָם קירזשניץ, מיכאַיל סוועטלאָוו (נומ. 6); וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, אַווראָם פרומקין (נומ. 7); יויעל (יולי) ענגעל, יעכעזקל־מוישע ניימאַן (דער קיביצער) (נומ. 8); יויסעף ליבערבערג, אַלעקסאַנדער קריין (נומ. 10); מיכל גאָרדאָן, מאָרדכע ערליך (נומ. 11); וואַלערי בריוסאָוו, צווי־ניסן גאָלאָמב, ייִסראָעל־בער ביילין (נומ. 12).

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד". נומ. 3, 4, 6, 9.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע. נומ. 2, 3, 8, 10, 11, 12.

דאָס איז טשיקאַווע. נומ. 2, 3, 4, 5.

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו. נומ. 2, 3, 7, 8, 10.

פּרעסע־איבערזיכט. נומ. 5.

רעפּליקעס. נומ. 10.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. נומ. 7, 8, 9, 10.

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוו. היימלאַנד", נומ. 7, 9, 10.

פריילעכע שורעס. נומ. 11.

כראָניק — אין אַלע נומערן.

פאַרשיידנס — אין אַלע נומערן.

שמועסן וועגן ייִדיש — אין אַלע נומערן.

קינסטלערישע בײַלאַגעס

רעפּראָדוקציעס פון די ווערק פון די קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן (נומ. 1); מ. גאָרשמאַן (נומ. 2); ש. גרוזבערג (נומ. 3); צום 30־טן יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ: ל. גרונדין, ש. ראַזין, ז. טאָלקאַטשאָוו און א. פּוטערמאַן (נומ. 4); ש. בראַנשטיין (נומ. 5 — זע דאָס אַרטיקל פון א. לעוויק אויף ז. 129); ראָסטאָווער קינסטלער: אירינא טשאַרסקאַיאַ, וו. שטשעבלאַנאָוו, יע. טשאַרסקי און י. סאַנקין (נומ. 6); ל. פּאַסטערנאַק (נומ. 7); מ. קוני (נומ. 8 — זע דאָס אַרטיקל פון ז. קאַהאַן אויף ז. 184); א. טישלער (נומ. 9); ה. פּערקעל (נומ. 10 — זע דאָס אַרטיקל וועגן פּערקעלן אויף ז. 182); סקולפּטאָר פּ. קריוואָרוצקי, קינסטלער פּ. איגנאַטיעוו, מ. מאַמעדאָוו, מ. אַבעגיאַן, ק. טעלזשאַנאָוו (נומ. 11); א. מאַניעוויטש, ל. סעגאַל (נומ. 12).

■ ■ ■

כאַשעווע לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער ליטעראַריש־קינסטלערישער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט פאַר די צוועלף יאָר פון זײַן עקזיסטענץ איבערגעגעבן אין רעשוס פון אונדזערע לייענער א היפּשע צאָל נײַע ווערק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך אין קומענדיקן 1974 יאָר וועלן דאָס צענטראַלע אָרט אין זשורנאַל פאַרנעמען די בעסטע שאַפונגען פון די סאָוועטישע שרײַבער.

גלײַכצײַטיק וועט „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרהיטן און פאַרטיפערן אַזעלכע אינטערעסאַנטע אָפּטיילן, ווי „אונדזער ליטעראַרישער אויצער", „אָף די שפּורן פון געשעענעם", „מענטשן — זייער צײַט און זייער גורל", „קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע", „פּאָלעמיק" אדג.

אַבאָנירן זיך אָף אונדזער זשורנאַל אָפן 1974 יאָר קאָן מען אין אַלע פּאָטשט־אָפּטיילונגען און בא די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער אָף די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן. דער אינדעקס פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער איז אָנגעוויזן אין דעם אַבאָניר־קאַטאַלאָג, איז 70821.

„סאָוועטיש היימלאַנד" דערשײַנט 12 מאָל א יאָר.

אַבאָנעמענט־פּרײַז: אָף א יאָר — 6 רובל, אָף 6 כאַדאָשים — 3 רובל.

לייענט און פאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד"!

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; **ответственный секретарь** — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович. С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/XI 1973 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 773.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1973 г.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 12

1 9 7 3

В НОМЕРЕ:

А. Печерский. Восстание в Собиборе (документальная повесть).
Рассказы Х. Меламуда, Б. Миллера.
Стихи И. Бовшовера (к столетию со дня рождения), Х. Вайнермана, Х. Мальтинского, И. Ицкова.
Воспоминания Р. Кац-Рабинович, У. Гуральника.
З. Каган. Жизнь и деятельность историка еврейской литературы И. Цинберга.
Отвечаем на вопросы наших читателей. Н. Рихтер. Что показал 28-й сионистский конгресс.

Литературная критика.
Библиография.
Вопросы искусства

Г. Ременик. Этюды о критике и критиках.
Э. Фалькович. О чистоте языка.
М. Талалаевский. На выставке произведений художника А. Маневича.
М. Иткович. Пабло Неруда — великий поэт современности.
Комментарии редакции. Хроника. Разное. Заметки на календаре.
М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.